STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00784

VLADIMIR MEDEM

Permanent preservation of this book was made possible by
Rae M. Adelman
in memory of
Philip Stuart Adelman & Robert Bruce Adelman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

װלאַדימיר מעדעם
צום צװאַנציקסטן יאָרצייט

E. Laub Printing Co.

געדרוקט: א. לאוב

270 לאַפּאַיעט, ניו־יאָרק

PTD. IN U. S. A.

Bellemir Press, New York

129

װלאַדימיר מעדעם

צום צװאַנציקסטן יאָרצײַט

אַרױסגעגעבן
פֿון דער אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פֿון אַלגעמײנעם
ייִדישן אַרבעטער-בונד („בונד") אין פּױלן
ניו-יאָרק 1943

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פֿון
מעדעם־בוך־קאָמיטעט, ניו־יאָרק

Copyright 1943

VLADIMIR MEDEM
ON THE TWENTIETH ANNIVERSARY OF HIS DEATH

Published
By American Representation of the General
Jewish Workers' Union of Poland
175 East Broadway, New York, N. Y.

אינהאַלט

הקדמה 7

I דאָס לעבן און ווירקן פֿון וולאַדימיר מעדעם

סאָפֿיע דובנאָוו־ערליך:

דאָס לעבן פֿון וולאַדימיר מעדעם.......................... 25

דזשאָן מיל:

וולאַדימיר מעדעם אין אויסלענדישן קאָמיטעט פֿון „בונד"......... 124

וו. קאָסאָווסקי:

וו. מעדעם און די נאַציאָנאַלע פֿראַגע.......................... 130

וו. שולמאַן:

מעדעם אין פּוילן.. 141

ח. ש. קאַזדאַן:

וו. מעדעם און די ייִדיש־וועלטלעכע שול............................ 160

II פֿון מעדעמס ליטעראַרישער ירושה

וו. מעדעם:

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די נאַציאָנאַלע פֿראַגע............ 173

נאַציאָנאַלע באַוועגונג און נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען

אין רוסלאַנד און פּוילן.................................. 220

די ייִדן־פֿראַגע אין רוסלאַנד................................ 280

ווי אַזוי אָוועקשטעלן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע אין רוסלאַנד............ 297

דעמאָקראַטיע און ראַטנמאַכט................................. 327

„חבר, אײַל זיך צו!".. 335

די פֿאַרבלאָנדזשעטע.. 337

ייִדיש 340

פּרץ און מיר... 344

יעקב דינעזאָן.. 346

טורמע־זכרונות 350

דער „בונד" 359

וו. שולמאַן:

פֿון מעדעמס פּען... 363

בילדער:

מעדעם אין פּוילן; מעדעם ווי אַ קינד מיט זײַן מוטער; מעדעמס פֿאָטער און די משפּחה; מעדעם ווי אַ סטודענט; מעדעם בעת זײַן אָנקומען אין אַמעריקע; מעדעם אין אַמעריקע, 1922.

הקדמה

דאָס דאָזיקע בוך וואָס דערשיינט צו מעדעמס 20טן יאָרצייט, האָט פֿאַר זיך אַ טאָפּלטן ציל: וויַיזן די געשטאַלט מעדעם אין איר גאַנצער קאָליר־פֿולער רייַכקייט און ברענגען פֿאַר אַ ברייטערער עפֿנטלעכקייט כאָטש אַ טייל פֿון וולאַדימיר מעדעמס גייסטיקער ירושה.

אין בוך גייען אַריין: אַ ביאָגראַפֿיע־כאַראַקטעריסטיק וועגן מעדעמען, געשריבן דורך ס. דובנאָוו־ערליך; אַ קאַפּיטל זכרונות וועגן מעדעמען פֿון וו. קאָסאָווסקי; קאַפּיטלען וועגן מעדעמען פֿון דזשאָן מיל, וו. שולמאַן און ח. ש. קאַזדאַן, וואָס זענען געווידמעט פֿאַרשידענע געביטן פֿון מעדעמס פּרוכטבאַרער טעטיקייט.

פֿון מעדעמס ירושה ווערט דאָ איבערגעדרוקט קודם־כּל זיין גרונט־אַר־בעט: „די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די נאַציאָנאַלע פֿראַגע”, וואָס איז געווען און פֿאַרבליבן אין דער ייִדישער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור די טאַלאַנט־פֿולסטע באַגרינדונג פֿון דער פֿאָדערונג פֿון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָ־נאָמיע. די דאָזיקע אַרבעט האָט מעדעם געשריבן אין 1904, און זי איז דערשינען מיט עטלעכע יאָר פֿריִער איידער אָטאָ באַוער איז אַרויסגעטראָטן מיט זיין גרינטלעך בוך, וואָס באַהאַנדלט די נאַציאָנאַלע פֿראַגע פֿון מאַרק־סיסטישן קוקווינקל און ווו דער אַלגעמיינער צוגאַנג און אויספֿירן זענען אומגעפֿער די זעלבע וואָס ביי מעדעמען. די ראָלע פֿון מעדעמס בראָשור פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון נאַציאָנאַלן געדאַנק אין די רייען פֿון ייִדישן סאָ־ציאַליזם איז נישט אָפּצושאַצן. זי האָט דערפֿילט אַ געשיכטלעכע פֿונקציע, און ביז היינט טאָר די דאָזיקע אַרבעט נישט פֿעלן אין ביכער־שאַנק פֿון יעדן איינעם, וואָס אינטערעסירט זיך מיט סאָציאַליסטישע און ייִדיש־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. עס איז דעריבער מער ווי רעכט איבערצודרוקן אָט די אַרבעט אינם בוך, וואָס איז געווידמעט מעדעמען.

אויסער דעם ווערן דאָ פֿאַרעפֿנטלעכט פֿון מעדעמס ירושה דריי אויס־שעפּנדיקע אַרטיקלען וועגן דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. איינער פֿון זיי: „נאַ־ציאָנאַלע באַוועגונג און נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד”, איז געשריבן געוואָרן אין 1908, און ער איז דערשינען אין זאַמלבוך: „פֿאָרמען פֿון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין דער היינטצייטיקער מלוכה” (רוסיש, 1910), אַרויסגעגעבן פֿון אַ. י. קאַסטעליאַנסקי. דאָס זאַמלבוך איז באַלד נאָך זיין דערשיינען קאָנפֿיסקירט געוואָרן. דאָס בוך איז געוואָרן אַ יקר־המציאות,

און גאַר ווייניק מענטשן האָבן געהאַט די געלעגנהייט ווען עס איז צו לייענען די אַרבעט, וואָס ווערט איצט איבערגעגעבן דער ברייטער עפֿנטלעכקייט.

מעדעמס אַרבעט: „די ייִדן־פֿראַגע אין רוסלאַנד" איז געווען געדרוקט אין רוסישן חודש־זשורנאַל „וויעסטניק יעווראַפּי" אין 1911. מעדעמס דריטע אַרבעט, וואָס ווערט דאָ געדרוקט: „ווי אַזוי אַוועקצושטעלן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע אין רוסלאַנד", איז געווען געדרוקט אין „וויעסטניק יעווראָפּי" אין 1912. אַלע דריי דערמאָנטע אַרבעטן דערשיינען צום ערשטן מאָל אויף ייִדיש.

אויסער דעם ווערן אין דאָזיקן בוך איבערגעדרוקט אַרטיקלען און עסייען פֿון דעם פּעריאָד „לעבנספֿראַגן", ווען מעדעם האָט שוין נישט בלויז געשריבן ייִדיש, נאָר איז געוואָרן איינער פֿון די בעסטע מייסטערס פֿון ייִדישן סטיל. מעדעמס עסייען וואָלטן געקאָנט באַשיינען יעדע כרעסטאָמאַטיע מיט געקליבענע מוסטערן פֿון שיינעם סטיל. פֿון דעם אוצר, וואָס עס שטעלן מיט זיך פֿאָר מעדעמס אַרטיקלען און עסייען, זענען אַריינגעפֿירט געוואָרן אין דאָזיקן בוך עטלעכע מוסטערן.

וואָס שייך די גרעסערע אַרבעטן, וואָס ווערן דאָ ווייטער פֿאָרעפֿנט־לעכט, איז נייטיק צו באַגלייטן זיי מיט עטלעכע באַמערקונגען.

די בראָשור „די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די נאַציאָנאַלע פֿראַגע" ווערט דאָ געדרוקט אַזוי ווי זי איז אַרויס פֿון מעדעמס פֿעדער. פֿאַר די אָבער, וואָס זענען גרייט און, מיט רעכט, זי צו באַטראַכטן ווי מעדעמס אַני־מאַמין אָדער ווי דעם אויסדרוק פֿון דער נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע פֿון „בונד", איז נייטיק צו האָבן אין אויג איין וויכטיקע באַוואָרעניש: דער טייל אין וועלכן מעדעם באַגרינדעט דעם אַזוי גערופֿענעם „נייטראַליזם", איז אינטערעסאַנט בלויז ווי אַן אויסדרוק פֿון געוויסע פּאָליטישע און פּסי־כאָלאָגישע שטימונגען, וועלכע האָבן באַהערשט אַ טייל וואָרטפֿירער פֿון ייִדישן סאָציאַליזם אין די אָנהייב־טעג פֿון זיין טעאָרעטישן פֿאַרוואָרצלען זיך. דער „בונד" איז אין זיין פּראַקטיק נישט געווען באַאיינפֿלוסט פֿון „נייט־ראַליזם"; דער „נייטראַליזם" איז שפּעטער געבליבן לעבן אויסשליסלעך אין דער קריטיק פֿון די קעגנער פֿון „בונד". מעדעם אַליין איז קיין מאָל נישט געווען קיין „נייטראַליסט" אין דעם זינען, ווי דאָס האָבן געוואָלט טייטשן די קעגנער פֿון „בונד", ד"ה אין זינען פֿון גלייכגילטיקייט צום גורל פֿון דער ייִדישער נאַציע. און די עצם טעזע וועגן „נייטראַליזם", וועלכע דער 25יאָריקער מעדעם האָט מיט אַזוי פֿיל פּובליציסטישן טאַלאַנט באַגרינדעט אין דער דערמאָנטער בראָשור, האָט דער רייפֿערער מעדעם שפּעטער אַליין אָפּגעפֿרעגט מיט וואָרט און טאַט, מיט זיין גאַנצן לעבנסווערק.

וולאַדימיר קאָסאָווסקי דערציילט אין זיין אַרטיקל וועגן מעדעמען, ווי אַזוי דער נייטראַליזם איז אויפֿגעקומען. לויט קאָסאָווסקין איז „דער

נייטראַליזם אַרויסגעשפּרונגען פון די באַזונדערע אומשטאַנדן פון יענעם מאָמענט, פון די באַדינגונגען, ביי וועלכע דעם „בונד" איז אויסגעקומען צו קעמפן אויף צוויי פראָנטן — קעגן דעם יידישן נאַציאָנאַליזם און קעגן דעם אַסימילאַטאָרישן איסקריזם". און עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך: דער „בונד" האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין אַ צייט, ווען אויפן באָדן פון רוסלאַנד האָבן געקומען קריגן ברייטערע פאַרשפּרייטונג די אידעען פונם מאָדערניזירטן יידישן נאַציאָנאַליזם. באַפרייט פון דער ריין רעליגיעזער שאָל, האָט דער יידישער נאַציאָנאַליזם לייכט אַסימילירט די מעטאַפיזישע אידעען וועגן נאַציע, וועלכע די פילאָזאָפיע פון אָנהייב 19טן יאָרהונדערט האָט ברייט אַנטוויקלט און געשטעלט צו דינסט פון די שטרעבונגען אויפצושטעלן גרויסע נאַציאָנאַלע מלוכות. אינם יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך צעבליט דער נאַציאָנאַליזם, האָט אויך דער יידישער נאַציאָנאַליזם פיבערהאַפט גענומען זוכן זיינע אייגענע וועגן. די כוואַליע פון אַזעלכע זוכענישן האָט אין די לעצטע יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט שוין הויך געשלאָגן אין רוסלענדער תחום־המושב. די יידישע נאַציאָנאַלע אידעע איז געפלאַסן אין פאַרשידענע שטראָמען. אָבער וואָס פאַר אַ פאָרמען דער אויפגעפרישטער יידישער נאַציאָנאַליזם האָט נישט אָנגענומען, — צי ער האָט גערעדט וועגן „אייביקן ירושלים", וואָס שטייט אַנטקעגן דער „גוייִשער" וועלט, צי וועגן נאַציאָנאַלער „אויטאָעמאַנציפּאַציע", אָדער ער האָט אַנטפּלעקט אַ געשיכטלעכע מיסיע פונם יידישן פאָלק און געוואָלט מאַכן די יידן באַוווסטזיניק וועגן זייער וועלט־שליחות, — האָט ער אין אַלע זיינע געשטאַלטן אויסגעפירט אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס אַ קאָנסערוואַטיווע ראָלע. אין די אויסגעפּילטע מיט עלנט און פּיין טיפענישן פון יידישן לעבן האָבן שוין אָבער געשלומערט נייע אידעען, עס האָבן געצייטיקט אומקלאָרע חלומות אָנגעגליט מיט אומרו; עס האָבן געריזלט שטילע שטראָמען, וואָס דאַרפן שפּעטער פרילינגדיקע פאַרפלייצונג ברענגען; עס זענען געוואַקסן און אויפגעגאַנגען פרישע כוחות. די רעוואָלוציאָנערע אידעע, וואָס האָט דער יונגער באַוועגונג הייסן אָטעם געגעבן, איז אויבנאויפיק געווען אַ פיל שמעלערע ווי — פון דער נאַציע. דאָס איז געווען די אידעע וועגן „קלאַס", „פּראָלעטאַריאַט", „ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט". אין דער אמתן האָט זי אָבער געעפנט די ברייטסטע האָריזאָנטן: אויסלייזונג נישט פאַר איין פאָלק, נאָר פאַר וועלט און מענטשהייט: „בייער משיח", וואָס וועט „די וועלט באַפרייען, דערלייזן". אינטערנאַציאָנאַליזם, וועלט און מענטש — דאָס זענען געווען די כשוף־רינגען, וועלכע האָבן געעפנט פאַרריגלטע טויערן, וואָס האָבן ביז דעמאָלט אָפּגעשלאָסן און פאַרשטעלט די ברייטע וועלט. די נייע אידעען האָבן באַטייט אַ טיפן ריס אין די ראָמען פון דער נאַציע; זיי האָבן באַטייט ביטערער קאַמף קעגן אַלע פאָרמען פון נאַציאָ־

נאַליזם, וועלכע האָבן געזען בלויז איין טיילונג פֿון דער געזעלשאַפֿט, — אויף דער ליניע פֿון נאַציעס.

די יונגע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס ברענגט צו די אָפּגע־שטאַנענסטע און פֿאַרחושכטסטע שיכטן פֿון יידישן פֿאָלק די רעוואָלוציאָני־זירנדיקע אידעען פֿון ברייטסטן הומאַניזם און אוניווערסאַליזם, שטויסט זיך צונויף ביי אירע ערשטע טריט מיטן יידישן נאַציאָנאַליזם; עס קומען פֿאַר די ערשטע ביטערע צוזאַמענשטויסן צווישן די צוויי וועלט־אָנשויונגען, וואָס האָבן צוזאַמען אין לעצטן האַלבן יאָרהונדערט באַפֿרוכפּערט דאָס יידישע לעבן מיט אַ שלל נייע אידעען. געלייגט זייער חותם אויף דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט און אויסגעפֿילט זי מיט אַ גייעם אינהאַלט. בכדי שאַרפֿער אָפּצוגרענעצן זיך פֿון דעם קעמפֿערישן נאַציאָנאַ־ליזם, וואָס שטיצט זיך אויף טיף פֿאַרוואָרצלטע אין פֿאָלק געוווינהייטן און פֿאַרשטעלונגען, עקספּלואַטירט צווייטויזנטיאָריקע חלומות און בענקשאַפֿטן, און רוקט אַרויס פֿאַרן ציל פֿון אַלע צילן: אויסלייזן דאָס יידישע פֿאָלק! ווערט אין קאַמף קעגן אים געשאַפֿן אַ וואָפֿן — די אידעע וועגן נייטראַליזם; דער שיקזאַל פֿון דעם אייגענעם פֿאָלק ליגט פֿאַרבאָרגן אין די פֿינצטערע תהומען פֿון דער צוקונפֿט; אויסלייזן דאַרף מען וועלט און מענטש און — ווער דאָס געשען, —וועלן די פֿעלקער, ווען דער גורל האָט באַשערט אַריכת־ימים, במילא שוין זיין אויסגעלייזט.

דאָס וואָפֿן איז לאַנג נישט באַנוצט געוואָרן. דער נייטראַליזם איז קיין מאָל נישט געוואָרן אַ באַשטאַנד־טייל פֿון דער בונדישער אידעאָלאָגיע. ער האָט זיך בלויז אַ קורצע צייט אויסגעוויזן פֿאַר אייניקע פֿון די, וואָס האָבן געפֿירט די אידעישע מלחמות פֿון „בונד", ווי אַ באַקוועמער קאַמף־וואָפֿן און ווי אַ מיטל צו קלאָרער פֿונאַנדערגרענעצונג און צו באַפֿרייען די מאַסן פֿון קאָנסערוואַטיווע סענטימענטן. דאָס וואָפֿן האָט געשיינט צו זיין נאָך נוצלעכער, ווייל עס האָט געהאַט, ווי מאַנכע האָט זיך געדוכט, די אייגנשאַפֿט פֿון אַ צווייישאַרפֿיקער שווערד. איין שאַרף האָט געזאָלט זיין געווענדט קעגן יידישן נאַציאָנאַליזם, פֿאַר ווען דער קיום האומה איז געוואָרן דער ציל איבער אַלע צילן, דער צווייטער — קעגן די יידישע סאָ־ציאַליסטן־אַסימילאַטאָרן, און די חברים פֿון דער ר. ס. ד. אַ. פּ., וואָס האָבן מיט אַ לייכט און רויק האַרץ אָפּגעזאָגט דעם יידישן פֿאָלק דאָס לעבן, און זיי האָבן נאָך געוואָלט צואיילן דעם פּראָצעס פֿון צונויפֿגעשמאָלצן ווערן מיטן אַרום.*

דער „נייטראַליזם" האָט געשיינט צו זיין אַ פּאָזיציע, פֿון וועלכער מען

* אין אַ היציקער דעבאַטע אין קאַרלסרוע אין 1903 האָט מעדעם, למשל, גע־פֿרעגט זיין אָפּאָנענט טראָצקי: „בנוגע זיך גופֿא קאָנט איר דאָך נים איגנאָרירן דעם פֿאַקט פֿון צוגעהעריקייט צו אַ באַשטימטער נאַציע; איר באַטראַכט זיך, ווי איך פֿאַרשטיי, ענטוועדער

קאָן פֿירן דעם געפֿעכט אויף צוויי זייטן. אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ פּאָזיציע, וועלכע איז אָפֿן געווען פֿאַר אַטאַקעס פֿון אַלע זייטן: פֿאַר די נאַציאָנאַל געשטימטע מאַסן האָט „נייטראַליזם" באַטייט אַ קאָנצעסיע צו דער אַסימילאַציע; פֿאַר די „איסקראָווצעס" איז יעדע נאַציאָנאַלע פֿאָדערונג, ווי „נייטראַליסטיש" זי איז נישט געווען באַגרינדעט, געווען אַ קאָנצעסיע דעם נאַציאָנאַליזם. נאָך מער: מעדעמס טאַלאַנטפֿולסטע באַגרינדונג פֿון „נייטראַליזם" האָט זיך גיך אַרויסגעוויזן אין סתירה מיטן גאַנצן בונדישן אַרט פֿילן. די ייִדישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ און פֿאָרגעשריטענע אַרבעטער, וואָס האָבן לכתחילה זיך געשטעלט דעם באַשיידענעם ציל צו ברענגען אין דער ייִדישער סביבה די אידעען פֿון סאָציאַליזם, האָבן דערזען אַזעלכע פֿרוכטן פֿון זייער פֿאַרזיי, וועלכע זיי האָבן נישט געקאָנט פֿאָרויסזען אין זייערע דרייסטסטע טרוימען. עס האָט זיך פֿונאַנדערגעוויקלט איינער פֿון די אינטערעסאַנטסטע פּאַראַדאָקסן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. די אידעע, וואָס האָט געטראָגן אין זיך די געוואַגטסטע אַרויספֿאָדערונגען צו דער נאַציע, וואָס האָט געלייקנט איר בכורה און געשפּאָלטן איר גאַנצקייט, — אָט די אידעע איז געוואָרן די נאַציאָנאַל־פֿרוכטבאַרסטע אויפֿן שטח פֿון פֿיל דורות; זי האָט אַריינגעצויגן אין געזעלשאַפֿטלעכן, און במילא אין נאַציאָנאַלן לעבן, נייע, ביז איצט סאָציאַל פֿאַרשטויסענע שיכטן, אין וועלכע עס האָבן גערדרימלט ריזן־כּוחות; זי האָט אַרויסגעשעפּט אוצרות פֿרישע נאַציאָנאַלע ענערגיע, זי האָט בוכשטעבלעך איבערגעפֿורעמט די נאַציע.

דער ייִדישער סאָציאַליזם האָט געקראָגן פֿליגל. די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט דערפֿילט אינסטינקטיוו, אַז זי שטעלט מיט זיך פֿאַר דעם שעפֿערישסטן טייל פֿון דער נאַציע, און די פּראָבלעם נאַציע איז געוואָרן נישט אַ זייטיקער ענין, נאָר האָט זיך פֿאַרפֿלאָכטן מיטן אייגענעם היינט און מאָרגן. דער ייִדישער סאָציאַליזם האָט זיך דערפֿילט ווי דער פּאָטענציעלער טרעגער פֿון דער צוקונפֿט פֿון דער נאַציע. די אידעע וועגן „נייטראַליזם" האָט געמוזט צערונען ווערן ווי רויך.

ווי געזאָגט פֿריִער, האָט די בונדישע פּראַקטיק קיין מאָל נישט געוווּסט פֿון „נייטראַליזם". ווען אין 1901 איז צום ערשטן מאָל געשטעלט געוואָרן די פֿראַגע וועגן נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, האָט דאָס אין תּוך שוין דעמאָלט באַטייט, אַז דער ייִדישער סאָציאַליזם וויל נישט זיין קיין זייטיקער צושויער פֿון דער געשיכטע פֿון דער נאַציע. נאָך קלאָרער איז אָט די שטרע־

ווי אַ רוס אָדער ווי אַ ייִד". דערויף ענטפֿערט גלייך טראָצקי: „ניין! אַ טעות: איך בין אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט—און דאָס איז אַלץ".

אַזעלכע ביישפּילן פֿון באַוווסטזיניקן פֿאַרלייקענען די אָנגעהעריקייט צום ייִדישן פֿאָלק מצד ייִדישע סאָציאַליסטן פֿון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי וואָלט מען געקאָנט ברענגען אַ סך.

בונג געקומען צום אויסדרוק מיט עטלעכע יאָר שפּעטער אין דער רעזאָ־לוציע פון זעקסטן צוזאַמענפאָר, אָקטאָבער 1905.

דער אויבנאויפיקסטער אַנאַליז פון דער בונדישער פּראַקטיק לאָזט נישט איבער קיין שום ספקות, אַז ווייניקער ווי אַלץ קאָן אַט די פּראַקטיק באַצייכנט ווערן ווי „נייטראַליסטיש". בונדישע לערער האָבן זיך שוין אין 1908 באַטייליקט אין דער אומלעגאַלער קאָנפערענץ, וואָס האָט זיך פאַר־ענדיקט אין דער ווילנער לוקישקער תפיסה, און וואָס האָט זיך געשטעלט ווי דעם פּראָגראַמאַטישן ציל אַ פאָלקסשול אין יידיש. אין 1910 האָט די אַכטע קאָנפערענץ פון „בונד" אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן יידיש ווי וועגן דער שפּראַך פון דער פאָלקסשול. אין 1911 האָבן בונדישע טוער פון מפיצי־השכלה אָנגעהויבן דעם קאַמף פאַר דער יידישער אונטעררריכט־שפּראַך אין די מפיצי־השכלה־שולן. אַזעלכע ביישפּילן קאָן מען ברענגען פיל מער. די אַלע דערמאָנטע באַשלוסן און האַנדלונגען פון „בונד" אָדער פון בונדיסטן זענען געווען וויכטיקע עטאַפּן אין דער געשיכטע פון דער נייער יידישער קולטור־בויונג. און קיין איינער פון זיי וואָלט נישט געווען מעגלעך, ווען דער „נייטראַליזם" וואָלט געווען אַ ווירקלעכקייט.

מיט רעכט האָט מעדעם אַליין שפּעטער געשריבן וועגן אַט דער פּראַקטיק („לעבנספראַגן" 1916): „פאַקטיש האָבן מיר זיך נישט אָפּגעצאַמט פון לעבן און פון זיינע פראַגן. פאַקטיש האָבן מיר... אַפילו פאַרבלייבנדיק אין דער טעאָריע נייטראַליסטן, דורך אונזערע פּראַקטישע פאָדערונגען געשטופּט דאָס לעבן אין אַ גאַנץ באַשטימטער ריכטונג. מיר זענען נישט געבליבן נייטראַל, נישט געבליבן שטרענג אין דער מיט, און דער באַוואוסטער צד איז געווען די אַסימילאַציע".

עס האָט אָבער געדויערט אַ געוויסע צייט ביז מעדעם אַליין האָט אָפּן און אומצווייַדייטיק זיך אָפּגעטרייסלט פון „נייטראַליזם". דעם ערשטן שטאָפּ צו אַט דער טעאָרעטישער רעוויזיע מאַכט ער אין 1910 אין אַ גרינטלעכן אַרטיקל אין „צייט־פראַגן" אונטערן קעפּל „נאַציאָנאַליזם אָדער נייטראַליזם". שוין אין דעם אַריינפיר צו דעם אַרטיקל שרייבט מעדעם: „אונזער פּאָזיציע אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט מען אָנגערופן מיטן נאָמען „נייטראַליזם". ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אויסקלייבן אַ נייעם נאָמען, וואָלט איך פערזענלעך אויסגעקליבן אַ וועלכן איר ווילט, נאָר נישט דעם, ווייל ער פּאַסט לחלוטין נישט און האָט קיין מאָל נישט געפּאַסט צום עצם ענין".

וועגן עצם ענין מאַכט מעדעם אויפמערקזאַם, אַז די פּראָבלעם באַ־שטייט פון צוויי טיילן: ערשטנס, וואָס טוט זיך מיט דעם יידנטום, וואָס וואַרט אויף אים אין דער צוקונפט — די פראַגע פון פּראָגנאָז (פאָרויס־זאָגן); און צווייטנס, צו וואָס דאַרפן מיר שטרעבן — די פראַגע פון אונ־זערע צילן?"

מעדעם באַוויזט, אַז אַלע פּראָגנאָזן שטיצן זיך אויף וואַרשיינלעכקייטן און גוטע ווונטשן. אָבער — זאָגט ער שפּעטער — „די יידישע נאַציע עקסיסטירט, דאָס נאַציאָנאַלע לעבן אַנטוויקלט זיך און ווערט שטאַרקער, ווי עס זאָלן נישט אויסזען די ווייטערע פּערספּעקטיוון; דאָס איז שוין נישט קיין פּראָגנאָז־פֿראַגע, נאָר אַ פֿאַקט. די נאַציאָנאַלע באַדערפֿענישן וואַקסן, — זיי ווערן רעאַלע לעבנס־באַדערפֿענישן פֿון אונזער קולטור־לעבן. קאָן מען זיך דען אָפּזאָגן פֿון צו באַפֿרידיקן די דאָזיקע באַדערפֿענישן און צו קעמפֿן פֿאַר זייער באַפֿרידיקונג נאָר דערפֿאַר, וואָס מיר ווייסן איצט נישט, וואָס עס וועט זיין אין דער ווייטער צוקונפֿט? זענען מיר דען בכלל זיכער, אַז אַלע איבעריקע נאַציעס וועלן אייביק עקסיסטירן?״...

אַט דעם אַרטיקל מעדעמס וועגן „נייטראַליזם״ מוז מען באַטראַכטן, ווי זיין ערשטן צוריקציִען זיך פֿון די נייטראַליסטישע פּאָזיציעס. דער לעצטער זאַץ, וואָס שפּריצט אויס די גלייכע נישט־זיכערקייט אויף אַלע פֿעלקער, באַטייט פּאַקטיש פֿולשטענדיק אָפּוואַרפֿן יעדע הנחה, אַז יידן שטייען אויס־נאַמווייז אויפֿן שוועל פֿון פֿאַרשווינדן.

און אויב מעדעם באַנוצט נאָך דאָ אָדער דאָרטן דעם אַלטן טערמין וועגן „נייטראַליזם״, מאַכט ער גענוג קלאָר, אַז נייטראַלקייט באַטייט לגמרי נישט גלייכגילטיקייט. אויף דער פֿראַגע, וואָס ער שטעלט צו זיך אַליין און צו אַנדערע בונדיסטן: „וואָלט אייך נישט גערירט, ווען איר ווערט געוויר, אַז דאָס יידנטום איז פֿאַרמשפּט צו פֿאַרשווינדן אַלס אַ באַזונדערע נאַציע?״, ענטפֿערט ער: „וואָס פֿאַר אַ מאָדנע פֿראַגע! נאַטירלעך וואָלט דאָס אונז גערירט. ווער קאָן דערין צווייפֿלען? יעדער נאָרמאַלער מענטש איז צוגע־בונדן צו אייגנס, אַלץ איינס, צי דאָס איז אַן אייגן הויז, אַן אייגן לאַנד, אָדער אַן אייגענע נאַציע״.

מעדעם וויל נישט צוזאַמען מיט די נאַציאָנאַליסטן „שוועבן אין די נעפּלדיקע הויכקייטן פֿון מעטאַפֿיזישע וועזנס״, אָבער ער שטרייכט דערביי אונטער, אַז דאָס הייסט לגמרי נישט פּריידיקן פּאַטאַליזם. „מיר ווייסן זייער גוט, אַז אין קאָמפּלעקס פֿון די קרעפֿטן, פֿון וועלכע די געשיכטע וועט צו־זאַמענגעשטעלט ווערן, וועלן אונזערע באַמיִונגען אויך פֿאַרנעמען אַ געוויסן פּלאַץ״. דורך דעם אויספֿיר שטעלט זיך שוין מעדעם צום ערשטן מאָל באַ־וווסטזיניק אויפֿן באָדן פֿון אַקטיווער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק מיטן ציל צו באַאיינפֿלוסן אין אַ געוויסער מאָס דעם פּסק־דין פֿון דער געשיכטע, — דער בפֿירושער קעגנזאַץ פֿון „נייטראַליזם״.

די אויפֿגאַבן, וועלכע ער פֿאָרמולירט אין דעם דאָזיקן אַרטיקל זענען:

„די מאַסן האָבן קולטורעלע אינטערעסן, די מאַסן דאַרפֿן אַ שול, אַ נאַציאָנאַלע שול — שטרעבן מיר זיי דאָס צו געבן. די מאַסן דאַרפֿן אַ נאַ־ציאָנאַלע ליטעראַטור, די מאַסן דאַרפֿן די מוטער־שפּראַך אין דעם געזעל־

שאַפֿטלעכן און פּאָליטישן לעבן — שטרעבן מיר צו שיצן די רעכט פֿון דער דאָזיקער שפּראַך און צו דערשלאָגן זיך, אַז מען זאָל זי אָנערקענען (אָנער־קענען נישט נאָר דרויסן אין פּאָליטישן זינען, נאָר אויך אינעווייניק אין דער ייִדישער סביבה גופא)".

אָט די אויפֿגאַבן פֿאַר דרויסן, און דער עיקר אין דער ייִדישער סביבה גופֿא, וואָס מעדעם האָט אַזוי קלאָר פֿאָרמולירט נאָך אין 1910, אַנט־שפּרעכן לגמרי נישט יענער לעגענדע וועגן „נייטראַליזם", וועלכע מען האָט פֿאַרבונדן מיט מעדעמס נאָמען.

נאָך ווייטער פֿון „נייטראַליזם" גייט דער אַרטיקל וועגן דער „ייִדן־פֿראַגע אין רוסלאַנד", וועלכן מעדעם האָט פֿאַרעפֿנטלעכט מיט אַ יאָר שפּעטער אין 1911 אין „וויעסטניק יעווראָפּי".

ער שטעלט דאָ פֿעסט, אַז „די נייע שטרעמונגען, וועלכע האָבן זיך ברייט פֿונאַנדערגעגאָסן אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿט צום סוף פֿון די נײַנציקער יאָרן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט, האָבן געגעבן דעם שטאַרקסטן שטויס דער קולטור־אויפֿלעבונג: עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־באַוועגונג, און אַ מאַסן־באַוועגונג האָט נישט געקאָנט נישט זײַן קיין נאַציאָנאַלע באַ־וועגונג". „לויט די רעזולטאַטן — שרײַבט ער ווײַטער — האָט זי באַטייט דעם ערשטן עטאַפּ פֿון נאַציאָנאַלער דערוואַכונג, ווײַל זי האָט אַוועקגעשטעלט אין מיטלפּונקט פֿון קולטור־לעבן דעם מאַסן־מענטש מיט זײַן מוטער־שפּראַך, מיט זײַן נאַציאָנאַלער פּסיכאָלאָגיע, מיט זײַן אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער... די קולטור־אַרבעט איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע, ס'איז געוואָרן אַ לאָזונג: נאַציאָנאַלע קולטור". און דער אויספֿיר פֿון מעדעמען איז: „די ייִדן־פֿראַגע שטייט ווי אַ נאַציאָנאַלע פֿראַגע". די מלוכה מוז אויף זיך נעמען „די פֿליכט צו באַדינען די קולטורעלע אינטערעסן פֿון דער זעקסמיליאָניקער ייִדישער מאַסע, וואָס לעבט אין רוסלאַנד". עס איז נישט נייטיק צו באַווײַזן, אַז די פֿאָדערונג אַקטיוו צו העלפֿן פֿלעגן די ייִדישע נאַציאָנאַלע קולטור איז הימלווייט פֿון דעם, וואָס די קעגנער פֿון „בונד" האָבן אַרײַנגעטייטשט אין מעדעמס כּלומרשטן „נייטראַליזם".

אויב דער באַגרינדעטער דורך מעדעמען „נייטראַליזם" האָט זיך קיין מאָל נישט אײַנגעוואָרצלט אין דער בונדישער טעאָריע און איז געשטאַנען אין סתירה מיט דער בונדישער פּראַקטיק, האָט קיינער אָבער מיט אים נישט געמאַכט אַזאַ ענדגילטיקן און שאַרפֿן חשבון ווי... מעדעם אַליין. אין 1916 פֿאַרענדיקט מעדעם זײַנע זוכענישן און שטעלט זיך אויך אויפֿן געביט פֿון טעאָ־רעטישער פּראָפּאַגאַנדע פֿעסט אויפֿן באָדן פֿון יענע אידעען, וועלכע האָבן באַ־גייסטערט זײַן פּראַקטישע טעטיקייט.

אונטערן קעפּל „טיפֿער אין לעבן" שרײַבט מעדעם אין 1916 אין די „לעבנספֿראַגן" אַן אַרטיקל, וואָס שטעלט זיך קלאָר און שאַרף אויפֿן באָדן

פון אַקטיוויזירן די דערוואַכטע נאַציאָנאַלע ענערגיע. ער שטעלט די פראַגע, צי איז אמת, אַז דער איינציקער דראַנג, וואָס די ייִדן ווייזן אַרויס, איז דער דראַנג צו רוסישער אָדער פּוילישער בילדונג, און ער שרייבט:

„מוז מען זאָגן: וואָלט דאָס געווען אַזוי, וואָלט טאַקע די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע נישט געפּאַסט, נישט ווייל זי וואָלט געווען אי־בעריק. מען קעמפט נישט פאַר אַזעלכע מעגלעכקייטן, מיט וועלכע מען וויל זיך נישט באַנוצן; מען בויט נישט אַ פאַרקאַן אַרום אַ ליידיק אָרט, וואָס מען וויל אים סיי ווי פאַרלאָזן. וואָלט דאָס נאַציאָנאַלע לעבן פון די ייִדן טאַקע געגאַנגען באַרג־אַראָפּ, וואָלט די היסטאָרישע נויטווענדיקייט אין דער אמתן אָנגעצייכנט פאַר ייִדן דעם וועג פון אַסימילאַציע, — וואָלט די נאַציאָ־נאַלע פּראָגראַם געבליבן הענגען אין דער לופטן. פאַר לוקסוס־זאַכן קעמפט מען נישט”.

און ער מאַכט דעם אויספיר:

„די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע קאָן פאַרווירקלעכט ווערן נאָר אַלס רעזולטאַט פון נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, וואָס זענען דערוואַכט געוואָרן אינם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. די פּאָפּולאַריטעט וואָס זי האָט געפונען איז אַ סימן פון טיפער לעבנסקראַפט, וואָס די דאָזיקע שטרעבונגען האָבן אין זיך”.

מעדעם באַגנוגנט זיך נישט מיט אָט דעם פּראַקטישן אויספיר, נאָר ער מאַכט גלייכצייטיק דעם ענדגילטיקן חשבון מיט דער טעאָריע פון „נייטראַליזם”:...

„יעדער וועג איז גלייך גערעכט — האָט געזאָגט דער נייטראַליסט, — יעדער וועג פאַרדינט גלייך אָפּגעהיט צו ווערן; זאָל די מאַסע אַליין אויסקלייבן”.

„זייער גוט — זאָגט ער ווייטער — אָבער מיר זענען דאָך נישט נאָר שומרים, וואָס שטייען פון דרויסן און היטן אָפּ די מאַסע, מען זאָל איר נישט אָנטאָן פון דרויסן קיין עוולה. מיר אַליין זענען דאָך אויך די מאַסע; אויב נישט די גאַנצע מאַסע, איז אַלנפאַלס איר אַוואַנגאַרד... און דעריבער קענען מיר נישט זאָגן בלויז: זאָל די מאַסע קלייבן. אַז די מאַסע קלייבט, קלייבן מיר”.

„די שול־ און שפּראַך־פראַגן זענען ברענענדיק. דער נייטראַליסט וועט זאָגן: טוט, ווי עס פאָדערן אייערע באַדערפענישן, אייערע אינטערעסן”.

— „געוויס — וועט אונז ענטפערן די מאַסע — געוויס וועלן מיר האַנדלען לויט אונזערע אינטערעסן, אָבער גראָד אין דעם באַשטייט די פראַגע: ווי אַזוי אויסצוטייטשן די דאָזיקע אינטערעסן און באַדערפענישן... לאָמיר צוזאַמען בשותפות אַ טראַכט טאָן וועגן דער שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער אויפגאַבע”.

מיר האָבן געבראַכט אַזאַ לאַנגע ציטאַטע פֿון מעדעמען, ווייל זי איז זייער כאַראַקטעריסטיש. זי צעשטערט אַלע בריקן צום „נייטראַליזם", וועלכן מעדעם אַליין האָט אַמאָל באַגרינדעט. און מען קאָן נישט אָפּפֿרעגן טרעפֿלעכער דעם „נייטראַליזם", ווי מעדעם אַליין אין דער אויבן געבראַכטער ציטאַטע, ווייל וואָס מער די ווייטע פּרינציפּן הערן אויף צו זיין אַבסטראַקטע לאָזונגען, וואָס מער זיי פֿאַרפֿלעכטן זיך מיטן רעאַלן לעבן, וואָס מער די באַוועגונג וואַקסט אַרום מיט בלוט און פֿלייש, — אַלץ מער וואַקסן דאָס באַוווסטזיין און געפֿיל, אַז „מיר אַליין זענען די מאַסע", און די סאָציאַליסטישע אַרבעט דרינגט אַריין טיפֿער אין לעבן. און וואָס טיפֿער די בונדישע אַרבעט דרינגט אַריין אין לעבן, אַלץ נייטיקער ווערט, אַז אַ קאָנקרעטער אינהאַלט און קאָנקרעטע שטרעבונגען זאָלן באַלייכטן דעם פּרינציפּיעלן ציל. פּראַקטיש פֿירט דאָס דאָזיקע פֿאַרטיפֿן זיך אין לעבן צו פֿונאַנדערבויען די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, צו אַקטיווער נאַציאָנאַלער טעטיקייט.

אַזוי זעען מיר, אַז די אויבנאויפֿיקע כּלומרשטע סתּירה צווישן מעדעמען דעם באַגרינדער פֿון „נייטראַליזם" און מעדעמען דעם באַגייסטערטן פֿאַנאַטיקער פֿון אַקטיווער ייִדישער קולטור־בויונג איז אין גרונט גענומען נישט געווען קיין סתּירה, נאָר באַזונדערע עטאַפּן פֿון דעם זעלבן וועג באַרג־אַרויף. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ דערשיינונג, וואָס סימבאָליזירט דעם פּראָצעס פֿון נאַציאָנאַלער דערוואַכונג פֿון די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן, וואָס גיט אַ בילד פֿון דעם וואַקסן און רייף ווערן פֿונם ייִדישן סאָציאַליסטישן געדאַנק און צייכנט דעם וועג, וואָס פֿירט פֿונם פּראָפּאַגאַנדע־קרייזל אין די טיפֿסטע טיפֿענישן פֿונם ייִדישן פֿאָלקס־לעבן. מעדעם אַליין, וואָס האָט, לויט זיין אייגענעם אויסדרוק, געשטרעבט צו אַ „העכערן סינטעז, וואָס זאָל ענג און פֿעסט פֿאַרקניפּן די גרונט־יסודות פֿון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם מיט דעם וואַרעמען, טיפֿן און לעבעדיקן אינטערעס צו די פּראָבלעמען פֿון ייִדישן פֿאָלקס־לעבן", איז געווען אַ פֿירער און אַ וועגווייזער און אַליין אַ געפֿירטער און אַ פּשוטער גייער אויף דעם דאָזיקן וועג. און באַהעפֿטנדיק זיך אויף אַזאַ אופֿן מיט דער מאַסע האָט ער זיין ציל דערגרייכט. ער האָט דעם סינטעז צווישן דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און דעם וואַרעמען, צאַפּלדיקן פֿאָלקס־לעבן געשאַפֿן.

*

אויבנאויף זעען אויס פֿאַרעלטערט אויך די אַנדערע אַרבעטן מעדעמס וועגן דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, וואָס ווערן דאָ ווייטער צום ערשטן מאָל פֿאַרעפֿנטלעכט אויף ייִדיש. אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס טאַקע אַזוי: פֿון די יאָרן 1911 — 1912, ווען מעדעם האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אָט די אַרבעטן, טיילט אונז אָפּ אַ געשיכטלעכע תּקופֿה, אין וועלכער די וועלט איז צעטרייסלט געוואָרן אין אירע פֿונדאַמענטן. מלוכות זענען איבערגעבויט געוואָרן, אַנ־

דערע זענען דורך דער צייט אויפגעשטאַנען תחית־המתים און ווידער חרוב געוואָרן; מעדעמס סטאַטיסטישע דאַטעס וועגן נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד זענען איצטער אַלע פאַרעלטערט און אַנט־שפּרעכן נישט אין קיין מאָס די היינטיקע צאָלן; מעדעם מערקט אָן אין זיינע אַרבעטן די וועגן פון לייזן די נאַציאָנאַלע פראַגע אין רוסלאַנד, אָבער דורך דער צייט האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד דורכגעמאַכט אויפן וועג פון פּרוּוון לייזן די נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע אַ רייכע און אינטערעסאַנטע דער־פאַרונג, וואָס מען מוז האָבן אין אויג ביים באַהאַנדלען די נאַציאָנאַלע פראַגע. אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע וויכטיקע ענדערונגען און נייעסן, פאַר־בלייבט דער ווערט פון מעדעמס אַרבעטן פיל מער ווי אַ היסטאָריש־ביב־ליאָגראַפישער. אָט די אַרבעטן פאַרבלייבן ווערטפול פאַר יעדן, וואָס אינ־טערעסירט זיך מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע און מיט די מעגלעכע אופנים צו געבן אויף זיי אַן ענטפער.

עס בלייבט אַקטועל מעדעמס אַנאַליז וועגן די סיבות פון אַנטיסעמי־טיזם; עס בלייבן אַלס אַ ווערטפולע ירושה זיינע גייסטרייכע שאַפונגען, דורך וועלכע ער האָט געהאָלפן אַריינפירן די נאַציאָנאַלע פראַגע אין דער סאָציאַ־ליסטישער וועלט־אַנשויונג ווי אירן אַן אָרגאַנישן באַשטאַנדטייל, און עס קריגט אין די היינטיקע צייטן פרישע אַקטואַליטעט דער געדאַנק, וועלכן ער האָט פאַרטיידיקט מיט אַזוי פיל לאָגישע ראיות, טאַלאַנט און ליידנ־שאַפט, אַז עקסטעריטאָריאַלע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע מוז אין די ראַמען פון דער מלוכה דערגאַנצן די טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע פון באַזונדערע געגנטן, אויב מען וויל באַפרידיקן די מינימאַלסטע באַדערפענישן פון די נאַציאָנאַליטעטן.

אָט די פּראָבלעם, וועלכע מעדעם באַהאַנדלט אויספירלעך אויף ביי־שפּילן פון אַמאָליקן רוסלאַנד, וועט זיך בקרוב שטעלן פאַר דער וועלט אין דער פולער שאַרפקייט. דער וועלט־קריג פלאַקערט נאָך היינט, אָבער זיין סוף מערקט זיך שוין אָן, און די פראַגע ווי אַזוי איינצואָרדענען די וועלט נאָכן היינטיקן בלוטיקן מבול ווערט אַן ענין נישט בלויז פאַר מלוכה־לייט און פּאָליטיקער, — דאָס איז אַן ענין פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. מען דערוואַרט מיט האָפענונג, אַז דער פאַשיזם וועט אין רעזולטאַט פון קריג צעבראָכן ווערן, און צוזאַמען מיט אים וועט ווערן אויס באַלעבאָס איבער אַ באַדייטיקן טייל פון דער וועלט די אידעע וועגן העכערע און נידעריקערע ראַסעס, וואָס פאַר אַ פּאָליטישער און סאָציאַלער סדר ס׳וועט הערשן אין אייראָפּע נאָכן צוזאַמענברוך פון פאַשיזם, וועגן דעם קענען זיין פאַרשידענע אָפּשאַצונגען, אָבער עס איז קיין צווייפל נישט, אַז אין אַלע באַדינגונגען וועט די נאַציאָנאַלע פראַגע פאַרבלייבן אַ זאַך פון ערנסטע באַטראַכטונגען; ווי מען זאָל נישט פירן די גרענעצן אין אייראָפּע, וועט אין איר דאָך פאַר־

בלייבן אַן אַנגעוויטיקטע פֿראַגע פֿון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אַפֿילו ביי דער אידעאַלסטער פֿאָרם — ביי אַן אַלגעמיינער אייראָפּעישער פֿעדעראַציע, וועט יעדע מלוכה אין דער פֿעדעראַציע האָבן אירע אַדמיניסטראַטיווע גרענעצן, וואָס קענען אין קיין שום לאַנד נישט דערפֿירט ווערן צו ריין עטנאָגראַפֿישע גרענעצן. אין דער זעלבער מאָס איז דאָס גילטיק, אויב אייראָפּע זאָל באַשטיין פֿון עטלעכע פֿעדעראַציעס, און נאָך שאַרפֿער וועט זיין די פֿראַגע, אויב אייראָפּע וועט באַשטיין, ווי פֿאַרן קריג, פֿון אַ פּאָר צענדליק אין גאַנצן אָפּגעזונדערטע מלוכות. קיין איין מלוכה קאָן נישט זיין קיין מאָנאָליטישע נאַציאָנאַלע מלוכה. מעדעמס אַנאַליז פֿון אַמאָליקן רוסלאַנד ווו ער באַווייזט אויף די ביישפּילן פֿון ווייסרוסלאַנד און ליטע, קאַווקאַז א״אַ, ווי ווייט עס איז אוממעגלעך אויסצוטיילן נאַציאָנאַל־איינהייטלעכע אויטאָנאָמע געגנטן, פּונקט ווי שפּרינגערס אַנאַליז פֿון די פֿאַרהעלטענישן אין אַמאָליקן עסטרייך־אונגאַרן, האָבן נישט פֿאַרלוירן זייער באַדייטונג: זיי האָבן אַרויסגערוקט אין פֿאָדערגרונט פּראָבלעמען, וועלכע וועלן אויך מאָרגן זיין צאַפּלדיק אַקטועל פֿאַר אַ גרויסן טייל פֿון אייראָפּע.

עס איז געוואָרן צו נעמען דעם ערשטן בעסטן ביישפּיל: עס איז, למשל, אַבסאָלוט אוממעגלעך דורכצופֿירן אַ ריין עטנאָגראַפֿישע גרענעץ צווישן פּוילן און דייטשלאַנד. פּוילישע ישובים־אינזלען שניידן זיך אַריין טיף אין דער טעריטאָריע פֿון דייטשלאַנד און פֿאַרקערט. אַ פּוילישער שריפֿטשטע־לער מעלכיאָר וואַנקאָוויטש האָט אין לעצטן יאָרצענדליק פֿאַרן קריג פֿאַר־עפֿנטלעכט אַ רירנדיק בוך אונטערן נאָמען: „אויף די שטעגן פֿון אומעט״. — אַ רייזע־באַשרייבונג איבער מזרח־פּרייסן, ווו ער האָט זיך אויף יעדן שריט אָנגעשטויסן אויף שפּורן פֿון דערשטיקטער פּוילישער פֿאָלקס־קולטור, דע־נאַציאָנאַליזירונג פֿון ברייטע שיכטן, גוואַלטזאַמער אַסימילאַציע, דורכגע־פֿירט מיט די ברוטאַלסטע מעטאָדן. מזרח־פּרייסן איז נישט געווען קיין אויסנאַם. אַזעלכע „שטעגן פֿון אומעט״ האָבן זיך פֿאַרן קריג געשלענגלט איבער באַדייטיקע טיילן פֿון אייראָפּע: שלעזיע, סודעטן, גאַליציע, בוקאָווינע, קאַרפּאַטן־רוסלאַנד, בעסאַראַביע טראַנסילוואַניע, דאָברודזש, מאַקעדאָניע, קראָ־אַטיע, שלעזוויג, עלזאַס־לאָטרינגען און נאָך און נאָך — אומעטום האָבן געפֿלאַ־קערט נאַציאָנאַלע קאַמפֿן; אומעטום האָט זיך געמערט אומרעכט, און עס האָט זיך געזאַמלט אויפֿרייס־שטאָף. און פֿאַלש וואָלט געווען צו גלייבן, אַז די צרה איז געלעגן אין דעם, וואָס מען האָט שלעכט דורכגעפֿירט די נאַציאָ־נאַלע גרענעצן. ווי מען זאָל, למשל, נישט צעטיילן מזרח־פּרייסן, וועט מען נישט אויסמיידן, אַז אויף איין טעריטאָריע זאָלן נישט פֿאַרבלייבן לעבן צוזאַמען דייטשן און פּאָליאַקן, און פֿאַר יעדן טייל קאָן אויף אַ באַשטימטן געביט דאָס צוזאַמענלעבן ווערן אַ טרעטן איבער „שטעגן פֿון אומעט״. און פּונקט אַזוי זענען אוממעגלעך ריין עטנאָגראַפֿישע גרענעצן אין דרום־מיטל־

אייראָפּע, אָדער צווישן די דוניי־מלוכות. די באַפעלקערונג לעבט דאָ אור־מעטום אויסגעמישט, און נאַציאָנאַלע מינדערהייטן וועלן שטענדיק בלייבן. מען קאָן זיך אויך נישט טרייסטן, אַז דאָס נאַציאָנאַלע אומרעכט איז געווען אויסשליסלעך אַ פּראָדוקט פון רעאַקציע, און ביי אַ דעמאָקראַטישן רעזשים וועט אַלץ זיין אַנדערש. דאָס דעמאָקראַטישע טשעכאָסלאָוואַקיע האָט קיין מאָל נישט אַנגעווענדט קיין היטלערישע ברוטאַליטעט, אָדער „פּאַציפיקאַציע־מעטאָדן" פון דער פּוילישער רעאַקציע, אָבער די סלאָוואַקישע און רוטענישע מינדערהייטן אין לאַנד פלעגן מיט אַ גוטן גרונט שטענדיק טענהן, אַז זיי ווערן באַעוולהט דורך דער טשעכישער מערהייט.

קלאָר, אַז אויף מאָרגן נאָכן קריג מוז זיך שטעלן ווי איינע פון די דרינגנדסטע פראַגן: דאָס איינאָרדענען אַ פרידלעך און פריינדלעך צוזאַמענ־לעבן און צוזאַמענאַרבעט פון די פעלקער, אומאָפּהענגיק פון די ריין אַדמי־ניסטראַטיווע טעריטאָריאַלע גרענעצן, וואָס וועלן דורכגעפירט ווערן. שוין היינט ווערט רייף די זאָרג וועגן אַזאַ צוזאַמענלעבן, און דער פּרעזידענט פון טשעכאָסלאָוואַקיע בענעש לייגט אַפילו פאָר צו לייזן די פראַגע דורך אַ קייזערשניט: דורך איבערטראַנספערירן אַלע מינדערהייטן צו די לענדער, וווּ עס ווױנט זייער מערהייט, און שאַפן אויף אַזאַ אופן ריין נאַציאָנאַלע מלוכות. נישט דאָ איז דער אָרט צו באַווייזן, אַז אָט דער פּלאַן לאָזט זיך נישט דורכפירן. צום כאַאָס, וואָס עס וועט הערשן אין אייראָפּע נאָכן קריג, פעלט נאָך אַקוראַט אַ פּרווו איבערצוואַרפן אַ ריי מיליאָניקע באַפעלקערונגס־מאַסן פון די ערטער, ווו זיי איז אין פייער פון קריג געלונגען צו פאַר־בלייבן ביז היינט. און וואָלט מען טאַקע דעם פּרווו געמאַכט, וואָלט ער מסתמא ערשט באַטייט אַ פּרווו צו פאַרשפּאַרן דעם ים מיט אַ שפּענדל. די נאַטירלעכע מיגראַציע־טענדענצן אין דער היינטיקער געזעלשאַפט זענען שטאַרקער פון דעם ווילן פון דעם אָדער יענעם מלוכה־מאַן. אָבער דאָס עצם דערשיינען פון אַזאַ פּלאַן באַווייזט, אַז עס ווערט רייף די פאַרשטענדעניש, אַז איינע פון די סאַמע ערנסטסטע פּראָבלעמען פון צוקונפטיקן אייראָפּע איז די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם, — און דאָס איז זיכער אַ גרויסע מעלה.

עס איז וויכטיק אין אַזאַ צייט צו ציִען די אויפמערקזאַמקייט פון דער געזעלשאַפט אויף די ענטפערס אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועלכע עס האָבן געגעבן אַטאַ באַוער אין עסטרייך און דער „בונד" אין אַמאָליקן רוסלאַנד, און שפּעטער אין פּוילן. און מעדעמס ביז איצט ווייניק באַקאַנטע אַרבעטן זענען אין אָט דעם פּרט אַ וואָגיקער צושטייער.

צו די פריש פאַרעפנטלעכטע אין ייִדיש מעדעמס אַרטיקלען פאָדערט זיך צו מאַכן נאָך אַ פּאָר קורצע באַמערקונגען: ביים באַטראַכטן די נאַציאָ־נאַלע פראַגע אין רוסלאַנד און ביים אָפּשאַצן די אַנטוויקלונג פונם פּוילישן סאָציאַליזם שטעלט זיך מעדעם אויפן באָדן פון דער פאָדערונג פון אויטאָנאָמיע

פֿאַר פּוילן. דער דאָזיקער צוגאַנג דאַרף ניט אַריינפֿירן קיינעם אין קיין טעות לגבי דעם היינטיקן מלחמה־ציל, צוריק אויפֿצושטעלן די אומאָפּהענגיקייט פֿון פּוילן. דאָס וואָס מעדעם האָט געשריבן אין 1908 איז אַרויסגעפֿלאָסן פֿון אַ ניכ־טערער אָפּשאַצונג פֿון דער דעמאָלטיקערווירקלעכקייט: „די אידעע פֿון אומאָפּהענגיקייט — האָט ער געשריבן — איז... פֿאַרבונדן מיט דער אידעע פֿון אויפֿשטאַנד — ריכטיקער: נישט אויפֿשטאַנד, נאָר מלחמה: מלחמה צווישן פּוילן און רוסלאַנד. גאַנץ מעגלעך, אַז נישט נאָר פֿון פּוילן אַליין אָדער מיט רוסלאַנד אַליין". סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, ווי דער „בונד", וועלכע האָבן זייערע חשבונות געבויט נישט אויף וועלט־קריג, נאָר פֿאַרקערט, זיי האָבן זיך אָריענטירט אויף צו קעמפֿן מיט אַלע כּוחות נישט צו דערלאָזן צו קיין קריג, זיי האָבן נישט געקאָנט שטיצן קיין נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, וואָס קאָן פֿאַרווירקלעכט ווערן אויפֿן וועג פֿון קריג. ווען דער קריג איז אָבער סיי־ווי נישט אויסגעמיטן געוואָרן, איז די איבעראָריענטירונג אויף אומאָפּהענגיקייט פֿון פּוילן געוואָרן אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכע זאַך אין גאַנצן „בונד" און, נאַטירלעך, אויך ביי מעדעמען.

*

די עטלעכע באַמערקונגען און באַוואָרענישן איז נייטיק געווען צו מאַכן, ווען מען ברענגט מעדעמס שריפֿטן פֿון מיט קנאַפּע פֿערציק יאָר צוריק צום היינטיקן לייענער. דורך די פֿערציק יאָר, וואָס זענען אַוועק זינט מעדעם האָט אויפֿגעגלאַנצט אין „בונד", און אַפֿילו דורך די צוואַנציק יאָר זייט ער רוט אויפֿן ניו־יאָרקער בית־עולם, — האָבן געבליט און עס זענען פֿאַרוועלקט געוואָרן אָן אַ שיעור חלומות; עס האָבן זיך דורכגעטראָגן איבער אונז די בלוטיקסטע אין דער געשיכטע שטורעמס; עס זענען אונ־טערגעגאַנגען וועלטן. און אויב דורכן געדיכטן שלייער פֿון אַזאַ צייט רייסן זיך נאָך אַדורך און ס'פֿינקלען ליכטער פֿון מעדעמס גייסטיקער ירושה, אויב איבער אַזעלכע אָפּגרונטן און קאַטאַסטראָפֿעס דערהייבט זיך נאָך היינט טרייסטנדיק מעדעמס פֿאַרבנרייכע און נאָבעלע געשטאַלט, — באַווייזט דאָס נאָך קלאָרער, וואָס מעדעם האָט באַטייט פֿאַרן „בונד", פֿאַרן יידישן סאָציאַ־ליסטישן געדאַנק און פֿאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

ניו־יאָרק, אַפּריל 1943.

די אַרויסגעבער

ד״ר דאַוויד מעדעם, וולאַדימיר מעדעמס פֿאָטער, און די משפּחה;
דאָס קינד אין העמדל איז דער קליינער וולאַדימיר מעדעם.

I

דאָס לעבן און ווירקן פֿון וולאַדימיר מעדעם

סאָפיע דובנאָוו־ערליך

דאָס לעבן פון וולאַדימיר מעדעם

אינם וואַרעמען נעסט

אַרעם און איינטאָניק איז די לאַנדשאַפט פון דער געגנט אין דער גרויסער רוסישער אימפּעריע, וועלכע האָט זיך אין 19טן י״ה אָפיציעל גערופן צפון־מערבדיקער קאַנט: מאָגערע פעלדער מיט נידעריק־געוואַקסענעם קאָרן, שמאָלע דאָרף־וועגן מיט בלאָטעס און זאַמדן; ביי די ברעגן פון די שמאָלע מוטנע טייכן — נידעריקע כאַטעס — די היימען פון די אָנגעכמורעטע דערדריקטע פון נויט ווייסרוסישע פויערים. די זעלביקע נויט, נאָר אַ מער שרייענדיקע און מער אומרויִקע — אין די געדיכט באַפעלקערטע שטעט און שטעטלעך פון דעם ייִדישן תחום המושב. דעם באַאָבאַכטער פון דער זייט האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז די ייִדישע באַפעלקערונג פון דעם תחום אין סוף פון 19טן י״ה, וואָס איז געווען אָפּגעצאַמט פון דער אַרומיקער וועלט מיט אַ כינעזישער וואַנט, שטעלט מיט זיך פאָר אַן איינהייטלעכע צונויפגעשמאָלצענע מאַסע; אין דער אמתן אָבער האָט די דאָזיקע אָפּגעזונדערטקייט, וואָס איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן פון דרויסן דורך די אַדמיניסטראַטיווע באַגרענעצונגען, און פון אינעווייניק — דורך די רעליגיעז־שטייגערישע טראַדיציעס, נישט געשטערט די טיפע עקאָנאָמישע דיפערענצירונג פון ייִדנטום; זי האָט בלויז פאַרקריפּלט איר סאָציאַלע סטרוקטור.

איינער פון די גרעסטע צענטערס פונס צפון־מערב־קאַנט איז געווען די גובערניאַלע שטאָט מינסק, וואָס געפינט זיך ביי אַ גרויסן אייזנבאַן־קנופּ. ס'איז געווען אַ טיפּיש־רוסישע גובערניאַלע שטאָט פון סוף פאַריקן י״ה: כאַאָטיש־אָנגעוואָרפענע נידעריקע הייזקעס, דאָס רוב הילצערנע מיט גאַניקלעך און פאַרקאַנעס; אין צענטער דער גרויסער מויער פון דעם גובערנאַטאָר מיט די ברייטע פאָרטאַלן, דער שווערער מאַסיווער סאָבאָר מיט די באַגילדטע קופּאָלן, דער שטאָט־גאָרטן מיט דעם מיליטערישן אָרקעסטער. אין די הינטערגעסלעך — האַלב איינגעזונקענע בלינדע הייזקעס און עפּושדיקע קאַלוזשעס.

דער רויך און עפּוש פון די הינטערגעסלעך פלעגט קיינמאָל נישט דערגיין צום ברייט־פּריצישן הויז מיטן הויכן פאַרקאַן, וווּ ס'האָט געלעבט דער סטאַטסקי סאָוועטניק און מיליטערישער דאָקטער דאָוויד מעדעם מיט

זיין משפחה און דינערשאַפט. דאַוויד מעדעם, געבוירן אין יאָר 1836 איז געווען איינער פון די ערשטע ייִדן, וואָס האָט געענדיקט די מיליטעריש־מעדיצינישע אַקאַדעמיע. נאָך אין די יונגע יאָרן זיינע, ביים אָנקומען אין דער רוסישער גימנאַזיע — האָט ער זיך אָפּגעריסן פון דער ייִדישער סביבה און דערנאָך אינגאַנצן פאַרכאַפּט געוואָרן פון די אַסימילאַציע־שטימונגען, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט אין דער ליבעראַלער עפּאָכע פון די „גרויסע רעפאָרמען”. אָפּרייסנדיק זיך פון די־רעליגיעז־שטייגערישע טראַדיציעס — האָט די ייִדישע אינטעליגענץ פון די זעכציקער און די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן י״ה אינגאַנצן זיך אָפּגעריסן פון דער היימישער סביבה. אייניקע פון זיי האָבן עס אָפּילו געטאָן פאַרמעל — זיי האָבן זיך געשמדט.

פאַר די עלטערע קינדער פון דעם סטאַטסקי סאָוויעטניק דאַוויד מעדעם איז דאָס איבערשרייבן אין זייערע פּעסער די רעליגיע געווען נישט מער, ווי אַ פּשוטע פאָרמאַליטעט: מיטן ייִדנטום האָבן זיי ניט געהאַט קיין שום געמיינזאַמעס. דאַוויד מעדעם אַליין האָט זיך באַשלאָסן אויף דעם שריט ערשט אויפן 56טן יאָר פון זיין לעבן, קורץ פאַרן טויט, און דאָס אויך אויס מורא צו פאַרלירן דעם פּאָסטן. די אַלמנה האָט נאָכגעטאָן זייןביישפּיל נישט געוואָרן, אויפן פאַרלאַנג פון די עלטערע קינדער. זיי זענען אַלע געוואָרן לוטעראַנער; און נאָר דער מוזיניק וולאַדימיר, אָדער וואַליאַ, ווי מען פלעגט אים רופן אינדערהיים, געבוירן אין ליבאַווע אין יולי 1879 איז פייערלעך געטויפט געוואָרן אין דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע.

אין די קינדער־יאָרן, און אין די ערשטע יוגנט־יאָרן איז וואַליאַ געווען זיכער, אַז ער און אַלע זיינע אַרומיקע זענען קריסטן. די דערוואַקסענע האָבן שטענדיק אויסגעמיטן צו באַרירן נאַציאָנאַלע טעמעס, און רעדנדיק וועגן ייִדן — פלעגן זיי באַנוצן דעם מטושטשן טערמין: „פון די אונזעריקע”. דער פאָטער פלעגט שטענדיק זיין אומצופרידן, ווען די מוטער פלעגט רעדן ייִדיש מיט די ייִדישע הענדלערקעס.

די קריסטלעכע ימים טובים פלעגן ביי די מעדעמס שטענדיק אָפּגעריכט ווערן מיט גרויס פייערלעכקייט און אין די אָפּיציעלע פּאַראַד־טעג — פלעגט די גאַנצע משפחה גיין אין סאָבאָר צום גאָטעסדינסט.

אין משך פון לאַנגע יאָרן האָט מעדעמס משפחה געוווינט אין אַ רחבותדיק־פּריצישן הויז מיט אַ סך צימערן און קאָרידאָרן, מיט אַ פּאַראַד־נעם זאַל און אַ וועראַנדע, וואָס איז אַרויס צו אַ גרויסן געדיכטן סאָד. פרילינג־צייט פלעגן די עפּלביימער זיך פונאַנדערבליִען מיט ווייס־ראָזע בליִעכץ און דער בלאָנדער בלוי־אויגיקער ייִנגל האָט ליב געהאַט אַריינצוקוקן אין זיך זייערע צאַרטע ריחות; ער האָט ליב געהאַט צו לויפן מיט חברים אָדער מיט אַ גאַנצער טשאַטע הינט איבער די גאָרטן־אַלעען, וואָס האָבן געפירט צום טייך, און דערנאָך זיך אַ לאָז טאָן מיט אַ שמעקעדיק צווייגל אין דער האַנט

צו דער מוטער, דער שטילער און פֿאַרטראַכטער, וואָס איז געווען צוגע־שמידט צו איר שטול אויף רעדלעך.

די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע זוכט אין די איבערלעבונגען פֿון דער קינד־הייט און יוגנט, וואָס פֿאָרמירן דעם הינטערבאַוווּסטזיין, דעם שליסל צו דער פּסיכיק פֿון דעם דערוואַקסענעם. צי דער גרונט־טאָן פֿון דער פּסיכיק איז דאָס ציִען זיך צו די פֿריידן פֿון די קינדער־יאָרן אָדער דער בונט קעגן ליידן — די ראָל פֿון די קינדערישע איבערלעבונגען בלייבט די דעצידירנדיקע.

אין דער אַטמאָספֿער פֿון האַרמאָניע און ליבע, פֿון נאַטור און קונסט וואַקסט און שטאַרקט זיך די פּאָזיטיווע, לעבנס־פֿריידיקע נשמה־סטרוקטור, וואָס איז דער יסוד פֿאַר יעדן שאַפֿן און בויען.

וואָליאַ מעדעם האָט געהאַט אַ גליקלעכע און האַרמאָנישע קינדהייט. די משפּחה איז געווען אַ צונויפֿגעלעבטע, גאַסטפֿריינדלעכע און קולטורעלע. אין הויז איז שטענדיק געווען פֿול מיט יוגנט; מען האָט אַ סך געזונגען, דעק־לאַמירט און געשפּילט טעאַטער. אַ באַזונדערס וויכטיקן אָרט האָט פֿאַרנומען מוזיק; וואָליאַס עלטערע ברידער זענען געווען אויסגעצייכנטע מוזיקער, און איינער פֿון זיי אַ באַרימטער פּיאַניסט איז שפּעטער געוואָרן פּראָפֿעסאָר פֿון דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע. דער עלטסטער ברודער האָט ליידנשאַפֿטלעך ליב געהאַט טעאַטער און ער האָט שיִער נישט געוואָרפֿן צוליב דעם זיין מיליטערישע קאַריערע.

אַן אומעטיקן שאָטן האָט געוואָרפֿן אויף דעם לעבן פֿון דעם רוישיקן גאַסטפֿריינדלעכן הויז די אומהיילבאַרע קרענק פֿון דער מוטער — פּאַראַליז פֿון די ענד־גלידער. די שטילע פֿרוי האָט זיך באַמיט מיט אַלע כּוחות נישט צו פֿאַראומערן די שטימונג אין הויז, און זי האָט מיט גרויס זעלבסטבאַהערשונג איבערגעטראָגן די ליידן. איר פֿיזישע שוואַכקייט האָט נישט פֿאַרניכטעט איר גייסטיקן כּוח, און דער שטול צו וועלכן זי איז געווען צוגעשמידט אין משך פֿון לאַנגע יאָרן איז געווען דער מיטלפּונקט אין לעבן פֿון דער משפּחה. די דערוואַקסענע קינדער פֿלעגן שטענדיק קומען צו איר נאָך עצות און הילף, און דער ליבלינג פֿון הויז — וואָליאַ — פֿלעגט זיך אין ערגעץ ניט פֿילן אַזוי געמיטלעך ווי אונטער דער מאַמעס פֿליגלען. דער דאָזיקער צאַרטער און פֿיינפֿילנדיקער פֿרוי האָט ער שפּעטער געווידמעט די האַר־ציקסטע שורות פֿון זיינע מעמואַרן.

די גרויסע קריסטלעכע ימים־טובֿים — קריסטמעס און פּאַסכאַ — פֿלעגן דורכגיין טומלדיק און פֿריילעך אין אַ קרייז פֿון אַ סך געסט. צו דעם ריטואַל פֿון אָט די ימים טובֿים פֿלעגן די דערוואַקסענע זיך באַציִען פֿאַרמעל אָן שום התפּעלות; אַנדערש אָבער פֿלעגט עס אויפֿנעמען דאָס עמפּפֿינד־לעכע ייִנגל. עס האָבן אים טיף גערירט די אומעטיקע תּפֿילות אין די טעג פֿון גרויסן „פֿאַסט“, און נאָך מערער — די פּאַסכאַ־נאַכט מיטן פֿייכטן פֿרי־לינג־ווינט, אומאויפֿהערלעכן גלעקער־געקלאַנג און פֿייערלעכן גאָטעס־

דינסט. וואָליאַ איז אַלט געווען פינף יאָר ווען זייער דענשטשיק האָט אים צום ערשטן מאָל גענומען אין צערקווע. פון דעמאָלט אָן פלעגט מען שוין דעם ייִנגל סיסטעמאַטיש פירן אין צערקווע, און שפּעטער פלעגט ער שוין אַליין אַהין גיין. ס׳האָבן זיך אויף אייביק איינגעקריצט אין זיין זכרון די הויך־געוועלבטע קלויסטער־ווענט, די געהיימנישפולע טונקלקייט אָנגעפילט מיט ווייַרעך און דורכגעדרונגען מיט דעם וואַרעמען שימער פון אומצייליקע ליכט, די טונקעלע געשטאַלטן פון די הייליקע אונטער די גאָלדענע קרענצלעך, און דער כאָר־געזאַנג, וואָס קומט פון געהיימנישפולע ווייטן.

אין די קינדער־יאָרן האָט אויף וואָליאַס פאַנטאַזיע צום שטאַרקסטן געווירקט די דעקאָראַטיווע און עסטעטישע זייט פון דעם גאָטעסדינסט; שפּעטער האָט ער איבערגעלעבט אַ פעריאָד פון פאַרטיפטער עקסטאַטישער פרומקייט; דעם ייִנגל האָט נישט צורו געלאָזן דער גרויסער זינד־באַוווסטזיין לגבי גאָט — דעם שטרענגן ריכטער. אין די דאָזיקע טעג איז דאָס באַזוכן די ערב־זונטאָגדיקע ליטורגיעס אין דעם שכנותדיקן קליינעם און האַלבפינצטערן קלויסטערל געוואָרן פאַר אים אַ נשמה־נויטווענדיקייט. וואָליאַ פלעגט אַרויסקומען אַ גערייניקטער און אַ געלייטערטער.

זומער, אין דאָרף, האָט וואָליאַס רעליגיעז געפיל אָנגענומען אַן אַנדער פאָרם. פאַרטאָג פלעגט דאָס ייִנגל אַוועקגיין טיף אין וואַלד און דאָרטן מתפּלל זיין מיט אייגענע ווערטער. ער פלעגט אָבער זעלטן געפינען אַ באַפרידיקונג: אים פלעגט זיך דוכטן, אַז די ווערטער זיינע זענען אַרויסגעקומען צו שוואַך אויף אויסצודריקן דעם אויפבּרויז פון זיין נשמה, און דאָס האָט וואָליאַן געפייניקט. נאָך מער האָט אים געפייניקט דער באַוווסטזיין, וואָס זיינע משפּחה־לייט, וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, האָבן נישט קיין שום באַדערפעניש תפילה צו טאָן, תשובה צו טאָן. ער פלעגט זיך צוקוקן מיט שרעק, ווי זיי ווערן פאַרזונקען אין די קלייניקייטן פון לעבן נישט טראַכטנדיק וועגן גאָט, זייערע נשמות און יענער וועלט.

דערמאָנענדיק זיך שפּעטער דעם דאָזיקן פעריאָד פון זיין לעבן — שרייבט מעדעם:

„אַזוי האָב איך געקלערט מיט 30 יאָר צוריק. איצט געהער איך פאָרט צו יענער מחנה אומגלייביקע, אויף וועלכער עס האָט געקוקט מיט אַזאַ שרעק דער 12יאָריקער ייִנגל. אין אין הינזיכט איז אָבער דער ייִנגל געווען גערעכט. ער האָט זיך פאָרט ניט געלאָזט אַריינציִען אין בלאָטע, און אויב ער האָט אָנגעוואָרן זיין קינדערשן גלויבן אין אַ הימלישן גאָט — איז ער אויך דערוואַקסענערהייט ניט געבליבן אָן אַ גלויבן" („פון מיין לעבן", ערשטער באַנד, ז׳ 22).

דאָס לעבן פונם קינד איז רייך מיט קאָנטראַסטן. וואָליאַ פלעגט לייכט איבערגיין פון זאָרגלאָזיקייט צו קאָנצענטרירטער פאַרטראַכטקייט, פון רוישיקע פריילעכע שפּילן מיט חברים צו אַ שאַרפן רחמנות־געפיל לגבי

אַלץ וואָס איז שוואַך, אָרעם און אומטעכטיק. דאָס דאָזיקע געפֿיל פֿלעגט אויפֿקומען אין זיין נשמה באַזונדער אין די יום־טובדיקע טעג, ווען אַלע אַרום פֿלעגן זיין פֿריילעך און צופֿרידן: אַ מאָל איז עס געווען רחמנות צו אַ שוואַכן זקן, אַ צופֿעליקן שכן אויף אַ באַנק אין שטאָט־גאָרטן, אַ מאָל צום דענשטשיק, וועלכער האָט צוליב יום־טוב אַרויפֿגעשלעפּט אויף זיך עפּעס אַ מיאוסן שאַל. אָט דאָס דאָזיקע אומגעריכטע, קרענקלעכע רחמנות־געפֿיל צו גאַנץ אומבאַקאַנטע מענטשן איז פֿון דעם קליינעם וואָליאַן אַרי־בער צו דעם דערוואַקסענעם; דערמאָנענדיק זיך שפּעטער אין דער פֿאַר־גאַנגענהייט, קומט מעדעם צו דעם באַשלוס, אַז אָט דער רחמנות איז שוער נישט געווען ביי אים דאָס סאַמע שאַרפֿסטע פֿון אַלע זיינע געפֿילן.

זומערדיקע וואָקאַנס פֿאַרשטעלן נישט לאַנג די זון. די סאַמע גליק־לעכסטע צייט פֿון דער קינדהייט איז געווען דער זומער. די מעדעמס פֿלעגן געווינטלעך אָפּוועקפֿאָרן אויף עטלעכע חדשים אין אַ שכנותדיקן דאַטשע־אָרט, אָדער צום ברעג פֿונם באַלטישן ים. באַזונדער רייך מיט איינדרוקן איז געווען דער זומער אין דרוסקעניק פֿאַרן אָנקומען אין גימנאַזיע. וואָליאַ פֿלעגט דאָרטן גאַנצע טעג פֿאַרברענגען ביי די ברעגעס פֿון ניעמען, פֿלעגט זיך באָדן, מאַכן גימנאַסטיק און איין מאָל אַפֿילו באַקומען אַ פּרייז פֿאַר זיין בריהשקייט און פֿלינקייט.

אַן עפּיזאָד פֿון יענעם זומער אין דרוסקעניק האָט זיך אויף אייביק איינגעקריצט אין זיין זכרון. איין מאָל האָט ער אויפֿן צווייטן ברעג פֿון ניעמען באַמערקט אַ גרופּע קאָזאַקן, שלאַנקע פֿון זון פֿאַרברענטע זענען זיי געריטן איבער דעם גרינעם גראָז אויף שטאַרקע, פֿלינקע פֿערד און דערנאָך געפֿאָרן איבערן טייך מיטן פּאַראָם. דאָס יינגל האָט נישט אַראָפּגענומען פֿון זיי דאָס אויג און מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָט ער געוואַרט, אַז אָט באַלד וועלן זיך אויפֿן האָרי־זאָנט באַווייזן געדיכטע רייען קאָזאַקן, וואָס וועלן פֿאַרפֿולן דעם ברעג, אָבער די רייטער פֿלעגן זיך באַווייזן אין קליינע גרופּן, אָדער איינציקווייז, און דערנאָך זענען זיי אין גאַנצן פֿאַרשוווּנדן, און דאָס קינדישע האַרץ האָט זיך אָנגעפֿילט מיט ביטערער אַנטוישונג. אין דרייסיק יאָר אַרום, דערמאָנענדיק זיך יענעם זומערדיקן נאָכמיטאָג ביים ניעמען, שרייבט מעדעם:

„ביז היינטיקן טאָג שפּיר איך נאָך דאָס געפֿיל, וואָס איך האָב דע־מאָלט געהאַט: דער דורשט נאָך דער גרעסטער מאָס, נאָך דער פֿולקייט אָן אַ שיעור, און די מורא, אַז אָט־אָט וועט זיך דער שטראָם אויסשעפּן, און דער ביטערער פֿאַרדרוס, ווען ער פֿלעגט טאַקע באַלד זיך איבעררייסן. אַזאַ מורא און אַזאַ אַנטוישונג פֿלעג איך אויך אין די שפּעטערע יאָרן איבער־לעבן אַ סך מאָל" („פֿון מיין לעבן", ערשטער באַנד, ז' 53).

אין אַ שטענדיקן טוישן זיך פֿון געפֿילן זענען פֿאַרביי די קינדער־יאָרן. אין עס־צימער צווישן אייגענע, אָדער אין קיך, ווו דאָס יינגל האָט ליב געהאַט צו פֿאַרברענגען גאַנצע שעהן, זיך צוהערנדיק צו די שמועסן פֿון די

דינסטן און דינער — אומעטום האָט אים אַרומגערינגלט אַ וואַרעמע האַר־ציקע אַטמאָספער. און אויפן גאַנצן לעבן איז אין זיין נשמה פאַרבליבן אַ באַדערפעניש נאָך וואַרעמקייט, געמיטלעכקייט און היימישקייט. די ליבע פון די אַרומיקע, די נאָענטקייט צו דער נאַטור און מוזיק האָבן אין אים אַנט־וויקלט אַן אויסערגעוויינטלעכע עמפינדלעכקייט — אַן עמאָציאָנעלע און עסטעטישע.

אָבער די יונגע נשמה וואָס האָט געבענקט נאָך האַרמאָניע איז געווען געפייניקט פון אַ דורשט נאָך גלויבן און שאַרפן רחמנות־געפיל, פון דער באַדערפעניש נאָך מאָראַלישער שלמות. זי איז אַריינגעשליידערט געוואָרן אין אַ גרויזאַמער וועלט, וואָס איז צעריסן פון היפוכים און אָנגעפילט איבער די ברעגעס מיט אומגערעכטיקייט און אַכזריות. דאָס האָט באַשטימט מעדעמס גורל: דאָס קינסטלערישע אין אים וועט אַ לעבן לאַנג זיך בונטעווען קעגן דאָס העס־לעכע, דאָס עמאָציאָנעל־עטישע — קעגן אומגערעכטיקייט, און ווען דאָס טרוימערישע יינגל וועט ווערן אַ סאָציאַליסט — וועט עס קומען נישט צו־פעליק, נאָר מיטן כוח פון אַ טיפן אָרגאַנישן מוז.

אויפן שוועל

דער ערשטער צונויפשטויס מיט דער גראָבקייט און העסלעכקייט פון דער אַרומיקער וועלט איז פאָרגעקומען אין דער גרויער קאַזאַרמע־גע־ביידע פון דער מינסקער שטאָטישער גימנאַזיע. ווען מען האָט וואָליאַן אַריינ־געגעבן אין דער גימנאַזיע איז ער אַלט געווען 9 יאָר. ס'האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן אַ ניי לעבן אין צוויי באַזונדערע וועלטן. וואָס עלטער ער איז געוואָרן, אַלץ שטאַרקער האָט ער געפילט דעם קאָנטראַסט צווישן דער גימנאַזיע און זיין היים.

מיט אומווילן האָט דער מאָגערער גימנאַזיסט אין זיין גרויען אוניפאָרם מיט די זילבערנע קנעפ געשפּרייזט איבער די הילצערנע טראָטואַרן צו דעם מרה־שחורהדיקן בנין: ער האָט פיינט געהאַט זיין גימנאַזיע מיטן גאַנצן האַרצן. אין די ניינציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט איז די גימנאַזיע געווען אַן אמתע טורמע, ווו די שילער פלעגן זיך שטיקן אין דער אַטמאָס־פער פון לאַנגווייליקייט און קאַזיאָנער דיסציפּלין. דער דורכשניט־טיפּ פון אַ דעמאָלטיקן פּעדאַגאָג, באַזונדער נאָך אין דעם צפון־מערב־קאַנט, איז געווען דער פאַראייביקטער ביי טשעכאָוון „מענטש אין פוטליאַר", אַ גאַליקער שלימזל. די טעמפּע פּעדאַנטן האָבן זיך באמת מיט אַלע כוחות צו דער־שטיקן ביי דער יוגנט יעדן אינטערעס צום לעבן און צו דער וויסנשאַפט און צו אַנטוויקלען גלייכגילטיקייט און פּאַסיווקייט.

מינסק האָט געהערט צו דעם ווילנער שול־קרייז, וואָס איז געווען איינער פון די רעאַקציאָנערסטע. ווען ס'איז געקומען דער נייער גימנאַזיע־

אינספּעקטאָר קאָסקאָווסקי, איז וואָליאַ געווען אין דריטן קלאַס. דער דאָזי־קער מענטש מיט זיינע קעציששע געגנגלעך און גנבישער שטימע איז געוואָרן אַ שרעק־בילד פֿאַר אַלע גימנאַזיסטן; אָן אמתע גאָטס שטראָף ביי זייערע עקזאַמענס. די סיבה פֿון אינספּעקטאָרס גרויזאַמקייט איז אויפֿגעקלערט געוואָרן ערשט נאָך זיין טויט. דער דאָקטער, וואָס האָט אים געהיילט — אַ באַוווסטער פּסיכיאַטער — האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז דער מענטש, וועמען מען האָט אָנגעטרויט הונדערטער יונגע לעבנס איז געווען אַ פּסיכיש־קראַנקער, אַ געפֿערלעכער סאַדיסט.

דעם צאַרטן עמפּינדלעכן יינגל, וואָס האָט זיך אויפֿגעהאָדעוועט אין דער אַראַנזשעריע־וואַרעמקייט פֿון אַ זאָרגפֿעלטיקער משפּחה, האָט די גימנאַזיע געגעבן די ערשטע געזעלשאַפֿטלעכע אַנלאַדונג. זי האָט אים אויסגעלערנט זיך אַנטקעגנשטעלן עוולות און אַנטוויקלט אין אים דאָס געפֿיל פֿון סאָלידאַריטעט. דער גייסטיקער ניוואָ פֿון דער גימנאַזיסטישער יוגנט איז ניט געווען קיין הויכער און די שנאה צו נאַטשאַלסטווע פֿלעגט זיך אויסדריקן אין קליינינקייטן, אָבער דאָס געפֿיל פֿון חברשאַפֿט איז געוואָרן אַ וויכטיקער עלעמענט ביים פֿאָרמירן דעם כאַראַקטער פֿון עמפּינדלעכן יינגל.

דעם איבערגאַנג פֿון דער קינדהייט צו דער יוגנט איז געוויינטלעך שווער צו באַמערקן; אין וואָליאַס לעבן איז דער גרענעץ פֿון אָט די צוויי פּעריאָדן דעם פֿאָטערס טויט. קינדוויז איז וואָליאַ געווען מער צוגעבונדן צו דער מוטער און האָט זיך אַ ביסל געהאַלטן פֿונדערווייטנס פֿון דעם פֿאַרזאָרגטן, שווייגעוודיקן, שטענדיק־פֿאַרנומענעם פֿאָטער. נאָר אין די לעצטע חדשים פֿון זיין לעבן, האָט דער דאָקטער מעדעם אָנגעהויבן צו פֿאַרברענגען דעם גרעסטן טייל פֿון טאָג אין דער היים, און צווישן פֿאָטער און זון איז אַנטשטאַנען אַ שטילע פֿריינדשאַפֿט. אין די לאַנגע ווינטערדיקע אָוונטן פֿלעגט דער הענגענדיקער קעראָסין־לאָמפּ אין עס־צימער באַלייכטן מיט זיין רויקן ליכט דעם מידן, קראַנקן קאָפּ פֿון פֿאָטער און דאָס בלאָנדע קעפּל פֿון דעם גימנאַזיסט, איבערגעבויגן איבער אַ בוך. דאָוויד מעדעם האָט אין די דאָזיקע חדשים זייער אַ סך געלייענט; אויף זיין טיש פֿלעגט מען אָפֿט זען אַ קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אויסגאַבע פֿון דער ביבל מיט צוויי טעקסטן: העברעיש און פֿראַנצייזיש. איינמאָל האָט ער צוגערופֿן צו זיך זיין זון און אים אָנגעהויבן פֿאָרלייענען אין פֿראַנצייזיש אויסצוגן פֿון ישעיה, אָנווייזנדיק אים אויף דער שיינקייט פֿון דעם טעקסט.

וואָליאַ האָט אייניקע ציטאַטן פֿון די נביאים געקאָנט פֿון די לעקציעס פֿון „זאַקאָן באָזשי״, אָבער איצט, האָבן זיי זיך אים אויסגעוויזן טיפֿער און פֿאַרכאַפּנדיקער. דערמאָנענדיק זיך שפּעטער די דאָזיקע מינוטן — האָט מעדעם געשריבן:

„אין יענעם אָוונט בין איך געזעסן לעבן מיין פֿאָטער און אַריינגעקוקט אין דעם יידישן תנך, און צום ערשטן מאָל האָבן זיך די ווערטער

פֿון דעם אַלטן נביא צונויפֿגעפֿלאָכטן אין מיין פֿאַנטאַזיע מיט די מאָדנע, אומבאַקאַנטע, אומפֿאַרשטענדלעכע אותיות פֿון דעם העברעיִשן ספֿר... יאָרן זענען אַריבער, איך בין געוואָרן אַ דערוואַקסענער יונגערמאַן און ס'האָט דערוואַכט אין מיר דער אינטערעס צו דער ייִדישקייט. האָט דאָ דער אַלטער תּנך פֿון מיין פֿאָטער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. עס האָט זיך מיר פֿאַרוואָלט צו לייענען דעם טעקסט פֿון דעם אַלטן בוך... דווקא אין דעם העברעיִשן אָריגינאַל..." („פֿון מיין לעבן". ערשטער באַנד, זייט 81).

דעם טאַטנס טויט איז פֿאַר וואָליאַן געווען אַ שווערער קלאַפּ. ס'האָט אים געפּייניקט נישט נאָר דער פֿאַרלוסט, נאָר אויך אַ שולד־געפֿיל לגבי דעם פֿאָטער: צוליב זיין איינגעבוירענער שעמעוודיקייט איז דאָס ייִנגל אַפֿילו אין די לעצטע חדשים געווען צוריקגעהאַלטן אין זיינע באַציִונגען מיטן פֿאָטער, און דער פֿאָטער האָט די דאָזיקע צוריקגעהאַלטנקייט געקאָנט אָננעמען פֿאַר טרוקנקייט. אונטערן דרוק פֿון זיין ערשטן שווערן אומגליק איז וואָליאַ געוואָרן מער ערנסט און קאָנצענטרירט. דעם פֿאָטערס טויט האָט געענדערט אויך די אויסערלעכע באַדינגונגען: פֿון דעם ברייט־פּריצישן הויז האָט מען זיך אַריבערגעקליבן אין אַ באַשיידענער וווינונג, וואָס איז געווען אויך גענוג גרויס און געמיטלעך. אין דער דאָזיקער וווינונג האָט זיך באַלד באַוויזן אַ נייער מענטש — דאָס איז געווען דער מאַן פֿון וואָליאַס שוועסטער — פּאַוול זשאַבאַ, אַ רוסיפֿיצירטער פּאָליאַק, וואָס האָט געאַר־בעט אין דעם אייזנבאַן־דעפּאָ. דאָס איז געווען אַן ענערגישער, אינטעלי־גענטער מענטש מיט אַ גרויסן געזעלשאַפֿטלעכן טעמפּעראַמענט. ער האָט וואָליאַן צוגעצויגן צו זיך מיט זיין יוגנטלעכער לעבנסלוסטיקייט און זיי האָבן זיך באַפֿריינדעט. שפּעטער, אין 1905 איז זשאַבאַ געוואָרן דער אָנפֿירער פֿון דעם אייזנבאַן־שטרייק אין מינסק; אין די 90ער יאָרן איז ער נישט גע־גאַנגען ווייטער פֿון אַ קאָנסטיטוציאָנעלן מאָנאַרכיזם. זיין איינשטעלונג האָט האַרמאָנירט מיט דער שטימונג אין הויז: אין דער פֿאַמיליע פֿון די מעדעמס, הויפּטזעכלעך, ווען דער פֿאָטער האָט נאָך געלעבט, האָט געהערשט דער קולט פֿאַר דער ליבעראַלער עפּאָכע פֿון די „גרויסע רעפֿאָרמען", פֿאַרבונדן מיטן נאָמען פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. אין קאַבינעט איז געהאָנגען אַ גרויסער פּאָרטרעט פֿון דעם דאָזיקן צאַר און וועלכן וואָליאַ האָט געזען די פֿאַרקער־פערונג פֿון נאָבלקייט. צו רעוואָלוציאָנערן האָט מען זיך באַצויגן זייער נעגאַ־טיוו, זעענדיק אין זיי די מערדער פֿונעם צאַר. די יונגע מעדעמס — דערצויגן אינם גייסט פֿון שטרענגער לאָיאַלקייט — האָבן זיך מיט פּאָליטיק ווייניק אינ־טערעסירט. זשאַבאַ איז געווען דער ערשטער מענטש, וואָס האָט אָנגעהויבן לערנען דעם יונגן גימנאַזיסט זיך פֿונאַנדערצוקלייבן אין געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען און לייענען אַ צייטונג. קריטיקירנדיק דעם זעלבסטהערשע־רישן רעזשים, פֿלעגט ער אָבער נישט אָנרירן די פּערזאָן פֿון מאָנאַרך. ווען אַלעקסאַנדער דער דריטער איז געוואָרן (1894) שווער קראַנק, האָבן ביידע פֿריינד — זשאַבאַ און וואָליאַ — מיט האַרצקלאַפּעניש נאָכגעפֿאָלגט די

אויבן רעכטס: מעדעם צו 6 יאָר; לינקס: מעדעם אַלס 3יאָריק קינד;
צענטער: מעדעמס מוטער; רעכטס אונטן: מעדעם אַלס יונגער גימנאַזיסט.

בולעטינס וועגן דעם צאַרס געזונט־צושטאַנד. טיילמאָל פֿלעגט וואָליאַ מיט שרעק זיך כאַפּן, אַז ער זינדיקט אין געדאַנק: אים האָט זיך אין געהיים געוואָלט, אַז דער צאַר זאָל שטאַרבן און אין לאַנד זאָל זיך אָנהויבן אַ נייע תּקופֿה. ווען ס'האָט זיך אָבער געהאַט באַוויזן אויף די גאַסן די טרויער־מעלדונג, איז ער געווען שטאַרק דערשיטערט און האָט בשום אופֿן ניט גע־קאָנט פֿאַרשטיין, ווי קאָנען די גימנאַזיסטן שטיפֿן אין דער צייט פֿון אַ פֿאָ־ניכידע און ווי קאָנען די דערוואַקסענע זיך פֿאַרנעמען מיט זייערע געוויינט־לעכע אַרבעטן?

ביי די מעדעמס האָט געהערשט די פּרימיטיווע פֿאָרשטעלונג וועגן אַ רעוואָלוציאָנער, ווי וועגן אַ מענטשן מיט אַ באָמבע אין קעשענע. מינסק אָבער איז שוין פֿון לאַנג געווען איינער פֿון די צענטערס פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דעם צפֿון־מערבֿ־קאַנט; ס'האָבן דאָ געאַרבעט די פּראָפּאַ־גאַנדיסטישע קרייזלעך, וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך עמיל אַבראַ־מאָוויטש, כורגין און דורך דעם פּאַרפּאָלק גורוויטש; אָנהויבנדיק פֿון די זיבעציקער יאָרן זענען דאָ פֿאָרגעקומען גרויסע שטרייקן פֿון ייִדישע אַר־בעטער; אָבער די אָפּקלאַנגען פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן ניט דורכ־געדרונגען די ווענט פֿון דער געמיטלעכער וווינונג אויף דער סקאָבעליעווער גאַס. דער גימנאַזיסט מעדעם האָט געלעבט מיט די באַגריפֿן פֿון זיין סבֿיבֿה און דערציִונג. זיין נייגונג צו דעקאָראַטיווקייט, פֿאַרביקייט און אויסערלעכער האַרמאָניע, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין די רעליגיעזע אי־בערלעבונגען פֿון דעם קליינעם וואָליאַ, האָט געצווונגען דעם יונגן בחור זיך אָנטציקן מיט מיליטערישע פּאַראַדן, קאָראָנאַציע־פֿייערלעכקייטן און מיט דער גאַנצער טעאַטראַלישער פּראַכט פֿון דער מאָנאַרכיע.

די זומער־וואַקאַציעס האָט וואָליאַ עטלעכע יאָר נאָך אַנאַנד פֿאַרבראַכט ביי זיין ברודער דעם אָפֿיציר אין דעם מיליטערישן לאַגער הינטער באָברויסק. אינאיינעם מיט זיין ברודערס באַטערייע האָט ער צוויי מאָל דורכגעמאַרשירט דעם מאַרש צווישן באָברויסק און מינסק, וואָס האָט געדויערט צען טעג. רייטנדיק אויף אַ שיינעם שלאַנקן פֿערד — פֿלעגט דאָס ייִנגל פֿון אויבן אַראָפּ קוקן אויף די אויסגעדאַרטע קליאַטשעס איינגעשפּאַנטע אין די פּויע־רישע וועגענער. ער האָט זיך געפֿילט שטאָלץ, וואָס ער איז אַן אָרגאַנישער טייל פֿון דער גרויסער מענטשן־מאַסע, וואָס באַוועגט זיך פֿאָרויס אין גלייכע געדיכטע רייען. פּונקט ווי אַ סך אַנדערע איבערלעבונגען פֿון דער קינדהייט און יוגנט, האָט אויך די דאָזיקע זיך איבערגעחזרט שפּעטער ביי אַנדערע געלעגנהייטן.

אין דער יוגנט געשעט אָפֿט, אַז אַ גאַנץ צופֿעליקער שטויס גיט אָן עפֿן אין דעם באַוווסטיין אַ געהיימע טיר, און די אומרויִקע געדאַנ־קען פֿאַרפֿלייצן די נשמה מיט אַ פֿרילינג־געוויטער. ניט די גימנאַזיע מיט איר אָפּטויטנדיקן שאַבלאָן און ניט אַפֿילו דאָס געמיטלעכע

טראַדיציאָנעל־ליבעראַלע הויז האָט נישט געקאָנט געבן וואָליאַן דעם דאַזיקן שטויס. דאָס האָט געמאַכט דאָס בוך — בעלינסקיס ווערק. דאָס דאַזיקע בוך איז ניט געווען קיין פּשוטע זאַמלונג פֿון ליטעראַטור־קריטישע אַרטיקלען, נאָר אַן אמתע ענציקלאָפּעדיע. דער ליידנשאַפֿטלעכער טאָן פֿון דעם בוך האָט וואָליאַן דערשיטערט: ער האָט געהאַט דאָס געפֿיל, ווי ס'וואָלט זיך פּלוצלינג געעפֿנט די טיר צו אַ נייער וועלט. הונדערטער „פֿאַר־שאָלטענע פֿראַגעס" האָבן זיך אַ ריר געטאָן אין זיין מוח. ער האָט זיך מיט גרויס זשעדנעקייט אַ וואָרף געטאָן אויף ביכער לייענענדיק אָן אַ סיס־טעם, איבערגייענדיק פֿון דרעפּערס „די געשיכטע פֿון דער גייסטיקער אַנט־וויקלונג פֿון איראָפּע" צו די רוסישע קלאַסיקער, פֿון נאַטור־וויסנשאַפֿט צו געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען. אין דעם דאַזיקן פּעריאָד זענען די טיף־רע־ליגיעזע שטימונגען פֿון די קינדער־יאָרן בלאַסער געוואָרן און די לעקציעס פֿון „זאַקאָן באָזשי" און די אָפֿיציעלע גאָטעס־דינסטן אין גימנאַזיע, זענען געוואָרן אַ לאַסט. דאָס איינציקע, וואָס איז אים פֿאַרבליבן פֿון יענע יאָרן — איז געווען די נייגונג צו אַסקעטיזם: אים פֿלעגט זיך דוכטן, אַז ער האָט נישט קיין רעכט צו פֿאַרברענגען; וויבאַלד נאָר געציילטע קאָנען דאָס טאָן. צו דער גרויסער פֿאַרוווּנדערונג פֿון די אַרומיקע, פֿלעגט ער זיך אָפּט קאַטע־גאָריש אָפּזאָגן פֿון אַ וועטשערינקע אָדער טעאַטער.

אין דער צייט פֿון גייסטיקן אומרו ווערט די באַדערפֿעניש נאָך פֿריינד־שאַפֿט באַזונדערס שטאַרק. וואָליאַ, פֿון דער נאַטור אַ געזעלשאַפֿטלעכער, האָט שטענדיק פֿאַרבראַכט אין דער סביבה פֿון חברים; נאָר אין דעם 6טן קלאַס גימנאַזיע האָט ער געפֿונען דעם ערשטן אמתן פֿריינד — אַ באַגלייטער סיי אין גייסטיקע זוכענישן, סיי אין שטיפֿעריען געווענדט קעגן דער שול־נאַטשאַלסטווע. דאָס איז געווען סאַשאַ (אַלעקסאַנדער) עליאַסבערג* — אַ זון פֿון אַ יידישן באַנקיר, אַ לעבעדיקער, זעלבסטשטענדיקער און ענער־גישער יונג, וואָס האָט אַ סך ביכער דורכגעלייענט און אַ סך געררייזט. אין די פֿרייע שעהן פֿלעגן זיי זיך קיינמאָל נישט שיידן: דאָס באַליבטסטע אָרט פֿאַר שפּאַצירן איז געווען דער שטילער לוטעראַנישער בית־עולם פֿאַרוואַקסן מיט גרינס. דאָרטן, אויף דער שטיינערנער באַנק נעבן דער מצבה פֿון דאַוויד מעדעם, וועלכע איז געווען אַרומגעצאַמט מיט אַ געשניצטן פּאַרקנדל פֿלעגן די חברים שמועסן אויף פֿאַרשידנאַרטיקע טעמעס — וויסנשאַפֿטלעכע, פֿילאָזאָפֿישע און רעליגיעזע. סאַשאַ, וואָס האָט גוט געקענט איראָפּעישע שפּראַכן, האָט פֿאַר וואָליאַן געעפֿנט נייע וועלטן אין דער ליטעראַטור און קונסט. זיין באַליבטער פֿאַעט איז געווען היינע און ער האָט זיין חבר אַנגע־שטעקט מיט דער דאַזיקער ליידנשאַפֿט. איינמאָל, פֿאַר וואָליאַס אָפּפֿאָרן אויף דאַטשע, האָט אים סאַשאַ געבראַכט „איליאַדע" אין אַ פּרעכטיקער־

---

* שפּעטער אַ באַקאַנטער דייטשער שריפֿטשטעלער.

רוסישער איבערזעצונג, און אין משך פֿון דעם גאַנצן זומער האָט דער בחור ליגנדיק אין געדיכטן גראָז אַריינגעזאָפּט אין זיך די אומשטערבלעכע שיינ־קייט פֿון די אַלטע העקזאַמעטערן.

אינם הויז פֿון די עליאַסבערגס האָט וואָליאַ צום ערשטן מאָל דערזען דייטשע זשורנאַלן געווידמעט דער קונסט. אין זיינע מעמואַרן כאַראַקטע־ריזירט מעדעם דעם דאָזיקן פּעריאָד אויף אַזאַ אופן:

„די טיר, וואָס האָט זיך פֿאַר מיר געעפֿנט, האָט געפֿירט אין אַ נייער וועלט: אַ וועלט פֿון אויסגעפֿיינערטע קינסטלערישע איבערלעבונגען. עס איז אַ עכסט־וויכטיקער עטאַפּ אינם לעבן פֿון אַ יונגן מענטשן. גלייך ווי ס׳וואָלטן זיך געעפֿנט נייע אויגן, גלייך ווי עס וואָלטן זיך באַשאַפֿן נייע חושים. די נשמה ווערט רייכער און אויפֿנאַמפֿעיִקער... זי הייבט אָן אַריינצוזויגן אין זיך דורך די ניי־געעפֿנטע פֿענצטער די פֿילפֿאַרביקייט און שיינקייט פֿון אַ יונגער, פֿרישער, צאַפּלדיקער, קינסטלערישער שאַפֿונג. עס הייבן אָן צו קלינגען נייע סטרונעס, פֿיינע, טיף באַהאַלטענע, אינטימע סטרונעס. עס איז די בליִונגס־צייט פֿון דער נשמה" („פֿון מיין לעבן", ערשטער באַנד, זייט 117).

דער פֿעיִקער און אינטעליגענטער סאַשאַ איז גלייכצייטיק געווען אַ געפֿערלעכער שטיפֿער. די נאַטשאַלסטווע פֿון דער גימנאַזיע האָט געקוקט קרום אויף מעדעמס פֿריינדשאַפֿט מיט עליאַסבערגן: אַ שטיפֿער, אַ פֿוילער און דערצו נאָך אַ ייִד! אַגב, וואָס עלטער ס׳איז געוואָרן וואָליאַ — אַלץ מער האָט אים געצויגן צו חברים־ייִדן: זיי זענען אין קלאַס געווען די פֿעיִקסטע און אינטעליגענטסטע. ער האָט אויך געהאַט פֿריינד פֿון אַן אַנדער סביבה — די קינדער פֿון דעם קרעמער אין שכנות, אָפּגעריסענע חדר־ייִנג־לעך, וועלכע ער האָט געלערנט רוסיש און די יסודות פֿון היגיענע. אָבער פֿאַר קיין ייִד האָט ער זיך צו יענער צייט ניט געהאַלטן; דער אַנטי־סעמיטיזם האָט ביי אים אַרויסגערופֿן עמפּערונג, פּונקט ווי אַלע אַנדערע עוולות. אַ יאָר פֿאַרן ענדיקן די גימנאַזיע איז אים אויסגעקומען צו זיין אַן עדות פֿון אַ גאַסן־צוזאַמענשטויס צווישן אַ ייִדישן קרעמער מיט אַ גרופּע סאָלדאַטן. ער איז געווען דערשיטערט זעענדיק די צום טויט איבער־געשראָקענע אומבאַהאָלפֿענע מענטשן וואָס לויפֿן אין פּאַניק פֿאַר די אויס־געשטרעקטע ביקסן. אַ צווייטער קאָנפֿליקט האָט געטראָגן אַ מער פֿרידלעכן כאַראַקטער און האָט זיך אָפּגעשפּילט אין די ווענט פֿון דער גימנאַזיע ביי די אַרויסלאָז־עקזאַמענס. אויך דאָ, פֿאַרטיידיקנדיק די חברים ייִדן קעגן דער מערהייט פֿון קלאַס, האָט מעדעם פּשוט אויסגעפֿאָלגט דעם באַפֿעל פֿון זיין געוויסן: אומגערעכטיקייט האָט אים שטענדיק אויפֿגעבראַכט ביז אין די טיפֿענישן פֿון זיין נשמה.

דער פֿרילינג פֿון 1897 איז פֿאַרבליבן אין זיין לעבן אַ וויכטיקע דאַטע. ס׳זענען פֿאַרביי די אַרויסלאָז־עקזאַמענס, וועלכע מעדעם האָט גלענצנ־

דיק אויסגעהאַלטן באַקומענדיק אַ גאָלדענעם מעדאַל. די גימנאַזיע־קאַטאַרגע האָט זיך פאַרענדיקט. מיט ציטערדיקע הענט האָבן די גימנאַזיסטן אַרונ־טערגעריסן פון זייערע צעקנייטשטע היטלעך דעם גימנאַזיע־הערב — דעם סימבאָל פון 8יאָריקער קנעכטשאַפט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין זיין לעבן.

אַ פרילינג־פאַרפליצונג

ערב האַרבסט 1897. איבער די זון־באַגאָסענע גאַסן פון קיִעוו שפּרייזט אַזוי ווי אַ פאַרלאָרענער אַ הויכער יונגערמאַן אין אַ נייער סטודענטישער טוזשורקע. אין דער דאָזיקער טומלדיקער שטאָט זעט אים אַלץ אויס פרעמד און מאָדנע: די בלענדנדיק־ווייסע ווענט פון די הויכע מויערן, די גרינע זשאַליוזן איבער די פענצטער און די וועגענער מיט קאַ־וועגעס אויפן אָנגעברענטן ברוק. זיין סטודענטיש צימערל זעט אים אויס פרעמד און נישט געמיטלעך, און מיט ווייטאָג און בענקשאַפט דערמאָנט זיך אים די וואַרעמקייט פון דער היים, וואָס ער האָט אָקערשט פאַרלאָזט . . . נאָך אומעטיקער ווערט אים אין אוניווערסיטעט: גרויסע, קאַלטע אודי־טאָריעס, עלטערע סטודענטן מיט זייער אומפאַרשטענדלעכן פאַר אים לעבנס־שטייגער, נודנע לעקציעס אויפן מעדיציניש פאַקולטעט, וועלכן ער האָט צופעליק אויסגעקליבן, און דאָס איינציקע אָרט, וווּ מען קאָן אַ ביסל קומען צו זיך און אַ פלוידער טאָן מיט אַלטע באַקאַנטע — איז די לאַנדסמאַנשאַפט פון די מינסקער סטודענטן. אמת, אויך דאָ האַלט זיך דער יונגער סטודענט פאַרלייפיק באַשיידן אין אַ ווינקל, נישט באַטייליקנדיק זיך אין די שמועסן וועגן די לויפנדיקע סטודענטישע ענינים, אָבער די אַטמאָספער איז דאָ אַ וואַרעמערע, שמעקט מיטן היימישן מינסק.

דאָס ערשטע אוניווערסיטעט־יאָר איז פאַר דעם יונגן סטודענט געווען זייער אַ שווערס. ווינטער־צייט איז ער קראַנק געוואָרן אויף אַ טיפוס אין אַ גאַנץ שאַרפער פאָרעם. די פאָלגן פונעם טיפוס זענען געווען אַ נירן־קראַנקייט, וואָס האָט אים שוין דערנאָך געמאַטערט זיין גאַנץ לעבן. ווען מע־דעם איז נאָך אַ שוואַכער נאָך דער קראַנקייט געקומען אויף די זומער־וואַקאַ־ציעס אַ היים איז שווער קראַנק געוואָרן זיין מוטער. ס׳איז באַלד קלאָר געוואָרן, אַז איר קראַנקייט איז נישט היילבאַר. דער זון איז נישט אָפגעטראָטן פון דער מוטערס בעט ביז דער לעצטער מינוט. ער שרייבט וועגן דעם אין זיינע מעמואַרן: „דער שטילער טויט פון אַ געליבטן מענטשן — דאָס איז ווי אַ פייערלעכער גאָטסדינסט, און דער וואָס שטייט אַלס שטומער עדות ביים טויטנבעט — דער שפּירט די הייליקייט פון טויט, און די גאַנצע ליבע פון גאַנצן לעבן הייבט זיך אויף, ווי אַ כוואַליע פון האַרצן, די גרויסע ליבע און די גרויסע אייביקע דאַנקבאַרקייט.

„און דאַן קומט די גרויסע טעמפּע מידקייט, וואָס לאָזט זיך

אַראָפּ אויפֿן מוח, ווי אַ גרויע כמאַרע, די טעמפּע מידקייט פֿון אַ גרויסן אומגליק: די מאַמע איז ניטאָ!

ס׳איז געשען. מען האָט פֿאַרלאָרן דאָס טייערסטע, וואָס מען האָט געהאַט אויף דער וועלט — און מען לעבט ווייטער...״ („פֿון מיין לעבן״, ערשטער באַנד, זז׳ 148־149).

דאָס לעבן גייט ווייטער, און די יונגע יאָרן פֿאַרהיילן די ווונדן. ס׳גייען אַריבער חדשים און דער יונגער בחור, וואָס פֿלעגט זיך פֿריִער בעת סטודענטישע פֿאַרזאַמלונגען באַהאַלטן אין אַ ווינקל, איז איצט געוואָרן אַ טיפּישער סטודענט, וואָס פֿילט זיך שוין היימיש אין די אודיטאָריעס און אויף די סטודענטישע דיסקוסיעס. צו יענער צייט איז די סטודענטנשאַפֿט געווען אַרומגערינגלט מיט אַן אַטמאָספֿער פֿון אַלגעמיינער סימפּאַטיע, און יעדער סטודענט האָט זיך באַמיט צו פֿאַרציִען וואָס לענגער זיינע פֿרייע סטודענטישע יאָרן.

מעדעם האָט געוואָרפֿן דעם מעדיצינישן פֿאַקולטעט און איז אַריבער אויפֿן יורידישן; מען האָט דאָרטן אַ חוץ די יורידישע לימודים געלערנט אויך סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן, צו וועלכע עס האָט מעדעמען וואָס ווייטער אַלץ מער געצויגן. דער אוניווערסיטעט איז אין יענע יאָרן געווען אַ נעסט פֿון ראַדיקאַליזם און אַ לאַבאָראַטאָריע פֿון געזעלשאַפֿטלעכן געדאַנק. די ליידנשאַפֿטלעכע וויכוחים צווישן די „נאַראָדניקעס״ און די מאַרקסיסטן האָבן לעבעדיק אינטערעסירט די דעמאָלטיקע סטודענטנשאַפֿט. מעדעם האָט באַזוכט די דיסקוסיעס, אַ סך געלייענט און געזוכט זיין אייגענעם וועג. דאָס געפֿיל האָט אים געצויגן צו די „נאַראָדניקעס״: ער האָט זיך דאָך דערצויגן אויף דער רוסישער ליטעראַטור, וועלכע האָט געוועקט מיטגעפֿיל צום גרויען רוסישן פּויער. אָבער ביסלעכווייז, שטודירנדיק די געזעלשאַפֿטלעכע וויסנשאַפֿטן, צוהערנדיק זיך צו די אַרגומענטן פֿון די דיסקוטאַנטן, לייענענדיק די אַרטיקלען פֿון פּלעכאַנאָוו־בעלטאָוו און לענין־אילין, הייבט אָן דער יונגער מעדעם אַלץ מער צו שפּירן דעם כוח פֿון דער אייזערנער לאָגיק פֿון מאַרקסיזם. די אַמאָליקע נאַיווע פֿאַרשטעלונגען וועגן סאָציאַליזם און רעוואָלוציע זענען פֿאַרשוווּנדן און זיין באַציִונג צו סאָציאַלע פּראָבלעמען איז געוואָרן אַלץ מער רייף און פֿאַרטיפֿט.

אייניקע פֿון מעדעמס חברים האָבן זיך באַטייליקט אין דער אונטערערדישער אַרבעט. יאַשאַ קאַפּלאַן, זיין חבר נאָך פֿון דער גימנאַזיע, וואָס האָט איצט געוווינט מיט אים צוזאַמען, האָט געהאַט געוויסע פֿאַרבינדונגען אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן. זייער באַשיידן סטודענטיש צימערל אויף קרעשטשאַטיק, פֿול פֿאַרלייגט מיט ביכער און צייטונגען, האָט אָפֿט געדינט אַלס אָרט אויף צו באַהאַלטן אומלעגאַלע ליטעראַטור און אויף איבערצונעכטיקן פֿאַר געהיימפֿולע, שווייגנדיקע געסט, וועגן וועלכע מען האָט קיין מאָל נישט געוווּסט פֿון וואַנען זיי קומען און וווהין זיי פֿאַרשווינדן. איין מאָל האָט ביי זיי גענעכטיקט איינער אַן ערנסטער מענטש

מיט אַ געדיכטער שוואַרצער באָרד, וואָס האָט געהאַלטן אין איין סודען זיך מיט קאַפּלאַנען. ביי איינעם אַזאַ מין געהיימען שמועס האָט ער אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „בונד", וואָס האָט פאַר מעדעמען געקלונגען דעמאָלט מאָדנע אומבאַקאַנט. ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום האָט זיך מעדעם דערוווּסט, אַז יענער געהיימנישפולער גאַסט איז געווען מאַרק ווילטער, וואָס האָט אַ געוויסע צייט געאַרבעט אין דער אומלעגאַלער בונדישער דרוקעריי. נאָכן דורכפאַל אין יאָר 1898 האָט ער זיך באַהאַלטן ערגעץ ווו הינטער קיִעוו אונטער אַן אַנדער נאָמען, און געאַרבעט אין דער אומלעגאַלער דרוקעריי פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. דאָס צימערל פון די צוויי יונגע סטודענטן איז געווען פאַר אים דאָס אָרט, ווו ער פלעגט זיך באַגעגענען מיט פאָרשטייער פון קיִעווער קאָמיטעט. דער דאָזיקער קאָמיטעטשיק — אַ קליינוווּקסיק מענטשל, וואָס פלעגט געוויינלעך זיך שושקען מיט ווילטערן, איז אין יאָרן אַרום געוואָרן באַרימט: דאָס איז געווען דער באָלשעוויסטישער טוער אוריצקי, וועלכן מען האָט אין 1918 דערהרגעט אין פעטראָגראַד.

קאַפּלאַן האָט זיך באַמיט אַריינצוציִען מעדעמען אין דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבעט, אָבער מעדעם האָט זיך פון דעם קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט: ער האָט געפילט, אַז ער אַליין איז נאָך ווייט נישט פאַרטיק מיט אַ סך וויכטיקע פּראָבלעמען, אַז ער מוז נאָך אַ סך שטודירן. גאַנץ אַנדערש אָבער איז געווען מיט דער סטודענטישער באַוועגונג: דאָרטן האָט זיך נישט געפאָדערט קיין טעאָרעטישע צוגרייטונג. האָט זיך מעדעם מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער דאָזיקער סטיכיע, וואָס האָט געברויזט אין די אוניווערסיטעט־אוידיטאָריעס און געדראָט זיך אַרויסצורייסן אין דרויסן.

די רעגירונגס־קרייזן האָבן מיט גרויס אומרו נאָכגעשפּירט דעם וווּקס פון די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען צווישן דער סטודענטנשאַפט. צום סוף פון די ניינציקער יאָרן איז פאָרגעקומען אַ שאַרפע ענדערונג פון קורס: מען האָט ליקווידירט די אוניווערסיטעט־אויטאָנאָמיע און מען האָט איינגעפירט ספּעציעלע אינספּעקטאָרס, וואָס האָבן געדאַרפט נאָכשפּיאָנירן די „קראַמאָלניקעס". דאָס האָט נאָך מער אויפגערעגט די סטודענטנשאַפט. דער לעצטער טראָפּן, וואָס האָט פאַרפולט דעם בעכער איז געווען דאָס, וואָס מען האָט אין פעטערבורג, דעם 8טן פעברואַר 1899 פונאַנדערגעטריבן אַ פרידלעכע סטודענטישע דעמאָנסטראַציע און אַכזריותדיק צעשלאָגן די אָנטיילנעמער. די ערשטע וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אויף דער דאָזיקער געשעעניש, זענען געווען די סטודענטן פון קיִעווער אוניווערסיטעט: זיי האָבן דערקלערט אַ שטרייק. ס'איז געווען דער ערשטער פאַל אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַז אַ געזעלשאַפטלעכער פּראָטעסט זאָל אָננעמען די פאָרעם פון אַ שטרייק. דאָס גאַנצע אוניווערסיטעט־לעבן איז גע־

װאָרן פּאַראַליזירט; די פּראָפֿעסאָרן זענען געװען געצװוּנגען אָפּצושטעלן די לעקציעס. דער קיִעװער אוניװערסיטעט איז געװען דער סיגנאַל־געבער פֿאַר דער גאַנצער באַװעגונג, װאָס האָט אַרומגעכאַפּט אַלע העכערע לערנאַנשטאַלטן פֿון רוסלאַנד. דער שטרייק האָט געדויערט עטלעכע חדשים; ס׳האָט מיט אים אָנגעפֿירט דער סטודענטישער קאָמיטעט; אין דעם דאָזיקן קאָמיטעט איז אויסגעװײלט געװאָרן דער סטודענט פֿון צװײטן קורס װלאַדימיר מעדעם.

צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן האָט דער יונגער מעדעם דערשפּירט אין זיך די פֿרייד פֿון קענען אַרײַנװאַרפֿן זיך אין דער ברױזנדיקער געזעלשאַפֿטלעכער סטיכיע. דער באַװוּסטזײַן, אַז אין רוסלאַנד שטרייקן דרײַ־סיק טױזנט סטודענטן, איז געװען אַן אומאויסשעפּלעכער קװאַל פֿון מוט און דערהייבונג. ס׳האָט אַלץ אויסגעזען יום־טובדיק: סײַ די טאָג־טעגלעכע זיצונגען פֿון קאָמיטעט, סײַ דאָס דרוקן אויף אַ העקטאָגראַף די בולעטענס, און באַזונדערס — די רױשיקע פֿאַרזאַמלונגען פֿון די סטודענטן אין דער גרעסטער אױדיטאָריע. אין דער סטודענטישער סביבה האָבן זיך דעמאָלט אַרױסגערוקט אַ גאַנצע רײ אױסגעצייכנטע רעדנער און ענערגישע אָרגאַ־ניזאַטאָרן; אָבער דאָס װערטפֿולסטע אין דעם איז געװען, װאָס טױזנטער יונגע הערצער איבערגעפֿולטע מיט ענטוזיאַזם האָבן געקלאַפּט צוזאַמען.

אײן מאָל, װען די מיטגלידער פֿון קאָמיטעט זענען געקומען צום אוניװערסיטעט — האָבן זײ געפֿונען די טױערן פֿאַרמאַכט, לױט דער פֿאַר־אָרדענונג פֿון דער אַדמיניסטראַציע. דעמאָלט האָט דער קאָמיטעט באַ־שטימט צו מאַכן אַ פֿאַרזאַמלונג אונטערן פֿרײַען הימל אויפֿן פּלאַץ בײַם אוניװערסיטעט. דער באַשלוס איז אָנגענומען געװאָרן אין אָװנט, אויף מאָרגן אין דער פֿרי, װען עס האָבן זיך אויפֿן פּלאַץ פֿאַרזאַמלט עטלעכע הונ־דערט סטודענטן, האָבן זיך באַלד באַװיזן סאָלדאַטן מיט די בלױזע שװערדן, האָבן אַרומגערינגלט דעם עולם, און די בונטאָװשטשיקעס אָפּגעפֿירט אין טורמע אַרײַן.

מיט אַ געפֿיל פֿון שטאָלץ האָט מעדעם אַריבערגעטראָטן דעם שװעל פֿון טורמע־קאַמער. די טורמע איז פֿול געװאָרן מיט יוגנט. יעדן טאָג פֿלעגן צוקומען נײַע אַרעסטירטע. דער אומעטיקער, אָפּגעלאָזענער טורמע־בנין האָט זיך פֿאַרװאַנדלט אין אַ סטודענטישער הײם, פֿאַרפֿולט מיט אַ טומלדיקן זינגעדיקן המון. דער אַרעסט איז געװען אַ קורצטערמיניקער: מען האָט די יונגע בונטאָװשטשיקעס געמאָלדן, אַז זײ װערן אויסגעשלאָסן פֿון אוני־װערסיטעט און מען שיקט זײ צוריק אין זײערע הײמשטעט אונטער פּאָליצײַישער אױפֿזיכט. מיט אַ טשעמאָדאַן אָנגעשטאָפּט מיט ביכער איז מעדעם אַרײַן אין צוג, װאָס האָט געפֿירט צו דער צפֿון־מערב־געגנט, צו מינסק . . .

אין די געטאָ־געסלעך

ווידער אין מינסק, ווידער אין דער היים. אַלץ איז דוכט זיך ווי געוועזן: די זעלבע קלויסטער־גלעקער קלינגען יעטוועדן זונטיק, די זעלבע מיליטערישע מאַרשן שפּילט דער אָרקעסטער אין שטאָטישן גאָרטן. מער־נישט דער בלאָנדער יונגער מאַן מיטן בלייכן לענגלעכן געזיכט איז שוין ניט מער יענער זאָרגלאָזער יינגל פון אַ מאָל. עפּעס אַ געהיימע קראַפט ציט אים אַלץ אָפטער און אָפטער פון זיין געמיטלעכער דירה צו די שטויביקע אָרעמע געסלעך פון יידישן קוואַרטאַל. ער שפּרייזט פאַרטראַכ־טערהייט איבער די צעבראָכענע און דורכגעפוילטע טראָטואַרן — פאַרביי די קרומע איינגעהויקערטע הייזקעס. מאָגערע, בלאַסע יידישע קינדער שפּילן זיך אויף דער שטויביקער גאַס, ציגן מיט איינגעפאַלענע זייטן צופּן פויל דעם געלבלעכן גראָז. די בלינדלעכע פענצטערלעך שטייען אויפ־געפּראַלטע; מאָטערנדיק לאַנג איז דער זומערדיקער אַרבעטס־טאָג אין דעם קעלער־שטיבל פון אַ שוסטער, וואָס זיצט איינגעהויקערט איבער זיין קאָפּול, אין דעם ענגן בוידעם־שטיבל, ווו עס קלאַפּט טעמפּ אַ זאָקן־מאַשין, אין אַ פאַבריק־געביידע, פון וואַנעט עס טראָגט זיך דער שטינקנדיקער ריח פון געווייקטן לעדער און פון די אויפגעהאַנגענע צום טריקענען בינטלעך חזיר־האָר.

פון איינעם אַ פענצטער טראָגט זיך אַ ליד: דאָס ציִען די שניידער־געזעלן די מעלאָדיע פון דער אַלטער „שבועה". דער יונגער מאַן מיטן אויסגעגייטן העמדל אונטער זיין סטודענטישער טוזשורקע פאַרשטייט בלויז געציילטע ווערטער, אָבער וואָס פאַר אַ כוח עס פילט זיך אין אָט דעם פייערלעכן „שבועה"־ליד! פון דעם צווייטן אַנטקעגנדיקן פענצטערל הערט זיך אַ מאָנאָטאָנער, אומעטיקער געזאַנג: דאָס לערנען יידישע קינדער אין אַ חדר אַ פּרשה חומש מיט רשי. און עס גיסן זיך צוזאַמען די ביידע ניגונים פונם ווייטן אַמאָל און פון דער צוקונפט און דרינגען אַריין אין דער נשמה.

לאַנג נאָך האַלבער נאַכט ברענט דעמאָלט אויפן שרייבטיש אין מעדעמס איינזאַמען צימער דער לאָמפּ מיטן גרינעם אַבאַזשור. דאָס ליכט פאַלט אויפן אויפגעעפנטן באַנד פון „קאַפּיטאַל". מיט טיפער אינערלעכער התפּעלות לייענט מעדעם דאָס בוך, וואָס פאַרכאַפּט אים נישט בלויז מיט זיין אינטעלעקטועלער נאָר אויך מיט זיין קינסטלערישער שיינקייט.

„ס'איז געוועזן אַן אמתע הנאה — שרייבט מעדעם אין יאָרן אַרום — נאָכצוגיין דעם גאַנג פון דעם דאָזיקן געניאַלן געדאַנק, זען ווי עס לייגט זיך אַ שטיין אויף אַ שטיין, ווי איין טייל וואַקסט אַרויס פון דעם צווייטן, פלעכט זיך צוזאַמען, שפּרייט זיך פונאַנדער און הייבט זיך אויף אַלץ העכער און העכער צום נייטיקן אויספיר" (זע „פון מיין לעבן", ערשטער באַנד, זייט 190).

לאַנגזאַם און שטיל ציִען זיך די זומערדיקע טעג, איבערלאָזנדיק אין דער נשמה דעם אומעטיקן ניגון פֿון אַ פֿאַלקסליד, די גלענצנדיקע פֿאַרמולירונגען פֿון אַ דענקער־סאָציאַליסט. די קערנדלעך, די דעמאָלט פֿאַרזייטע, וועלן זיך אויסוואַרעמען אין דער טיף און וועלן שפּעטער אַרויס־שפּראָצן אין דער קלאָרער ריטמישער שפּראַך פֿון די צוקונפֿטיקע אַר־טיקלען און רעדעס...

צו גלייך מיטן „קאַפּיטאַל” פֿון קאַרל מאַרקס האָט זיך באַוויזן אויף מעדעמס שרייבטיש נאָך אַ בוך, וועלכער איז געווען ביי אים פֿאַרבונדן מיט אַזוי פֿיל קינדערשע דערינערונגען — זיין טאַטנס ביבל. נאָך זייענדיק אין גימנאַזיע האָט שוין מעדעם געהאַט גוט אָפּגעשאַצט דעם גרויסן קינסט־לערישן ווערט פֿון אָט דעם בוך, אָבער איצטער האָט זיך אים פֿאַרגלוסט איבערצולייענען די ביבל אין אָריגינאַל. זיין רבי איז געוואָרן דעם קרע־מערס זון מיט וועלכן ער האָט זיך געהאַט געהברט אין די קינדער־יאָרן, דער פֿלינקער בחורל איז אָבער געווען אַ גאַנץ שוואַכער פּעדאַגאָג און מעדעם האָט בלויז באַוויזן אויסצולערנען זיך ביי אים דעם אַלף־בית.

אין זיינע וואַנדערונגען דורך די אָרעמע יידישע גאַסן פֿון מינסק פֿלעגט מעדעמען אָפֿט באַגלייטן זיין נייער פֿריינד איסאַק טיומין, אַ מענטש מיט אַ געזעלשאַפֿטלעכער רוטין און אַ גוט באַהאַוונטער אין פֿראַגן פֿון יידישן לעבן. איין מאָל אין אַ פֿייכטן אָקטאָבער־אָוונט זענעןביידע פֿריינד אַריין אין אַ שול, וואָס איז געווען איבערגעפֿולט מיט מתפּללים. ס'איז געווען יום כיפּור. מעדעם, וועלכער איז געוווינט געוואָרן צו די האַר־מאָנישע און דעקאָראַטיווע קריסטלעכע ליטורגיעס, איז איבערראַשט געוואָרן פֿון דער אָריענטאַלישער ליידנשאַפֿטלעכקייט און אינטימקייט פֿון דעם יידישן תּפֿילה־טון. יעדער איינער האָט אויף זיין אייגענעם שטייגער זיך אויסגעטענהט מיטן רבונו של עולם, פֿירנדיק מיט אים אַ וויכוח, בעטנדיק און מאָנענדיק, און די אַלע טענות און תּפֿילות האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אין איין שטורמישן און אויפֿטרייסלענדיקן כאָר. מעדעם איז געוואָרן שטאַרק דערשיטערט. אַ מאַסן־עקסטאַז פֿלעגט אים שטענדיק פֿאַר־כאַפּן. די אויסטערלישע מזרח־ניגונים פֿון די יידישע תּפֿילות האָבן נאָך געקלונגען אין זיינע אויערן, ווען ער האָט אויפֿן שוועל פֿון זיין הויז געטראָפֿן די זשאַנדאַרמען, וואָס זענען געקומען אים אַרעסטירן און אַריבער־שיקן אין דער קיִעווער לוקיאַנאָווער טורמע. דער אַרעסט איז געווען אַ קורצער. אין צוויי וואָכן אַרום איז ער געקומען אַהיים.

דערמאָנענדיק זיך שפּעטער אין דעם דאָזיקן פּעריאָד פֿון זיין לעבן האָט מעדעם געהאַלטן, אַז דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן זיין דערנעענטע־רונג צו דער יידישער סביבה. דאָס איז פֿאַרגעקומען ביי אים בהדרגה, טאָג נאָך טאָג, אָן שום אויפֿטרייסלונגען, אומפֿאַרמיידלעך, ווי פֿון זיך אַליין. ווען מעדעם האָט פּרובירט אין 1906 אויפֿקלערן לעסינגען,

און אפשר אויך זיך אַליין, די סיבות וואָס האָבן אים דערפירט צום ייִדנטום, האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט אַ פראַזע: „ס׳האָט זיך פאַרבענקט אַהיים״.

מעדעם אַליין איז, ווי אַלע זיינע חברים פון יענער צייט, געווען קאָסמאָפּאָליטיש געשטימט, אָבער זיין שעפערישער אינסטינקט האָט אַלץ געזוכט אַ באָדן, ווו ער זאָל זיך קאָנען פאַרוואָרצלען. אַזאַ מין באָדן האָט ער געפונען אין די הינטערגעסלעך פונם ייִדישן געטאָ.

אין די גאַסן צו די מאַסן

די געזעלשאַפטלעכע אומצופרידנקייט מיטן צאַרישן רעזשים איז צום סוף פון די ניינציקער יאָרן געגאַנגען מיט צוויי שטראָמען: פון איין זייט — די ראַדיקאַלע רוסישע אינטעליגענץ און פון דער צווייטער זייט — די אַרבעטערשאַפט. די ביידע שטראָמען פלעגן פון צייט צו צייט זיך קרייצן ביז זיי האָבן זיך אין יאָר 1905 צונויפגעגאָסן אין איינעם.

דער גרעסטער נעסט פון דער ראַדיקאַל־אינטעליגענטישער אָפּאָזיציע אין מינסק איז געווען דער קרייז, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום דעם יונגן כעמיקער גריגאָרי גערשוני. שפּעטער איז גערשוני געוואָרן איינער פון די פירער ביי די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן; אין יענע יאָרן האָט ער זיך פאַרנומען, דער עיקר, מיט לעגאַלער קולטור־אויפקלערערישער אַר־בעט. אַן אויסגעצייכנטער אָרגאַניזאַטאָר — איז ער געווען בכוח צו גרופּירן אַרום זיך מענטשן פון פאַרשידענע טיפּן: אין זיין הויז פלעגן אַריינ־קומען ליבעראַלן, נאַראָדניקעס, מאַרקסיסטן, טאָלסטאָווצעס. מעדעם איז געווען דאָרטן אַ היימישער מענטש. באַזונדערס שטאַרק האָבן אים אימ־פּאָנירט מיט זייער ענטוזיאַזם, מסירת־נפש און עקשנות די אַלטע „נאַ־ראָדאָוואָלצעס״, ווי ברעשקאָווסקאַיאַ אָדער קאָוואַליק, וועלכע האָבן שוין געהאַט דורכגעמאַכט קאַטאָרגע; אים פלעגט זיך אָבער אָפט דוכטן, אַז זייער אופן דענקען איז צו קאָנסערוואַטיוו און צו פאַראיינפאַכט.

אין גערשוניס עס־צימער פלעגן ביי אַ גלעזל טיי פאָרקומען הייסע דיסקוסיעס. מען פלעגט שמועסן וועגן דער ראָלע פון דער אינטעליגענץ אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועגן די פאַרשידענע שטרעמונגען פון געזעלשאַפטלעכן געדאַנק. אָבער די גרעסטע וויכוחים פלעגט אַרויס־רופן די פּראָבלעם פון טעראָר. גערשוני אַליין איז געווען אַ שטאַרקער אַנהענגער פון טעראָר; די עלטערע חברים פלעגן זיין אויף זיין זייט. מעדעם פלעגט תמיד אַרויסטרעטן קעגן אינדיווידועלן טעראָר און אַנטקעגנשטעלן אים די ברייטע מאַסן־באַוועגונג. אין זיין מוח האָט געקלונגען די באַרימטע פראַזע פון פּלעכאַנאָוו: „די רוסישע רעוואָלוציע וועט זיגן בלויז ווי אַ רעוואָלוציע פונם אַרבעטער־קלאַס...״

ס׳האָט אים שטאַרק געצויגן צו אַ מאַסן־באַוועגונג; ס׳האָט אים אָבער נישט צו רו געלאָזט די פראַגע, וועלכע איז געווען טיפּיש פאַר יעדן

יונגן אינטעליגענט: ווי דערנעענטערט מען זיך צום אַרבעטער־קלאַס? פֿון וואָס זאָל מען אָנהייבן? די זעלבע פֿראַגע האָט אויך געמאַטערט די צוויי נאָענטסטע חברים זיינע — יאַשאַ קאַפּלאַן און איליאַ ווילענקין.

דער פֿאַרטרעטער פֿון דער מינסקער בונדישער אָרגאַניזאַציע, צו וועמען זיי האָבן זיך געווענדט וועגן דעם, איז געווען אין גרויס פֿאַרלעגנהייט; כדי צו קאָנען טעטיק זיין צווישן די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן מוז מען דאָך קענען ייִדיש. איז אויפֿגעשווומען דער געדאַנק אַריינצופֿירן מעדעמען אין אַ קרייז פֿון קריסטלעכע אַרבעטער. אין מינסק זענען געווען גרויסע אייזנבאַן־וואַרשטאַטן און אייניקע זאַוואָדן, ווו ס'האָבן געאַרבעט אויסשליסלעך פּאָליאַקן און ווייסרוסן. דאָס איז געווען אַ זייער אָפּגעשטאַנענער עלעמענט. זייער פּאַסיווקייט האָט שטאַרק געשטערט די ייִדישע אַרבעטער אין זייער קאַמף פֿאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען. דער „בונד" האָט נישט איין מאָל געהאַט פּרובירט צו פֿירן מיט אייגענע כוחות אַ וועלכע נישט איז פּאָליטישע און קולטור־אויפֿקלערערישע אַרבעט צווישן די קריסטלעכע אַרבעטער. אויף אַלע בונדישע קאָנפֿערענצן איז שטענדיק באַהאַנדלט געוואָרן די פֿראַגע וועגן דער אַרבעט אין דער ניט־ייִדישער אַרבעטער־סביבה. דער סטודענט־סאָציאַליסט, וואָס האָט אַזוי גוט באַהערשט די רוסישע שפּראַך, האָט געדאַרפֿט זיין זייער צוגעפּאַסט פֿאַר אַזאַ מין טעטיקייט. אין דער אמתן אָבער האָט זיך אויסגעלאָזט פּונקט פֿאַרקערט: די אַרבעט צווישן די אָפּגעשטאַנענע און פּאַסיווע קריסטלעכע אַרבעטער, וואָס האָט געפֿאָדערט אַ ספּעציעלן צוגאַנג צו זיי, איז געווען איבער די כוחות פֿון דעם יונגן מעדעמען. ער האָט זיך געהאַט פֿאַרמאָסטן צו פֿירן זיין פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט לויט דעם ראָמאַנטישן שאַבלאָן פֿון די ביכער, אָבער ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ טויבער וואַנט. די אַרבעטער זענען געווען גלייכגילטיק צו די גרויסע וועלט־פּראָבלעמען, זיי זענען געווען פֿאַרטאָן אין זייערע קליינלעכע טאָג־טעגלעכע אינטערעסן, און מעדעם האָט מיט גרויס פֿאַרדראָס זיך געמוזט אָפּזאָגן פֿון זיין ברייט פֿאַרטראַכטן פּלאַן.

צו יענער צייט געהער מעדעמס ערשטער ליטעראַרישער אויפֿטריט. דער בונדישער קאָמיטעט האָט ערב דעם ערשטן מאַי 1900 אים פֿאַרגעלייגט אָנצושרייבן אין רוסיש אַן אויפֿרוף צו די קריסטלעכע אַרבעטער. דער אויפֿרוף איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט טעמפּעראַמענט, בילדעריש אין אַ פּשוטן פֿאָלקס־רוסיש, און דער בונדישער קאָמיטעט האָט אים אָפּגעדרוקט אין נאָמען פֿון אַנאָנימען „מינסקער אַרבעטער קאָמיטעט": די איניציאַטאָרן האָבן מורא געהאַט אָפּצושרעקן דעם פּאָליטיש אָפּגעשטאַנענעם אַרבעטער־עולם. קיין ריכטיקע אומלעגאַלע דרוקעריי איז נאָך דעמסטמאָל אין מינסק נישט געווען. אַרויסגעהאָלפֿן האָט גערשוני, וועלכער האָט אויסגעמייסטרעוועט אַ גוטן העקטאָגראַף. שפּעט ביינאַכט האָט דער יונגער מחבר אַרויסגעטראָגן פֿון גערשונים ווינונג אַ פּעקל פֿרישע פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע ער האָט

באַלד איבערגעגעבן צו איינעם אַ חבר, וואָס האָט זיי געדאַרפט פאַרשפּרייטן. תיכף נאָך דעם, ווי ס'האָט זיך געהאַט באַוויזן דער דאָזיקער אויפרוף האָט די רעדאַקציע פון „וועקער" — אָרגאַן פון בערשטער־בונד — זיך געווענדט צו מעדעמען, ער זאָל אָנשרייבן אַן אַרטיקל פאַר זייער ערשטן־מאַי־נומער. מעדעם האָט אָנגעשריבן צוויי אַרטיקלען (אין רוסיש, פאַרשטייט זיך), וואָס איינער פון זיי האָט געהייסן: „דער ערשטער מאַי און דער סאָציאַליזם", דער צווייטער — „דער ערשטער מאַי און דער פּאָליטישער קאַמף". מיט גרויס האַרצקלאַפעניש האָט דער יונגער מחבר געהאַלטן אין האַנט דעם פרישן אומלעגאַלן נומער „וועקער", אָפּגעדרוקט אויף רויטן פּאַפּיר: ער איז געוואָרן אַ פאַרטיי־שרייבער! אין אַ קורצער צייט אַרום איז מעדעם אָפיציעל אַריין אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע.

אין איינעם אַ צעשטראַלטן מאַי־טאָג האָבן צוויי יונגע לייט געשפּרייזט מיט די שפּאַלן פון דער אייזנבאַן־ליניע אין דער ריכטונג פון אַ וועלדל היינ־טער מינסק: איינער פון זיי — אַ הויכער, אַ בלאָנד־האָריקער און בלוי־אויגיקער, דער צווייטער — אַ קלייניקער, אַ באַוועגלעכער מיט שאַרפע פנים־שטריכן. דאָס זענען געווען מעדעם און קאַפּלאַן. די ביידע חברים זענען געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. זיי זענען צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן געגאַנגען אויף אַן אָפיציעלער זיצונג פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע. די גרופּע, וווּ מעדעם האָט צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן זיין פאַרטיי־קאַריערע, האָט געהייסן אין מינסק „ראַזבאַרקאַ", אין אַנדערע שטעט פלעגט עס הייסן „אַגיטאַטאָרישע סכאָדקע" אָדער „צענטער", אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט מען עס אַ נאָמען געגעבן „קאָלעקטיוו". אין די „ראַזבאַרקעס" פלעגן זיך באַטייליקן דעלעגאַטן פון פאַרשידענע פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס; מעדעם מיט קאַפּלאַנען זענען אַהין קאָאָפּטירט געוואָרן. די העכערע פאַרטיי־אינס־טאַנץ אין שטאָט איז געווען אַ שטרענג־קאָנספּיראַטיווער שטאָטישער קאָ־מיטעט, וואָס פלעגט שיקן צו די זיצונגען פון דער „ראַזבאַרקע" זיינעם אַ פאַרטרעטער. אַרומגערינגלט מיט אַן אָרעאָל פון סודותדיקייט האָט דער קאָמיטעט פאַר אַ געוויינלעכן מיטגליד פאַרגעשטעלט מיט זיך עפּעס לעגענדאַרישס.

די ערשטע קאָנספּיראַטיווע פאַרזאַמלונג אין וועלכער מעדעמען איז אויסגעקומען זיך צו באַטייליקן, האָט זיך אויף לאַנג איינגעקריצט אין זיין זכרון. ס'איז באַהאַנדלט געוואָרן די ברענענדיקע פראַגע וועגן דער באַדיי־טונג פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. דער יונגער בונדיסט האָט צום ערשטן מאָל זיך געהאַט דערוווסט, אַז אין די רייען פון „בונד" קומען פאַר רייבונ־גען צווישן צוויי פאַרשידענע שטרעמונגען. מעדעמען איז שטאַרק געפעלן געוואָרן די רויקע און אינהאַלטסרייכע רעדע פון אַלבערט זאַלקינד, וואָס איז געווען אויף יענער פאַרזאַמלונג דער אָפיציעלער פאַרטרעטער פון דעם

בונדישן קאָמיטעט: זאַלקינד האָט געהאַלטן, אַז די װיכטיקסטע אױפֿגאַבע פֿון טאָג — איז די מאַסן־אַגיטאַציע.

דער נײַ צוגעקומענער אַגיטאַטאָר האָט זיך באַלד מיט לײַב און לעבן אַרײַנגעװאָרפֿן אין דער פּאַרטײ־אַרבעט. אומלעגאַלע טוער האָבן געמוזט האָבן אַן אַנדער נאָמען, אַ „צונעמעניש” — האָט מעדעם אױסגעקליבן דעם פּסעװדאָנים: „מיכאל װיניצקי”. (אַזױ אַרום האָט ער אײַנגעהאַלטן די איני־ציאַלן פֿון זײַן נאָמען און פֿאַמיליע: מ. און װ.). ער האָט זיך זײער גיך אײַנגע־לעבט אין דער נײַער סביבה. די באַדינגונגען פֿון דער אַרבעט, דאָס געפֿיל פֿון שטענדיק דראָענדיקער געפֿאַר, האָבן געשאַפֿן די פּסיכאָלאָגיע פֿון אַ גע־הײמען רעליגיעזן אָרדן, פֿון אַ סעקטע: די פֿאַרבינדונג צװישן אײן חבר און דעם צװײטן איז געװען אַן אינטימע, אַן אמת ברידערלעכע. באַזונדער נאָענט האָט זיך מעדעם באַפֿרײַנדעט מיט דרײַ חברים פֿון דער „ראָזבאָרקע”, װאָס זענען שפּעטער מיט אים אין אײנעם אַרײַן אין דעם שטאָטישן קאָמיטעט. דאָס זענען געװען: דער פֿלאַמיקער אַגיטאַטאָר פּסח (מעזשעװיצקי), דער פֿאַרשטײער פֿון די שוסטער הלל (ראָזענבױם), װאָס האָט זיך אױסגעצײכנט מיט זײַן אױסערגעװײנלעכער גוטסקײט און באַשײדנקײט, און דער פֿאַרשטײער פֿון די בערשטער — מײשקע, אַן אױסגעצײכנטער אָרגאַניזאַטאָר. מעדעם, אַ זון פֿון אַ בורזשואַז־אינטעליגענטער משפּחה, האָט זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט ייִדישע פֿאָלקס־מענטשן, און ער איז נתפּעל געװאָרן פֿון זײער גרױסער גײַסטיקער אױסגעהאַלטנקײט, פֿון זײער מסירת־נפֿשדיקער איבערגעגעבנקײט צו דער אַלגעמײנער זאַך און פֿון זײער פֿעיִקײט צו קאָנען אַריבערטראָגן שװערע לעבנס־לאַסטן. אַ סך פֿון זײ — בחורים און מײדלעך — האָבן פֿאַרמאָגט אין זיך אַן אײגנאַרטיקן אַסקעטיזם, װאָס האָט געװעקט אין מעדעמען דערינערונגען װעגן זײַנע אײגענע יוגנט־איבער־לעבונגען. אָבער אין דעם דאָזיקן אַסקעטיזם איז נישט געװען קײן שום טרוקנקײט און דאָקטרינערישקײט. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט מען אײַנאָרדענען געמײנזאַמע שפּאַצירן אױף שיפֿלעך און ליאַמעס מיט אָרעמען כּבֿוד, אָבער מיט אַ סך לידער און מיט רעדעס. מעדעם האָט זײער ליב געהאַט די דאָזיקע ליאַמעס מיט זײער האַרציקער אַטמאָספֿער. ער האָט ליב געהאַט די לידער, װאָס פֿלעגן דאָרטן געזונגען װערן, באַזונדערס — די אַלטע „שבֿועה” מיט איר נאַיִװן טעקסט, געמישט ייִדיש מיט רוסיש, און אױך דאָס פּאָפּולערע ליד: „אין די גאַסן צו די מאַסן”... די ליאַמעס פֿלעגן, געװײנלעך, פֿאָרקומען אין אײנער אַן אַלטער קרעטשמע הינטער מינסק. דאָס הױז איז געװען ענג, דער נידעריקער באַלקן פֿון בערװינעס איז געלעגן איבערן קאָפּ, אַ קלײן קעראָסין־לעמפּל פֿלעגט קוים־קוים באַלײַכטן די צעפֿלאַמטע פּנימער פֿון די פֿאַרזאַמלטע. גאַנץ אָפֿט פֿלעגט מעדעם האַלטן רעדעס; אין די דאָזיקע רעדעס זענען תּמיד געקומען צום אױסדרוק מעדעמס געדאַנקען װעגן די טאָג־טעגלעכע פֿראַגן פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַװעגונג.

להיפוך צו די מערהייט חברים־פּראַקטיקער, האָט מעדעם שוין אין די ערשטע יאָרן פון זיין טעטיקייט געפילט די באַדערפעניש צו באַנעמען די ווירקלעכקייט, אונטערצופירן סך־הכּלען. און דורך אַלע זיינע טראַכטונגען איז ווי אַ רויטער פאָדעם דורכגעגאַנגען דער נאָך נישט אין גאַנצן בולטער, אָבער עקשנותדיקער געדאַנק וועגן די באַזונדערע אייגנאַרטיקע וועגן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

מיטן אייגענעם וועג

באַלד נאָך דעם, ווי מעדעם איז אַריין אין „בונד" האָט מען אים באַשטימט פאַר אַ מיטגליד פונם שטאָטישן קאָמיטעט. די הויפּט־טוער פונם קאָמיטעט זענען דעמאָלט געווען זשעניע גורוויטש, אַלבערט זאַלקינד און באַריס פרומקין. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט זיך דער באַשטאַנד פונם קאָמיטעט געענדערט. ס'איז פאַרבליבן פון דער „אַלטער גוואַרדיע" נישט מער, ווי באַריס פרומקין — אַ גוטמוטיקער, קרענקלעכער מענטש, וואָס האָט באַלד צוגעצויגן צו זיך די יונגע חברים מיט זיין שכל און מיט זיין גוטסקייט.

מעדעם אַליין האָט אין דער מאַסן־אַרבעט זיך ניט געקאָנט באַטייליקן ווייל ס'האָט אים נאָך געפעלט די יידישע שפּראַך. און אַחוץ דעם האָט ער צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים זיך ניט געדאַרפט וואַרפן צופיל אין די אויגן. דערפאַר אָבער איז ער געווען טעטיק אויף אַנדערע געביטן. אין האַרבסט 1900 האָט די מינסקער אָרגאַניזאַציע אַנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג „דער מינסקער אַרבעטער". מעדעם איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער רע־דאַקציע. בעת מען האָט באַהאַנדלט דעם אינהאַלט פונם ערשטן נומער, איז פאָרגעקומען אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד. פרומקין האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן די אויפגאַבן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און אירע אָרגאַ־ניזאַציאָנעלע פאָרמען. מעדעם האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער דאָזיקער טעמע, ווייל לויט זיין מיינונג, וואָלט זי אָפּגעשראָקן דעם מאַסן־לייענער, וואָס נייטיקט זיך אין אַ פשוטן דורכשמועסן זיך וועגן זיינע טאָג־טעגלעכע נויטן און אויפגאַבן. האָט ער אָנגעשריבן אַ פּאָפּולערן אַרטיקל „דער ווינטער קומט", אין וועלכן ער האָט געשילדערט די גרויסע נויטן און זאָרגן, וואָס דער ווינטער ברענגט פאַר דעם אַרבעטער. פאַר דעם צווייטן נומער „דער מינסקער אַרבעטער" האָט ער אָנגעשריבן נאָך איינעם, אַ פּאָפּולערן און האַרציקן אַרטיקל וועגן אַרבעטס־טאָג. דיביידע אַרטיקלען מעדעמס האָבן באַלד געפונען אַ הייסן אָפּקלאַנג אין די אַרבעטער־קרייזן.

אַן איינגעדריקטע אין שרויף פון די רעפּרעסיעס האָט די באַוועגונג געברויזט, צעשטערנדיק די מניעות און שאַפנדיק אירע אייגנאַרטיקע פאָר־מען. גייענדיק אין די אָוונטן איבער דער הויפּטגאַס פון שטאָט האָט מעדעם געקוקט מיט קנאה אויף די מאַסאָוויקעס־אַגיטאַטאָרן, וואָס פלעגן אַרומ־לויפן הין און צוריק איבערן ברייטן טראָטואַר, וואָס איז אָנגעפילט געווען

מיט אַ געדיכטער גרויער מאַסע פֿון יידישע אַרבעטער. דאָס איז געווען די בונדישע „בירזשע“, דער אייגנאַרטיקער גאַסן־קלוב, אָדער טרעפֿפּונקט, וווּ מ׳האָט זיך פֿון מויל צו מויל איבערגעגעבן פֿאַרשידענע ידיעות, וווּ עס זענען פֿאַרשפּרייט געוואָרן אויפֿרופֿן, וווּ מען האָט זיך דערוווּסט די ערטער און טערמינען פֿון די אומלעגאַלע פֿאַרזאַמלונגען און עס זענען אין קליינע גרופּן באַהאַנדלט געוואָרן די לויפֿנדיקע געשעענישן. פֿאַר אַן אינטעליגענט און נאָך מיט אַזאַ סלאַווישן אויסזען ווי מעדעם איז צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים נישט מעגלעך געווען צו באַווייזן זיך אויף דער בירזשע צווישן המון פֿון אָפּגעריסענע מענטשן און אויסגעמאַטערטע פּנימער. אָבער בעת מעדעם פֿלעגט מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיקייט פֿאַרבייגיין פֿאַרביי דער דאָזיקער אויפֿגערודערטער מאַסע פֿלעגט אים יעדעס מאָל אַרומכאַפּן איר הייסער אָטעם.

צוקוקנדיק זיך צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, פֿלעגט זיך מעדעם אָפֿט פֿאַרטראַכטן וועגן אירע אייגנאַרטיקע וועגן. ער האָט געזען, אַז די אַרבעט פֿון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך ניט לאַנג צוריק (מערץ 1898) געגרינדעט, האָט געליטן פֿון דעם וואָס די אינטעליגענץ איז געווען אָפּגעריסן פֿון די מאַסן. ער האָט גוט נאָכגעפֿאָלגט דעם קאַמף צווישן די אַזוי גערופֿענע „עקאָנאָמיסטן“ מיט די אָנהענגער פֿון אַקטיוון פּאָליטישן קאַמף. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז זיך געגאַנגען מיט איר אייגענעם וועג און דער טיפּישער רוסיפֿיצירטער אינטעליגענט מעדעם האָט עס געפֿילט מיט אַלע זיינע חושים.

זומער־צייט 1900, ווען די מיטגלידער פֿון דער „ראַזבאָרקע“ האָבן געמאַכט אַ שפּאַציר אויף אַ שיפֿל, האָט מעדעם, שטייענדיק און אָנהאַלטנדיק זיך אין דעם רודער, געהאַלטן אַ רעדע אויף אַ טעמע, אויף וועלכער ער האָט דעמאָלט אַ סך געטראַכט. ער האָט געזאָגט: „די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג ווערט היינט צו טאָג פֿאַרשפּרייט „פֿון אויבן אַראָפּ“. זי שטאַמט פֿון די אויבערשטע פֿון שטויסל... די אינטעליגענץ לאָזט זיך אַרונטער צו די מאַסן און וויל איר איבערגעבן אירע אידעען, ווי זיי גייען און שטייען. דאָס איז אָבער ניט דער ריכטיקער וועג. אַן אַרבעטער־באַוועגונג קען ניט באַשאַפֿן ווערן פֿון אויבן אַראָפּ. זי מוז אַליין אויסוואַקסן פֿון אונטן אַרויף. פֿון די טיפֿענישן פֿון די אַרבעטער־מאַסן און פֿון דעם אַרבעטער־לעבן! אָט דאָס איז די אמתע, די קערנדיקע, די ממשותדיקע באַוועגונג. די אויפֿגאַבע פֿון די אינטעליגענטע אָנפֿירער איז נאָר צו באַלייכטן אָט דעם דאָזיקן גרויסן שטראָם, מאַכן אים קלאָרער, אָפּרייניקן דעם וועג, העלפֿן, דינען“ (זע „פֿון מיין לעבן“, ערשטער באַנד, זז׳ 219־220).

מעדעם האָט מיט פֿרייד קאָנסטאַטירט, אַז אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז נישט פֿאַראַן קיין ריס, נישט צווישן דער אינטע־

ליגענץ און דער מאַסע און נישט צווישן דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף. דער „בונד" האָט זיך טיף איינגעוואָרצלט אין דער סאַמע געדיכטע־ניש פון דער ייִדישער אַרבעטער־מאַסע און האָט געשטרעבט צו אָרגאַניזירן זי אויפן באָדן פון אירע נויטן, די צווייטע אויפגאַבע איז געווען צו אַנט־וויקלען ביי די מאַסן דעם סאָציאַלן באַוווסטזיין. דאָס לעבן אַליין האָט בולט באַוויזן, ווי ענג ס'איז פאַרבונדן די עקאָנאָמיק מיט דער פּאָליטיק. דער מאַסן־כאַראַקטער פון דער באַוועגונג איז געווען די כאַראַקטעריסטישע אייגנ־אַרטיקייט פון „בונד". די צווייטע אייגנאַרטיקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער „בונד" איז געווען אַ ייִדישע באַוועגונג. אין יענער צייט האָט נאָך דער „בונד" נישט געהאַט זיין נאַציאָנאַלע פּראָגראַם. ס'איז נאָך געווען די צייט פון זוכענישן און בלאָנדזשענישן אין דער פינצטער. דער ערשטער פּרווו צו פאָרמולירן אַ נאַציאָנאַלע פּראָגראַם איז געמאַכט געוואָרן אויף דעם 4טן צוזאַמענפאָר פון „בונד" אין אַפּריל 1901. מעדעם איז דעמאָלט געזעסן אין טורמע, און מיט די רעזאָלוציעס פון צוזאַמענפאָר האָט ער זיך באַקענט ערשט אין אויסלאַנד. אין האַרבסט 1900 האָט נאָך מעדעם געהאַט אַ סך ספקות וואָס שייך דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ווען קאַפּלאַן האָט אים איין מאָל אַ פרעג געטאָן, צי ער האַלט די ייִדן פאַר אַ נאַציע, האָט ער אויף דעם ניט געקאָנט געבן קיין באַשטימטן ענטפער. ערשט אין עטלעכע חדשים אַרום, ווען ער איז צוזאַמען מיט חברים געזעסן אין מינסקער טורמע, האָט ער דאָרטן פּרובירט באַגרינדן די אייגנאַרטיקייט פון דער בונדישער באַ־וועגונג דורך דער ספּעציפישער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון די ייִדישע מאַסן, שטיצנדיק זיך דערויף, וואָס דער ייִדישער אַרבעטנדיקער עלעמענט באַשטייט דאָס רוב פון אַרבעטער אין קליינע פאַבריקן און וואַרשטאַטן, אָדער פון זעלבשטענדיקע האַנטווערקער. צוויי כּוחות, האָט מעדעם געזאָגט, טרייבן דעם ייִדישן אַרבעטער צום „בונד", פון איין זייט — דער קלאַסן־באַוווסטזיין און פון דער צווייטער זייט — די אָנגעהעריקייט צום ייִדישן פאָלק.

צו יענער צייט האָט שוין מעדעם פאַרקערט אויסשליסלעך אין דער ייִדישער סביבה. ער פלעגט שרייבן זיינע אַרטיקלען אין רוסיש, אָבער די ייִדישע שפּראַך פלעגט אים ווערן אַלץ מער פאַרשטענדלעכער און נעענטער. ס'איז אים איין מאָל אויסגעקומען צו הערן פאָרלייענען פּרצעס דער־ציילונג „דאָס קראַנקע ייִנגל", וואָס האָט געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק. אין די פרייטיקדיקע אָוונטן פלעגט ער ליב האָבן צו שפּאַצירן מיט טיומינען אין די אָרעמע הינטער־געסלעך און צוקוקן זיך צום וואַרעמען אָפּ־גלאַנץ פון די שבת־ליכט אין די עלנטע הייזקעס. דערמאָנענדיק זי דמיט יאָרן שפּעטער אָן דעם דאָזיקן פּעריאָד פון זיין לעבן, האָט מעדעם גע־שריבן: „איך האָב שטאַרק געפילט דעם אייגנאַרטיקן חן פון דעם שטילן פרייטיק־צו־נאַכט, און כ'האָב דערשפּירט אין זיך יענע ראָמאַנטישע צוגע־



אויבן רעכטס: מעדעם צו 17 יאָר; צענטער: מעדעם אַלס סטודענט אין קיִעוו; אונטן רעכטס: מעדעם אַלס אויסגעשלאָסענער סטודענט; אונטן לינקס: מעדעם אַלס עמיגראַנט אין בערן, שווייץ.

בונדנקייט צו דער גרויער יִדישער פֿאַרגאַנגענהייט, יענע װאַרעמע אינטימע נאָענטקייט, װאָס מען האָט נאָר צו אַן אייגענער פֿאַרגאַנגענהייט... אָבער דאָס דאָזיקע געפֿיל איז ביי מיר שטענדיק געבליבן צונויפֿגעװאָקסן מיט אַט די קליינע הייזלעך אין די שטילע גאַסן פֿון אַ ליטװישן שטעטל. מיין סענ־טימענט צו דעם יִדנטום איז שטענדיק געװען... אַ „גלות"־געפֿיל... און איך מיין, אַז דאָס איז גראָד אַ סימן דערפֿון, װאָס מיין יִדישקייט איז טאַקע אַ קערנדיקע לעבנס־יִדישקייט און ניט קיין ליטעראַרישע איינריי־דעניש" (זע „פֿון מיין לעבן", ערשטער באַנד, ז' 233).

דער פּראָצעס װאָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט יאָרן צוריק האָט זיך פֿאַרענדיקט. בעת מען האָט אים אין דער „אָכראַנע" געגעבן אויספֿילן אַ פֿרעגבויגן, האָט מעדעם אָן שום װאַקלעניש אין דער רובריק „נאַציאָ־נאַליטעט" אַריינגעשריבן דאָס װאָרט „יִיד".

אַ ריי נסיונות

קורץ פֿאַר זיין אַרעסט, סוף 1900, האָט מעדעם אָנגעשריבן אויף דער צװייטער זייט פֿון זיין פֿאָטאָגראַפֿיע, װאָס ער האָט געשענקט זיינער אַ יוגנט־חברטע, די ערשטע שורה פֿון אַ ליד, װאָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די װערטער: „אין די דאָזיקע ליכטיקע טעג"... און װירקלעך איז די פֿינס־טערער תּקופֿה, ניט געקוקט אויף די אַלע געפֿאַרן, פֿאַרבליבן ביי אים אין זכרון, װי די ליכטיקע צייט פֿון יונגע זוכענישן. אויך דעמאָלט פֿלעגט זיך טרעפֿן, אַז ער פֿלעגט אַריינפֿאַלן אין מעלאַנכאָלישע געדאַנקען: אין איינעם פֿון אַזעלכע מאָמענטן האָט מעדעם געערעדט אויף אַ „ליאַמע" װעגן דעם שװערן גורל פֿון אַ רעװאָלוציאָנער, װעלכער איז געגליכן צו אַ קראָט: ער גראָבט אין דער פֿינצטער אונטערערדישע גענג, בעת ביים אַרויסגאַנג פֿון דעם לאַנגן לאַנגן פֿינצטערן קאָרידאָר דערזעט ער נישט מער, װי דאָס בלינצלען פֿון אַ קליינעם נצחון פֿייערל... דאָס זענען אָבער געװען ביי אים ניט מער, װי צופֿעליקע שטימונגען. דער גרונט־טאָן פֿון זיין לעבן איז געװען דער גלויבן אין דער צוקונפֿט. מעדעם איז געװען יונג צו יענער צייט און יונג זענען געװען זיינע פֿריינד און יונג די באַװעגונג, װעלכער ער האָט אָפּ־געגעבן זיינע כּוחות. דעריבער האָט יעדע זיצונג אין דעם הינטערשטאָ־טישן װעלדל, יעדער ניי איבערגעלייענט בוך, יעדע פֿריש־אָפּגעהעקטאָ־גראַפֿירטע פּראָקלאַמאַציע אָנגעפֿילט זיין נשמה מיט נייעם מוט. דער פֿאַר־געפֿיל פֿון די נסיונות, װאָס האָבן געשװעבט איבער זיין קאָפּ, האָבן אים גע־צװונגען איבערצולעבן נאָך שאַרפֿער און אינטענסיװער דאָס אַלץ, װאָס דאָס לעבן האָט אים געשאָנקען...

אין נאָװעמבער 1900 האָט זיך מעדעם געדאַרפֿט שטעלן צום פּריזיװ. די דאָקטוירים האָבן אויסגעפֿונען, אַז ער ליידט אויף אַ כראָנישער נירן־

קרענק, וועלכע איז אים פֿאַרבליבן בירושה פֿון דעם דורכגעמאַכטן טיפֿוס. מעדעם האָט געמוזט פֿאַרברענגען צען שווערע טעג אין דעם מיליטערישן לאַזאַרעט צווישן עפּילעפּטיקער און ווילדע משוגעים. ענדלעך האָט די מעדיצינישע קאָמיסיע אָפּגעלייגט זיין מיליטער־דינסט אויף אַ יאָר צייט.

ס'איז געווען דענסטמאָל אַן אומרויקע צייט. די זשאַנדאַרמעריע פֿלעגט אַרעסטירן אויף רעכטס און אויף לינקס. מעדעם האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זיינע פֿרייהייטס־טעג זענען געציילטע. ער האָט זיך דעריבער ניט געוווּנדערט, ווען ער האָט איינמאָל שפּעט ביינאַכט, אומקערנדיק זיך אַהיים, געטראָפֿן ביי זיך פּאָליציי. פֿון דער מינסקער טורמע האָט מען אים אַריבערגעפֿירט קיין מאָסקווע, ווו ס'איז דעמאָלט געווען דער צענטראַלער זאַמלפּונקט פֿאַר אַלע אַרעסטירטע אין דער צפֿון־מערב־געגנט, און אַריינגעזעצט אין דער טאַגאַנ־קער טורמע.

ביז דעמאָלט איז מעדעמען אויסגעקומען צו זיצן קליינע טערמינען אין די אַלגעמיינע קאַמערן מיט נאָך אַנדערע חברים. דאָ אָבער, אין טאַגאַנקע, האָט מען אים אַריינגעזעצט אין אַן איינצל־קאַמער. אַן אַרעסטירטער, וואָס טרעט איבער דעם שוועל פֿון דער פֿינצטערער טאַגאַנקער טורמע — דער־שפּירט זיך גלייך ווי אַ פֿליג, וואָס איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ ריזיקן שפּינ־וועבס... די שמאָלע אייזערנע לייטערלעך, וואָס שלענגלען זיך, ווי שרויפֿן, די הענגנדיקע גאַלערייען און בריקלעך האָבן געמאַכט אַן אומהיימלעכן איינדרוק. אויף יעדער גאַלערייע זענען פֿאַראַן אַ סך קליינע אייזערנע טירן מיט קיילעכדיקע לעכער אין דער מיט — דאָס „אייגל״ („גלאַזאָק״). דאָס זענען געווען די טירן פֿון די איינצל־קאַמערן. מעדעמס קאַמער איז גע־ווען זייער קליין. פֿינף טריט אין דער לענג, דריי טריט אין דער ברייט. צו איין וואַנט איז געווען צוגעשרויפֿט אַ שמאָל מעטאַלן ברעטל, וואָס איז געווען דער טיש, ביי דער צווייטער וואַנט — אַ לענגער ברעט — דאָס בעט. אין ווינקל איז געשטאַנען דער ברודיקער עמער די אַזוי גערו־פֿענע „פּאַראַשע״.

ערשט דאָ — דערציילט מעדעם אין זיינע מעמואַרן — האָב איך זיך צום ערשטן מאָל געפֿילט ווי אַן אמתער אַרעסטאַנט, אַ מענטש אָן אַ נאָמען. אַפֿילו דער וועכטער, וואָס שטייט ביי מיין טיר, ווייס נישט, ווי איך הייס. נומער 249 — און מער קיין זאַך ניט! און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער נוד־נער אַרעסטאַנטישער רעזשים: דער גלאָק, וואָס וועקט אויף אין דער פֿרי, דער טשייניק מיטן הייסן וואַסער, וואָס ווערט אַריינגערוקט דורכן קליינעם פֿענסטערל אין דער טיר, די „פּראָווערקע״ (קאָנטראָל), די גרויסע טויטע שטילקייט און די לאַנגע נעכט — דאָס גאַנצע לעבן, ווי אַ לאַנגזאַמער גאַנג פֿון אַ קאָלאָסאַלער פֿעסט איינגעאָרדנטער מאַשין. דער מענטש ווערט פֿאַר־וואַנדלט אין אַ שרייפֿל פֿון דער דאָזיקער מאַשין. דער מענטש איז ניטאָ! ס'איז געבליבן דער נומער, איינער צווישן הונדערטער, אָבער אָפּגעטיילט

פֿון די דאָזיקע הונדערטער מיט די גראָבע שטיינערנע מויערן פֿון זיין שטייג" (זע „פֿון מיין לעבן", ערשטער באַנד, ז' 255).

ווי שווער ס'האָט ניט געדריקט דער גאַנצער אַרום — איז אָבער דער רעזשים אין טורמע גופֿא געווען פֿאַרהעלטנישמעסיק אַ ליבעראַלער. ווי נאָר מעדעם האָט זיך געהאַט אויסגעלערנט דעם טורמע אַלף־בית, האָט ער תּיכף אָנגעהויבן איבערקלאַפּן זיך מיט די שכנים פֿון די איינצל־קאַמערן. גאַטשאַלסטווע האָט בכיוון אַריינגעזעצט אין שכנות מיט די פּאָליטישע — קרימינעלע פֿאַרברעכער, כּדי אַזוי אַרום צו שטערן דעם קאָנטאַקט צווישן די פּאָליטישע, אָבער מען פֿלעגט קלאַפּן אַזוי שטאַרק און ענערגיש, אַז מען פֿלעגט עס דערהערן אַפֿילו אין די ווייטסטע קאַמערן און די וועכטער פֿלעגן זיך מאַכן ניט־הערנדיק. מעדעם האָט זיך שטאַרק באַפֿריינדעט מיט איינעם אַ רוסישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן טוער פֿון יעקאַטערינאָסלאַוו, וועלכער איז געזעסן ניט ווייט פֿון אים. ער פֿלעגט פֿירן מיט אים לאַנגע שמועסן, קלאַפּנדיק אין וואַנט מיט אַ הילצערנעם קליידער־בערשטל. פֿריילינג־צייט, ווען מען האָט אין די קאַמערן געעפֿנט די פֿענצטערלעך — האָבן די אַרעס־טירטע תּיכף אָרגאַניזירט אַ לעבעדיקן בריוו־אויסטויש.

אויפֿן פֿאַרהער איז אויפֿגעקלערט געוואָרן, אַז די באַשולדיקונג איז געווען אַן אומזיניקע: אין באַשולדיקונגס־אַקט איז געווען, אַז מעדעם האָט זיך באַטייליקט אין אַן אוואַנטורע, וואָס די מינסקער בונדיסטן האָבן געמאַכט אויף איינער אַ ציוניסטישער פֿאַרזאַמלונג. אין דער ווירקלעכקייט האָט טאַקע אַ גרופּע בונדיסטן געמאַכט איין מאָל אַ שטורמישע אָבסטרוקציע אויף אַ ציוניסטישער פֿאַרזאַמלונג, אָבער מעדעם האָט צו דעם קיין שייכות ניט געהאַט. די איבעריקע פּונקטן פֿון דער באַשולדיקונג זענען אויך געווען שוואַך באַגרינדעט. דאָך האָט דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער געגעבן דעם אַרעסטאַנט אָנצוהערעניש, אַז עס דראָט אים אַ שווערע שטראָף: סיביר.

מעדעם האָט זיך אומגעקערט אין זיין קאַמער אַ צעבראָכענער. אַלע זיינע פּלענער, וואָס ער האָט געהאַט אויסגעאַרבעט אין די לאַנגע שלאָפֿלאָזע נעכט וועגן זיין ווייטערדיקער טעטיקייט נאָך דער באַפֿרייונג, זענען פּלוצעם צערונען געוואָרן. פֿאַרשיקט ווערן קיין סיביר האָט דאָך באַטייט אָפּגעריסן ווערן פֿון דער משפּחה, פֿון חברים און פֿון דער גאַנצער פֿאַרגאַנגענהייט... ביסלעכווייז אָבער האָט זיך מעדעם איינגעלעבט מיטן געדאַנק וועגן סיביר, אין זיין מוח האָבן געקלונגען די ווערטער פֿון פּאָעט: „ס'איז דער וועג פֿון די בראַווע"... ווי גרויס אָבער איז געווען מעדעמס איבעראַשונג, ווען אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט מען אים אַרויסגערופֿן אין דער מאָסקווער „אָכראַנקע" צו דעם באַרימטן זובאַטאָוון, וועלכער האָט אים געמאָלדן, אַז ער ווערט באַפֿרייט ביזן פּראָצעס אויף ערבות־געלט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מעדעמס ברידער האָבן אויסגענוצט אַלע זייערע

פאַרבינדונגען און זיי האָבן זיך דערשלאָגן, אַז מען זאָל אים באַפרייען צוליב זיין שלעכטן געזונט־צושטאַנד.

באַלד נאָך דעם, ווי מעדעם האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט ער אָנגעהויבן זוכן זיינע חברים. ער האָט זיך דורכגעשפּאַצירט פאַרביי דער „בירזשע", געטראָפן מיישקע דעם בערשטער און אָפּגערעדט צו טרעפן זיך מיט אים ערגעץ אין אַ שטילן ווינקל. די נייס זענען געווען גאַנץ טרויעריקע: די מער אָנגעזעענע טוער זענען געווען אַרעסטירט, די איבע־ריקע האָבן זיך געמוזט באַהאַלטן. זובאַטאָוו איז געלונגען אין מינסק צו דעמאָראַליזירן די אַרבעטער־קרייזן.

מעדעמען האָט שטאַרק געצויגן צו דער אומלעגאַלער אַרבעט, אָבער די שפּיאָנען פלעגן אים נאָכגיין פוסטריט. אינגיכן האָט דער זשאַנדאַרמס־קער פאַלקאָוניק וואַסיליעוו אַרויסגערופן צו זיך מעדעמס שוואָגער און אים געמאַכט שווערע פאָרווורפן. פול מיט גרימצאָרן האָט ער אים געמאָלדן, אַז ער ווייסט בפירוש, אַז דער חולה אַנשטאָט צו היילן זיך, פאַרנעמט זיך גאָר מיט פאַרברעכערישער טעטיקייט. וואַסיליעוו האָט קאַטעגאָריש געפאָדערט, אַז מעדעם זאָל באַלד אָוועקפאָרן צו זיין ברודער, דעם אָפיציר אין אָראָן. דער־ווייל האָט מען ווייטער געפירט די אויספאָרשונג, און עס האָט זיך באַ־שטעטיקט, אַז מעדעמען דראָט טאַקע די געפאַר פאַרשיקט צו ווערן אויף פינף יאָר אין דער ווייטער געגנט פון יאַקוטסק.

אין דעם ענגן פאַמיליע־קרייז און צווישן די חברים האָט מען אָפּט באַטראַכט דעם פּלאַן וועגן אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. דאָס אָבער וואָלט גע־שטעלט אין געפאַר די מעדעם־משפחה, וועלכע האָט פאַר אים גאַראַנטירט. ס'איז נישט געווען קיין שום אויסוועג. אַרויסגעהאָלפן האָט אַ צופאַל.

קורץ פאַר מעדעמס אַרעסט, האָט די מיליטערישע מעדיצינישע קאָמי־סיע אים באַפרייט צוליב זיין שוואַכן געזונט אויף אַ גאַנצן יאָר. איצט איז גע־קומען די צייט, ווען מעדעם האָט זיך ווידער אַמאָל געדאַרפט צושטעלן צו דער קאָמיסיע. ער האָט וועגן דעם געמאָלדן דעם זשאַנאַרמעריע־פאַלקאָוניק. אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן אַן אויסוועג. מעדעמס משפחה האָט נישט געקאָנט טראָגן קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם, וואָס עס וואָלט געשען אין די ווענט פון מיליטערישן שפּיטאָל. מיט פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן האָט זיך פאַרנומען דער ענערגישער שוואָגער זשאַבאַ. ער האָט דעם קראַנקן אַוועק־געפירט אין שפּיטאָל און אים איבערגעגעבן צו דער וואַך. דער וועכטער, נישט באַקומענדיק קיינע שום ספּעציעלע אינסטרוקציעס וועגן דעם נייעם „פּאַציענט", האָט געהייסן מעדעמען וואַרטן אויפן פּעלטשער, און האָט נישט פּראָטעסטירט בעת מעדעם האָט אים געזאָגט, אַז ער וויל אַרויסגיין זיך עפּעס קויפן. ווען מען האָט זיך געכאַפּט אין שפּיטאָל, אַז דער נייער פּאַציענט איז פאַרשוווּנדן געוואָרן — איז שוין מעדעם געזעסן אין אַ באַן, וואָס האָט אים געפירט צו דער גרענעץ...

דער געטרייער פֿריינד זשאַבאַ האָט אויסגעצייכנט דורכגעפֿירט די קאָמעדיע ביזן סוף. אויף מאָרגן, נאָך מעדעמס פֿאַרשווינדן, איז ער צוגע־פֿאָרן מיט אַ פּאַק זאַכן צום מיליטערישן שפּיטאָל און האָט זיך, ווי ווייט מעגלעך באַמיט צו שפּילן די ראָל פֿון אַן איבערגעשראָקענעם קרוב. גלייך פֿון שפּיטאָל איז ער מיטן פּאַק זאַכן אַוועקגעפֿאָרן צו וואָסי־ליעוון און דאָרטן האָט ער געשטורעמט און באַשולדיקט די פּאָליציי, אַז זי האָט ערגעץ פֿאַרשלעפּט זיין קראַנקן שוואָגער. דער זשאַנדאַרמעריע־פּאָל־קאָווניק האָט חושד געווען, אַז די זאַך איז דאָ נישט גאָר גלאַט, ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין שום באַווייזן. זשאַבאַ האָט ווירקלעך דורכגע־פֿירט דעם ספּעקטאַקל ווי אַן ערשט־קלאַסיקער אַרטיסט. מען האָט דעם אַנטלאָפֿענעם „פּאַציענט" אומזיסט אַרומגעזוכט איבער גאַנץ מינסק.

אין דער זעלבער צייט, ווען זשאַבאַ האָט געמאַנט ביים זשאַנדאַרמעריע־פּאָלקאָווניק זיין קראַנקן שוואָגער, האָט זיך שוין דער אַנטלאָפֿענער דער־נעענטערט צו דער גרענעץ. מיט מעדעמען איז מיטגעפֿאָרן אַ ייִדישער קאָנ־טראַבאַנדיסט, וואָס האָט צוגעזאָגט ברענגען זיין קליענט ביז לייפּציג. פֿון לייפּציג האָט מעדעם געדאַרפֿט זיך אַליין דערקלייבן צו דער שווייץ. די גרעסטע געפֿאַרן זענען געווען די קאָנטראָל־פּונקטן ביי דער גרענעץ, ווו די דייטשן פֿלעגן סאַניטאַריש קאָנטראָלירן אַלע עמיגראַנטן, וואָס פֿאָרן דורך האַמבורג קיין אַמעריקע. מעדעם האָט נישט געהאַט ביי זיך קיין שום פּאַס, און ס'האָט אים געדראָט די געפֿאַר אַרעסטירט צו ווערן.

מעדעם אַליין פֿלעגט דערמאָנען זיין אַנטלויפֿן פֿון רוסלאַנד, ווי אַ שווערן חלום: צוערשט אַ נאַכט אין אַסטראָלענקע ביים קאָנטראַבאַנדיסט אין שטוב. אַ נאַכטלעגער פֿול מיט וואַנצן און שמוץ. נאָך דעם אַ צווייטע שוידער־לעכע נאַכט פֿון וואַנדערן מיט אַ גאַנצער גרופּע עמיגראַנטן דורך וועלדער און בלאָטעס פֿון גרענעץ־געביט, וואָס איז געהיט געוואָרן דורך מיליטערישע פּאַטרולן. האַסטיק האָט אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ פֿון אַנטלויפֿנדיקן, בעת אויף דער צווייטער זייט גרענעץ האָבן אין פֿייכטן טומאַן אויפֿגעשיינט די פֿייערלעך פֿון אַ כאַטע ערגעץ אין דער ווייט. די פּויערים האָבן אַ קאָ־מאַנדעווע געטאָן: לויפֿן! און גליטשנדיק זיך איבערן נאַסן ליים און פֿאַלנדיק אין גריבער, האָבן מענטשן, אויסגעמאַטערטע פֿון הונגער, שלאָפֿלאָזיקייט, און אָנשטרענגונג זיך אַ לאָז געטאָן אין דער נאַכטיקער פֿינצטערניש צו די ווייטע פֿייערן.

נאָך דעם איז געווען די פֿרייהייט. אַ צוג, מיט ריינע וואַגאָנעס, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿאָרויס, מאָדנע סטאַציעס מיט נעמען, וואָס קלינגען פֿרעמד. איבערזעצנדיק זיך כסדר, בייטנדיק די ריכטונג, כדי אויסצומיידן די קאָנ־טראָל־פּונקטן, איז אַ בלאַסער, נישט־ראַזירטער יונגער מאַן אין אַ צע־קנייטשטן מאַנטל, אַן אַ טשעמאָדאַן און אַן אַ פּאַס אין קעשענע געפֿאָרן אין אומבאַקאַנטן וועג.

אין דער פרעמד

שמאָלע, האַלב־פינצטערע געסלעך־טונעלן, אַלטערטימלעכע הייזער מיט געשניצטע אָרנאַמענטן, גאָטישע מיטלאַלטערלעכע קלויסטערס: ס׳איז די שטילע אַלטע שטאָט בערן. דער הערב פון שטאָט איז אַ שוואַרצער בער, און די מענטשן, וואָס שפּרייזן פּאַוואָליע אויף די שמאָלע טראָטואַרן זענען אַליין ענלעך אויף שווערע, זאַטע און גוטמוטיקע בערן. און אויפן האָריזאָנט, איבער דער שטילער שטאָט — די אייביקע פּראַכט פון די שטראַלנדיקע אַלפּן־בערג.

די אַלטע שטאָט איז דורך אַ שמאָלן אײַזערנעם בריק פאַראייניקט מיט די נײַע קוואַרטאַלן. אין איינעם פון די דאָזיקע קוואַרטאַלן האָט זיך באַזעצט די רוסישע סטודענטן־קאָלאָניע, וואָס איז באַשטאַנען כמעט דורכויס פון ייִדן, קינדער פון תחום המושב: אייניקע פון זיי האָט געבראַכט אַהער די שטרעבונג צו העכערער בילדונג, אַנדערע זענען געקומען צוליב פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען. די נײַ־געקומענע האָבן פון די שטעט און שטעטלעך פון זייער אַלטער היים מיטגעבראַכט מיט זיך זייערע אייגנאַרטיקייטן, וואָס האָבן אַרויסגערופן פאַרוווּנדערונג ביי די אָרטיקע איינוווינער — זייערע לעבהאַפטע זשעסטיקולאַציעס, זייער גאַסטפרײַנדלעכקייט און זייער חברישער צוזאַמענלעבן.

מעדעם וואָס האָט פון אייביק אָן געהאַט אַ שטאַרקע באַדערפעניש אין וואַרעמקייט און היימישקייט, האָט זיך זייער צוגעבונדן צו דער רוסישער קאָלאָניע. הויפּטזעכלעך די ערשטע צייט. די קאָלאָניע האָט אים אויסגעזען ווי אַ היימיש אינזעלע אין פרעמדן קאַלטן ים.

די בערנער קאָלאָניע האָט געלעבט זייער טומלדיק: בייטאָג פלעגט מען זיך אַרומפּלאָנטערן אין דער רוסישער סטודענטן־קיך, ביינאַכט פלעגן פאַרקומען פאַרזאַמלונגען פון די פאַרשידענע זעלבסטהילף־אָרגאַניזאַציעס, רעפעראַטן און גלאַט אַזוי „ליאַמעס״ לויטן אַלט היימישן שטייגער — מיט אַ באַשיידענעם צובייסן און מיט לידער ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן. די פּאָליטישע עמיגראַנטן פון עלטערן דור, ווי ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, אַנ־סקי (ראַפּאָפּאָרט), וויקטאָר טשערנאָוו און די צוויי שרייבערינס — סאָציאַל־דעמאָקראַטקעס — די שוועסטער אַקסעלראָד, האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין לעבן פון דער קאָלאָניע. אָפט פלעגן קומען מיט רעפעראַטן אויך פאַרטיי־טוער פון אַנדערע שטעט. צווישן אַלע פאַרטיי־גרופּירונגען — איז די בונדישע גרופּע אין בערן געווען די אַקטיווסטע. איר אָפיציעלער פאַרטרעטער איז געווען אברהם מוטניק (גליעב). די גרופּע, וואָס צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים האָט געהייסן אָפיציעל „הילפס־קרייז״, האָט זיך באַמיט אויסצובריייטערן איר השפעה צווישן דער סטודענטן־מאַסע — דעם רעזערוואַר פון יונגע כוחות. מעדעם איז גלייך נאָך זיין קומען קיין בערן

אַריינגעטראָטן אין דער בונדישער גרופּע און איז באַלד געוואָרן דער עק־טיוװסטער אָנטײלנעמער פֿון אַלע פֿאַרזאַמלונגען און דיסקוסיעס. דער 4טער צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד" האָט באַשלאָסן צו פֿאַרשטאַרקן די פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט צווישן דער אינטעליגענץ און די אויסלענדישע קאָלאָניעס זענען געווען אַ גוטער באָדן פֿאַר דער דאָזיקער אַרבעט. די אַקציע פֿון ווערבירן נייע אָנהענגער און מיטגלידער פֿון „בונד" האָט זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד די אַנדערע פּאַרטייען און גרופּירונגען, וואָס האָבן געשטרעבט צו אַ העגעמאָניע צווישן דער סטודענטנשאַפֿט. באַזונדערס אַגרעסיוו איז געווען די גרופּע „איסקראַ", וואָס אין איר פּאַרטיי־אָרגאַן האָבן זיך באַטייליקט די בעסטע כוחות פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. מעדעם האָט זיך צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט די גרינדער פֿון רוסישן מאַרקסיזם, וועמעס ווערק ער האָט מיט אַ פֿאַרכאַפּנדיקן אַטעם געלייענט אין זיינע גאָר יינגע יאָרן אין קיִעוו. זיינע ערשטע באַגעגענישן מיט די אָנגעזעענע פּאַרטיי־טעאָרעטיקער האָבן אים אַ ביסל אַנטוישט. לעניץ, וואָס איז געקומען קיין בערן מיט אַ רעפֿעראַט, האָט אין מעדעמס אויגן אויס־געזען צו גרוי, צו וואָכעדיק; ערשט שפּעטער האָט מעדעם פֿאַרשטאַנען, אַז דער הויפּט־כוח פֿון אָט דעם קליינגעוואַקסיקן נישט־אָנזעעוודיקן מענטשן ליגט נישט אין זיינע אָראַטאָרישע פֿעיִקייטן, נאָר אין זיין פּראַק־טישן חוש און אין דער אייזערנער עקשנות זיינער. פּלעכאַנאָוו, וועלכן מעדעם האָט צום ערשטן מאָל דערזען אויף אַן ערשטן־מאַי־מיטינג, האָט געמאַכט אויף אים דעם איינדרוק פֿון אַ ראַפֿינירטן טרוקענעם דזשענטלמען. אומזיסט האָט מעדעם געזוכט אין זיין קלוגער און רויִקער רעדע דעם פֿייערדיקן פּאַטאָס. אין דעם קרייז פֿון „איסקראַ" איז פּלעכאַנאָוו געווען דער בעס־טער קאָפּ, אָבער די נשמה פֿון קרייז איז געווען לעניץ. שוין דענסטמאָל האָט לעניץ פֿאָרמולירט זיינע באַרימטע טעזיסן, וואָס זענען געוואָרן די ווינקלשטיינער פֿונם באָלשעוויזם. די טעזיסן וועגן דער נייטיקייט אויסצו־בויען די פּאַרטיי פֿון אויבן אַראָפּ מיט דער הילף פֿון אַ קאַדער פּראָפֿעסיאָ־נעלע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זאָלן אָנגעפֿירט ווערן פֿון דעם צענטער אין אויסלאַנד. לויט דער דאָזיקער סכעמע האָט מען אָנגעהויבן צו בויען די פּאַרטיי אויף ס׳ניי. אין עטלעכע ערטער ווו די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָר־גאַניזאַציעס האָבן ערשט געהאַלטן ביים אויפֿקומען — האָבן לעניִנס אָנ־הענגער דורכגעפֿירט די צענטראַליסטישע סכעמע. די דאָזיקע נייע אָרגאַ־ניזאַציאָנעלע פּרינציפּן האָבן אָבער אָנגעהויבן צו באַדראָען די עצם עקסיסטענץ פֿון „בונד", וואָס איז שוין געווען צו יענער צייט אַ לעבעדיקער און דינאַמישער אָרגאַניזם מיט אייגענע פּרינציפּן און איינשטעלונגען. אין דעם יאָר 1898 האָט דער „בונד" געהאָלפֿן שאַפֿן די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי און ער איז אין איר אַריינגעטראָטן, ווי

אַן אויטאָנאָמער באַשטאַנדטייל. אויף דעם 4טן צוזאַמענפאָר פון „בונד״ זענען אָנגענומען געוואָרן צוויי רעזאָלוציעס, וואָס באַווייזן דעם אידעישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן וווּקס פון דער בונדישער באַוועגונג. איין רעזאָלוציע האָט געזאָגט, אַז די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי דאַרף זיין געבויט אויף פעדעראַטיווע יסודות, די צווייטע רעזאָלוציע האָט פעסטגעשטעלט, אַז די יידן זענען אַ נאַציע, וואָס מוז ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט באַקומען איר נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע אין די ראַמען פון דער מלוכה.

אַרום אָט די צוויי רעזאָלוציעס איז אויסגעבראָכן אַ שטורמישע פּאָלעמיק. די פירער פון „איסקראַ״ האָבן באַשולדיקט די בונדיסטן אין נאַציאָנאַליזם און סעפּאַראַטיזם. מעדעם האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף מיט אויסערגעוויינלעכן ברען. אונטערן פייער זענען געווען די פּאָזיציעס, וואָס זענען אים פון לאַנג געווען באַזונדער טייער. די אויפגאַבע איז געווען אַ שווערע, ווייל די אַטאַקע איז געפירט געוואָרן פון אַזעלכע פּאַרטיי־זיילן, ווי פּלעכאַנאָוו, לענין, מאַרטאָוו און אַקסעלראָד. אין פלאַם און פייער פון דער דאָזיקער פּאָלעמיק איז ביי מעדעמען אויסגעוואַקסן און רייף געוואָרן יענער געפיל, וועלכן ער האָט שפּעטער אַליין אָנגערופן „בונדישער פּאַטריאָטיזם״. אין דער שטילקייט פון דער אַלטער שווייצאַרישער שטאָט האָט מעדעם פאַראייניקט די צוואָרפענע טיילן פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט און ער האָט דערזען פאַר זיך דאָס בילד פון אַ באַוועגונג, וואָס האָט פאַרווירקלעכט יענע אויפגאַבע, וועגן וועלכער ער האָט גערעדט אין מינסק אויף זיינע ביינאַכטיקע שפּאַצירגענג. נאָך דענסטמאָל איז שוין ביי אים צייטיק געוואָרן די איבערצייגונג, וועלכע ער האָט מיט יאָרן שפּעטער פאַרמולירט אין זיינע מעמואַרן אויף אַזאַ מין אופן:

„די גרויסע פראַגע, ווי אַזוי צונויפצוגיסן די צוויי שטראָמען פון וועלכע עס מוז געשאַפן ווערן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג — דאָס „פון אויבן אַראָפּ״ און „פון אונטן אַרויף״ — די דאָזיקע פראַגע האָט דער „בונד״ געלייזט. דער „בונד״ איז שוין דעמאָלט געווען אַ פּאַרטיי און נישט קיין אינטעליגענטיש קרייזל. פון אויבן ביז אַראָפּ און פון די אונטערשטע מאַסן־שיכטן ביז אַרויף צום צענטער — האָט זיך געפילט אין אים דער דופק פון אמתדיקן, קערנדיקן אַרבעטער־לעבן. ס׳איז געווען איין גרויסער גוף און איין גרויסע נשמה. אין די אומלעגאַלע באַדינגונגען פון יענע יאָרן איז דער „בונד״ געווען די איינציקע אמתע אָרגאַניזאַציע פון ברייטע אַרבעטער־מאַסן... און גלייכצייטיק... איז ער געווען, ווי איין גרויסע משפּחה. ... די זאַך . . . באַשטייט אין עפּעס אַ געהיימניספולן ספּעציפישן גייסט, וואָס פלעגט הערשן אין די בונדישע רייען. און אַ דאַנק דעם אייגנאַרטיקן גייסט איז דער בונד געוואָרן . . . נישט גלאַט אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע, נאָר באמת אַ לעבעדיקע באַשעפעניש מיט זיין באַזונדערן פּנים... און מען האָט

טאַקע ליב געהאַט די דאָזיקע קאָלעקטיווע פּערזענלעכקייט . . . ס'איז געווען מער, ווי אַן איבערגעגעבנקייט צו אַן אידעע אָדער צו אַ זאַך; ס'איז געווען ממש אַ פּערזענלעכע פֿאַרליבטקייט" (זע „פֿון מיין לעבן", ערשטער באַנד, זז' 299־300).

דער דאָזיקער פֿלאַמיקער „בונדישער פּאַטריאָטיזם" האָט זיך געגערט מיט די זאַפֿטן פֿון דער טיפֿער בענקשאַפֿט זיינער נאָך דער היים. אויף אַלע זיינע וועגן האָבן אים נאָכגעפֿאָלגט די אַלט־היימישע בילדער פֿון די קרומע מינסקער געסלעך אין אַ שבתדיקן פֿאַרנאַכט, פֿון די מאָגערע וויסרוסישע סאָסנעס אויף אַ בערגל הינטערן טייך... אָבער וועגן אומקערן זיך צוריק אַהיים האָט מען נישט געקאָנט טראַכטן. האָט מעדעם גענאָסן אין דער פֿרעמד פֿון דעם אַלעם, וואָס די שווייץ האָט אים געקאָנט געבן: ער האָט געהערט לעקציעס אויפֿן פֿילאָזאָפֿישן פֿאַקולטעט, געאַרבעט אין דער ביבליאָטעק, שטודירט די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור פֿון איראָפּע, און אין דער זעלבער צייט אויך איינגעזאַפּט אין זיך די שיינקייט פֿון דער אַרומיקער נאַטור. זיינע פֿרילינג־ און זומער־וואַקאַציעס פֿלעגט ער, געוויינלעך, פֿאַרברענגען אָדער צווישן די וויינגערטנער פֿון קלאַראַן, וואָס האָבן אים באַצויבערט מיט זייער צאַרטן זילבערדיק־נעפּלדיקן קאָלאָריט, אָדער — ערגעץ־ווו אין אַ דערפֿל אין די בערג פֿון בערנער אויבערלאַנד. איין זומער האָט ער פֿאַרבראַכט הויך אין די בערג, אין אַ קליינעם הייזל, אַ צוגעקלעפּטן צו אַ פֿעלז, צוזאַמען מיט זיין שוועסטער, וואָס איז געקומען פֿון מינסק, און זיין פּלימעניק סעריאָזשע, וועלכן ער האָט ליב באַקומען, ווי אַן אייגענעם זון. באַוואָפֿנטע מיט די בערג־שטעקנס — פֿלעגן זיי פֿריילעך און מונטער מאַרשירן דורך די צעשלענגלטע בערג־סטעזשקעס איבער די משופּעדיקע פֿעלזן און הנאה האָבן פֿון דער זון, פֿון ווינט, פֿונם פֿינקלדיקן שניי אויף די בערג און פֿון דעם גלעקל־געקלאַנג אויף די העלדזער פֿון די קי אין די סאַמעט־גרינע טאָלן. אין משך פֿון דעם זומער האָט מעדעם איבערגעלייענט אַ בוך, וואָס האָט זיך טיף איינגעשניטן אין זיין זכרון: ס'איז געווען די „עטיק" פֿון שפּינאָזאַ. אויך איצטער, פּונקט ווי ביים לייענען „קאַפּיטאַל", האָט אים פֿאַרכאַפּט די אייזערנע לאָגיק, די האַרמאָנישע גאַנצקייט פֿון דער סטרוקטור, די פֿיינקייט און גענויקייט פֿון דעם אָנגעשטרענגטן מענטשלעכן געדאַנק. און מען האָט נישט געדאַרפֿט האָבן קיין בעסערע אומגעבונג פֿאַר אָט דעם בוך, וועלכן מעדעם האָט אָנגערופֿן „די סימפֿאָניע פֿון לאָגיק", ווי די פֿייערלעכע רויִקייט פֿון די אייביק פֿאַרשנייטע בערג.

חדשים זענען געגאַנגען און מעדעם איז געוואָקסן. ביכער, קונסט, נאַטור, אינטימע פּערזענלעכע איבערלעבונגען, געזעלשאַפֿטלעכקייט — צו דעם אַלעם האָט זיך מעדעם אָפּגעגעבן אין גאַנצן מיט יענער באַדערפֿעניש פֿון פֿולקייט, פֿון העכסטער אָנשטרענגונג, וואָס האָט געלעבט אין זיין נשמה נאָך אין די קינדערשע יאָרן.

אינם פּאַרטיי־קעסל

מיט אַ געשפּאַנטן אינטערעס פלעגט מעדעם וואַרטן אויף ידיעות פון רוסלאַנד. נישט געקוקט אויף די פאַרפאָלגונגען, האָט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג געהאַלטן אין איין וואַקסן. אַ כוואַליע פון סטודענטישע שטרייקן און גאַסן־דעמאָנסטראַציעס האָט פאַרכאַפּט דאָס לאַנד. דעם 1טן מאַי 1902 זענען אין די שטעט פון ווייסרוסלאַנד, ליטע און פּוילן פאָרגעקומען אַ גאַנצע ריי בלוטיקע צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי. אין ווילנע האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פאָן־וואַל זיך שענדלעך נוקם געווען אין די דעמאָנסטראַנטן, און דאָס האָט באַלד אַרויסגערופן לעקערטס אַטענטאַט. די ידיעה וועגן דער ווילנער טראַגעדיע האָט אויפגעטרייסלט אַלע אויסלענדישע קאָלאָניעס. אונטער דעם פרישן איינדרוק פון לעקערטס תליה — האָט די בונדישע קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען (אין בערדיטשעוו) אין אויגוסט 1902, אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע לעגאַליזירט די אַזוי גערופענע „אָרגאַניזירטע נקמה". די דאָזיקע רעזאָלוציע איז געשטאַנען אין אַן אָפענער סתירה מיט דער איינשטעלונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי וועגן טעראָר. מעדעמען האָט שטאַרק גערירט לעקערטס העלדישע טאַט און זיין טראַגישער טויט, אָבער אין די סאַמע שווערסטע מאָמענטן פון זיין פילן און דענקען איז מעדעם געווינט געווען איינצוהאַלטן זיין גלייכגעוויכט און די קלאַרקייט פון געדאַנק. פאַרטיפנדיק זיך אין דער געשיכטע פון דער טעראָריסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד, האָט ער געפונען אַ באַשטעטיקונג פון זיין פריערדיקער באַציונג צום טעראָר: די אָנערקענונג פון אינדיווידועלע נקמה־אַקטן האָט אומפאַרמיידלעך געפירט צו פאַרוואַנדלען דעם טעראָר אין איינעם פון די מעטאָדן פון געזעלשאַפטלעכן קאַמף. מעדעם איז געווען זייער צופרידן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז אויף דעם זעלבן שטאַנדפּונקט האָט זיך אויך געשטעלט דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד". אין אַ יאָר אַרום, איז פאָרגעקומען דער 5טער צוזאַמענפאָר פון „בונד" (יוני 1903, אין ציריך), וואָס האָט אָפּגעשאַפט די רעזאָלוציע וועגן „אָרגאַניזירטער נקמה".

באַלד נאָך דעם, ווי מען האָט אין ווילנע געהאַנגען לעקערטן — האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע אין ציריך אָרגאַניזירט אַ גרויסן פּראָטעסט־מיטינג. ס'האָבן געדאַרפט אַרויסטרעטן פּלעכאַנאָוו און וואַרסקי (איינער פון די פירער פון דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי). די מיטגלידער פון דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" — גליעב און דזשאָן מיל — האָבן פאַרגעלייגט מעדעמען, ער זאָל זיך באַטייליקן אין דעם דאָזיקן מיטינג. מעדעם האָט זיך לכתחילה געהאַט אָפּגעזאָגט. אים האָט געשראָקן די פּערספּעקטיוו אַרויסצוטרעטן אויף איין טריבונע מיט פּלעכאַנאָוון. ענדלעך האָט ער מסכים געווען, און זיין רעדע האָט געהאַט אַן אויי־

סערגעווייַלעכן דערפֿאָלג. דער 23יאָריקער יונגער מאַן איז נאָך נישט געווען קיין רייפֿער רעדנער, אָבער די קלאָרקייט פֿון זיין געדאַנק, די טיפֿקייט און אויפֿריכטיקייט פֿון זיין געפֿיל, די פֿיינקייט פֿון דער פֿאָרעם האָבן שוין דעמאָלט באַגייסטערט די פֿילבאַרע יונגע אוידיטאָריע.

און בעת די בונדישע גרופּעס אין אויסלאַנד האָבן אין אָקטאָבער 1902 באַשלאָסן צו פֿייערן דעם 5יאָריקן יובילײ פֿון „בונד", איז מעדעמען איבערגעגעבן געוואָרן די מיסיע אַרומצופֿאָרן מיט אַ יובילײ־רעפֿעראַט איבער אַ גאַנצער ריי אוניווערסיטעט־שטעט פֿון דער שווייץ און פֿון דרום־דייטשלאַנד.

אין בערן גופֿא פֿלעגט זיך מעדעם באַטייליקן אין אַלע גרויסע דיסקוסיעס מיט די „איסקראָווצעס" און מיט די ציוניסטן. די ציוניסטן האָבן איין מאָל געהאַט אָרגאַניזירט אַ מאָנסטער־דיסקוסיע, וואָס האָט געדויערט דריי אָוונטן נאָך אַנאַנד. דער הויפּט־אָפּאָנענט קעגן מעדעמען איז דעמאָלט געווען חיים ווייצמאַן.

סוף דעצעמבער 1901 איז פֿאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפֿאָר פֿון אַלע בונדישע גרופּעס אין אויסלאַנד. דער צוזאַמענפֿאָר איז פֿאָרגעקומען אין בערן, וווּ עס האָט זיך געפֿונען די עלטסטע און אַקטיווסטע גרופּע פֿון „בונד". צום צוזאַמענפֿאָר איז געקומען פֿון לאָנדאָן דער פֿאָרטרעטער פֿון דעם אויסלענדישן קאָמיטעט — וולאַדימיר קאָסאָווסקי. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ פֿאַראייניקטע אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד" און מען האָט איבערגעגעבן דעם בערנער „הילפֿס־קרייז" אויסצוטיילן פֿון זיך אַ „צענטראַל־ביוראָ". מעדעם איז אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר דעם ערשטן סעקרעטאַר פֿון דער נייער אָרגאַניזאַציע. זי האָט פֿונקציאָנירט ביז דער רעוואָלוציע פֿון 1917.

צו יענער צייט איז אין די בונדישע קרייזן פֿאָרגעקומען אַ הייסע דיסקוסיע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רעזאָלוציע פֿון 4טן צוזאַמענפֿאָר וועגן דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. די דאָזיקע רעזאָלוציע האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסע אויפֿרעגונג אין די קרייזן פֿון „איסקראָ", און זי האָט אויך געשטעלט אין פֿאַרלעגנהייט אַ סך בונדיסטן. די רעזאָלוציע איז ניט געווען גענוג קלאָר פֿאָרמולירט און שוואַך באַגרינדעט. מעדעם האָט זיך באַמיט צו געפֿינען אַ נייע אַרגומענטאַציע און אויספֿירלעכער צו באַגרינדן די נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען פֿון 4טן צוזאַמענפֿאָר. צוליב דעם איז אָבער נייטיק געווען דורכצופֿירן אַ פּיאָנערן־אַרבעט. מען האָט זיך גדאַרפֿט פֿאַרטיפֿן אין אַ ווינציק אויסגעפֿאָרשטן געביט. אין בערן גופֿא וואָלט זיך מעדעם ניט געקאָנט גענוג קאָנצענטרירן ביי אַזאַ מין אַרבעט ווייל די סטודענטן־קאָלאָניע איז שטענדיק געווען טומלדיק און פֿול מיט קאָנפֿליקטן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן און פּערזענלעכן כאַראַקטער. איז ער אָוועקגעפֿאָרן קיין מינכען, אין דער שטילער שטאָט פֿון מוזייען און ביבליאָטעקן. ער פֿלעגט שעהן לאַנג אָפּזיצן אין דער רייכער שטאָט־ביבליאָטעק איבער די ביכער. עס האָט זיך אים זייער גוט געאַרבעט.

אין די פּרייע שעהן פֿלעגט ער באַזוכן די מוזייען. פּלוצלינג אָבער איז געקומען די ידיעה וועגן פּאָגראָם אין קישינעוו (אַפּריל 1903).

די ידיעה וועגן קישינעווער פּאָגראָם האָט געווירקט, ווי אַ קלאַפּ פֿון אַ דונער. ווען עס איז אַריבער די ערשטע בהלה־שטימונג, האָט זיך צווישן דער עמיגראַנטישער יוגנט אָנגעהויבן אַ שטאַרקע אידעישע צערודערונג. די ציוניסטישע יוגנט האָט אָנגעהויבן זוכן אַ סינטעז צווישן ציוניזם און סאָציאַליזם. די אַסימילירטע יוגנט האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט ייִדישע פּראָבלעמען. כמעט יעדן אָוונט פֿלעגט פֿאָרקומען אַ מיטינג. דער אויסלענדישער קאָמיטעט פֿון „בונד” האָט פֿאָרגעלייגט מעדעמען ער זאָל באַזוכן אַ ריי שטעט מיט אַ רעפֿעראַט וועגן די לעצטע געשעענישן. האָט זיך מעדעם אַוועקגעזעצט שטודירן די ליטעראַטור וועגן אַנטיסעמיטיזם. אין זיין רעפֿעראַט האָט מעדעם געגעבן דעם אַנאַליז פֿון די סיבות פֿון אַנטיסעמיטיזם און אַן אָפּשאַצונג פֿון די קאַמף־מעטאָדן קעגן אים. אין קאַרלסרוע האָט מען פֿאַר מעדעמס רעפֿעראַט געהאַט דירכגעפֿירט אַ דיסקוסיע וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראַגע אין אַן ענגן קרייז. די חברים האָבן אים געוואָרנט, אַז אין דער דיסקוסיע וועט זיך באַטייליקן איינער אַ יונגער רעדנער — אַן „איסקראַווי־עץ”, וועמען מען זאָגט פֿאַר אַ גרויסע צוקונפֿט. מעדעמס אָפּאָנענט איז געווען... טראָצקי! מעדעם האָט גוט אָפּגעשאַצט דעם אויסגעצייכנטן רעדנער־טאַלאַנט פֿון זיין קעגנער, אָבער ס'איז אים געווען שווער צו פֿאַרטראָגן דעם שאַרפֿן בייזן טאָן פֿון זיין פּאָלעמיק. שפּעטער איז שוין מעדעמען אויסגעקומען צו דיסקוטירן מיט טראָצקין פֿאַר אַ ברייטן עולם. מעדעם האָט אין זיין רעפֿעראַט אָנגעוויזן, אַגב, אויך אויף דעם, וואָס די רוסישע סאָציאַליסטן האָבן נישט גענוג אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פֿונם אַנטיסעמיטיזם און נישט געהאַלטן פֿאַר נייטיק צו פֿירן קעגן אים אַ סיסטעמאַטישן קאַמף. טראָצקי האָט אויף דעם געענטפֿערט, אַז דער איינציקער און ריכטיקער קאַמפּסמיטל קעגן אַנטיסעמיטיזם קאָן נאָר זיין — אויפֿהייבן דעם גייסטיקן ניוואָ פֿון די רוסישע פֿאָלקס־מאַסן. דער דאָזיקער געדאַנק איז ניט געווען קיין אָריגינעלער. די מערהייט פֿון די רוסישע סאָציאַליסטן האָט געהאַלטן פֿאַר איבעריק צו קעמפֿן מיטן אַנטיסעמיטיזם, ווי מיט אַן אָפּגעזונדערטער דערשיינונג.

אין די קרייזן פֿון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט מען זיך ענערגיש געגרייט צום צווייטן צוזאַמענפֿאָר, וואָס האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען אין אויגוסט 1903 אין בריסל. דער „בונד” האָט באַשלאָסן צונויפֿצורופֿן זיין 5טן צוזאַמענפֿאָר ערב דעם פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר. דער בונדישער צוזאַמענפֿאָר האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען אין אויסלאַנד. צונויפֿרופֿן אים אין רוסלאַנד, ווו ס'זענען פֿאָרגעקומען אַלע פֿריערדיקע צוזאַמענפֿאָרן און קאָנפֿערענצן, איז ניט געווען מעגלעך, ווייל די רוסישע „אָכראַנקע” האָט געהאַלטן אַן אויג אויף די טוער פֿון „בונד”. אַ

באַראַטונג פֿון די בונדישע טוער אין אויסלאַנד האָט באַפֿולמעכטיקט מעדעמען ער זאָל אויף דעם צוזאַמענפֿאָר האַלטן אַ רעפֿעראַט וועגן דער נאַציאָ־נאַלער פֿראַגע. צום ערשטן מאָל איז מעדעמען אויסגעקומען זיך צו באַטיי־ליקן אין אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון דער אייגענער פּאַרטיי, זיך צוזאַמענטרעפֿן מיט איר אַקטיוו און מיט גרויס נייגעריקייט האָט ער זיך צוגעקוקט צו די דעלע־גאַטן, וואָס זענען זיך צונויפֿגעקומען פֿון אַלע עקן. בכלל, האָט זיך מעדעם שטענדיק אינטערעסירט מיט דעם מענטשן אַליין און פֿאַר זיך, מיט זיין גייסטיקן „קלימאַט" און מיט זיינע אינדיווידועלע אייגנאַרטיקייטן. אין איינעם פֿון זיינע אַרטיקלען האָט מעדעם, ווי צופֿעליק געמאַכט אַ באַמערקונג, אַ כאַראַקטעריסטישע באַמערקונג, אַז דאָס וויכטיקסטע ביים מענטשן איז „נישט דאָס, וואָס ער האָט געטאָן, נאָר דאָס, וואָס ער איז געווען..."

צוקוקנדיק זיך צו איינעם אַ הויכן, דאַרן, געל־בערדיקן גאַסט, וואָס איז געקומען צו דער קאָנפֿערענץ — האָט זיך מעדעם דערמאָנט, אַז ער האָט שוין דעם דאָזיקן חבר געזען אַמאָל ביי גערשונין אין מינסק. גערשוני האָט אים באַזאָרגט דענסטמאָל מיט אַ פֿאַלשן פּאַס און מעדעם האָט זיך אויף אים אונטערגעשריבן, ווי דער סטאַראָסטע... דער גאַסט מיט דער געלער באָרד איז געווען חבר נח. וועגן דעם דאָזיקן אומדערמידלעכן קאָנספּיראַטאָר, וואָס איז צו יענער צייט שוין געווען די צענטראַלע פֿיגור פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט זיך מעדעם געהאַט אָנגעהערט אַ סך לעגענדעס. די צווייטע לעגענדאַרע פֿיגור איז געווען דער חבר אַלעקסאַנדער (אַרקאַדי קרעמער), אַ ברייט־פּלייציקער גערזעצטער מענטש מיט קלוגע דורכדרינ־גנדיקע אויגן. צוקוקנדיק זיך נעענטער צו חבר אַלעקסאַנדער — האָט מעדעם באַלד באַמערקט, אַז הינטער זיין אויסערלעכער כלומרשטער שטרענגקייט ליגט באַהאַלטן אַ קינדערישע שעמעוודיקייט און אַ רירנדיקע באַשיידנקייט.

אַחוץ די צוויי „וועטעראַנען" פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג — האָט זיך שוין צו יענער צייט געהאַט אַרויסגערוקט אַ גאַנצע פּלעיאַדע יונגע פּאַרטיי־טוער, וואָס אייניקע פֿון זיי זענען נישט נאָר געוואָרן מעדעמס לאַנגיעריקע פּאַרטיי־חברים, נאָר אויך טאַקע — די נאָענטסטע פּערזענלעכע פֿריינד זיינע. פֿריינדשאַפֿט האָט ביי מעדעמען פֿון תמיד אָן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. אַפֿילו אין די שפּעטערדיקע יאָרן פֿלעגט פֿריינדשאַפֿט זיין ביי אים איבערגעפֿלאָכטן מיט זיין אַלגעמיינער אַרבעט.

זיין רעפֿעראַט וועגן דער קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע האָט אויף דעם צוזאַמענפֿאָר אַרויסגערופֿן הייסע וויכוחים. אייניקע האָבן געטענהט, אַז ס'ייִדישע פֿאָלק איז נישט קיין נאַציע און אַז „אויטאָנאָמיע" באַטייט סעפּאַראַטיזם. ביי דער אָפּשטימונג האָט זיך דער צוזאַמענפֿאָר צעטיילט אויף צוויי העלפֿטן. האָט מען דעריבער באַשלאָסן ניט אָנצונעמען קיין שום רעזאָלוציע וועגן דער קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. דערפֿאַר אָבער האָט די אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿראַגע נישט אַרויסגערופֿן קיין שום מיינונגס־פֿאַרשי־

דנהייטן. די רעזאָלוציע האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז דער „בונד" איז אַן אויטאָ־נאָמער טייל פֿון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע דאַרף זיין אויפֿגעבויט אויף פֿעדעראַטיווע יסודות. כדי אויס־צומיידן אַ ריס מיט דער פּאַרטיי — האָט דער צוזאַמענפֿאָר אויך צוגעגרייט אַ מינימום־פּראָיעקט. אין דער דעלעגאַציע פֿון „בונד" צום אַלפּאַרטיייִשן צוזאַמענפֿאָר זענען אַריין: נח, אַרקאַדי קרעמער, יודין־אייזנשטאַט, ליבער, קאָסאָווסקי און מעדעם.

דער צוזאַמענפֿאָר, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין בריסל, האָט, צוליב פּאָליציייִשע טעמים, זיך געמוזט אַריבערטראָגן קיין לאָנדאָן. די שטימונג איז געווען אַ שווערע. עס האָט זיך געשפּירט אין דער לופֿטן, אַז ס׳וועלן פֿאָר־קומען גרויסע קאָנפֿליקטן. די בונדישע דעלעגאַציע האָט זיך פֿון אָנהויב אָן געהאַט אָנגעשטויסן אויף אַ טויבער וואַנט. אַלע אַרגומענטן פֿון ליבערן, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן אין נאָמען פֿון דער בונדישער דעלעגאַציע האָבן נישט געפֿונען קיין שום אָפּקלאַנג. אַנטקעגן דער פֿאָרמולע פֿון אַ נאַ־ציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע האָט דער צוזאַמענפֿאָר אַרויסגעשטעלט די נעפּלהאַפֿטע פֿאָדערונג פֿון „נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג". מיט דער אויסבעסערונג פֿון דער גרוזינישער דעלעגאַציע וועגן דעם רעכט צו באַנוצן זיך מיט דער אייגענער שפּראַך. עס איז בלויז געווען איין מאָמענט ווען די בונ־דישע דעלעגאַציע האָט געהאַט אַ געפֿיל פֿון באַפֿרידיקונג: בעת נאָך אַ ריי פֿון קאַרגע און אָרעמע באַריכטן פֿון די ערטער האָט ליבער איבערגעלייענט זיין רעפֿעראַט וועגן דער פּילזייטיקער קאָכיקער טעטיקייט פֿון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, האָט דער צוזאַמענפֿאָר איינשטימיק רעאַגירט מיט הייסע, שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן.

די אמתע שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבן ביים באַהאַנדלען די אָרגאַני־זאַציאָנעלע פֿראַגע. די בונדישע דעלעגאַציע האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז די ייִדישע אַרבעטער ווילן זיין ענג פֿאַרבונדן מיט דער אַלרוסישער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג און דעריבער איז זי גרייט געווען איינצוגיין אויף גע־וויסע הנחות, אָבי נאָר אויסצומיידן אַ שפּאַלטונג. אָבער אין קאָן איז געשטאַ־נען די עצם עקסיסטענץ פֿון „בונד", ווי אַ זעלבסטשטענדיקע אָרגאַניזאַציע. ליבער, וואָס האָט פֿאַרטיידיקט דעם טעזיס, אַז דער „בונד" גייט אַריין אין דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, ווי דער איינציקער פֿאָרשטייער פֿון דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט — האָט באַקומען אַ שאַרפֿן ענטפֿער פֿון מאַרטאָוון. די בונדישע רעזאָלוציע איז דורכגעפֿאַלן מיט אַ גרויסער מערהייט. דעמאָלט האָט ליבער געמאָלדן אַז דער „בונד" טרעט אַרויס פֿון דער פּאַרטיי. די זעקס דעלעגאַטן פֿון „בונד" האָבן ביי אַ טויטער שטילקייט פֿאַרלאָזן דעם זאַל.

ס׳איז געווען אַ דראַמאַטישער מאָמענט. מעדעם האָט זיך אומגעקערט אין דער שווייץ, ווי נאָך אַ לוויה. אויפֿן וועג קיין בערן האָט זיך מעדעם

אָפּגעשטעלט אין באַזל. גראַד דענסטמאָל איז דאָרטן פֿאָרגעקומען דער 6טער ציוניסטישער קאָנגרעס. מעדעמען האָט זיך פֿאַרגלוסט אַ קוק טאָן נעענטער, ווי עס זעט אויס דער ציוניסטישער פּאַרלאַמענט. פֿון דער גאַלעריע פֿון דעם עלעגאַנטן באַזעלער „קאַזינאָ"־זאַל האָט ער זיך צוגעקוקט צו דעם טומלדיקן, בונטן און צעהיצטן עולם דעלעגאַטן. ד"ר הערצל, וואָס איז געווען דער אָפּגאָט פֿון דער דעלעגאַטן־מאַסע, האָט זיך אויפֿגעפֿירט, ווי אַן אמתער „פֿירער". דער קאָנגרעס האָט דורכגעמאַכט אַ סך דראַמאַטישע מאָמענטן. די פֿראַגע פֿון קאָלאָניזירן אוגאַנדע האָט באַגעגנט אַ שטורמישע אָפּאָזיציע. מעדעם איז אַוועק פֿון באַזל אין אַ שווייצערישן דערפֿל און אין דער דאָרטיקער שטילקייט האָט ער אָנגעשריבן אַ בראָשור וועגן ציוניסטישן קאָנגרעס. (דער אויסלענדישער קאָמיטעט פֿון „בונד" האָט זי שפּעטער אַרויסגעגעבן). ער האָט דעמאָלט אויך אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן ציוניזם פֿאַר דער „אַר־בעטער־שטימע". אין איינעם מיט ליבערן האָט ער אויך צונויפֿגעשטעלט דעם באַריכט פֿון 5טן צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד".

אין האַרבסט 1903 איז מעדעם קאָאָפּטירט געוואָרן אין אויסלענדישן קאָמיטעט פֿון „בונד" און ער האָט זיך באַזעצט אין זשענעווע. דאָס איז געווען פֿאַר אים אַ מאָראַלישע באַפֿרידיקונג: אין משך פֿון די צוויי יאָר וואָס ער איז געווען אין אויסלאַנד, איז ער פֿאָרמעל נישט געווען אַפֿילו קיין פּאַרטיי־מיטגליד. זשענעווע איז מעדעמען געפֿעלן געוואָרן. אים איז געפֿעלן געווען דער פֿראַנצייזישער סטיל פֿון דער שטאָט, די באַלעבעטע גאַסן, די מאַסן בלומען און די רחבותדיקע בלויקייט פֿון דער זשענעווער אָזערע. אָבער די איינזאַמקייט האָט ער דאָ געפֿילט אַ סך מער ווי אין דעם גאָסטפֿריינדלעכן, פּראָווינציעלן בערן. דער איינציקער געמיטלעכער ווינקל איז געווען די אַזוי גערופֿענע „קאַרוזשקע", די דירה פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט פֿון „בונד" אויף דער גאַס קאַרוזש. דאָ איז געווען די רעדאַקציע פֿון די פּאַרטיי־אָרגאַנען אין יידיש און אין רוסיש, דאָ פֿלעגן זיך אויך צונויפֿקומען אַלע פֿעדעם פֿון דעם אַפּאַראַט, וואָס פֿלעגט זיך פֿאַרנעמען מיטן פֿאַרשפּרייטן די פּאַרטיי־ליטעראַטור.

די „קאַרוזשקע" איז געווען דאָס בונדישע מיניסטעריום פֿאַר אויי־סערלעכע ענינים. פֿון דאַנען פֿלעגט מען זיך פֿאַרבינדן מיט די אַנדערע פּאַרטייען, מיטן ביוראָ פֿון אינטערנאַציאָנאַל, ווי אויך — מיט די אויס־לענדישע גרופּעס פֿון אייראָפּע, אויסטראַליע, דרום־אַפֿריקע און מיט די אַרבעטער־רינג־„ברענטשעס" פֿון אַמעריקע. אין דער „קאַרוזשקע" פֿלעגן זיך אויך אָפּט באַווייזן געסט, וואָס פֿלעגן קומען צו פֿאָרן פֿון אַנדערע קאָלאָניעס אָדער פֿון רוסלאַנד. איינעם פֿון אָט די געסט, וואָס האָט זיך ווי אַ מעטעאָר באַוויזן אויפֿן שווייצערישן האָריזאָנט, האָט מעדעם שפּעטער אין זיינע מעמואַרן וועגן זשענעווער פּעריאָד אָפּגעגעבן אַ ספּעציעלן פּלאַץ. ס'איז געווען בראָניסלאַוו גראָסער. שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט דעם

19יאָריקן און נאָך נישט אויסגעפֿורעמטן יונגן מאַן, האָט מעדעם דערשפּירט, אַז ער האָט פֿאַר זיך ניט בלויז אַ צוקונפֿטיקן גרויסן פּאַרטיי־טוער, נאָר בכלל אַ מענטשן פֿון אויסערגעוויינלעכן טעמפּעראַמענט, אימפּעט און גייסטיקער רייכקייט.

אָנהייב 1904 האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט אָנגעהויבן אַרויס־צוגעבן אַ טעאָרעטישן אָרגאַן אין דער רוסישער שפּראַך אונטערן נאָמען „וועסטניק בונדאַ". די הויפּטטעמע פֿון די אַרטיקלען איז געווען די נאַציאָנאַלע פֿראַגע. זומער־צייט 1904 האָט מעדעם אין דעם ווונדערלעכן באַרגיקן דערפֿל שפּיץ, צו פֿוסנס פֿון די אַלפּן בערג, אָנגעשריבן אויף אַט דער טעמע צוויי גרויסע אַרטיקלען. אין צוויי יאָר אַרום זענען דיביידע אַרטיקלען דערשינען אין רוסלאַנד אין דער פֿאָרם פֿון אַ בראָשור אין רוסיש און אין ייִדיש. די בראָשור האָט געהייסן: „די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די נאַציאָ־נאַלע פֿראַגע". די דאָזיקע בראָשור האָט מען אין משך פֿון לאַנגע יאָרן געהאַלטן פֿאַר דעם „קרעדאָ פֿון „בונד". ער האָט די בראָשור געשריבן זייער לאַנגזאַם מיט גרויסע הפּסקות. אין יענע יאָרן פֿלעגט מעדעם שרייבן זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען זייער שווער, בפֿרט נאָך ווען די טעמע איז געווען אַ גאַנץ שווערע. אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור פֿלעגט מען דער נאַציאָ־נאַלער פֿראַגע אָפּגעבן זייער ווייניק אָרט. ביי די מחברים פֿון אַזעלכע אַרטיקלען האָט געפֿעלט דער אייגענער אָריגינעלער צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פּראָב־לעם. אייניקע פֿלעגן בלינדערהייט נאָכפֿאָלגן די בורזשואַזע אַסימילאַטאָרן, אַנ־דערע פֿלעגן זיך געפֿינען אונטער דער ווירקונג פֿון דעם בורזשואַזן נאַציאָ־נאַליזם. מעדעם האָט זיך באַמיט צו געפֿינען אַן אייגענעם סאָציאַליסטישן צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער זיין בראָשור איבערגעאַרבעט און פֿאַרגרעסערט. ווען עס איז אין דריי יאָר אַרום דערשינען דאָס באַרימטע בוך פֿון אָטאָ בויער, האָט מעדעם מיט גרויס באַ־פֿרידיקונג געפֿונען אין אים אַ באַשטעטיקונג פֿון אַ סך פֿון זיינע אייגענע געדאַנקען.

די גרעסטע געשעעניש פֿון דעם זומער 1904 איז געווען דער איִנ־טערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם, אין וועלכן מעדעם האָט זיך באַטייליקט. אַמסטערדאַם האָט מעדעמען באַצויבערט מיט זיינע שטילע קאַנאַלן, מיטן מעלאָדישן קלאַנג פֿון די גלעקער, און דער ייִדישער קוואַרטל, דער טומלדיקער, שמוציקער, מיט זיינע רוישיקע האַנ־דלס־געסלעך האָט אים דערמאָנט אין זיין היימישן מינסק.

צום אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס איז געקומען „דאָס אייבערשטע פֿון שטויסל" פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַלע עקן וועלט. מעדעמען, וואָס איז געווען געוווינט צו דער אָנגעהיצטער אַטמאָספֿער פֿון די ייִדישע און טיילווייז אויך רוסישע צוזאַמענפֿאָרן — האָט שטאַרק געוווּנדערט די רויִקייט און געלאַסנקייט פֿון די אייראָפּעער. די דאָזיקע

איינגעהאַלטנקייט זייערע האָט אים צייטנווייז אויסגעזען ווי אַ מין טרוקנקייט, און ער האָט זיך אויפֿריכטיק דערפֿרייט ווען די טעמפּעראַטור איז פּלוצעם געשטיגן; דאָס האָט פּאַסירט ווען פּלעכאַנאָוו און דער יאַפּאַנישער דעלעגאַט סען־קאַטאַיאַמאַ, וועלכע זענען געזעסן פֿון בײדע זייטן פֿונם פּרעזידענט טרולסטראַ (דער קאָנגרעס איז פֿאָרגעקומען אין דער צייט פֿון דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג) האָבן זיך געגעבן אַ הייב אויף פֿון די ערטער און דעמאָנס־טראַטיוו זיך דערלאַנגט די הענט, ברענגענדיק דערמיט צום אויסדרוק די אינטערנאַציאָנאַלע אַחדות פֿון פּראָלעטאַריאַט.

בעת דער דיסקוסיע זענען געווען אַ סך אינטערעסאַנטע מאָמענטן. דער שטאַרקסטער מאָמענט איז געווען די רעדע פֿון זשאָרעסן. מעדעם, וואָס איז אַליין געווען אַ רעדנער אַ קינסטלער, איז שטאַרק פֿילבאַר געווען צו דער שיינקייט פֿון וואָרט. מיט גרויס ענטוזיאַזם שרייבט ער אין זײַנע זכרונות וועגן דער שטים פֿון זשאָרעסן, וואָס קלינגט ווי אַ מעכטיקער הייסער דונער, וועגן דער אויסערגעוויינלעכער פֿיינקייט און גייסטיקן אַריס־טאָקראַטיזם פֿון זיין פּערזענלעכקייט. אויך וויקטאָר אַדלער — דער פֿירער פֿון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — האָט געמאַכט אויף מע־דעמען אַן אומפֿאַרגעסלעכן איינדרוק. אַדלערס רויִקע רעדע האָט נישט פֿאַר־מאָגט קיין אָראַטאָרישן גלאַנץ, אָבער יעדעס וואָרט זיינס האָט געאָטעמט מיט חכמה. מעדעם פֿלעגט אָפֿט זאָגן, אַז ער האָט אין משך פֿון זיין גאַנצן לעבן ניט באַגעגנט קיין קליגערן מענטשן פֿון אַדלערן.

די אָפּקלאַנגען פֿון שטורעמס

די ידיעות פֿון רוסלאַנד פֿלעגן פֿון טאָג צו טאָג ווערן אַלץ מער אומ־רויִק. ענדלעך האָט אַ קלאַפּ געטון דער ערשטער דונער: ס׳זענען געקומען די יאַנואַר־טעג פֿון 1905. אַ סך האָבן געגלייבט אַז ס׳איז געקומען די צייט צו קאָאָרדינירן אַלע רעוואָלוציאָנערע כוחות און פֿאַרגעסן די פּאַרטיי רייַ־סענישן. אין רוסלאַנד איז פֿאָרגעקומען אַ באַראַטונג פֿון אַ ריי סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס. אין אויסלאַנד האָבן די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן פּרובירט צו אָרגאַניזירן אַ קאָנפֿערענץ פֿון אַלע סאָציאַ־ליסטישע ריכטונגען. אין דער קאָנפֿערענץ האָט זיך אויך געדאַרפֿט באַטייליקן דער העלד פֿון די יאַנואַר־טעג אין פּעטערבורג — דער גלח גאַפּאָן, וואָס איז דעמאָלט געקומען קיין אויסלאַנד. די קאָנפֿערענץ איז געווען אַ דורכ־פֿאַל. דער „לידער" גאַפּאָן האָט געמאַכט אויף מעדעמען דעם איינדרוק פֿון אַ פֿאַרלאָרענעם נעבעכדיקן, אומוויסנדן מענטשן, און ס׳איז געווען פֿאַר אים ניט פֿאַרשטענדלעך, ווי אַזוי אַזאַ איינער האָט געקאָנט פֿירן נאָך זיך די מאַסן.

מעדעם האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער 9טער יאַנואַר איז ניט געווען קיין רעוואָלוציע, ער האָט אָבער געקאָנט ווערן דער פּראָלאָג אירער. אין אַ רעדע

אויף אַ גרויסן מיטינג אין ציריך האָט מעדעם געזאָגט: רעוואָלוציעס מאַכט מען נישט מיט הייליקע בילדער און אונטער דער אָנפירונג פון גלחים. דער 9טער יאַנואַר באַווייזט אונז, אַז די רעוואָלוציע איז נאָך ניט גענוג צייטיק, אָבער די פּאָלקס־סטיכיע איז שוין אַרויס פון די ברעגן און עס איז שוין נישטאָ קיין וועג אויף צוריק.

אין די עמיגראַנטן־קרייזלעך און גרופּעס האָט געקאָכט, ווי אין אַ קעסל. ס'זענען אָנגעגאַנגען הייסע דיסקוסיעס וועגן דעם כאַראַקטער פון דער רעוואָלוציע, וועגן דער צוקונפטיקער רעגירונג, וועגן דער ראָלע פון פּויערטום, וועגן באַוואָפנטע אויפשטאַנדן. מעדעם האָט פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט פון די מענשעוויקעס: ער האָט געהאַלטן, אַז די אָנגעהויבענע רעוואָלוציע טראָגט אַ בורזשואַזן כאַראַקטער און אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן דאַרפן זיך ניט באַטייליקן אין אַ רעגירונג, וואָס וועט געשאַפן ווערן דורך די בורזשואַזע פּאַרטייען. און טייל מאָל פלעגט זיך מעדעמען דוכטן, אַז די אַלע טעאָרעטישע דיסקוסיעס וועגן דער צוקונפטיקער רעגירונג זענען בכלל פּריצייטיק און אַבסטראַקט. ס'איז שווער צו גלייבן — האָט ער געטראַכט — אַז די אַרבעטער־מאַסן, וואָס האָבן אויף זייערע אייגענע פּלייצעס דורכגעטראָגן די גאַנצע משא פון דער איבערקערעניש, זאָלן דערלויבן די אַנדערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג צו ווערן די באַלעבאַטים פון זייער ווייטער־דיקן גורל. די רעוואָלוציע וועט אומבאַדינגט אַרויסרופן ביי די מאַסן אַ סטיכישן דראַנג צו דער מאַכט.

„איך האָב פאַרויסגעזען — שרייבט מעדעם — אַז אַפילו אַ זיגרייכע רעוואָלוציע וועט מוזן פירן אַ ביטערן קאַמף מיט די פינצטערע כוחות... דער קאַמף וועט פירן צו אַ רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור — אפשר נאָכן מוסטער פון דעם פראַנצייזישן קאָנווענט. אַ טעראָריסטישע דיקטאַטור האָט אָבער אַזאַ טבע, וואָס איין טייל פון די רעוואָלוציאָנערע כוחות הייבט אָן צו הערשן איבער די איבעריקע טיילן...” (זע „פון מיין לעבן”, צווייטער באַנד, ז' 79).

עס איז שווער געווען אין אַזעלכע געשפּאַנטע טעג צו לעבן ווייט פון דער היים, צו כאַפּן שטיקלעך נייעס, אָפּצושטיין האַלבע נעכט ביי די רעדאַקציעס, וואַרטנדיק אויף די טעלעגראַמעס פון רוסלאַנד און מיט אומרו זיך שטעלן איינע און די זעלבע פראַגע: וואָס, אייגנטלעך, קומט פאָר אין רוסלאַנד? ווען ס'איז אָבער אויסגעבראָכן דער אָקטאָבער־שטרייק — איז שוין ניט געווען מער קיין ספק, אַז דאָס איז די רעוואָלוציע.

די דאָזיקע שטורמישע טעג האָט מעדעם פאַרבראַכט אין אַ קרייז פון פריינד און פּאַרטיי־חברים, וואָס זענען זיך צונויפגעפאָרן אין ציריך אויף דעם 6טן צוזאַמענפאָר פון „בונד”. מען האָט זיך צו דעם דאָזיקן צוזאַ־מענפאָר לאַנג און טיכטיק געגרייט. אויף דער טאָג־אָרדענונג זענען געשטאַנען אַ סך וויכטיקע פראַגן. די דעלעגאַטן האָבן געמוזט מאַכן אַ סך אָנשטרענ־גונגען, כדי זיך אַריבערצוקלייבן איבער דער רוסישער גרענעץ. ווי נאָר

מען האָט זיך דערקליבן צו צירי̇ך, איז אָנגעקומען די דערשיטערנדיקע ידיעה, אַז ס'איז אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער אייזנבאַן־שטרייק. די דעלע־גאַטן האָבן זיך אָנגעהויבן רייסן צוריק קיין רוסלאַנד. אַלעמען האָט באַהערשט דער פֿאַרלאַנג: פֿאָרן אַ היים און זיך אַריינוואַרפֿן אין דער סטיכיע... אָבער פֿון דער רוסישער גרענעץ זענען שוין מער קיין צוגן נישט געגאַנגען. זענען שוין די דעלעגאַטן פֿאַרבליבן אין דער שווייץ און מען איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. כמעט דער גאַנצער פּאַרטיי־אַקטיוו איז געקומען צום צוזאַמענ־פֿאָר. ס'האָבן נאָר געפֿעלט פֿון צענטראַלן קאָמיטעט נח, וואָס איז דעמאָלט געזעסן אין דער ווילנער טורמע, און אַלעקסאַנדער (אַרקאַדי קרעמער). צום ערשטן מאָל האָט זיך מעדעם דעמאָלט באַגעגנט מיט יעווגעני (גיסער), אַלגין, מיכאַלעוויטש, זאַסלאַווסקי, זאַלאַטאַריאָוו א. אַ.

די אַטמאָספֿער פֿון צוזאַמענפֿאָר איז געווען אַן אָנגעהיצטע. מעדעם, וואָס איז געווען דער פֿאָרזיצער פֿון כמעט אַלע זיצונגען, האָט געהאַט אַ שווע־רע אויפֿגאַבע. ס'איז פֿאַר אַלעמען קלאָר געווען, אַז פֿאַרנעמען זיך איצט מיט דער פּאָליטישער טאַקטיק פֿון דער פּאַרטיי וואָלט געווען אַן אומזין. די טאַקטיק איז אויסגעשמידט געוואָרן אויף די ערטער אין פֿייער פֿון דער רעוואָלוציע. דער צענטראַלער פּונקט פֿונם צוזאַמענפֿאָר איז געוואָרן די נאַ־ציאָנאַלע פֿראַגע. פֿאַר די צוויי יאָר צווישן 5טן און 6טן צוזאַמענפֿאָר האָט מען זיך געגעבן אַ רוק פֿאָרויס. די אַרטיקלען, רעפֿעראַטן און דיסקוסיעס האָבן אויפֿגעקלערט אַ סך פֿאַרפּלאָנטערטע פֿראַגן. אין דער דעקלאַראַציע פֿון 1904 אונטערן נאָמען: „וואָס מיר דאַרפֿן ניט פֿאַרגעסן", האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט גאַנץ קלאָר פֿאָרמולירט די פֿאָדערונג פֿון אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. אויפֿן 6טן צוזאַמענפֿאָה האָט נאָר אַ קליינע גרופּע אָפּאָנירט קעגן עצם פּרינציפּ פֿון דער בונדישער פֿאָדערונג, דערוויזנדיק, אַז ווי נאָר ס'וועט אָפּגעשאַפֿט ווערן דער תּחום, וועט זיך תּיכף אָנהייבן דער פּראָצעס פֿון אַסימילאַציע. מעדעם האָט זייער גרינג בייגעקומען זיינע אָפּאָ־נענטן, און די דיסקוסיע האָט באַלד אָנגענומען אַ גאַנץ קאָנקרעטן כאַראַקטער: מען איז אַריבער צו באַהאַנדלען די פּראַקטישע פּאָסטולאַטן. דאָ האָבן זיך די מיינונגען צעטיילט: אַבראַמאָוויטש, למשל, איז געווען דערפֿאַר, אַז די גרענעצן פֿון דער אויטאָנאָמיע זאָלן אויסגעברייטערט ווערן. גיסער, פֿאַר־קערט, האָט געמיינט, אַז דער קלענגעדיקער טערמין „אויטאָנאָמיע" זאָל פֿאַרביטן ווערן מיטן מער באַשיידענעם טערמין: „שול־פֿאַרבאַנד". די רעזאָ־לוציע, אין וועלכער עס איז געקומען צום אויסדרוק די שטימונג פֿון דער מערהייט האָט אין אַ מער קלאָרער, קאָנקרעטער פֿאָרם איבערגעחזרט דעם באַשלוס פֿון 4טן צוזאַמענפֿאָר.

די שטימונג אויפֿן צוזאַמענפֿאָר איז אָבער געווען אַן אומרויִקע. די דעבאַטן האָבן זיך אָפֿט נישט געקלעפּט. די דעלעגאַטן זענען געזעסן ווי אויף שפּילקעס. די שטימונג איז געוואָרן אַ נאָך מער נערוועזע ווען עס

האָבן פון רוסלאַנד אָנגעהויבן קומען די ידיעות וועגן די פּאָגראָמען. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די קאָנטררעוואָלוציע איז אַרויסגעטראָטן אין איר ווילדסטער, באַרבאַרישער פאָרעם. ס'איז נאָך געוועזן צו פרי צו רעדן וועגן נצחון. מעדעם האָט אין זיין רעדע אויפן טראַדיציאָנעלן באַנקעט אויסגעדריקט די געפילן, וואָס האָבן איבערגעפולט אַלעמענס הערצער. ער האָט פאַרגליכן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג מיט אַן אויפשטייג אויף אַ הויכן משופּעדיקן באַרג; ס'איז שווער און פיינלעך דער פעלזיקער באַרג־אַרויף, אָבער דער באַוווסטזיין, אַז אָט־אָט וועט דערגרייכט ווערן דער העכסטער שפּיץ, באַפליגלט צום ווייטערדיקן גאַנג. אָבער דאָס וואָס האָט אונז אויסגעזען ווי דער סוף פון וועג איז ערשט דער ערשטער שטאַפּל און וואָס ווייטער אַלץ משופּעדיקער דער וועג, אַלץ דראָענדיקער די תהומים. און פונדעסטוועגן דאַרף מען גיין באַרג אַרויף מיט פעסטע טריט, טרייסטנדיק זיך מיטן באַוווסטזיין, אַז איינער פון די שווערסטע אָפּשניטן איז געבליבן הינטער אונז.

ווי נאָר דער אַלגעמיינער שטרייק האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן כוואַליעס עמיגראַנטן אַ שטראָם געטאָן צוריק קיין רוסלאַנד. מעדעם האָט געמאָלדן דעם צענטראַל־קאָמיטעט, אַז אויך ער איז גרייט זיך אומצוקערן אַ היים.

דער 4יאָריקער פּעריאָד פון מעדעמס לעבן אין אויסלאַנד האָט גענאָלטן ביים סוף. מעדעם האָט פאַר די דאָזיקע יאָרן אַ סך איבערגעלעבט און אַ סך געלערנט. פון אַ לעבנסלוסטיקן בחור איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רייפן מאַן, וואָס איז צייטנווייז אַפילו גענייגט געווען צו מעלאַנכאָליע. ער האָט אַליין אונטערגעפירט אַ סך־הכל פון דעם ערשטן פּעריאָד פון זיין לעבן אין אויסלאַנד:

„דאָס זענען געווען אינהאַלטסרייכע פילפאַרביקע יאָרן. שוין צוליב דעם אַליין, וואָס איך בין אַ סך אַרומגעפאָרן... געזאָט אַ מאַסע איינדרוקן אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט, געזאָט אַ סך פּערזענלעכע איבערלעבונגען... עס איז געווען אַ סך פּערזענלעכעס אין די שיינע בערג, ביי די שיינע שווייצערישע אָזערעס איז געבליבן אַ היפּשער טייל פון מיין נשמה... די איינזאַמע שווייצערישע געגנטן זענען געווען פאַר מיר, ווי לעבעדיקע באַשעפענישן, ווי גוטע אַלטע פריינד, וואָס יעדערער פון זיי האָט אַ באַשטימטן פּערזענלעכן פּנים... און דאָן — די זאַכן, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן פון דער מענטשלעכער האַנט. די מוזייען פון מינכן, די טעאַטערס... די וווּנדערבאַרע מוזיק און די ביכער — נייע אַנטפּלעקונגען פון אַ נייער קונסט... מיט אָפענע אויגן און מיט אָפענע אויערן פלעג איך אַריינזאַפּן אין זיך דאָס נייע און דאָס שיינע... די קונסט איז ניט געווען פאַר מיר קיין צייט־פאַרטרייב. איך האָב זי גענומען טיף און ערנסט, ווי אַ לעבנס־זאַך. און די גאַנצע לעבנס־באַציונג איז ביי מיר אַדורכגעדרונגען געוואָרן מיט אַ געוויסן קינסטלערישן עלעמענט, וואָס נעמט אַרום אַפילו די פּיין און די ליידן מיט אַ ליכטיקן שיין פון שיינקייט. און... דאָס וויכטיקסטע: מענטשן, לעבעדיקע,

מענטשלעכע נשמות, וואָס האָבן זיך געעפֿנט פֿאַר מיר און געלעבט מיט מיר און צוזאַמען געשעפּט פֿון די גרויסע אוצרות" (זע „פֿון מיין לעבן", צווייטער באַנד, זז' 101־102).

מעדעם האָט געוווּסט: זיין לעבנס־תּקופֿה וועט זיין שווער און פֿול מיט נסיונות, ער האָט אָבער פֿעסט באַשלאָסן זיך אומצוקערן אַ היים, און בלויז געוואַרט, אַז דער צ.ק. זאָל אים אַרויסרופֿן. וואַרטן צו לאַנג האָט ער נישט געדאַרפֿט. אין מיטן נאָוועמבער 1905 איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, וואָס האָט אַרויסגערופֿן קיין רוסלאַנד מעדעמען און קאָסאָווסקין.

די רעוואָלוציע באַרג אַראָפּ

אַ קאַלטע נאָוועמבער נאַכט. איבער דער שלעכט באַלויכטענער פּוסטער פּלאַטפֿאָרם פֿון דער גרענעץ־סטאַנציע ווערזשבאָלאָוואָ שפּרייזן צוויי פּאַסאַזשירן: איינער אַ בלאַסער, אַ דאַרער, דער צווייטער — פֿון מיטעלן וווּקס, אין ברילן. די ביידע טראָגן פֿיינע בערלינער מאַנטלען און נייע האַרטע היט: זיי האָבן זיך באַמיט צו באַקומען אויפֿן וועג אַהיים אַ מער „בורזשואַזן" אויסזען. יעדערער האָט געהאַט אין קעשענע אַ פּאַס, וועלכן מען האָט אויף דער „קאַרוזשקע" אָנגערופֿן „בעלעטריסטיק". דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט שטענדיק געהאַט אין זיין רשות אַ פּעקל ניט־אויסגעשטעלטע פּעסער, אין וועלכע מען פֿלעגט קאָנען אַריינשרייבן אויסגעטראַכטע פֿאַמיליעס און דאַטעס. דורכפֿאַלן מיט אַזאַ פּאַס איז געווען זייער געפֿערלעך, ווייל מען וואָלט לייכט געקאָנט פֿעסטשטעלן זיין פֿאַלשקייט. מעדעם האָט באַקומען אַ פּאַס אויפֿן נאָמען פֿון איינעם סאָבאָל. די „קאַרוזשקע" האָט די ביידע פּאַסאַזשירן מיטגעגעבן אויף יעדן פֿאַל ברויִנינגס. די צייט איז דאָך געווען אַן אומרויִקע. קאָסאָווסקין איז דער דאָזיקער קעגנשטאַנד געווען שטאַרק נישט צום האַרצן. מעדעם אָבער האָט זיך געקענט באַגיין מיט געווער: ער האָט זיך עס אויסגעלערנט נאָך ייִנגלווייז ביי זיין ברודער אין מיליטערישן לאַגער.

די ביידע פּעסער פֿון „קאַרוזשקע" האָבן ביי דעם הויכן פֿאַרשלאָפֿענעם זשאַנדאַר ניט אַרויסגערופֿן קיין שום חשד. מעדעם האָט מיט האַרצקלאַפּעניש באַטראַכט די גרענעץ־סטאַנציע: די עטלעכע לאַמטערנעס האָבן קוים באַלויכטן דעם אָפּגעלאָזענעם וואָקזאַל־בנין וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ באַראַק. נאָך די פֿיר יאָר, וואָס מעדעם האָט פֿאַרבראַכט אין מערב־אייראָפּע, האָט זיך אים נאָך מער געוואָרפֿן אין די אויגן די גרויקייט און דער אומעט פֿון רוסלאַנד. אין וואַגאָן פֿון צווייטן קלאַס האָט אונטער דעם סופֿיט געצאַנקט אַ ליכטל. אין דעם שכנותדיקן קופּע האָבן מיליטער־לייט געשאָלטן די „זשידעס"... נישט גאָר גאַסטפֿריינדלעך האָט דאָס היימלאַנד באַגעגנט איר פֿאַרבענקטן זון...

דער ערשטער עטאַפּ פֿון זייער רייזע איז געווען דווינסק, ווו ס'האָט זיך געפֿונען די שטאַב־קוואַרטיר פֿון בונדישן צ.ק. ווען די צוויי פּאַסאַ־

זשירן זענען אַרויס פון וואַגאָן איז אײנער אַ יונגער מאַן, וואָס האָט אַרומגעשפּאַצירט אויף דער פּלאַטפאָרמע צוגעשפּרונגען מיט פרייד צו מעדעמען און געזאָגט: „אמת, איר זייט דאָך מעדעם!״ מעדעם האָט אויטאָמאַטיש גיך אָפּגעענטפערט: „איר האָט אַ טעות״! דאָס האַרץ האָט אים פאַרדריקט: עס איז געווען אַן אַלטער גוטער חבר, מיט וועלכן ער האָט צוזאַמען געאַרבעט אין מינסק מיט פינף יאָר צוריק און איז געזעסן אין מינסקער טורמע.

דווינסק איז אַן אָפּגעלאָזענע שמוציקע פּראָווינץ־שטאָט: גרויע הייזער, צעלעכערטע טראָטואַרן, פאַרשלאָפענע מענטשן. אויפן שמוציקן ברוק האָבן אָפּגעריסענע ייִדישע ייִנגלעך זיך געשפּילט אין אַ „דעמאָנסטראַציע״. אין שטאָט האָט געהערשט אַ געדריקטע שטימונג. מען האָט מורא געהאַט פאַר אַ פּאָגראָם, און ביינאַכט פלעגט מען נישט קאָנען אַרויסגיין אין גאַס אָן אַ רעוואָלווער: די כוליגאַנעס האָבן זיך פריילעך געמאַכט. דער שטורעם פון דער רעוואָלוציע איז געווען פאַרביי, און דער פּראָווינציעלער לעבנס־שטייגער איז פאַרבליבן דער זעלבער.

ווען דער פאַרטיי־שטאַב האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון דווינסק קיין ווילנע, האָט מעדעם לייכטער אָפּגעאָטעמט. אין ווילנע האָט געהערשט אַן אַנדער אַטמאָספער: די באַרוישונג פון דער פרייהייט איז נאָך ניט געווען אין גאַנצן פאַרביי. די באַפעלקערונג האָט נאָך געלעבט מיט די אָפּקלאַנגען פון די אָקטאָבער־טעג, ווען דער „בונד״ איז געווען דער באַלעבאָס פון שטאָט. די באַוועגונג איז דעמאָלט אַרויס פון אירע ברעגן, צעשטערנדיק אַלע צוימען פון קאָנספּיראַציע. אין פאַרטיי־לאָקאַל האָט געהוזשעט, ווי אין אַ בינשטאָק. דער סעקרעטאַר פון קאָמיטעט פלעגט רעגיסטרירן ניי צוגעקומענע חברים און זיי אַרויסגעבן פאַרטיי־בילעטן. מעדעם האָט באַגעגנט אַ סך אַלטע גוטע פריינד און ער האָט זיך דערשפּירט זייער גוט אין דער היימישער סביבה פון געטרייע חברים.

אויף מאָרגן נאָך זיין אָנקומען קיין ווילנע איז אים אויסגעקומען אויפצוטרעטן אויף אַ גרויסן מיטינג אין שטאָטישן צירק. ס׳האַרץ האָט געקלאַפּט: ס׳איז געווען זיין ערשטער עפנטלעכער אַרויסטריט אין דער היים. דער ריזיקער צירק איז געווען איבערגעפּולט, קיין פּאָליציי איז ניט געווען. מעדעם האָט גערופן צו רעוואָלוציאָנערער וואַכזאַמקייט און צו פאַרשטאַרקטע אָנשטרענגונגען. די קאָנטררעוואָלוציע מאָביליזירט אירע כוחות און גרייט זיך צו נייע אָנפאַלן. אין אָוונט האָט מען אין שטאָט־טעאַטער אויסגעהערט שטייענדיקערהייט די מאַרסעליעזע, וואָס דער שטאָטישער אָרקעסטער האָט געשפּילט. און מעדעם האָט געגלייבט אַז די רעוואָלוציע לעבט.

די רעוואָלוציע האָט נאָך טאַקע געלעבט, אָבער ס׳האָבן זיך שוין באַוויזן אַ סך סימנים פון דער ירידה. ווען מען האָט באַלד נאָך מעדעמס ערשטן אַרויסטריט געפּרוווט צונויפרופן אין צירק אַ צווייטן מיטינג, האָט די פּאָליציי שוין געהאַט אַרומגערינגלט דעם בנין און קיינעם נישט אַריינגעלאָזט. פון

די פּראָווינץ־שטעט אינם תחום האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ידיעות, אַז די מאַסן ווערן אַנטוישט. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן צו באַקומען ווענדונגען פֿון דער פּראָווינץ — מען זאָל צושיקן מענטשן פֿון צענטער, כּדי צו הייבן די שטימונג ביי די מאַסן. מעדעם איז געווען אין אָדעס, ווען דער אויפֿשטאַנד אין מאָסקווע איז דערשטיקט געוואָרן. ס׳איז געווען אַ שווערער קלאַפּ. אַלע אָנשטרענגונגען האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. די רעוואָ־לוציאָנערע כוואַליעס האָבן אָנגעהויבן אָפּפֿאַלן. פֿירן אַן עפֿנטלעכע רעוואָלו־ציאָנערע אַרבעט איז געוואָרן שווערער פֿון טאָג צו טאָג. פֿון אַלע רעוואָלוציאָ־נערע דערגרייכונגען איז פֿאַרבליבן ניט מער, ווי די כּלומרשטע פּרעסע־פֿרייהייט.

דעם 28טן דעצעמבער 1905 איז דערשינען אין ווילנע דער ערשטער נומער פֿון דער לעגאַלער בונדישער טעגלעכער צייטונג „דער וועקער״. באַלד אונטערן קאָפּ פֿון דער צייטונג האָבן זיך געזען די ווערטער: „דאָס פּראָגראַם פֿון אונזער צייטונג איז דאָס פּראָגראַם פֿון „בונד״. מען האָט שוין אָבער געמוזט זיין פֿאָרזיכטיקער. דער רעדאַקציע־קאָלעקטיוו פֿלעגט זיך קיין מאָל ניט פֿאַרזאַמלען אין לאָקאַל פֿון דער רעדאַקציע גופֿא, ווייל מען האָט מורא געהאַט פֿאַר אַ דורכפֿאַל. מען פֿלעגט זיך צונויפֿקומען אין פּריוואַטע וווינונגען, יעדעס מאָל — אין אַן אַנדערער. ס׳האָט זיך געשאַפֿן אַ פּאַראַדאָקסאַלע לאַגע: אַ לעגאַלע צייטונג ביי אומלעגאַלע באַדינגונגען. אָבער צו יענער צייט זענען אין דעם דעמאָלטיקן רוסלאַנד געווען אַ סך אַזעלכע פּאַראַדאָקסן.

דער רעדאַקציע־קאָלעקטיוו פֿון „וועקער״ איז געווען אַ גאַנץ גרוי־סער, אָבער די מערהייט פֿון די שטענדיקע מיטאַרבעטער (יודין, אַנ־מאַן, קאָסאָווסקי און מעדעם) האָט נישט געקאָנט שרייבן קיין ייִדיש, און מען פֿלעגט זיי איבערזעצן. דערפֿאַר אָבער האָבן ליטוואַק, צביון און אַלגין גע־שריבן אַן אויסגעצייכנטן ייִדיש. מעדעם אַליין, אגב, פֿלעגט שרייבן זעלטן; ער איז געווען אין אַ געדריקטער שטימונג. פֿון זיינע פֿלענער וועגן אַ ברייי־טער אינטענסיווער געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט אין דעם אויפֿגעברויזטן רוסלאַנד האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט. ס׳איז מיט יעדן טאָג אַלץ קלע־רער געוואָרן, אַז מען וועט ווידער אַמאָל זיך מוזן באַהאַלטן אונטער דער ערד, דער רעוואָלוציאָנערער פֿרילינג איז געווען אַ קורצער און פֿאַר די דערפֿאַ־רענע קאָנספּיראַטאָרן איז דאָס אומקערן זיך צו די אַלטע מעטאָדן נישט געווען קיין שווערע זאַך. מעדעמען האָט דער אונטערערד געדריקט. גאָר אַנדערש איז געווען אין די יוגנטלעכע יאָרן אין מינסק, דעמאָלט האָט די קאָנספּי־ראַציע געפֿרייט, באַפֿרידיקט דעם דראַנג צו ראָמאַנטישע איבערלעבונגען.

פֿאַר די 4 יאָר, וואָס מעדעם האָט פֿאַרבראַכט אין אויסלאַנד, איז ער גייסטיק אויסגעוואַקסן, רייף געוואָרן און זיך צוגעוווינט צו די אייראָפּעיִשע אַרבעטס־מעטאָדן. איצט אין דער אומעטיקער צייט פֿון רעוואָלוציאָנערן אָפּפֿלוס האָט ער זיך נישט געקאָנט אויסגלייכן אין זיין גאַנצער גרויס. שווער

זענען אויך געווען די אויסערלעכע באַדינגונגען פֿון זיין לעבן: מיט אַ שלעכטן סוראָגאַט פֿון אַ פּאַס, האָט ער זיך געפֿילט ווי אַ געיאָגטע חיה און איז געווען געצווונגען זיך אַרומצובלאָנקען איבער פֿרעמדע, נישט גע־מיטלעכע ווינקלען. ער האָט נישט איין מאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן אומקערן זיך אין זיין היימישן מינסק, און לעגאַליזירן זיך. זיינע פֿריינד האָבן אים אָבער אָפּגערעדט דאָס צו טאָן, ווייל אין מינסק האָט דעמאָלט געבושעוועט דער גובערנאַטאָר קורלאָוו, מעדעמס שוואָגער זשאַבאָ איז געזעסן אין טורמע, און אַלע דערגרייכונגען פֿון די מינסקער רעוואָלוציאָנערע טעג זענען געווען ליקווידירט.

סוף מערץ, 1906, האָט אַ בלאָסער, קרענקלעך אויסזעענדיקער פּאַ־סאַזשיר זיך ווידער אַריינגעזעצט אין אַ צוג, וואָס האָט געפֿירט קיין אויסלאַנד מיט אַ „בעלעטריסטישן" פּאַס אין קעשענע. מעדעם איז געפֿאָרן צו דער 7טער קאָנפֿערענץ, וואָס האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען אין בערן. נאָך די עטלעכע חדשים פֿון זיין וואַנדער־לעבן, האָט ער שאַרף דערשפּירט דעם גרויסן אונ־טערשייד צווישן מערב־ און מזרח־אייראָפּע. אָפּשטעלנדיק זיך אויף אַ קורצער צייט אין בערלין, האָט ער זיך דאַרשטיק אַ וואָרף געטאָן אויף טעאַ־טערס, קאָנצערטן און אויסשטעלונגען, אויף דאָס אַלץ, וואָס עס האָט אים אַזוי אויסגעפֿעלט אין דער דעמאָלטיקער אָרעמער, גרויער ווילנע. ער האָט אָבער געמוזט איילן קיין בערן, ווו ס'האָבן שוין געוואַרט אויף אים די חברים. די בערנער קאָנפֿערענץ האָט געדאַרפֿט באַהאַנדלען די פֿראַגע וועגן אומקערן זיך צוריק צו דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. אונטער דער ווירקונג פֿון די רעוואָלוציאָנערע געשעע־נישן אין רוסלאַנד, האָט זיך אין די סאָציאַליסטישע קרייזן פֿאַרשטאַרקט דער דראַנג צו אַ פֿאַראייניקונג. דער „פֿאַראייניקטער" צוזאַמענפֿאָר פֿון דער רוס. סאָצ. דעמ. אַרב.־פּאַרטיי אין שטאָקהאָלם האָט געדאַרפֿט פֿאַר אָט די נייע שטימונגען געפֿינען די נייטיקע פֿאָרם. מען האָט געגלייבט, אַז דיביידע צדדים וועלן איצטער איינגיין אויף געוויסע הנחות. אין די בונדישע קרייזן האָט מען דיסקוטירט וועגן דעם, ווי גרויס די דאָזיקע הנחות זאָלן זיין. די וויכטיקייט פֿון אַן ענגערער צוזאַמענאַרבעט האָבן אַלע גאַנץ גוט פֿאַרשטאַ־נער, אָבער בלויז אַ קליינע מינדערהייט — צווישן זיי אַנמאַן, וואָס האָט זיך נישט לאַנג אומגעקערט פֿון זיין פֿאַרשיקונג, איז גרייט געווען צו גיין אויף צו גרויסע הנחות.

די קאָנפֿערענץ איז געווען זייער אינטערעסאַנט און לעבעדיק. דעם וויכטיקסטן אָרט האָט פֿאַרנומען די אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿראַגע. ס'איז באַ־שלאָסן געוואָרן צו מאַכן אייניקע פֿאָרמעלע ענדערונגען אין דער רעזאָ־לוציע פֿונם 5טן צוזאַמענפֿאָר. דערביי אָבער האָט מען ווידער אַמאָל באַ־טאָנט, אַז אַ לעבעדיקע און וואַקסנדיקע פּאַרטיי קאָן נישט און דאַרף נישט באַגיין זעלבסטמאָרד. אין אָט דעם גייסט זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן די

דירעקטיוון פֿאַר דער בונדישער דעלעגאַציע, וואָס האָט זיך געדאַרפֿט באַ־טייליקן אין דעם שטאָקהאָלמער צוזאַמענפֿאָר. אויף דעם באַנקעט, וואָס האָט אָפּגעשלאָסן די קאָנפֿערענץ האָט מעדעם געהאַלטן אַן אינהאַלטסרייכע רעדע, וואָס האָט זיך ביי אַלעמען איינגעשניטן אין זכרון.

אויפֿן רוסלענדער פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר (שטאָקהאָלם, אַפּריל 1906) האָט זיך געשאַפֿן אַן אייגנאַרטיקע סיטואַציע. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אויף הנחות וועלן קודם־כל גיין די מענשעוויקעס (מען האָט זיי אַ נאָמען געגעבן די „וויכע", כדי זיי אונטערצושיידן פֿון די „האַרט־שטיינערנע" לעניניסטן), אָבער די מענשעוויסטישע פֿראַקציע האָט זיך קאַטעגאַריש אָפּגעזאָגט צו רע־ווידירן די פֿריִערדיקע פּאָזיציעס. די באָלשעוויקעס, פּאַרקערט, זענען אומ־געריכט פֿאַר אַלעמען יאָ געווען גרייט דערויף. די סיבה פֿון דער באָלשע־וויסטישער נאָכגיביקייט איז געווען דער צייטווייליקער פֿראַקציאָנעלער מאָטיוו; פֿרילינגצייט, 1906, איז די פּאָליטישע ליניע פֿון „בונד" אין איי־ניקע פּונקטן זיך צונויפֿגעפֿאַלן מיט דער ליניע פֿון די באָלשעוויקעס, ווייל דער „בונד" איז דעמאָלט געשטאַנען אויף דעם זעלבן שטאַנדפּונקט ווי לענין — פֿאַרן באָיקאָט פֿון דער דומע.

דער אָרגאַניזאַציאָנעלער סטאַטוט, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן פֿאָר־געלייגט, האָט נישט אינגאַנצן באַפֿרידיקט די בונדישע דעלעגאַציע, נאָר ער האָט געשאַפֿן דעם באָדן פֿאַר אַ פֿאַראייניקונג. די פֿראַגע וועגן צוריקקער פֿון „בונד" צו דער פּאַרטיי, לויט די באַדינגונגען פֿון דעם שטאָקהאָלמער צוזאַמענפֿאָר איז אין די בונדישע קרייזן דיסקוטירט געוואָרן אַ גאַנצן זומער.

אומקערנדיק זיך פֿון אויסלאַנד, איז מעדעם אַריין אין דעם רעדאַק־ציע־קאָלעקטיוו פֿון דעם נייעם בונדישן זשורנאַל אין רוסיש. דער זשור־נאַל, וואָס האָט געהייסן „נאַשע סלאָוואָ" (אונזער וואָרט) איז פֿאַרטראַכט געוואָרן, ווי אַן ערנסטע טעאָרעטישע צייטשריפֿט פֿאַר דער אינטעליגענץ. די מיטאַרבעטער פֿון דעם זשורנאַל האָבן געבילדעט אַ צונויפֿגעלעבטע גרופּע פֿון יונגע און טאַלאַנטפֿולע מענטשן. דער פּראַקטישער רעדאַקטאָר־אָרגאַניזאַטאָר איז געווען אַבראַמאָוויטש; שטענדיקע מיטאַרבעטער, חוץ מעדעמען, זענען געווען ד. זאַסלאַווסקי, אַ זאַלאַטאַריאָוו (אַלעקסאַנדראָוו) און מ. הייליקמאַן. אין זשורנאַל האָבן זיך געדרוקט פּאָליט־שע, וויסנשאַפֿט־לעכע און ליטעראַרישע אַרטיקלען. מיט גרויס באַפֿרידיקונג קאָנסטאַטירט מעדעם שפּעטער אין זיינע מעמואַרן, אַז „דער גאַנצער זשורנאַל האָט געטראָגן אַ שטעמפּל פֿון גוטן געשמאַק, ליטעראַרישן גלאַנץ און סאָציאַליסטישער ערנסטקייט" („פֿון מיין לעבן", 2טער באַנד, ז' 123).

די רעדאַקציע האָט זיך געפֿונען אין צוויי קליינינקע, האַלב־ליידיקע צימערלעך. מעדעם האָט געוווינט ביי זיין אַלטיטשקער מומען אין אַן אַלט הילצערן הייזל, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן שמאָלן באַרגאַרויפֿיקן באַקשט־געסל. די וווינונג איז געווען ענג און אָרעם, און מעדעם האָט דאָרט קיין

אייגן ווינקל נישט געהאַט, אָבער די באַלעבאַטים זענען געווען גוטע, האַר־ציקע מענטשן און דער גוטמוטיקער „דוואָרניק" האָט זיך נישט אינטערע־סירט מיטן פּאַספּאָרט פון דעם ניי געקומענעם קרוב. דער וועג פון באַקשט צו דער רעדאַקציע איז געלעגן דורך דעם יידישן קוואַרטל מיט זיינע קרומע געסלעך, זאַוווּלקעס און פאַרשטונקענע רינשטאָקן, מיט זיין ליאַרעמדיקן, גראַשיקן האַנדל און פיבערדיקער סומאַטאָכע. דער הויכער, שלאַנקער, בלאָנדהאָריקער פּוסגייער מיטן געל־בלייכן און מידן געזיכט, אָנגעטאָן אייג־פּאַך אָבער פעדאַנטיש־זאָרגעוודיק, האָט אויסגעזען, ווי אַן אויסלענדער צווישן דער אָפּגעריסענער, נערוועז־זשעסטיקולירנדיקער מאַסע.

מעדעם פלעגט אַ פּאַרטיפּטער אין זיך שפּרייזן איבער די שפּיציקע שטיינער פון דער רודניצקער גאַס און טראַכטן: וועלכע רעוואָלוציע וועט עס פאַרוואַנדלען אָט די דאָזיקע לופט־באַשעפענישן אין נאָרמאַלע מענטשן; וועלכע רעוואָלוציע וועט אויסלעשן דעם הונגער־גלאַנץ אין זייערע אויגן?

אין דער רעדאַקציע פלעגט זיין אומעט פאַרשווינדן. גאַנצע קופּעס מיט קאָרעקטורן, אַ געלונגענע פאַרמולירונג, אַ פריינדלעכער וויץ (מע־דעם האָט שטאַרק געהאַלטן פון הומאָר), דאָס אַלץ האָט געהויבן די שטי־מונג. די אַרבעט איז געגאַנגען.

ווען מען האָט צעטריבן די ערשטע „דומע", זענען אויפגעשווומען נייע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן געמוזט באַהאַנדלט ווערן. דער זשורנאַל האָט זייער לעבעדיק רעאַגירט אויף אַלע לויפנדיקע פראַגן און האָט אָפּגעגעבן אַ סך אָרט דער דיסקוסיע וועגן דעם צוריקקער פון „בונד" אין דער רוס. סאָצ. דעמ. אַרב.־פּאַרטיי. דער „בונד" האָט זיך צעטיילט אין צוויי לאַגערן: איין טייל האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף אָננעמען די באַדינגונגען פון דעם „פאַראייניקונגס"־צוזאַמענפאָר אין שטאָקהאָלם; דער צווייטער טייל האָט נישט געוואָלט מאַכן קיין שום הנחות. צווישן די „יאַ־זאָגערס" האָבן דעם ערשטן פלאַץ פאַרנומען יודין, אָנמאַן, קאָסאָווסקי, נח, ליבער און אַבראַ־מאָוויטש. די לידער פון די „ניין־זאָגערס" זענען געווען מיכאַלעוויטש, ליט־וואַק, סלאָוועק און ווייטער. אַ ביסל שפּעטלעך, נאָך געוויסע וואַקלענישן, איז מעדעם צוגעשטאַנען צו דער ערשטער גרופּע, און ער האָט דורך אַ ריי אַרטיקלען אין „נאַשע סלאָוואָ" פּרובירט באַגרינדן זיין שטאַנדפּונקט. די באַגרינדונג איז געווען אַזאַ: די פאַראייניקונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע פּאַרטייען וועט עקשנותדיק דיקטירט דורכן גאַנג פון די געשעענישן. דער שטאָקהאָלמער סטאַטוט איז ביי אַלע זיינע פעלערן אַ טריט פאָרויס און ער קאָן שאַפן דעם באָדן פאַר דער פאַראייניקונג. די האָפענונגען אויף דעם, אַז די רוס. סאָצ. דעמ. אַרב.־פּאַרטיי וועט מיט דער צייט אַליין אָנער־קענען די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן פון „בונד" זענען מיט קיין זאַך נישט באַגרינדעט. דעם קאַמף פאַר די דאָזיקע פּרינציפּן וועט דער „בונד" קאָנען פירן מיט אַ גרעסערן דערפאָלג אין דער פּאַרטיי גופא, איידער פון דרויסן.

מען האָט די דאָזיקע פּראָבלעם אַלזייטיק באַהאַנדלט אין אַ ריי אַרטיקלען און רעפֿעראַטן, אָבער באַשליסן האָט געדאַרפֿט דער צוזאַמענפֿאָר. דער 7טער צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד" האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען אין לעמבערג, אין מיטן אויגוסט. אויפֿן צוזאַמענפֿאָר זענען געשטאַנען אַ גאַנצע ריי ערנסטע פֿראַגן וועגן טאַקטיק, ווי למשל די פֿראַגע וועגן דער באַטייליקונג אין די וואַלן צו דער „גאָסודאַרסטווענער דומע".

ערב דעם צוזאַמענפֿאָר האָט מען מעדעמען געמאָלדן, אַז ס'איז אַרויס־געשטעלט זיין קאַנדידאַטור אין צענטראַל־קאָמיטעט. מעדעם האָט געפּרוּווט פּראָטעסטירן, פֿאַררופֿנדיק זיך אויף דעם, אַז די אויפֿגאַבן פֿון צ. ק. זענען דער עיקר אָרגאַניזאַטאָרישע און אָרגאַניזאַציע־דערפֿאַרונג האָט ער געהאַט נישט פֿיל. די חברים אָבער האָבן זיך געהאַלטן ביי זייערס.

מיטן וואַנדערשטאָק

אויפֿן וועג קיין לעמבערג איז מעדעמען אויסגעקומען זיך אָפּצושטעלן אין וואַרשע. די וואַרשעווער חברים האָבן צוגעזאָגט אים צוצושטעלן אַ פּאַס, מיט וועלכן ער וועט קאָנען אַריבער די גרענעץ. וואַרשע האָט אים איבערראַשט מיט איר מאָדנעם אויסזען: די גאַסן האָבן אויסגעזען, ווי אויס־געשטאָרבן, אויף אַלע ראָגעס האָבן אומהיימלעך געבלינצלט די באַגנעטן פֿון פּאַטרולן. ס'איז געווען אַ טאָג נאָך דעם „בלוטיקן מיטוואָך", ווען די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אָרגאַניזירט אַ מאַסן־נקמה אין די פּאָליציי־לייט. דער מאַן מיטן „בעלעטריסטישן" פּאַס האָט זיך געפֿילט אין אַזעלכע באַדינגונגען, ווי אַ חיה אין אַ שטייג. מעדעם האָט לייכט אָפּגעאָטעמט, ווען אַ חבר פֿונם גרענעץ־שטעטל בענדין האָט אים אַריבערגעשמוגלט איבער דער גרענעץ.

דער לעמבערגער צוזאַמענפֿאָר איז געווען איינער פֿון די אימפּאָזאַנטסטע בונדישע צוזאַמענפֿאָרן: די פּאַרטיי איז צו יענער צייט שטאַרק אויסגעוואַקסן. ס'האָבן זיך באַטייליקט אין צוזאַמענפֿאָר 70 דעלעגאַטן מיט באַשטימונגס־רעכט און אַרום 30 מיט באַראַטונגס־רעכט. די היציקסטע דעבאַטן זענען פֿאָרגעקומען ביי דער פֿראַגע וועגן פֿאַראייניקונג. נאָך דער שטורמישער דיס־קוסיע האָט מען באַשלאָסן, אַז דער „בונד" קערט זיך אום צו דער פּאַרטיי. די צווייטע צענטראַלע פֿראַגע פֿונם צוזאַמענפֿאָר — די ווייטערדיקע טאַקטיק בנוגע די קומענדיקע וואַלן צו דער דומע, איז באַהאַנדלט געוואָרן אין אַ רוי־קער אַטמאָספֿער. ס'איז פֿאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז ביים באַיקאָט פֿון דער ערשטער דומע האָט מען געהאַט פֿאַלש אָפּגעשאַצט די פּאָליטישע סיטו־אַציע. די יידישע אַרבעטער־מאַסן האָבן נאָך דעם דורכגעפֿאַלענעם אָקטאָבער־אויפֿשטאַנד פֿאַרט געגלייבט, אַז באַלד וועט זיך געבן אַ הייב אויף אַ צווייטע גראַנדיעזע רעוואָלוציאָנערע כוואַליע. דער דאָזיקער גלויבן האָט זיך אָבער שנעל אויסגעוועפּט, און דער באַיקאָט פֿון דער דומע איז געווען אַ דורכ־

פּאַל. ס׳איז פֿאַר אַלעמען קלאָר געװען, אַז אין אַ צייט פֿון בין־השמשות פֿון רעװאָלוציע, מוז די דומע װערן דער צענטער פֿונם פּאָליטישן לעבן אין לאַנד, און אַז די װייטערדיקע פּאָליטישע געשעענישן װעלן דורכגיין נישט פֿאַרביי דער דומע, נאָר דורך דער דומע. האָט די דעמאָלטיקע פּאָליטישע סיטואַציע געפֿאָדערט, אַז אָט דער נייער פּאָליטישער צענטער זאָל אויס־גענוצט װערן אין די אינטערעסן פֿונם אַרבעטער־קלאַס.

אויף דעם צוזאַמענפֿאָר איז אויך אָנגענומען געװאָרן אַ רעזאָלוציע װעגן דער אויטאָנאָמיע פֿון פּוילן. אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט זענען אויסגעקליבן געװאָרן נח, יודין, רחמיאל, קאָסאָװסקי, אַבראַמאָװיטש, עזרא, מעדעם, אַרקאַדי קרעמער און ליבער.

מעדעם האָט זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד מיט זייער אַ סאָלידן פּאַס. דער פּאַס האָט ביי דער רוסישער גרענעץ־װאַך נישט אַרויסגערופֿן קיין שום חשד. איינער פֿון די זשאַנדאַרן, װאָס האָט קאָנטראָלירט די דאָקומענטן, האָט אַ זאָג געטאָן צום פּאַסאַזשיר מיטן בלאָסן, קרענקלעכן געזיכט: „איר זייט דאָך זיכער געפֿאָרן הייל׳ן זיך ?"

„יאָ, — האָט מעדעם גאַנץ רו׳יק געענטפֿערט, — אָבער ס׳האָט מיר װיניציק־װאָס געהאָלפֿן".

אין װילנע האָבן געװאַרט אויף אים נייע זאָרגן. די אַרטיקע מאַכט האָט פֿאַרבאָטן דעם זשורנאַל „נאַשע סלאָװאָ", און קיין דערלויבעניש אויף אַ נייעם זשורנאַל איז נאָך נישט געװען. דער „בונד" האָט, אַגב, אַרויסגעװיזן די גרעסטע עקשנות און ענערגיע אין זיין קאַמף מיט דער צענזור: װי נאָר די מאַכט פֿלעגט צומאַכן איין פּאַרטיי־זשורנאַל, פֿלעגט באַלד אָנהייבן צו דערשיינען אַ צװייטער. מען פֿלעגט בייטן נישט נאָר די נעמען, נאָר אויך — דעם כאַראַקטער פֿון זשורנאַל און דעם שטאַב פֿון די מיטאַרבעטער. אַזוי אַרום האָט די בונדישע פּרעסע געקאָנט מיט קליינע הפסקות עקסיסטירן ביז סוף 1907.

װאַרטנדיק אויף דער דערלויבעניש אויף אַ פּאַרטיי־אָרגאַן אין רוסיש, איז מעדעם אַװעקגעפֿאָרן אין דרום־רוסלאַנד, כדי צו לייענען אין אַ רייע שטעט אַ רעפֿעראַט אויף דער טעמע „די פּאָליטישע סיטואַציע און אונזערע נייע אויפֿגאַבן". דער רעאַקציאָנערער קורס פֿון דער רעגירונג איז נישט אומעטום געװען גלייך, װייל די פּאָליטישע אַטמאָספֿער פֿלעגט געשאַפֿן װערן דורך דער מאַכט אויף די ערטער. אין די גרויסע שטעט פֿלעגן די איינזעלנע פֿון פּאָליטישער פֿרייהייט זיין די אוניװערסיטעטן. די אוניװערסיטעט־אויטאָנאָמיע האָט מען נאָך נישט ליקװידירט, און די סטודענטישע פֿאַרזאַמלונגען פֿלעגן נישט געשטערט װערן. אין אָדעס און קיִעװ האָט מעדעם געלייענט זיין רעפֿעראַט אין די איבערגעפֿולטע גרעסטע אוניװערסיטעט־זאַלן. אַ סך שװערער פֿלעגט אָנקומען צו אָרגאַניזירן פֿאַרזאַמלונגען אין אַרבעטער־קװאַרטאַלן. באַזונדער שװער איז דאָס געװען אין אָדעס, װו ס׳האָבן

געבושעוועט די כוליגאַנישע באַנדעס, און די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט זיך געמוזט פֿאַרשטעקן טיף אונטער דער ערד. מעדעמען איז אויס־געקומען צו ליינען זיין רעפֿעראַט אין אַ פוסטער דירה פֿון דער אָרעמער און שמוציקער אַדעסער פֿאַרשטאָט מאָלדאַוואַנקע. עטלעכע צענדליק נאָענטע חברים האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אין דער פֿינצטער (אָנצינדן אַ לאָמפּ האָט מען מורא געהאַט) און שפּעטער זיך שווייגנדיקערהייט פֿונאַנדערגעגאַנגען. אין זשיטאָמיר איז מיט גרויס אָנשטרענגונג אָנגעקומען צו אָרגאַניזירן אין אַ פּריוואַטן הויז אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון 70 מענטשן. ווי נאָר מעדעם האָט אָנגעהויבן צו רעדן, האָט מען געמאָלדן דעם באַלעבאָס, אַז פּאָליציי קומט באַלד. האָט מען מעדעמען תיכף אַרויסגעפֿירט דורך אַ הינטער־טיר, און דער עולם איז באַלד צערונען געוואָרן. ווען ס'איז געקומען די פּאָליציי, האָט זי שוין קיינעם נישט געטראָפֿן.

אין האַרבסט 1906, האָט מעדעם אויסגעמאָסטן רוסלאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט. די צייט איז געווען אַן אומהיימלעכע: די צוגן פֿלעגן גיין מיט אַ פּאָליציישער וואַך, אַ כוואַליע פֿון עקספּראָפּריאַציעס האָט זיך צעגאָסן איבערן לאַנד. מעדעם, וואָס האָט זיך שטענדיק באַצויגן נעגאַ־טיוו צום טעראָר, האָט יענעם פּעריאָד כאַראַקטעריזירט מיט פֿאַרביטערונג אויף אַזאַ אופֿן: „די רעוואָלוציע האָט אָנגעהויבן אויסצובייטן איר גרויסן מאַסן־אוצר אויף אַ בלוטיקן קליינגעלט".

ס'האָבן שוין אָנגעהויבן אַרבעטן די מיליטערישע פֿעלד־געריכטן. סטאָליפּין האָט זיך געקליבן נאָך ערגער פֿאַרציִען די שטריק אויפֿן האַלדז פֿון אָפּגעשוואַכטן לאַנד. דער „בונד" האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות אויס־צוניצן די לעגאַלע אַרבעטס־מעגלעכקייטן, וואָס פֿלעגן ווערן קנאַפּער פֿון טאָג צו טאָג. אָנהייב ווינטער 1906 האָט מען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער וואַל־קאַמפּאַניע באַשלאָסן צו באַנייען דעם וואָכנבלאַט אין רוסיש. דער נייער פּאַרטיי־אָרגאַן איז אין פֿאַרגלייך מיט דעם פֿריִערדיקן געווען אַ סך אָרעמער און באַשיידענער סיי לויטן אינהאַלט און סיי אויסערלעך: ער איז געווען אין גאַנצן געווידמעט דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער דומע. דער זשור־נאַל האָט זיך געדרוקט אין ווילנע, אָבער די רעדאַקציע האָט צוליב פּאָלי־צייִשע פֿאַרפֿאָלגונגען זיך געמוזט אַריבערטראָגן קיין קאָוונע.

אין קאָוונע האָבן מעדעם און זאַסלאַווסקי געדונגען צוויי צימערן אין אַ גרויסער און פֿינצטערער ליידיקער דירה. די צימערן זענען געווען קוים מעבלירט. די רעדאַקטאָרן האָט עס קנאַפּ וואָס געאַרט. אין דער נישט־געמיטלעכער דירה פֿלעגן זיך אָפֿט הערן געלעכטערס און וויצן. זאַסלאַווסקי איז געווען דער ספּעציאַליסט אויף פּאָליטישע פֿעליעטאָנען, געשריבן אין אַ טאָן פֿון שאַרפֿער סאַטירע. יעדעס מאָל, ווען זאַסלאַווסקי פֿלעגט זיך אַוועק־זעצן שרייבן, פֿלעגט ער פֿאַרקאַשערן די אַרבל און אַ פֿרעג טאָן מעדעמען: „נו, וועמען דאַרף מען היינט אַריינזאָגן?" אין איין אַרטיקל פֿלעגט זאַס־

לאַווסקי „אַריינזאָגן" די ייִדישע ליבעראַלן, אין אַ צווייטן די ציוניסטן און אין אַ דריטן — די „עסעסאָווצעס". ערב דעם אַרויסלאָז פון אַ נייעם נומער, פלעגט דערשיינען אין דער דירה אַ דריטער מיטאַרבעטער — יודין. די אַלע דריי פלעגן זיך אויסזעצן ביים גרויסן טיש מיטן סאַמאָוואַר אין צענטער, און מען פלעגט זיך נעמען פאַר דער אַרבעט. ס'איז איינגעשטעלט געוואָרן אין דער רעדאַקציע אַ שטרענגע אַרבעטס־פאַרטיילונג: יודין פלעגט שרייבן לאַנגע סאָלידע לייט־אַרטיקלען, מעדעם פלעגט באַהאַנדלען די פראַגן פון דער פאַרטיי־טאַקטיק און זאַסלאַווסקי — מאַכן לייכטע קאַוואַ־לעריע־אַטאַקעס. יעדער איינער האָט איבערגעלייענט אין דער הויך זיין אַרטיקל, מען פלעגט דיסקוטירן און אויסבעסערן. פינף פאַרטאָג פלעגט אַוועקגיין דער צוג קיין ווילנע. דער ווינטער אין יענעם יאָר איז געווען זייער אַ פראָסטיקער, און מעדעם, וואָס צוליב זיין נירן־קראַנקייט האָט ער נישט געקענט פאַרטראָגן קיין קעלט, האָט פאַרנדיק אויף אַ שליטן צום וואָק־זאַל שטענדיק אָפגעפראָרן די פיס. אָנקומענדיק קיין ווילנע, איז ער פון וואָקזאַל גלייך געגאַנגען אין דער דרוקעריי. אַזוי פלעגט עס זיין וואָך־איין, וואָך־אויס.

אין דער „צפון־מערב־געגנט" איז די וואַל־קאַמפּאַניע געפירט געוואָרן זייער לעבעדיק. מעדעמען פלעגט גאַנץ אָפט אויסקומען אַרויסצוטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען. אויף איינער אַזאַ פאַרזאַמלונג אין גראָדנע האָט זיך אַוועק־געזעצט אויף דער טריבונע לעבן אים אַ פּריסטאַוו. מעדעמס רעדע, און באַ־זונדער די וויציקע פּאָלעמישע איינפאַלן זיינע זענען דעם פּריסטאַוו שטאַרק געפעלן געוואָרן. באַלד נאָכן רעפעראַט האָבן די חברים פּרובירט אַרויסצו־פירן מעדעמען דורך אַ הינטער־טיר, און נישט געפינענדיק דעם שליסל, האָבן זיי אויפגעריסן די טיר. אויף מאָרגן האָט דער פּריסטאַוו געזאָגט צו די אָרגאַניזאַטאָרס פון דעם אָוונט: „אייער רעדנער, דער בונדיסט, איז אַ פעיִקער מענטש, אָבער צוליב וואָס האָט איר געדאַרפט ברעכן טירן? איך האָב גאָרנישט בדעה געהאַט אים צו אַרעסטירן. איך קען דאָך די פאַמיליע זיינע, כ'בין אַפילו געווען באַפריינדעט אַמאָל מיט זיין טאַטן אין מינסק"... ווען מען האָט מעדעמען איבערגעגעבן די דאָזיקע ווערטער, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אויך דער פּריסטאַוו אין מינסק, וועלכער האָט אים אַרעסטירט, האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט געקענט דעם טאַטן זיינעם...

ווען די וואַל־קאַמפּאַניע האָט זיך געענדיקט, האָט מען דעם זשורנאַל געמוזט אָפּשטעלן צוליב מאַנגל אין געלט. די טעגלעכע „פאָלקסצייטונג", וואָס איז דערשינען אָנשטאָט דעם צוגעמאַכטן „וועקער", האָט געהאַט אַ גרויסן דעפיציט. די רעדאַקציע־דירה אין קאָוונע האָט מען באַוויזן באַ־צייטנס צו ליקווידירן: באַלד נאָך מעדעמס אָפּפאָר האָט זיך געמאָלדן אַהין פּאָליציי מיטן באַפעל אַלעמען צו אַרעסטירן.

מעדעם איז אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע. איינער אַ גרויסער מאָסקווער

פֿאַרלאַג האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ גרויסע קאָלעקטיװע אַרבעט „די געשיכטע פֿון רוסלאַנד אין 19טן יאָרהונדערט", און מען האָט מעדעמען פֿאַרגעלייגט אָנצושרייבן די אַרבעט „ייִדן אין רוסלאַנד". אין דער אויסגאַבע האָבן זיך באַטייליקט לענין און פּלעכאַנאָװ; די הױפּט־רעדאַקטאָרן זענען געװען די באָלשעװיסטישע היסטאָריקער פּאָקראָװסקי און ראָזשקאָװ. מע־דעמען איז די טעמע פֿון זײַן אַרבעט געפֿעלן געװאָרן, אָבער ס'איז אים נישט באַשערט געװען זי אויסצופֿירן. איין מאָל בעת ער איז געזעסן אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק איבער די מאַטעריאַלן װעגן דער געשיכטע פֿון ייִדן אין רוסלאַנד, האָט ער באַמערקט אַנטקעגן זיך זײַן שװאָגער זשאַבאַ, און האָט באַלד געפֿונען אונטער זײַן בוך אַ צעטעלע. ס'האָט זיך אַרויסגע־װיזן, אַז די פּאָליציי האָט זיך אויף אים נאָכגעפֿרעגט ביי זייער הויזװעכטער. האָט דער אייביקער װאַנדערער װידער אַמאָל זיך געמוזט לאָזן אין װעג אַריין. מעדעם איז גלײַך פֿון מאָסקװע אַװעקגעפֿאָרן קיין קאָפּענהאַגן, װוּ אָנהייב מאַי האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

הײַנטיקן מאָל איז מעדעם געפֿאָרן קיין אויסלאַנד אויף אַן אָנשטענ־דיקן אויסלענדישן פּאַס. אַזעלכע פּעסער פֿלעגט מען באַקומען דורך די „מאַכערס", װעלכע מען פֿלעגט רופֿן „גענעראַל־גובערנאַטאָרס". דער מאַכער פֿלעגט צושטעלן אין דער קאַנצעלאַריע פֿון גובערנאַטאָר אַ געפֿעלשטן פּאַס און האָט באַקומען אָנשטאָט אים אַן אמתן אויסלענדישן פּאַס, מיט אַלע ריכטיקע שטעמפּלען און אונטערשריפֿטן. אַזאַ מין פּאַס האָט אויך מעדעם באַקומען.

דער װעג פֿון מאָסקװע קיין אויסלאַנד איז געלעגן דורך מינסק. ס'זענען שוין געװען פֿאַרביי פֿינף מיט אַ האַלב יאָר, זינט דער יונגער סטודענט האָט אין אַ פֿייכטער האַרבסט־נאַכט זיך דורכגעגנבֿעט אַן שום באַגאַזש צו אַ װאַגאָן פֿון דריטן קלאַס... מעדעמען האָט זיך געדאַכט, אַז די דאָזיקע פֿינף מיט אַ האַלב יאָר זענען אַ גאַנצע אייביקייט... אין מינסק איז איצטער פֿון זײַן משפּחה און פֿון זײַנע יוגנט־פֿריינד קיינער מער נישט געװען, אָבער װען דער צוג האָט זיך דערנעענטערט צו דעם באַקאַנטן װאָקזאַל, האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבן שטאַרקער קלאַפּן: אָט איז דער שלאַ־באַן, װאָס מאַכט פֿריי דעם װעג, אָט איז דאָס קליינע הײַזל פֿון דעם אײַזנבאַן־װעכטער, װוּ דעם װעכטערס װייב האָט אים אַפּט מכבד געװען מיט אַ שטיק פֿריש שװאַרץ ברויט מיט אַ גלאָז געבריטע מילך. אָט איז דאָס װעלדל, װוּ ס'פֿלעגן מיט זיבן יאָר צוריק פֿאָרקומען די זיצונגען פֿונם קאָמיטעט, און אָט איז דער װייכער, זאַמדיקער װעג, װאָס האָט געפֿירט צו דער זומער־װוינונג, װוּ עס האָט געלעבט דער קליינער װאָליאַ...

װען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים מינסקער װאָקזאַל, האָט זיך מעדעם נישט געקאָנט איינהאַלטן און ער איז אַרויס אויף דער פּלאַט־

פֿאָרם. דער פֿעראָן איז געווען פּוסט. שוויגנדיקערהייט האָט זיך דער וואַנ־דערער געזעגנט מיט זיין געבורט־שטאָט. ער האָט איר געזען צום לעצטן מאָל אין זיין לעבן. אמת, אים איז אויסגעקומען אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך איין מאָל פֿאַרביי צו פֿאָרן זיין היימשטאָט, אָבער דענסטמאָל האָט ער געקאָנט זען די פּלאַטפֿאָרם פֿונם מינסקער וואָקזאַל, נאָר דורך די גראַטעס פֿון דעם אַרעסטאַנטן־וואַגאָן...

פֿון קאָפּענהאַגן האָט מעדעס געמוזט באַלד איבערוואַנדערן קיין לאָנדאָן — די איינציקע שטאָט אין אייראָפּע, וווּ ס'האָט עקסיסטירט פֿריי־הייט פֿון פֿאַרזאַמלונגען. דער צוזאַמענפֿאָר איז געווען אַ צאָלרייכער (ס'זענען געקומען אַן ערך 300 דעלעגאַטן) און ער האָט געדויערט עטלעכע וואָכן נאָך אַנאַנד. ער איז פֿאָרגעקומען אין אַ קלויסטער פֿון עפּעס אַ רעליגיעזער געזעלשאַפֿט; ביים אַריינגאַנג זענען שטענדיק געשטאַנען ענגלישע פּאָ־ליסמענס, וואָס האָבן געשיצט דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון אַ מעגלעכן אָנפֿאַל.

די דעלעגאַטן האָבן זיך אויסגעזעצט, ווי אין אַ פּאַרלאַמענט, לויט די פֿראַקציעס. די בונדישע דעלעגאַציע האָט פֿאַרנומען דעם צענטער צווישן די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס. די פֿראַקציע־דיסציפּלין איז געווען זייער אַ שטרענגע, באַזונדערס ביי די באָלשעוויקעס און ביי דער פּוילישער ס. ד. פֿראַקציע. אין צוזאַמענפֿאָר האָט זיך באַטייליקט די גאַנצע פֿירער־שאַפֿט פֿון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. צווישן די באָלשע־וויסטישע דעלעגאַטן האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן דער ערן־גאַסט מאַקסים גאָרקי מיט זיין פֿרוי. די אַטמאָספֿער פֿונם צוזאַמענפֿאָר איז פֿון אָנהייב אָן געווען אָנגעצויגן. אויף יעדער זיצונג פֿלעגן צווישן די פֿראַקציעס פֿאָרקומען שאַרפֿע צוזאַמענשטויסן און אַריינזאָגענישן, וואָס פֿלעגן שיער־שיער נישט איבערגיין אין געשלעגן. אין אַזעלכע מאָמענטן איז די ראָלע פֿון פֿאָרזיצער געווען באַזונדערס שווער און פֿאַראַנטוואָרטלעך. מעדעם, וועלכן די בונדישע פֿראַקציע האָט דעלעגירט אין פּרעזידיום, האָט אָנגעפֿירט מיט אַ סך זיצונגען פֿון צוזאַמענפֿאָר און אין די קריטישע מאָמענטן פֿלעגט ער זיך פֿילן ווי אַ קאַפּיטאַן, וואָס פֿירט זיין שיף דורך צעשטורעמטע כוואַליעס. ער פֿלעגט זיך אָבער קיינמאָל נישט פֿאַרלירן. ער האָט שוין געהאַט אַ גרויסע דערפֿאַרונג אַלס פֿאָרזיצער, און זיין רויִקע, קלאָרע שטים פֿלעגט באַהערשן די אויפֿגערעגטע דעלעגאַטן. דאָס איז אים נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען: ער האָט אין משך פֿון צוזאַמענפֿאָר באַקומען אַ ידיעה פֿון רוסלאַנד, וואָס איז געווען פֿאַר אים פּערזענלעך אַ שווערער קלאַפּ. אָבער זיין בלאַס פּנים און זיין רויִקע שטים האָבן נישט פֿאַרראַטן זיין אינערלעכע צערודערונג.

די שטאַרקסטע רייסערייען זענען פֿאָרגעקומען צווישן די באָלשעווי־קעס און די מענשעוויקעס. די בונדיסטן און דער „נייטראַלער" טראָצקי האָבן אין דעם דאָזיקן שאַרפֿן דועט אַריינגעטראָגן זייער באַזונדערע נאָטע.

איך צווישן די בונדיסטן און דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פֿראַקציע פֿלעגן אָפֿט מאָל פֿאָרקומען צוזאַמענשטויסן צוליב פּאַרמעלע פֿראַגן. די אַטמאָספֿער פֿון צוזאַמענפֿאָר איז געווען אַזאַ אָנגעשטרענגטע, אַז יעט־ווידע קלייניקייט פֿלעגט אַרויסרופֿן ביי די דעלעגאַטן אַן אויסערגעוויינלעכע צערייצונג. דערמיט דערקלערן זיך די שאַרפֿע אַרויסטרעטונגען פֿון ראָזע לוקסעמבורג און די גיפֿטיקע, סאַרקאַסטישע באַמערקונגען פֿון פּלעכאַנאָוון. דער חוצפּהדיקסטער פּאָלעמיסט פֿונם צוזאַמענפֿאָר איז געווען דער מיטגליד פֿון דער „דומע״ אַלעקסינסקי, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ הייסער באָל־שעוויק. די אַלע רייסערייען, וואָס האָבן געדויערט עטלעכע וואָכן נאָך אַנאַנד, זענען געווען לחלוטין אומזיסטע, ווייל אַלע דעלעגאַטן האָבן שוין געוווּסט פֿאָרויס, אַז די רעזאָלוציעס פֿון די באָלשעוויקעס וועלן סיי ווי דורכגיין, מחמת זייערע דעלעגאַטן אין איינעם מיט די פּוילישע און לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן געהאַט אויפֿן צוזאַמענפֿאָר אַ מערהייט.

אַ סך באַשלוסן פֿון לאָנדאָנער צוזאַמענפֿאָר האָבן באַלד בכלל פֿאַר־לאָרן זייער ווערט, ווייל ס׳האָט זיך געענדערט אין רוסלאַנד די פּאָליטישע סיטואַציע: די צווייטע „דומע״ האָט מען פֿונאַנדערגעטריבן, די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פֿראַקציע איז אַרעסטירט געוואָרן, און די וואַלן צו דער דריטער „דומע״ זענען שוין געבויט געוואָרן אויף אַ גאַנץ אַנדער באַזע. כדי צו באַהאַנדלען די פֿראַגן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער געענדערטער לאַגע, האָט מען צונויפֿגערופֿן אַן עקסטרע קאָנפֿערענץ אין קליינעם פֿינ־לענדישן שטעטל קאָטקאַ, און מעדעם איז ווידער אַריינגעפֿאַלן אין הייסן קעסל פֿון נייע פּאָליטישע דיסקוסיעס. דער וויכטיקסטער פּונקט פֿון דער קאָנפֿערענץ איז געווען לעניגס רעפֿעראַט וועגן די אויפֿגאַבן פֿון איצטיקן מאָמענט. זיין שניידיקע פּאָלעמיק איז הייגטיק מאָל געווען געווענדט נישט קעגן די מענשעוויקעס, נאָר קעגן דער „לינקער״ אָפּאָזיציע אין זיין אייגענער פֿראַקציע, קעגן די אַזוי גערופֿענע „באָיקאָטיסטן״, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז צו דער דריטער דומע דאַרף מען אָנווענדן די זעלבע טאַקטיק ווי צו דער ערשטער, ד. ה. באָיקאָטירן די וואַלן. לענין האָט מיט רעכט געטענהט, אַז די פּאַרטיי־טאַקטיק, וועלכע איז געווען אַ ריכטיקע אין 1906, קאָן ווערן אַ פֿאַלשע אין אַ יאָר אַרום, ווען די לאַגע האָט זיך אין גאַנצן געענדערט, און אַז די פּאָליטישע סטראַטעגיע פֿאָדערט פֿון דער פּאַרטיי אַ סך בייגעוודי־קייט. די קאָנפֿערענץ האָט באַשלאָסן מיט אַ גרויסער מערהייט זיך צו באַ־טייליקן אין די וואַלן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומעטיקע גרויע צייט. מעדעם איז שוין ווידער געווען אין ווילנע. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער „פּאָלקסצייטונג״, אין די זיצונגען פֿונם צ. ק., אין דער טאָג־טעגלעכער פּאַרטיי־אַרבעט, אָבער די אַרבעט האָט זיך געצויגן, ווי פֿון פּעך. די רעאַקציע איז מיט יעדן טאָג געוואָרן שטאַרקער. נאָכן רעוואָלוציאָנערן אויפֿברויז פֿון די יאָרן 1905־1906

איז געקומען אַ תּקופה פון ירידה, און די וואָס זענען געשטאַנען בראָש פון דער באַוועגונג, האָבן שטאַרק געפילט אירע סימפּטאָמען. דער טיראַזש פון דער צייטונג איז געווען נישט מער, ווי 8,000. די פּאַרטיי־קאַסע איז געווען פּוסט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־אַפּפלוס פון מענטשן אין די אָרטיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. אין אַזאַ שווערער צייט האָט זיך די פּאַרטיי געקליבן צו פייערן איר 10־יאָריקן יובילײ. מען האָט געהאַט בדעה אַרויסצולאָזן אַ יובילײ־נומער „פאָלקסצייטונג", און מעדעם האָט געדאַרפט שרייבן דעם יובילײ־אַרטיקל. ער איז אָבער נישט געווען בכוח אַזאַ מין יום־טובדיקן אַרטיקל אָנצושרייבן.

„איך בין אַוועק אין בערנאַרדינער גאָרטן — שרייבט מעדעם אין זיינע זכרונות — אַ שיינער, שטילער גאָרטן... ס'איז געווען אַ שיינער האַרבסט־טאָג. די ביימער זענען געשטאַנען אויסגעסטראָיעט אין זייערע געלע און רויטע האַרבסט־בגדים, די לופט איז געווען קאַלט, ריין און דורכזיכטיק... איך בין געזעסן אויף אַ באַנק און האָב זיך געקליבן צונויפצוקלייבן מיינע געדאַנקען. איך האָב אָבער געפילט, אַז יובילײ־אַרטיקלען קאָן איך נישט שרייבן. מילא, איך געהער נישט צו די, וואָס פאַלן אַריין אין יאוש צוליב אַ שטימונג פון אַ מאָמענט... אָבער... איך האָב נישט געהאַט קיין געפיל פון יום־טובדיקייט און שרייבן גלאַט אַזוי פראַזן, וואָס מען פילט נישט — דאָס איז אַ ליגן און דערצו בין איך נישט פעיק"... („פון מיין לעבן", צווייטער באַנד, ז' 197).

מעדעמס לעבנס־באַדינגונגען האָבן צו יענער צייט האַרמאָנירט מיטן אומעטיקן גרויען טאָן פון דער אַרומיקערווירקלעכקייט. ער האָט געלעבט אין אַ מעבלירט צימער אין אַ געדיכט־באַפעלקערט הויז אין צענטער שטאָט. און די פרעמדע פאַרבלאָזע סביבה האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט ביי אים דאָס געפיל פון איינזאַמקייט.

אָפּקלאַנגען פון פרעמדע לעבנס האָבן זיך דורכגעריסן דורך דער נאַכטיקער שטילקייט — אַן איינזאַמער געוויין פון אַ פרוי הינטער דער וואַנט, שיכורע קולות פון אָפּיצירן, וואָס האָבן געהוליעט ערגעץ ווייט אין קאָרידאָר און אַ געפיל פון גרויסער און שאַרפער בענקשאַפט, וואָס איז אים געווען באַקאַנט נאָך פון די קינדערשע יאָרן האָט געמאַטערט די נשמה. דער בין־השמשות פון זיין אייגן לעבן האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן בין־השמשות פון דער געשיכטע.

די „פאָלקסצייטונג" האָט די פּאָליציי פאַרמאַכט, האָט די צייטונג אָנגעהויבן צו דערשיינען אונטערן נאָמען „האָפענונג". דער מונטערער נאָמען פון דער נייער צייטונג איז נישט געווען אין איינקלאַנג מיט די דעמאָלטיקע שטימונגען פון דער רעדאַקציע. די צייטונג האָט קוים געאָטעמט, די קאַסע איז געווען פּוסט. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט שאַרף אָוועקגעשטעלט די

פֿראַגע װעגן דער װײַטערדיקער עקסיסטענץ פֿון פּאַרטיי־אָרגאַן. ליבער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף די צײַטונג אָפּשטעלן, מעדעם אָבער איז געװען קעגן דעם דאָזיקן אַקט פֿון יאוש. ענדלעך איז באַשלאָסן געװאָרן אַרויסצו־געבן די צײַטונג אין אַ קלענערן פֿאָרמאַט, כּדי זי זאָל, סײַ לויטן פּרײַז, סײַ לויטן אינהאַלט װערן צוגענגלעך פֿאַר דער ברייטער מאַסע. מעדעמען איז דער דאָזיקער פּלאַן געפֿעלן געװאָרן. ער האָט פֿון תּמיד אָן געטרוימט װעגן דעם, אַז ער זאָל מיט זײַן ליטעראַרישער אַרבעט קענען אַרויס פֿון ענגן קרײַז אייגענע מענטשן און זיך טרעפֿן פּנים אל פּנים מיטן מאַסן־לייענער. אין דער נײַער רעדאַקציע זענען אַרײַן נישט מער, װי דרײַ מענטשן: מעדעם, ליטװאַק און אסתּר — די בעסטע בונדישע זשורנאַליסטן. ס'איז אָבער נישט באַשערט געװען, אַז די נײַע צײַטונג זאָל אַרויס. שוין אין ערשטן טאָג, װען די מיטאַרבעטער האָבן זיך געװאָלט נעמען צו דער אַרבעט, האָט זיך אין דער דירה פֿון דער רעדאַקציע באַװיזן פּאָליציי און האָט אַרעסטירט ליטװאַקן און אסתּרן און דערבײַ האָבן זיי שוין אויך מיט־גענומען אַלעקסאַנדערן און יונהן, װאָס האָבן זיך גראַד געפֿונען אין לאָקאַל. מעדעם האָט אַ דאַנק אַ צופֿאַל אויסגעמיטן דעם אַרעסט.

ס'איז געװאָרן קלאָר, אַז בײַ די דעמאָלטיקע פּאָליציײַשע באַ־דינגונגען װעט נישט זײַן מעגלעך אַרויסצוגעבן אַ טעגלעכע צײַטונג; האָט דער צ. ק. באַשלאָסן אַרויסצוגעבן, לכל הפּחות, אַ װאָכנבלאַט. אין דער נײַער רעדאַקציע זענען אַרײַן מעדעם, יודין, זאַסלאַװסקי און װײַטער. גע־װײנלעך פֿלעגן די בונדישע אָרגאַנען נישט האָבן קיין הויפּט־רעדאַקטאָר; דער גאַנצער רעדאַקציע־קאָלעקטיװ פֿלעגט באַשטימען דעם כאַראַקטער און אינהאַלט פֿון דער צײַטונג. איצטער אָבער האָט ליבער פֿאָרגעלייגט, אַז מען זאָל באַשטימען אַ הויפּט־רעדאַקטאָר, װעלכער זאָל אויפּפּאַסן, אַז די פּאָליטישע ליניע פֿונם זשורנאַל זאָל אויסדריקן די שטימונגען פֿון דער פּאַרטיי־מערהייט (אין „בונד" זענען דעמאָלט געװען חילוקי דעות װעגן טאַק־טישע פֿראַגן און אַ טייל פֿון פּאַרטיי־אַקטיװ איז געװען באַלשעװיסטיש גע־שטימט). פֿאַרן הויפּט־רעדאַקטאָר איז באַשטימט געװאָרן מעדעם. עס איז באַשלאָסן געװאָרן אָנצונעמען אַלע פֿאָרזיכטס־מיטלען, כּדי נישט אַרײַנצו־פֿאַלן אין די לאַפּעס פֿון די זשאַנדאַרן: דער אָפֿיציעלער לאָקאַל איז גע־שטאַנען ליידיק, און די רעדאַקציע פֿלעגט זיך פֿאַרזאַמלען אין דעם קליינעם צימערל פֿון װײַטערן.

דער קאַמף איז אָבער געװען נישט קיין גלײַכער: עס איז געלונגען אַרויסצוגעבן בלויז דרײַ נומערן „מאָרגנשטערן". די פּאָליציי, װאָס איז שפּעט בײַנאַכט געקומען אין רעדאַקציע, האָט דאָרט קיינעם נישט געפֿונען, אָבער דאָס װאָכנבלאַט האָט מען געמוזט אָפּשטעלן. דער „מאָרגנשטערן" איז געװען די לעצטע לעגאַלע פּעריאָדישע אויסגאַבע פֿון „בונד" אין יענער צײַט. די בונדישע פּרעסע האָט זיך אין װילנע װי מיט ניסים געהאַלטן צוויי

יאָר צייט. אין פעטערבורג און אין מאָסקווע האָבן די סאָציאַליסטישע אָר־גאַנען שוין לאַנג אויפגעהערט צו עקסיסטירן.

ס׳איז פאַרבליבן נאָר איין איינציקער אויסוועג: זיך אומקערן צו די אַלטע מעטאָדן פון אונטערערדישער אַרבעט. די דאָזיקע פערספעקטיוו האָט מעדעמען געשראָקן, ווייל זי האָט אים ווידער אַמאָל פאַרמשפט צו שרייבן פאַר אַ באַגרענעצטן קרייז. מעדעם איז געווען אַ פובליציסט פון איראָ־פעישן מאָסשטאַב, און ס׳איז אים שווער געווען זיך אויסצולעבן אין די שמאָלע ראַמען פון דער אונטערערדישער אַרבעט. האָט ער פאַרגעלייגט אַרויסצוגעבן פון צייט צו צייט זאַמלביכער. דאָס פאָליטישע לעבן אין לאַנד איז כמעט דערשטיקט געוואָרן, די געשעענישן אויף וועלכע מען האָט גע־מוזט תיכף רעאַגירן, זענען געוואָרן זעלטענער. איז געקומען די ריכטיקע צייט — האָט מעדעם געמיינט — ווען מען דאַרף זיך פאַרנעמען מיט וואָ־כעדיקע פראַגן און שענקען מער אויפמערקזאַמקייט די נויטן פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן. די זאַמלביכער „נייע צייט” האָבן געדאַרפט דורכפירן אין לעבן די דאָזיקע פראָגראַם.

די שווערע אויפגאַבע פון צונויפשטעלן און רעדאַקטירן דעם זאַמלבוך איז אויסגעפאַלן אויף מעדעמען אַליין. די פריערדיקע מיטאַרבעטער פון די פאַרטיי־אָרגאַנען זענען געוואָרן צעזייט און צעשפרייט, אַ סך פון זיי זענען געזעסן אין די טורמעס. זיין איין איינציקער געטרייער אַרויסהעלפער איז געווען דער אַלטער חבר זיינער פון מינסק — טיומין, וואָס האָט געאַרבעט אַלס איבערזעצער. מעדעם האָט נאָך אויך צוגעצויגן עטלעכע אַרטיקע מיטאַרבעטער, צווישן זיי — די ברידער ראַפעס, וואָס זענען געווען גוט באַהאַוונט אין די פראָבלעמען פון יידיש לעבן. מיט דער הילף פון וולאַדעקן (דעמאָלט נאָך — „דער יונגער לאַסאַל”), וועלכער איז געשטאַנען אין צענטער פונם דעמאָלטיקן יידישן „קולטור־רענעסאַנס”, איז מעדעמען געלונגען צו פאַרבינדן זיך מיט דער גרופע יונגע, טאַלענטירטע פאָעטן, און ער האָט פאַר דעם ערשטן זאַמלבוך באַקומען לידער פון דוד איינהאָרן און דניאל טשאַרני. די מוזיקאַליש־דראַמאַטישע געזעלשאַפט מיטן אויס־געצייכנטן אַרבעטער־כאָר איז סוף 1907 געוואָרן פאַר מעדעמען דאָס אָרט פון דערנעענטערן זיך מיט די יידישע שרייבער. די געזעלשאַפט פלעגט איינאָרדענען ליטעראַרישע אָוונטן, און איינער אַזאַ אָוונט האָט זיך פאַר־ענדיקט מיט אַ באַנקעט, אויף וועלכן מעדעם האָט געהאַלטן אַ רעדע וועגן דעם יידישן „קולטור־רענעסאַנס”.

מעדעם אַליין האָט וועגן די ספעציפיש־יידישע פראָבלעמען דעמאָלט נאָך נישט געשריבן, אָבער אַ דאַנק זיין אינטויציע האָט ער געוווסט וועלכע טעמעס צו באַשטעלן. מעדעם איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט אָפגעשאַצט די באַדייטונג פון די קהילות אין יידישן לעבן. ער האָט פאַר־שטאַנען, ווי וויכטיק עס איז צו קעמפן מיט די פירער פון די קהילות פאַר

די לעבנס־אינטערעסן פֿון די ברייטע ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן. אין דער ביג־דישער פּרעסע האָט נאָר איין מיכאַלעוויטש איין מאָל באַרירט אין אַלגעמיינע שטריכן די דאָזיקע טעמע אינם „מאָרגנשטערן". אין דער „נייער צייט" זענען שוין דער דאָזיקער טעמע געווידמעט געוואָרן אַ סך ערנסטע אַר־טיקלען.

דער קרייז מענטשן, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום דער אַלטער פֿאָן איז וואָס ווייטער אַלץ שמעלער געוואָרן. מעדעם פֿלעגט עס מיט וויטאָק קאָנסטאַטירן אין יענע שעהן, ווען ער פֿלעגט זיצן אין דער קאָנספּיראַטי־ווער דירה, וואָס האָט זיך געפֿונען ערגעץ ווייט פֿאַררוקט אין אַ גרויסן הויף, אַ געדיכט־באַוווינטן מיט אָרעמעלייט. ערשט מיט אַ יאָר צוריק פֿלעגט אין דער זעלבער דירה רוישן, ווי אין אַ בינשטאָק, יעדע ווײַלע פֿלעגן זיך מעלדן נייע געסט פֿון דער פּראָווינץ מיט באַריכטן. איצטער אָבער פֿלעגט מעדעם אָפּזיצן דעם לאַנגן אָוונט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון זיין אַלטן שול־חבר יאָשאַ קאַפּלאַן, וואָס איז געוואָרן דער סעקרעטאַר פֿון צ. ק. און זייער זעלטן פֿלעגט זיך אין דעם שטילן ווינקל באַווייזן אַ „פּראָפֿעסיאָנאַל" פֿון דער פּראָווינץ.

ווינטערצייט 1908, האָט מעדעמען אַ צי געטאָן אין דער הויפּט־שטאָט. איינער אַ גרויסער פּעטערבורגער פֿאַרלעגער האָט באַשלאָסן אַרויס־צולאָזן אַ קאָלעקטיווע אַרבעט אונטערן נאָמען: „די פֿאָרמען פֿון דער גאָ־ציאַנאַלער באַוועגונג" און האָט באַשטעלט ביי מעדעמען אַן אַרבעט וועגן די נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. מעדעם איז צוליב דעם אַוועקגעפֿאָרן קיין פּעטערבורג, ווו ער האָט געהאַט בדעה צו פֿאַרבלייבן נישט מער, ווי עטלעכע וואָכן. אָבער זיין פֿאַרברענגען דאָרט האָט זיך פֿאַרצויגן און ער האָט עס נישט באַדויערט. מעדעם איז באַרוישט געוואָרן: וואַגנערס אָפּע־רעס, די ניקיש־קאָנצערטן, דער וווּנדערלעכער דראַמאַטישער טעאַטער, די ליטעראַרישע אָוונטן, אויסשטעלונגען און קודם־כל — די אויסערגעוויינלעכע אַטמאָספֿער פֿון ליידנשאַפֿטלעכע זוכענישן, פֿון אָנגעשטרענגטן גייסטיקן לעבן האָבן מעדעמען טיף פֿאַרכאַפּט און באַגייסטערט.

אַ באַרייכערטער און אַ גייסטיק־אָפּגעפֿרישטער האָט זיך מעדעם אומגעקערט צו זיין שטילן וואָכעדיקן לעבן אין ווילנע...

ווידער אין דער פֿרעמד

אין מאַי 1908, איז מעדעם אַוועקגעפֿאָרן קיין זשענעווע. ער האָט בדעה געהאַט צו פֿאַרבלייבן אין אויסלאַנד נישט מער, ווי עטלעכע חדשים. ס'האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט אַנדערש. די ידיעות, וואָס פֿלעגן קומען פֿון רוסלאַנד זענען געווען זייער טרויעריקע. די אַרבעט פֿון דער פּאַרטיי האָט זיך שטאַרק פֿאַרשמעלערט. די פֿינאַנסן זענען געווען אין אַ צרהדיקן צו־שטאַנד, דער קרייז פֿון „פּראָפֿעסיאָנאַלן" איז שיטער געוואָרן, די פּרעסע

איז דערשטיקט געוואָרן. וועגן איינאָרדענען פאַרזאַמלונגען האָט נישט גע־קאָנט זיין קיין שום רייד. האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט באַשלאָסן, אַז מעדעם זאָל פאַרבלייבן אין דער שווייץ. אַלע שטאָבן פון די רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען האָבן זיך איבערגעפעקלט קיין אויסלאַנד: די „אָכראַנקע" האָט שטאַרק אָנגעהויבן זוכן די טוער, וואָס זענען אין פעריאָד פון קורצן רעוואָלוציאָנערן „פרילינג" אַרויס פון זייערע אונטערערדישע באַהעלטע־נישן.

סוף אויגוסט 1908 איז אין זשענעווע פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון דער „קאַרוזשקע" אַ זיצונג פונם צ. ק. פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער פאַרטיי, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אויפן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר. די פאָרטרעטער פון „בונד" אין צ. ק. זענען געווען מעדעם און עזרא. די דאָזיקע זיצונג, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך אַ לאַנגער הפסקה, איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַן אָרענע פון פאַרביטערטע פראַקציאָנעלע רייי־סענישן. די מענשעוויקעס האָבן באַשולדיקט די באָלשעוויקעס, אַז קעגן דעם בפירושן באַשלוס פון לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר, פאַרנעמען זיי זיך מיטן אָרגאַניזירן באַוואָפנטע עקספּראָפּריאַציעס און שעפּן פון דעם דאָזיקן ברודיקן קוואַל מיטלען פאַר דער פאַרטיי־קאַסע. די באָלשעוויקעס פון זייער זייט האָבן באַשולדיקט די מענשעוויקעס, אַז זיי זענען געוואָרן „ליקווידאַטאָרן", דאָס הייסט, זיי ליקווידירן די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, און פאַרוועגדן זייער גאַנצע ענערגיע אויף אויסניצן די לעגאַלע מעגלעכקייטן אויפן געביט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און קולטור־אַרבעט.

אין דער אמתן אָבער איז אין די מענשעוויסטישע קרייזן די צאָל אויסגעשפּראָכענע „ליקווידאַטאָרן" געווען זייער קליין. אין „בונד" מיט זיינע לאַנגיאָריקע טראַדיציעס פון אונטערערדישער אַרבעט זענען די ליקווידאַ־טאָרישע שטימונגען געווען נאָך שוואַכער. אָבער לענין, וועמען עס האָט פאַרדראָסן, וואָס דער „בונד" איז לעצטנס געווען מער נאָענט צו די מענ־שעוויקעס, האָט אויך קעגן „בונד" אַרויסגערוקט די באַשולדיקונג אין ליק־ווידאַטאָרישע טענדענצן.

מעדעם האָט לענינען זייער שאַרף געענטפערט, כאַראַקטעריזירנדיק זיין באַשולדיקונג, ווי אַ „לייכטזיניקע און אומווירדיקע". לענין, וואָס פלעגט זיך שטאַרק באַהערשן ווען מען פלעגט אָנרירן אים פערזענלעך, האָט בלויז שאַרף פון אונטן אַרויף אַ קוק געטאָן אויף מעדעמען מיט זיינע טונקעלע, טיף־ליגנדיקע אויגן און גאָרנישט געזאָגט.

אויף דער זיצונג איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַן אויסלענדישע ביוראָ פונם צ. ק. דאָס ביוראָ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָרענע פון פאַרביסענע פראַקציאָנעלע רייסענישן. דער „בונד" האָט זיך שטאַרק באַמיט צו מאַכן אַ וועלכע נישט איז פשרה צווישן די פראַקציעס, אָבער דער ריס צווישן זיי איז געוואָרן אַלץ טיפער און דער פּראָצעס פון צעשפּליטערונג

שטאַרקער. עס זענען אויפֿגעקומען נייע קרייזלעך, וואָס האָבן גערופֿן צו פֿאַראייניקונג, אָבער האָבן נאָך מער געשפּאָלטן די פּאַרטיי. אַזאַ קרייז האָט אויך געשאַפֿן טראָצקי און האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַן אייגענע צייטונג. אין דער אַטמאָספֿער פֿון פּאָליטישן באַרגאַראָפּ זענען גרופּעס און קרייזלעך געוואַקסן, ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן.

מעדעם אַליין איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין אַ זייט פֿון די אַלע פּאַרטיי־רייסערייען. ער האָט זיי געהאַלטן פֿאַר לחלוטין פֿרוכטלאָז און שעד־לעך. ער האָט געאַרבעט אין אויסלענדישן קאָמיטעט פֿון „בונד״ און האָט זיך באַטייליקט אין דעם נייעם זשענעווער אָרגאַן „אָטקליקי בונדאַ״, ווי אויך אין די ייִדישע זאַמלביכער, וואָס פֿלעגן ווערן רעדאַקטירט אין זשענעווע און געדרוקט אין רוסלאַנד. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער שיקן אַרטיקלען אין דעם אומפּאַרטייִשן ייִדיש־רוסישן זשורנאַל „יעווריעיסקי מיר״, אין דעם גרויסן רוסישן חודש־זשורנאַל „וועסטניק יעוראָפּי״ און אין דער צייטונג „פֿריינד״ (די פּאָלעמיק מיט ווייטערן און נאָמבערגן). ער האָט אויך אָנגעשריבן עטלעכע אַרטיקלען פֿאַרן דייטשן זשורנאַל „נייע צייט״, וואָס איז רעדאַקטירט געוואָרן פֿון קויטסקין. אַ סך צייט פֿלעגן ביי אים אָפּנעמען צוגרייטונגען צו די רעפֿעראַטן, וואָס זענען געווען באַשטימט פֿאַר די אויסלענדישע סטודענטישע קאָלאָניעס. זיינע טעמעס זענען געווען פֿאָלגנדיקע: „די געזעלשאַפֿטלעכע ריכטונגען אין ייִדישן לעבן״, „די מאָדערנע קונסט און די מאַרקסיסטישע קריטיק״, „דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם״, „די נאַציאָנאַלע פֿראַגע און רוסלאַנד״.

אין די יאָרן פֿון אַלזייטיקער און פּאַרטיפּטער אַרבעט איז מעדעם אויסגעוואַקסן סיי ווי אַ רעדנער און סיי ווי אַ שרייבער. עס איז רייף געוואָרן דאָס, וואָס איז געווען זיין גרעסטע קראַפֿט און דער סוד פֿון זיין ווירקונג: אַ זעלטענע פֿאַראייניקונג פֿון קלאָרקייט פֿון געדאַנק און שאַרפֿקייט פֿון אַנאַליז מיט טיפֿקייט פֿון געפֿיל און קינסטלערישן חוש. דער פֿאַרבאָרגענער לירי‌זם טריפֿט ביי אים תמיד אונטערן געביי פֿון די לאָגישע אַרגומענטן. ביי דער שאַרפֿסטער פּאָלעמיק אַפֿילו פֿלעגט ער קיינמאָל נישט פֿאַרלירן דעם געפֿיל פֿון מאָס. אַ דאַנק זיין נאַטירלעכער גאַנצקייט, וואָס האָט נאָך גע־וואָרצלט אין די קינדערשע יאָרן זיינע, איז מעדעם געוואָרן איינע פֿון די אייגנאַרטיקסטע פֿיגורן נישט בלויז אין דער ייִדישער, נאָר אויך אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אָנהייב האַרבסט 1908 איז מעדעם מיט זיין פֿרוי גינע בירנצוויג אַוועקגעפֿאָרן אויף עטלעכע וואָכן אין דערפֿל אַסקאָנאַ, אויפֿן ברעג פֿון דער אָזערע לאַגאָ־מאַדזשאָרע. אַ סך מאָל האָט מעדעם געטרוימט אין זיין ענגן און איינזאַמען ווילנער צימערל וועגן דער פּראַכט און שטילקייט פֿון די שווייצערישע בערג: איצט האָט ער צום ערשטן מאָל באַזוכט די איטאַליענישע שווייץ און איז פֿאַרכּישופֿט געוואָרן פֿון דער דרומדיקער נאַטור־שיינקייט.

„וואָס פאַר אַ וווּנדערבאַרע צייט און וואָס פאַר אַ וווּנדערבאַרע געגנט ס'איז געווען דאָרטן! שרייבט ער אין זיינע מעמואַרן. אַ מילדע, רויִקע האַרבסטלעכע זון. אַ מילדע, דורכזיכטיקע האַרבסטלעכע לופט. וויינגערטנער אַרום און אַרום. אין די וויינגערטנער — שווערע, שוואַרצע צייטיקע טרויבן. די גאַנצע לופט איז פול מיט זייער אַראָמאַט. אין דער דופטיקער לופט טראָגט זיך אַרום די מוזיק פון דער שיינער, קלינגעוודיקער איטאַליענישער שפּראַך... אַ שיפל אויף דער אָזערע מיט די צוויי לאַנגע רודערס... אַ קליין ייִנגל פאָרט אין זיין שיפל, אַרבעט שטיל און לאַנגזאַם מיט די רודערס און זינגט מיט אַ שטילער, ווייכער שטים אַן איטאַליעניש פאָלקסליד. אַ שטילער וועג הויך אין די בערג איבער דער אָזערע. פון אויבן גלאַנצט די גרויסע רויטע לבנה; אונטן ליגט דאָס גרויע רויִקע וואַסער און... מען גייט פאַרביי דעם קליינעם אַלטן איטאַליענישן בית־עולם... קליינע, ווייסע, פאַרחלומטע מצבות צווישן די שוואַרצע, הויכע דרומדיקע ביימער... מען קערט זיך אום אין אָוונט צוריק אַהיים און מען זעצט זיך אַוועק ביי דעם שטיינערנעם שרייבטיש פון דער קליינער אכסניה, דער הויף איז באַלויכטן פון אַן אַלטן אייזערנעם לאַמטערן — איר עסט די איטאַליענישע מאכלים, איר טרינקט דעם טונקל־רויטן וויין. ס'איז, ווי אַ חלום...“ („פון מיין לעבן“, צווייטער באַנד, זז' 225־223).

ס'איז שווער געווען: דער איבערגאַנג פון דעם דאָזיקן צויבער־חלום צו דער עמיגראַנטישער ווירקלעכקייט: ווידער אַמאָל די פאַרביטערטע ריי־סענישן צווישן די פראַקציעס און די טרויעריקע ידיעות פון רוסלאַנד. פון די אויסגעלאָשענע רעוואָלוציע־פלאַמען זענען אויפן אויבערפלאַך פאַר־בליבן טשאַד און סאַזשע: אין 1909 האָט זיך אָנגעהויבן דער טרויע־ריקער פעריאָד פון אַנטדעקן די פּראָוואָקאַטאָרן. ווען מעדעם איז איין מאָל געקומען אין „קאַרוזשקע“ האָט ער דאָרטן געטראָפן די חברים אין אַ גרויסער אויפרעגונג. בורצעוו האָט געגעבן צו וויסן, אַז ס'איז געלונגען צו אַנטדעקן אין „בונד“ אַ וויכטיקן פּראָוואָקאַטאָר. ס'איז באַלד קלאָר געוואָרן, אַז ס'האַנדלט זיך וועגן דעם לאַנגיאָריקן פאַרטיי־טוער ישראל קאַפּלינסקי, דעם אָרגאַניזאַטאָר פון די געהיימע בונדישע דרוקערייען. די אַנטדעקונג האָט אַלעמען צעטומלט: מען האָט זיך באַצויגן צו קאַפּלינסקין מיטן גרעסטן צוטרוי, ער איז געווען אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיטן צ. ק. און האָט געקאָנט אַרויסגעבן, אויב נאָר ער וואָלט געוואָלט, אַלע טוער פון פאַרטיי־אַקטיוו. קאַפּלינסקי האָט אָבער כּמעט נישט געמסרט קיין אייגענע פאַרטיי־חברים. ער האָט אַרויסגעגעבן אינעם יאָר 1902, ווי די שפּעטערדיקע אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, די געהיימע דרוקעריי פון דער רוס. סאָצ. דעמ. פאַרטיי, וועלכע ער אַליין האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן. זובאַטאָוו האָט אים אַפּנים אַריינגעצויגן אין דער דאָזיקער שמוציקער אַרבעט נאָכן דורכפאַל פונעם יאָר 1898 און פון דעמאָלט אָן האָט דער דאָזיקער מענטש געשפּילט אַ

טאָפּלטע שפּיל. אױפֿן פּאָן פֿון דער ירידה־צײַט האָט די ידיעה װעגן אַ פּראָ־װאָקאַטאָר נאָענט בײַם צענטער פֿון דער פּאַרטײ, אַלעמען שטאַרק דערשלאָגן, און מעדעם האָט אַ לענגערע צײַט נישט געקאָנט קומען צו זיך פֿון דעם דאָזיקן אומגעריכטן קלאַפּ.

די יאָרן 1908—1909 זײַנען געװען די סאַמע שװערסטע קריזיס־יאָרן אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַװעגונג. אָבער דער „בונד" האָט אױך אין דער צײַט זײַן אַרבעט נישט אָפּגעשטעלט. אינם יאָר 1910 האָבן זיך באַװיזן די ערשטע סימנים פֿון אױפֿלעבונג. די נײַע שטימונגען האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אױף דער פּאַרטײ־קאָנפֿערענץ אין לעמבערג, װעלכע איז צונױפֿגערופֿן געװאָרן נאָך אַ לענגערער הפסקה אינם יאָר 1910. די דאָזיקע קאָנפֿערענץ איז פֿאָרגעקומען אין אַן אַטמאָספֿער פֿון הײסע, שטור־מישע דיסקוסיעס, װעלכע האָבן דערמאָנט די אַטמאָספֿער פֿון די רוסישע פּאַרטײ־צוזאַמענפֿאָרן. אױך דאָ האָבן זיך די װיכוחים געדרײט אַרום דער זעלבער פֿראַגע, װאָס האָט אַרױסגערופֿן אַזױ פֿיל הײס בלוט בײַ די באָלשע־װיקעס און מענשעװיקעס — ס'איז געװען די פֿראַגע װעגן די „לעגאַלע מעגלעכקײטן".

די רעװאָלוציע פֿון די יאָרן 1905־1906 איז נישט פֿאַרבײַ אינגאַנצן שפּורלאָז פֿאַרן אַרבעטער־קלאַס: אײניקע דערגרײכונגען זײַנען פֿאַרבליבן אַפֿילו אין די יאָרן פֿון דער שװערער רעאַקציע. די נײַע קאָנסטיטוציע האָט פֿאָרמעל דערלױבט צו בױען לעגאַלע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראײנען, קאָאָפּע־ראַטיװן, קולטור־ און בילדונגס־געזעלשאַפֿטן. די מאַכט־אָרגאַנען אױף די ערטער פֿלעגן דאָס רוב באַגרענעצן די אַלע אױסגעקעמפֿטע מעגלעכקײטן, דאָך האָבן זיך גענומען פֿאַרשפּרײטן אַט די שפּראָצונגען פֿון געזעלשאַפֿטלע־כער זעלבסטעטיקײט און ס'האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע װעגן אױסנוצן זײ. קײן אױסגעשפּראָכענע „ליקװידאַציע"־שטימונג איז אין „בונד" ניט געװען. עס האָט עקסיסטירט אַ שטאַרקע ריכטונג, װאָס האָט געהאַלטן, אַז די פּאַרטײ־אַרבעט דאַרף גײן אין צװײ שטראָמען און אַז דער שװערפּונקט דאַרף אַרי־בערגעטראָגן װערן אױף די לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס, װאָס גיבן אַ מעגלעכ־קײט צו פֿירן אַ מאַסן־אַגיטאַציע. די הױפּט־אָנהענגער פֿון דעם דאָזיקן שטאַנד־פּונקט זײַנען געװען ליבער און אַבראַמאָװיטש; אױך מעדעם, נח און רחמיאל זײַנען געװען גענײגט צו דער דאָזיקער קאָנצעפּציע. דער סאַמע אױסגע־האַלטענער פּאַרטײדיקער פֿון דער שטרענג אונטערערדישער אַרבעט איז אױף דער קאָנפֿערענץ געװען יודין. דעם זעלבן שטאַנדפּונקט האָבן אין דער בונדישער פּרעסע פֿאַרטײדיקט א. ליטװאַק און אסתּר. די דעבאַטן אױף דער לעמבערגער קאָנפֿערענץ זײַנען געפֿירט געװאָרן מיט אַן אױסערגעװײנלעכער לײדנשאַפֿט, אָבער דאָך איז די פּאַרטײ־אײנהײט דורך דעם ניט געבראָכן געװאָרן. די דעלעגאַטן האָבן געשפּירט, אַז אין מאָמענט פֿון אַ נײַעם געזעל־שאַפֿטלעכן אױפֿשטײַג װאָלט געװען אַ פֿאַרברעכן צו צעברעקלען די כּחות,

און די קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע וועגן דעם פּאַראַלעליזם פון דיביידע שטרע־מונגען אין דער פּאַרטיי־אַרבעט איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. ערנסטע מיינונג־פאַרשידנהייטן האָבן אַרויסגערופן אויף דער באַראַטונג די פראַגן וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו די ספּעציעל יידישע פּראָבלעמען, ווי די קהילה־פראַגע, די פראַגע פון יידיש, שבת־רו און אַנד. מעדעם האָט פאַר־טיידיקט די פּאָזיציע, ביי וועלכער עס האָבן זיך געהאַלטן די מער נאַציאָנאַל־געשטימטע חברים.

די באַוועגונג, וואָס האָט ווידער אָנגעהויבן אַרויסגיין פון אונטער דער ערד, האָט זיך געניטיקט אין אַ טריבונע. די בונדישע באַראַטונג, וואָס איז פאָר־געקומען אין יאָר 1911 אין זשענעווע האָט באַשלאָסן צו באַנייען דעם פּרווו אַרויסצוגעבן אין רוסלאַנד אַ לעגאַלן וואָכנבלאַט. דאָס וואָכנבלאַט האָט געזאָלט דערשיינען אין וואַרשע, אָבער נאָך דער טרויעריקער דערפאַרונג אין ווילנע האָט אויסגעזען צו ריזיקאַליש אַריבערצוטראָגן אין וואַרשע אַ רעדאַקציע, וואָס איז כמעט אין גאַנצן באַשטאַנען פון אומלעגאַלע מענטשן. איז אָנטשטאַנען אַ פּלאַן צו באַזעצן דעם רעדאַקציע־קאָלעקטיוו אין אויס־לאַנד נישט צו ווייט פון דער רוסישער גרענעץ, און מען האָט זיך אָפּגע־שטעלט אויף ווין. דעם דאָזיקן פּלאַן איז געלונגען צו פאַרווירקלעכן ערשט פרילינג־צייט 1912. אין רעדאַקציע זענען אַריין: ליטוואַק, אַבראַמאָוויטש, גראָסער (סלאָוועק) און מעדעם, און שפּעטער אויך אָלגין און אסתר.

מעדעם איז שוין עטלעכע מאָל געווען אין ווין און ער האָט ליב באַקומען די דאָזיקע בונטע, פילשפּראַכיקע שטאָט מיט איר רייכן קולטור־לעבן. אויך איצטער האָט ער זיך געפילט אין ווין זייער געמיטלעך. די רע־דאַקציע האָט מען איינגעאָרדנט אין סלאָוועקס קליינעם, אָרעם־מעבלירטן צימער, וואָס איז געווען פול צייטונגען און ביכער. די מיטאַרבעטער פלעגן זיך טרעפן יעדן טאָג, כדי אַרומצורעדן די טעמעס און רעדאַגירן די אַר־טיקלען. דעם פאַרטיקן מאַטעריאַל פלעגט מען איבערשיקן קיין וואַרשע, ווו ס'איז געווען די אַדמיניסטראַציע פון זשורנאַל.

דער ערשטער נומער „לעבנספראַגן" איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס באַגייסטערונג: ס'זענען אָנגעקומען באַגריסונגען פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך. די תקופה פון אָפּהענטיקייט, וועלכע האָט געדויערט איבער 4 יאָר, האָט זיך געענדיקט. די בונדישע פּרעסע איז אויפגעשטאַנען תחית המתים. די רעאַקציע האָט אָבער נישט געררוט: דער זשורנאַל איז גע־וואָרן קאָנפיסקירט. דאָס האָט די מיטאַרבעטער נישט אָפּגעשראָקן, און מען האָט תיכף צוגעגרייט מאַטעריאַל פאַר אַ צווייטן נומער. פאַר דעם דאָזיקן נומער האָט מעדעם אָנגעשריבן זיין אַרטיקל צום ערשטן מאָל אין יידיש; אמת, ער האָט נאָך געשריבן מיט לאַטיינישן שריפט, אָבער די שפּראַך איז געווען אויסגעצייכנט. אויך דער צווייטער נומער האָט נישט געהאַט קיין מזל: די פּאָליציי האָט קאָנפיסקירט די גאַנצע אויפלאַגע און אַרעסטירט

די אַדמיניסטראַציע. איינער פֿון די גוט־באַקאַנטע וואַרשעווער „אָכראַניקעס" האָט געזאָגט: „מיר ווייסן, אַז די „לעבנספֿראַגן" איז אַן אָרגאַן פֿון „בונד", און מיר וועלן נישט דערלאָזן, אַז ער זאָל ביי אונז געדרוקט ווערן". האָט מען באַשלאָסן אַרויסצוגעבן דעם גאַנצן אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל אין דער פֿאָרם פֿון אַ זאַמלבוך און דעם וואָכנבלאַט איבערטראָגן קיין פּעטערבורג, ווו ס'פֿלעגן אַרויסגיין, הגם נישט אָן שטערונגען, אייניקע לעגאַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַנען.

זומער 1912 איז פֿאָרגעקומען אין ווין די 9טע קאָנפֿערענץ פֿון „בונד". די הויפּט־טעמע איז געווען די קומענדיקע וואַלן צו דער 4טער דומע. מען האָט באַהאַנדלט די פֿראַגע וועגן וואַל־בלאָקן און אַלע מעגלעכע קאָמבינאַציעס אין אַ רוסקער אַטמאָספֿער; די לײַדנשאַפֿטן האָבן זיך ערשט דאַן צעפֿלאַקערט, ווען אויף דער טאָג־אָרדענונג איז אַרויפֿגעשווומען דער טרויעריקער עפּיזאָד פֿון אַרבעטער־לעבן אין וואַרשע: די קריסטלעכע אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן מאַסנווייז אַרויסשטופּן די ייִדישע אַרבעטער פֿון דער מעכאַנישער שיך־פּראָדוקציע. די דאָזיקע געשעעניש איז באַהאַנדלט געוואָרן אין די בונדישע קרייזן נאָך פֿריִער איידער די קאָנפֿערענץ איז פֿאָרגעקומען: דער צ. ק. האָט געהאַלטן, אַז דער איינציקער נאַטירלעכער אויסוועג פֿון אַט דער לאַגע וואָלט געווען אינטערווענץ פֿון די פּוילישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. די פּוילישע סאָציאַליסטישע קרייזן זענען אָבער פֿאַרבליבן לחלוטין פּאַסיוו. דער פֿירער פֿון די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן וואַרסקי האָט געטענהט, אַז שולדיק אין דעם זענען די ייִדישע אַרבעטער מיט זייער סעפּאַראַטיזם און „זשאַרגאָן", וואָס איז „אַן איבערבלײַבעניש פֿון דעם פֿינצטערן מיטלאַלטער". ווען די ערשטע ידיעות וועגן דעם דאָזיקן קאָנפֿליקט זענען דערגאַנגען קיין אויסלאַנד, האָט מעדעם אָנגעשריבן פֿאַר איינעם פֿון די זאַמלביכער אַ שאַרפֿן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט גערופֿן די ייִדישע אַרבעטער צו שטעלן אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד ביי פּרוּוון אַרויסצוזעצן זיי מיט געוואַלט פֿון די וואַרשטאַטן. דער צ. ק. האָט זיך אַרויסגעזאָגט קאַטעגאָריש קעגן דעם, אַז מען זאָל פּובליקירן מעדעמס אַרטיקל, ווייל ער קאָן אַרויסרופֿן אַנטאַגאָניזם צווישן די אַרבעטער פֿון פֿאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן. מעדעם איז אין דער דאָזיקער פֿראַגע פֿאַרבליבן איינזאַם: קיינער פֿון די אויסלענדישע חברים האָט אים דאָס מאָל נישט אונטערגעהאַלטן. אויף דער קאָנפֿערענץ אָבער האָט מעדעם געפֿונען אַנהענגער פֿאַר זיין שטאַנדפּונקט, און די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן נאָך הייסע און לאַנגע דעבאַטן, האָט אים באַפֿרידיקט.

אין עטלעכע חדשים אַרום איז באַנייט געוואָרן דער פּאַרטיי־אָרגאַן אונטערן נאָמען „די צייט", וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין פּעטערבורג. מעדעם צוזאַמען מיט די איבעריקע חברים האָבן זיך באַמיט אויפֿצוהייבן דעם נייעם אָרגאַן אויף דער געהעריקער הייך, אָבער די אַרבעט האָט זיך נישט געקלעפּט: די אַרטיקלען פֿלעגן אָנקומען מיט גרויס פֿאַרשפּעטי־

קונג. דאָס רוב מיטאַרבעטער, וואָס האָבן געלעבט אין אויסלאַנד זענען געווען צו פיל אָפּגעריסן פון רוסלאַנד, ווו דער פולס פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט אָנגעהויבן קלאַפּן האַסטיקער. דאָס אַלץ האָט געשטערט דעם זשורנאַל. מעדעם האָט שמערצלעך געפילט די נישט־נאָרמאַלקייט פון ז׳י באַדינגונגען, ביי וועלכע ס׳איז אויסגעקומען אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל. צו יענער צייט איז מעדעם געוואָרן דער ווינער קאָרעספּאָנדענט פון אַ גרויסער פּראָגרעסיווער טעגלעכער צייטונג אין פּעטערבורג — „דיען״. ס׳איז געווען אַן אומרויִקע צייט, אויף די באַלקאַנען האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה; מעדעם האָט מיט גרויס אינטערעס נאָכגעפאָלגט די דיפּלאָמאַטיש־פּאָליטישע שפּיל. די מער וויכטיקע פּאָליטישע נייעס האָט ער געמוזט איבערגעבן טעלעגראַפיש אין אַ לאַקאָניש־קאָנצענטרירטער פאָרם. די דאָזיקע אַרבעט איז נישט געווען קיין לייכטע, אָבער מעדעם האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ גוטע שול: זי האָט געלערנט קלאָרקייט, לאַקאָנישקייט און זאַכלעכע ערנסטקייט פון סטיל.

מיט דער צייט איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס וואָס די רעדאַקציע איז אָפּגע־ריסן פון דער אַדמיניסטראַציע באַגראָבט דעם זשורנאַל, און די „צייט״ איז אַרי־בערגעטראָגן געוואָרן קיין פּעטערבורג. מעדעם האָט מיט גרויס צער זיך געשיידט מיט זיין באַליבטער אַרבעט. ס׳האָבן געווימלט אין מוח אַזוי פיל טעמעס, אַזוי פיל געדאַנקען האָבן זיך געבעטן אויפן פּאַפּיר! און אַלץ אָפּטער האָט אים אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן דער געדאַנק: פאַרלאָזן דאָס געמיטלעכע אָבער פרעמדע ווין, פּרווון זיך לעגאַליזירן אינעם היימלאַנד, מאַכן אַ סוף מיטן עמי־גראַנטישן־לעבן... פון רוסלאַנד זענען געקומען קלאַנגען, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם 300יאָריקן יובילײ פון דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע וועט פאָרקומען אַ טײלווייזע אַמנעסטיע פאַר פּרעסע־פאַרברעכנס. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָבן די רוסישע קאָנסולן אין אויסלאַנד באַקומען פאַראָרדענונגען אַרויסצוגעבן פּעסער פאַר די עמיגראַנטן, וואָס ווילן זיך אומקערן קיין רוסלאַנד. מעדעמס ברודער, פּאַוול, וועלכער איז געווען פּערזענלעך באַקאַנט מיט דעם דירעקטאָר פון דעם פּאָליציי־דעפּאַרטעמענט בעלעצקי, האָט זיך מיט אים מישב געווען וועגן צוריקקומען פון זיין יינגערן ברודער קיין רוסלאַנד. בעלעצקי האָט געגעבן אַן אויסמיידנדיקן ענטפער, נאָר מעדעמען האָט זיך אַזוי שטאַרק גע־וואָלט פאָרן אַהיים, אַז ער האָט בעלעצקיס ענטפער אויסגעטייטשט צום גוטן. די חברים זענען נישט געווען אַזוי אָפּטימיסטיש; אַבראַמאָוויטש האָט אים האַלב־ערנסט, האַלב־וויציק געראָטן מיטנעמען מיט זיך אַ גרויסן זאַק צו שלעפּן זיך מיטן עטאַפּ. מעדעם האָט געיאָגט פון זיך די בייזע געדאַנקען: ס׳האָט זיך אים נישט געוואָלט גלויבן, אַז דער דאָזיקער וויץ קאָן אין גיכן ווערןווירקלעכקייט.

הינטער די קראַטעס

סוף יוני 1913 האָט מעדעם מיט דער פרוי זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אויף דער סטאַנציע אָדערבערג האָבן זיי זיך צעשיידט: גינע מעדעם איז אַוועק־

געפֿאָרן קיין וואַרשע און וולאַדימיר — צו זיין משפּחה אין קאָוונע. ער האָט געהאָפֿט, אַז זיין ברודער פּאַוול, וועלכער האָט גרויסע פֿאַרבינדונגען וועט אים העלפֿן צו לעגאַליזירן זיך.

די גרענעץ איז ער אַריבערגעפֿאָרן בשלום; אין קאָוונע איז מעדעם אַריין אין אַ וואַרעמער משפּחה־אַטמאָספֿער. דער אַרטיקער פּאָליצמייסטער האָט אים צוגעזאָגט אַרויסצוגעבן אַ צייטווייליקן פּאַס. די דאָזיקע אידיליע האָט געדויערט נישט מער, ווי 5 טעג; זי איז איבערגעריסן געוואָרן דורך דעם נאַכטיקן וויזיט פֿון דער פּאָליציי. די פֿאַראָרדענונג צו אַרעסטירן מע־דעמען איז געווען אונטערגעשריבן פֿון דעם וואַרשעווער אויספֿאָרשונגס־ריכטער.

דער אַרעסט גופֿא איז פֿאַר מעדעמען נישט געווען אומדערוואַרט, נאָר אים האָט באַאומרויקט, וואָס ער איז אַרעסטירט געוואָרן לויט אַ באַפֿעל פֿון וואַרשע. אַ געוויינלעכער אַדמיניסטראַטיווער אַרעסט פֿלעגט זיך ז'אַס רוב ענדיקן מיט פֿאַרשיקונג אין די צפֿון־געביטן, פֿון וואַנען מען פֿלעגט קאָנען פֿאַרהעלטנישמעסיק לייכט אַנטלויפֿן. אָבער די איניציאַטיוו פֿונם וואַר־שעווער אויספֿאָרשונגס־ריכטער האָט געהייסן, אַז ס'שטייט פֿאַר אַ פּראָצעס, און די וואַרשעווער געריכט־פּאַלאַטע האָט געהאַט אַ שלעכטן שם: זי פֿלעגט כמעט אַלע פּאָליטישע פֿאַרברעכער פֿאַרמשפּטן צו קאַטאָרגע.

שפּעטער איז קלאָר געוואָרן, אַז מעדעמס אַרעסט אין קאָוונע איז געווען פֿאַרבונדן מיטן פּראָצעס וועגן די „לעבנספֿראַגן". מיט אַ יאָר פֿריִער איז אַרעסטירט געוואָרן אין וואַרשע די גאַנצע אַדמיניסטראַציע פֿונם זשורנאַל. די אַרעסטירטע האָט געדראָט אַ פֿאַרהעלטנישמעסיק לייכטע שטראָף — לויטן אַרטיקל 129 — אָבער דער וואַרשעווער אויספֿאָרשונגס־ריכטער האָט אָנגעווענדט לגבי זיי דעם אַרטיקל 102, לויט וועלכן ס'קומט קאַטאָרגע. אַזוי ווי מעדעם האָט אַלע זיינע אַרטיקלען אין די „לעבנס־פֿראַגן" אונטערגעשריבן מיט זיין פֿולן נאָמען — האָט זיך דער ריכטער זייער פֿאַראינטערעסירט מיטן מחבר פֿון די אַרטיקלען און ער האָט אָנגעה־הויבן צו פֿאָרשן דעם ענין. ביי דעם אַרעסטירטן פֿאַרפֿאַלק גאַלאַי, וואָס האָט געאַרבעט אין דער אַדמיניסטראַציע פֿון די „לעבנספֿראַגן", האָט מען גע־פֿונען מערערע בריוו פֿון בערן, ווו ס'איז געווען גענוי באַשריבן דאָס לעבן פֿון דער בערנער קאָלאָניע, און דער עיקר — מעדעמס טעטיקייט. נאָך דעם, ווי דער ריכטער האָט זיך פֿונאַנדערגעקליבן אין דעם אויספֿאָרשונגס־מאַטעריאַל, האָט ער צעשיקט אין פֿאַרשידענע שטעט אַ פֿאַראָרדענונג וועגן אַרעסטירן דעם געפֿערלעכן פֿאַרברעכער, ווי נאָר ער וועט זיך דאָרט באַ־ווייזן. דער דאָזיקער באַפֿעל איז אָנגעקומען קיין קאָוונע באַלד נאָך דעם, ווי מעדעם האָט זיך אומגעקערט פֿון אויסלאַנד.

הינטער מעדעמען האָבן זיך ווידער אַמאָל פֿאַרקלאַפּט די שווערע טורמע־טויערן. זיין ברודער פּאַוול האָט זיך באַמיט מיט אַלע כּוחות צו

באַפרייען מעדעמען אויף אַ געלט־קויציע ביזן פּראָצעס, צוליב זיין שווערער כראָנישער קרענק. אָבער דער וואַרשעווער פּראָקוראָר האָט זיך פאַרעקשנט: ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט ווייט נישט קיין געוויינ־לעכן פּאָליטישן פאַרברעכער. מעדעם איז גאַנצע 5 חדשים אָפּגעלעגן אין דעם טורמע־שפּיטאָל פון קאָוונע און נאָך דעם האָט מען אים אַריבערגעפירט אין דעם באַרימטן „צענטן פּאַוויליאָן" פון וואַרשע.

די ווערטער „צענטער פּאַוויליאָן" פלעגן אָנוואַרפן אַ פּחד אויף די וואַרשעווער איינוווינער: פאַר הונדערטער אַרעסטירטע איז די אַלטע פינצ־טערע תפיסה געווען דער לעצטער שטאַפּל צו דער תליה, און אויף אַ סך קעגנשטאַנדן דאָרטן זענען נאָך געווען אויסגעקריצט געזעגענונגס־ווערטער פון די פאַרמשפּטע צום טויט. די טורמע אַליין איז נישט געווען קיין שלעכטע, די קאַמערן — ריינע און ליכטיקע, דער רעזשים — אַ ליבעראַלער; די אַרעסטירטע פלעגט מען דערלויבן צו נעמען ביכער פון דער טורמע־ביב־ליאָטעק. די טורמע האָט זיך געפונען הינטערן שטאָט. דער ברייטער הויף, וווּ מען פלעגט פירן די אַרעסטאַנטן שפּאַצירן, האָט זומער, ווען די אַקאַציעס און די קאַשטן־ביימער פלעגן בליִען — אויסגעזען ווי אַן אמתער גאָרטן.

די ערשטע עטלעכע וואָכן איז מעדעם געזעסן אַליין. ער האָט זיך אָפּט צוגעהערט צום איבערקלאַפּן זיך פון די שכנים (דעם פּוילישן טורמע־אַלף־בית האָט ער זיך אויסגעלערנט גאַנץ גיך). איין מאָל איז ער שטאַרק פאַרווּנדערט געוואָרן, ווען ער האָט אין דער טורמע־שטילקייט פּלוצלינג דערהערט אַ גראָבע, מיאוסע זידלערײַ. ער האָט זיך באַלד דערוווּסט, אַז אין דער שכנותדיקער קאַמער זיצט דער באַרימטער פּוילישער פּראָוואָ־קאַטאָר סוקעניק, דער לאַנגיאָריקער טעראָריסט, וואָס האָט הונדערטער חברים איבערגעגעבן אין די הענט פון תליִן. אין גיכן איז מעדעמס איינ־זאַמקייט צעשטערט געוואָרן: ער האָט באַקומען פאַר אַ שכן אין זיין קאַמער אַ גוטמוטיקן, פריילעכן יונגן מאַן, וואָס האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר אַ פּוילישן סאָציאַל־דעמאָקראַט. אָבער אין דער אמתן — איז ער גאָר געווען אַ דייטשער שפּיאָן. נאָך אים האָט מעדעם באַקומען פאַר אַ שכן אַ סימפּאַטישן סטודענט, אַ פּוילישן סאָציאַליסט, וועלכן מען האָט באַשולדיקט אין אָרגאַניזירן דעם אַטענטאַט אויפן וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר סקאַלאָן. מעדעם האָט זיך זייער באַפריינדעט מיט אָט דעם שכן זיינעם. זיי פלעגן צוזאַמען שפּאַ־צירן אונטער די בליִענדיקע אַקאַציעס, קאָרמענען פייגל מיט ברויט־ברעק־לעך, שפּילן שאָך, לייענען צוזאַמען, קאָרעספּאָנדירן בגנבה מיט די שכנים און האָבן אַפילו פּראָבירט אַרויסגעבן אַן אילוסטרירטע צייטונג. מעדעמס שכן איז געווען זיכער, אַז עס דראָט אים מער ווי 10 יאָר קאַטאָרגע, אויך מעדעמען האָט געדראָט אַ גאַנץ הויכע שטראָף. אָבער די ביידע פלעגן יאָגן פון זיך די אומעטיקע געדאַנקען און אין ענגן קאַמערל האָבן זיך אָפּט גע־הערט וויצן און עס האָט געקלונגען אַ יונגער געלעכטער. מעדעם האָט

געוווסט: מען דאַרף זיך האַלטן פֿעסט אין די הענט, כדי נישט אַרויסצוגיין פֿון טורמע קיין צעבראָכענער.

דער פּראָצעס, וואָס איז באַשטימט געווען אויף יוני 1914, איז צוליב פֿאַרמעלע סיבות אָפּגעלייגט געוואָרן. דערווייל האָט זיך אָנגערוקט אויף גאַנץ אייראָפּע אַ שוואַרצע כמאַרע. מעדעם פֿלעגט זיך דערוויסן וועגן די וועלט־געשעענישן פֿון זיין פֿרוי, וואָס האָט אים באַזוכט צוויי מאָל אַ וואָך, און אויך פֿון זיין אַדוואָקאַט בערנזאָן. די מלחמה־פּערספּעקטיוון האָבן זיך אין די מוחות פֿון די אַרעסטירטע צונויפֿגעגאָסן מיט נעפּלהאַפֿטע האָפֿענונגען אויף באַפֿרייונג. זייערע דערוואַרטונגען האָבן זיך נישט באַרעכטיקט. זייער צעשיידונג מיטן „צענטן פּאַוויליאָן" האָט זייער לאַגע פֿאַרערגערט.

אין איינעם אַ זומערדיקן פֿאַרטאָג זענען צו דער פֿעסטונג צוגעפֿאָרן שוואַרצע טורמע־פֿורגאָנען, כדי אַריבערצופֿירן די אַרעסטירטע אין אַן אַנדער תּפֿיסה. אַרומגערינגלט מיט אַ שטאַרקן קאָנוואָי, האָבן די וועגענער־קאַסטנס זיך לאַנגזאַם געשלעפּט איבער די פּוסטע, פֿאַרשלאָפֿענע גאַסן אין דער ריכטונג פֿון דער ריזיקער ציגל־געביידע — דער מאָסקאָווער תּפֿיסה. דאָס ערשטע, וואָס האָט מעדעמען איבערראַשט ביים דערנעענטערן זיך צו דער נייער תּפֿיסה, איז געווען אַן אויסטערלישער קלאַנג: אין דער לופֿט איז אַזוי ווי געהאַנגען אַן אומאויפֿהערלעכער ציטער, ווי עס וואָלטן זיך איבערגעקלונגען טויזנטער זילבערנע גלעקעלעך. מעדעם האָט נישט תּיכף פֿאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע טורמע־סימפֿאָניע — איז פּשוט דער קלאַנג פֿון קייטן. עס האָט זיך נישט געגלייבט, אַז קייטן קאָנען אַזוי צאַרט קלינגען. ווען מעדעם איז געווען אין דער איבערגעפֿולטער אַרעסטאַנטן־קאַמער, האָט ער שוין דערהערט גאַנץ אַנדערע שווערע, האַרטע קלאַנגען — די ריטמישע קלעפּ פֿון שמידס קאַמער: דאָס האָט מען געשמידט אין קייטן די אַרעסטאַנטן, וועלכע מען האָט געשיקט מיטן עטאַפּ. מעדעם האָט דורך דער קראַטע פֿון זיין פֿענצטערל דערזען אַ שוידערלעך בילד: מען האָט אויפֿן טורמע־הויף אַרויסגעפֿירט גרופּעס אַרעסטאַנטן, צו עטלעכע צענדליק מיט אַמאָל. דער טורמע־וועכטער פֿלעגט פֿון קעלער אַרויסשלעפּן אַ גאַנצע קופּע פֿאַרזשאַווערטע שווערע קייטן און די אַרעסטאַנטן פֿלעגן זיך ווי ווילדע חיות געבן אַ וואָרף אויף די קייטן, כדי אויסצוקלייבן די גרינגערע. איין גרופּע האָט פֿאַרביטן די צווייטע און אין דער לופֿט איז געשטאַנען אַן אומאויפֿהערלעכע קלינגעריי. מעדעם איז געשטאַנען ביי דער קראַטע און האָט אַן אומעטיקער געטראַכט: ווען וועט קומען מיין ריי?

די מאָסקאָווער טורמע איז געווען נישט מער, ווי אַ דורכגאַנג־פּונקט. מען פֿלעגט פֿון דאָרטן די אַרעסטאַנטן פֿאַרשיקן טיף אין רוסלאַנד. די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן פֿלעגט מען אָנטאָן די קייטן נאָר אויף די הענט. מען פֿלעגט די געשמידטע אויסשטעלן אין גלייכע רייען, און די ריזיקע גרויע פּראָצעסיע פֿון מענטשן מיט געגאָלטע קעפּ אין גרויע טורמע־כאַלאַטן

פֿלעגט אונטער אַ גרויסן קאָנוואָי געטריבן ווערן דורך די גאַסן פֿון דער גאַנצער שטאָט ביז צום וואָקזאַל. די אַרעסטאַנטן זענען געשיקט געוואָרן קיין אַריאַל.

די וואַגאָנעס מיט די קליינינקע פֿענצטערלעך הינטער קראַטעס, האָבן זיך אָוועקגעלאָזט אין ווייטן וועג. דריי מעת לעת האָט זיך געצויגן די שרעקלעכע נסיעה. די אויגוסט־זון האָט שטאַרק געבּרענט און אין די וואַגאָנעס איז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען. מען פֿלעגט שלאָפֿן אויף דער שמוציקער פּאָדלאָגע צונויפֿגעקוועטשט, ווי הערינג אין אַ פֿאַס. דאָס אָרעמע שטיקל ברויט מיטן קליינעם שטיקל געזאַלצענעם חזיר־פֿעטס פֿלעגט דעם הונגער נישט שטילן. ס'פֿלעגט נאָך מער פֿאַרשטאַרקן דעם אויסערגעוויינלעכן דורשט. ווען דער צוג פֿלעגט זיך אָפּשטעלן אויף ערגעץ אַ סטאַנציע — פֿלעגן די אַרעסטאַנטן אָנהייבן בעטלען אַביסל וואַסער, אָבער אָרום און אָרום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. אַ סך פֿלעגן פֿאַלן אין חלשות, אָדער זיך וואַרפֿן אין קראַמפֿן. אויפֿן וואָקזאַל אין אָריאָל האָבן לעבעדיקע מתים, שוויסיקע, ברודיקע מיט פֿאַרטריקנטע ליפּן זיך צונויפֿגערוקט ווי אַ טשערעדע שאָף און זיך קוים האַלטנדיק אויף די פֿיס געלאָזט גיין צו דער טורמע. די האַרטע הילצערנע נאַרעס זענען שוין איצט געווען פֿאַר זיי אַ באַקוועמער אָפּרו־פּלאַץ.

די אָריאָלער טורמע איז געווען איבערגעפּוילט מיט אַרעסטאַנטן, וואָס מען האָט געהאַט עוואַקויִרט פֿון אַ סך פּוילישע טורמעס. ס'איז געווען שרעקלעך ענג. די קאַמערן, וואָס זענען באַשטימט געווען פֿאַר דרייסיק אַרעסטאַנטן האָט מען אָנגעשטאָפּט מיט זיבעציק. ס'האָבן געפֿעלט שענקעס און קריגלעך צום טרינקען. דאָס עסן איז געווען קאַרג און שווער צו פֿאַרדייען. קיין אייגן געלט האָט מען נישט געטאָרט האָבן. דער טורמע־פּערסאָנאַל פֿלעגט זיך באַגיין מיט די אַרעסטאַנטן זייער גראָב. די קאַמער אין וועלכער מעדעם איז אַריינגעפֿאַלן, איז געווען איבערגעפּוילט מיט פֿאַרשידענע טיפּן: אַחוץ די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן זענען דאָ אויך געווען אַ גרופּע פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס מען האָט אויך עוואַקויִרט פֿון דעם „צענטן פּאַווילִיאָן" אין וואַרשע, אַ גרופּע באַנדיטן, אַ צענדליק דייטשע און עסטרייכישע שפּיאָנען. אויסער דעם האָט איינער פֿון די אַרעסטאַנטן סימולירט משוגעת און אַ צווייטער איז טאַקע געווען אַן אמתער משוגענער. אין דער קאַמער איז שטענדיק געווען אַן אויסערגעוויינלעכער טומל און געשריי, און מעדעם, וואָס פֿלעגט געוויינלעך סטאָיִש אַריבערטראָגן יעדן טורמע־רע־זשים — האָט אָנגעהויבן שטאַרק בענקען נאָך אַן איינצל־קאַמער. סוף־כּל־סוף האָבן זיך די פּאָליטישע צעבונטעוועט קעגן דעם שרעקלעכן כאַאָס, וואָס האָט געהערשט אין קאַמער. זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַ „קאָנסטיטוציע" און אויסגעקליבן פֿאַר זייער סטאַראָסטע דעם פּוילישן סאָציאַליסט, דעם באַיִעוויק פּריסטאָר. דער דאָזיקער סטאַראָסטע, וואָס איז אַמאָל געווען אַן אָפֿיציר

אין דער צאַרישער אַרמיי און וועלכער איז שפּעטער אין אומאָפּהענגיקן פּוילן געוואָרן אַ גרויסע פּאָליטישע פיגור, האָט מיט אַן אייזערנער האַנט איינגעפירט אין דער טורמע אַ שטיקל אָרדענונג. מען האָט מעדעמען אַרי־בערגעפירט אין אַ בעסערער קאַמער, ווו ס'זענען געזעסן די חברים פון דער אַדמיניסטראַציע „לעבנספּראַגן". נישט געקוקט אויף זיינע הויכע קול־טורעלע באַדערפֿענישן, האָט מעדעם פאַרמאָגט אַ זעלטענע פֿעיִקייט זיך צו־צופּאַסן צו די שווערסטע באַדינגונגען. מערנישט, איין זאַך פּלעגט אים פּייניקן — דאָס איז געווען די שרעקלעכע גראָבקייט פון דער אַדמיניסטראַ־ציע. אָבער פונדעסטוועגן, ווען ער האָט זיך נעענטער באַקאַנט מיט די טורמע־וועכטער, האָט ער אויך ביי זיי געפונען אַ פונק פון מענטשלעכקייט.

„אַפילו מיט די ערגסטע געפּענגעניש־אויפזעערס קאָן מען זיך, סוף־כל־סוף, געבן אַן עצה — האָט ער געשריבן אין זיינע מעמואַרן. זיי זענען פּאָרט מענטשן... דאָס רוב זענען פּשוטע רוסישע פּויערים, אויסגעדינטע סאָלדאַטן, פּאַמיליען־מענטשן, וואָס זענען אַליין שטאַרק אומצופרידן מיט זייער לאַגע. מיט די דאָזיקע מענטשן קאָן מען דורכקומען. נאָך אַ לענגע־רער שכנהשאַפט שטעלן זיך איין מיט זיי גאַנץ פריינטלעכע באַציִונגען. מען ווערט אַ שטיקל תושב, אַן אייגענער מענטש. ס'איז שווער צו גלויבן, אָבער ס'איז אַזוי. מען הייבט זיך אָן צו פילן אין געפענגעניש שיער נישט היי־מיש" (זע „פון מיין לעבן", צווייטער באַנד, ז' 289).

דאָס וואָרט „היימיש", מעדעמס באַליבטער אויסדרוק, וואָס האָט אַזוי ווילד געקלונגען אין דער סביבה פון דער קאַטאָרזשנער טורמע, האָט אין אַ גרעסערער מאָס כאַראַקטעריזירט די סוביעקטיווע פעסטקייט פון אַרעס־טאַנט, ווי די אָביעקטיווע באַדינגונגען פון תּפיסה־לעבן אָבער אויך די דאָ־זיקע פעסטקייט האָט געהאַט אירע גרענעצן. דאָס שווערסטע פאַר אים איז געווען דאָס שלעפּן זיך מיט עטאַפּן, וואָס מעדעם האָט זייער אָפט געמוזט דורכמאַכן. ווי נאָר דער עלטסטער פלעגט זיך באַווייזן אין דער קאַמער מיט אַ נייער רשימה פון אַרעסטאַנטן, וואָס דאַרפן אַריבערגעפירט ווערן אין אַן אַנדער שטאָט — פלעגט זיך אָנהייבן דער אימהדיקער קאַשמאַר, וועלכן ער מאָלט אַזוי בילדעריש אין זיינע זכרונות:

„דו ווערסט אַ שטויבל, אַ זעמדל, אַ קליין חלקל פון אַ גרויסן הויפן אָן באַדייטונג, אַן אַ שטים, אַן פּערזענלעכקייט — אַ חלקל אין דעם גרויסן הויפן פון דעם גרויסן, גרויען מענטשן־שטויב, מענטשן־מיסט, מענטשן־אָפּפאַל. גלייך, ווי מיט אַן אומגעהייער־גרויסער שופל ווערט דער דאָזיקער הויפן שטויב צונויפגעקערט אין אַ פאַרמלאָזער הורבע, ערגעץ־ווו ווייטער איבערגעשליידערט, פונאַנדערגעוואָרפן, ווידער צונויפגעפרעסט, אין ברוי־דיקע וואַגאָנעס אַריינגעשטופּט, ווידער אַרויסגעוואָרפן... און אַזוי גייט עס ווייטער און ווייטער. נישטאָ קיין רחמנות, נישטאָ קיין מענטשלעכקייט און קיין מענטשן. אַ קאַלטע, טויטע, גרויזאַמע מאַשין כאַפּט אַריין דעם קליי־

נעם יחיד מיט אירע שרעקלעכע אייזערנע לעפֿצן און צעקייט אים און צעמאָלט אים מיט אירע שווערע מילשטיינער. און ווען זי האָט פֿאַרענדיקט איר שטיקל אַרבעט און שפּייט אים אַרויס ערגעץ־ווו, טויזנטער מײַלן ווײַט — איז דער מענטש צעשמעטערט און צעריבן, פֿיזיש אַזוי גוט, ווי מאָראַליש. דאָס איז דאָס גיין מיטן עטאַפּ״ (זע „פֿון מײַן לעבן״, צווייטער באַנד, ז׳ 190).

דאָס שלעפּן זיך מיטן עטאַפּ איז אַפֿילו אין די פֿרידלעכע צײַטן געווען אַ שרעקלעכע אָפּקומעניש. מלחמה־צײַט איז עס שוין געוואָרן איבער די כוחות. די וואַגאָנעס פֿלעגן זײַן איבערגעפּאַקט מיט אַרעסטאַנטן. די צוגן האָבן זיך געשלעפּט וואָכן לאַנג דורך די זײַטיקע אײַזנבאַן־וועגן. די עטאַפּ־טורמעס זענען ניִשט בכוח געווען אויפֿצונעמען די נײַע מאַסן אָפּגעריסענע, אויסגעהונגערטע, שמוציקע און פֿאַרלײַזיקטע מענטשן, וואָס פֿלעגן צוליב דעם רויִנירטן טראַנספּאָרט מוזן פֿאַרבלײַבן אויף יעדן עטאַפּ־פּונקט אַן אומבאַשטימטע צײַט. צום שווערסטן איז מעדעמען אויסגעקומען דורכצומאַכן די אַלע שרעקן פֿון עטאַפּ־לעבן אין דער סמאָלענסקער טורמע, וווהין ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אויפֿן וועג צוריק פֿון אָריאָל קיין וואַרשע. עס האָט אים אַהין אַרויסגערופֿן דער פּראָקוראָר. דער שרעק פֿון דעם נײַעם עטאַפּ איז נאָך גרעסער געוואָרן צוליב דעם, וואָס עס האָט געדראָט די געפֿאַר צו בלײַבן שטעקן ערגעץ־ווו אונטערוועגס ביזן סוף פֿון דער מלחמה, אָן געלט, אָן קליידער און אָן אַ וועלכער ניִשט איז פֿאַרבינדונג מיט דער משפּחה. עס האָבן זיך שוין געטראָגן קלאַנגען, אַז די דײַטשן דערנעענטערן זיך צו וואַרשע.

דער עלעמענט, וועלכן מען פֿלעגט טרײַבן מיטן עטאַפּ און וועלכער פֿלעגט בלײַבן שטעקן אויף אַן אומבאַשטימטער צײַט אין די עטאַפּ־טורמעס, האָט זיך שטאַרק אונטערגעשיידט פֿון דעם געוויינלעכן טיפּ אַרעסטאַנטן. מעדעם אָבער האָט, אַ דאַנק זײַן גרויסן אינטערעס צו יעדן מין מענטש און זײַן פֿעיִקייט זיך אײַנצולעבן מיט די פֿאַרשידנאַרטיקסטע מענטשן, זיך אין טורמע באַפֿרײַנדעט מיט אַ סך קרימינעלע פֿאַרברעכער. צווישן געוויִסע קאַטעגאָריעס אַרעסטאַנטן, דער עיקר צווישן די גנבים־רעצידיוויסטן, האָט ער באַגעגנט מענטשן מיט אַן אייגנאַרטיקן קאָדעקס פֿון מאָראַל און מיט אַ הויך אַנטוויקלט געפֿיל פֿון אחדות און דיסציפּלין. ביי מעדעמען האָט עס שטאַרק אויסגענומען. אין די עטאַפּ־טורמעס אָבער זענען דאָס רוב אַרעסטאַנטן געווען ניִשט קיין קרימינעלע, נאָר שנאָרערס, שלעפּערס טרעמפּס, אָפּגעלאָזענע, פֿאַרטעמפּטע, צופֿעליק פֿאַרהאַלטענע דורך דער פּאָליציי, וואָס האָבן שוין אין גאַנצן פֿאַרלוירן זייער מענטשלעך געשטאַלט. מיט אָט די דאָזיקע מענטשן, אָנגעטאָענע אין שמאַטעס פֿול מיט פּאַראַזיטן, איז מעדעמען אויסגעקומען צו שלאָפֿן זײַט בײַ זײַט אויף דער שטיינערנער שמוציקער פּאָדלאָגע, זופּן פֿון דער זעלביקער שיסל דאָס ביסל געקעכץ, אויף וועלכן מען פֿלעגט זיך אַרויפֿוואַרפֿן, ווי פֿאַרהונגערטע חיות. אין די שטיקנדיקע, שוואַרצע נעכט האָט מעדעם געטרוימט ווי וועגן אַ גן־עדן

זועגן זיין תּפֿיסה־קאַמער אין „צענטן פּאַוויליאָן" און וועגן קליינעם גראָשנ־דיקן שטיקעלע ווורשט, וועלכן מען האָט געקאָנט האַלטן אין מויל, קייענדיק דאָס קלעפּיקע, ביטערע טורמע־ברויט.

„דאָס זענען געווען קלייניקייטן — שרייבט ער אין זיינע מעמואַרן — אָבער הינטער די דאָזיקע קליינלעכע, נישטיקע גלוסטונגען פֿלעגט פֿינ־דעסטוועגן שטענדיק לעבן, שטענדיק קלינגען אַן אַן אויפֿהער דער איינציק גרויסער, טיפֿער ווונטש־מאָטיוו: נאָר אויסהאַלטן! און אַז עס האָט זיך מיר טאַקע איינגעגעבן אויסצוהאַלטן און נישט צעבראָכן צו ווערן — איז עס אַן אמתער נס" (זע „פֿון מיין לעבן", צווייטער באַנד, ז' 296).

ווי אַ שליח פֿון יענער וועלט האָט זיך פֿלוצלינג באַוויזן ביי אים זיין פֿרוי גינע. זי האָט זיך, ווי דורך אַ נס דערוווּסט, אַז מעדעם געפֿינט זיך אין סמאָלענסק און איז צו אים געקומען פֿון וואַרשע. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען מעדעמען צוריק אָפּגעשיקט אין אָריאָלער טורמע, וואָס האָט אים שוין אויסגעזען, ווי אַ גן־עדן. אָבער אין עטלעכע חדשים אַרום האָט אים דער פּראָקוראָר ווידער אַמאָל אַרויסגעפֿאָדערט קיין וואַרשע. דעם צווייטן מאָל איז מעדעם געפֿאָרן קיין וואַרשע אָן ספּעציעלע אָפּהאַלטן און איז אַריינגעזעצט געוואָרן ביזן פּראָצעס אין דער גוט־באַקאַנטער מאָקאָ־טאָווער טורמע. זיינע שכנים זענען איצט געווען אַרעסטאַנטן פֿון אַ גאַנץ אַנדער מין. דאָס זענען געווען מענטשן פֿון דער העכערער געזעלשאַפֿט, וועל־כע מען האָט געהאַט באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש אָדער אין מלוכה־פֿאַרראַט. איבער זיי אַלעמען האָט געשוועבט דער שאָטן פֿון דער תּליה.

דער משפּט איבער מעדעמען איז פֿאָרגעקומען דעם 3טן מאַי, 1915. דער אורטייל איז געווען פֿאָלגנדיקער: צונעמען ביי אים אַלע בירגערלעכע רעכט און 4 יאָר קאַטאָרגע. אין אַ שוואַרצן טורמע־וואָגן, וואָס איז געווען ענלעך צו דער עגלה פֿון אַן אָרעמער ייִדישער לוויה, האָט מען מעדעמען געפֿירט צוריק אין טורמע אַריין דורך די מיט זון; פֿאַרגאָסענע, פֿאַרפֿולטע מיט שפּאַצירנדיקע „אויאַזדאָווער אַלייען". צאַרט האָבן זיך געגרינט די אַקאַציעס, יום־טובדיק האָבן אויסגעזען די לייכטע פֿרויען־קליידער און אין מוח האָט געעגבערט דער געדאַנק, אַז דאָס אַלץ זעט ער, אפֿשר צום לעצטן מאָל... און די בונטע פֿרילינגס־וועלט איז געוואָרן גרוי און טרויעריק.

דער אַדוואָקאַט האָט דערלאַנגט אַ קאַסאַציע. דאָס האָט אָפּגערוקט דאָס אויספֿירן דעם אורטייל און געוועקט נעפּלהאַפֿטע האָפֿענונגען. ווען זיין פֿרוי פֿלעגט קומען צו אים אויף זעונגען, פֿלעגט ער זי טרייסטן: „וואַרט נאָר, אין אַ יאָר אָדער אין אַנדערהאַלבן יאָר אַרום וועט אין רוסלאַנד אויס־ברעכן אַ רעוואָלוציע"... ער פֿלעגט אָבער אָפֿט מאָל צווייפֿלען, צי וועט ער דאָס דערלעבן. ווען אין יולי 1915 האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע דייט־שע אָפֿענסיווע, איז די אַטמאָספֿער אין טורמע געוואָרן אַן אומרויִקע. אַלע ווילע פֿלעגט מען אַרויסשלעפּן די אַרעסטירטע, וואָס זענען געמשפּט געוואָרן

דורכן מיליטערישן פעלד־געריכט און געפירט צו דער עקזעקוציע. די אַנדערע אַרעסטירטע פלעגט מען הונדערטערווייז פאַרשיקן טיף אין רוסלאַנד אַריין. מעדעם האָט געוואַרט אויף זיין ריי. זיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט און דער טורמע־דאָקטאָר האָט אים איבערגעשיקט אין טורמע־שפּיטאָל. עס איז אים אויסגעקומען צוצוקוקן זיך ווי מען פלעגט יעדן טאָג אַרויסשלעפּן פון שפּיטאָל קראַנקע, וואָס האָבן זיך קוים געקאָנט האַלטן אויף די פיס און אַוועקשיקן זיי מיטן עטאַפּ. עס האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, אַז מען וועט איבערלאָזן אין שפּיטאָל נאָר די שווער קראַנקע און די גוססע. מעדעמס גורל איז געהאָנגען אויף אַ האָר. ער איז אָפּהענגיק פונם קאַפּריז פון דער טורמע־מאַכט. די גוואַלטיקע נערוועזע אָנשטרענגונג, וואָס איז נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן צוליב די פאַרשידנאַרטיקע קלאַנגען, האָט נאָך מער ווי די פיזישע ליידן צעשטערט זיין אָרגאַניזם. מעדעם האָט מיט אַ ביטערער איראָניע שפּעטער געשריבן, אַז די געפערלעכסטע זאַך אין אַ טורמע — איז די האָפענונג... אין גיכן האָבן זיך אויך פאַרערגערט די אויסערלעכע באַדינגונגען. מען האָט די אַרעסטירטע אַריבערגעפירט אין דער אַלטער, פינצטערער אַרסענאַל־געביידע, פול מיט מייז, שטשורעס און פּאַראַזיטן. זיי האָבן זייערע אויגן נישט געגלייבט ווען עס האָבן זיך אין פינצטערן קאַמער פּלוצלינג באַוויזן צוויי פאַרשטייער פון בירגער־קאָמיטעט, פּאָפּולערע פּוילישע אַדוואָקאַטן. זיי האָבן דערציילט, אַז די רוסישע מאַכט עוואַקויִרט זיך. דער לעצטער טאָג פון דער עוואַקואַציע איז באַשטימט געוואָרן אויף דעם 4טן אויגוסט. די אַרעסטירטע האָבן נאָך נישט געגלייבט, אַז זיי זענען שוין כמעט אויסער געפאַר. אין דעם טאָג פון 4טן אויגוסט האָט די נערוועזע אָנשטרענגונג דערגרייכט די העכסטע מדרגה: דער וועג צו דער קאַטאָרגע איז דאָך נאָך געווען אָפן, עס האָט נאָך יעדע מינוט געקאָנט אָנקומען אַ באַפעל צו עוואַקויִרן די טורמע. אַ קראַנקער, אויסגעמאַטערטער, איז מעדעם געלעגן אין זיין בעט אין אַ צושטאַנד פון טעמפּער גלייכגילטיקייט, ווען אין דער טורמע האָבן זיך דערהערט דריי קלעפּ ווי פון אַ דונער: דאָס האָט די אָפּטרעטנדיקע רוסישע אַרמיי אויפגעריסן די בריקן איבער דער ווייסל. די תּפיסה־קאַמער, וואָס איז ענלעך געווען אויף אַ קבר, איז פאַרהילכט געוואָרן מיט פריידיקע געשרייען: די דאָזיקע אויפרייסן האָבן באַטייט דעם סוף פון טורמע־קאַשמאַר.

אין טורמע האָבן זיך באַוויזן פאַרשטייער פון בירגער־קאָמיטעט — דער גראַף ליובאָמירסקי מיט זיין סעקרעטאַר. מען האָט באַפרייט די פּאָליטישע אַרעסטירטע; די טורמע־טויערן האָבן זיך ברייט פונאַנדערגעעפנט — דער אַרעסטאַנט איז אַרויס אין גאַס. איצט איז שוין אַלץ געווען ווי אין אַ חלום: די פיגור פון דער פרוי ביי דער וואַנט, די פוסטע גאַס, דאָס פרייַלעכע קלאַפּן פון די פערדישע קאָפּיטעס איבערן ברוק און די געמיטלעכע,

גאַסטפֿרײַנדלעכע הײם פֿון די קרובים, װאָס האָבן דעם באַפֿרײַטן אױפֿ־גענומען מיט אָפֿענע אָרעמס.

אין פֿענצטער, װאָס האָט שױן איצט נישט געהאַט קײן קראַטעס, האָט אַרײַנגעקוקט די זומערדיקע נאַכט. אַ טױבע שיסערײַ האָט זיך דער־טראָגן פֿון דער װײַט. אין מעדעמס לעבן האָט זיך אָנגעהױבן אַ נײַע תּקופֿה.

אין דער געדיכטעניש פֿון פֿאָלקס־לעבן

װען די ערשטע באַרױשונג מיט דער פֿרײַהײט איז פֿאַרבײַ, האָט מעדעם זיך אָנגעהױבן צוקוקן צום אַרומיקן לעבן. ס'איז געװען אַ טרױעריק בילד: דאָס אָקופּירטע לאַנד האָט געטראָגן אױף זיך די שפּורן פֿון מלחמה־חורבן; די נױט האָט זיך נאָך מער פֿאַרשטאַרקט, װען די אָקופּאַנטן האָבן אָנגעהױבן אומברחמנותדיק צו רעקװיזירן די פֿאַרבליבענע סחורות און פּראָדוקטן פֿאַר דער אַרמײ. די מלחמה האָט געבראַכט מיט זיך אַרבעטסלאָ־זיקײט, הונגער און שװערע עפּידעמיעס. איבער די גאַסן האָבן זיך אַרומ־געשלעפּט פֿאַרװאָרלאָזטע מענטשן, בײַ די בילִיקע קיכן פֿלעגן פֿון גאַנץ פֿרי זיך אױסשטעלן לאַנגע רײען נאָך דעם װאָסערדיקן געקעכץ. באַזונדערס שטאַרק האָט געליטן די ייִדישע באַפֿעלקערונג, װאָס האָט פֿאַרלאָרן כּמעט יעדע מעגלעכקײט פֿון פּרנסה.

אין משך פֿון דעם ערשטן מלחמה־יאָר איז דאָס געזעלשאַפֿטלעכע לעבן אין פּױלן אין גאַנצן אָפּגעשטאַרבן: דער פּאָליצײ־שער מלחמה־טער־ראָר האָט פֿאַרטריבן די אומלעגאַלע פּאָליטישע פּאַרטײען נאָך טיפֿער אונטער דער ערד. די אָקופּאַנטן האָבן בנוגע די פּאָליטישע פּאַרטײען אָנגע־נומען די זעלבע פּאָליטיק, װאָס די רוסישע מאַכט... זײ האָבן אָבער פֿאַר־שטאַנען, אַז גובר זײַן דעם עקאָנאָמישן חורבן און אײַנשטעלן אָרדענונג אין דעם פֿאַראָרעמטן לאַנד, קאָן מען נאָר שטיצנדיק זיך אין אַ געװיסער מאָס אױף געזעלשאַפֿטלעכער זעלבסטעטיקײט. די אַדמיניסטראַציע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון גענעראַל־גובערנאַטאָר בעזעלער האָט דעריבער נישט גע־שטערט דאָס אַנטשטײן פֿון װירטשאַפֿטלעכע, פּראָפֿעסיאָנעלע, פֿילאַנטראָ־פּישע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס. אַזױ אַרום האָבן פֿון אונטער דער ערד, דער צעגראָבענער פֿון האַרמאַטן־קױלן און אָנגעזאַפּטער מיט בלוט, דורכגע־שלאָגן עקשנותדיק שפּראָצונגען פֿון מאַסן־באַװעגונג.

מעדעם איז אַרױס פֿון טורמע נאָך קראַנקער װי ער איז געװען, אָבער מיט אַ גרױסן זאַפּאַס פֿון ענערגיע און אַ חשק צו אַרבעט. בײַ די ערשטע באַגעגענישן מיט נחן און אַנדערע חברים, איז אים קלאָר געװאָרן דאָס גאַנצע בילד פֿון דעם גרױסן חורבן, װאָס די מלחמה האָט אָנגעמאַכט. ער האָט פֿאַרשטאַנען: נישט אױפֿגעבנדיק די אונטערערדישע אַרבעט, דאַרף מען פּרוּװן אױסניצן די עקסיסטירנדיקע לעגאַלע מעגלעכקײטן און פֿאַר־אײניקן די צעשפּליטערטע כּוחות. צוליב דעם איז קודם־כּל נײטיק געװען

אַ פּאַרטײ־אָרגאַן, װאָס זאָל קאָנען דערגרייכן צו די פּאַרװאָרפנסטע װינ־קעלעך פון לאַנד.

איראָניע פון גורל: גראָד אין דער גרױער תּקופה פון דער דײטשער אָקופּאַציע, איז מעדעמען געלונגען אין אַ געװיסער מאָס צו פאַרװירקלעכן דאָס, װעגן װאָס ער האָט געטרוימט יאָרן לאַנג, סײ אויף דער עמיגראַציע, סײ אין די לאַנגע שלאָפלאָזע טורמע־נעכט: אַרײנדרינגען טיף אין יידישן מאַסן־לעבן און װערן דער טריבון פון דער אַרבעטערשאַפט. די אַרבעטס־באַדינגונגען זענען געװען װײט נישט קײן לײכטע. דער דאַמאָקלעס־שװערד פון קאָנצענטראַציע־לאַגער איז שטענדיק געהאַנגען איבערן קאָפּ, די מיליטערישע צענזור האָט פאַרשטאָפּט דאָס מויל פון דער פּרעסע, און נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען, האָט מעדעם אין דער דאָזיקער צײט באַקומען זײן פולע גײסטיקע קראַפט און אין ענגן קאָנטאַקט מיט די ברײטע פאָלקס־מאַסן געפונען זיך אַלײן.

אויספועלן בײ דער אָקופּאַציע־מאַכט אַ דערלױבעניש אַרויסצוגעבן אַן אַרבעטער־זשורנאַל אין יידיש, איז נישט געװען פון די גרינגע זאַכן. בעזעלער, װאָס האָט דערלויבט אַרויסצוגעבן אַן אַרבעטער־צײטונג אין פּויליש, האָט געטענהט, אַז די דײטשע מאַכט װײס נישט פון דעם, אַז פאַר דער אָקופּאַציע זאָל האָבן עקסיסטירט אין פּוילן אַ לעגאַלע פּאַרטײ מיטן נאָמען „בונד". אַזוי אַרום איז פון דעם פּראָיעקט אַרויסצוגעבן אַ טעגלעכע צײטונג אונטערן נאָמען „אַרבעטער־שטימע" גאָרנישט געװאָרן. דענסטמאָל האָט מעדעם זיך געװענדט צו דעם פּראָפּאַגאַנדע־שעף, זשורנאַליסט קלײנאָװ, און האָט אויסגעפועלט אַ דערלױבעניש צו באַנײען דאָס װאָכנבלאַט „לעבנס־פראַגן", װאָס איז דערשינען אין פּוילן פאַר דער מלחמה.

אין פעברואַר 1916 איז דערשינען דער ערשטער נומער „לעבנס־פראַגן" מיטן אונטערקעפּל: „װעכנטלעכע אַרבעטער־צײטונג". דער הױפּט־רעדאַקטאָר איז געװען מעדעם; צו דער רעדאַקציע האָבן געהערט די חברים נח, שולמאַן, דוד מײער און מושקאַט. דאָס װאָכנבלאַט האָט געהאַט איבער זיך אַ שטרענגע צענזור. דער מיליטערישער צענזאָר פלעגט יעדע װאָך צוריקשיקן אַ גאַנצן באַרג מאַטעריאַלן — אַרטיקלען, קאָרעספּאָנדענצן, נאָ־טיצן מיט דער לאַקאָנישער אויפשריפט „געשטראָכן". אין דעם ערשטן־מאַי־נומער פון 1916 איז געלונגען אַרײנצוגעבן אַן אונטערקעפּל: „סאָציאַל־דע־מאָקראַטישע אַרבעטער־צײטונג", אָבער דעם לאָזונג: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראײניקט אײך!" האָט די צענזור אַרויסגעװאָרפן. ערשט אין אָקטאָבער 1918, װען דער דײטשער אָקופּאַציע־רעזשים איז שוין געװען אין גסיסה־צושטאַנד — האָט דער דאָזיקער לאָזונג זיך אָנגעהויבן באַװײזן צוזאַמען מיטן אונטערקעפּל: „די פּראָגראַם פון די „לעבנספראַגן" איז די פּראָגראַם פון „בונד".

װען ס'איז דערשינען דער ערשטער נומער פֿון די „לעבנספֿראַגן", האָט די רעדאַקציע פֿארמאָגט אין איר קאַסע נישט מער, װי 36 רובל, נאָר די מיטאַרבעטער האָבן זיך דערמיט נישט איבערגענומען; זײ האָבן מיט גלױבן געקוקט אין דער צוקונפֿט. דאָס באַװײַזן זיך פֿון אַן אַרבעטער־אָרגאַן איז מיט פֿרייד אױפֿגענומען געװאָרן פֿון דעם לייענער־עולם: ס'האָט זיך אַ שאַט געטאָן פֿון אַלע עקן לאַנד באַגריסונגען, בריװ, קאָרעספּאָנדענצן און באַשײדענע באַשטײערונגען. די באַשטײערונגען פֿלעגן אָנקומען פֿון די סאַמע פֿאַרװאָרפֿנסטע װינקעלעך פֿונם אַזױ גערופֿענעם „עטאַפּן־געביט", װי אױך פֿון דײַטשלאַנד, װוּהין מען האָט אַ סך ייִדישע אַרבעטער פֿאַרשיקט אױף צװאַנגסאַרבעט. די דאָזיקע רירנדיקע אָפּרופֿן זײַנען פֿאַר מעדעמען געװען אַ קװאַל פֿון מוט. מעדעם איז געװען די נשמה פֿון זשורנאַל. ער פֿלעגט שרײַבן לײט־אַרטיקלען אונטערגעשריבן מיטן פֿולן נאָמען, אַ סעריע אַר־טיקלען „פֿון מײַן נאָטיץ־בוך", װי אױך אַקטועלע פּאָלעמישע נאָטיצן אונטערן נאָמען „שטריכן", אונטערגעשריבן מיט זײַנע איניציאַלן. דער אינהאַלט פֿון זײַנע אַרטיקלען איז געװען פֿאַרשידנאַרטיק. אין זײ פֿלעגט ער באַרירן די פֿראַגן פֿון דער אײראָפּעיִשער און רוסלענדישער אַרבעטער־באַװעגונג, ייִדישע פּראָבלעמען (קהילה, שולװעזן, ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע באַװעגונגען). װעגן דעם אַלעמען האָט מען געדאַרפֿט שרײַבן פֿאַרזיכטיק, מיט רמזים, האָבנדיק אין זינען די שטרענגע צענזור. מעדעמען איז געװען פֿײַנלעך צו רעדן פֿאַרשטעלט.

„גײ רײד מיט אַ פֿאַרשטאָפּטן מױל — שרײַבט ער װעגן דעם דאָזיקן פּעריאָד — גײ שרײַב מיט געבונדענע פֿינגער... מיר האָבן געשריבן האַלבע װערטער! דער לעזער האָט אָבער פֿאַרשטאַנען דעם גאַנצן זין, געלײענט צװישן די שורות... מיר און די לעזער האָבן געהאַט געמײנזאַמע סודות. מיר האָבן געהאַט אַ חלום װעגן אַ טעגלעכער צײַטונג. אַפֿילו דער חלום איז געװען אַן אומלעגאַלער. מען האָט אונז נישט דערלױבט אַפֿילו שרײַבן װעגן אַזאַ פּראָיעקט" (זאַמלבוך „אונזער גרוס", װאַרשע, 1919).

די רעדאַקציע האָט זיך געפֿונען אין צענטער פֿון דער ייִדישער געגנט — אױף דער שמאָלער נאַװאָליפּיע גאַס, מיט אירע אַלטע, כמורנע הײַזער. אין דעם זעלבן הױז האָט זיך אױך געפֿונען די דרוקערײ. אַ דירה פֿון צװײ באַשײדענע צימערן, ספּאַרטאַניש מעבלירט, איז געװען דער אָר־גאַניזאַציאָנעלער צענטער פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַװעגונג אין לאַנד. פֿון פֿרי ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט דאָ געקאָכט, װי אין אַ קעסל. אומ־אױפֿהערלעך האָבן זיך געשטופּט מענטשן — אַרטיקע און פּראָװינצער, פּאַרטײיִשע, פּראָפֿעסיאָנעלע און קולטור־טוער, און דער אומגעלומפּערטער שרײַב־טיש מיט דער אָפּגעריסענער צעראַטע, פֿלעגט קױם אױסהאַלטן דעם דראַנג פֿון די באַזוכער. מעדעם פֿלעגט זיך טיף אײַנקוקן אין זײערע פּנימער, אױסהערן זײערע רעדעס, צײַטנװײַז נאַיִװע און פֿאַרפּלאָנטערטע, און מיט

אומרו לייענען די בריוו פֿון די פֿאַרוואָרפֿנסטע ווינקעלעך. ער האָט פֿאַרשטאַנען: די „לעבנספֿראַגן" דאַרפֿן געבן אַן ענטפֿער די אומרויִקע יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון דער פּראָווינץ צו דעם גרויסן קולטורצענטער אין וואַרשע, די אומגליקלעכע טוער וואָס אַרבעטן אונטער דער שטענדיקער סכּנה פֿון קאָנצענטראַציע־לאַגער און יענע ווייטע לייענער, פֿאַרשיקטע אויף צוואַנגאַרבעט, וואָס פֿלעגן אָרגאַניזירן קרייזן פֿון פֿריינד פֿון זשורנאַל אין ווייטן דאָרטמונד, עסען און סאַאַר־געביט. אין די דאָזיקע יאָרן האָט זיך מעדעמס סטיל ענדגילטיק אויסגעפֿורעמט און רייף געוואָרן. ער פֿלעגט שרייבן קורץ און קלאָר, איינפֿאַך און צוטרויִלעך, נישט אַריינפֿאַלנדיק אָבער קיינמאָל אין וווּלגאַריזאַציע. זיין פּאָלעמיק, וועלכע איז געווען שאַרף, האָט נישט געטראָגן קיין פּערזענלעכן כאַראַקטער. אין מאָמענטן פֿון גייסטיקן אויפֿשוווּנג, פֿלעגט זיין לאַקאָנישער זאַץ, געשריבענער אָדער גערעדטער, באַקומען אַן אייגנאַרטיקן ריטם און אָנפֿילן זיך מיט לירישער קראַפֿט. דער פּנים חדשות אין דער ייִדישער פּובליציסטיק איז באַלד געוואָרן איינער פֿון די בעסטע ייִדישע סטיליסטן. די קריטיקער פֿלעגן נישט זעלטן באַוווּנדערן די פֿיינקייט און רייכקייט פֿון זיין שפּראַך, פֿול מיט העברעיִשע ווערטער.

די פּובליציסטישע טעטיקייט פֿלעגט ביי אים אָפּנעמען אַ סך צייט, אָבער נישט איין מאָל פֿלעגט ער דערפֿילן די באַדערפֿעניש צו קומען אין קאָנטאַקט נישט בלויז מיט דעם אַנאָנימען לייענער, נאָר מיט אַ לעבעדיקער, אָנגערעגטער אוידיטאָריע. די דאָזיקע אוידיטאָריע פֿלעגט מעדעם געפֿינען סיי אין די באַשיידענע קלובן, סיי אויף די גרויסע מיטינגען אין וואַרשע און אויף דער פּראָווינץ.

באַלד נאָכן אַרויסגיין פֿון תּפֿיסה, אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון ייִדישע לערער, איז ער אַרויסגעטראָטן מיט אַ פֿלאַמיקער רעדע וועגן דער ייִדישער פֿאָלקס־שול. אין אָקטאָבער 1915 איז קאַמינסקיס טעאַטער — איינער פֿון די גרעסטע לאָקאַלן אין וואַרשע — פֿול געוואָרן מיט מאַסן, וואָס זענען געקומען הערן מעדעמען; זיין רעדע, געהאַלטן אין אַ לעבעדיקן, קאָלירפֿולן, רייכן ייִדיש, האָט אַרויסגערופֿן גרויס ענטוזיאַזם.

די טעמעס פֿון זיינע ערשטע רעפֿעראַטן זענען געווען: „ייִדן און אַסימילאַציע", „די ייִדישן פֿאָלקס־שולן", „אין די רוסישע געפֿענגענישן אין דער צייט פֿון מלחמה". אָפֿט פֿלעגט ער זיך באַטייליקן אין די קאָלעקטיווע שמועסן, איינגעאָרדנט דורכן קלוב אויפֿן נאָמען פֿון בראָניסלאַוו גראָסער (דער דאָזיקער לעגאַלער קלוב איז פֿאַקטיש געווען אַ בונדישע אינסטיטוציע) אויף דער טעמע: „דאָס קינד און די געזעלשאַפֿט". אין דעם ייִדישן קולטור־לעבן פֿון וואַרשע פֿלעגט מעדעמס אַן אַרויסטריט זיין אַ געשעעניש, וועגן וועלכער מען פֿלעגט לאַנג שמועסן. מעדעם פֿלעגט מיט גרויס פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט גרייטן זיינע רעפֿעראַטן. צוגעוווינט פֿון אויס־

לאַנד צו אַ ריין־אינטעליגענטישער סטודענטן־אוידיטאָריע, האָט ער איצט צום ערשטן מאָל זיך באַגעגנט מיטן מאַסן־צוהערער. דער אויסזען פֿון די מענטשן אין די אויסגעריבענע קליידער, מיט די מידע פּנימער, מענטשן, וואָס קומען צום רעפֿעראַט גלייך פֿון וואַרשטאַט און הערן דעם לעקטאָר מיט טיפֿער ערנסטקייט און קאָנצענטרירטקייט, פֿלעגט אים רירן ביז אין דער טיפֿעניש פֿון זיין נשמה. ער פֿלעגט אָבער קיינמאָל נישט אַריינפֿאַלן אין ביליקער פּאָפּולאַריזאַציע און דעמאַגאָגישע עפֿעקטן; ער פֿלעגט זיך נישט אַראָפּלאָזן צום ניוואָ פֿון דעם מאַסן־צוהערער, נאָר פֿלעגט אים דערהייבן צו זיך.

דער דורשט נאָך קולטור האָט זיך באַזונדערס שטאַרק געפֿילט אין דער פּראָווינץ, און מעדעמס באַווייזן זיך אין דעם אומעטיקן פּראָווינציעלן שטעטל, פֿלעגט פֿאַר די ייִדישע מאַסן זיין אַן אמתער יום־טוב. די פּלאַקאַטן, וואָס פֿלעגן צעקלעפּט ווערן אויף די אָפּגעקראָכענע ווענט און אויף די גרויע פּאַרקאַנעס, פֿלעגן אויפֿרודערן הונדערטער הערצער. מאַסן יוגנט־לעכע פֿלעגן זיך פֿאַרזאַמלען אָפּצוּוואַרטן דעם גאַסט אויף דעם וואָקזאַל אָדער אויפֿן מאַרק, ווו ס'פֿלעגט זיך אָפּשטעלן דער טרייסלענדיקער אויטאָבוס. דער אָרעם באַלויכטענער זאַל פֿון אָרטיקן קינעמאַטאָגראַף אָדער „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע" פֿלעגט קוים אַריינעמען דעם עולם. דאָס איידעלע, בלאַסע געזיכט פֿון דעם רעדנער אויף דער טריבונע איז געווען ערנסט. ערנסט און אויפֿמערקזאַם — האָבן געקוקט די מידע אויגן. פֿון די מענטשן, צונויפֿגעשטיקטע אין זאַל, אָפּגעריסענע מיט פֿאַרמאַזאָלעטע הענט, איז צו אים דערגאַנגען אַ הייסער אָטעם. די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן איינגעזאַפּט אין זיך דעם אומעט אָן אַן אויסוועג פֿון זייערע איינגעבויגענע הייזקעס, צעלעכערטע פּאַרקאַנעס און פֿינצ־טערע, קרומע געסלעך, פֿלעגן קומען אַהער מיט זייער גלויבן און ווייטאָג, מידקייט און האָפֿענונג. און מעדעם האָט געפֿילט: מען דאַרף טיף אַריינ־קוקן אין זיך, מען דאַרף געפֿינען די איינפֿאַכסטע, אמתע ווערטער, כדי צו ענטפֿערן אויף דער שווייגנדיקער פֿראַגע פֿון די דאָזיקע מידע אויגן. און וועגן וואָס ער זאָל נישט האָבן גערעדט — וועגן קולטור אָדער רעוואָלוציע, וועגן דער מוטער־שפּראַך אָדער וואַלן — איז זיין רעדע, אין וועלכער ערנסטע לאָגיק האָט זיך שטענדיק געפּאָרט מיט עמאָציאָנעלער שפּאַנונג, געווען אַן ענטפֿער אויף דער דאָזיקער פֿראַגע.

דורך אַלע זיינע רעדעס און אַרטיקלען פֿלעגט, ווי אַ רויטער פֿאָדעם, זיך דורכשלענגלען דער גרונט־געדאַנק: די ייִדישע האָרעפּאַשנע מאַסן דאַרפֿן בויען זייער צוקונפֿט דאָ אויף דער ערד, און דער „בונד" דאַרף אָנ־פֿירן מיט אָט דער אויפֿבוי־אַרבעט. פֿון דעם איז אַרויסגעדרונגען די פֿאַר־שידנאַרטיקייט פֿון די אויפֿגאַבן, וואָס איז געוואָרן אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿון „בונד" אין פּוילן. מעדעם איז געווען איינער פֿון די איבערגע־

גענבסטע פיאָנערן פונם יידישן קולטור־רענעסאַנס, איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן די קולטור־אַרבעט אַוועקגעשטעלט אין איין ריי מיט דער פּאָליטישער טעטיקייט.

די פאָלקסשול אין יידיש איז געוואָרן דער גרונטשטיין פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור, און מעדעם האָט אָפּגעגעבן אַ סך פון זיין ענערגיע ביים אויפבויען די נעץ פון יידישע פאָלקסשולן און קינדערהיימען. די ערשטע קינדער־היימען האָבן אין אָנהייב פון דער מלחמה אויסגעבויט פּרץ און דינעזאָן פאַר די פאַרוואָרלאָזטע קינדער פון די „בעזשענצעס". אין אָקטאָבער 1915 האָבן די יידישע אַרבעטער געעפנט אין וואַרשע אַ קינדערהיים אויפן נאָמען פון בראָניסלאַוו גראָסער. צום סוף פון דער אָקופּאַציע זענען שוין אין וואַרשע געווען 13 יידישע פאָלקסשולן, ווו ס'האָבן זיך געלערנט איבער 2,500 קינדער. מעדעם האָט געהאָלפן אויסבויען דעם פונדאַמענט, אויף וועלכן ס'איז שפּעטער אויסגעוואַקסן די צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע („ציש"א").

די טעטיקייט פון „בונד" אין פּוילן איז געגאַנגען מיט צוויי שטראָמען: אַ לעגאַלער און אַן אונטערערדישער. מעדעם איז געווען דער מחבר פון אַ סך אומלעגאַלע אויפרופן, וואָס פלעגן פאַרשפּרייט ווערן אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן. אין די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציעס האָט מעדעם אויסגעלאָדן זיין צער און צאָרן, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אויף דער נשמה און האָט נישט געקאָנט קומען צום אויסדרוק אין די אַרטיקלען, וואָס זענען געווען אונטערגעוואָרפן דער צענזור. דער שעף פון דער דייטשער פּאָליטישער פּאָליציי איז געוואָרן שרעקלעך אויפגעבראַכט פון דעם שאַרפן טאָן פון די אומלעגאַלע בונדישע פּראָקלאַמאַציעס. ער האָט באַלד חושד געווען מעדעמען, אַז דאָס איז ער דער מחבר, און האָט באַפוילן אים צו אַרעסטירן. ביי דער אויספאָרשונג האָט דער פּאָליציי־שעף, פאָכנדיק מיט אַ פרישער פּראָקלאַמאַציע, געשריען: „מיר וויסן, אַז איר זענט דער פירער פון „בונד", דאָס איז אייער אַרבעט. מיר וועלן אייך אַריינוואַרפן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער!" קיין דירעקטע באַווייזן זענען אָבער נישט געווען און מעדעם איז באַלד באַפרייט געוואָרן.

אָנהייב מערץ 1917, איז דורך די גרענעצן צעפּלאָקערטע אין מלחמה־פייער דערגאַנגען קיין פּוילן די בשורה וועגן דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. דער איינדרוק איז געווען אַ דערשיטערנדיקער: אַלע האָבן געפילט, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה. מעדעם איז אַריינגעוואַקסן אין דער אַרבעט אין פּוילן; אָבער איצט האָט אין אים מיט אַ גרויסער קראַפט אויפגעפלאַמט די בענקשאַפט נאָך זיין פאָטערלאַנד. דער דראַנג זיך אַריינצוּוואַרפן אין פייער פון דער רעוואָלוציע און אין איינעם מיט זיינע אַלטע חברים פּרווון פאַרווירקלעכן זיין לעבנס־טרוים, איז ביי אים געוואָרן שטאַרקער פון טאָג צו טאָג. מיט גרויסע שוועריקייטן איז געלונגען איינצושטעלן

אַ פֿאַרבינדונג מיט דעם צ. ק. פֿון „בונד" אין רוסלאַנד און מיט דער בונדישער פֿראַקציע פֿון פּעטראָגראַדער ראַט פֿון אַרבעטער־דעפּוטאַטן. די חברים פֿון רוסלאַנד האָבן געראָפֿן מעדעמען צו זיך: זיי האָבן זיך גענייטיקט אין אים גראָד איצט אין די אַנטשיידנדיקע מינוטן. די ערשטע לעגאַלע קאָנפֿערענץ פֿון „בונד", וואָס איז פֿאָרגעקומען אין באַפֿרייטן רוסלאַנד, האָט ווידער אַמאָל אויסגעקליבן מעדעמען אין צענטראַל־קאָמיטעט; אָבער דאָס אַריבערפֿאָרן די גרענעץ אין דער צייט פֿון דער מלחמה איז געווען זייער אַ שווערער ענין. ס'איז אויסגעקומען צו ווענדן זיך צום אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ אין זשענעווע. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט געפֿירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער דײַטשער מאַכט, און דער פּלאַן, וואָס האָט לכתחילה אויסגעזען צו זײַן פֿאַנטאַסטיש, האָט אָנגעהויבן צו באַקומען רעאַלע פֿאָרמען: די דײַטשן האָבן מסכים געווען אויסצובײַטן מעדעמען אויף אַ דײַטשן גענעראַל, וואָס געפֿינט זיך אין דער רוסישער געפֿאַנגענשאַפֿט. מען האָט פֿאַרגעלייגט מעדעמען צו קומען קיין בערלין און וואַרטן דאָרטן אויף דער דערלויבעניש אַריבערצופֿאָרן קיין רוסלאַנד.

ס'איז געווען פֿאַר אים נישט לײַכט צו שיידן זיך מיט זײַן באַליבטער אַרבעט, מיט זײַן שרײַבטיש, וואָס איז געווען פֿאַרוואַרפֿן מיט מאַנוסקריפּטן, מיט די מאַסן געטרייע צוהערער, מיט דער חברישער סביבה. אָבער דאָרטן, אויפֿן ווײַטן צפֿון, איז געשאַפֿן געוואָרן געשיכטע, דאָרטן האָבן זיך געעפֿנט אומענדלעכע מעגלעכקייטן, און מעדעם האָט זיך נישט געקאָנט וואַקלען. אין אָנהייב סעפּטעמבער 1917, איז ער געווען גרייט צו דער רייזע. אין זײַן אַרטיקל „צו די לעזער און פֿריינט", וואָס האָט געקלונגען ווי אַ צוואה, האָט זיך דער רעדאַקטאָר פֿון די „לעבנספֿראַגן" געזעגנט מיט זײַנע פֿרײַנט און חברים.

„צייט איך שטיי אין אײַערע רייען — האָט ער געשריבן — האָב איך מיך שטענדיק באַמיט צו אַנטוויקלען און צו פֿאַרטיפֿן יענעם ליכטיקן און גרויסן געפֿיל, וואָס אַן אים קאָן מען זיך נישט פֿאָרשטעלן קיין לעבעדיקע געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונג און וואָס מען רופֿט, געוויינלעך, מיטן נאָמען „פּאַרטיי־פּאַטריאָטיזם"... מיר איז אויסגעקומען נישט איין מאָל צו קעמפֿן פֿאַר מײַנע פּערזענלעכע מיינונגען מיט אַנדערע חברים, קעמפֿן און בלײַבן אין דער מינדערהייט... חילוקי דעות מוזן פֿאָרקומען אין אַ לעבעדיקער פּאַרטיי, אָבער העכער פֿון זיי אַלע שטייט די אייניקייט און פֿעסטקייט פֿון אונזער גרויסער משפּחה... פֿעלערן קאָנען פֿאָרקומען... מײַן טיפֿע איבערצייגונג איז אָבער: בעסער איז, אַז מען פֿאַרבלאָנדזשעט צוזאַמען, איידער אַז מען ראַטעוועט זיך אויף אייגענער אחריות. איבער אַלע פּרטים און איינצלנע פֿראַגן, מוז שטיין די אייניקייט און פֿעסטקייט פֿון דער באַוועגונג, פֿון דער פּאַרטיי".

ווי אַן ענטפֿער אויף דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט די פֿאַריתומטע רע־

דאַקציע געשריבן: „מיר אַלע, דער גאַנצער היינטיקער אַרבעטער־דור, זענען זיינע תּלמידים... אָבער אין די לעצטע צוויי יאָר, זייט חבר מעדעם איז מיט אונז, זייט ער האָט מיט אונז צוזאַמען געקעמפט, געפּרייט זיך און געטרויערט, זייט די צוויי יאָר, בעת וועלכע ער האָט צו אונז וואָך־אייַן, וואָך־אויס גערעדט אין די „לעבנספראַגן" — איז ער אונז אַלעמען געוואָרן נאָך טייערער, נאָך ליבער. ער האָט אונז אַלעמען פאַראייניקט, ער האָט דעם צעזייטן און צעשפּרייטן יידישן אַרבעטער־שטויב אין די גרויסע פּוילישע שטעט און אין די קליינע פאַרוואָרפענע שטעטלעך געגעבן די מעגלעכקייט צו ווערן אַ פעלזן־פעסטער שטיין, אָן וועלכן ס'האָט זיך ווייט אָפּגעשלאָגן יעדע רעאַקציאָנערע און נאַציאָנאַליסטישע כוואַליע".

רירנדיק האָבן זיך געזעגנט מיט מעדעמען דעלעגאַציעס און איינצלנע חברים אין דעם ענגן רעדאַקציע־צימער. אויף איינעם אַ רויטן בלומען־באַנד איז געווען אַ קורצער אויפשריפט: „דער נשמה פון בונד". אויף די באַשיידענע מתּנות זענען געווען אויסגעקריצט ציטאַטן פון מעדעמס אַרטיקלען. די בונדישע משפּחה האָט שמערצלעך געפילט דעם גרויסן פאַרלוסט.

מעדעם מיט דער פרוי און מיט אַ האַלב־יאָריק מיידעלע האָבן זיך באַזעצט אין בערלין אין אַ באַשיידענעם מעבלירטן צימער און געוואַרט אויף דער דערלויבעניש. ס'זיינען אַוועק טעג נאָך טעג, און די דערלויבעניש איז נישט געקומען. מעדעם האָט זיך געפילט אין בערלין זייער שלעכט: די אַטמאָספער איז געווען אַ שווערע, אויף די גאַסן פלעגן אַרומבלאָנדזשען ווי שאָטנס פאַרהונגערטע און פאַרביטערטע מענטשן, וואָס האָבן געקוקט מיט שנאה אויף די אויסלענדער. די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש פון נאָוועמבער 1917 האָט געבראַכט נייע קאָמפּליקאַציעס: די פאַרהאַנדלונגען וועגן אויסטוישן מעדעמען אויף אַ געפאַנגענעם גענעראַל זענען איבערגעריסן געוואָרן, און מעדעם האָט געמוזט זיך אומקערן קיין וואַרשע. ער האָט זיך אומגעקערט קראַנק און דעפּרימירט. באַלד נאָך זיין אומקערן זיך האָט ער איבערגעלעבט אַ גרויסן אומגליק: ס'איז געשטאָרבן פון אַ מעניגגיט זיין טעכטערל נאַטאַשע, מיט וועלכער ער פלעגט זיך אַ סך פאַרנעמען און אָפט פאַרוויגן איר מיט אַלט־היימישע רוסישע לידער.

אין 1917 איז אין דעם וואַרשעווער פאַרלאַג „אידיש" דערשינען אַ זאַמלונג פון מעדעמס אַרטיקלען מיט אַ קורצער ביאָגראַפיע, געשריבן פון דוד קאַסעל. אין דעם ערשטן טייל פון דער זאַמלונג זענען אַריינגעקומען זיינע „טורמע־זכרונות", אין דעם צווייטן טייל — אַרטיקלען וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועלכע ער האָט פּובליקירט אין די יאָרן 1906—1916. אין זיין קורצן פאָרוואָרט צום צווייטן טייל כאַראַקטעריזירט מעדעם זיין צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע אויף אַזאַ מין אופן:

„די נאַציאָנאַלע פֿראַגע איז פֿאַר מיר קיינמאָל נישט געווען אַזאַ זאַך, וואָס קאָן אַרויסגעריסן ווערן פֿון דער אַלגעמיינער ראַם פֿון אַן איינהייטלעכער וועלט־אַנשויונג. אין דער צייט, ווען דער נאַציאָנאַליסטישער לאַגער האָט געוואָלט מאַכן פֿון נאַציאָנאַליזם אַן אָפּגאָט... אין דער צייט, ווען דער אַסימילאַטאָרישער לאַגער — און ספּעציעל די סאָציאַל־אַסימילאַטאָרן פֿון דער רוסישער און פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — האָבן געוואָלט בכלל אַוועקמאַכן דעם גאַנצן ענין מיט דער האַנט — האָב איך געשטרעבט צו אַ העכערן סינטעז, וואָס זאָל ענג און פֿעסט פֿאַרקניפּן די גרונט־יסודות פֿון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם מיט דעם וואַרעמען, טיפֿן און לעבעדיקן אינטערעס צו דעם פּראָבלעם פֿון יידישן פֿאָלקס־לעבן" („זכרונות און אַרטיקלען", ז' 69).

די אַרטיקלען, געדרוקט אין כראָנאָלאָגישן סדר, שפּיגלען אין זיך אָפּ די גאַנצע עוואָלוציע, וואָס דער מחבר האָט דורכגעמאַכט אויפֿן געביט פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. דער ערשטער אַרטיקל, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ קיצור פֿון דער בראָשור „די נאַציאָנאַלע פֿראַגע און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע", דערשינען אין יאָר 1906, איז כאַראַקטעריסטיש, ווי איינער פֿון די ערשטע פּרוּוון צו באַגרינדן די פּראָגראַם פֿון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. אין יענע יאָרן האָט מעדעמען אינטערעסירט ניט אַזוי דער אינהאַלט פֿון די נאַציאָנאַל־קולטורעלע פֿאָדערונגען, ווי די פֿאָרמעל־רעכטלעכע באַגרינדונג זייערע. אָפּגרענעצנדיק זיך פֿון וועלכע נישט איז פּראָגנאָזן בנוגע דעם ווייטערדיקן גורל פֿונם יידישן פֿאָלק, פֿאָרמולירט מעדעם די טעאָריע פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם נייטראַליזם. דער תּוך פֿון דער דאָזיקער טעאָריע איז פֿאָלגנדיקער: ס'איז נישט זיכער, צי דער היסטאָרישער פּראָצעס וועט דערפֿירן דערצו, אַז דאָס יידישע פֿאָלק זאָל איינגעהאַלטן ווערן, אָדער ס'זאָל זיך פֿונאַנדערפֿאַלן. איינס אָבער איז קלאָר: דער דאָזיקער פּראָצעס דאַרף פֿאָרקומען אָן קיין שום דרוק פֿון דרויסן. דעריבער איז נייטיק צו קעמפֿן פֿאַר דעם פּרינציפּ פֿון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, וואָס גאַראַנטירט יעדער נאַציע די פֿרייהייט פֿון איר אייגענער קולטור־אַנטוויקלונג. אונטערשטרייכנדיק די קולטור־נאַציאָנאַלע אינטערעסן אין די גרענעצן פֿון יעדער מלוכה באַזונדער, וואַרפֿט ער אָפּ דעם באַגריף פֿון אַן אַלוועלטלעכער יידישער נאַציע.

מעדעמס צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע באַקומט אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער, ווען ער באַגעגנט זיך אין דעם אָקופּירטן פּוילן פּנים אל פּנים מיטן יידישן מאַסן־לעבן: ס'ענדערט זיך ניט אַזוי די פּרינציפּיעלע באַגרינדונג פֿון דער פֿראַגע, ווי דער עמאָציאָנעלער אונטערשלאַק אירער. אין די „לעבנספֿראַגן" האָט מעדעם געווידמעט דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע אַ גאַנצע ריי אַרטיקלען אונטערן נאָמען „פֿון מיין נאָטיץ־בוך". אין די דאָזיקע אַרטיקלען אינטערעסירט זיך שוין דער מחבר ניט אַזוי מיט דער פֿאָרמעל־רעכטלעכער זייט פֿון דער פֿראַגע, ווי מיטן אינהאַלט פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור.

„ביי דער ארעמקייט פונם יידישן קולטור־לעבן, ביי דעם כראנישן קריזיס, וואס זי לעבט איבער קאן מען קלערן וועגן א דערפאלג נאר דעמאלט, ווען אלע כוחות פון דער קולטור־באוועגונג וועלן פאראייניקט ווערן אין איין אויפגאבע... ס'איז נייטיק א מאניזם... עס פאדערט זיך א פאנאטיזם פון קולטור־ארבעט, א קאמף־פאנאטיזם, וואס שלאגט אלץ, וואס שטעלט זיך איר קעגן אין וועג" („זכרונות און ארטיקלען", ז' 107).

דער דאזיקער קעמפערישער טאן קלינגט אומגעריכט ביי דעם נישטלאנג געוועזענעם „נייטראליסט". מעדעם אבער לייקנט נישט, אז זיין באציונג צו די צוויי היסטארישע פראגנאזן, וועלכע ער האט פריער געהאלטן פאר גלייכווערטיקע, האט זיך אין תוך געענדערט. וואס איז נוגע דעם פראגנאז פון די נאציאנאליסטן (אז די יידישע נאציע וועט בלייבן אויף אייביקע יארן א נאציע, נישט געקוקט אויף קיין שום מניעות), — איז עס א זאך פון דער צוקונפט, אבער אז די אידעע פון דער אסימילאציע איז ביים היינטיקן טאג שוין לחלוטין באנקראט — זעט מען באשיימפערלעך. און בלויז דער דערפאלג פון דער אסימילאציע היינט צו טאג וואלט געקאנט דינען אלס סטימול אפצוטרעטן פון די נאציאנאל־קולטורעלע פאזיציעס. אויף אונזערע אויגן, זאגט מעדעם, אנטוויקלט זיך דאס יידישע פאלק אין רוסלאנד און פוילן ווי א לעבעדיקער ארגאניזם. עס וואקסן די קולטור־באדערפענישן פון די פאלקס־מאסן, און עס וואלט געווען אן אומזין אפצוזאגן זיך פון באפרידיקן זיי בלויז צוליב דעם, וואס ווען עס איז אין דער צוקונפט קאנען די דאזיקע באדערפענישן פארשווינדן. די אויפגאבן פון דער יידישער ארבעטער־פארטיי זענען, ווי באלד אזוי, קלאר: „די מאסן דארפן א שול, א נאציאנאלע שול — שטרעבן מיר זיי דאס צו געבן. די מאסן דארפן א נאציאנאלע ליטעראטור, די מאסן דארפן די מוטער־שפראך אין געזעלשאפטלעכן און פאליטישן לעבן — שטרעבן מיר צו שטיצן די רעכט פון דער דאזיקער שפראך און דערשלאגן זיך — מען זאל זי אנערקענען... נישט נאר דרויסן, אין פאליטישן זין, נאר אויך אינעווייניק, אין דער יידישער סביבה גופא" („זכרונות און ארטיקלען", ז' 133).

מעדעמס פאליטישער טעמפעראמענט שטופט אים אפ אלץ ווייטער פון דעם פרינציפיעלן נייטראליזם. אין זיין ארטיקל אונטער דעם כאראקטעריסטישן קאפ „טיפער אין לעבן" דערקלערט ער דאס גאנץ אפן: אינם פראגראם פון נייטראליזם — שרייבט ער — זענען טאקע נישטא קיין לאגישע סתירות, אבער אחוץ דער לאגיק פון שכל איז דאך אויך נאך פאראן די לאגיק פון געזעלשאפטלעכן לעבן. די דאזיקע לאגיק איז שטארקער פון טעארעטישע סברות, כאטש איר שטים ווערט נישט תמיד דערהערט. דער נייטראליזם איז צוליב זיין מטושטשקייט נישט גענוג, כדי פארוואנדלט צו ווערן אין א פראגראם פון דירעקטע אקציעס. ס'איז אויך ווינציק די ריין פארמעלע באגרינדונג פון די פאדערונגען פון דער נאציא־

נאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע: מיר קאָנען זיך נישט באַנוגענען דערמיט, וואָס די מלוכה וועט אונז געבן פֿולע פֿרייהייט אויפֿן קולטור־געביט, מען מוז קודם־כּל פֿעסטשטעלן, ווי אַזוי מיר וועלן די דאָזיקע פֿרייהייט אויס־נוצן. דער אינדיפֿערענטיזם אויפֿן קולטור־געביט שטייט אין אַ שאַרפֿן ווי־דערשפּרוך מיט דער אַקטיווקייט אויפֿן פֿעלד פֿון פּאָליטיק. ס'איז דעריבער נאַטירלעך, אַז דער „בונד", ווי אַ מאַסן־פּאַרטיי האָט אין משך פֿון לעצטן יאָרצענדליק דורכגעמאַכט אַן עוואָלוציע, איבערגייענדיק פֿון דעם אַבסטראַקטן נייטראַליזם צו דער קאָנקרעטער לעבעדיקער אַרבעט אויפֿן געביט פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור.

די אַרטיקלען פֿון דעם וואַרשעווער פּעריאָד זענען די רייפֿסטע פֿאָר־מולירונג פֿון מעדעמס צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. אין זיין פּאָלעמיק מיט די פֿאַרטרעטער פֿון די פֿאַרשידענע שטרעמונגען אין דער פּוילישער און יידישער געזעלשאַפֿט האָט מעדעם נאָך מער פּאַרפֿעסטיקט און אַנט־וויקלט זיין אייגענעם שטאַנדפּונקט. אין דער דאָזיקער פּאָלעמיק האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דער פֿראַגע פֿון אַ טעריטאָריע און ער איז גע־צוווּנגען געווען זיך אָפּט אומצוקערן צו דער באַגרינדונג פֿון די פֿאָדע־רונגען פֿון די עקסטעריטאָריאַלע נאַציעס. נאָך מיט יאָרן צוריק האָט מעדעם אין איינער אַ גרויסער אַרבעט זיינער, וואָס איז געווען געדרוקט אין רוסישן זאַמלבוך „די פֿאָרמען פֿון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין די איצטיקע מלוכות" (פּעטערבורג, 1910)* גרינטלעך אַנאַליזירט די דאָזיקע פֿראַגע, ווי זי איז פֿאָרמולירט געוואָרן אין די פּראָגראַמען פֿון אַ גאַנצער ריי נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אין פּוילן פֿלעגט אים אויס־קומען אָפֿט זיך אָנצושטויסן אויף דער עקסטרעמסטער ריכטונג פֿון טערי־טאָריאַליזם — אויף דעם פּאָליטישן ציוניזם. אין זיין פּאָלעמיק מיט די ציוניסטן האָט זיך מעדעם נישט באַגנוגנט מיט די טעאָרעטישע אַרגומענטן אַליין; ער פֿלעגט זיך נישט איין מאָל באַמיִען צו ווירקן אויף דער פֿאָר־שטעלונגס־קראַפֿט פֿון לייענער. אויף לאַנג האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון אַ בילד פֿון איינעם פֿון זיינע אַרטיקלען: אַ הונגעריקער און אָפּגעריסענער וואַרשעווער ייִד פֿאַלט אַנידערביים שוועל פֿון אַ געביידע, איבער וועלכער עס פֿלאַטערט אַ בלוי־ווייסע פֿאָן מיט דער אויפֿשריפֿט: „שענקט עפּעס פֿאַר די יידן פֿון ארץ ישראל"...

זייענדיק אַ הייסער גלות־פּאַטריאָט, האָט מעדעם נאָך אין יאָר 1908 געזאָגט צו די ציוניסטן: „פֿאַרט געזונטערהייט און קוקט זיך נישט אום. איר האָט דאָ נישט וואָס צו זוכן, איר זייט דאָ פֿרעמדע, איר זייט דאָ געסט — איר האָט דאָס אַליין געזאָגט. מיר אָבער, מיר וועלן דאָ בלייבן, אַרבעטן און קעמפֿן, און דאָס לעבן וועט בלייבן מיט אונז".

* זע אַרטיקל: „נאַציאָנאַלע באַוועגונג און נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד" זז' 220־279.

דער צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ווי זי איז פאָרמולירט געוואָרן אין מעדעמס אַרטיקלען, האָט ביי זיינע חברים נישט אַרויסגע־רופן קיין חילוקי־דעות. דער פעריאָד פון די טעאָרעטישע דיסקוסיעס איבער דער דאָזיקער פראַגע איז שוין אין „בונד" לאַנג געווען פאַרביי. די פּאַרטיי האָט געווידמעט אַ סך כוחות דער קולטור־אַרבעט. אָבער גראָד אין דעם דאָזיקן פעריאָד האָבן זיך אָנגעמערקט ערנסטע מיינונגס־פאַרשידנהייטן צווישן מעדעמען און דער פּאַרטיי־מערהייט — סיי אין פראַגן פון דער טאַקטיק, סיי אין ערנסטע פראַגן פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער. דער עיקר פון די חילוקי־דעות, וואָס זענען אַמבולטסטן געקומען צום אויסדרוק אין די יאָרן 1918—1920 איז געווען די אָפּשאַצונג פון דער אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע מיט אירע פאָלגן. מעדעם האָט מיט גרויס באַגייסטערונג באַגריסט די פעברואַר־רעוואָלוציע, וואָס האָט איינגעפירט אין רוסלאַנד אַ דעמאָקראַ־טישע אָרדענונג, ער האָט זיך אָבער באַצויגן קריטיש צום פּרווו פון איר פאַרטיפונג. זיין סקעפּטיציזם האָט ער באַגרינדעט דערמיט, וואָס אייראָפּע איז נאָך נישט גענוג רייף פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אין זיין אַר־טיקל אונטער דעם כאַראַקטעריסטישן נאָמען „אָן אילוזיעס" (פונם ציקל „פון מיין נאָטיץ־בוך") אַנטוויקלט ער דעם געדאַנק, אַז דער רייטוואָגן פון דער געשיכטע באַוועגט זיך נישט אַזוי שנעל, ווי מיר וואָלטן וועלן. ער ווייזט דערביי אָן אויף דייטשלאַנד, וואָס האָט נישט באַרעכטיקט אונזערע דערוואַרטונגען. נאָך טיפער איז זיין פּעסימיזם בנוגע דער לאַגע אין פוילן. „דער אַרבעטער־קלאַס אין פוילן — שרייבט ער אין 1918 — איז שוואַך נישט נאָר אויסערלעך, נאָר אויך אינערלעך, און אַ שוואַכער קלאַס קאָן נישט איבערנעמען די מאַכט". און אין אַ צווייטן אַרטיקל: „ביים היינטיקן טאָג שטייט נישט די פראַגע — דעמאָקראַטיע אָדער דיקטאַטור. אַזאַ פראַגע וועט שטיין שפּעטער. איצט שטייט די פראַגע: דעמאָקראַטיע אָדער רעאַקציע".

מעדעם האָט נישט געגלייבט, אַז אין אַזאַ אָפּגעשטאַנען לאַנד ווי רוסלאַנד, וואָס האָט אָקערשט דורכגעמאַכט דעם גרויסן מלחמה־חורבן, זאָל זיין מעגלעך אַ זיגרייכע רעוואָלוציע. „מען קאָן נישט סאָציאַליזירן דעם דלות!" — שרייבט ער מיט פאַרביטערונג. די מעגלעכקייט צו אינ־דוסטריאַליזירן אין אַ קורצער צייט דאָס חרוב געוואָרענע לאַנד און דערצו נאָך אונטער אַ דיקטאַטור האָט פאַר אים אויסגעזען, ווי אַ פאַנטאַזיע. אַ פּאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטיע — האָט זיך אים געדוכט — קאָן אַ סך בעסער פאַרזיכערן די רעכט פון דער פאָלקס־מערהייט, איידער די סאָ־וועטישע סיסטעם. צוקוקנדיק זיך צו דער פּראַקטיק פונם באָלשעוויזם, האָט מעדעם געפונען אין איר אַ באַשטעטיקונג פון זיינע אַמאָליקע פאַר־באַהאַלטן: נאָך זייענדיק אין דער עמיגראַציע, האָט ער נישט איין מאָל קרי־טיקירט דעם לעניניזם. דאָך אָבער, ווען ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין אייראָפּע דער קרייצצוג קעגן סאָוועט־רוסלאַנד, האָט מעדעם געהאַלטן,

וולאַדימיר מעדעם בעת זיין אָנקומען אין אַמעריקע

אַז ס'איז דער חוב פֿון אַלװעלטלעכן פּראָלעטאַריאַט צו באַקעמפֿן אַלע פּרוּװן פֿון דער קאָנטררעװאָלוציע צו דערשטיקן די יונגע ראַטן־רעפּובליק. אין יאָר 1919, װען יודעניטש איז געגאַנגען אויף פּעטראָגראַד, האָט מעדעם געשריבן: „די סאָציאַליסטישע קריטיק איז אַרויסגערופֿן געװאָרן דורך דער גערעכטער מורא, אַז די פֿעלערן פֿון דעם באָלשעװיזם װעלן ברענגען אַ שאָדן דעם אַלגעמיינעם סאָציאַליסטישן ציל. די בורזשואַזע אָפּאָנסיװע אָבער װענדט זיך קעגן באָלשעװיזם ניט צוליב זיינע פֿעלערן, נאָר פּונקט פֿאַרקערט — דװקא צוליב זיין סאָציאַליסטישן ציל. די בורזשואַזע װעלט באַקעמפֿט די באָלשעװיקעס... צוליב דעם, װאָס זי קוקט אויף זיי, װי אויף אַ פֿאַרקערפּערונג פֿונם סאָציאַליזם".

די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן, װאָס זענען געװען אויסגעמאַטערט פֿון דער מלחמה, האָבן ליידנשאַפֿטלעך געגלייבט אין דעם, אַז נאָך דער װעלט־שחיטה װעט מוזן קומען אַ טיפֿע סאָציאַלע איבערקערעניש אין גאָר דער װעלט. ס'איז זיי דעריבער פֿרעמד געװען מעדעמס פּעסימיסטישער צוגאַנג צום באָלשעװיסטישן פּעריאָד פֿון דער רוסישער רעװאָלוציע. דער „בונד" האָט אָפּגעשפּיגלט די שטימונגען פֿון די מאַסן: נישט באַרעכטיקנדיק אַ כּך מעטאָדן פֿון באָלשעװיזם, האָט ער געהאַלטן, אַז די סאָציאַלע רעװאָלוציע אין רוסלאַנד איז אַ פּאָזיטיװע דערשיינונג. אויף די בונדישע צוזאַמענפֿאָרן פֿון די יאָרן 1919 און 1920, װאָס זענען שוין פֿאָרגעקומען אין דעם אומ־אָפּהענגיקן פּוילן, איז מעדעם מיט זיין אָפּשאַצונג פֿון די געשעענישן גע־בליבן אין דער מינדערהייט.

די פּראָקלאַמירונג פֿון אַן אומאָפּהענגיק פּוילן האָט אַרויסגעפֿירט פֿון אונטער דער ערד די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און האָט געעפֿנט פֿאַר זיי נייע ברייטע פּערספּעקטיװן. אָבער אין דער יונגער מלוכה האָט זיך באַלד אָנ־געהויבן אַן עקשנותדיקער קאַמף פֿון די דאָזיקע פּאַרטייען מיט דער פֿאַר־ביסענער נאַציאָנאַליסטישער רעאַקציע, — אַ קאַמף מיט װעלכן עס זענען פֿול געװען די גאַנצע צװאַנציק יאָר פֿון פּוילנס אומאָפּהענגיקער עקסיסטענץ. מעדעם האָט איבערגעלעבט די ערשטע פֿאַזן פֿון אָט דעם קאַמף אויפֿן פּאָסטן פֿון אַ רעדאַקציע־מיטגליד פֿונם צענטראַלן בונדישן אָרגאַן. אין נאָװעמבער 1918 זענען שוין די „לעבנספֿראַגן" דערשינען װי אַן אָפֿיציעלער אָרגאַן פֿון „בונד" און אין אַנהייב דעצעמבער איז, ענדלעך, מקוים געװאָרן מעדעמס טרוים: דאָס װאָכנבלאַט איז פֿאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַ טעגלעכער צייטונג. די פֿרייד האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. ס'האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ סיסטעמאַטישער קאַמף מיט דער נייער צענזור. אויף דער צייטונג, װאָס האָט שאַרף קריטיקירט די רעגירונג האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ מבול פֿון קאָנפֿיסקאַציעס. די אַלע פּרוּװן אַרויסצוגעבן אַ טעגלעכע צייטונג אונטער פֿאַרשידענע נעמען פֿלעגן זיך ענדיקן מיט אַן אַרעסט פֿון די רעדאַקטאָרן. נאָך שװערער איז געװאָרן די לאַגע אין דער צייט פֿונם פּויליש־סאָװעטישן

קריג. נישט געקוקט אָבער אויף די אַלע מניעות האָט די בונדישע פּרעסע עקשנותדיק געקעמפט פאַר איר עקסיסטענץ און אויסגעברייטערט איר לייענער־קרייז.

מעדעם האָט אין דעם אומאָפּהענגיקן פּוילן פאַרגעזעצט די אַרבעט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע. אין יאָר 1920 איז דערשינען אַ זאַמלונג פון זיינע אַרטיקלען אונטערן נאָמען: „פון מיין נאָטיץ־בוך״. אין דער זאַמלונג זענען אַריין די אויסגעקליבענע אַרטיקלען פאַר די לעצטע יאָרן. אין דער הקדמה האָט מעדעם אָנגעוויזן, אַז די אַלע אַרטיקלען וואָס באַרירן פאַרשידענע טעמעס זענען פאַראייניקט דורך איין געדאַנק און דורך איין שטימונג. „יעדעס בוך — שרייבט ער — האָט זיין נשמה, און די נשמה פון בוך איז מינדסטנס אַזוי וויכטיק, ווי דער קאָנקרעטער אינהאַלט פון די איינצלנע אַרטיקלען״. אַ סך אַרטיקלען פון זאַמלבוך האָבן אַרויסגערופן שטאַרקע חילוקי דעות, אָבער אויך די לייענער, סיי אין דער פּאַרטיי, סיי אויסער איר, וואָס זענען נישט געווען מסכים מיטן מחבר, האָבן הויך געשעצט דעם ליטעראַרישן ווערט פון די אַרטיקלען, די אויפריכטיקייט און מוט, מיט וועלכע ער האָט פאַרטיידיקט זיין נישט־פּאָפּולערע איינשטעלונג.

אין די אַלע יאָרן פון דער אָקופּאַציע, ווי אויך אין די ערשטע יאָרן פון אומאָפּהענגיקן פּוילן, איז מעדעם געווען דער פאַקטישער אידעיִשער אָנפירער פון דער פּאַרטיי, און ער האָט זיך אויך אַקטיוו באַטייליקט אין דער פּראַקטישער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט. אָבער אין די יאָרן 1919—1920 האָט זיך די לאַגע געענדערט. מעדעם איז פאַרבליבן אַ מיטגליד פונם צענטראַל־קאָמיטעט און פון דער רעדאַקציע, אָבער ער פלעגט זייער זעלטן שרייבן אויף אַלגעמיין־פּאָליטישע טעמעס: ס'פלעגט אים שטערן דער ביי־טערער באַוווּסטזיין, אַז ער קאָן נישט אויסדריקן די שטימונגען פון זיין פּאַרטיי. דער גרעסטער טייל פון זיינע אַרטיקלען אין יענער צייט איז געווען געווידמעט די פראַגן פון דעם אינערלעכן יידישן לעבן. זיין באַליבטסטע טעמע איז געווען די יידישע פאָלקסשול. אין יאָר 1919 איז געגרינדעט געוואָרן די געזעלשאַפט „אונזערע קינדער״, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויסצובּרייטערן די נעץ פון יידישע פאָלקשולן און קינדערהיימען. מעדעם האָט מיט גרויס חשק זיך אָפּגעגעבן מיט דער דאָזיקער אַרבעט. ער האָט אויך מיט גרויס אינטערעס נאָכגעפאָלגט דעם וווּקס פון דער יידישער ליטעראַטור און נאָך די ערשטע טריט פונם יידישן טעאַטער. די ערשטע אויפפירונג פונם „דיבוק״ צו די שלושים פון אַנסקיס פלוצעמדיקן טויט איז פאַר מעדעמען געווען אַ גרויסע געשעעניש. אַ לאַנגע צייט נאָך דער פּרעמיערע האָט ער סיי אין פּערזענלעכע שמועסן, סיי עפנטלעך אַנטוויקלט פּלע־נער וועגן שאַפן אַ יידישן טעאַטער, וואָס זאָל שטיין אויף אַ הויכן קינסט־לערישן ניוואָ.

אין די דאָזיקע יאָרן האָט מעדעם געלעבט אויפֿן פֿינפֿטן שטאָק פֿון אַ גרויס פֿינצטער הויז אויף נאָוואָליפּיע, ווו עס איז אויך געווען די דרוקעריי און די רעדאַקציע פֿון דער צייטונג. זיין דירה איז געווען אַ קאַלטע, אַ נישט־געמיטלעכע. די קעלט פֿלעגט אַרויסרופֿן ביי אים שאַרפֿע ווייטאָגן. אין די נעכט פֿלעגט זיך מעדעם אַראָפּלאָזן אין דער דרוקעריי, כּדי אָפּצוהיטן דעם אַרויסלאָז פֿון נומער, צו מאַכן די לעצטע אויסבעסערונגען און צו פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער צענזור. אין דער דרוקעריי איז געווען נאָך קעלטער ווי אויבן. ביי מעדעמען פֿלעגן פֿרירן די הענט און די פֿיס. ער פֿלעגט אָבער פֿעסט פֿאַרבייסן די ציין און מיט דער אָנשטרענגונג פֿון זיין ווילן דערשטיקן די ווייטאָגן. די צייטונג האָט געמוזט אַרויסגיין.

נישט אַלע מאָל פֿלעגט זיין אָרגאַניזם אויסהאַלטן; אַ שווערער אָנפֿאַל פֿלעגט אים אָפּט מאָל אָוועקלייגן אויף עטלעכע טעג אין בעט. אָבער אויך ליגנדיק האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו אַרבעטן. אויף זיין טישל ביים בעט האָבן זיך געזאַמלט מאַנוסקריפּטן, ביכער און רעדאַקציע־מאַ־טעריאַלן. ער האָט אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען מיט מיטאַרבעטער, געמאַכט נאָטיצן. די דאָקטוירים פֿלעגן שאַרף פּראָטעסטירן קעגן מעדעמס גרינג־שאַצנדיקער באַציִונג צו זיין אַלטער שווערער קראַנקייט. זיי האָבן פֿון אים געפֿאָדערט, ער זאָל ענדערן דעם קלימאַט און דעם גאַנצן אַרט לעבן, ווייל עס דראָט אים די געפֿאַר אין גאַנצן צו פֿאַרלירן זיין אַרבעטס־פֿעיִקייט.

ביסלעכוויַיז האָט זיך מעדעם איינגעלעבט מיטן געדאַנק וועגן אַוועק־פֿאָרן: די פֿיזישע שוואַכקייט און די גייסטיקע דעפּרעסיע, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון די מיינונגס־פֿאַרשידנהייטן צווישן אים און די פּאַרטיי־חברים, האָבן געטאָן זייערס. אָבער ווערן אַן אינוואַליד, וואָס פֿאַרענדיקט אויסלעבן זיינע יאָרן ערגעץ ווו אין אַ קוראָרט, האָט ער נישט געקאָנט און נישט געוואָלט: דער איינציק מעגלעכער אויסוועג האָט זיך אים אויס־געוויזן דאָס אַוועקפֿאָרן אין אַ לאַנד, ווו ס׳עקזיסטירט אַ יִדישע אַרבעטער־באַוועגונג, ווו ס׳איז מעגלעך אַ סיסטעמאַטישע ליטעראַרישע אַרבעט. אַזאַ לאַנד איז געווען אַמעריקע. צום סוף פֿון 1920 איז דער פּלאַן וועגן אַוועק־פֿאָרן אויף יענער זייט אָקעאַן פֿולשטענדיק צייטיק געוואָרן. אָנהייב ווינטער, אין דער געמיטלעכער דירה פֿון ד״ר אַנאַ העלער, די אַקטיווע טוערין פֿון דער געזעלשאַפֿט „אונזערע קינדער“, האָט אַ גרופּע פֿריינד זיך געזעגנט מיט מעדעמען. מעדעם האָט געזאָגט ביי דער געלעגנהייט, אַז זיין בונד מיט דעם פּוילישן יִדנטום איז צו שטאַרק, אַז די צעשיידונג זאָל אים קענען צערייסן: אין דער ווייטער אַמעריקע וועט ער אָנשטרענגען אַלע זיינע כּוחות און אַרבעטן לטובֿת די יִדישע מאַסן אין פּוילן, און פֿריִער פֿאַר אַלץ לטובֿת די יִדישע קינדער, וואָס וואַקסן אין די פֿינצטערע געסלעך פֿון די פּוילישע שטעט. די דאָזיקע האָפֿענונג העלפֿט אים גובֿר זיין דעם ווייטאָג פֿון דער צעשיידונג.

די זעלבע גרופּע מענטשן האָט זיך אין עטלעכע טעג אַרום צונויפֿ־געקליבן אויפֿן פּעראָן פֿון וואַרשעווער וואָקזאַל. שווייגנדיק און טרויעריק איז געווען די געזעגענונג. און ווען דאָס מידע, בלייכע געזיכט איז דאָס לעצטע מאָל פֿאַרבייגעשווומען אין פֿענצטער פֿון וואַגאָן, האָט זיך ביי די פֿריינד צונויפֿגעקלעמט דאָס האַרץ פֿון אַ שווערן פֿאַרגעפֿיל.

די לעצטע יאָרן פֿון לעבן

נאָך דעם ווי מעדעם האָט זיך אויף אַ קורצער צייט פֿאַרהאַלטן אין בערלין און אין פּאַריז, האָט ער זיך אין האָווער געזעצט אויף דער שיף. די שיף איז געקומען קיין ניו־יאָרק אין מיטן יאַנואַר 1921 און איז באַגעגנט געוואָרן דורך אַ דעלעגאַציע מיט וולאַדעק בראָש. בעת מעדעם איז אין עטלעכע שעה אַרום געקומען אין דער רעדאַקציע פֿון „פֿאָרווערטס" האָט אין דעם גרויסן בנין געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק: מאַסן געזעלשאַפֿטלעכע און קולטור־טוער זענען זיך צונויפֿגעקומען באַגריסן דעם מענטשן, וועמענס נאָמען עס איז אַרומגערינגלט געווען מיטן אָרעאָל פֿון אַ לעגענדע. דער „פֿאָרווערטס" האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ הייסן באַגריסונגס־אַרטיקל, אין וועלכן ער רופֿט אָן מעדעמען „דער סאָציאַליסטישער „אוריאל אַקאָסטאַ". אין די ערשטע טעג פֿון זיין קומען האָט מעדעם באַזוכט אַ גאַנצע ריי גרויסע פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, און אומעטום האָט זיין אַנוועזנהייט אַרויסגערופֿן באַגייסטערונג: פֿאַר מענטשן, וואָס זענען אַריינגעטאָן אין דער האָבעדיקער פּראַקטישער אַרבעט איז ער געווען אַ שליח פֿון אַן אַנדער וועלט, פֿון אַ וועלט פֿון מסירת־נפֿשדיקן העראָישן קאַמף. אַלע צייטונגס־באַריכטן וועגן מעדעמס ערשטע אַרויסטרעטונגען האָבן אונטערגעשטראָכן די זעלטענע פֿיינקייט און איידלקייט פֿון זיין אויסערלעכער און אינערלעכער געשטאַלט.

איינע פֿון זיינע ערשטע צוזאַמענקונפֿטן מיט די אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿטלעכע טוער איז פֿאַרגעקומען דעם 20טן יאַנואַר אין לאָקאַל פֿון „פּיפּלס רעליף" און איז געווען געווידמעט די יידישע פֿאָלקס־שולן אין וואַרשע און ווילנע. מעדעם האָט זיך תמיד אויסגעצייכנט מיט זיין צוריקגעהאַלטנקייט, און האָט אויסגעמיטן גוזמאות און סענטימענטאַליטעט, אָבער אין זיין רעדע האָבן געקלונגען פּאַטעטישע טענער, בעת ער האָט דערציילט וועגן דער מסירת־נפֿשדיקער אַרבעט פֿון די ווילנער יידישע לערער: זיי פֿלעגן פֿאַלן אין חלשות פֿון נישט דערעסן און זיך דערנאָך באַהערשן און צוריק אומקערן צו זייער אַרבעט. אין אַמעריקע האָט מען וויניק געוווּסט וועגן די העראָישע אָנשטרענגונגען, וואָס עס איז אויסגעקומען צו מאַכן אין הונגעריקן פּוילן, כדי די קינדער זאָלן נישט פֿילן קיין מאַנגל נישט אין שפּייז און נישט אין לערנען. מעדעמס רעדע האָט געמאַכט זייער אַ שטאַרקן איינדרוק.

אין גיכן איז געשאַפֿן געוואָרן אַ קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל צו שטיצן די יידישע שולן אין פוילן. אין דעם דאָזיקן קאָמיטעט זענען אַריין — וולאַדעק, שלום אַש, צביון און אַ ריי אַרטיקע טוער. דעם 30טן יאַנואַר איז פֿאָרגעקומען דער פֿייערלעכער קבלת־פּנים אין איבערפֿולטן זאַל פֿון לעקסינגטאָנער אָפּערע־טעאַטער. מעדעמס רעדע האָט אַרויסגערופֿן אַ גוואַלדיקע באַגייסטערונג און איז אַ סך מאָל איבערגעריסן געוואָרן מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן און מיטן געזאַנג פֿון דער שבועה. מעדעם האָט אונטערגעשטראָכן, אַז ער איז אַ שליח פֿון אַ פּאַרטיי, וואָס האָט אין די שווערסטע צייטן נישט איינגעוויקלט איר פֿאָן און וואָס האָט פֿאַרשפּרייט איר השפּעה אויף אַלע געביטן פֿון יידישן פֿאָלקסלעבן. באַזונדערס רירנדיק זענען געווען די ווערטער, מיט וועלכע ער האָט זיך געווענדט צו די אָנוועזנדיקע חברים־בונדיסטן: „דער „בונד״ איז פֿאַר אייך נישט בלויז אַ באַוועגונג. דאָס איז אייער שיינע פֿאַרגאַנגענהייט, אייער יוגנט („פֿאָרווערטס״ דעם 31טן יאַנואַר 1921). ביי די דאָזיקע ווערטער האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן פֿון מענטשן, וואָס האָבן זיך דערמאָנט די שוין לאַנג־פֿאַרלאָזענע קרומע געסלעך פֿון ווייסרוסישע און פוילישע שטעטלעך, וואָס האָבן זיך דערמאָנט דאָס לעגענדאַרע יאָר 1905.

עס זענען אַוועק די טעג פֿון פֿייערלעכע אויפֿנאַמעס און מעדעם האָט זיך גענומען צו ליטעראַרישער אַרבעט. זיינע לעבנס־באַדינגונגען זענען איצט געווען בעסערע ווי אין פוילן, אָבער דער פֿיזישער צושטאַנד האָט זיך נישט פֿאַרבעסערט: די קראַנקייט איז צו טיף אַריינגעדרונגען אין אָרגאַניזם. לאַנגזאַם איז אויך געגאַנגען די צופּאַסונג צום נייעם לעבן: עס האָט אָפֿט געמאַטערט די בענקשאַפֿט נאָך דער ווייטער היים פֿון יענער זייט ים. די דאָזיקע בענקשאַפֿט האָט געוועקט דערינערונגען, האָט געצוווּנגען זיך אומצוקוקן אויף צוריק, אונטערצופֿירן סך־הכּלען. אַזוי איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק וועגן שרייבן זכרונות. דער דאָזיקער געדאַנק האָט פֿאַרכאַפּט מעדעמען מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפֿט: אין דער געמיטלעכער וואַרעמקייט פֿון דער אַמעריקאַנער וווינונג זענען אַזוי ווי לעבעדיקע אויפֿגעשטאַנען פֿאַר אים די געשטאַלטן פֿון די נאָענטע, לאַנג־פֿאַרלאָזענע מענטשן און ערטער — דער סאָד אין ווייסן עפּל־בליִעכץ, דער שטילער שמייכל פֿון דער קראַנקער מוטער, די ייִנגלשע שמועסן וועגן ביכער, די ערשטע פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונגען אין היִנטערשטאָטישן וועלדל...

אין זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען איז מעדעם תּמיד געווען זייער קלאָר, זייער גענוי, האָט אָפּערירט מיט פֿאַקטן און מיט לאָגישע אַרגומענטן. איצט, ווען עס איז אים שוין נישט אויסגעקומען צו שרייבן די פֿאַראַנטוואָרטלעכע לייט־אַרטיקלען, אָפּצורופֿן זיך מיט אַ פֿיבערהאַפֿטער איילקייט אויף יעדער גרעסערער פּאָליטישער געשעעניש, האָט זיך אַרויסגעריסן אויף דער אויבערפֿלאַך די טיף־באַהאַלטענע באַדערפֿעניש קינסטלעריש צו שיל־

דערן דאָס לעבן. ספּעציעל געלונגען אין קינסטלערישן זין זענען אַרויסגעקומען די קינדער־יאָרן מיט זייער וואַרעמער האַרציקער אַטמאָספֿער, אייניקע כאַראַקטעריסטיקעס פֿון מענטשן, דער קאָלירפֿולער שווייצערישער פּייזאַזש. ביי זייער גאַנצער לעבעדיקייט און בילדערישקייט זענען די זכרונות איבערהויפּט אין זייער צווייטן טייל, זייער איינגעהאַלטן און פֿאַרמאָגן נישט קיין אינטימע פּרטים: וועגן טיפֿע פּערזענלעכע איבערלעבונגען רעדט מעדעם מיט קוים פֿאַרשטענדלעכע רמזים. אָבער ער קאַרגט נישט קיין פּרטים ווען מען דאַרף שילדערן אַ תּקופֿה און אַ געזעלשאַפֿטלעכע אַטמאָספֿער. מעדעמס אויטאָביאָגראַפֿיע גיט אונדז מחמת דעם נישט בלויז אַ געשיכטע פֿון אַ מענטשן, נאָר אויך אַ געשיכטע פֿון דער עפּאָכע. מעדעם האָט דערפֿירט זיינע זכרונות ביז יולי 1915. וועגן דעם לעצטן פּעריאָד פֿאַר זיין קומען קיין אַמעריקע איז אים שווער געווען צו שרייבן: צו פֿריש און צו אויפֿרעגנדיק זענען געווען די איבערלעבונגען פֿון די לעצטע יאָרן.

מעדעם האָט אָנגעהויבן דרוקן זיינע דערינערונגען אין פֿעברואַר 1921. זיין פֿאַרטיפֿן זיך אין דער פֿאַרגאַנגענהייט האָט אים נישט געשטערט פֿון צייט צו צייט זיך אָפּצורופֿן אויף די געשעענישן פֿון דער קעגנוואַרט: זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען פֿלעגן זיך סיסטעמאַטיש באַווייזן אין „פֿאָרווערטס“. זייערע הויפּט־טעמעס — דער „בונד“, יידישע פֿאָלקסשולן, באָלשעוויזם און ראַטן־פֿאַרבאַנד, די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אויף ביידע קאָנטינענטן. נישט איין מאָל איז מעדעמען אויסגעקומען צו פּאָלעמיזירן אויף די שפּאַלטן פֿון „פֿאָרווערטס“ מיט איר רעדאַקטאָר אב. קאַהאַן וועגן יידיש און וועגן דער אָפּשאַצונג פֿון ציוניזם. אונטערשטרייכנדיק, אַז דער רענעסאַנס פֿון יידיש איז פֿאַרבונדן מיטן אויפֿשטייג פֿון די פֿאָלקסמאַסן, האָט מעדעם אין זיין פּאָלעמיק דורכגעפֿירט דעם געדאַנק, אַז די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן אין געביט פֿון דער שפּראַך, זאָגן עדות וועגן אַ נישט־בכּיוונדיקער גרינגשאַצנדיקער באַציִונג צום יידישן פֿאָלקס־מענטש. בכּלל, האָט מעדעם אין זיין פּובליציסטישער טעטיקייט אויפֿן אַמעריקאַנער באָדן איינגעהאַלטן זיין אומאָפּהענגיקייט און די פֿרייהייט פֿון קריטיק. אין איינעם פֿון זיינע אַרטיקלען, האָט ער כאַראַקטעריזירנדיק דעם „פֿאָרווערטס“ ווי אַ ספּעציפֿישע אַמעריקאַנער דערשיינונג און אָנערקענענדיק זיינע פֿאַרדינסטן, פֿאָרגעוואָרפֿן דער רעדאַקציע, אַז זי פּאַסט זיך צו צום לייענער, אַנשטאָט צו פֿירן אים נאָך זיך. ווייל אַ סאָציאַליסטישער אָרגאַן מוז תּמיד זיין כאָטש מיט איין טריט פֿאָרויס פֿאַר דער מאַסע. אויסמיידנדיק אין זיין פּאָלעמיק פּערזענלעכע מאָמענטן, האָט מעדעם געהאַלטן פֿאַר זיין חוב צו זאָגן דעם ביטערן אמת אַפֿילו דעמאָלט, ווען מען האָט געדאַרפֿט זינגען שבחים. הגם ער האָט הויך געשעצט ליעסינס פֿאַרדינסטן, האָט ער אין צוזאַמענהאַנג מיטן דרייסיקיאָריקן יובילייִ פֿון דער „צוקונפֿט“ אָנגע־

וויזן ווי אויף אַ פֿעלער פֿון זשורנאַל אויף זיין אידעיִשער צעשוווּמענקייט און אומבאַשטימטקייט.

דער ערשטער אַרטיקל, וואָס מעדעם האָט אָנגעשריבן אין אַמעריקע איז געווידמעט דער כאַראַקטעריסטיק פֿון „בונד״: ער איז געווען אַן ענט־פֿער אויף דער גרויסער צאָל פֿראַגן מינדלעכע און שריפֿטלעכע, וואָס מען האָט געשטעלט מעדעמען אויף מיטינגען און דיסקוסיע־פֿאַרזאַמלונגען. אומקערנדיק זיך צו זיינע באַליבטע פֿאָרמולירונגען, האָט מעדעם געשריבן: „דער „בונד״ איז מער ווי אַ פּאָליטישע פּאַרטיי. ער איז דער אויסדרוק, די פֿאַרקערפּערונג און די טרייב־קראַפֿט פֿון דער גאַנצער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אויף אַלע געביטן פֿון לעבן, אין אַלע צווייגן פֿון בויען און פֿון קאַמף״. אָנווייזנדיק דערויף, אַז דער „בונד״ איז אין פּוילן אַן ערנסטער פּאָליטישער פֿאַקטאָר, מיט וועלכן עס מוזן זיך רעכענען די קעגנער, הערט מעדעם נישט אויף אונטערצושטרייכן, אַז דער כוח פֿון „בונד״ איז אין זיין איינהייט און גאַנצקייט. דאָס איז כמעט ווי די איינציקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט זיך אין משך פֿון דער מלחמה נישט געשפּאָלטן, האָט זיך נישט אונטערגעגעבן דעם נסיון פֿון „בורגפֿרידן״, האָט אָפּגעהיט די איינ־הייטלעכקייט און די ריינקייט פֿון דער ליניע. די סיבה פֿון דער דאָזיקער אויסגעהאַלטנקייט באַשטייט אין דעם, וואָס דער „בונד״ איז אַן אמתע מאַסן־פּאַרטיי מיט פֿאַרשידנאַרטיקע פֿונקציעס. אין זיינע רייען עקסיסטירן חילוקי דעות, אָבער דאָס שטערט נישט דער גאַנצקייט. עקשנותדיק חזרט איבער מעדעם דערביי זיין באַליבטן געדאַנק, אַז „עס איז בעסער צו זינדיקן צו־זאַמען, איידער צו ראַטעווען די אייגענע נשמה אויפֿן חשבון פֿון אַ צע־ברעקלונג.״

צו דער טעמע פֿון „בונד״ קערט זיך מעדעם אום אין אַן אַנדער אַרטיקל נישט לאַנג פֿאַר זיין טויט. דער אַרטיקל, וואָס איז געווידמעט דעם פֿינפֿאונצוואַנציקיאָריקן יובל פֿון „בונד״ איז אָנגעשריבן מיט גרויס שוווּנג. די אויפֿגאַבע פֿון אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, זאָגט ער, איז נישט אַזוי דאָס צעשטערן, ווי דאָס בויען. דער „בונד״ איז אַ שאַפֿנדיקע פּאַרטיי: זי קעמפֿט צו באַשאַפֿן אַ נייעם מענטשן, פֿאַרוואַנדלענדיק דעם דערשלאָ־גענעם, פֿאַריאָגטן יידישן פּאַריער אין אַ קעמפֿער און אַ טרעגער פֿון דער מאַסן־קולטור. וועגן דעם דאָזיקן אַספּעקט פֿון דער אַרבעט פֿון „בונד״ איז שווער צו רעדן אין ריין פּאָליטישע טערמינען. באַלייכטן אין גאַנצן פֿאַרנעם די איבערקערעניש, וואָס דער „בונד״ האָט געמאַכט אין יידישן לעבן, וואָלט געקאָנט בלויז אַן אמתער קינסטלער.

מיט אַ גרויסער פּאָליטישער לײדנשאַפֿטלעכקייט צייכענען זיך אויס די אַרטיקלען, אין וועלכע עס ווערן באַהאַנדלט די פּראָבלעמען פֿון באָל־שעוויזם, ראַטן־פֿאַרבאַנד און פּאָליטיק פֿון „קאָמינטערן״. מעדעמען האָט געוויינלעך אויפֿגערעגט דער באַלעבאַטיש גלייכגילטיקער און גוטמוטיקער

טאָן פֿון דער אַמעריקאַנער פּרעסע און געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג אין שייכות מיט דעם אַלעם, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין רוסלאַנד. ער האָט זיך פּרובירט דאָס דערקלערן מיט דער ווייטקייט פֿון רוסלאַנד און מיט דעם נישט קענען די רוסישע ווירקלעכקייט. ער האָט געהאַלטן, אַז די באָלשעוויסטישע מאַכט האַלט זיך אין לאַנד נישט בלויז אַ דאַנק אירע טעראָריסטישע מעטאָדן, נאָר דערפֿאַר, ווייל זי האָט גענומען אין אַכט די אינטערעסן פֿון פֿאָלק און האָט פֿאַרווירקלעכט אַ גאַנצע רייע בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעפֿאָרמען מיט אַזאַ אַנטשיידנקייט און אויסגעהאַלטנקייט, אויף וועלכע עס וואָלט נישט פֿעיִק געווען קיין שום אַנדער מאַכט („פֿאָרווערטס“, דעם 16טן פֿעב., 1921). אָבער אויפֿבויען דעם סאָציאַליזם איז זי נישט ביכולת: דער „נעפּ“ איז לויט מעדעמס קאָנצעפּציע אַ דירעקטער אומקערן זיך צום קאַפּיטאַליזם. בכלל האָט מעדעם יעדן זיגזאַג פֿון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג אין דער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק, באַטראַכט אַלס עפּעס ענד־גילטיקעס. באַזונדערס שאַרף האָט ער קריטיקירט די פּאָליטיק פֿון „קאָמינ־טערן“ פֿאַר זינאָוויעווס צייטן, וואָס איז דערפֿירט געוואָרן צו דער קורצער פֿאָרמול — באַהערשן די מאַסן, אָרגאַניזירן דעם אַוואַנגאַרד. דאָס אָפּ־טיילן דעם אַוואַנגאַרד פֿון דער מאַסע, דאָס שאַפֿן די מחיצה צווישן זיי, האָט מעדעם פֿאַראורטיילט שוין אין די ערשטע יאָרן פֿון זיין געזעלשאַפֿט־לעכער טעטיקייט. און באַטראַכטנדיק פֿון דעם קוקווינקל די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, קריטיקירט ער שאַרף אַלע אירע טריט.

די קריטישע באַציִונג צום קאָמוניזם האָט אָבער מעדעמען נישט געשטערט צו זען די פֿעלערן און שוואַכקייטן פֿון רעפֿאָרמיסטישן פֿליגל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. צוקוקנדיק זיך צום אָרטיקן לעבן, האָט מעדעם נישט איין מאָל אויסגעדריקט די מורא, אַז די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַ־וועגונג קאָן זיך לייכט אַראָפּגליטשן אין זומפּ פֿון אָפּאָרטוניזם און פֿאַרלירן דאָס אייגענע פּנים. ער האָט דערביי אָנגעוויזן, אַז די גרינגשאַצנדיקע באַציִונג צו דער מאַסע איז אויך כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די רעכטע סאָציאַ־ליסטן, וועלכע זענען אומעטום געניגט צו שאַפֿן אַ קאַסטע פֿון פּאַרטיי־ביוראָקראַטן.

מעדעמס האַרציקסטע שורות פֿאַר זיין טויט זענען געווידמעט זיין באַליבט ווערק — די יידישע פֿאָלקס־שולן אין פּוילן. איינער פֿון די פּלאַ־מיקסטע אַרטיקלען וועגן דער פֿראַגע, איז אָנגעשריבן געוואָרן אין יולי, 1922 אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ידיעה, אַז די פּוילישע רעגירונג האָט פֿאַרמאַכט די געזעלשאַפֿט „אונזערע קינדער“ און די שולן, וואָס די דאָזיקע געזעלשאַפֿט האָט געשאַפֿן. „אין דעם טאָג — שרייבט ער — ווען עס איז געלייגט געוואָרן דער פֿונדאַמענט פֿון דער נייער יידישער קינדער־שול, האָט זיך געעפֿנט אַ ניי בלאַט אין דער יידישער געשיכטע. . . . די יידישע קינדער־שולן האָבן געראַטעוועט קינדער פֿון גייסטיקן און פֿון

פיזישן אונטערגאַנג". מיט טיפער עמפערונג פּראָטעסטירט ער קעגן דער פּוילישער רעאַקציאָנערער רעגירונג, וואָס האָט מיט איין שטריך פון דער פעדער צוגענומען ביי טויזנטער קינדער זייער וואַרעמע, ליכטיקע היים.

אין יובילעי־נומער פון „פאָרווערטס" (אַפּריל 1922) האָט מעדעם פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „ווי אַזוי קומט אַ מענטש צו ווערן אַ רעוואָלוציאָנער". דער דאָזיקער אַרטיקל אַנטהאַלט אין זיך אַ כאַראַקטעריסטיק פון פיר טיפּן רעוואָלוציאָנערן: די מענטשן פון ערשטן טיפּ קומען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צוליב הומאַניטאַרע מאָטיוון און מיטגעפיל צו די ליידנדיקע, די מענטשן פון צווייטן טיפּ — אין נאָמען פון אַן אַבסטראַקטער אידעע, דער דריטער טיפּ צוליב דער פּראַקטישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, די מענטשן פון דער פערטער קאַטעגאָריע, וועלכע מעדעם האָט באַנוצנדיק גאָרקיס אויסדרוק, אָנגערופן „די קינדער פון דער זון", קומען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צוליבן איבערפלוס פון גייסטיקע כוחות. מעדעם שרייבט וועגן זיי: „אין דער באַוועגונג וואַרפן זיי זיך נישט צוליב דעם, וואָס זיי האָבן ליב די מענטשן, אָדער די זאַך גופא. און אפשר . . . האָבן זיי דאָס אַלץ אויך אין זייער האַרצן, אָבער נישט דאָס אַליין. די הויפּט־טרייבקראַפט זייערע איז אינערלעכער איבערפלוס, די אינערלעכע רייכקייט פון דער נאַטור. דאָס זענען יענע גלענצנדיקע פילפאַרביקע נאַטורן . . . וואָס זענען ווי אַ גרויסער שטראָם מיט אַ שטורמישן אימפּעט, וואָס גייט אַרויס פון די ברעגן, וואָס מוז אויסגיסן זיין איבערגרויסע פולקייט אין טאָטן, אין אַרבעט, אין קאַמף, אין מסירת נפש. דאָס זענען יענע מענטשן, וואָס נעמען אַ סך פון דעם לעבן און וואָס גיבן אַ סך דעם לעבן, וואָס שאַפן מיט דער פולער האַנט. מענטשן, וואָס האָבן אַ לעבן פול מיט שטאַרקע און טיפע איבערלעבונגען, אַ געזעלשאַפטלעך לעבן און אַ פּערזענלעך לעבן, קאַמף און שאַפונג, שיינקייט, קרבנות און פרויען־ליבע. דאָס זענען מענטשן, וואָס לעבן גיך און שטאַרבן יונג" (דער יובילעי־נומער פון „פאָרווערטס", דעם 24טן אַפּריל, 1922).

כאַראַקטעריזירנדיק דעם טיפּ רעוואָלוציאָנערן, צו וועלכע ער האָט אַליין געהערט, האָט מעדעם אפשר נאָך דעמאָלט נישט חושד געווען, אַז אין אַ האַלב יאָר אַרום וועלן די דאָזיקע ווערטער ווערן אַ טייל פון זיין טרויער־נעקראָלאָג. ער האָט אָבער געפילט, אַז זיין קראַנקייט איז זייער אַן ערנסטע. דאָס האָבן נישט פאַרשטאַנען אַ סך פון די אַרומיקע: מעדעם איז געוווינט געווען זיך צו באַהערשן און ער האָט מוטיק אַריבערגעטראָגן די יסורים. די לעצטע חדשים פון זיין לעבן, האָט ער פאַרבראַכט ערגעץ הינטער ניו־יאָרק, ווייט פון שטאָטישן טומל. דעם אייביקן וואַנדערער האָט זיך מיט אַ מאָל פאַרוואָלט צו האָבן אַן אייגן ווינקל מיט אַ געמיטלעכן לאָמפּ, מיט אַ ביכער־פּאָליצע, מיט אַ באַליבט בילד אויף דער וואַנט. עס איז אים געפעלן געוואָרן אַ קליין הייזל אין אַ זומער־אָרט, עס איז אים

געפעלן געוואָרן דער ריזיק־רוסישער שטילער פּייזאַזש — דער יונגער נאָדלוואַלד, די שמאָלע שטעגן באַוואָקסענע מיט מאָך. איבער די דאָזיקע וואַלד־שטעגן האָט לאַנגזאַם געוואַנדערט דער קראַנקער מעדעם אין דער באַגלייטונג פון זיין טרייען הונט. אין זומער 1922, האָט ער אַ סך געלייענט אין זיין איינזאַמקייט, האָט שטודירט די ענגלישע שפּראַך, געמאַכט פּלענער וועגן אַרבעט אויף ווינטער און האָט זיך באַמיט נישט צו באַמערקן זיין פיזישע שוואַכקייט. אָבער די סמנים פון פאַרשאַרפונג פון דער כראָנישער קרענק האָבן זיך געמערט: טייל מאָל אין דער צייט פון דער אַרבעט, אָדער אויפן וועג אין דער רעדאַקציע פלעגט אים ווערן נישט גוט און ער פלעגט כמעט פאַרלירן דעם באַוווסטזיין. די דאָקטוירים האָבן פאַרזאָרגטע געשאָקלט מיט די קעפּ און דעם פּאַציענט איז אויסגעקומען זיי צו טרייסטן. אָבער אַליין האָט ער וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער געגלייבט אין דער מעגלעכקייט זיך אויסצוהיילן. עס איז פאַרבליבן איין זאַך: מוטיק וואַרטן אויפן סוף.

דער קריזיס איז געקומען אין נאָוועמבער, אין אַ גרויען, נעפּלדיקן פרימאָרגן, ווען עס איז אים פּלוצלינג געוואָרן שווער צו אָטעמען. מעדעם האָט מיט גרויס מי אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „ס'איז שווער" און האָט זיך קוים דערקליבן צום בעט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס טיפּישע פאַר דער אורעמיע־קראַנקייט — דאָס לעבן צווישן חלום און וואָר. קומענדיק צום באַוווסטזיין איז דער חולה געווען אַפּאַטיש און שווייגנדיק און אין היץ האָט ער פון דאָס ניי איבערגעלעבט די פאַרגאַנגענהייט — צוזאַמענפאָרן, תפיסות, באַגעגענישן מיט מענטשן. אָפט האָט ער אַ צערודערטער גערעדט: יעדעס קינד, וואָס וואַקסט אין ברוד און ענגשאַפט אויף דער סמאַטשע און קראַכמאַלנע גאַס דאַרף האָבן אַ ריינע, זוניקע היים...

אייניקע נאָענטע מענטשן פלעגן אים קומען באַזוכן. דער אָפּטסטער גאַסט איז געווען וולאַדעק, מיט וועלכן מעדעם האָט זיך דערנענטערט פאַרן טויט. די דאָקטוירים פלעגן זיך האַלטן אין איין באַראַטן און אומעטיק שאָקלען מיט די קעפּ: עס איז געווען קלאָר, אַז דעם חולהס טעג זיינען געציילטע. ביי דער קראַנקן־שוועסטער פלעגן זיך נישט איין מאָל טרייסלען די הענט ווען זי פלעגט מיט אַ געפיל פון האָפענונגלאָזיקייט אַריינשטעכן די נאָדל אין דעם אויסגעמאַטערטן, בלוטלאָזן קערפּער. עטלעכע שעה פאַרן טויט האָט מעדעם זי אָפּגעשטעלט מיט אַ שוואַכן זשעסט: „מען דאַרף נישט. מער דאַרף מען נישט". ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער שטאַרבט.

ער איז געשטאָרבן דעם 9טן יאַנואַר, 1923. זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען: „איך גיי אַהיים".

די לוויה איז פאָרגעקומען דעם 11טן יאַנואַר. עס האָט געבושעוועט אַ ווילדער שניי־שטורעם און אונטערן ווינט און שניי האָבן זיך אומענדלעכע מענטשן־מאַסן געצויגן פון בראָדוויי צום ווייטן בית־עולם, באַגלייטנדיק

דעם מענטשן, װאָס איז פֿאַר דער ייִדישער אַרבעטער־באַװעגונג געװאָרן די לעבעדיקע לעגענדע.

די ידיעה װעגן מעדעמס טויט איז געװען אַ שרעקלעכער קלאַפּ פֿאַר די ייִדישע מאַסן אין פּוילן. דער גרויסער קאַמינסקי־טעאַטער אין װאַרשע האָט נישט געקאָנט אַרײַננעמען די מאַסן, װאָס האָבן געשטראָמט פֿון אַלע עקן שטאָט אויפֿן טרויער־מיטינג. ערליך האָט אָנגעהויבן זײַן רעדע: „מעדעם איז געשטאָרבן מיטן געדאַנק װעגן די ייִדישע אַרבעטער, זאָלן זשע די ייִדישע אַרבעטער לעבן מיטן געדאַנק װעגן מעדעמען". אַ פֿאַרשטיקט געװײן פֿון אַלע װינקלען זאַל איז געקומען אַלס תּשובֿה: עס האָבן געװײנט אַלטע חבֿרים, װאָס האָבן גוט געדענקט מעדעמס רעדע נאָך זײַן באַפֿרײַונג פֿון טורמע, װאָס ער האָט געהאַלטן אויף דער זעלבער טריבונע. אין די פֿאַרװאָרפֿנסטע װינקלען פֿון פּוילן האָבן זיך געזאַמלט אויף טרויער־מיטינגען מענטשן דערדריקטע פֿון צער און װייטאָג: דאָס שװערע לעבן איז געװאָרן נאָך שװערער, נאָך גרויער פֿון דעם באַװוסטזײַן, אַז מעדעם איז מער נישטאָ.

באַזונדערס פֿאַריתומט האָבן זיך געפֿילט די חבֿרים, װאָס האָבן מיט אים יאָרן לאַנג געאַרבעט צוזאַמען אין דער רעדאַקציע. װי שאָטנס האָבן זיי זיך געשלײַכט איבערן קאָרידאָר פֿון דער רעדאַקציע און אין אַ װינקל האָט שטיל געכליפּעט אַן אויסגעמאָגערט ייִנגל. דעם דאָזיקן ייִנגל װאָס איז נישט לאַנג פֿאַר מעדעמס אַװעקפֿאָרן געקומען צופֿוס פֿון אַ פֿאַרװאָרפֿן שטעטל, האָט מען אין רעדאַקציע אַ נאָמען געגעבן די „צװאה": מעדעם האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיטן אומגעלומפּערטן, צעשראָקענעם בחור און אַװעקפֿאָרנדיק האָט ער געבעטן די חבֿרים, אַז מען זאָל זאָרגן פֿאַר אים.

עס זענען אַװעק יאָרן. אויפֿן ניו־יאָרקער בית־עולם פֿון אַרבעטער־רינג איז אויסגעװאָקסן אַ שטיין מיט אַן אויפֿשריפֿט: „װלאַדימיר מעדעם, די לעגענדע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַװעגונג". און אין דער געגנט פֿון װאַרשע איז אין אַ גרינעם סאָסנעװאַלד אויסגעװאָקסן אַן אַנדער דענקמאָל — די סאַנאַטאָריע אויף מעדעמס נאָמען, װאָס איז באַשטימט געװאָרן פֿאַר יענע קינדער פֿון די אומעטיקע ייִדישע געסלעך, װעגן װעלכע מעדעם האָט אויף זײַן טויטנבעט גערעדט מיט אַזוי פֿיל בענקשאַפֿט. דער דריטער דענקמאָל איז דאָס בוך „פֿון מײַן לעבן", דאָס זעלטענע אין דער מעמואַרן־ליטעראַטור, װײַל געשאַפֿן דורך אַ רעװאָלוציאָנער אַ קינסטלער, אַ רעװאָלוציאָנער אַ דיכטער, דורך איינעם פֿון יענע אויסדערװײלטע, װאָס „לעבן גיך און שטאַרבן יונג".

דזשאָן מיל

וולאַדימיר מעדעם
אין אויסלענדישן קאָמיטעט פֿון „בונד"

דער אויסלענדישער קאָמיטעט פֿון „בונד" איז געגרינדעט געוואָרן אין דעצעמבער 1898, אַ פֿיר חדשים נאָכן ערשטן גרויסן דורכפֿאַל פֿון „בונד", ווען כמעט אַלע מיטגלידער ניט נאָר פֿון צענטראַלן, נאָר אויך פֿון די אָרטיקע קאָמיטעטן זענען אַרעסטירט געוואָרן, און דאָס גאַנצע פּאַרטיי־לעבן האָט זיך כמעט אָפּגעשטעלט.

ווי באַוווסט, האָט די דעזאָרגאַניזירונג, די צערודערונג ניט געדויערט לאַנג: באַלד זענען נייע קאָמיטעטן אויפֿגעשטאַנען, נייע דרוקערייען אוועק־געשטעלט, נייע מעגלעכקייטן פֿאַר אַ נאָרמאַלער פּאַרטיי־טעטיקייט באַשאַפֿן געוואָרן. אָבער עס איז געווען קלאָר, אַז צו באַפֿרידיקן אַלע באַדערפֿעניש פֿון דער באַוועגונג איז ניט געווען נאָך די כוחות נאָך פֿון די אויף דער פֿרייהייט פֿאַרבליבענע טוערס.

די באַוועגונג האָט זיך גענייטיקט אין ליטעראַרישער הילף, אין סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, אין אַגיטאַציע־ליטעראַטור (אויף יידיש, רוסיש, פּויליש), אין ליטעראַטור־טראַנספּאָרטן פֿון אויסלאַנד, אין נייע טוערס, אין געלט — קורץ: אין אַלע הילפֿסמיטלען, אָן וועלכע די יידישע סאָציאַליסטישע מאַסן־באַוועגונג אין יענער צייט האָט ניט געקאָנט אויסקומען.

אַז „אויסלאַנד" קען, און, ביי די דעמאָלטיקע באַדינגונגען, מוז זיין אַ קוואַל פֿון אַזאַ הילף אויפֿן ברייטסטן מאַסשטאַב, איז געווען אַן אָנגענומענע, אָנערקענטע זאַך. שוין פֿאַר די אַרעסטן, אין אַפּריל אָדער מאַי 1898, אין מינסק, איז די פֿראַגע דיסקוטירט געוואָרן מיט אַרקאַדי קרעמערן און וולאַדימיר קאָסאָווסקין, וועלכער האָט אין פּרינציפּ אָנערקענט, אַז אַ פֿאַר־שטייערשאַפֿט אין אויסלאַנד איז ניט נאָר ווינטשנסווערט, נאָר אַבסאָלוט נייטיק. איר אויפֿגאַבע זאָל זיין אָנוועקצושטעלן אַן אייגענע דרוקעריי אין זשענעווע, העלפֿן אָרגאַניזירן דעם טראַנספּאָרט, פֿאַרטרעטן דעם „בונד" אין זיינע באַציִונגען מיט די גייסטיקע פֿירערס פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — מיט דער „גרופּע פֿאַר באַפֿרייונג פֿון אַרבעט" (פּלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד, זאַסוליטש א"אַנד) און אויך מיט אַנדערע רוסישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. אַרקאַדי, אַלע מאָל פֿאַרזיכטיק און אויסגערעכנט, האָט אָבער אויסגעדריקט ספֿקות אין דער מעגלעכקייט אַזוי גיך צו רעאַליזירן דעם פּלאַן.

דער אָקערשט געגרינדעטער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט זיך גע־נייטיקט אין אַ „מאַסן־באַזע", כדי דורכצופירן זיין אויפגאַבע מיט דערפאָלג, און אויפן אויסלענדישן באָדן האָבן אַזאַ מאַסן־באַזע געקאָנט זיין נאָר די צאָלרייכע רוסיש־ און פויליש־יידישע סטודענטישע קאָלאָניעס אין אייראָפע. צוליב דער גרויזאַמער רעאַקציאָנערער און אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג, וועלכע האָט פאַרמאַכט די טירן פון די אוניווערסיטעטן און אַנדערע הויכשולן פאַר דער יידישער יוגנט, וואָס האָט געזוכט בילדונג, האָבן כמעט אַלע אוניווערסיטעט־שטעט אין אויסלאַנד געשווימלט און געגריבלט מיט יידישע סטודענטן פון רוסלאַנד און פוילן. סאָציאַל־פּאָליטיש און פּאַרטייִיש איז דאָס געווען אַ מישמאַש פון פאַרשידענע עלעמענטן, קאָנסערוואַטיווע און ראַדיקאַלע, נאַציאָנאַליסטן און אַסימילאַטאָרן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און אַנאַרכיסטן. די אויפגאַבע פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" איז געווען צו געווינען וואָס מער פון אָט דער פאַרשידנאַרטיקער מאַסע אויף זיין זייט און צוציען זיי צו דער אַרבעט פאַר זיינע צילן.

עס האָט זיך אים דאָס איינגעגעבן פאַרהעלטנישמעסיק זייער גרינג. אין אַ קורצער צייט האָט זיך פאַרשפרייט איבער גאַנץ אייראָפע אַ נעץ פון בונדישע סטודענטישע אָרגאַניזאַציעס: פריִער אין שווייצאַריע און דייטשלאַנד, שפּעטער אין בעלגיע, פראַנקרייך א"אַ.

פאַרשידן זענען געווען די מאָטיוון, צוליב וועלכע די יידישע סטודענטישע יוגנט איז צוגעשטאַנען צום „בונד". אַ טייל — ווייל די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן דורך זייער לאַנגיאָריקער טעטיקייט באַוויזן זייער סאָציאַליסטישע אויסגעהאַלטנקייט; אַ טייל — צוליב אַ מין יידישן „נאַציאָנאַליזם", — יידישע אַרבעטער, יידישע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, יידישע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, קאַמף פאַר בירגערלעכער גלייך־באַרעכטיקונג — דאָס אַלץ האָט געקלונגען צוציִענדיק. אָבער דערהויפּט צוליב דעם, וואָס צווישן אַלע דעמאָלט עקסיסטירנדיקע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד איז דער „בונד" געווען די שטאַרקסטע, די צום בעסטן אָרגאַניזירטע, צום בעסטן דיסציפּלינירטע, די טעטיקסטע, און האָט געקאָנט אויפווייזן גרויסע דערפאָלגן פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָס האָט אימפּאָנירט, דאָס האָט אַרויסגערופן צוטרוי, דאָס האָט געגעבן האָפענונגען. דער פאַקט, וואָס אַזוי גיך נאָך די גרויסע אַרעסטן איז דער „בונד" ווידער געשטאַנען פעסט אויף זיינע פיס, האָט אַרויסגערופן סימפּאַטיע און באַוווּנדערונג; לויב־געזאַנגען אויף זיין אַדרעס האָט מען געקאָנט הערן פון אַלע זייטן.

גרויס איז געווען די הילף וואָס דער „בונד" האָט אָנגעהויבן צו קריגן פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס. אַ חוץ פינאַנציעלער הילף האָבן זיי געגעבן גאַנצע קאַדערס פון איבערזעצערס, שרייבערס, „שמוגלערס" פון

ליטעראַטור קיין רוסלאַנד (ספּעציעל אין צווייּ־דעקיקע וואַליזעס אין צייט פֿון וואַקאַציע), פּראָפּאַגאַנדיסטן און אַגיטאַטאָרן, פֿון וועלכע אַ סך האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס אָדער מיט לאַנגע יאָרן תּפֿיסה און פֿאַרשיקונג. די טעטיקסטע פֿון די גרופּעס זענען געווען אין בערלין, ציריך, קאַרלסרוע, בערן א״אַ.

מעדעם איז געקומען צום אויסלענדישן קאָמיטעט פֿון „בונד" פֿון בערן (אין אָקטאָבער 1901). וואָלט דאָס אָרט דערלויבט, וואָלט געווען כּדאַי זיך לענגער אָפּצושטעלן אויף דער גרויסער, וויכטיקער ראָלע, וואָס אָט די אַלע גרופּעס האָבן געשפּילט אין „בונד". דאָ אָבער וועלן מיר בלויז זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דער בערנער גרופּע, ווי אַ ביישפּיל. פֿון אירע רייען האָבן זיך אַרויסגערוקט באַוווּסטע רעוואָלוציאָנערן, ווי למשל, די צוויי שוועסטער ליפּשיץ, פֿון וועלכע די עלטערע, אַנע, איז באַרימט געוואָרן אַלס אַגיטאַטאָרין בעתן אויפֿשטאַנד אויף דער שיף "פּאָטיאָמקין". די יינגע־רע, עזאַ — אַ מאַרטירערין אין לאָדזשער און פּיעטריקאָווער תּפֿיסות; מיט־גלידער פֿון דער גרופּע האָבן מיטגעאַרבעט אין „אידישן אַרבעטער"; דער „קאָמוניסטישער מאַניפֿעסט" פֿון קאַרל מאַרקס און פֿרידריך ענגעלס איז איי־בערגעזעצט געוואָרן פֿון דער גרופּע; טיילווייז אויך דער „ערפֿורטער פּראָ־גראַם" פֿון קאַרל קאַוטסקי. ווען מעדעם איז געקומען פֿון מינסק און איז צוגע־לאָזן געוואָרן צו דער גרופּע, האָט זי שוין געהאַט 4 יאָר אַקטיווע אַרבעט הינטער זיך. אין איר קאַמף קעגן אַנטי־מאַרקסיסטישע עלעמענטן אין דער קאָלאָניע, ספּעציעל קעגן ציוניסטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, אַנאַרכיסטן, האָט מעדעם אַ דאַנק זיין אָראַטאָרישן טאַלענט זייער גיך זיך אַרויסגערוקט אין די פֿאָדערשטע רייען און געוואָרן דער וואָרטזאָגער פֿון זיינע חברים אין דער בערנער קאָלאָניע, און ניט נאָר פֿון דער בערנער קאָלאָניע אַליין.

זיינע אַרויסטרעטונגען האָבן געהאַט אַן אַלץ גרעסערן דערפֿאָלג און האָבן באַלד צוגעצויגן אַלעמענס אויפֿמערקזאַמקייט. די לאָגיק פֿון זיינע אַרגומענטן, דער אופֿן ווי ער פֿלעגט פֿאַרטיידיקן די בונדישע פּאָסטולאַטן זענען געווען אָריגינעל, טיף דורכגעטראַכט. די פֿאָרעם און שיינקייט פֿון זיינע רעדעס פֿלעגן אַרויסרופֿן אַן אמתן עסטעטישן פֿאַרגעניגן. מיט יעדער אַרויסטרעטונג זיינער איז זיין נאָמען געוואָרן מער און מער באַליבט. דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט דורכגעפֿירט מיט מעדעמען אַלס רעדנער אַ גאַנצע ריי קאַמפּאַניעס אין פֿאַרשיידענע שטעט אין אייראָפּע. ער איז געווען איינער פֿון די הויפּט־רעדנערס אויף דעם 5יאָריקן יובילעאום פֿון „בונד" (1902) אין אַ סך שטעט; אויף די פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונגען קעגן דעם קע־שענעווער פּאָגראָם (1903); אויף די אויפֿקלערונגס־מיטינגען וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פֿון „בונד" און זיינע אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּן.

אין יוני 1903 ווערט מעדעם באַשטימט אַלס אַ פֿולבאַרעכטיקטער מיטגליד פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט. „זעלבסטפֿאַרשטענדלעך — שרייבט

מעדעם אין זיין בוך „פֿון מיין לעבן" — בין איך געווען צופֿרידן מיט מיין נייעם אַמט... ניט צוליב עפּעס אַן אַמביציע... דאָס האָט מיר געגעבן אַ געוויסע מאָראַלישע באַפֿרידיקונג: איך בין געוואָרן אַ פֿולבאַרעכטיקטער בירגער אין דער בונדישער מלוכה".

זיין נייער „אַמט" האָט אָבער נישט געענדערט דעם פֿאָרנעם און כאַראַקטער פֿון זיינע טעטיקייטן.

אין וואָס איז באַשטאַנען די אַרבעט פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט? וואָס זענען געווען זיינע פֿונקציעס?

דאָס איז געווען אַ קאָמפּליצירטע, פֿאַרצווייגטע, פֿאַרשיידנאַרטיקע און אָפֿט שווערע אַרבעט, פֿול מיט פֿרייד, אָבער נאָך מער פֿול מיט זאָרג און גרויסער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. אין אַ געוויסער מאָס איז זי געווען ברייטער, פֿאַרצווייגטער און קאָמפּליצירטער ווי די אַרבעט פֿון צענטראַלן קאָמיטעט. די פֿאַרבינדונגען מיטן צענטראַלן קאָמיטעט און אויך מיט די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, האָבן געפֿאָדערט פֿיל צייט און מי. צוליב קאָנספּיראַטיווע סיבות האָט דער צענטראַלער קאָמיטעט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט שטיין אין דירעקטע פֿאַרבינדונגען מיט אַלע לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס, — שוין צוליב דעם אַליין, וואָס ער האָט נישט געהאַט אַזוי פֿיל פּאַסיקע אַדרעסן. דערקעגן דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט אַזעלכע שוועריקייטן נישט געהאַט. פֿיקטיווע און אמתע אַדרעסן האָט ער געקאָנט פֿונאַנדער־שיקן אין די הונדערטער. דעריבער פֿלעגט דער צענטראַלער קאָמיטעט זיך זייער אָפֿט דערוויסן וועגן געשעענישן אין די פּראָווינציעלע שטעט דורך דעם אויסלענדישן קאָמיטעט. און זינט 1901, ווען די „לעצטע נאַכריכטן" האָבן זיך אָנגעהויבן צו דרוקן, זענען די פֿאַרבינדונגען מיט די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד נאָך מער פֿאַרברייטערט געוואָרן. זיי אַלע פֿלעגן צושיקן קאָרעספּאָנדענציעס און געפֿאָדערט וואָס מער עקזעמפּלאָרן פֿון די „נאַכריכטן". דער אויסלענדישער קאָמיטעט פֿלעגט אין אַלגעמיין פּינקטלעך דורכפֿירן אַלע בקשות—און דאָס איז געווען אַן אומגעהייערע אַרבעט. פֿאַר יעדן אינדיווידועלן אַדרעסאַט האָט מען געדאַרפֿט האָבן פּאַסיקע קאָנווערטן פֿון אינ־דוסטריעלע פֿירמעס, אָדער האַנדלסהייזער, אָדער וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטור־ציעס, — אָדער אונגעבונדענע קאַטאַלאָגן מיט צווייי טאָוולען, צווישן וועלכע מען פֿלעגט איינפּאַקן אַ היפּש ביסל ליטעראַטור. פֿון די אַדרעסן, וועלכע מען האָט באַ־נוצט צוזושטעלן ליטעראַטור, וואָלט מען געקאָנט צוזאַמענשטעלן אַן אַדרעס־בוך פֿון אַ סך שטעט און שטעטלעך אין רוסלאַנד — אין אַזאַ גרויסער צאָל זענען זיי געווען אין פֿיל ערטער. און ווער איז דאָרטן נישט געווען? עס זענען אויסגענוצט געוואָרן די אַדרעסן פֿון רעקטאָרן פֿון אוניווערסיטעטן, דירעק־טאָרן פֿון מיטלשולן, פּראָפֿעסאָרן, דאָקטוירים, אינזשינערן, אַדוואָקאַטן, ליי־טעראַטן, פּראָמינענטע געזעלשאַפֿטלעכע טוערס, פֿון גענעראַלן, „דיעסטווי־טעלניע סטאַטסקיע סאָוויעטניקי", פּרינץ וואָסילטשיקאָוו אין אַ הויף לעבן

קאָוונע, גענעראַל אוטגאָף אין װאַרשע, קניאַז באַריאַטינסקי אין פּעטער־בורג, גענעראַל פֿון אינפֿאַנטעריע באַראַנאָוו (באַראַנאָווסקי?) אין ווילנע, און נאָך פֿיל אַנדערע. וועגן סטודענטן און אַרבעטער איז שוין אָפּגערעדט. די אָרגאַניזירונג פֿון די פֿאַרבינדונגען מיט די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד איז געווען אַוועקגעשטעלט אויף דער העכסטער מדרגה פֿון „עפֿי־שענסי" און איז געווען דער שטאָלץ פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט.

דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט געדאַרפֿט אינפֿאָרמירן די אייראָפּעישע און די אַמעריקאַנישע סאָציאַליסטישע פּרעסע וועגן „בונד" און זיינע אויפֿטוען; צושטעלן אויספֿירלעכע באַריכטן צו אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן און צו אינטערנאַציאָנאַלע טרייד־יוניאָן־קאָנגרעסן וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד; אונטערהאַלטן סיסטעמאַטישע פֿאַרבינדונגען מיט לאַנדסמאַנשאַפֿטן, בונדישע גרופּעס און איינצלנע סימפּאַטיקער אין אַמעריקע, אַפֿריקע, אויסטראַליע; דאָס זעלבע מיט די סטודענטישע קאָלאָניעס אין אייראָפּע און שפּעטער אויך מיט יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין איניקע אייראָפּעישע שטעט. זיי אַלע זענען געווען אַ שטענדיקער קוואַל פֿון פֿינאַנציעלער הילף נישט נאָר פֿאַר די צענטראַלע בונדישע אינסטיטוציעס, נאָר אויך פֿאַר לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס, פֿאַר שטרייקן, פֿאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע און פֿאַרשיקטע. די באַזאָרגונג פֿון די אַרעסטירטע און פֿאַרשיקטע מיט געלט און ביכער האָט געהערט צו די פֿונקציעס פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט, וועלכער האָט געזוכט צו זיין אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט אַלע, וועמענס אַדרעסן ער פֿלעגט נאָר קריגן. פֿראַנץ קורסקי דערציילט אין איינעם פֿון זיינע אַרטיקלען, ווי ער איז געווען פֿאַרוווּנדערט, ווען עטלעכע טעג נאָכדעם ווי ער האָט אַרויסגעשיקט אַ בריוו פֿון ווילייקער טורמע, האָט ער שוין געקראָגן אַן ענטפֿער פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט, און אַזוי איז עס געווען מיט אַלעמען. נאָר אַ דאַנק אַזאַ ענגן קאָנטאַקט איז דער אויסלענדישער קאָמיטעט געווען אין דער לאַגע אַ פּאָר וואָכן נאָך דעם באַרימטן יאַקוטסקער אויפֿשטאַנד (1904) פֿון די פּאָליטישע פֿאַרשיקטע, צו פֿאַרעפֿנטלעכן די סענסאַציאָנעלע געשיכטע פֿון יענעם אויפֿשטאַנד, אָנגעשריבן פֿון פּ. ראָזענטאַל, איינעם פֿון די אָנטיילנעמער אין אויפֿשטאַנד (צוגעשיקט פֿון סיביר אין אַ זאָק ניס).

אין רשות פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט איז געווען דער בונדישער אַרכיוו און די ביבליאָטעק. די ח"ח מוטניק (גלעב), דוד מאַכלין, מאַקס ווינאַקור און אַנד. האָבן דעם אַרכיוו סיסטעמאַטיזירט, איינגעאָרדנט אויף מאָדערנע, וויסנשאַפֿטלעכע יסודות, און טאַקע אַ דאַנק דעם איז דער בונדישער אַרכיוו באַלד פֿון אַלעמען אָנערקענט געוואָרן ווי דער בעסטער, דער ווערטפֿולס־טער אַרכיוו פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד.

גרויס איז געווען די ליטעראַרישע טעטיקייט פֿון אויסלענדישן קאָ־

מיטעט. כמעט אַלע ביכער און בראָשורן פֿון „בונד" זענען געווען געדרוקט אין זיין דרוקעריי, וועלכע האָט זיך כסדר פֿאַרבעסערט און פֿאַרגרעסערט.

אין דער אויבן דערמאָנטער פּראַקטישער, רוטינער, טאָג־טעגלעכער אַרבעט פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט פֿלעגט מעדעם נעמען זייער אַ קליינעם, כמעט אומבאַדייטנדיקן אָנטייל. געוויס פֿלעגט ער זיין אויף אַלע זיצונגען פֿון קאָמיטעט און דעבאַטירן די לויפֿנדיקע פֿראַגן, אָבער אָט די אַרבעט איז געווען ניט זיין פֿעלד און ניט אין איר אָדער דורך איר איז ער געוואָרן דער פּראָמינענטער פֿירער, ווי ער האָט פֿיגורירט פֿאַרן גרויסן עולם. אַפֿילו אין דער פּרעסע איז זיין מיטאַרבעט — יעדנפֿאַלס ביז דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע — געווען אַ מינימאַלע. כאָטש אָפֿיציעל איז דער גאַנצער אויסלענדישער קאָמיטעט געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זיינע אויס־גאַבן, איז פֿאַקטיש דער אמתער רעדאַקטאָר געווען קאָסאָווסקי. ער האָט רע־דאַקטירט די „לעצטע נאַכריכטן", דעם „אידישן אַרבעטער", דעם „וויעסטניק בונדאַ". כמעט די גאַנצע משא פֿון קאַמף אין דער פּרעסע, קעגן די קעגנער און שונאים פֿון „בונד" — קעגן די ציוניסטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, קעגן „איסקראַ" — איז געלעגן אויף זיינע פּלייצעס. די באַגרינדונג און פֿאַרטיידיקונג פֿון דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פֿון „בונד" און פֿון זיינע אָרגאַניזאַציע־פֿאָדערונגען זענען אין דער פּרעסע אויך דורכגעפֿירט געוואָרן הויפּטזעכלעך דורך קאָסאָווסקין.

אַ דאַנק זיינע אויסערגעוויינטלעכע אָראַטאָרישע פֿעיִקייטן האָט מעדעם רעפּרעזענטירט דעם „בונד" אויף עפֿנטלעכע אַרויסטרעטונגען און אויף צאָלרייכע מיטינגען, אויף אַלע קאָנפֿערענצן און צוזאַמענפֿאָרן פֿון „בונד", וואָס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אויסלאַנד. אַ דאַנק דער לאָגיק פֿון זיין דענקען פֿלעגט ער אויסגעקליבן ווערן אין די וויכטיקסטע רעזאָלוציע־קאָמיסיעס פֿון די צוזאַמענפֿאָרן, אָדער ער פֿלעגט האָבן דעם אויפֿטראָג צו זיין דער רעפֿערענט אָדער דער באַריכט־אָפּגעבער איבער די וויכטיקסטע פּאַרטיי־פֿראַגן.

דאָס וואָס קאָסאָווסקי איז געווען אין דער פּרעסע, איז מעדעם געווען אין עפֿנטלעכע, מינדלעכע אַרויסטרעטונגען: דער פּאָפּולערסטער וואָרט־פֿירער פֿון „בונד", דער בעסטער אויסטייטשער פֿון זיינע שטרעבונגען און צילן, פֿון זיינע האָפֿענונגען און אידעאַלן.

מיר וועלן דאָ פֿאַררעגיסטרירן די וויכטיקסטע אַרבעטן, וואָס מעדעם האָט געשריבן ביז סוף 1905: „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און נאַציאָנאַלע פֿראַגע", אַרויס אומלעגאַל 1905; לעגאַל, יידיש און רוסיש, 1906; „דער זעקסטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל", אַנאָנים, 1903, אומלעגאַל, יידיש, פּויליש, רוסיש; גרויסע טיילן איבערגעדרוקט אין דער „אַרבעטער־שטימע", אומלעגאַל אין רוסלאַנד; אייניקע אַרטיקלען אונטערן פּסעוודאָנים מ. וויניצקי: אין „אידישן אַרבעטער", זשענעווע 1903 און 1904; אין „וויעסטניק בונדאַ" 1904; אַנאָנים, אין די „לעצטע נאַכריכטן"; אַ גרעסערע אַרבעט „צו דער געשיכטע פֿון דער גרויסער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע" געבליבן אין מאַנוסקריפּט.

ו. קאַסאָווסקי

וו. מעדעם און די נאַציאָנאַלע פֿראַגע*

אַ קאַפּיטל זכרונות

צום ערשטן מאָל האָב איך זיך באַגעגנט מיט מעדעמען סוף דע־צעמבער 1901 אין שווייצאַריע. איך בין דעמאָלט געקומען פֿון לאָנדאָן אַלס שליח פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט פֿון בונד צום גרינדונג־צוזאַמענפֿאָר פֿון דער אויסלענדישער סטודענטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איר ציל האָט גע־דאַרפֿט זיין בייהילפֿיק זיין דעם „בונד" אין זיין אַרבעט.

דער צוזאַמענפֿאָר איז פֿאָרגעקומען אין בערן, ווו מיר האָבן געהאַט אונזער בעסטע סטודענטישע גרופּע; צו איר האָט געהערט אויך מעדעם, וואָס איז נישט לאַנג פֿאַר דעם געקומען פֿון רוסלאַנד און איז געווען פֿאַר־שריבן אַלס אַ סטודענט פֿון בערנער אוניווערסיטעט.

דער טשוואָק פֿון צוזאַמענפֿאָר איז געווען די נאַציאָנאַלע פֿראַגע. דאָס איז דעמאָלט בכלל געווען די ברענענדיקסטע פֿראַגע אין „בונד". די רעזאָלו־ציע צו דער פֿראַגע, וועלכע דער פֿערטער צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד" (אַפּריל 1901) האָט געהאַט אָנגענומען, האָט נישט באַפֿרידיקט: ווער ס'האָט איר געהאַלטן פֿאַר צו ברייט, ווער — פֿאַר נישט קלאָר, און אַלע האָבן איר באַטראַכט בלויז פֿאַר דעם ערשטן פּרוּוו צו געבן אַן ענטפֿער אויף דער נאַ־ציאָנאַלער פֿראַגע. מיט דער „איסקראַ", דעם אָרגאַן פֿון לינקן פֿליגל פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָט זיך אַלץ מער פֿונאַנדערגעברענט אַ פֿאַרביטערטער קאַמף אַרום דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע און דער אָרגאַניזאַ־ציאָנעלער, וועלכע איז מיט איר אין אַ געוויסן זינען געווען פֿאַרבונדן, ווייל דאָס איז געווען אַ פֿראַגע וועגן דעם, ווי דאַרף אָרגאַניזירט זיין די אַלגע־מיין־רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, אַז אין אירע ראַמען זאָלן זיך קאָנען פֿריי אַנטוויקלען די אַרבעטער־פּאַרטייען פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

אין אונזערע אויסלענדישע גרופּעס האָט מען זיך, פֿאַרשטייט זיך, שטאַרק פֿאַרנומען מיט דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע און אויף וויפֿל דאָס איז מעגלעך געווען, האָט מען איר שטודירט. אין דעם פּרט האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די בערנער גרופּע, אין וועלכער אייניקע זענען שוין באַקאַנט

---

* געשריבן אין בערלין אין 1928.

געוועזן מיט שפּרינגערס בוך „דער קאַמף פון די עסטרייכישע נאַציעס פאַר דער מלוכה", אַ בוך, וואָס איז געוועזן גאַנץ ניי לויט זיינע בליקן און איז געוועזן, מחמת זיין יורידישער באַגרינדונג, נישט לייכט דורכצונעמען.

דער אויסלענדישער קאָמיטעט האָט געזען באַקאַנט צו מאַכן די סטו־דענטישע יוגנט אין די „קאָלאָניעס" מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אַזוי אַז זי זאָל זיך קאָנען אָריענטירן אינם שטרייט צווישן „איסקראַ" און „בונד", וואָס האָט אָנגענומען אַלץ שאַרפערע פאָרמען.

מיר איז איבערגעגעבן געוואָרן פון אויסלענדישן קאָמיטעט צו האַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער נאַציאָנאַלער און אָרגאַניזאַציאָנעלער פראַגע אויף דעם אויבן־אָנגעוויזענעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון אונזערע סטודענטישע גרופּעס.

איצט קאָן מען שוין אויסזאָגן פון חדר, אַז דער רעפעראַט איז געווען אָן אַרבעט, וועלכע דער צ. ק. פון בונד האָט אַ געוויסע צייט פאַרן סטודענ־טישן צוזאַמענפאָר ביי מיר באַשטעלט און וועלכע ער האָט שפּעטער אַרויס־געגעבן אַלס אַ בראָשור אונטער דעם נאָמען: „צו דער פראַגע וועגן דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע און איבערבויען די רוסלענדישע סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי אויף פעדעראַטיווע יסודות".

אַזוי ווי אַלץ געהערט שוין צום וויטן עבר, קען איך שוין אויך זאָגן, אַז דער צ. ק. האָט צענזורירט מיין מאַנוסקריפּט און האָט אָפּגעטעמפּט אַלע שאַרפע ווינקלען אין אוועקשטעלן און באַהאַנדלען די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם.

אין פּרינציפּ און אין טעאָרעטישער הינזיכט איז די דאָזיקע פאַרטושונג, פאַרשטייט זיך, געווען נישט דערלאָזבאַר, אָבער פון פּאָליטיש־פּראַקטישן שטאַנדפּונקט האָט דער צ. ק., אויף וויפל מען קאָן איצט אָפּפרישן אין זכרון די דעמאָלטיקע סיטואַציע, קיין אַנדער ברירה, ווי עס ווייזט אויס, נישט געהאַט, אויב ער האָט געוואָלט דורכפירן די פּאַרטיי־שיף בשלום דורך די צוויי געפערלעכע הויפּנס שטיינער: די העצע פון די איסקראַ־לייט, מיט וועלכע מען איז געווען אין איין פּאַרטיי — פון איין זייט, און די נסיונות פונם יידישן נאַציאָנאַליזם — פון דער אַנדער זייט.

ווי די מעשה זאָל נישט זיין, אויף דעם צוזאַמענפאָר פון אונזערע סטודענטן, איז די נאַציאָנאַלע פראַגע אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ סך שאַר־פער, ווי אין דער דערמאָנטער בראָשור.

דער רעפעראַט האָט אַרויסגערופן אַ לעבעדיקע דיסקוסיע. עס זענען אַרויסגעטראָטן אייניקע חברים פון דער בערנער גרופּע, ווי למשל בלומ־שטיין, וועלכער האָט שוין אָפּערירט מיט שפּרינגערס אידעען. אָבער מעדעם, וועלכער האָט זיך דעמאָלט, ווי איך ווייס, זייער אינטערעסירט מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָט אין דער דיסקוסיע קיין שום אָנטייל נישט גע־נומען, — אַ פאַקט, וואָס איז פאַר אים געווען כאַראַקטעריסטיש: ער האָט זיך נישט געטרויט, ער האָט זיך געפילט נישט גענוג צוגעגרייט אויף

אַריינצומישן זיך אינם שטרייט. אין דער דאָזיקער פֿאַרזיכטיקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ באַשטימטער שטריך פֿון זיין פּערזענלעכקייט, דאָס וואָס מען קען אָנרופֿן: אידעיִשע געוויסנהאַפֿטיקייט.

אין אַ יאָר אַרום האָב איך זיך ווידער באַגעגנט מיט מעדעמען אין שווייצאַריע — אויפֿן צווייטן צוזאַמענפֿאָר פֿון אונזערע אויסלענדישע גרופּעס (אין די לעצטע טעג פֿון 1902 און אין די ערשטע טעג פֿון 1903). אויך דאָס מאָל בין איך אַראָפּגעקומען פֿון לאָנדאָן אַלס פֿאָרשטייער פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט.

דעמאָלט האָט שטאַרק באַוועגט די מוחות אַ נייע פֿראַגע, די פֿראַגע וועגן טעראָריזם, וועלכע איז אויפֿגעקומען אַ דאַנק דער טעראָריסטישער טאַקטיק פֿון דער פּאַרטיי „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן".

די טעראָריסטישע אַקטן האָבן באַשאַפֿן אַן אַטמאָספֿער פֿון מיטגעפֿיל, וועלכע האָט זיך אַלץ מער פֿאַרשפּרייט און אָנגעהויבן צו ווירקן אויך אויף אייניקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, אַלנפֿאַלס אויף דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער יוגנט: דער טעראָריסטישער געפֿיל האָט זיך געבונטעוועט קעגן דעם אַנטי־טעראָריסטישן שכל, וועלכן די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אויפֿגעקלערט און דיסציפּלינירט.

נאָך דער עקזעקוציע איבער די ווילנער דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך אויך אין „בונד" אויפֿגעהויבן אָדער זייער פֿאַרשטאַרקט טעראָריסטישע שטימונגען און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די פֿינפֿטע קאָנפֿערענץ האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן „אָרגאַניזירטער נקמה". ווען דער אויסלענדישער קאָמיטעט איז אין די „פּאָסליעדניאַ איזוועסטיאַ" (לעצטע ידיעות) נומ. 88 אַרויס מיט אַ שאַרפֿער קריטיק פֿון דער דאָזיקער רעזאָלוציע, באַווייזנדיק, אַז די „אָרגאַניזירטע נקמה" איז אַ טריט אויפֿן וועג צום סיסטעמאַטישן פּאָליטישן טעראָר, האָבן אייניקע אונזערע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס רעאַגירט דערויף מיט זלזולים אין בריוו צום אויסלענדישן קאָמיטעט; באַזונדערס געזידלט האָבן זיך די חברים פֿון אונזער מינסקער אָרגאַניזאַציע, ווו מען האָט זיך בכלל מער ווי אומעטום אַרומגעטראָגן מיט טעראָריסטישע פּלענער: מען האָט זיך דאָרטן געקליבן צו מאַכן אַן אַטנטאַט אויפֿן שעף פֿון דער מינסקער אָכראַנע פּאָלקאָווניק וואָסיליעוו; און מאַריאַ (זשאָלודסקאַיאַ), איינע פֿון אונזערע בעסטע און ענערגישסטע טוערינס, איז צוליב דעם געקומען צו אונז קיין לאָנדאָן זיך אויסצולערנען שיסן.

עס איז געווען קלאָר, אַז דער טעראָר איז משפּיע אויף אונזערע קרייזן און אַז עס איז נייטיק אָוועקצושטעלן די פֿראַגע פֿאַר אונזער סטודענטישער יוגנט.

לויט דעם אויפֿטראָג פֿון אויסלענדישן קאָמיטעט האָב איך געהאַלטן אויף דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון אונזערע אויסלענדישע גרופּעס אַ רעפֿעראַט קעגן טעראָריזם. מיינע רייד האָט מען אויסגעהערט גאַנץ רויִק, אָבער די

באַציִונג איז געווען אַ קאַלטע. איך האָב געוואָלט וויסן, מיט וואָס מען איז אייגנטלעך נישט צופרידן, און איך האָב פאַרפירט מיט איניקע דעלע־גאַטן אַ פּריוואַטן שמועס וועגן טעראָר.

אויף דער דאָזיקער טעמע האָב איך אויך גערעדט מיט מעדעמען. קלאָרע דבורים האָב איך פון אים נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען, אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט אויף מיר געקוקט ווי אויף אַ „גענעראַל" און זיך גופא באַטראַכט פאַר אַ „פשוטן פּאַרטיי־סאָלדאַט". אָבער פון די אַלע „ווען, אויב און אָבער", וואָס ער האָט מיר געזאָגט, האָב איך געקאָנט דרינגען, אַז ער מיינט: פּרינציפּיעל איז דער אויסלענדישער קאָמיטעט געוויס גערעכט, די טעראָריסטישע טאַקטיק קאָן נישט צונויפגעפּאַרט ווערן מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם און מען מוז קעגן איר אַרויסטרעטן, אָבער מען דאַרף דאָס מאַכן נישט צו גראָדליניק, דאָס הייסט מען דאַרף דערביי שאַנעווען די שטימונגען און געפילן פון דער מאַסע, וואָס קאָנען זיין פאַלשע, אָבער וואָס זענען פאָרט אַ פאַקט, מיט וועלכן מען מוז זיך רעכענען אין אונזער פּאָליטיק, ווארעם עס איז בעסער צו גיין מיט די מאַסן אויף אַ נישט גאַנץ ריכטיקן וועג, איידער אָפּשטויסן זיי פון זיך און בלייבן דערביי אַ צדיק. דער דאָזיקער געדאַנקען־גאַנג, וועלכן איך האָב געקענט אַרויסנעמען פון מעדעמס רייד, איז פאַר אים בלי ספק געווען כאַראַקטעריסטיש.

אין אויגוסט 1903 האָט זיך אין ברישל צוזאַמענגעקליבן דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. די בעלגישע אַרבעטער־פּאַרטיי האָט איבערגעגעבן פאַר די זיצונגען פון צוזאַמענפאָר די לאָקאַלן פון די קאָאָפּעראַטיוון (אגב אורחא מיט אַ מחנה ערד־פליי, וואָס האָבן געזאָרגט, אַז די דעלעגאַטן זאָלן נישט איינשלאָפן). די בעלגישע חברים האָבן פאַרזיכערט, אַז די פּאָליציי וועט לאָזן דורכפירן דעם צוזאַמענפאָר, אָבער זיי האָבן זיך, ווי עס ווייזט אויס, אָפּגענאַרט אין זייער „השפעה" אויף דער רעגירונג, ווארעם שוין אויפן אַנדערן טאָג האָט זיך ביים אַריינגאַנג אין לאָקאַל פון קאָאָפּעראַטיוו, וווּ עס איז פאָרגעקומען די זיצונג, באַוויזן אַ שמירה פון צוויי זשאַנדאַרן, און אין אַ וואָך אַרום זענען אַלע דעלעגאַטן, אונטער דער באַגלייטונג פון געהיים־אַגענטן, אַרויסגעשיקט געוואָרן פון בעלגיע, און דער המשך פון צוזאַמענפאָר איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין לאָנדאָן.

די לאַגע פון דער בונדישער דעלעגאַציע אויפן צוזאַמענפאָר איז געווען זייער אַ שווערע: זי איז געוואָרן איזאָלירט און אַרומגערינגלט פון אַ גרויסער פיינדלעכער מחנה. און אַחוץ דעם איז די דעלעגאַציע געווען אַ צו קליינע: לויט דעם באַשלוס פון דעם „אָרגאַניזיר קאָמיטעט" (דער קאָמיטעט, וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם צוזאַמענפאָר) האָט דער „בונד" געקאָנט האָבן נישט מער ווי פינף דעלעגאַטן: דריי — פון דער אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד און צוויי — פון אויסלענדישן קאָמיטעט. די דעלעגאַציע איז אויסגעקליבן געוואָרן אויפן

5טן צוזאַמענפאָר פון „בונד״ (יוני 1903): נח, מיכאל גאָלדמאַן (ליבער) און וויטאַלי (יודין) פון צ. ק., אַלעקסאַנדער קרעמער און וולאַדימיר קאָסאָווסקי — פון אויסלענדישן קאָמיטעט.

שוין אויפן צוזאַמענפאָר גופא אין בריסל האָט די בונדישע דעלע־גאַציע באַשלאָסן אַרויסצורופן פון שווייצאַריע מעדעמען, כדי צו האָבן כאָטש נאָך איין רעדנער אויף צו פאַרטיידיקן אונזער פּאָזיציע, און מעדעמען האָבן די דעלעגאַטן שוין געקענט פון 5טן צוזאַמענפאָר, ווו ער איז געווען איינ־געלאַדן. כדי מען זאָל קענען אַריינגעמען מעדעמען אין דער דעלעגאַציע, האָט אַלעקסאַנדער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין מאַנדאַט און איז אַריבער אין דער קאַטעגאָריע פון די חברים מיט אַ באַראַטנדיקער שטים.

איך מוז זאָגן, אַז מעדעם האָט נישט מקיים געווען די האָפענונגען, וואָס די דעלעגאַציע האָט אויף אים געלייגט אין פּרט פון רעדנעריי. באמת גלעצענדע רעדעס, וואָס האָבן געמאַכט אַ רושם אויפן גאַנצן צוזאַמענפאָר, האָט געהאַלטן מיכאל גאָלדמאַן. מעדעם האָט גערעדט זייער ווייניק און דאָס ווייניקע, וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען בלאָס. פאַרוואָס? דאָס קאָן מען דערקלערן נאָר דערמיט, וואָס מעדעם איז נישט געווען פון יענע רעדנער, וועלכע וויזן אַרויס זייער גאַנצע קראַפט גראָד דאַן, ווען זיי האָבן אַנטקעגן זיך אַ קאָמפּאַקטע מאַסע פון שונאים; פאַרקערט, מעדעם האָט זיך געניי־טיקט אין אַ קאָנטאַקט מיט דער אוידיטאָריע, כדי פונאַנדערצוּוויקלען זיין גאַנצן כוח הדבור. די אַטמאָספער פון פיינדשאַפט, וועלכע האָט אַרומגע־רינגלט די בונדישע דעלעגאַציע, האָט מעדעמען נישט סטימולירט, נאָר נידערגעשלאָגן.

נאָכן צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ., וועלכער האָט, ווי באַ־וווסט, געבראַכט צום אַרויסטריט פונם בונד פון דער פאַרטיי, האָט דער אויסלענדישער קאָמיטעט באַשלאָסן אַריבערצופאָרן קיין זשענעווע (שווייצאַריע); מעדעם איז קאָאָפּטירט געוואָרן אין אויסלענדישן קאָמיטעט און מיט דעם אויך אין דער רעדאַקציע פון די אויסלענדישע אויסגאַבן פונם „בונד״.

דער 5טער צוזאַמענפאָר האָט איבערגעגעבן דעם אויסלענדישן קאָ־מיטעט אַרויסצולאָזן די „פּאָסלעדניאַ איזוועסטיאַ״, וועלכע האָט געזאָלט אויך ווייטער דערשיינען יעדע וואָך, און איין מאָל אין חודש אין דער פאָרם פון אַ צייטונג, אין וועלכער ס׳זאָל אויפגעקלערט ווערן די פּראָגראַמאַטישע און טאַקטישע פּאָזיציע פון „בונד״. נאָך דעם ווי דער בונד איז אַרויס פון דער רוס־לענדישער פאַרטיי, איז אַזאַ אויפקלערונגס־אָרגאַן געוואָרן נאָך אַ סך נויי־טיקער, ווי מען האָט זיך פאַר דעם פאָרגעשטעלט. אין הסכם מיטן גייסט פון דער אַנגענומענער החלטה, איז באַשטימט געוואָרן, אַחוץ די אַלטע „פּאָסלעדניאַ איזוועסטיאַ״, אַרויסצוגעבן אין זשענעווע אַ זשורנאַל אונטערן

נאָמען „וועסטניק בונדאַ“ (דער אָנזאָגער פון „בונד“), וועלכער האָט געזאָלט, אויף וויפל נאָר מעגלעך, דערשיינען יעדן חודש.

עס פאַרשטייט זיך, אַז שוין אין די ערשטע נומערן פון זשורנאַל האָט אומבאַדינגט געמוזט געגעבן ווערן אַ ספּעציעלער אַרטיקל, וואָס זאָל אַנט־האַלטן אַן עקספּאָזע פון אונזער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם. אָנצושרייבן אַזאַ אַרטיקל איז איבערגעגעבן געוואָרן מיר, אָבער איך האָב זיך געמוזט פון דעם אָפּזאָגן אָט פאַר וואָס.

די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, וואָס איר שווערפּונקט איז געלעגן אין דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, איז שוין געווען אויסגעאַרבעט, דערקלערט און באַגרינדעט אין די רעזאָלוציעס און דעבאַטן פון די צוזאַ־מענפאָרן, אין בראָשורן, אַרטיקלען און אין דער פּאָלעמיק מיט דער „איסקראַ“. מען האָט נאָר געדאַרפט איבערחזרן אין אַ מער אָדער ווייניקער צוזאַמענ־געפּרעסטער פאָרם דאָס, וואָס איז שוין געזאָגט געוואָרן אין דער פראַגע ביזן אַרויסטריט פונם בונד פון דער ר. ס. ד.

אָבער צו דער פּאָזיציע פון בונד אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז אַרום יענער צייט צוגעקומען אַ נייער פּונקט, דער אַזוי גערופענער „נייט־ראַליזם“, ד״ה דער געדאַנק וועגן נייטראַלער באַציִונג צום ווייטערדיקן גורל פון דער ייִדישער נאַציע.

אייגנטלעך האָט דער „נייטראַליזם“ קיין דירעקטע שייכות מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ווי זי איז פאַרענטפערט געוואָרן פונם בונד, נישט געהאַט, אָבער אַזוי ווי ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון די באַזונדערע אומ־שטאַנדן פון יענעם מאָמענט, פון די באַדינגונגען, ביי וועלכע דעם „בונד“ איז אויסגעקומען צו קעמפן אויף צוויי פראָנטן — קעגן דעם ייִדישן נאַ־ציאָנאַליזם און קעגן דעם איסקריזם, איז ער, דער נייטראַליזם, אַ דאַנק דעם געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון דער אָפיציעלער בונדישער פּאָזיציע.

אויף אַזאַ אופן האָט דער אַרטיקל וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פון „בונד“ אין „וועסטניק בונדאַ“ געדאַרפט באַגרינדן דעם נייטראַליזם, און דערין איז באַשטאַנען די גאַנצע שוועריקייט פון דער אויפגאַבע.

טעאָרעטיש איז דער נייטראַליזם געווען אַ פאַלשע שיטה: אַ פּאַרטיי פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז דאָך אַ טייל פון דער ייִדישער נאַציע, האָט געדאַרפט האָבן אַ קלאָרע מיינונג וועגן דעם, צי פאַר דער באַפרייונג פון דעם דאָזיקן פּראָלעטאַריאַט איז געוווּנטשן אָדער נישט, ניצלעך אָדער שעדלעך, אַז די ייִדן זאָלן פאַרבלייבן אָדער פאַרשווינדן אַלס אַ נאַציע. דאָס פאַררופן זיך אויף דער „אָביעקטיווער אַנטוויקלונג“ איז געווען ווייניק איבער־צייגנדיק, וואָרעם אויב די „אַנטוויקלונג“ מוז נישט פאַטאַליסטיש גיין מיט אַ פאַרויס באַשטימטן וועג, אויב עס איז נישט באַוווּסט, צו וואָס זי קאָן ברענגען — צום אַסימילירן אָדער קאָנסערווירן די ייִדישע נאַציע — און דער דאָזיקער איקס האָט געהערט צום באַגאַזש פון דעם נייטראַליזם, —

דאָן באַקומט דאָך אַ גרויסע באַדייטונג דער באַוווסטזיניקער ווילן פון די מאַסן אַלס אַ פאַקטאָר, וועלכער קאָן שטאַרק משפיע זיין די "אַנטוויקלונג" און טרייבן איר אין דער אָדער יענער ריכטונג. פון דעם שטאַנדפּונקט האָט אַ מאַסן־פּאַרטיי, ווי דער "בונד", ניט געקאָנט בלייבן נייטראַל אין דער פראַגע וועגן דער צוקונפט פון דער יידישער נאַציע. געוויס איז די אויפ־גאַבע פונם "בונד" — פאַרטיידיקן די קלאַסן־אינטערעסן פון יידישן פּ.־אַ־לעטאַריאַט, נישט דעם קיום פון דער יידישער נאַציע, אָבער דער דאָזיקער פאַקט האָט באַין אופן נישט געקאָנט באַרעכטיקן דעם נייטראַליזם, ווייל אַלץ, וואָס עס מאַכט דורך די יידישע נאַציע אויף איר היסטאָרישן וועג, מוז זיך אַזוי אָדער אַזוי אָפּרופן אויך אויפן גורל פון יידישן אַרבעטער־קלאַס אַלס אַ טייל פון דעם דאָזיקן קאָמפּלעקס.

נאָך ערגער איז געווען, וואָס דער נייטראַליזם איז געשטאַנען אין אַ שרייענדיקער סתירה צו דער גאַנצער פּראַקטיק פון "בונד": דער "בונד" האָט געהאָלפן צו אַנטוויקלען די יידישע שפּראַך, די יידישע ליטעראַטור, די יידישע שול, די אַלע עלעמענטן פון דער מאָדערנער יידישער קולטור; ער האָט אַרויסגעשטעלט און געקעמפט פאַר אַנטשפּרעכנדיקע פּאָליטישע פאָדערונגען, בקיצור, זיין גאַנצע אַרבעט איז געווען אַזאַ, אַז זי האָט גע־האָלפן איינהאַלטן און אַנטוויקלען די יידישע נאַציע ווי אַ קולטור־געמיינשאַפט, ד. ה. אין דער צייט, ווען דער "בונד" האָט געטענהט, אַז ער ער איז נייטראַל אין דער פראַגע וועגן דעם, צו וואָס דער "אָביעקטיווער גאַנג פון דער אַנטוויקלונג" קאָן דערפירן די יידן אַלס אַ נאַציע, האָט ער זיך ענערגיש אַריינגעמישט אין דעם "אָביעקטיוון גאַנג" און מיט זיין פּראַק־טיק געטריבן די דאָזיקע אַנטוויקלונג אין אַ גאַנץ באַשטימטער ריכטונג, געאַרבעט זייער אַקטיוו קעגן אַסימילאַציע.

אָבער פּאָליטיש, ווי משונהדיק דאָס זאָל נישט אויסקומען, איז דער נייטראַליזם געווען אַ נויטווענדיקע זאַך. נאָך דעם ווי דער "בונד" האָט פאַר־לאָזן די אַלגעמיינע פּאַרטיי, האָט זיך באַשאַפן אַזאַ לאַגע: דער "בונד" איז געוואָרן ווי אָפּגעשניטן פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג, "איסקראַ" האָט אַריבערגעטראָגן די מלחמה אויף דער טעריטאָריע פונם "בונד" און גע־פּרוווט צו באַשאַפן אַן אייגענעם איסקרישן "בונד", און האָט זיך באַמיט אין דער זעלביקער צייט צו דעמאָראַליזירן די בונדישע חיילות. דער "בונד" איז געצוווּנגען געווען צו אַטאַקירן די "איסקראַ" מיט דער גרעסטער שאַרפ־קייט; ער האָט אָבער געמוזט פירן די אַטאַקע אַזוי, אַז זי זאָל נישט אַרויס־רופן ביי די יידישע אַרבעטער אַ שנאה צו דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע בכלל און נישט גיסן וואַסער אויף דער מיל פון יידישן נאַציאָנאַליזם. דאָס איז געווען אַ שווערער און גליטשיקער וועג, און דער נייטראַליזם וואָס האָט באַטייט אַ קלאָרע אָפּגרענעצונג פון די שונאים אין נאַציאָנאַליסטיש־בורזשואַזן לאַגער און האָט מאַניפעסטירט אַ געוויסע נאָענטקייט צו די

שונאים אין איסקרישן לאַגער, האָט געהאָלפן דעם „בונד" זיך נישט אויס־צוגליטשן.

אָבער הגם איך האָב פאַרשטאַנען די פּאַרטיי־פּאָליטישע נויטווענדי־קייט פונם נייטראַליזם, איז מיר פונדעסטוועגן אוממעגלעך געווען צו פאַר־טיידיקן אים, ווייל ער איז אויפגעבויט געווען, ווי איך בין געווען איבער־צייגט, אויף אַ פאַלשן יסוד.

נאָך דעם ווי איך האָב זיך אָפּגעזאָגט, האָט דער אויסלענדישער קאָ־מיטעט פאָרגעשלאָגן די דאָזיקע אַרבעט מעדעמען. ער האָט לכתחילה אויך נישט געוואָלט, לאַנג זיך געקווענקלט און גענומען צייט אויף ישוב הדעת. סוף־כּל־סוף האָט ער איינגעוויליקט און די אויפגאַבע דערפילט. געוויס האָט ער דעם נייטראַליזם טעאָרעטיש נישט באַגרינדעט — דאָס איז געווען אומ־מעגלעך, — אָבער אין ליטעראַרישן הינזיכט האָט ער די טעמע באַאַרבעט מייסטעריש און באַוויזן, אַז ער האָט אַ גלענצנדיקע פעדער.

אָבער אַ מאָדנע זאַך: ער גופא איז אַ לאַנגע צייט וועגן זיך נישט געווען זיכער — אַזוי האָט זיך דאָס לכל הפּחות פון דער זייט געדוכט, — אַז ער זאָל באמת פאַרמאָגן אַ ליטעראַרישן טאַלאַנט. אַז איך פלעג צו אים צושטיין: „פאַרוואָס שרייבט איר נישט?" פלעגט ער מיר ענטפערן: „לאָזט מיר צורו, איך בין נישט קיין שרייבער". פאַר די צוויי יאָר, וואָס ער איז געווען אין דער רעדאַקציע פון אונזערע אויסלענדישע אויסגאַבן ביז דער רעוואָלוציע פון 1905, האָט ער פאַר די „פּאָסליעדניאַ איזוועסטיאַ", וואָס פלעגט אַרויסגיין יעדע וואָך ווייניקסטנס מיט איין אַרטיקל, אָנגעשריבן איינעם אָדער אפשר צוויי אַרטיקלען — איך געדענק נישט גענוי, — אַלנפאַלס נישט מער.

די חברים אין רוסלאַנד האָבן דעמאָלט אויך געזען אין מעדעמען דער עיקר אַ רעדנער, אָבער אַ סך ווייניקער — אַ זשורנאַליסט, ווי דאָס באַווייזט אַזאַ פאַקט: אין די „פרייע טעג" פון 1905 האָבן מיר, מעדעם און איך, זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד „אויף אַרבעט" און זענען געקומען קיין דווינסק, ווו עס האָט זיך דעמאָלט געפונען דער צענטראַלער קאָמיטעט פון בונד. אויף אַ זיצונג פון צ. ק. איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אין פּעטערבורג אויף רוסיש אַ זשורנאַל אונטערן נאָמען „יעוורעיסקי ראַבאָטשי", און אויף צו פירן אים זענען אַהין געשיקט געוואָרן איך און ליבער (מ. גאָלדמאַן), וואָס איז אַבסאָלוט קיין שרייבער נישט געווען. מעדעם אָבער איז אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין ווילנע צו רעדן אויף מיטינגען.

סוף דעצעמבער 1905, האָט די רעאַקציע שוין געאַרבעט אויף אַלע כּלים, די רעוואָלוציע איז געלעגן אַ צפּאַלמעסטע, אַ באַדעקטע מיט טויזנטער ווונדן. אין פּעטערבורג איז געווען אוממעגלעך און אומנוציק ווייטער צו פאַרבלייבן און מיר האָבן זיך אַריבערגעקליבן קיין ווילנע. דאָרטן האָבן זיך מיינער און מעדעמס ליטעראַרישע וועגן נישט צוזאַמענגעטראָפן: איך האָב

געאַרבעט אין דער „פֿאָלקסצייטונג", ער — אין דער בונדישער רוסישער צייטשריפֿט.

אין 1909 האָב איך ווידער געאַרבעט צוזאַמען מיט מעדעמען אין שווייצאַריע אין אויסלענדישן קאָמיטעט און אין זיינע ליטעראַרישע אונ־טערנעמונגען ביז מעדעמס אַריבערפֿאָרן קיין ווין (1912).

זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר מעדעמען זענען געווען די שלום־רע־דעס, וועלכע עס איז אים אויסגעקומען צו האַלטן אויף די צוזאַמענפֿאָרן פֿון די בונדישע הילף־גרופּעס און אויך אויף אַנדערע בונדישע באַגעגע־נישן. די דאָזיקע רעדעס זענען געווען, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אַ מעדעמשע ספּעציאַליטעט, אין וועלכער ער האָט זיין גלייכן נישט געהאַט. זיי זענען געווען דורכגעזאַפּט מיט אַזאַ בענקשאַפֿט נאָכן „בונד" און מיט אַזאַ בונדישער וואַרעמקייט, אַז זיי האָבן תּמיד באַשאַפֿן אַן אַטמאָספֿער, אין וועל־כער מען האָט זיך געפֿילט צוגעצויגן איינער צום אַנדערן ווי גלידער פֿון איין משפּחה.

עס איז נאָך וויניק צו זאָגן, אַז מעדעם האָט ליב געהאַט דעם „בונד", מען מוז נאָך צוגעבן, אַז די ליבשאַפֿט איז ביי אים געווען אַ גאַנץ באַ־זונדערע.

אין גרונט, לויט די נייגונגען פֿון זיין נאַטור, איז מעדעם געווען אַ קינסטלער, וואָס האָט געזוכט אין די דערשיינונגען פֿון לעבן קודם־כּל די פֿאַרב און דעם טאָן אָדער דעם באַזונדערן אַקאָרד, וואָס ציטערט אין יעטוועדער דערשיינונג.

אין אַ געשפּרעך מיטן שרייבער אָסיפּ דימאָוו אין ציריך, וועלכן דימאָוו האָט אָפּגעדרוקט אין אַ פּעטערבורגער וואָכנבלאַט, האָט מעדעם וועגן זיך געזאָגט, אַז ער איז אַ מוזיקער, וואָס איז אַוועק מיט אַן אַנדער וועג. דאָס איז אפֿשר געזאָגט געוואָרן נישט ערנסט, מעשׂה שפּאַס, ווי דאָס פּאַסירט אין אַ שמועס ביי אַ גלעזל קאַווע אין אַ קאַפֿע, אָבער אַ קערנדל אמת איז אין מעדעמס רייד בלי ספֿק געווען: מעדעם איז געווען דורך און דורך אַ מוזיקאַלישע נאַטור אין דעם זינען וואָס ער האָט געטראַכט אין מוזיקאַלישע טענער, ווי אַנדערע טראַכטן למשל אין פֿאַרבן.

דאָס וואָרט „בונד" האָט געקלונגען אין זיינע אויערן, ווי עס קלינגט, לויט אָסקאַר ווײַלדס אויסדרוק, וואַסער פֿון קריסטאַל־ריינעס קוואַל, ווען עס פֿאַלט אין אַ זילבערנעם קרוג. אַלס אַ פּאַרטיי פֿון די ייִדישע אַרבעטער, פֿון די גערודפֿטסטע צווישן די גערודפֿטע, איז פֿאַר אים דער „בונד" גע־ווען אַ גאַנצע סימפֿאָניע, אַ פּאַטעטישע און אַ העראָישע.

מעדעמען ביי זיין אַרבעט אין פּוילן האָב איך ליידער נישט געזען. אָבער איך קאָן זיך משער זיין, אַז די ענגע באַרירונג מיט די ברייטע מאַסן ביי די אומשטאַנדן, וועלכע פּוילן האָט דורכגעמאַכט, האָט אויפֿגעוועקט ביי

אים אויך נייע קרעפֿטן, וואָס האָבן נאָך אין אים געדרעמלט בשעת מיר האָבן מיט אים צוזאַמען געאַרבעט.

דעם לעצטן מאָל האָב איך מעדעמען געזען אין בערלין סוף דעצעמבער 1920 אויף זיין וועג קיין אַמעריקע. פֿון איינצלנע באַמערקונגען זיינע האָב איך געקאָנט דרינגען, אַז ער האָט געהאָפֿט צו געפֿינען אין אַמעריקע אַ ברייט קולטורעל פֿעלד און אַ ברייטע יידישע מאַסע, פֿאַר וועלכער עס איז אַ פֿרייד צו אַרבעטן.

פֿון אַמעריקע האָט מיר מעדעם איין מאָל אָדער צוויי מאָל — איך קאָן זיך איצט געגוי נישט דערמאָנען — געשריבן. אין איין בריוו האָט ער מיר פֿאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל נעמען אויף זיך דאָס צוגרייטן פֿון אַ זאַמלבוך וועגן דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע צום 25־יאָריקן יובילײ פֿון „בונד״. אָבער אַ קורצע צייט פֿאַר דעם, האָבן מיר די וואַרשעווער חברים געשריבן, אַז זיי האָבן בדעה אַרויסצוגעבן אַ זאַמלבוך גראָד פֿון דעם זעלביקן מין און האָבן געבעטן ביי מיר אַן אַרטיקל פֿאַר דער דאָזיקער אויסגאַבע. אויף אַזאַ אופֿן איז ביי מעדעמען און ביי די חברים אין וואַרשע אויפֿגעקומען גאַנץ אומאָפּהענגיק איינע פֿון די אַנדערע איין און דער זעלבער געדאַנק. איך בין געצוווּנגען געווען צו ענטפֿערן מעדעמען, אַז אַזוי ווי די פּאַרטיי פּראָיעקטירט אַן ענלעכן זאַמלבוך, מוזן מיר לאָזן פֿאַלן דעם פּלאַן, כדי נישט צו באַשאַפֿן אַ קאָנקורענץ־אונטערנעמונג.

צום סוף וועל איך נאָך אָנווייזן אויף אַ שטריך, וואָס האָט אַ שייכות צו מעדעמען אַלס פּאָליטיקער. איך וועל דאָס אילוסטרירן מיט אַ ביישפּיל.

אין 1906 האָט זיך פֿאַרן „בונד״ געשטעלט די פֿראַגע וועגן ווידער פֿאַראייניקן זיך מיט דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, מיט וועלכער ער האָט געהאַט איבערגעריסן אין 1903. די פֿראַגע איז דיסקוטירט געוואָרן אין די אָרגאַניזאַציעס און אין דער פּרעסע. אי די אָנהענגער, אי די קעגנער פֿון דער פֿאַראייניקונג האָבן געהאַט שטאַרקע אַרגומענטן.

וועגן דער פֿראַגע האָב איך דעמאָלט געהאַט אין ווילנע אַ פּריוואַטן געשפּרעך מיט מעדעמען. מעדעמס פּאָזיציע איז געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זיין גייסטיקער פֿיזיאָנאָמיע.

אין גרונט האָט מעדעם געהאַלטן די פֿאַראייניקונג ביי דעם דעמאָלטיקן מצב פֿון דער ר. ס. ד. אַ. פּ. פֿאַר נישט געוווּנטשן. ער האָט פֿיינט געהאַט אי די באָלשעוויקעס אי די מענשעוויקעס: די ערשטע — פֿאַר זייער נישט־אויסקלייבערישקייט אין מיטלען און ברוטאַלקייט פֿון די מעטאָדן; די לעצטע — פֿאַר זייער צעקראָכנקייט. ער האָט מורא געהאַט, אַז די אייביקע רייסענישן צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס זאָלן אויך נישט פֿאַרסמען דעם „בונד״ נאָך דער פֿאַראייניקונג מיט דער פּאַרטיי.

פֿון דער אַנדער זייט אָבער האָט ער אויך גוט פֿאַרשטאַנען, אַז ביי אַלע אירע חסרונות איז די פֿאַראייניקונג נויטיק צוליב זייער וויכטיקע פּסיכאָלאָגישע און פּאָליטישע טעמים: ערשטנס האָט די אָרגאַניזאַציאָנעלע צעריסנקייט פֿון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג אַלץ מער פֿאַרשאַרפֿט ביים ייִדישן אַרבעטער דעם ביטערן געפֿיל פֿון איינזאַמקייט, און צווייטנס האָט זיך די איזאָלירטקייט פֿון „בונד" אַלץ מער געלאָזט פֿילן פּאָליטיש זינט אין רוסלאַנד האָט זיך מיט דער „גאָסודאַרסטווענער דומע" באַוויזן די ערשטע שפּראָצונג פֿון אַן אָפֿענעם פּאָליטישן לעבן.

אין דער דאָזיקער סתּירותדיקער סיטואַציע האָט מעדעם זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַר דער פֿאַראייניקונג. דערין האָט זיך אַרויסגעוויזן זיין חוש פֿאַר רעאַליטעט אין בעסטן זינען פֿון וואָרט.

וו. שולמאַן

מעדעם אין פּוילן

(1920 — 1915)

אויגוסט 1915. די בלוטיקע מלחמה־כוואַליעס האָבן זיך אָקערשט אַריבערגעטראָגן איבער אונז און זיך אַוועקגעקייקלט ווייט ווייט פֿון די ברעגעס פֿון ווייסל און בוג צו די ברעגעס פֿון דער דווינע און דניעפּער, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ טיפֿן שליים פֿון חורבן, אַרבעטלאָזיקייט און הונגער. טויט און חורבן האָבן געהערשט אַרום. אָבער אויף די שוואַרצע פֿליגלען פֿון טויט איז צו אונז, ייִדישע אַרבעטער־מאַסן פֿון פּוילן, דעמאָלט אויך לעבן געקומען: אַ צום טויט פֿאַרמשפּטער, לעבעדיק באַגראָבענער אין די צאַרישע קאַטאָרגע־תּפֿיסות פֿון סמאָלענסק, אָריאָל, איז תּחית המתים אויפֿגעשטאַנען. אַזאַ איבערצייגונג האָבן מיר געהאַט, מיר, די נאָענטע חברים, וואָס האָבן מעדעמען גוט געקענט: 4 יאָר צאַרישע קאַטאָרגע וועלן זיינע קראַנקע נירן נישט אויסהאַלטן — ער איז צום טויט פֿאַרמשפּט!

„...מיין וואָגן פֿאָרט און ראָלט ווייטער... אַ לאַנגער שוואַרצער קאַסטן, אַ קליין פענצטערל מיט אייזערנע גראַטעס באַצויגן, און דורך דאָס קליינע פֿענצטערל אַדורך קוק איך מיר אָן די שיינע וועלט, וואָס אַ לאַנגע, לאַנגע צייט וועל איך זי נישט מער זען.

„...ווייל ערשט מיט אַ האַלבער שעה פֿריִער האָב איך פֿון דעם אַלטן געריכט־פֿאָרזיצער מיין אורטייל געהערט: פֿאַרלירן אַלע רעכט און פֿיר יאָר קאַטאָרגע! אַזוי האָט אָפּגעזאָגט זיין פּסוק דער גרויזאַמער וואַרשעווער טאָרקוועמאַדע, דער אַלטער תּלין מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד.

אַ שטילע טרויעריקייט האָט מיך אַרומגענומען. גלייך ווי אַ נעפּל־שלייער וואָלט די גאַנצע וועלט איינגעהילט. און דאָס לעבן האָט אָנגעווירן זיין גלאַנץ, זיינע פֿאַרבן".[1]

און אָט זיצט ער, דער צום טויט פֿאַרמשפּטער צווישן אונז, אין דער געמיטלעכער דירה פֿון ח' נח — מיר באַראַטן זיך וועגן אַרויסגעבן אַ צייטונג. קלאָר, אַז ער מיט זיין גרויסן פּובליציסטישן טאַלאַנט, מיט זיין גאָלדענער פֿעדער וועט דאַרפֿן טראָגן אויף זיך די גאַנצע לאַסט פֿון דער צייטונג.

אויף זיין געל־בלאַסן פּנים מיט די טיפֿע שפּורן פֿון דער שווערער נירן־קראַנקייט און צוויי יאָר שווערער טורמע באַווייזט זיך אַ נערוון־ציטער,

---

[1] וו. מעדעם, טורמע זכרונות, ערשטער בריוו.

די גרוי־בלויע פּייכטע אויגן דריקן אויס עפּעס ווי אַ רעזיגנאַציע־געפיל, ער גיט אַ צוק מיט די אַקסלען: — איך בין נאָך אָפּגעריסן פון דער וועלט, העכער צוויי יאָר געווען לעבעדיק באַגראָבן — וועגן וואָס קען איך שרייבן? — מיר ווען איך שוין אינפאָרמירן וועגן וואָס צו שרייבן, גיט אַ זאָג ח׳ נח מיט זיין אייגנטלעכן פעסט־זיכערן טאָן.

די ליבע ח׳טע פעליציע, די פרוי פון ח׳ נח, קוקט אויף מעדעמען מיט רחמנות־אויגן:

„זיי וועלן אַפילו שטאַרבן נישט לאָזן!״ — זאָגט זי — „ניין, זיי וועלן נישט לאָזן״, — ענטפערט מעדעם אַ ביסל לאַבנדיק. אַן ענערגישער שאָקל מיטן קאָפּ, אַ לעבהאַפטער גלאַנץ מיט די אויגן: „נו, וועגן וואָס וועט איר מיך אינפאָרמירן...?״

און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן יענער פעריאָד אין מעדעמס לעבן און טעטיקייט, וועגן וועלכן ער האָט זיך אויסגעדריקט, פאַרענדיקנדיק זיינע צוויי בענד „פון מיין לעבן״, אַז דאָס איז געווען דער אינטערסאַנטסטער פעריאָד פון זיין לעבן.

דאָס איז געווען די צייט פון טיפסטן איבערברוך אינם לעבן פון די יידישע מאַסן אין פוילן. דאָס לאַנד האָט זיך באַפרייט פון צאַרישן רע־זשים, וואָס האָט העכער 100 יאָר געדריקט און געפרעסט און נישט געלאָזט אויפקומען קיין שום לעבעדיקן געזעלשאַפטלעכן כח, קיין שום שפּראָצונג פון געזעלשאַפטלעכער ענערגיע; ווי שטיינערנע דאַמבעס האָט דער פאַר־שאָלטענער רעזשים געהאַמעוועט די אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס האָט זיך געריסן אויף די וועגן פון פּאָליטישן און קולטורעלן רענעסאַנס אין מערב־איראָפּע. די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן האָבן דרייפאַך געליטן פון הערשנדיקן רעזשים: פּאָליטיש פאַרשקלאַפט ווי אַלע איינוווינער פון לאַנד, נאַציאָנאַל רעכטלאָז ווי אַ מינדערהייט, וואָס טראָגט אויף זיך אַ משא פון ספּעציפישע מיטלאַלטערלעכע באַגרענעצונגען מיט אַ פאַרברייי־טערטן געטאָ — דעם טרויעריקן תחום המושב, סאָציאַל אונטערדריקט, באַ־רויבט פון יעטוועדער מעגלעכקייט פון אָרגאַניזאַציע אויף אַנטקעגנשטעלן זיך דער סאָציאַלער עקספּלואַטאַציע, פּונקט ווי דער גאַנצער אַרבעטער־קלאַס פון ריזיקן לאַנד.

און אָט איז די דאַמבע אויפגעריסן געוואָרן, אמת, נישט מיט אייגענע אָרגאַניזירטע כחות, ווי דאָס איז געשען אין גאַנצן לאַנד אין 1905, נאָר בלויז אין די גרענעצן פון פוילן אַ דאַנק אַ פרעמדער מיליטערישער קראַפט, וועלכע האָט געעפנט אַ וועג פאַר דער געזעלשאַפטלעכער ענערגיע, וואָס איז פריער געווען דערשטיקט אונטער דער ערד. אמת, די נייע מעגלעכקייטן זענען לויט זייערע אָפיציעלע פאָרמען געווען זייער באַגרענעצטע, איינגעהאַלטן און געצוימט דורכן רעזשים פון מיליטערישער אָקופּאַציע און — אַלס דירעק־טער רעזולטאַט דערפון — ווירטשאַפטלעכע פּלאָגן און דעפּרעסיע. אָבער

דאָס איז דאָך געווען אַ צייט, ווען אין דער לופֿטן האָבן זיך געטראָגן די לאָזונגען פֿון פֿעלקער־באַפֿרייונג, וואָס אונטער זיי האָבן די אימפּעריאַ־ליסטישע מלוכות כלומרשט געפֿירט דעם קריג; און די אַרבעטנדיקע מאַסן האָבן אין די דאָזיקע לאָזונגען אַריינגעלייגט זייער אינהאַלט, אויסגעטייטשט זיי אויף זייער שטייגער און געהאַנדלט לויט זייער אייגענעם מוסטער. באַ־פֿליגלט מיט די ווייט ברייטסטע און שענסטע פּערספּעקטיוון פֿון זייער גרויסן אידעאַל, האָבן די אַרבעטנדיקע מאַסן מיט זייער ענערגיע און אי־ניציאַטיוו־פֿעיִקייט ממש געבראָכן די פֿאָרמעלע ראַמען פֿון די באַגרענעצטע מעגלעכקייטן און ווייט אַרויס איבער זיי.

אַ ניי לעבן האָט גענומען שפּראָצן פֿון די חורבות פֿון דער מלחמה, געשפּראָצט און זיך פֿונאַנדערגעבליט. אַ הערלעכע צייט איז געווען פֿאַרן יידישן מאַסן־לעבן אין פּוילן יענער פּעריאָד פֿון געזעלשאַפֿטלעכן אויפֿבלי און פֿונאַנדערבלי. אַ נייע געזעלשאַפֿטלעכע סיטואַציע איז געשאַפֿן געוואָרן, נייע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען זענען אַנטשטאַנען — פּראָבלעמען פּאָלי־טישע, סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע. ס'האָבן זיך אויס־קריסטאַליזירט פּאַרטייען, ריכטונגען, אידעיִשע שטרעמונגען אינם יידישן לעבן; מיט אַ געוואַלטיקן שווונג איז אַוועק דאָס פּוילישע פּאָליטיש־גע־זעלשאַפֿטלעכע לעבן אין יענעם פּעריאָד פֿון ווידערגעבורט פֿון אַן אומ־אָפּהענגיק פּוילן.

ביי די אַנגעשטרענגטע פּויליש־יידישע באַציִונגען פֿאַר און בעת דער מלחמה האָט זיך איצט געשאַפֿן אַ נייע — פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעך — זייער קאָמפּליצירטע און פּסיכאָלאָגיש אומגעוויינטלעך סובטעלע אַטמאָספֿער. דער יידישער אַרבעטער־קלאַס און זיין פּאַרטיי דער „בונד" האָט געדאַרפֿט פֿאַרנעמען אַ שטעלונג צו די אַלע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, — אַ שטעלונג וואָס האָט געדאַרפֿט אַרויסגיין פֿון די ראַמען פֿון באַגרענעצטע קלאַסן־אינ־טערעסן, — ער האָט געדאַרפֿט פֿון זיין קלאַסן־שטאַנדפּונקט מאַכן דעם קווערשניט איבערן גאַנצן יידישן לעבן. דער קאָלעקטיווער געדאַנק פֿון „בונד" האָט געדאַרפֿט דעריבער אַרבעטן מיט אַ גוואַלדיקער אינטענסיווקייט. און מעדעם איז געווען דער גלענצנדיקער שעפֿערישער אויסדרוק פֿון דער דאָזיקער קאָלעקטיווער אַרבעט, האָט איר געגעבן פּרעכטיקע פֿאָרם, גלאַנץ, רייכן אינהאַלט.

אָט זענען אַלגעמיינע וועלט־פּראָבלעמען וועגן מלחמה און שלום, פּאַטריאָטיזם און אינטערנאַציאָנאַליזם, אויפֿבוי פֿון אַ נייעם סאָציאַליס־טישן אינטערנאַציאָנאַל; אָט זענען אַקטועל צאַפּלדיקע פּראָבלעמען פֿון יידישן לעבן — יידישע שפּראַך, יידישע שול, יידישער קולטור־אויפֿבוי, יידישע קהילה, איר קעגנוואַרטיקער מצב און ווי זי דאַרף איבערגעבויט ווערן, וועלכע דאַרפֿן זיין אירע קאָמפּעטענצן; אָט זענען פּראָבלעמען פֿון קאָמור־נאַלער פֿאַרוואַלטונג און אירע קאָמפּעטענצן, שטאָטראַט־וואַלן, וואַל־פּלאַט־

פֿאָרמעס, דאָס אַנטשטײן פֿון אומאָפּהענגיקן פּוילן, די ראָלע און די באַציִונג פֿון די ייִדן; און אָט איז דער ציוניזם אין אַלע זײַנע שאַטירונגען און אָפּצווײַגן, מיטן אַרבעטער־סעקטאָר אײַנגעשלאָסן, די באַלפֿור־דעקלאַראַציע און דער גאַנצער טומל, וואָס זי האָט אַרויסגערופֿן דעמאָלט אין ייִדישן לעבן, די אַנדערע ייִדישע בירגערלעכע פּאַרטייען — די אָרטאָדאָקסן, פֿאָלקיסטן, די אַנדערע אַרבעטער־גרופּירונגען — ייִדישע און פּוילישע און נאָך און נאָך אַזוי צו זאָגן פּראָבלעמען פֿון אויסערלעכן פֿראָנט; און אינעווייניק אין „בונד" גופֿא, אויפֿן אינערלעכן פֿראָנט, האָבן זיך געשטעלט נײַע פּראָבלעמען, ס׳האָט געקאָכט און געברויזט מיט פֿאַרשידענע נײַע בליקן אויף דער פּאָליטישער סטראַטעגיע און טאַקטיק פֿון דער פּאַרטײַ בײַ די נײַ־געשאַפֿענע פּאָליטישע באַדינגונגען אין לאַנד גופֿא און אין וועלט־מאָסשטאַב. אין די תחית־המתים אויפֿגעשטאַנענע „לעבנספֿראַגן" האָט דער תחית־המתים אויפֿגעשטאַנענער רעדאַקטאָר זײַערער באַהאַנדלט די אַלע פּראָבלעמען וואָך־אײַן וואָך־אויס, שפּעטער טאָג־אײַן טאָג־אויס, צי אין לייט־אַרטיקלען, צי אין זײַן פֿאָלעמיק־אָפּטיילונג „שטריכן", צי אין ספּעציעלע נאָטיצן. בלעטערסטו אַדורך די דעמאָלטיקע „לעבנספֿראַגן", די וועכנטלעכע (פֿון אָנהויב 1916) און די טעגלעכע (פֿון 1918), הערסטו דעם פֿיבערדיקן פּולס פֿון יענער צײַט, פֿילסטו די טיפֿע וויברירונגען פֿון דעמאָלטיקן ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכן אָרגאַניזם. מעדעם האָט געשריבן מיט שוווּנג, מיט גלאַנץ, מיט פֿאַרנעם, פֿון אַ קוקווינקל מיט אַ ברייטן האָריזאָנט, מיט אַ פֿאַרבנרײַכער פּערספּעקטיוו: ער פֿלעגט פּאָלעמיזירן דאָ מיט סאַרקאַזם און בײַסיקער איראָניע, דאָ מיט חוזק און ביטול, האָט פֿאַרמאָגט דעם טאַלאַנט אַרויסצושטעלן דעם קעגנער אָדם נאַקעט, אַנטבלויזט פֿאַר אַלעמען — ווײַזן מיט זײַן צינישקייט און פֿאַלשקייט, בייזוויליקייט און ברוטאַלקייט, ווײַזן מיט זײַן נאַרישער לעכערלעכקייט און אומבאַהאָלפֿנקייט און דאָס אַלץ מיט אַ װוּנדערלעכער ייִדישער פֿאָלקסטימלעכער שפּראַך, אָנגעפּערלט מיט העברעיִשע חנוודיקע אויסדרוקן, מיט שאַרפֿע פֿאָלקס־גלײַכווערטלעך, וואָס באַרײַכערן דעם סטיל מיט ניואַנסן און שאַטירונגען. ס׳איז געווען ממש אומגלויבלעך אַז דאָס שרײַבט אַ מענטש, וועלכער האָט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק ערשט גענומען שרײַבן ייִדיש. ביים אָנהויבן אַרויסגעבן די „לעבנספֿראַגן" האָט מעדעם לכתחילה באַשלאָסן, אַז ער וועט מוזן זיך באַהערשן, גובר זײַן אַלע טעכנישע מניעות (נאָר טעכנישע, ווײַל די שפּראַך האָט ער גוט געקענט און פֿלעגט פֿירן אויף איר געשפּרעכן גאַנץ פֿליסיק) און שרײַבן זײַנע אַרטיקלען דירעקט אין ייִדיש, נישט אָנקומען צו אַן איבערזעצער, ווי דאָס איז געווען אין די פֿריִערדיקע יאָרן; האָט ער נאָך אין ערשטן נומער (6טן פֿעברואַר 1916) די אַרטיקלען „צו אונזערע לעזער" און „דער אינטערנאַציאָנאַל און די מלחמה" געשריבן אין ייִדיש נאָר מיט לאַטײַנישע בוכשטאַבן. ס׳איז אים שווער אָנגעקומען די טעכניק צו שרײַבן מיטן ייִדישן

װלאַדימיר מעדעם אין פּױלן

כתב: „די געדאַנקען מיינע יאָגן זיך פאָרויס מיט גרויס אימפּעט און איך מיט מיינע יידישע „קאַטשערעס" קאָן זיי נישט נאָכהינקען", — האָט ער זיך גע־קלאָגט פאַר מיר ווי פאַרן סעקרעטאַר פון רעדאַקציע. אָבער אין ווייטערדיקן נומער האָט ער דעם אַרטיקל „יידיש" שוין אַליין אָנגעשריבן מיט יידישע אותיות און מער שוין צום „לאַטיין" זיך נישט אומגעקערט. דאָס איז לויטן סטיל און פאָרם, שוין נישט רעדנדיק פון אינהאַלט, געווען אַ מייסטערשטיק, פונקט ווי ער וואָלט מיטן סטיל אַליין געוואָלט איבערצייגן די לייענער (און אפשר זיך גופא) אין דער רייכקייט און שיינקייט פון יידיש צוגלייך מיט אַלע אַנדערע קולטור־שפּראַכן; וואָס ווייטער האָבן אויך זיינע יידישע „קאַטשע־רעס" זיך אויסגעגליכן און אויסגעפורעמט און די זעצער האָבן מיט גרויס פאַרגעניגן איבער זיי געאַרבעט.

דאָס זעלבע איז געווען מיט זיינע עפנטלעכע פאַרלעזונגען אין יידיש. מעדעם איז געווען אַ פּרעכטיקער רוסישער רעדנער; פונקט ווי זיין שריפט אַזוי האָט אויך זיין רוסיש וואָרט געגלאַנצט מיט אַלע פּערל פון פאָרם און סטיל. ער האָט אָבער אַ צייט זיך געוואָקלט און געהאַט ספקות, צי ס'וועט אים געלינגען צו האַלטן אויף יידיש אַ גרויסע עפנטלעכע פאַרלעזונג. ווי־דער אַמאָל האָט ער מורא געהאַט, אַז זיינע יידישע ווערטער וועלן נישט קענען נאָכפאָלגן דעם שוווּנג פון זיינע רוסישע געדאַנקען. „כדי צו רעדן אויף יידיש פּערפעקט — פלעגט ער זאָגן — מוז מען טראַכטן נאָר אויף יידיש, אָבער אַזעלכן ווי איך איז שווער בייצוקומען די דערציִונג און די געוווינ־הייט". ער האָט אָבער יאָ בייגעקומען. זיין ערשטע עפנטלעכע פאַרלעזונג אויף יידיש וועגן „יידן און אַסימילאַציע", ביי אַ פול געפּאַקטן קאַמינסקי־טעאַטער אין וואַרשע האָט אַלעמען איבערראַשט מיט איר פּרעכטיקער יידי־שער פאָרם. פאַר דער פאַרלעזונג איז ער דאָך נישט געווען הונדערט פּראָ־צענט זיכער, אַז אַלץ וועט אַראָפּ בשלום; האָט ער געבעטן איך זאָל זיצן אויף דער טריבונע לעבן אים כלומרשט אַלס פאָרזיצער (הגם אַזאַ „אַמט" איז לחלוטין נישט נייטיק געווען) „אין אַן עת צרה — טאָמער וועט מיר אַמאָל אַ וואָרט אויספעלן, וועט איר מיר אַרויסהעלפן". (זיינע בוכשטעבלעכע ווערטער). די פאַרלעזונג האָט געדויערט קנאַפּע צוויי שעה, ס'איז נישט גע־ווען וואָס אים „אַרויסצוהעלפן", זיין פליסיקער פאַרבנרייכער יידיש האָט באַצויבערט אַלע צוהערער, צווישן זיי די גאַנצע וואַרשעווער יידישע אינ־טעליגענץ, וועלכע האָט באַוווּנדערט דעם „גוי", וואָס רעדט אַזאַ שיינעם יידיש און נאָך אויף אַזאַ טעמע ווי „יידן און אַסימילאַציע".

אַ האַלב עפנטלעכן אַרויסטריט אויף יידיש האָט מעדעם געהאַט מיט אַ קורצער צייט פאַר דעם. די געזעלשאַפט פון יידישע לערער אין וואַרשע האָט צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון פאַרשטייער פון יידישע געזעלשאַפטן און פּאַרטייען וועגן דער שולפראַגע. מעדעם איז געווען אָנוועזנד מיט דער דעלעגאַציע פון צ. ב. פון די פּראָפ. בראַנזשע־פאַראייגען און ער האָט אין

קורצע ווערטער באַגרינדעט זייער רעזאָלוציע אין דער שולפֿראַגע, אין וועלכער ס'זענען געווען פֿאָרמולירט די פּאָסטולאַטן פֿון „בונד" (יידישע אונטערריכט־שפּראַך, וועלטלעכער כאַראַקטער, אויפֿן חשבון פֿון דער מלוכה אָדער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג, שול־אויטאָנאָמיע אאַז"וו). דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל נאָך זיין באַפֿרייונג, ווען ער איז זיך צונויפֿגעקומען פּנים אל פּנים מיט די פֿאָרשטייער פֿונם פּוילישן יידנטום.

פֿון דאַן אָן, אין משך פֿון פֿיר יאָר, איז נישט געווען קיין איין מער־וויניקער גרעסערער פּונקט אין פּוילן, ווו מעדעם זאָל נישט האָבן געהאַלטן אַ פֿאַרלעזונג, אָדער אַרויסגעטרעטן אויף אַ וואַלמיטינג. זיין באַזוך אין אַ שטאָט איז געווען אַן אמתער יום־טוב ביי די פֿאָלקס־מאַסן און אינ־טעליגענץ, וועלכע האָבן איינגעזאַפּט אין זיך זיינע גייסטרייכע געדאַנקען וועגן די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פֿון יידישן לעבן, געלערנט זיך פֿאַרשטיין די הײנטיקע וועלט און איר סאָציאַלע אָרדענונג, און זען די וועגן און פּערספּעקטיוון פֿון אַ נייער וועלט.

ס'האָט זיך דאַן אָנגעהויבן די אָפּענסיווע פֿון יידישן אַרבעטער־קלאַס אויף אַלע געביטן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן; מעדעם האָט געפֿירט די דאָזיקע אָפּענסיווע מיט וואָרט און שריפֿט, געווען איר גלענצנדיקער אויסדרוק, איר טריבון, קיין איין ריכטונג אויף דער יידישער גאַס, קיין איין וואָגיקע יידישע אינסטיטוציע האָט נישט אויסגעמיטן זיין שאַרפֿע קריטיק. זיינע כאַראַקטעריסטיקעס זענען געווען טרעפֿלעך, זיין אַנאַליז שניידיק, מאַנכע שלאָגווערטער זיינע זענען געוואָרן כלל־נעמען, מיט וועלכע קעגנער און אָנהענגער פֿלעגן זיך באַנוצן ביים כאַראַקטעריזירן די אָדער יענע אינסטיטוציע, די אָדער יענע געזעלשאַפֿטלעכע ריכטונג. אָט איז, למשל, אַ כאַראַקטעריטיק פֿון דער וואַרשעווער יידישער קהילה (גמינע):

> „אַ מתים־שטיבל, עפּעס רוחות גייען דאָרטן אַרום, בלאַסע שאָטנס, אָן אַ טראָפּן וואַרעם בלוט, אָן אַ פּיצל פֿילנדיקע נערוון, שאַפֿנדיקע לעבנס־קראַפֿט. אַ הייפֿל אַסימילאַטאָרן און חסידישע שטיבל־פּאָליטיקער האָבן געשלאָסן אונטער פֿיר אויגן, הינטער דעם רוקן פֿון פֿאָלק, אַ קאָנטראַקט און אַריינגעכאַפּט בשותּפֿות די מאַכט („לעבנספֿראַגן" נומער 8, 1916).

מתים־שטיבל — דאָס איז פֿון דעמאָלט אָן געוואָרן אַ באַפֿליגלט ווערטל, אַ כלל־נאָמען פֿאַר דער צעפֿוילטער און פֿאַרשימלטער וואַרשע־ווער קהילה.

אַ זעלטן געראָטענע כאַראַקטעריסטיק האָט ער געגעבן דעם אַ. ג. פּראָלעטאַרישן ציוניזם, באַנוצנדיק זיך מיט אַ מיליטערישן טערמין, וואָס מען פֿלעגט דאַן יעדן טאָג געפֿינען אין די אָפֿיציעלע מלחמה־קאָמוניקאַטן פֿון די שלאַכט־פֿראָנטן: „בריקנקאָפּ". דאָס באַטייט אַן אַרויסגערוקטע פּאָזיציע טיף אין לאַגער פֿון שונא, פֿון וואַנען מ'קאָן אים לייכט באַשיסן און זען און וויסן אַלץ, וואָס ביי אים טוט זיך. דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם,

די פועלי־ציון, לויט מעדעמס כאַראַקטעריסטיק, איז אַזאַ מין „בריקנקאָפּ״, אַן אַרויסגערוקטע פּאָזיציע פֿון בורזשואַזן ציוניזם, ס׳מיינט פֿון בורזשואַזן לאַגער טיף אין לאַגער פֿון אַרבעטער־קלאַס, — אַ פּאָזיציע פֿון וואַנען דער בורזשואַזער קלאַס קען לייכט, דורך נאָענטע קאָנאַלן אויסאיבן זיין אייג־פֿלוס אין אַרבעטער־לאַגער, צעמישן זייערע רייען, זיי דעמאָראַליזירן און באַדייטיק אָפּשוואַכן זייער קאַמפּספּעיִקייט ווי פֿון אַ קעגנערישן קלאַס, וואָס האָט אויף אַלע געביטן זיינע קעגנערישע צילן און שטרעבונגען. „בריקנקאָפּ״ איז געוואָרן אַ שלאַגוואָרט ביי די קעגנער פֿונם פּראָלעטאַרישן ציוניזם; מיר פֿלעגן אים כסדר הערן אויף אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונגען, לייענען אין „לעבנספֿראַגן״, ווו אַ פּראָווינציעלער קאָרעספּאָנדענט קלאָגט זיך, אַז די פּ. צ. האָבן ביי אים אין שטעטל פֿאַרלייגט אַ „בריקנקאָפּ״ אין דער פֿאָרעם פֿון אַזאַ און אַזאַ פֿאַראיין אָדער אינסטיטוציע.

דער קאַמף פֿון „בונד״ קעגן ציוניזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען האָט דאַן געפֿלאַקערט אין פּוילן און האָט, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, פֿאַרנומען אַ הויפּטפּלאַץ אין מעדעמס פּובליציסטיק. באַזונדער האָט איין אַרטיקל א. ב. „דאָס איז דער ציוניזם״ (געשריבן אין 20טן יולי 1917) געמאַכט אַזאַ גוואַלדיקן רושם, אַז די גאַנצע דעמאָלטיקע יידישע פּרעסע, בראָש מיטן ציוניסטישן „גלאָס זשידאָווסקי״ און „דאָס יידישע פֿאָלק״ האָבן חדשים לאַנג נישט אויפֿגעהערט וועגן דעם צו שרייבן.[2]

„אַ ייד האָט געחלשט פֿון הונגער אויף דער גאַס. ווער אַכטעט דערויף? אַ טאָג־טעגלעכע זאַך! אָבער בעת ער איז געלעגן אין חלשות אויפֿן טראָטואַר, איז גראָד איבער זיין קאָפּ געהאָנגען אויף דער מויער אַ גרויסער און ברייטער בלויער פּלאַקאַט; און מיט גרויסע פֿעטע, שוואַר־צע אותיות האָט דער פּלאַקאַט גערופֿן די יידן פֿון פּוילן צו שטיצן די מלחמה־געליטענע באַפֿעלקערונג אין . . . ארץ־ישראל.

יונגע לייט זענען געלאָפֿן איבער די גאַסן מיט בלוי־ווייסע צייכנס און מיט פּושקעס אין די הענט, פֿאַרזאָרגט און פֿאַרדאגהט, צו העלפֿן די אָרעמע ברידער אין פּאַלעסטינע — און דער וואַרשעווער ייד איז גע־לעגן אין חלשות אונטער דעם גרויסן פּלאַקאַט מיט זיינע פֿעטע, שרייענדיקע שוואַרצע אותיות.

דאָס איז דער ציוניזם״.

אַזוי איז דער אַריינפֿיר צום אַרטיקל. און ווייטער גייט דער טיפֿער אַנאַליז פֿונם יסוד פֿון ציוניזם און זיין מהות, וואָס דער פֿון הונגער געחלשטער ייד אונטערן בלוי־ווייסן פּלאַקאַט אילוסטרירט אַזוי טרעפֿלעך.

---

[2] אין אַ פּאָלעמישן אַרטיקל („צוויי פּאָנען״, לעבנספֿראַגן, נומ׳ 31, 1917), ענט־פֿערנדיק דער פּרעסע אויפֿן גאַנצן טומל, וואָס דער דערמאָנטער אַרטיקל האָט אַרויס־גערופֿן, ברענגט מעדעם די ווייטערדיקע ציטאַטע פֿון „דאָס יידישע פֿאָלק״: „הערט נישט וואָס מעדעם רעדט, ער איז אַ גוי״ און ער גיט צו: „איך באַגנוגן זיך בלויז מיט פֿאַר־נאָטירן די דאָזיקע מיאוסקייט״.

אַט דער שרייענדיק־בולטער קאָנטראַסט צווישן „דאָ" און „דאָרטן", נאָך מער — אַט דאָס בויען דאָרטן אויפֿן חשבון פֿון דאָ — „אויף די חורבות פֿונם היגן איינציק עקסיסטירנדיקן, אמתדיקן יידישן לעבן דאָ אין לאַנד, אַט דאָס אומקערן זיך מיטן רוקן צו די ליידן און צו דער נויט פֿון דעם אמתדיקן היינטיקן יידישן פֿאָלק אין אַ צייט, ווען מען מוז אָנשטרענגען די גרעסטע מעגלעכע כוחות אין קאַמף פֿאַר בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט, אין קאַמף פֿאַר פֿרייהייט און דעמאָקראַטיע", — דאָס איז געווען די שווערע באַשולדיקונג מיט וועלכער מעדעם איז אַרויסגעטרעטן, און זי האָט אויפֿגערודערט די גאַנצע יידישע וועלט אין פּוילן „די ציוניסטישע אַגיטאַציע — פֿאַרענדיקט מעדעם דאָס אַרטיקל — באַפֿאַלט אונדז ווי מיט אַ שטאָך אין רוקן אין אונדזער קאַמף, אין אונדזער אַרבעט. מיר קאָנען נישט און טאָרן נישט דאָס דולדן שווייגנדיק. אַנטקעגן די פֿאַרשפּרייטער פֿון דער ציוניסטישער מגפֿה מוזן מיר און וועלן מיר שטענדיק אַרויסטרעטן, וואָרנענדיק, רופֿנדיק און קעמפֿנדיק פֿאַר אונדזער זאַך".

אין משך פֿון יאָר 1918 (נאָך דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע), ווען דער ציוניסטישער טאַראַראַם אַרום פּאַלעסטינע האָט דערגרייכט דעם העכסטן זיד־פּונקט, האָט מעדעם נאָך מיט מער קראַפֿט און פּאַטאָס געהאַלטן אין איין אַטאַקירן די אַזוי גערופֿענע „קעגנוואָרט־אַרבעט" פֿון ציוניזם, אויפֿווייזן אירע אינערלעכע סתירות, פֿאַלשקייט, איר אידעיִשע באַנקראָטקייט און אומקאָנסעקווענטקייט. אַט שרייבט דאָס ציוניסטישע „יידישע פֿאָלק" אין וואַרשע וועגן די קהילה־וואַלן, „אַז די יידישע קהילה דאַרף ביי דער איצטיקער צייט האַלטן דאָס פּנים געווענדט קעגן מזרח;" אַט באַשליסט די מינסקער קהילה איינפֿירן העברעיִש אַלס אָפֿיציעלע שפּראַך; אַט גראָבן אונטער די אוקראַיִנער ציוניסטן מיט זייער פֿאַרעקשנטן העברעיִזם די יסודות פֿון דער דערוואָרבענער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע; אַט רופֿט דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון די פּ. צ. אין אַמעריקע צו „אָרגאַניזירן זיך שוין איצט אַלס גרויסע אַרבעטער־קראַפֿט, אויסקלייבן די מוטיקסטע, וואָס זאָלן שוין איצט גרייט זיין ביי דער ערשטער מעגלעכקייט צו פֿאַרלאָזן דעם גלות און אויסוואַנדערן אין לאַנד פֿון אונדזער צוקונפֿט" (ציטירט לויט בערלינער „יידישע רונדשוי", נ' 21, 1918), און נאָך און נאָך ענלעכע „מוסטערן" פֿון דער ציוניסטישער „קעגנוואָרט־אַרבעט". שרייבט דערויף מעדעם מיט בייסיקן סאַרקאַזם:

„... די ציוניסטן זענען גערעכט, זיי האָבן דערפֿילט זייער ציוניסטישן חוב. די שולד טראָגט — דער ציוניזם. שולדיק איז אַן אידעאַל, וועלכער מוז (אויף וויפֿל ער בלייבט פֿעסט און אויסגעהאַלטן) פֿאַרלייקענען די פֿאָלקס־שפּראַך, באַקעמפֿן דאָס איינציקע, לעבעדיקע געצייג פֿון דער פֿאָלקס־קולטור! שולדיק איז אַ פּאַרטיי, וואָס קאָן בלייבן טריי איר ציל, בלויז אָפּרייסנדיק זיך פֿון די באַדערפֿענישן פֿון פֿאָלקס־לעבן,

און וואָס קאָן באַדינען די דאָזיקע באַדערפֿענישן בלויז פֿאַרראַטנדיק אירע אייגענע אידעאַלן.

„...אַן אויפֿריכטיקער און קאָנסעקווענטער ציוניסט איז שטענדיק גערעכט — פֿונם אויסגעהאַלטענעם ציוניסטישן שטאַנדפּונקט. ער מוז אָבער וויסן, אַז קוים שטעלט ער זיך אויפֿן ציוניסטישן שטאַנדפּונקט, מוז ער שוין טראָגן אויף זיך די שווערע לאַסט פֿון די לאָגישע פֿאָלגן: ער מוז זיין פּרינציפּיעל קעגן די פֿולע רעכט פֿון דער יידישער שפּראַך, ער מוז — דורך דעם אַליין — שטעלן זיך אין וועג פֿון די יידישע מאַסן, וואָס קעמפֿן פֿאַר זייערע נאַציאָנאַלע רעכט; ער מוז איגנאָרירן די קולטורעלע באַדערפֿענישן פֿונם פֿאָלקס־לעבן, ער מוז, ווייל ער איז אַ ציוניסט. און דעריבער האָב איך נישט קיין טענות צו די ציוניסטן, און דעריבער באַקעמף איך דעם ציוניזם. („די ציוניסטן זענען גערעכט" — 26טן יולי 1918].

„...צי קלינגט דאָס נישט ווי אַ בלוטיקע איראָניע, ווי אַ ציניִשער חוזק, בעת די בירגערלעכע אָדער פּראָלעטאַרישע ציוניסטן — אַלע איינס — מאַכן אַן אָנשטעל אויף צו קעמפֿן עפּעס וועגן אונזערע רעכט דאָ, אין גלות? זיי, וואָס זייערע אויגן, זייער פּנים, זייער גאַנץ האַרץ איז „געווענדעט קעגן מזרח", — זיי, וועמענס גאַנצער גלויבן, גאַנצער בטחון, גאַנצע ענערגיע און ליידנשאַפֿט מוז זיך אויסגיסן אַהין, אויף די ווייטע פּאַלעסטינער ברעגעס, נישט איבערלאָזנדיק אַפֿילו קיין שיריים פֿאַרן שטאַרבנדיקן גלות! איך זאָג „מוז", ווייל אַזוי איז די אייזערנע לאָגיק פֿון אַ קאָנסעקווענטן, אויסגעהאַלטענעם, אויפֿריכטיקן און ערלעכן ציוניסט. און איך רעד דווקא וועגן דעם ערלעכן קעגנער, און דווקא וועגן דעם וואָס איז ערלעך צו זיך אַליין.

„...רייזע־הכנות, רייזע־פֿיבער! פּאַקט זשע די זאַכן! קערט זיך אום מיטן רוקן צו אונזער לעבן, צו אונזער קאַמף, צו אונזערע שמחות און אונזערע זאָרגן. גייט מיט אייער וועג. איר פֿאַרלאָזט דעם „גלות"? גוט! לאָזט זשע אים צו רו, מישט זיך נישט אין זיינע עסקים, וואַרפֿט אונז נישט פֿונם פֿענסטער פֿון אייער וואַגאָן גרויסמוטיקע נדבות, רעדט נישט וועגן כלומרשטן פֿאַרטיידיקן אונזערע רעכט. פֿאָרט געזונטערהייט און קוקט זיך נישט אום. איר האָט דאָ נישט וואָס צו זוכן, איר זענט דאָ פֿרעמד, איר זענט דאָ געסט — איר האָט דאָס אַליין געזאָגט. מיר אָבער — מיר וועלן דאָ בלייבן, אַרבעטן און קעמפֿן, און דאָס לעבן וועט בלייבן מיט אונז" („רייזע־פֿיבער", 12טן יולי 1918).

קערן מיר זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע פֿון דער היינטיקער צייט און וואַרפֿן אַ בליק אויף יענע יאָרן (1917 — 1918), טראַכטן מיר זיך אַריין אין יענעם צייט־פּעריאָד — וווּנדערן מיר זיך נישט אויף דעם אימפּעט און פֿאַרנעם פֿון אַזאַ קאַמפּאַניע. איז דאָך דאָס געווען שוין דאָס פֿערטע יאָר פֿון מעדעמס טעטיקייט אין פוילן, עד האָט פֿאַר דער צייט זיך צוזאַמענגעוואָקסן מיט די יידישע אַרבעטער־מאַסן, ער פֿלעגט זיך טאָגטעגלעך טובל זיין אין די לעבנס־טיפֿענישן, נויטן און באַדערפֿענישן, געפֿילט אויף זיך דעם הייסן אָטעם פֿון זייערע ווונטשן, פֿאַרלאַנגען און שטרעבונגען, געוואָרן באַאיינפֿלוסט פֿון זיי און צוריק געווירקט אויף זיי

און פֿאַר זיי. אַט דאָ ליגט דער מקור פֿון זיין מוט, התלהבות, באַגייסטערונג, דאָ איז דער שורש פֿון זיין טעמפּעראַמענט, אימפּעט און פֿאַרנעם.

דורך און דורך יידישער סאָציאַליסט, האָט מעדעם טיף באַנומען די ראָלע און באַטייט פֿון דער יידישער ליטעראַטור, פֿון אַ רייכער יידישער קולטור אינם לעבן פֿון די יידישע מאַסן אין זייער קאַמף פֿאַר דערהייבונג און דערלייזונג. מיר פֿאַרשטייען דעריבער, ווי אַזוי ס'האָבן זיך ביי אים געקענט אויסגיסן אַזעלכע וואַרעמע צויבער־ווערטער וועגן פּרצן צו זיין ערשטן יאָרצייט:

„...אַריינגענומען, אַריינגעזאַפּט האָט ער אין זיך דאָס ברייטע, רייכע פֿאָלקס־לעבן, — מעג זיין נישט דאָס גאַנצע, נאָר אונזער לעבן איז דאָס פֿאַרט געווען. אַריינגעזויגן, באַהאַפֿטן מיט שיינקייט — און ווידער אונז צוריקגעשענקט. פֿון אונז האָט ער גענומען, ביי אונז האָט ער גע־שעפּט יענע קאָסטבאַרע מתנות, מיט וועלכע ער האָט אונז באַשאָנקן.

„...אונזערע נשמות זענען געווען אין אים און ער איז געוואָרן אַ טייל פֿון אונזערע נשמות. און אין דעם זינען איז ער אונזער... די אַרבעטער־נויט און די אַרבעטער־פּיין האָט ער געפֿילט. און אַ דורשט נאָך יושר און אַ געשריי נאָך דערלייזונג הערט זיך אַרויס פֿון זיינע ווערק: אונזער דורשט און אונזער געשריי.

„...דער גרויסער דיכטער האָט אונז געגעבן די אוצרות פֿון זיין רייכן, הייסן, שטורעמדיקן האַרץ. און מיר זענען אויך געוואָרן רייכער און שענער און גרעסער, און אַלץ העכער הייבט זיך אויף דער קאָפּ, און שטאַרקער שלאָגט דאָס אויפֿגעוואַכטע האַרץ, און דער אויסגעקרומטער, איינגעבויגענער רוקן פֿונם אַמאָליקן „באַנציע" ווערט גראָד, פֿעסט און שטאָלץ" („פּרץ און מיר", „לעבנספֿראַגן", 21טן אַפּריל 1916).

מעדעם האָט צוזאַמען געאַרבעט מיט י. דינעזאָנען אויפֿן געביט פֿון שולוועזן, פֿון שאַפֿן די קינדערהיימען און זיי אויסהאַלטן, האָט דערויף זייער פֿיל צייט אָפּגעגעבן און האָט דערביי זיך אינטים באַפֿריינדעט מיט דינעזאָנען; אַט דער געקומענער „פֿון דער פֿרעמד" האָט געקאָנט אַזוי לייכט זיך איינלעבן מיטן עכט פֿאָלקסטימלעכן שרייבער און מענטש, אַזוי טיף פֿאַרשטיין זיין מהות, זיין געמיט און שרייבן אויף זיין קבר אַזעלכע האַרציקע ווערטער:

„...עס זענען פֿאַראַן היילקייטן אין לעבן און אין דער מענטש־לעכער נשמה, און יעדער מענטש מוז האָבן זיין קדשי קדשים... אַ שטילער ריינער מענטש, אַ מענטש אין וועמענס האַרצן האָט געלעבט די מילדע וואַרעמע, ליכטיקע היילקייט. פּרצס אלמנה האָט געשריבן דאָס רירנדיקע, טיפֿע וואָרט: „מיט דינעזאָנס טויט איז מיר פּרץ צום צווייטן מאָל געשטאָרבן". ס'איז טאַקע געווען יענע זעלטענע פֿריינדשאַפֿט ווען צוויי מענטשן ווערן איינס. ווער עס קאָן זיין אַזאַ פֿריינד, דער האָט אין זיין נשמה אַ קדשי קדשים. און זיין ליבע צו קינדער. ווי אַ רויטער פֿאָדעם ציט זיך די דאָזיקע ליבע דורך זיין לעבן, אָנהייבנדיק מיט „יאָסעלען", וועגן וועלכן ער האָט געשריבן, און ענדיקנדיק מיט די הונדערטער יאָסעלעך, פֿאַר וועלכע ער האָט געזאָרגט. אַ קינדער־נשמה האָט אין זיך די שטילע ריינ־

קייט און הייליקייט, מיט וועלכער זי באַשטראַלט די אַרומיקע וועלט, מיט וועלכער זי באַלייכט און פֿאַראיידלט אונז אַלעמען. דער אַלטער, גרייז־גרויער דינעזאָן האָט פֿאַרמאָגט די דאָזיקע קינדערשע נשמה.

זאָל זשע איצט דאָס ביסל מענטשלעכע ווערטער, געשריבן מיט ליבע, דורכגעפֿלאָכטן מיט טרויער, געטראָגן מיט צאַרטקייט און אַכטונג, — אַראָפּנידערן אַלס אַ קראַנץ פֿון מיר אויפֿן טייערן פֿרישן קבר" („לעבנס־פֿראַגן", 3טן סעפּטעמבער 1919).

*

אַ באַזונדערס אינטערעסאַנטער קאַפּיטל פֿון מעדעמס לעבן און טעטיקייט אין פּוילן — דאָס זענען די שטאָטראַט־וואַלן אין אַ ריי גרעסערע שטעט מיט גרויסע יידישע קיבוצים. צום ערשטן מאָל זענען ברייטע יידישע מאַסן אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ וואַל־קאַמף, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַשיימפּערלעך אָפּגעשפּיגלט זייערע ברייטסטע לעבנס־אינטערעסן. די שטאָט־פֿאַרוואַלטונגען אין יענע יאָרן פֿון מלחמה און אָקופּאַציע זענען געווען די צענטערס פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, אין זייערע הענט איז גע־לעגן די שפּייז־באַזאָרגונג פֿון כמעט דער גאַנצער באַפֿעלקערונג, די באַפֿרי־דיקונג פֿון אירע קולטור־נויטן און באַדערפֿענישן. די יידישע מאַסן האָבן ביטער געפֿילט דעם טעם פֿון נישט האָבן קיין שום איינפֿלוס אויף דער פֿירונג פֿון די שטאָטישע אינטערעסן, פֿון זיין אָפּהענגיק פֿון „רחמנות"־טיש פֿון די שטאָטישע אַנטיסעמיטישע מאַכטהאָבער. האָבן זיי זיך אַריינגעוואָרפֿן אין וואַל־קאַמף מיט אַ גוואַלטיקן ברען און אימפּעט. גראַנדיעזע מאַסן־מיטינגען, וואַל־ליטעראַטור, הייסע דיסקוסיעס מיט פֿיינט אין בירגער־לעכן לאַגער, מיט קעגנער אין אַרבעטער־לאַגער גופֿא האָבן אָנגעגליט די געזעלשאַפֿטלעכע אַטמאָספֿער אין אַלע ערטער, וווּ דער וואַלקאַמף האָט זיך צעפֿלאַקערט.

מעדעם האָט געפֿירט די וואַל־קאַמפּאַניע אין וואָרט און אין שריפֿט. די נומערן „ל"פֿ" פֿון יענער צייט (צווייטע העלפֿט 1916) זענען פֿול מיט זיינע פּרינציפּיעלע אַרטיקלען וועגן די אויפֿגאַבעס פֿון די שטאָטראַטן און זייער באַטייט, מיט קריטיק פֿון דער וואַל־אָרדינאַציע ווי זי איז, און אויפֿקלערונג ווי זי וואָלט געדאַרפֿט זיין, מיט שאַרפֿזיניקער פּאָלעמיק אויפֿן גאַנצן וואַל־פֿראָנט מיט אַלע קעגנערישע ריכטונגען און פּאַרטייען. פֿון יעדן זייטל, פֿון יעדער שורה האָט געברויזט ממש מיט קאַמף־ווילן, קאַמף־ענערגיע, קאַמף־מוט; ס'האָט זיך באַדייטיק געפֿילט די גוואַלטיק אויפֿ־געשטיגענע געזעלשאַפֿטלעכע וואָג פֿון יידישן אַרבעטער־קלאַס. נישט געווען קיין איין שטאָט ווו וואַלן האָבן געדאַרפֿט פֿאָרקומען, אַז מעדעם זאָל דאָרטן נישט אַרויסטרעטן אויף וואַל־מיטינגען. זיין אָנקומען אין אַזאַ שטאָט האָט אויפֿגערודערט אַלע געזעלשאַפֿטלעכע שיכטן. מעדעם האָט פֿאַרמאָגט די קונסט זיך אַריינצופּאַסן אין דער שטימונג פֿון דער מאַסע, זיך צוזאַ־מענגיסן מיט איר, פּסיכאָלאָגיש אַזוי ווירקן אויף איר אַז ס'זאָל זיך באַקומען

דער איינדרוק, אַז דאָס רעדט דורך אים דער גאַנצער פֿאַרזאַמלטער דאָ קאָלעקטיוו, ווי ער וואָלט געוואָרן מיט אים איין גוף און איין נשמה. און דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אויך אין די אויסערלעכע פֿאָרמען פֿון זיין האַלטונג אויף דער טריבונע, אין זיין פּנים, אין זיינע אויגן, אין זיין גאַנצן קערפּער. אָט רעדט ער אין שטילע טענער, שטייט ווי איינגע־בויגן, דעם קאָפּ אַריינגעצויגן אין די פּלייצעס — דאָס שילדערט ער דאָס שווערע לעבן פֿון זיינע צוהערער, רעדט צו זייער האַרץ, צו זייערע געמיטער, ווערט אַלץ מער איינגעבויגן, איינגעהויקערט, פּונקט ווי ער וואָלט מיט זיין גאַנצער פֿיגור סימבאָליזירט דעם גאַנצן הויקער פֿון צרות און פּיין, וואָס זיי טראָגן אויף זיך. און אָט דונערט שוין זיין שטים מיט די העכסטע קלאַנגען, דער רוקן אויסגעגלייכט, דער קאָפּ שטאָלץ, די אויגן פֿול גלאַנץ — דאָס צינדט ער אָן אין דער פֿינצטערניש פֿון זייער לעבן דאָס ליכט פֿון דער גרויסער אידעע, שילדערט די העלע פּערס־פּעקטיוון פֿון אַ ליכטיקער צוקונפֿט, עפֿנט פֿאַר זיי די ברייטע הערלעכע האָריזאָנטן פֿון סאָציאַליסטישן אידעאַל; די ייִדישע מאַסן האָבן דאַן באַ־שיימפּערלעך געפֿילט, אַז מיט מעדעמען האָבן זיי ווי אָדלער־פֿליגלען באַקומען, וואָס רייסן זיך מיט זיי דורך די בליי־שווערע פֿינצטערע וואָלקנס אין די בלויע ליכטיקע הימלען אַריין.

ביי די שטאָטראַט־וואַלן אין וואַרשע איז געשלאָסן געוואָרן אַ סאָציאַ־ליסטישער בלאָק צווישן „בונד" און דער לינקער פּפּ"ס (פּפּ"ס־לעוויצאַ). ווי געוויינטלעך ביי אַזאַ מין בלאָק, האָט יעטוועדער צד געמוזט מוותּר זיין אויף וועלכן נישט איז פּונקט פֿון זיין פּראָגראַם, וואָס אונטערשיידט אים פֿון צווייטן צד, און ס'זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין דער געמיינזאַמער פּלאַטפֿאָרם מער יענע פּאָסטולאַטן, וואָס זענען געווען געמיינזאַם פֿאַר ביידע פּאַרטייען. ביי דער שאַרף נאַציאָנאַליסטישער אַטמאָספֿער, וואָס סיי אויף דער פּוילישער סיי אויף דער ייִדישער גאַס, האָט דאָס בילדן דעם בלאָק געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן באַטייט פֿאַר דער קאָנסאָלידירונג פֿון די אינטערנאַציאָנאַלע שטימונגען אינם אַרבעטער־לאַגער, ווי דעם ייִדישן אַזוי דעם פּוילישן. דער בלאָק האָט אַדורכגעפֿירט אין שטאָטראַט דעם ערשטן קאַנדידאַט פֿון דער ליסטע, אַ פּעפּעסאָוויעץ, פֿאַר דעם צווייטן בונדישן קאַנדידאַט האָט אויסגעפֿעלט אַ פּאָר הונדערט שטימען. דאָס האָט אַרויסגע־רופֿן אַ פֿאַרשטענדלעכע קאָנסטערנאַציע אין בונדישן לאַגער, בפֿרט נאָך, וואָס טאָקע צוליבן בלאָק האָט דער „בונד" בעת דער וואַל־קאַמפּאַניע גע־האַט אויסצושטיין גוואַלדיקע, אָפֿט מאָל נישט גאָר איידעלע אַטאַקעס מצד דעם ייִדיש־בירגערלעכן און אַזוי גערופֿענעם פּראָלעטאַריש־ציוניסטישן לאַגער.

מעדעם איז דאַן אַרויסגעטראָטן אין די „לעבנספראַגן" מיט אַ ריי אַרטיקלען אין זיין שטענדיקער אָפּטיילונג „פון מיין נאָטיץ־בוך",[3] אין וועלכע ער וואָרנט אונז אַז די פּאַרטיי איז באַגאַנגען אַ פעלער, וואָס ביים שליסן דעם בלאָק האָט זי נישט געפאָדערט אולטימאַטיוו אַריינצושטעלן אין וואַל־פּלאַטפאָרם די צווייטע פּראָגראַם־פּונקטן: נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע און דאָס רעכט אויף שבת־רו. ער קלאָגט זיך דערביי, אַז ביים יידישן אַרבעטער איז די נאַטירלעכע בענקשאַפט נאָך פאַראייניקונג, נאָך אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט אַזוי גרויס און שטאַרק, אַז ער איז אָפּט מאָל גרייט צוליב דעם מקריב צו זיין די ברענענדיקסטע לעבנס־נויטן זיינע, און אַט די בענקשאַפט בלייבט, לײַדער, אַן אַ געהעריקן ענטפער, די ליבע איז אַן אמתער קעגנזייטיקייט. „ס'איז אַן אמתע קללה — שרייבט ער — וואָס ליגט אויף אונז שוין לאַנגע, לאַנגע יאָרן, אַז כמעט אַלע מאָל ווען עס קומט צו אונטערהאַנדלונגען וועגן עפּעס אַ פאַראייניקונג, זענען מיר דאָס שטענדיק די וויכע, און ער, דער צווייטער צד, איז שטענדיק דער האַרטער, דער איינגעשפּאַרטער, מיר זענען שטענדיק די וואָס גיבן נאָך." („לעבנספראַגן", 22טן סעפּטעמבער 1916.

מעדעם איז אין דער פראַגע געווען אין דער מינדערהייט. די שטעלונג פון דער פּאַרטיי־מערהייט האָט פאַרטיידיקט דער דאָ נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער ח' נח אין צוויי אַרטיקלען (נ. 36 — 38 „ל"פ") א. נ. „צי האָבן מיר באַגאַנגען אַ פעלער". ער האָט אויפגעוויזן, אַז פאַקטיש איז דער קאָנקרעטער, פּאָזיטיווער אינהאַלט פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע אויסגעדריקט אין אַ ריי קאָנקרעטע פאָדערונגען (רעכט פאַר יידיש, יידישע שולן אויפן חשבון פון שטאָט, יידיש אין די שטאָטישע אַמטן אאַז"וו), וועלכע זענען פאָרמולירט אין דער געמיינזאַמער וואַל־פּלאַטפאָרם; וואָס שייך דער נאָכגיביקייט, ציטירט ח' נח דעם רעזאָלוציון טייל פון מעדעמס אַ ריי אַרטיקלען אין 1906, ווען ס'איז געשטאַנען די פראַגע וועגן דער ווידער־פאַראייניקונג מיט דער רוסל. ס. ד. אַ. פּ.; מעדעם איז דאַן אויך געווען „נאָכגיביק" און האָט שטאַרק פאַרטיידיקט די שטעלונג פון די אַנהענגער פון פאַראייניקונג (די א.ג. וויכע). פאַר מעדעמען אין יענער צייט אין פוילן איז אָבער געשטאַנען די פּערספּעקטיוו פון אַ שאַרפן קאַמף אויפן נאַציאָנאַלן באָדן, וואָס וועט קומען אין רעזולטאַט פון די ראַדיקאַל זיך ענדערנדיקע פּאָליטישע באַדינגונגען, מיט וואָס ס'האָט שוין דאַן זיך אָנגעהויבן אָנפילן די פּאָליטישע אַטמאָספער; ער האָט דעריבער געהאַלטן, אַז מען האָט געמוזט אַזאַ קאַרדינאַלן פּראָגראַם־פּונקט ווי נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע אַרויסשטעלן אָפן, פּאָפּולאַריזירן אים טאַקע בעת די וואַלן, ווען אין

[3] די רעדאַקציע האָט דאָס מאָל צוגעגעבן אַ באַמערקונג, אַז פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג איז פאַראַנטוואָרטלעך נאָר דער מחבר.

קאַמף זענען אַריינגעצויגן געוואָרן גרויסע מאַסן און זיי האָבן געמוזט האָבן אַ געניטערן באַגריף וועגן נאַציאָנאַלן פּראָגראַם פֿון „בונד״.

מעדעם איז געווען מיט זיין גאַנצן האַרצן פֿאַר אַ ברייטער קולטור־טעטיקייט צווישן די יידישע מאַסן. ער האָט געהאַלטן, אַז אויף דעם געביט דאַרפֿן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער גיין צוזאַמען (פֿאַרשטייט זיך, איינהאַל־טנדיק זייער פּרינציפּיעלע שטעלונג) אין געוויסע פֿאַלן מיט בירגערלעכע עלעמענטן, וועלכע אַרבעטן אויך אויפֿן קולטור־געביט. פֿאַקטיש האָט עס דע־מאַלט געהייסן די פֿאָלקס־פּאַרטיי. ער האָט געפֿירט צוזאַמען מיט די פֿאָלקיס־טישע עלעמענטן די פּעטיציע־קאַמפּאַניע צו דער דייטשער מאַכט פֿאַר אַ יידישער שול און איז אַרויסגעטראָטן צוזאַמען מיטן פֿירער פֿון די פֿאָלקיסטן נח פּרילוצקי אויף אַ גראַנדיעזן מיטינג. וואָס האָט געעפֿנט די פּעטיציע־קאַמ־פּאַניע. מיטן דאָזיקן געמיינזאַמען אַרויסטריט זענען דאַן מאַנכע אין דער פּאַרטיי שטאַרק געווען אומצופֿרידן, אָבער די פּאַרטיי אין גאַנצן האָט קיין אָפֿיציעלע שטעלונג אין דער פֿראַגע נישט פֿאַרנומען. בעת אָבער די פֿאָל־קיסטן האָבן (1917) צונויפֿגערופֿן אַ קולטור־קאָנפֿערענץ איז מעדעם געווען דערפֿאַר, אַז אויך די בונדישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיך אין דער דאָ־זיקער קאָנפֿערענץ באַטייליקן. די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָבער אַרויסגעזאָגט קעגן דעם און מעדעם מיט נאָך צוויי חברים האָבן געקאָנט ביייווינען די קאָנפֿערענץ נאָר צוליב אינפֿאָרמאַציע־צוועקן, אָבער זיך נישט באַטייליקן אין אירע אַרבעטן.

*

די ראַדיקאַליזאַציע פֿון די שטימונגען ביי די יידישע אַרבעטער אין פּוילן איז אַוועק מיט גאָר אַ שנעלן טעמפּ נאָך דער רוסישער רעוואָ־לוציע. די לאָזונגען „סאָציאַלע רעוואָלוציע״, „דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט״, וואָס האָבן זיך געטראָגן פֿון דאָרטן האָבן געפֿונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אויך אין פּוילן און אָנגעפֿילט די גאַנצע אַטמאָספֿער פֿון אַרבעטער־לעבן. די צע־טיילונג אויף יענער זייט גרענעץ אויף באָלשעוויזם, מענשעוויזם און אינ־טערנאַציאָנאַליזם האָט אויך דאָ אַרויסגערופֿן ליידנשאַפֿטלעכע דיסקוס־יעס, צעטיילונגען, אָפּשפּליטערונגען, אַפֿילו שפּאַלטונגען. די צוויי פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ס. ד. ק. פּ. ל. (פּ.ס.ד.) און פּ. פּ. ס. לעוויצאַ האָבן זיך פֿאַראייניקט און אויסגעבילדעט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון פּוילן; פֿון געוועזענע ס״ס (פֿאַראייניקטע), פּ״צ, טיילווייז אויך בונדיסטן האָט זיך אויסגעבילדעט אַ שטאַרקער יידישער סעקטאָר פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין בונד גופֿא איז די ראַדיקאַליזאַציע געגאַנגען מיט אַ שנעלן טעמפּ. די מיינונגס־פֿאַרשידנהייטן אַרום די פֿראַגן: סאָציאַלע רעוואָלוציע, ראַטנמאַכט, פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, דריטער אינטערנאַציאָנאַל האָבן זיך אַלץ מער פֿאַרטיפֿט, דער קאַמף האָט וואָס ווייטער אַלץ מער זיך צע־פֿלאַקערט. מעדעם האָט געהערט צום אַזוי גערופֿענעם רעכטן פֿליגל און

מיט גרויס ליידנשאַפט און טאַלאַנט געפירט דעם קאַמף פאַרן דעמאָקראַ־טישן סאָציאַליזם, סיי אויף די בונדישע קאָנפערענצן, סיי אין דער בונדי־שער פרעסע.

אין אַ ריי אַרטיקלען „צו פרי" (נאָוו.־דעצ. 1918) אַנאַליזירט ער די מעגלעכקייט פון אַנווענדן די דערמאָנטע לאָזונגען ביי די קאָנקרעטע באַ־דינגונגען אין פוילן, וועלכע מען מוז נעמען אין אַכט, ווי ס'זאָלן נישט זיין די אינטערנאַציאָנאַלע פערספּעקטיוון; ער ווייזט אָן, אַז די אינדוסטריע אין פוילן איז רויִנירט דורך דער מלחמה, דער אַרבעטער־קלאַס פאַרנעמט איצט אַ סך אַ קלענערן אָרט אין ווירטשאַפטלעכן אָרגאַניזם פון לאַנד ווי פריִער; דאָס פויערטום, פאַרקערט, איז בעת דער מלחמה געוואָרן רייכער און דער פאַרבי־סענער שונא פון סאָציאַליזם, דער דאָרפישער בעל־גוף, נישט דער שיכט ערד־לאָזע און אָרעמע פויערים, פאַרנעמט איצט דעם אויבנאָן. דער אויסגעהונגער־טער אַרבעטלאָזער מאַסן־מענטש שלינגט אַריין די פייערדיקע ווערטער וועגן פאַרכאַפּן די פאַבריקן, די סחורות, די הייזער; עס שאַפט זיך לייכט אַ שטימונג פון רעוואָלוציאָניזם, פון אַן איינטאָג־סאָציאַליזם. „אָבער דעם סאָציאַליזם — פירט ער אויס — קאָן מען נישט בויען אויף שטימונג; דער סאָציאַליזם ווערט געבויט אויף ערנסטער, אויסגעהאַלטענער, עקשנותדיקער, נודנער אַרבעט, אויף קאָלעקטיווער אַרבעט, אויף קאָלאָסאַלער זעלבסטדיסציפּלין. דורות לאַנג מוזן די מאַסן דערצויגן ווערן דערצו. מען טאָר נישט איבערשאַצן דעם טעמפּ, די גיכקייט, מען טאָר נישט חלומען וועגן פלוצעמדיקע פאַרכאַפּע־נישן. די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז נישט קיין קאַוואַלעריע־אַטאַקע, נישט אַן איינמאָליקער אַקט. ס'איז אַ היסטאָרישע עפּאָכע."

פירנדיק דעם שאַרפן קאַמף פאַר די מעטאָדן פון סאָציאַליסטישער טאַקטיק, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר ריכטיק, האָט מעדעם, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, געקאָנט אין געוויסע מאָמענטן זיך אויפהויבן אויפן ניוואָ פון אַ היסטאָרישער פערספּעקטיוו און אָפּשאַצן די נייע געשעענישן פונעם קוקווינקל פון דער היסטאָרישער וועלטאַנשויונג און רעוואָלוציאָנע־רער סיטואַציע. אַזוי האָט ער אין אָקטאָבער 1919, ווען גענעראַל יודעניטש איז געשטאַנען ביי די טויערן פון פעטערבורג און ס'זענען שוין געווען אַפילו ידיעות, אַז ער האָט די שטאָט פאַרנומען, געשריבן:[4]

„דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פאַרמאַכט נישט די אויגן אויף אַלע מוראדיקע חסרונות, פעלערן, טעותן, וואָס עס האָבן באַגאַנגען די באָלשעוויקעס אין משך פון די צוויי יאָר פון זייער ממשלה, און נאָך פריִער בעת זיי האָבן נאָך געפירט דעם קאַמף פאַר דער מאַכט.

„... די דאָזיקע סאָציאַליסטישע קריטיק האָט אָבער קיין שום געמיינזאַמעס נישט מיט יענעם קרייצצוג, וואָס די בורזשואַזע רעגי־רונגען פון אייראָפּע און אַמעריקע פירן קעגן דער רוסישער סאָוועט־

---

[4] דער אַרטיקל „חבר, אייל זיך צו" אין דעם דאָזיקן בוך.

מאַכט. די סאָציאַליסטישע קריטיק איז אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך דער געררעכטער מורא, אַז די פֿעלערן פֿון באָלשעוויזם וועלן ברענגען אַ שאָדן דעם געמיינזאַמען סאָציאַליסטישן ציל. די בורזשואַזע אָפֿענסיווע אָבער ווענדט זיך קעגן באָלשעוויזם נישט צוליב זיינע פֿעלערן, נאָר פֿונקט פֿאַרקערט, דווקא צוליב זיין סאָציאַליסטישן ציל."

"...דער באַוווסטזיניקער אייראָפּעישער פּראָלעטאַריאַט האָט דעריבער פֿאַרשטאַנען, אַז די מלחמה פֿון די קאָאַליציע־רעגירונגען קעגן באָלשעוויזם איז געווענדט פֿאַקטיש קעגן דעם סאָציאַליזם, קעגן דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער באַוועגונג."

אין וואַרשע איז (מערץ 1920) פֿאָרגעקומען אַ פּראָצעס קעגן עטלעכע מיליטער־לייט, וועלכע האָבן געהרגעט די דעלעגאַציע פֿון סאָוועטישן רויטן קרייץ,[5] וואָס איז געקומען קיין פּוילן; עדות האָבן דערציילט, אַז דער הויפּטבאַשולדיקטער האָט נאָכן מאָרד געלעקט דאָס בלוט פֿון זיין באַגנעט. אין געריכט־זאַל האָט מען פֿאַר די מערדער געמאַכט „פּאַטריאָטישע" מאַניפֿעסטאַציעס (באָלשעוויקעס מעג מען הרגענען), פּרויען האָבן זיי באַשאָטן מיט בלומען...

אין אַן אַרטיקל „די אויפֿגעוואַכטע חיה" (12טן מערץ 1920) שילדערט מעדעם דאָס ווילדעווען פֿון וויסן טעראָר אין יענער צייט און ווייזט אויף, אַז דער מבול פֿון ווילדקייט, אַכזריות, בלוט־דורשטיקייט — דאָס איז אַ ירושה פֿון דער מלחמה, איר אָפּקלאַנג. דער פּרימיטיווער מענטש, דער מענטש־חיה איז אויפֿגעשטאַנען תחית המתים.

„וואָלט מיט אַ צען יאָר צוריק — שרייבט ער — אַ מענטש דערהרגעט אַ צווייטן און דערנאָך באַלעקט דעם בלוטיקן מעסער — וואָלט אַ געשריי פֿון פֿאַרצווייפֿלונג און אויפֿרעגונג געהילכט פֿון טויזנטער מיילער. און היינט? היינט באַשיט מען אים מיט בלומען.

„מען באַשיט אים מיט בלומען, ווייל דאָס בלוט, וואָס ער האָט געטרונקען, האָט זיך געגאָסן פֿון אַ פּאָליטישן קעגנער, און דעם קעגנער איז אַ מצווה צו הרגענען. דאָס איז, זעט איר, אַ נייער, העכסט מאָדערנער טיפּ פֿון חיהשקייט.

„חיות מיט פּאָליטישע „אידעען".

„און ווייסט איר וואָס איך וועל אייך זאָגן: ס'איז דאָ אין דעם אַ קליינע טרייסט, אַז די חיות געהערן צו יענעם צד; אַז זיי שטייען אונטער שוואַרצע אָדער ווייסע פֿאָנען, אַז זיי זענען קעגן אונז און נישט מיט אונז. דאָס וואָלט געווען דאָס ערגסטע — צו האָבן זיי צווישן אונז. און איך מוז זאָגן דעם אמת: איך האָב טאַקע מורא דערפֿאַר, הגם איך ווייס, אַז אין היינטיקן מאָמענט איז די מורא אַ פּריצייטיקע. אָבער עס קאָן ווערן אַ גוואַלטיקע סכנה פֿאַר אונזער זאַך. און עס פֿאָדערט זיך אַן אומגעהייער גרויסע דערציִונג־אַרבעט, כדי די סכנה פֿאַרויס בייצוקומען".

די ווערטער זענען געשריבן געוואָרן דעם 12טן מערץ 1920, מיט 23 יאָר צוריק. מעדעם האָט געהאַט דאָס „גליק" צו שטאַרבן פֿריִער מיט זיין טרייסט.

[5] איינער פֿון די דערמאָרדעטע איז געווען אַ פּוילישער סאָציאַליסט פּאַביערקעוויטש.

אַז די חיות געהערן צו יענעם צד. מיר —ווי איז צו אונז! — האָבן דערלעבט צייטן, ווען אויך אויף „אונזער״ צד איז הרגענען אַ פּאָליטישן קעגנער געוואָרן אַ פּאָליטישע סיסטעם, אַ היילי קער געבאָט, אַ מצוה...

ס׳איז דעמאָלט (1918—1919) געשטאַנען אויך די פֿראַגע וועגן אָנטיילנעמען אין די וואַלן צו די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס, די לינקע האָבן געוואָרפֿן דעם לאָזונג צו באָיקאָטירן די וואַלן צו דער פּוילישער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג.[6] מעדעם באַקעמפֿט די דאָזיקע ריכטונג און באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז דאָס הייסט — „פּאַקטיש אַרבעטן (נישט ווילנדיק און נישט פֿאַרשטייענדיק דאָס) לטובת יענער שרעקלעכער שוואַרצער געפֿאַר, וואָס לויערט נאָר אויפֿן גינסטיקן מאָמענט צו דערשטיקן אַלע שפּראָצונגען פֿון די פֿרייהייטן (מיט דעם גרינדונג־סיים בראָש) און איינפֿירן אין לאַנד די נאַקעטע דיקטאַטור פֿון די ענדעקישע פּאָגראָם־לייט״.

מערקווערדיק, אין מינדלעכע דיסקוסיעס ווי אין שריפֿטלעכער פּאָלעמיק, געווייַנטלעך אַ היציקער, אַ לייַדנשאַפֿטלעכער, האָט מעדעם אין יענער הייסער צייט זיך באַמיט צו שרייבן אין אַן אויסערסט רויקן, זאַכלעכן טאָן; ער באַנוצט זיך מיט געשיכטלעכע אַרגומענטן, פּאַקטישע באַווייַזן, וואָס זאָלן רעדן צו דער לאָגיק, צום שכל פֿון זיינע אַרבעטער־לייענער, וועלכע האָבן געוויטיקט איבער די אַלע פּראָבלעמען און לייַדנשאַפֿטלעך געזוכט פֿאַר זיי אַ פֿאַרענטפֿערונג. די דערמאָנטע סעריע אַרטיקלען פֿאַרענדיקט ער מיט פֿאָלגנדיקע ווערטער:

> „איך ווייס גאַנץ גוט, מיינע ווערטער וועלן שטאַרק נישט געפֿעלן די קאָמוניסטיש געשטימטע חברים, זיי וועלן זאָגן, אַז איך פֿאַרטעמפּ דעם רעוואָלוציאָנערן דראַנג, אַז איך שוואַך אָפּ די רעוואָלוציאָנערע שטימונג, דעם רעוואָלוציאָנערן ווילן. איך וואָלט זיי אָבער געבעטן צו ווענדן זייער אויפֿמערקזאַמקייט אויף אַן אַנדער פֿראַגע: צי דאָס וואָס איך זאָג איז אַן אמת, אָדער נישט. און אויב ס׳איז אַן אמת איז עס מיין רעכט און מיין פֿליכט צו זאָגן דאָס, וואָס ס׳איז. דער אַרבעטער מוז וויסן דעם אמת, ווי טרויעריק ער זאָל נישט זיין״.

און אָט ווי ער שרייבט וועגן דעם אויבן דערמאָנטן פּאַקט פֿון נישט אויספֿירן אַ פּאַרטיי־באַשלוס מצד דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, אַ פּאַקט, וואָס איז דער איינציקער אין דער געשיכטע פֿון „בונד״:

„איך וויל האָפֿן, אַז דאָס איז געווען מערנישט ווי אַן עפּיזאָד, וועלכער וועט פֿאַרשווינדן און פֿאַרגעסן ווערן. אָבער אין דעם עפּיזאָד ליגט אַ שרעקלעכע געפֿאַר. מענטשן, וואָס קוקן אַ ביסל טיפֿער אויף דער זאַך, האָבן דעם דאָזיקן עפּיזאָד איבערגעקרענקט ממש ווי אַ פּערזענלעכן אומגליק. וואָרעם אַן אַרבעטער־באַוועגונג, אין וועמענס רייען עס קען זיך אויפֿהייבן

---

[6] די וואַרשעווער בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט באָיקאָטירט די וואַלן צום גרינדונג־סיים. — וו. ש.

די האַנט אויף צו ברעכן די איינהייט, אַזאַ באַוועגונג איז נישט מסוגל צו דערפילן די קאָלאָסאַלע אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַר איר. פאַרטיי־דיסציפלין, פאַרטיי־אחדות מוז זיין אַ הייליקייט, אָן אַ הייליקייט קאָן מען נישט אַר־בעטן, אָן אַ הייליקייט קאָן מען נישט לעבן" (14טן אַפּריל 1919).

אַזאַ באַציִונג איז ביי מעדעמען געווען צו דער פאַרטיי; ער האָט זי באַ־טראַכט ווי אַ הייליקן אָרדן, וווּ אַלע זיינע מיטגלידער דאַרפן זיך באַציִען מיט אַ הייליקן יראת הכבוד צו זיינע מנהגים און אופנים פון לעבן. ביי פייערלעכע פאַרטיי־אַרויסטרעטונגען — יובילעומס, יאָרצייטן אדג"ל פלעגט מעדעם רעדן וועגן „בונד" מיט אַ באַזונדער אינטימער ליבשאַפט, פלעגט ליב האָבן צו שילדערן די פאַרטיי ווי אַ גאַנצע אינטים־צונויפגעבונדענע משפחה, באַנוצנדיק כסדר אָט דעם אויסדרוק משפחה, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט אונטערשטרייכן פאַר זיך און פאַר די חברים, אַז ער פאַרמאָגט נישט קיין אַנדערע אַזוי צו זאָגן פיזישע בלוט־קרובישע משפחה. פון יענער איז ער אַוועק, איבערגעריסן מיט איר, זיין משפחה איז דער „בונד"!

„...אַ ליכטיק געפיל — שרייבט ער — וואָס אָן אים קאָן איך זיך נישט פאַרשטעלן קיין לעבעדיקע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג, אַ מעכטיק געפיל פון צוגעבונדנקייט און אחריות, צוגעבונדנקייט צו די שיינע טראַדיציעס פון דער פראָלעטאַרישער באַוועגונג, צו יענער הייליקער ירושה, וואָס מיר האָבן איבערגענומען פון די פריִערדיקע דורות קעמפער און מאַרטירער, — סאָלידאַריטעט, וואָס נעמט אַרום ווי אַ גלענצנדיקע גאָלדענע קייט די אַלע, וואָס שטייען אין אונזערע רייען און וואָס בינדט זיי צונויף אין איין פעסטער חברישער משפחה".

און אָט די דאָזיקע באַציִונג צו דער פאַרטיי ווי צו אַ משפחה האָט זיך באַזונדערס אויסגעדריקט ביי מעדעמען אין יענער שווערער, פיינלעכער פאַר אים צייט פון די אידעישע קאַמפן, ווען ער, דער ביז איצט אַזוי אַנער־קענטער און אַזוי באַליבטער פירער פון די מאַסן איז געבליבן אין דער מינ־דערהייט; ווען ער האָט געזען, אַז ער קאָן נישט איינהאַלטן דעם שטראָם, מיט וועלכן די מאַסן האָבן זיך געטראָגן און אַז ער איז ווייט שוין נישט אין די־רעקטן זינען פון וואָרט זייער פירער און וועגווייזער.

„מיר איז נישט איין מאָל אויסגעקומען — שרייבט ער אין אַ צווייטן אָרט — צו קעמפן פאַר מיינע פערזענלעכע מיינונגען מיט אַנדערע חברים, קעמפן און בלייבן אין דער מינדערהייט. דער כלל איז אָבער העכער פון יחיד, חילוקי דעות אין דער משפחה — אָן אינערלעכע היימישע זאַך, זיי מוזן פאָרקומען אין אַ לעבעדיקער און לעבנספעיִקער פאַרטיי. אָבער העכער שטייט די איינִיקייט און פעסטקייט פון אונזער גרויסער משפחה.

פעלערן קאָנען פאָרקומען. די וואָס טוען גאָרנישט מאַכן נישט קיין פעלערן, די וואָס שטייען אויף איין אָרט זענען באַוואָרנט פאַרויס קעגן פאַר־בלאָנדזשען. מיין טיפע איבערצייגונג איז: בעסער אַז מען פאַרבלאָנדזשעט צוזאַמען איידער מ'ראַטעוועט זיך אויף אייגענער אחריות".

דער פעריאָד פֿון העכער פֿיר יאָר מעדעם אין פוילן דאָס זענען איינע פֿון די אינטערעסאַנטסטע בלעטער אין דער געשיכטע פֿון „בונד“, דאָס זענען אויך די אינטערעסאַנטסטע בלעטער אין מעדעמס לעבנס־געשיכטע. שרייבנדיק זיין אויטאָביאָגראַפֿיע (צוויי בענד „פֿון מיין לעבן“, ניו יאָרק) האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם דאָזיקן פעריאָד. באַמערקנדיק, אַז יענע צייט געהערט נאָך נישט צו דער געשיכטע; ער שטרייכט אָבער אונטער, אַז גראָד די דאָזיקע יאָרן פֿון זיין טעטיקייט אין פוילן זענען געווען די סאַמע אינטערעסאַנטסטע אין זיין לעבן.

ניו־יאָרק, מערץ 1943.

ח. ש. קאַזדאַן

וו. מעדעם און די יידיש־וועלטלעכע שול

עס איז געווען אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז דער וואָס איז דער באַגרינדער און פּרעדיקער פון דער קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין „בונד", זאָל זיין אויך אַ הייסער אָנהענגער און פּרעדיקער פון דער שול אויף דער מוטער־שפּראַך פון די קינדער און פון איר פולער אָנערקענונג מצד דער מלוכה. מען מוז אָבער פאַרט געדענקען, אַז פאַר מעדעמען, פּונקט ווי פאַר אַלע פירער פון „בונד" און פּונקט ווי פאַר אַלע דעמאָלטיקע יידישיסטן, איז די דאָזיקע שול לכתחילה געווען אַן אַבסטראַקציע, אַ זאַך פון לעתיד לבוא, און נישט קיין פּראַקטישער, לעבעדיקער ענין. אַפילו פאַר דער באַקאַנטער לערער־קאָנפערענץ אין ווילנע, 1908, וועלכע האָט זיך געענדיקט מיט דעם אַרעסט פון אַלע אָנטיילנעמער, און מיט איר פאַרזעצונג אין דער לוקישקער טורמע, איז אויך דער ענין פאָלקשול מער געווען אַ זאַך פון פּאָליטישע פאָדערונגען און אידעאישער פּראָפּאַגאַנדע, איידער אַ זאַך פון פּראַקטישער בויונג. מאַרק ליבער און די אַנדערע טוער פון „בונד", וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער קאָנפערענץ, זענען טאַקע געווען די רעפּרעזענטאַנטן פון אָט דעם פּאָליטישן געדאַנק און לאָזונג. די פּראַקטיק איז דאַמאָלסט געווען זייער ווייט פון אָט דעם לאָזונג.

ערשט ווען מעדעם איז אין יאָר 1915 אַרויס פון תּפיסה און זיך צוזאַ־מענגעשטויסן מיט דער יידישערווירקלעכקייט אונטער דער דייטשער אָקו־פּאַציע, האָט זיך פאַר אים אַזוי ווי פאַר אַלע בונדיסטן, אַזוי ווי פאַר דער גאַנצער יידישער מאַסע, די שול אָוועקגעשטעלט ווי אַ פּראַקטישע פּראָבלעם. און פון די ערשטע טריט איז מעדעמס באַציִונג אַזאַ פּרינציפּיעל־קלאָרע און פּראַקטיש־אַנטשיידענע, אַז אין אַ גרויסער מאָס האָט ער פאַרויס באַ־שטימט די ווייטערדיקע האַנדלונג פון גאַנצן „בונד" אין פּוילן אויפן געביט פון שול און קולטור, אין משך פון דער ווייטערדיקער געשיכטע פון אומ־אָפּהענגיקן פּוילן.

און נישט נאָר די שול ווערט אַן ענין פון מעדעמס אומאויפהערלעכער זאָרג, נאָר אויך אַלע פּראַקטישע פראַגן פון יידישער שפּראַך און קולטור. אין אַלץ דרינגט אַריין זיין טיפער בליק, אַלץ נעמט ער אַרום מיט ליבע און אויפמערקזאַמקייט. מעדעם ווערט דער בויער און אידעאישער פאָטער פון אַלע

אונטערנעמונגען און פלענער אויפן געביט פון דער יידיש־וועלטלעכער שול און קולטור. און אלץ באהויכט ער מיט זיין אויפריכטיקייט, אידעאליסטיש־קייט, ריינקייט און שיינקייט, וועלכע האבן געהאלפן שאפן די לעגענדע וולאדימיר מעדעם.

צום באדויערן ווערן די דאזיקע שורות געשריבן אין אזעלכע באדינ־גונגען, אז עס איז אוממעגלעך צו באקומען די בונדישע אויסגאבעס פון יענער צייט און מיט דער הילף פון אויטענטישע מאטעריאלן באלייכטן מע־דעמס שטעלונג און האנדלונג. אויך אין די ארכיוון פון ציישא און יִוואָ זענען געווען גענוג פראטאקאל־ביכער פון דעם פעריאד ביז דער גרינדונג פון דער ציישא און ביז מעדעמס אפפאר קיין אמעריקע. אבער ווער ווייסט, צי מיר וועלן נאך אמאל זען די אלע מאטעריאלן? דערווייל מוז מען שרייבן די ווייטערדיקע זייטלעך אויפן גרונט פון זכרונות. אויב אין דער דאזיקער באשרייבונג וועלן זיך ארייגכאפן נישט־פינקטלעכקייטן אדער עפעס וועט אין גאנצן אויסגעלאזן ווערן, — בעטן מיר פון פארויס אנטשולדיקונג ביי די לייענער און נאענטע חברים.

אויגוסט, 1915. אין לאקאל פון יידישן לערער־פאריין ווערט גערופן א באראטונג וועגן די שול־פראבלעמען, וואס שטייען פאר דער יידישער גע־זעלשאפטלעכקייט. עס איז די צייט פון אנהויב דייטשער אקופאציע. די יידישע מאסע האט אינסטינקטיוו דערפילט, אז איצט איז געקומען די צייט צו בויען א שול אין דעם לשון פון פאלק. די דייטשן לאזן זיך קנעלן, אין אייניקע ערטער זענען שוין געווען עקספערימענטן געמאכט.

עס איז א קאנפערענץ פון אלע פארשטייער פון דער יידישער געזעל־שאפט. פארשטייט זיך, אז די ציוניסטן פרווון באהערשן די קאנפערענץ. דער ציוניסט אבא אלשוואנגער ווערט אויסגעקליבן פארן פארזיצער פון דער קאנפערענץ. דער „בונד" איז נאך נישט קיין לעגאלע פארטיי, און דעריבער דערשיינט אויף דער קאנפערענץ א דעלעגאציע נישט פון „בונד", נאר פון דער צענטראלע פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען, מיט וועלכע דער „בונד" האט אנגעפירט. בראש פון אט דער דעלעגאציע געפינט זיך וו. מעדעם. עס איז געווען גאר איינגיכן נאך מעדעמס באפרייונג פון תפיסה, זיין פיזישער צושטאנד איז געווען זייער א שוואכער. גרויס איז געווען די סענסאציע פון מעדעמס ארויסטריט אויף דער קאנפערענץ. דאס איז געווען די ערשטע רעדע זיינע אויף יידיש, און דערמיט האט ער שוין דעמאנסטרירט די נייע סיטואציע, וועלכע האט זיך געשאפן אויף דער יידישער גאס: יידיש איז געווארן אן ענין פון דער עפנטלעכקייט, די שול און די רעכט פון יידיש זענען געבונדן, פאר יידישער שפראך און קולטור עפענען זיך נייע פערספעק־טיוון, און ווער עס איז געטריי די אינטערעסן פון די יידישע מאסן — פאר דעם איז א שול אויף יידיש און די עפנטלעכע אנערקענונג פון דער יידישער שפראך איינע און די זעלבע פראגע.

מעדעם האָט זיך פֿאַרשריבן צום וואָרט אונטער אַ פֿרעמדן נאָמען. זיין אַרויסטריט האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן רושם. מען האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיטן ריכטיקן נאָמען פֿונם רעדנער.

עס איז זיך לייכט פֿאָרצושטעלן די איבעראַשונג פֿון אַלע באַטייליקטע אין דער קאָנפֿערענץ, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז די איינדרוקפֿולע רעדע אין יידיש האָט דאָס געהאַלטן דער „גוי" מעדעם... צען מינוט האָט ער גערעדט, אָבער אין די געציילטע מינוטן איז געווען קלאָר און פֿעסט פֿאַרמולירט די שטעלונג פֿון „בונד" און פֿון דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט צו דער שול־פֿראַגע. מעדעם האָט געפֿאָדערט, אַז די קאָנפֿערענץ זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון צוויי־שפּראַכיקייט, ער האָט פֿאַרטיידיקט דעם פּרינציפּ פֿון מוטערשפּראַך, ער איז שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן יעטוועדער פּשרה אויף דעם געביט. יידיש און וועלטלעכקייט — אָט די צוויי פּרינציפּן, וועלכע זענען שפּעטער געוואָרן דער יסוד פֿון דער ציש״אָ־שול, זענען דעמאָלט קלאָר פֿאַרמולירט געוואָרן דורך מעדעמען. ס'איז געווען די ערשטע עפֿנטלעכע דעקלאַראַציע פֿון דער נייער יידישער שול. עס אַנטוויקלט זיך אינגיכן אַ געזעלשאַפֿטלעכע קאַמפּאַניע פֿאַר דער יידישער שול. אין אייניקע שטעט ווערן געמאַכט פּעטיציעס־אונטערשריפֿטן אין די צענדליקער טויזנטער אויף צו דערלאַנגען דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט. מען מוז די דייטשן זאָגן קלאָר און איינפֿאַך, וואָס פֿאַר אַ שול ווילן האָבן די יידן פֿאַר זייערע קינדער. לויטן פּלאַן פֿון די דייטשן דאַרף עס זיין אַ שול אין דער דייטשער שפּראַך. מעדעם האָט געעפֿנט דאָס ערשטע בלעטל פֿון דער שפּעטערדיקער געשיכטע פֿון 25 יאָר ציש״אָ, פֿון 25 יאָר שול־בויונג און שול־קאַמף. אין דער בונדישער וואָכן־צייטונג „לעבנספֿראַגן" האָט פֿון דעמאָלט אָן מעדעם ניט איין מאָל אויפֿגעהויבן זיין אויטאָריטעטע שטים פֿאַר דער נייער שול. ווערטער פֿון גרויסן ענטוזיאַזם האָט מעדעם דאָ געשריבן, ווערטער, וואָס זענען שפּעטער נישט איינמאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער ליטעראַטור פֿון דער ציש״אָ. ווערטער, וואָס האָבן געלויכטן ווי אַ העלער שטערן און באַשיינט דעם דערנער־וועג פֿון דער יידיש־וועלטלעכער שול און איר לערער.

*

אַ יאָר שפּעטער. די נייע שול האָט זיך אַנטוויקלט. אין וואַרשע זענען שוין טעטיק י. ל. פּרצס קינדערהיים און די בונדישע גראָסער־קינדערהיים, און ביי די דאָזיקע קינדערהיימען ווערט שוין אָנגעלייגט אַ יסוד פֿאַר נאָרמאַלע פֿאָלקשולן. מעדעם ווייזט אַרויס דעם לעבעדיקסטן אינטערעס צו די אַנשטאַלטן. ער באַאיינפֿלוסט די סקעפּטיקער אין די אייגענע בונדישע רייען, און פּונקט ווי פּרץ אין זיין קינדערהיים אַזוי קומט אויך מעדעם אין דער גראָסער־קינדערהיים און ער פֿאַרברענגט מיט די קינדער. די לערערין תרצה קאַפּעלאָוויטש־באַכראַך, וועלכע האָט שפּעטער אין דעם זשורנאַל פֿון ציש״אָ „שולוועגן" באַשריבן די געשיכטע פֿון די ערשטע קינדערהיימען אין וואַרשע,

דערציילט מיט גרויס באַגייסטערונג, ווי אַזוי מעדעם „האָט לאַנג פֿאַרבראַכט מיט די קינדער, מיט וועלכע ער האָט געפֿונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך". און געוועז זענען דאָך דאָס נאָר קליינוואַרג פֿון קינדער־גאָרטן־עלטער, קינדער הונגעריקע און מלחמה־פֿאַרוואָרלאָזטע, מיטן אמתן וואַרשעווער אַקצענט, — און עס איז אַזוי שווער געוועז מיט זיי זיך צוזאַמענרעדן.

פֿאַרשטייט זיך, אויך העברעיִסטישע און סתם־פֿילאַנטראָפּישע לער־אַנשטאַלטן ווערן געעפֿנט אין דער זעלבער צייט אין וואַרשע. אויך אויף דער פּראָווינץ, און בעיקר אין ווילנע און ביאַליסטאָק, האָבן זיך געעפֿנט אַנשטאַלטן אין דער ייִדישער שפּראַך. עס ווערט צו ביסלעך אַ שול־באַוועגונג.

און אָט געשעט, אַז עס קומען אָן קיין וואַרשע געלטער פֿאַר קינדער־באַשפּייזונג, צו הילף פֿאַר די קינדער־אַנשטאַלטן. דאָס געלט קומט אָן אויף דעם אַדרעס פֿון מזרחיסטישן פֿירער ה׳ פֿאַרבשטיין. און ווי אַן אמתער שטאָט־גבאי און ווי אַ ציוניסטישער מנהיג, מעלדעט ער: פֿאַר די ייִדישיס־טישע אַנשטאַלטן גיט ער נישט קיין געלט. די זאַך קומט אַרויס אין דער עפֿנטלעכקייט. מעדעם רעאַגירט אין די „לעבנספֿראַגן". נאָמבערג און דינעזאָן גייען אַרויס אין דער פּרעסע מיט אַן אָפֿענעם בריוו, זיי אַפּעלירן צו דעם דעמאָקראַטישן טייל פֿון דער ייִדישער אַמעריקע, און אויך דאָ אין לאַנד הייבט זיך אויף אַ באַוועגונג אַרום דעם ענין. די דאָזיקע באַוועגונג האָט טאַקע שפּעטער געפֿירט צו דער גרינדונג פֿון דעם פּיפּלס רעליף. מען דערציילט, אַז שלום אַש איז געקומען צום דזשאָינט אויף אַ זיצונג, גע־קלאַפּט אין טיש און געפֿאָדערט גערעכטיקייט פֿאַר דעם נייעם טיפּ שולן, וועלכע האָבן געטראָגן אויף זיך דעם אָטעם פֿון פּרצן, דינעזאָנען, נאָמבערגן און וולאַדימיר מעדעמען. עס איז נישט אַזוי לייכט געוועז צו איבערצייגן די דאַמאָלסטיקע טוער פֿון דזשאָינט, בפֿרט נאָך זיי איינרעדן שיקן געלט אויפֿן נאָמען פֿון אַ ייִדישן שרייבער, זאָל עס אַפֿילו זיין נאָמבערג אָדער דינעזאָן. איז געפֿונען געוואָרן דער גליקלעכער אויסוועג, און עס זענען גע־שיקט געוואָרן די ערשטע צען טויזנט דאָלאַר אויפֿן נאָמען פֿון דריי מענטשן: דינעזאָן, רייכמאַן (פּועלי־ציוניסט) און וולאַדימיר מעדעם. אַזוי איז געשאַפֿן געוואָרן די ערשטע אָרגאַניזאַציע פֿונם נייעם שולוועזן, דער באַרימטער דינעזאָן־מעדעם־רייכמאַן־קאָמיטעט. שפּעטער איז אַרום דעם דאָזיקן קאָמי־טעט אויסגעבילדעט געוואָרן אַ ביוראָ און אַן אויספֿיר־קאָלעגיע, אַ פּרע־זידיום. און דאָס איז טאַקע געוועז דער יסוד פֿון דער שפּעטערדיקער ציש״אָ (געגרינדעט אויפֿן שול־צוזאַמענפֿאָר פֿון גאַנצן לאַנד אין יולי 1921).

עס הייבט זיך אָן אַ נייער פּעריאָד פֿון גרויער טאָג־טעגלעכער, ענג־פּראַקטישער אַרבעט און זאָרג. אָבער מעדעם ווייסט נישט קיין אונטערשייד צווישן גרויס־אַרבעט, ווי פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע און אידעיִשע קאַמפֿן פֿאַר דער שול און קליין־אַרבעט. קיין שום אַרבעט איז פֿאַר אים נישט צו קליין. אַלץ פֿאַרנעמט זיין אויפֿמערקזאַמקייט: טעפּלעך פֿאַר דער קיך, בעטלעך און קאָלד־

רעס פאַר די זומער־קאַלאָניעס, שפּיל־פּראָדוקטן פאַר די קינדער, לערער־פּערסאָנאַל, לערנביכער און לייענביכער פאַר די קינדער, — אַלץ, אַלץ אינטערעסירט אים. דאָס זענען געווען די ערשטע שריט פון דער נייער שול־באַוועגונג. מעדעם איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע איז געגאַנגען באַרג אַרויף. ער האָט געהאַט אויף זיינע הענט אַ צייטונג, ער איז דאָ געווען דער וואָרטזאָגער און פירער. אָבער דאָס אַלץ האָט אים נישט געשטערט אויסצופירן באמונה שלמה אַלע זיינע פונקציעס אין דעם מעדעם־דינעזאָן־רייכמאַן־קאָמיטעט, וועלכער איז ביז־לעצבוויז פון אַ געלט־פאַרטיילונג־קאָמיטעט געוואָרן דער קערן פון אַ צו־קונפטיקער שול־אָרגאַניזאַציע.

די צאָל שולן פאַרגרעסערט זיך, פאַרשידענע ריכטונגען בויען איי־גענע אַנשטאַלטן. מען מוז קאָאָרדינירן די אַרבעט, פאַראיינהייטלעכן די אידעיִשע יסודות. און עס קומט צו די גרויסע זאָרג וועגן לערנביכער און וועגן לערער. מעדעם לייענט מאַנוסקריפּטן, ער פירט אַליין פאַרהאַנדלונגען מיט לערער. און נישט איין לערערין האָט אין יענער צייט געמאַכט אַ גרויסע קאַ־רייערע און געקריגן פירסום, ווייל מעדעם איז ביי איר אויף אַ לעקציע געווען און ער האָט אַ גוטע מיינונג אַרויסגעזאָגט וועגן איר אַרבעט. אַזאַ לערערין איז יאָרן־לאַנג אַרומגעגאַנגען אַ גליקלעכע און גענאָסן פון איר קאַפּיטאַל, וועלכן מעדעם אַליין האָט איר איינגעשאַפן.

אין 1917 ווערט געגרינדעט דער „שולבוך״. דאָס איז געווען אַ צווישן־פּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געהאַט איין ציל: שאַפן פאַר דער שול און פאַר די קינדער פּאַסיקע לערן־ און לייען־ליטעראַטור. די איניציאַטיוו פון „שולבוך״ האָט געהערט דעם באַקאַנטן לערער און פּיאָנער פון דער יידישער קינדער־ליטעראַטור, דעם אידעאַליסט און יידישיסט מרדכי בירנבוים.

מעדעם איז אויך דאָ אַקטיוו אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. און ווען עס ווערט אויסגעטיילט פון „שולבוך״ אַן אָרטאָגראַפישע קאָמיסיע, זיצט אויך דאָ מעדעם און לאָזט נישט דורך קיין איין זיצונג. עס זיצן אין דער אָרטאָגראַפישער קאָמיסיע ד. לייבל, נ. פּרילוצקי, י. מ. וויסענבערג, מ. בירנבוים, ש. מענדעלסאָן, ש. גילינסקי א״אַ. עס גייען דאָ גרויסע שלאַכטן מיט די עקסטרעמיסטן, וועלכע זענען שטאַרק אָנגעשטעקט מיט די נייע שטימונגען פון רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד. מעדעם האָט אַ קלאָרע און פעסטע שטעלונג אין די אַלע פּראָבלעמען, ער טענהט: וואָס ווייניקער אָרטאָגראַפישע ענדע־רונגען. ער באַווייזט די ענגע פאַרבינדונג צווישן אָרטאָגראַפיע און דיאַלעקטן, ער פאַרטיידיקט אַפילו דעם שטומען „עין״, רופנדיק נישט צו פּרימיטיווירן די יידישע פאָנעטיק, זייענדיק איבערצייגט, אַז יעדער אות מאַכט רייכער די שפּראַך און אירע דיאַלעקטן. מאַכט נישט אָרעמער די יידישע שפּראַך, מאַכט נישט אָרעמער אירע קלאַנגען! — וואָרנט ער כסדר מיט גרויס ברען.

און נישט ווייניקער איז זיין ענטוזיאַזם און געטריישאַפט צו די העברעיִשע עלעמענטן אין יידיש, אַרום וועלכע עס צעפלאַקערט זיך אַ גאַר גרויסער קאַמף. מיט טעאָרעטישע מאָטיוון און מיט מאָטיוון פון פראַקטישער קולטור־פּאָליטיק פאַרטיידיקט ער די העברעיִזמען, און אַזוי בלייבט ער זיי געטריי ביזן סאַמע סוף פון זיינע טעג.

מעדעמס קוק אויף די פּראָבלעמען פון דער יידישער שול און קול־טור איז געווען פיל ברייטער און פרייער, ווי דער איינשטעל אין זיין פּאַרטיי, אין „בונד". עס איז איצט געווען דער באַרג־אַרויף פון דער אַרבעטער־באַ־וועגונג אין דער וועלט. אויך די בונדישע באַוועגונג האָט זיך אַלץ מער דורכגעדרונגען מיט שטימונגען פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף און פאַרמעסט; די פּאַרטיי איז געשטאַנען אין אַ שאַרפן קאַמף מיט די אַנדערע יידישע פּאָליטישע ריכטונגען, וועלכע האָבן זיך געריסן צו דער יידישער גאַס כדי צו ווערן דאָרט אַ ווירקזאַמער פאַקטאָר; איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז נישט יעדן אָנגעזעענעם טוער אין דער באַוועגונג איז געלעגן איצט אין קאָפּ צו בויען שולן, אַרויסגעבן לערנביכער אאַז״וו. חוץ דעם איז דער ענין בכלל געווען אַ נייער, און אייניקע בונדיסטן האָבן זיך באַצויגן סקעפּטיש צו דער בויונג פון לערן־ און דערציונג־אַנשטאַלטן אויף די אייגענע אָרעמע מיטלען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט; אַנדערע ווידער האָבן זיך באַצויגן געגנאַ־טיוו צו דעם ענין פון זיצן אין איין שול־אָרגאַניזאַציע מיט אַנדערע פּאַר־טייען, און אַוודאי — מיט אַזעלכע קליינבירגערלעכע טוער, ווי דאָס זענען געווען די פאָלקיסטן. האָט דעריבער וו. מעדעם, אַחוץ אַלעמען, געהאַט אַ שווער לייענען אין זיינע אייגענע רייען, און אים איז אויסגעקומען דאָ צו באַקעמפן שעדלעכע שטאַנדפּונקטן, אַגיטירן און באַגייסטערן די אומאַנט־שלאָסענע.

און אָט איז געקומען אַ מאָמענט, ווען די פּאַרטיי פאָלגט ניט מע־דעמען, און ער מוז זיך יאָ אונטערוואַרפן דער פּאַרטיי־דיסציפּלין. עס איז געקומען פון דער פאָלקס־פּאַרטיי אַ פאַרשלאַג צונויפצורופן אַ גרויסע קול־טור־קאָנפערענץ. מעדעם איז געווען דערפאַר, אַז דער „בונד" זאָל זיך באַ־טייליקן אין אַזאַ קאָנפערענץ, און ער האָט פאַר דעם געפירט אַ ברייטע קאַמפּאַניע אין די רייען פון דער בונדישער מיטגלידערשאַפט. ווען עס איז אָבער געקומען צום ציילן די שטימען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער אָנפירנדיקער קערפּערשאַפט פון וואַרשעווער „בונד" האָט מעדעמס שטאַנד־פּונקט געהאַט אַ מינדערהייט. די פּאַרטיי האָט באַשלאָסן נישט צו גיין אויף דער קאָנפערענץ.

וולאַדימיר מעדעם איז די גאַנצע צייט אָנוועזנד געווען אויף דער קאָנפערענץ, אָבער — נאָר ביים פּרעסע־טיש. שפּעטער האָט ער פאַרעפנט־לעכט אַ צאָל אַרטיקלען אין די „לעבנספראַגן" איבער דער קאָנפערענץ און אירע פּראָבלעמען.

דערפֿאַר האָט זיך מעדעם אַלץ מער אויסגעלעבט אין דעם „דינעזאָן־קאָמיטעט". דאָ האָט זיך אָנגעשלאָסן אַלץ אַ גרעסערע צאָל שולן, עס זענען אויך איינגעשטעלט געוואָרן רעגולערע פֿאַרבינדונגען מיט דער ווייטערער פּראָווינץ. די אַרבעט דאָ האָט זיך אַלץ מער פֿאַרצווייגט. אָט האָט דער דאָזיקער קאָמיטעט אַליין באַשלאָסן אַרויסצוגעבן קינדער־ליטעראַטור. צו דעם צוועק איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ באַזונדערע רעדאַקציע, און אויך מעדעם גייט אַריין אין דער דאָזיקער רעדאַקציע. ער רעדאַקטירט, פּאַסט צו פּרצס „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן" פֿאַר די קינדער פֿון די שולן. ער גיט אָפּ אַ כּך שעהן אָט דער פּראַקטישער אַרבעט — מיט אַ בלייפֿעדער אין האַנט. און די דאָזיקע אַרבעט פֿאַרשאַפֿט אים פֿיל פֿרייד און באַפֿרידיקונג.

אַ גאַר גרויסע איבערלעבונג איז געווען פֿאַר מעדעמען, ווען ער איז שפּעטער מיט אַ צייט געקומען קיין ווילנע און ער איז געווען דער גאַסט פֿון דער יידישער גימנאַזיע פֿון צ. ב. ק. מעדעם האָט דאָ פֿאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג, און ער איז אַנוועזנד געווען אויף פֿאַרשיידענע לעקציעס: ער האָט געהערט, ווי מען לערנט די געשיכטע פֿון די קרייץ־צוגן און מען דערקלערט און מען באַלייכט די גאַנצע געשעעניש אויף אַ מאַרקסיסטישן אופֿן; ער האָט געזען ווי מען לערנט אַלגעברע און געאָמעטריע אויף דער יידישער שפּראַך. מעדעם איז פֿון דעם אַלעם געווען אמת באַגייסטערט. ווען ער איז געקומען צוריק קיין וואַרשע, האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט איינעם פֿון זיינע באַרימטע געוואָרענע אַרטיקלען, פֿול מיט ליבּ־געזאַנגען פֿאַר דער נייער שול און אירע וואָגענישן. עס איז געווען אַ פֿלאַמיקער רוף צו בויען ווייטער די נייע שול פֿאַר די קינדער פֿון די פֿאָלקסמאַסן, און עס איז געווען אַ רוף צו קומען צו דער ניי־אַנטשטאַנענער פּוילישער מלוכה מיט פֿאָדערונגען פֿון אָנערקענען און אויסהאַלטן די שול אויף דער מוטערשפּראַך פֿון די קינדער.

מעדעם באַקומט גרויס אינטערעס צום פּראָבלעם פֿון נייער טערמינאָלאָגיע, אין וועלכער די שול נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק אויף אַלע געביטן פֿון די לימודים, איבערהויפּט די מיטלשול. און מעדעם גייט אַריין אין דער טערמינאָלאָגישער קאָמיסיע, וועלכע ווערט אויסגעבילדעט אין וואַרשע; ער אַרבעט אין דער קאָמיסיע און באַזוכט מיט דער גרעסטער התמדה אַלע אירע זיצונגען.

די אַרבעט פֿון דעם „דינעזאָן־קאָמיטעט" צעוואַקסט זיך אַלץ מער. און אָט ווערט אין 1919 צוגעגרייט אַ שול־אויסשטעלונג, וועלכע דאַרף שוין ווייזן די רעזולטאַטן פֿון די עטלעכע יאָר אַרבעט פֿון דער נייער שול. מעדעם גייט אַריין אין דעם אויסשטעלונג־קאָמיטעט, ער באַטראַכט יעדן עקספּאָנאַט, ער ווייזט אָן ווו וואָס אויפֿצוהענגען, ער באַקוקט יעדעס ווינקעלע. ער לעבט אַ שטיק צייט מיט דער אויסשטעלונג.

און אָט עפֿנט דער „דינעזאָן־קאָמיטעט" לערער־קורסן, 150 צוהערער פֿאַרשרייבן זיך אויף די קורסן. עס איז אַ נייע וואָגונג און דערגרייכונג.

מעדעם עפֿנט די קורסן מיט גרויס ענטוזיאַזם, ער איז אַקטיוו אין דער אָרגאַ־ניזאַציע פֿון די קורסן. זיין עפֿענונגס־רעדע ווערט אַן ענין פֿון לאַנגע באַ־האַנדלונגען אין דער גאַנצער יידישער פּרעסע. און געזאָגט האָט מעדעם אין דער דאָזיקער רעדע אַזוי: אויף דעם וואַרשעווער בית־עולם געפֿינען זיך נישט ווייט איינס פֿון דאָס אַנדערע צוויי קברים — פֿון י. ל. פּרץ און פֿון יאַנעק יאַנקעלעוויטש, דעם יונג־פֿאַרשטאָרבענעם בונדישן אַרבעטער־טוער. יידישע אַרבעטער קומען אויפֿן בית־עולם, באַזוכן זיי גלייכצייטיק ביידע קברים. אין דעם סינטעז פֿון יידישיזם און בונדיזם, פֿון יידישער קול־טור און אַרבעטער־באַוועגונג — האָט מעדעם געזען די פּערספּעקטיוון פֿאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער נייער באַוועגונג. דאָס איז געבליבן מעדעמס צוואה פֿאַר אונזער דור.

עס איז קיין שום ספֿק נישט, אַז אָט די געשילדערטע איינשטעלונג און האַנדלונג פֿון וולאַדימיר מעדעם האָט אויסגעטראָטן אַ וועג פֿאַר דער שפּעטערדיקער גלענצנדיקער עפּאָכע פֿון דער עקסיסטענץ פֿון דער צישאָ און פֿאַר דער גרויסער ראָלע, וואָס דער „בונד" האָט אין איר געשפּילט. מעדעם איז שפּעטער געווען אַ מוסטער פֿאַר דעם ערשטן פֿאַרזיצער פֿון דער צישאָ, ביינוש מיכאַלעוויטש. מעדעמס אַקטיווער אַנטייל אין דער נייער שול־באַ־וועגונג האָט געפֿונען אויך אַן אָפּקלאַנג אין אוקראַינע, וווהין עס האָט איינ־גיכן דערגרייכט די אינפֿאָרמאַציע וועגן דער שול־באַוועגונג אין פּוילן. און ווען מעדעם האָט באַשלאָסן אין סוף 1920 אָפּצופֿאָרן קיין אַמעריקע, האָט ער געקענט זיין רויק. זיין שטעלונג אין דער שול־פֿראַגע און קולטור־בויונג האָט געזיגט, עס איז שוין אויסגעוואַקסן אַ גרויסע צאָל בונדישע טוער, וועלכע זענען געווען גרייט אָפּצוגעבן זייער גאַנצע ענערגיע דעם נייעם צווייג פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. די שול, די ייִדישע קולטור־אַרבעט בכלל — האָבן זיך איינגעגלידערט אין דער גאַנצער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און אין מעדעמס פּאַרטיי, און געוואָרן פֿון איר אַן אָר־גאַנישער טייל.

דער נאָמען פֿון וולאַדימיר מעדעם איז אויף אייביק געבליבן באַהאָפֿטן מיט דער נייער שול, און די צישאָ האָט שפּעטער אָפּגעצאָלט איר חוב דעם אינגיכן פֿאַרשטאָרבענעם אין אַמעריקע מעדעם: זי האָט אָנגערופֿן די קרוין פֿון איר אַרבעט, דעם לערער־סעמינאַר אין ווילנע, אויף דעם נאָמען פֿון וו. מעדעם, פּונקט ווי עס איז געגעבן געוואָרן דער זעלבער נאָמען דער שפּעטער וועלט־באַרימטער מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מעדזעשין.

און ווען דאָס יידישע לעבן אין פּוילן וועט צוריק אויפֿשטיין תּחית המתים נאָך דער היינטיקער שוידערלעכער קאַטאַסטראָפֿע, וועט ווידער דער נאָמען פֿון וו. מעדעם העל אַרויסשיינען פֿון אונזער גאַנצן שול־ און קולטור־בנין.

צום סוף לאָמיר נאָך ברענגען אייניקע אויסצוגן פֿון אַן אַרטיקל „מעדעם אין דער שול־אַרבעט", וועלכן עס האָט געשריבן ש. מענדעלסאָן אין „פֿאָלקסצייטונג", באַלד נאָכן טויט פֿון וו. מעדעם. דער דאָזיקער אַר־טיקל גיט צו אייניקע אינטימע שטריכן צו דער כאַראַקטעריסטיק, וועלכע מיר האָבן זיך באַמיט אָנצוצייכענען אין די אויבן געבראַכטע זייטלעך. ח' מענדעלסאָן שרייבט:

„'אונזער שול' הייבט אָן צו קלינגען אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער. מיר זענען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אַלעם און אַלץ. ער (מעדעם) ווערט אַלץ מער אַריינגעצויגן. און דאָ דערפֿילט ער, מען מוז זיך מיט אַלע ענ־נים פֿאַרנעמען, אַלע קלייניקייטן געדענקען. בויט מען, שאַפֿט מען, זענען אַלע זאַכן גלייך וויכטיק און נייטיק. איר טרעפֿט שוין דעם הערלעכן קאָפּ איינגעבויגן און פֿאַרטיפֿט איבער בודזשעטן. רעכנט, כּפֿלט, קאָנ־טראָלירט, דענערווירט זיך ביי יעדער נישט־פּינקטלעכקייט. אינטערעסירט זיך מיט דעם פּראָדוקטן־חשבון. אַלץ איז וויכטיק. אַלץ איז אַ ציגל צום גרויסן בנין. פּרייטיק, ווען עס פֿלעגן פֿאַרקומען די זיצונגען פֿון עקזע־קוטיוו, טרעפֿט איר אָפֿט נידעמען פֿאַרזאָרגט: „וואָס וועט זיין מיט בעטלעך אויף די קאָלאָניעס. אפֿשר איז פֿאַרט מעגלעך קריגן ביליקער". „איר ווייסט נישט, שוין פֿאַראַן פּראָדוקטן אין פּ. ק. פּ. ד.? מען מוז שוין זאָרגן וועגן געלט".

„די אַרבעט וואַקסט. מען בויט אַנשטאַלטן, לערער־קורסן. מעדעם איז איין גאַנצן פֿאַרנומען מיט דעם ענין. ער טרעפֿט די פּאַרוואַלטערס: איר האָט שוין לעקטאָרן? ווי גייען די לימודים? ער קומט אויף לעקציעס, כאַפּט התפּעלות. מיר וועלן האָבן בעסערע לערער, זיי וועלן שענער ריידן יידיש, ליבער האָבן די שפּראַך. מען „קאַראַדאַשעט" דאָך אונזער לשון. קומט פֿאַר אַ מוסטער־לעקציע מיט דיסקוסיעס — אין אַ ווינקל זיצט מעדעם, הערט ערנסט. דאָס איז אונזער לאַבאָראַטאָריע. אַלע פֿילן אויף זיך דעם בליק, ער לערנט צוזאַמען מיט אונז. ס'איז זיין שול. ער וויל זי פֿאַרטיפֿן, דערהייבן.

„דער צענטראַלער דינעזאָן־קאָמיטעט עפֿנט דעם ערשטן יידישן לערער־סעמינאַר. אויף דער דערעפֿענונג קומט מעדעם, פֿייערלעך אָנ־געטאָן, ער וועט עפֿענען. אַ פֿולער זאַל, 130 צוהערער, געסט איינגע־לאַדענע.

„מעדעם רעדט: אויפֿן בית־עולם ליגן איינס לעבן אַנדערן — יאַנעק, פּרץ, דינעזאָן. אַ סימבאָל. נישטאָ קיין אַרבעטער־באַוועגונג אָן קולטור, קונסט. ביידע זענען זיי געווען די גרינדער פֿון דער שול־באַ־וועגונג. נאָענט געבונדן זענען די צוויי כּוחות. מען לייענט די ערשטע לעקציעס. מעדעם, אַ צעשטראַלטער, שרייט מיט ברען: „עפּעס גרויסעס שאַפֿט זיך, מיר וואַקסן". און מיט אַ ברענענדיקן ליבע־בליק און דריקן פֿון דער האַנט — באַשענקט ער די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון די קורסן. באַלד נאָך דעם אַ זיצונג פֿון קאָמיטעט, און מעדעם זאָגט: „די פֿאַראַנטוואָרט־לעכקייט אונזערע וואַקסט". ס'פֿילט זיך, אַז ער טראָגט אַן עול, וויל אַלע איינשפּאַנען, און זיך פֿריער פֿאַר אַלע".

און עס איז אַזוי נאַטירלעך, ווען ש. מענדעלסאָן ענדיקט זיין אַרטיקל מיט אַזעלכע ווערטער:

„אונזער שול־אַרבעט איז געוואָרן גרויס, דאָס פֿליִען אַלץ מעכ־טיקער; מיר האָבן געדאַרפֿט אָדלער־פֿליגלען, — דאָס איז געווען מעדעמס פֿאַר אונזער אַרבעט. אָפּגעריסן איצט די פֿליגלען, ווער וועט אונז אַזוי מעכטיק און שטאַרק דערהייבן?"

יאָ, מעדעמס קורצער אָנטייל אין דער בויונג פֿון דער יידיש־וועלט־לעכער שול האָט געטראָגן אויף זיך אַלע סימנים פֿון זיין גרויס־אָדלעריש־קייט און גייסטיקער שיינקייט. מיט אַ שאַרף אויג איז ער אַריינגעדרונגען אין דער צוקונפֿט, און ער האָט געזען, ער האָט פֿאַרויסגעפֿילט די פֿאַראַנטוואָרט־לעכע און היסטאָרישע מיסיע, וועלכע די נייע שול האָט געהאַט אויסצו־פֿירן פֿאַר די נאָענטע דורות.

און עס איז דער גרויסער שטאָלץ פֿון דער יידישער שול, וואָס מע־דעם איז געווען פֿון אירע ערשטע בויער און ענטוזיאַסטן. אַזאַ ירושה קאָן נישט פֿאַרלוירן גיין אויף לאַנגע, לאַנגע דורות.

מיר וועלן די דאָזיקע ירושה און מעדעמשע טראַדיציע היטן אויך אויף ווייטער.

II

פֿון מערעמס ליטעראַרישער ירושה

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די נאַציאָנאַלע פֿראַגע

מיט דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זיך בלי ספק ווייניקער באַשעפֿטיקט איידער מיט וועלכער עס איז אַנדערער וויכטיקער פּאָליטישער פֿראַגע. בעת די בורזשואַזע געלערנטע, פּאָליטיקער און זשורנאַליסטן האָבן צו דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע געשאַפֿן אַ זייער רייכע ליטעראַטור, וועלכע הערט נישט אויף מיט חשק צו אַנטוויקלען, פֿאַרטיפֿן און פּראָפּאַגירן די בורזשואַזע אָנשויונגען, באַשעפֿטיקט זיך די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מיט אָט דער פֿראַגע ניט אָן ערך ווייניקער. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ליטעראַטור פֿאַרמאָגט נאָר אַ קליינע צאָל ווערק, וועלכע פֿאַרנעמען זיך ערנסט און גרינטלעך מיט דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. אָט די קליינע צאָל ווערק שעפּן ווייט נישט אויס די דאָזיקע פֿאַרוויקלטע און שווערע פֿראַגע. אויף שריט און טריט בלייבן נאָך עד היום נישט אויפֿגעקלערט פֿון ריין סאָציאַל־דעמאָקראַטישן שטאַנדפּונקט נישט אַזוי די איינצלהייטן פֿון דער קאָנקרעטער פּראַקטישער פּאָליטיק, ווי אייניקע אַלגעמיינע באַגריפֿן, — די אויסגאַנג־פּונקטן, וואָס בילדן דעם יסוד פֿאַר באַנעמען די פֿראַגע; עס איז פּשוט נישט אָנגענעם צו הערן, ווי אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ליטעראַטור געפֿינען בנוגע דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע אַן אָפּקלאַנג באַגריפֿן און שטימונגען, וועלכע הערשן אין דער בורזשואַזער וועלט און וועלכע לייגן פֿאַר זיך דורך אַ וועג אין דער מחנה פֿון פּראָלעטאַריאַט אַ דאַנק זיין שוואַכער טעאָרעטישער פֿעסטונג. דער אָפּקלאַנג לאָזט זיך אַמאָל הערן אין נאַציאָנאַליסטישע נגונים, אַמאָל אין אַסימילאַטאָרישע שטימונגען, אַמאָל אין דער טערמינאָלאָגיע און לאָזונגען, וועלכע טראָגן אויף זיך דעם בורזשואַזן שטעמפּל. אָט דער בלבול־המוחות איז נישט אַזוי דער רעזולטאַט פֿון דער פֿאַרוויקלטקייט און פֿאַרפּלאָנטערטקייט פֿון דער פֿראַגע גופֿא; — די פֿאַרוויקלטקייט און פֿאַרפּלאָנטערטקייט מאַכן נאָר שווערער צו געפֿינען אַ קאָנקרעטע תשובה. זיי קאָנען אָבער נישט שטערן צו שטעלן די פֿראַגע אַזוי, אַז זי זאָל זיך געפֿינען אין הסכם מיט דעם אַלגעמיינעם פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט, און דער אַלגעמיינער שטאַנדפּונקט גיט דאָך ביז צו אַ געוויסן גראַד אַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע גופֿא. נישט אַזוי פֿון דער פֿאַרוויקלטקייט, זאָגן מיר, וואַקסט אָט די אומקלאָרקייט, ווי גיכער זיערפֿון, וואָס דער גרעסטער

טייל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט דער נאַציאָנאַלער פראַגע גע־שענקט צו ווייניק אויפמערקזאַמקייט.

די נאַציאָנאַלע פראַגע פון אונזער צייט איז אויפגעשטעלט געוואָרן פון דער בורזשואַזיע. די בורזשואַזיע איז עד־היום די הויפט־וואָרט־זאָגערין אין דער פראַגע. די עקאָנאָמישע אינטערעסן אירע שטויסן זי אויפצו־שטעלן די פראַגע; זי לייגט אויף איר אַרויף איר שטעמפל, פאַרקניפּט זי אין אַ שטייפן קניפּל מיט אַ גאַנצן קאָמפּלעקס פון שטימונגען, אָנשוי־ונגען, סימפּאַטיעס, וועלכע שטייען אין סתירה צו דער ריינער, קלאָרער אידעאָלאָגיע פון פּראָלעטאַריאַט און וועלכע זענען שעדלעך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דער נאַציאָנאַלער קאַמף ווערט געפירט פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן, זיי שפּילן אין אים די ערשטע פידל, און זיי נוצן אים אויס פאַר זייערע אינטערעסן — און דערין ליגט די פּסיכאָלאָגישע סיבה פאַר וואָס דאָס רוב סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן ביז נאָך נישט לאַנג צוריק זיך ווייניק פאַראינטערעסירט מיט דער פראַגע פון לייזן די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. זיי האָבן דעם נאַציאָנאַלן קאַמף געהאַלטן פאַר אַ נאַציאָנאַליסטיש־בורזשואַזן שווינדל, וועלכער נעמט ביים פּראָלעטאַריאַט צו אַלץ און קערט אים אום ווי אַ שכר נישט מער ווי שאָוויניסטישע געפילן. פיל סאָציאַל־דעמאָקראַטן זענען געווען געניגט צו דער מיינונג, אַז די נאַציאָנאַלע פראַגע איז בלויז אַ פראַגע פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלע בורזשואַזע גרופּן, וועלכע רייסן זיך איינע מיט די אַנדערע, אַ פראַגע וועגן אַ קאַמף „איינעם אויף איינעם״, אין וועלכן דער פּראָלעטאַריאַט, אַלס אַ דריטער צד, איז אויף אַ האָר נישט פאַראינטערעסירט.

דאָס דערקלערט ביז צו אַ געוויסן גראַד פאַר וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזן האָבן זיך ווייניק וואָס אינטערעסירט מיט דער נאַ־ציאָנאַלער פראַגע. דאָס דערקלערט, — אָבער עס פאַרענטפערט נאָך בשום אופן נישט, און דער פאַקט בלייבט דאָך אַלץ אַ פאַקט: די פראַגע איז נישט אַנטוויקלט געוואָרן פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן שטאַנדפּונקט, די בורזשואַזע פאַרשטעלונגען באַאיינפלוסן ווי פריער דעם ענטפער, ווי פריער לייגט אַרויף די בורזשואַזע אידעען־וועלט אויף דער פראַגע איר רעאַקציאָנערן שטעמפּל — אָפּשפּיגלענדיק די קלאַסן־שטרעבונגען פון די אָדער יענע שיכטן פון די באַזיצנדיקע קלאַסן.

מיר וועלן מאַכן אַ פּרווו צו כאַראַקטעריזירן אָט די אידעען־וועלט אין צוזאַמענהאַנג מיט איר קלאַסן־יסוד:

אין דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער בורזשואַזיע געפינען מיר לכל־הפּחות אויפן ערשטן בליק צוויי פאַרשידענע מינים אָנשויונגען, וועלכע מישן זיך אָפט משונהדיק צונויף: אַסימילאַציע־שטרעמונגען פון איין זייט, נאַציאָנאַליזם פון דער צווייטער.

דער נאַציאָנאַליזם האָט פֿאַרכאַפּט אַלע פֿעלקער; די אַסימילאַציע־שטרעמונג איז לפֿי־ערך אַ זעלטענע פּרי, אין ערגעץ בליט זי נישט אַזוי שטאַרק ווי אויפֿן יידישן באָדן; אָט דאָ וועלן מיר זיך באַמיִען מיט איר צו באַקענען.

די גרויסע איבערקערעניש אין דער אינדוסטריע, וועלכע האָט ליק־ווידירט די מיטלאַלטערלעכע עקאָנאָמישע אָרדענונג, האָט געבראַכט אַ נייע עפּאָכע פֿאַר דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפֿט; אַנשטאָט דעם לייב־אייגנטום, וועלכער האָט זיך געסטאַרעט אַריינצופּרעסן די ניי־געבאָרענע פֿאַרהעלטע־נישן אין דער אָפּגעשטאָרבענער טראַדיציאָנעלער אָרדענונג, האָט די אויפֿ־קומענדיקע בורזשואַזיע באַשאַפֿן אַ נייע וועלט. זי האָט צעבראָכן די אַלטע צוימען, וואָס האָבן געשטערט איר פֿרייער אַנטוויקלונג און האָט פּראָקלאַ־מירט דעם פּרינציפּ פֿון פֿולשטענדיקער פֿרייהייט פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון די צייטיק־געוואָרענע עקאָנאָמישע כוחות. די נייע אינדוסטריע, אַ שטאַרקע און קאָמפּלוסטיקע, האָט געפֿאָדערט פֿאַר זיך אַ פֿרייען שטח; זי האָט פּראָטעסטירט קעגן אַלע מינים באַגרענעצונגען, איז געווען פֿלאַם־פֿייער קעגן יעדער יוריסטישער אומגלייכהייט, קעגן יעדער פּריווילעגיע פֿון שטאַנד, רעליגיע אָדער נאַציע. איר אידעאַל — די פֿרייע קאָנקורענץ פֿון פֿרייע בעלי־בתּים, נישט געצוימט דורך וועלכע נישט איז רעכט־לעכע שטערונגען; זי באַדאַרף אַ ריינעם עקאָנאָמישן קאַמף פֿאַרן לעבן, וועלכער זאָל נישט זיין פֿאַרוויקלט דורך זייטיקע עלעמענטן. ווער "עס טויג צו דער וועלט" — יענער זאָל מנצח זיין; דער שוואַכער מוז גיין צום גרונט. זי האָט געחלומט פֿון סתּם יחידים אין דער מענטשלעכער גע־זעלשאַפֿט, אָן אַ שום שייכות צום שטאַנד, אומה, פֿאָלק און ראַסע. דער אַבסטראַקטער „בירגער און מענטש" איז געווען פֿאַר איר דער יסוד פֿון דעם געזעלשאַפֿטלעכן אָרגאַניזם.

אויך דאָס טראַדיציאָנעלע יידנטום, דערפֿילנדיק דעם חיות פֿון דעם בורזשואַזן פֿרילינג, האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און גענומען אַרויס־קוקן פֿון זיין לאַנג יאָריקן געטאָ. פֿיל פֿון זיינע פֿאָרשטייער האָבן זיך פּשוט מחיה געווען אין דער נייער לופֿט פֿון דעם בורזשואַזן לעבן. די נייע קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט זיי שיין מקבל פּנים געווען. צוזאַמען מיט די ווענט פֿון דער באַסטיליע זענען איינגעפֿאַלן אויך די ווענט פֿון געטאָ. די יידן זענען געוואָרן בני־חורין און האָבן זיך אַריינגע־לאָזן אין די ווילדע קאַפּיטאַליסטישע געיעגן, וועלכע מעקן אָפּ די אַלטע פֿאַרשיידנהייטן, מאָביליזירן אַלץ און אַלעמען, לאָזן פֿונאַנדער די אַלטע געזעלשאַפֿטלעכע גרופּירונגען און פֿאַרבינדן נייע קניפּלעך.

אין אַ סיסטעם, וועלכע מאַכט נישט קיין חילוק צווישן שטאַנד און רעליגיע, אין וועלכן אַלע מענטשן זענען סתּם בירגער, האָט דער ייד אויך געקאָנט געפֿינען אַן אָרט און אויפֿהייבן דעם קאָפּ; אויסער דעם תּחום

פֿון זיין רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט איז דער ייד אויך אַזאַ וועלטבירגער, ווי דער דייטש און פֿראַנצויז. דער ייד איז אויך געוואָרן „כשר“ און האָט ממילא געקאָנט זיך צורעכענען צו דער משפּחה פֿון די נייע דעה־זאָגער אין דער וועלט, וועלכע האָט אָנגענומען אין דער פּראַקטיק יענעם לאָזונג, וואָס גיזאָ האָט שפּעטער פֿאָרמולירט מיט די ווערטער: „סטאַרעט זיך רייך צו ווערן!“

עס זענען איינגעפֿאַלן די ווענט פֿון געטאָ, אָבער שפּורן פֿון דער אַלטער פּסיכאָלאָגיע זענען נאָך געבליבן ביים יידן אין האַרצן: עס איז נאָך צו שטאַרק געווען איינגעבאַקן דער ביטערער נסיון פֿון אַ סך יאָר־הונדערטער, צו טיף איז נאָך געווען איינגעוואָרצלט דער חשד קעגן יענע, וועלכע האָבן זיי נאָך נישט לאַנג צוריק פֿאַרפֿאָלגט און פֿאַריאָגט. אַגב האָט מען נאָך איצט אויך געקאָנט באַמערקן דראָענדיקע סימנים: לעבן דער קאָסמאָפּאָליטישער מענטשן־ליבע, וועלכע האָט געזען אין דעם יידן אַ גלייכן וועלט־בירגער, האָט זיך דאָ און דאָרטן אַרויסגעוויזן אַלטע שנאה צו יידן מיט אַלע אירע געוויינלעכע „כּלי־זיין“, אַ שנאה, וואָס האָט צייטנווייז אַפֿילו געפֿירט צו פּאָגראָמען. ווען די יידן זענען אַפֿילו אין עקאָנאָמישן זינען גע־וואָרן גלייך מיט אַנדערע פֿעלקער, האָבן זיי דאָך נישט אומעטום באַקומען די גלייכע יורידישע רעכט ווי זייערע שכנים. די בורזשואַזיע, וועלכע איז געווען באַגייסטערט פֿון דער רעוואָלוציע און מלא שמחה פֿון איר נצחון, האָט פֿון יושר וועגן געשענקט די יידן אַלע רעכט; אָבער די געשענקטע רעכט האָבן זיך געהאַלטן אויף אַ האָר: מען האָט זיי נישט דערגרייכט דורך אַ קאַמף, מען האָט זיי באַקומען במתנה, נישט בכוח, נאָר „ברוח“, אין נאָמען פֿון דעם הוילן פּרינציפּ פֿון גלייכהייט. אין דער פֿרילינג־לופֿט פֿון דער עמאַנציפּאַציע האָט דעם יידן נאָך געשווינדערט פֿון דעם אַמאָליקן שווערן ווינטער. פֿאַרזאָרגנדיק פֿאַר זיך אַ גלייכן חלק אין דער רייכער סעודה פֿון דעם קאַפּיטאַליזם, האָט ער, דער אַלטער בעל מסופּק, געפֿילט, וואָס פֿאַר אַ חילוק עס איז צווישן אים, דעם „גר“ און דעם „תושב“. דער בורזשואַ, דער תושב, דערפֿילנדיק זיין מאַכט, האָט מיט גדלות אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ; ער האָט גענומען פֿאַר זיך „זיינע“ רעכט פֿון אַ וועלט־בירגער, ער האָט זיי אָפּגעהיט און אויסגענוצט, בלייבנדיק דער זעלביקער פֿראַנצויז און דייטש; דער ייד, אַ ציטערדיקער און אַ דערשלאָגענער, וועלכער איז געווינט, אַז מען זאָל אים שפּייען אין פּנים אַריין, און וועלכער האָט דע־ריבער אַליין אָנגעהויבן צו שפּייען אויף זיין אייגענע נאַציע, האָט נישט געפֿונען קיין אַנדער וועג אויף צו פֿאַרזיכערן זיינע רעכט, ווי נאָר אָפּצוזאָגן זיך פֿון זיין נאַציאָנאַלער אייגנטימלעכקייט; כּדי צו ווערן אַ וועלט־בירגער, האָט ער געדאַרפֿט ווערן אַ פֿראַנצויז, אַ דייטש אאַז"וו.

די לאַגע איז געוואָרן אַ קאָמפּליצירטע. פֿון איין זייט איז דער סאָציאַלער תהום צווישן יידן און קריסטן נישט אַזוי ברייט ווי פֿריער אין

מיטלאַלטער: די נייע עקאָנאָמישע אָרדענונג האָט אויסגעבויט טויזנטער בריקן צווישן זיי. דער כעס און האַס קעגן זיינע פאַרפאָלגער, וועלכע האָבן געטריבן דעם יידן אָפּצוקערן זיך פון אַלץ, וואָס איז געלעגן מחוץ פון דעם יידישן תחום און פאַרשפאַרן זיך אין די ד׳ אַמות פון זיין געטאָ, — אָט די געפילן זענען שוואַכער געוואָרן. עס איז מעגלעך געוואָרן צונויפצוגיסן זיך מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג.

פון דער אַנדערער זייט האָט די אַרומיקע וועלט דעם רייכן יידן גע־צויגן צו זיך. דאָס איז געווען דער מוראדיק גרויסער, רייכער מאַרק. קוקנדיק אויף אים, האָבן געגומען ברענען די אויגן. מען דאַרף זיך באַוואָרענען מיט אַ חלק „לויתן״, פאַרכאַפּן אַן אָרט אויף אָט דעם מאַרק. נאָר דערצו איז וויניק צונויפגיסן זיך, מען דאַרף זיך אַסימילירן. מען דאַרף ניט נאָר צעברעכן די צוימען, עס טאָר קיין זכר ניט בלייבן פון אַלע פאַרשידנהייטן, ס׳מוז פאַרגעסן ווערן אַלץ, וואָס ס׳קען אויפדעקן דעם יידישן אונטערשלאַק פון אונטער דעם אַלוועלטלעכן איבערשלאַק. מען מוז אָפּמעקן אַלץ, אין וואָס ס׳קען זיך אָנכאַפּן דער אויפגעוואַכטער פון זיין ליבעראַלן דרימל דער „תושב״־בורזשוא, — אָנכאַפּן זיך און נישט דערלאָזן צום „לויתן״. די פסי־כאָלאָגיע פון אָט דעם דאָזיקן שוואַכן און געלט־גיריקן בורזשוא האָט באַשאַפן דעם לאָזונג: אַסימילירט זיך!

אַסימילירט זיך! דאָס הייסט וואַרפט אויס אַלץ, דורך וואָס מען קען דערקענען אין דעם „וועלטבירגער״ דעם יידישן תוכן. אַסימילירט זיך! דאָס הייסט, וואַרפט אַראָפּ פון זיך און זעט מיט אַלע כוחות פטור צו ווערן פון אַלצדינג, וואָס עס אונטערשיידט אייך פון אייערע מיטבירגער פון אַן אַנדער נאַציע. די רעליגיע איז איינע פון אָט די אונטערשיידן — נידער מיט דער תורת משה, און זאָל לעבן דאָס קריסטנטום! די שפּראַך דאַרף מען אַריינלייגן אין חרם! די מנהגים, די מלבושים, די מאַנירן זאָגן עדות אויף אייער אָפּשטאַמונג — מען מוז זיך דעריבער באַמיִען מיט אַלע כוחות פטור צו ווערן פון די אייגנטימלעכקייטן, איבערנעמען פרעמדע מאַנירן, אָנטאָן בגדים ווי די אַרומיקע שכנים.

אַסימילירט זיך! פאַרגלייכט זיך צו אַנדערע! לייקנט אָפּ אייער אָפּ־שטאַם, לאַכט אָפּ פון אַלץ, וואָס עס טראָגט דעם יידישן שטעמפּל אויף זיך, שפּייט אויס דריי מאָל, ווען איר הערט רעדן דעם „שמוציקן״ זשאַרגאָן, שרייט אומעטום, קלאַפּנדיק זיך אין האַרצן ווי צו „על חטא״, אַז עס איז ניטאָ קיין יידישע נאַציע, אַז די יידן זענען ניט קיין נאַציע, נאָר אַ רעלי־גיעזע חברה.

אַסימילירט זיך! ווייל נאָר אויף אַזאַ אופן וועט איר קענען באַקומען אַ גלייכן און פעטן חלק, ווי די „תושבים״־בורזשויען. און דעריבער — נידער מיט די אייגענע מידות און מנהגים, זאָלן לעבן די פרעמדע!

דער געוויינלעכער מאַסשטאַב פֿון קולטור און פּאָליטישע גיטער; די שטענדיקע וואַגשאָל אויף אָפּצווועגן, וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט פֿאַר דער געזעלשאַפֿט — זיי טויגן מער ניט: עס מוז פֿון דאָס ניי אַלץ איבערגעשאַצט ווערן; דערצו איז דאָ אַ שפּאָגל נייער אַסימילאַטאָרישער מאַסשטאַב: אַלץ, וואָס עס געהערט יענעם, איז גוט, ווייל עס געהערט יענעם, און דאָס אייגענע טויג אויף כּפּרות, ווייל דאָס איז אייגנס.

די זעלביקע קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג, וועלכע האָט באַשאַפֿן די אַסימילאַציע־שטרעמונג, האָט געבוירן אַ קעגנזעצלעכע (אין אַ געוויסן זינען) ריכטונג: דעם נאַציאָנאַליזם.

די פֿאַרהעלטניסן פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפֿט, וועלכע אַנטוויקלען זיך כּסדר, האָבן באַשאַפֿן נייע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזמען. עס האָט זיך דעמאָקראַטיזירט דאָס געזעלשאַפֿטלעכע לעבן, די פּאָליטיק, די קולטור. עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ פֿעסטע פֿאַרבינדונג צווישן אַלע באַזונדערע טיילן פֿון דער היינטיקער געזעלשאַפֿט; די טיילן, פֿאַרלירנדיק זייער זעלבסטשטענדיקייט, זייער אָפּגעזונדערטקייט, האָבן זיך גענומען צונויפֿוואַקסן אין אַן איינציקן אָרגאַנישן קערפּער. עס איז געבוירן געוואָרן די נאַציאָנאַליטעט אין היינטיקן זינען.

די פֿאָלקס־אייגנטימלעכקייטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעדריקט אין די אייגנטימלעכע מידות, מנהגים און שפּראַך, זענען ביז איצט געלעגן פֿאַרבאָרגן אין די אונטערשטע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג, צוגעדעקט מיט דעם איינפֿאַרביקן דעקטוך פֿון דעם אַלגעמיין איראָפּעיִשן מלוכה שטייגער; אַנקלייבנדיק זיך אַלץ מער און רייסנדיק זיך אַלץ אַרויף, האָבן זיי זיך סוף כּל סוף דורכגעשלאָגן, אַרויסגעלייגט זייער שטעמפּל אויף דער מלוכה און קולטור, וועלכע זענען ביז איצט געווען גלייכאַרטיק, האָבן אָפּגעפֿאַרבט די מלוכה אין נאַציאָנאַלע קאָלירן, האָבן באַשאַפֿן נאַציאָנאַלע פּאָליטישע אינדיווידואַליטעטן. אָט דאָס אַרויסטרעטן פֿון די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזמען אויף דער בימה פֿון פּאָליטישן לעבן האָט נאַטירלעך ניט געקענט פֿאַרקומען אָן סכסוכים און מהומות. פֿאַרשיידענע פֿעלקער זענען דורך אַ זייטיקער קראַפֿט — דורך מלחמות, „חלוקות", פֿאַרכאַפּעניש — צונויפֿגעפּרעסט געוואָרן אין איין פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע; אַנדערע נאַציעס זענען צעריסן געוואָרן אויף איינצלנע חלקים; אייניקע פֿון זיי האָבן געלעבט זעלבשטענדיק, אַנדערע זענען צונויפֿגעקלעפּט געוואָרן פֿון פֿאַרשידענע אומות. דאָס צונויפֿברענגען מיט געוואַלד האָט מיטגעבראַכט אונטערדריקונג און פֿאַריאָכונג; אָבער די גוואַלד־מיטלען האָבן אַרויסגערופֿן דעם גייסט פֿון מרידה. ניט אומזיסט האָט מען דעם 19טן יאָרהונדערט אַ נאָמען געגעבן דאָס יאָרהונדערט פֿון נאַציאָנאַליטעטן. דער נאַציאָנאַלער קאַמף איז פֿול אויף די בלעטער פֿון זיין געשיכטע; עס הויבט זיך אָן אַ לאַנגער פּעריאָד פֿון סכסוכים און מחלוקות.

די בורזשואַזיע שטעלט זיך אין שפּיץ פון דעם נאַציאָנאַלן קאַמף און פירט אים אונטערן לאָזונג פון נאַציאָנאַליזם. אונטער אָט דעם לאָזונג ווערט געפירט דער קאַמף פוןביידע צדדים, סיי פון דעם צד, וועלכער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף אַ פרעמדע נאַציע, און סיי פון דעם צד, וועלכער באַשיצט נאָר זיין זעלבסטשטענדיקייט.

מיר חזרן איבער נאָך אַמאָל, אַז אונטער דעם זעלביקן לאָזונג פון נאַציאָנאַליזם האָט זיך געפירט דער קאַמף פון ביידע צדדים, אַז ביידע מחנות, אי די אונטערדריקער אי די אונטערדריקטע, זענען געווען דורכ־געדרונגען מיט דעם נאַציאָנאַליזם. וואָס זשע איז דאָס אַזוינס דער נאַציאָ־נאַליזם?

שוין פון דעם אַליין, וואָס ער הערשט אין ביידע פיינדלעכע מחנות, קען מען זען, וואָס פאַר אַ גרויסן טעות עס האָבן יענע, וועלכע מישן צונויף אין איין טאָפּ „נאַציאָנאַליזם" און דעם קאַמף פאַר „נאַציאָנאַלער באַפרייונג". דער נאַציאָנאַליזם קען אָננעמען צוויי געשטאַלטן: די פאָרם פון אונטערדריקונג און די פאָרם פון אַ קאַמף פאַר באַפרייונג. צווישן די ביידע מינים איז דאָ אַ גרויסער חילוק, נאָר זיי ביידע האָבן דעם אַלגעמיינעם סימן, וועלכער אינטערעסירט אונז דאָ. ביידע זענען נאַציאָנאַליזם. עס פאַרשטייט זיך, אַז יוען מיר ווילן באַשטימען דעם עצם פון דער דערשיינונג, דאַרפן מיר אים זוכן ניט אין דעם חילוק צווישן זיי, נאָר אין דעם, וואָס עס מאַכט זיי נאָענט און איז זיי ביידן געמיינזאַם. עס פאַרשטייט זיך דעריבער, אַז אין די בלויזע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען צו פרייהייט ליגט נאָך ניט קיין נאַציאָנאַליזם, ווייל פון איין זייט קען מען זיין אַ נאַציאָנאַליסט־אונטערדריקער, און פון דער אַנדערער זייט — קעמפן פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייונג, ניט וועלנדיק וויסן פון קיין שום נאַציאָנאַליזם.

דעריבער דאַרף מען די גרונט־סימנים פון נאַציאָנאַליזם נישט זוכן אין די פּאָליטישע פאָדערונגען גופא, ווייל פאַרשידענע נאַציעס, וועלכע זענען בעצם פיינדלעך איינע צו די אַנדערע, קענען האָבן די זעלביקע פּאָ־ליטישע פאָדערונגען. עס איז דעריבער קלאָר, אַז ווען מיר ווילן באַשטימען וואָס איז דאָס אַזוינס נאַציאָנאַליזם, דאַרף מען נעמען יענע סמנים, וועלכע געהערן צו אַלע אָרטן און מינים פון אָט דער דערשיינונג. די תשובה מוז מען זוכן אין דעם, וווּ די בורזשואַזיע שטעלט אַרויס די דאָזיקע פראַגע.

ס'איז אָנגעוויזן געוואָרן אין אַן אַרטיקל אין דעם „אידישן אַרבעטער",[1] דערויף, אַז „דער וואָרצל פון נאַציאָנאַלן קאַמף אין דער פאָרם, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, ליגט אין דעם, וואָס די בורזשואַזיע פון דער הערשנדיקער נאַציע שטרעבט צו מאָנאָפּאָלי־זירן פאַר אירע צוועקן דעם מאַרק פון אייגענעם לאַנד. כדי צו דערגרייכן

---

[1] זע: „נאַציאָנאַליטעט און אַסימילאַציע" אידישער אַרבעטער, נומ' 15.

דעם ציל איז נאָך וויניק מעכאַניש צו באַזייטיקן דורך געזעצלעכע און אַדמיניסטראַטיווע באַגרענעצונגען די „פּרעמדע" פון מאַרק, מען מוז נאָך מיט געוואַלד צונויפמישן זיי מיט דער הערשנדיקער נאַציע, פאַרניכטן אַלץ, וואָס עס בילדעט זייער נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיע און קודם־כל די פאַרשיידנקייטן אין דער שפּראַך, וועלכע שטערן דעם פרייען פאַרקער פון די סחורות אין לאַנד, פונקט ווי די גרענעץ־אָפּצאָלונגען צווישן פאַרשיידענע מלוכות".

די בורזשואַזיע קעמפט פאַר די מערק, דער מאַרק ליגט (ביז צו אַ באַדייטנדיקן גראַד) אין דעם תחום פון נאַציאָנאַלע גרענעצן, דער קאַמף פאַרן מאַרק ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַליטעט. די הערשנדיקע נאַציעס, וועלנדיק באַוואָרענען פאַר זיך דעם אָפּזאַץ פון סחורות צווישן די קונדן, וואָס געהערן צו אַנדערע נאַציעס, סטאַרען זיך מיט אַלע כוחות צונויפצוגיסן זיי מיט זיך, אָפּפאַרבן זיי אין אַן אַנדער נאַציאָנאַלן קאָליר, אָנווענדנדיק דערביי די רעגירונגס־מאַשין. די בורזשואַזיע פון דער אונטערדריקטער נאַציע האָט ניט ביי זיך אין האַנט די רעגירונגס־מאַכט, אָט דעם מעכטיקן צוואַנגס־מיטל; ניט זייענדיק ביכולת אַנצופאַלן, מוז זי זיך באַנוגענען מיט דעם, וואָס זי באַשיצט זיך פון אַנדערע. ניט האָבנדיק קיין האָפענונג אויף צו קענען זיך אַריינרייסן מיט דערפאָלג אין אַ פרעמדן מאַרק, כדי צו באַקומען דאָרטן פאַר זיך אַ חלק, מוז זי זיך באַנוגענען מיט דעם, וואָס זי פאַרהיט און פאַרשטאַרקט איר אייגענעם מאַרק. דאָס הייסט — איבערגעלייגט אויפן לשון פון נאַציאָנאַלן קאַמף — פאַרשטאַרקן די נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייט פון דער אייגענער נאַציע. ביידע — אי די הערשנדיקע, אי די אונטערדריקטע נאַציע — סטאַרען זיך צו פאַרגרעסערן, ווי ווייט מעגלעך, די צאָל קונדן, די צאָל מיטגלידער פון זייער נאַציאָנאַליטעט; איינע — די שטאַרקערע דורך די פאַרברייטערונג פון אירע נאַציאָנאַלע גרענעצן אויפן חשבון פון אַנדערע נאַציעס; די אַנדערע — די שוואַכערע — זאָרגנדיק, אַז עס זאָל לכל הפחות ניט קלענער ווערן די פריערדיקע צאָל מיטגלידער פון איר נאַציע.

דער חילוק צווישן זיי איז נאָר אַן אויסערלעכער; בייט זיך נאָר איבער די מאַכט פון דער אָדער יענער נאַציע, בייט זיך אויך איבער איר פּאָליטיק, איר ראָלע.

אין יענע געגנטן פון עסטרייך, ווו די דייטשן וועגן אַריבער אין צאָל די טשעכן, זענען זיי גובר צו זיין די לעצטע, צו מאַכן פון זיי „עכטע דייטשן"; די טשעכן ווערן זיך קעגן דעם, סטאַרען זיך צו באַוואָרענען, אַז די דייטשן זאָלן ניט אָפּרייסן אַ טייל פון זייער נאַציע; אי די דייטשן אי די טשעכן פירן דאָרטן אַ נאַציאָנאַלן קאַמף: די ערשטע — אונטער דער לאָזונג פון אונטערדריקונג, די צווייטע — פון באַפרייונג. אין יענע געגנטן, ווו די טשעכן בילדן דעם רוב פון דער באַפעלקערונג, זענען די ראָלן אויך פונקט פאַרקערט: דאָרטן דערקלערן די טשעכן אַ קאַמף די דייטשן, האָבנדיק בדעה

צו סלאָוויאַניזירן די דאָרטיקע דייטשן; די דייטשן זעען נאָר צו פֿאַרטייַדיקן זיך.

אין יאָר 1849 האָבן די מאַדיאַרן אויפֿגעהויבן אַ מרידה קעגן עסטרייך; זיי זענען דאַמאָלסט געווען אַן אונטערדריקטע נאַציע און האָבן געקעמפֿט קעגן זייערע אונטערדריקער. נאָר אין דער זעלביקער צייט האָבן זיי ביי זיך אין דער היים געדריקט די סערבן, קראָאַטן, רומענער, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אונטער זייער מאַכט.

כל זמן שלעזוויג־האָלשטיין האָט געהערט צו דעם קעניגרייך דענעמאַרק, האָבן די דייטשן געקעמפֿט קעגן דעם דענישן יאָך אין נאָמען פֿון דער דייטשער נאַציאָנאַלער אידעע. ווען צו דייטשלאַנד איז איבערגעגאַנגען אין איינעם מיט דער דייטשער ערד אַ טייל פֿון דער טעריטאָריע, וועלכע איז באַווינט פֿון דענער, האָבן די זעלביקע דייטשן אָנגעהויבן צו דריקן די זעלביקע דענער אין נאָמען פֿון דער זעלביקער „נאַציאָנאַלער אידעע".

ווי דער לייענער זעט, איז בעצם אוממעגלעך צו געפֿינען אַ חילוק צווישן די צוויי מינים פֿון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, דער חילוק ליגט נאָר אין דער מאַכט פֿון דער אָדער יענער נאַציע.

די גלייכע אידעאָלאָגיע ביי אָלערליי מינים נאַציאָנאַליסטן ווערט באַשטימט דורך דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פֿון זייערע אינטערעסן. דער אינטערעס פֿון דעם נאַציאָנאַליסט איז — באַוואָרענען דעם מאַרק, די קונדן, די מעגלעכקייט צו געפֿינען פֿאַר זיך אַ באַשעפֿטיקונג; די גאַנצע ראָלע שפּילט דאָ דער מסחר, אַלץ איינס, צי עס רעדט זיך וועגן פּשוטע מאַטעריעלע סחורות, צי וועגן גייסטיקע פּראָדוקטן. די צאָל קונדן ווענדט זיך אין דער פֿאַרשפּרייטקייט און אין דער שאַרפֿקייט פֿון דעם נאַציאָנאַלן קאָליר. דער נצחון פֿון דעם נאַציאָנאַלן קאָליר — דאָס איז דער אידעאַל פֿון דעם נאַציאָנאַליסט. און אַזוי ווי דער נאַציאָנאַלער קאָליר דריקט זיך אויס אין דער שפּראַך און קולטור, דעריבער ווערט דאָס יאָגן זיך נאָך מערק מגולגל אין אַ קאַמף פֿאַר דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פֿון דער קולטור. דער קאַמף פֿאַרן אָפּזאַץ פֿון סחורות וויקלט זיך איין אין אַ טלית פֿון אַ הויכן אידעאַל: פֿאַרטיידיקן די נאַציאָנאַלע אידעע. דער מאַרק־אינטערעס צווינגט צו פֿלאַנצן, אָפּצוהיטן, האָדעווען אַלץ, וואָס עס טראָגט אויף זיך דעם נאַציאָנאַלן שטעמפּל. עס אַנטוויקלט זיך די באַדערפֿעניש איינצוהאַלטן, פֿאַרשטאַרקן און אונטערצוהאַלטן אַלץ, וואָס עס איז נאַציאָנאַל, אַלץ, וואָס עס איז אייגנטימלעך; דורך דעם ווערט איינגעהאַלטן דער מאַרק, פֿאַרהיט, אַז פֿון אים זאָלן נישט אָפּקומען איינצלנע אָדער גאַנצע מאַסן קונדן; דאָס מאַכט זיכערער דעם מאַרק און באַוואָרנט פֿון „פֿרעמדע" קאָנקורענטן. די נאַציאָנאַלע פֿאַרשיידנקייטן שפּילן דאָ די ראָלע פֿון די גרענעץ־אָפּצאָלונגען. דער נאַציאָנאַליסט פֿאַרטיפֿט די דאָזיקע פֿאַרשיידנקייטן, רוקט פֿונאַנדער די קולטורעלע גרענעצן, וואָס ליגן צווישן די פֿאַרשיידענע נאַציעס, צילט אָפּצוגרענעצן זיין

פֿאָלק מיט אַ פֿעסטן צוים און אַ באַזונדערער מלוכה־אָרגאַניזאַציע, פֿאַר שטאַרקן מיט אַ באַזונדער אַפּאַראַט פֿון אייגענע באַאַמטע און חיל; ער ווערט אַ הייסער פֿאַנאַטיקער פֿון פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט, וועלכע האָט אין זיינע אויגן דעם זיבעטן חן. אין דעם חשק פֿון פֿאַרשיידענע נאַציעס אַרייבערצושטייגן איינע די אַנדערע, זעט ער דעם תוכן פֿון דער מענטשלעכער געשיכטע. דער קאַמף פֿאַרן נאַציאָנאַלן „גייסט" איז פֿאַר אים דער העכסטער סאָציאָלאָגישער געזעץ. לגבי אָט דעם יסוד פֿון דער געשיכטע ווערן פֿאַרטושט אַלע איבעריקע אופֿנים פֿון געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף, עס ווערן פֿאַרטונקלט אָדער עס פֿאַרשווינדן אינגאַנצן די סאָציאַלע היפּוכים. פֿון דעם גאַנצן גרויסן וועלט־בילד ווערט ביי אים אַ קליינע אַרענע, אויף וועלכער עס קעמפֿן צווישן זיך נאַציעס, וועלכע קאָנקורירן איינע מיט די אַנדערע צוליב קולטורעלער הערשאַפֿט. די נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ — דאָס איז די ערשטע און הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון דעם מענטשן.

די העכסטע היסטאָרישע אויפֿגאַבע פֿון דעם דייטש איז צו קעמפֿן פֿאַרן דייטשן גייסט קעגן דעם גייסט פֿון אַנדערע נאַציעס: קעגן גייסט פֿון די סלאַוון, יידן, פּאָליאַקן... דער רוס זעט פֿאַר זיך אַ געהויבענע און ברייטע אויפֿגאַבע — צו פֿאַרטיידיקן דעם „עכט־רוסישן גייסט", וועלכער גייט דורך ווי אַ רויטער פֿאָדעם דורך דער גאַנצער רוסישער געשיכטע, קעגן אַ גאַנצער מאַסע אינטריגעס פֿון יידן, פּאָליאַקן, אַרמענער, פֿינלענדער. ער האָט פֿאַר זיך די גרויסע היסטאָרישע אויפֿגאַבע, טובל צו זיין אָט די אַלע „אינטריגאַנטן" אין די מים טהורים פֿון דער רוסישער מקוה... דער ייד צילט אַריינצובלאָזן אַ ניי לעבן אין זיין נאַציאָנאַלן „גייסט" אויף דער „היסטאָרישער טעריטאָריע", ער פֿאַנטאַזירט וועגן אַ יידישער מלוכה און דאָס וואָרט „יידישע" קלינגט פֿאַר אים אַזוי שיין, אַזוי הערלעך, אַז ער וויינט פשוט פֿון התלהבות, ווען ער רעדט אַרויס דאָס וואָרט „יודאַיזם", — אָט דעם עצם פֿון פֿאַרשיידענע אייגנטימלעכע כאַראַקטעריסטישע סימנים, וועלכע עס האָבן זיך אויסגעאַרבעט אין פֿאַרלויף פֿון דער יידישער געשיכטע.

די סומע כאַראַקטעריסטישע, אייגנטימלעכע סימנים פֿון זיין קולטור, וועלכע גרענעצן אים אָפּ פֿון די אַנדערע נאַציעס, דאָס, וואָס עס גיט אים צו אַן עכט־רוסישע געשטאַלט, להבדיל פֿון דעם דייטש, אָדער אַן עכט־דייטשע געשטאַלט, להבדיל פֿון דעם רוס — דאָס איז וויכטיקער און טייערער דעם בורזשואַ־נאַציאָנאַליסט, ווי אַלץ אין דער וועלט. דערינען ליגט אַזאַ טייערע זאַך, וועלכע מען דאַרף אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ; אַהער לייגט ער אַריין זיין גאַנצע געזעלשאַפֿטלעכע ענערגיע, דאָ איז פֿאַר אים דאָס גאַנצע חיות. די סאָציאַלע קעגנזאַצן פֿאַרלירן יעדן לעבעדיקן ווערט.

אין פֿאַרשיידענע באַדינגונגען איז דער נאַציאָנאַליזם אַנדערש. אַזוי, למשל, איז דער נאַציאָנאַליזם פֿון אַ הערשנדיקער, שטאַרקער נאַציע, וואָס

שטיצט זיך אויף אַ מעכטיקער אַרמיי און פלאָט. גרויסהאַלטעריש, חוצפּהדיק, ער באַנוצט די הילכיקע אָבער פוסטע אימפעריאַליסטישע פראַזן, קלינגט מיט דער שווערד און פאַרקערפּערט אין געפּאַנצערטן פויסט די „גרויסע אידעע" פון אַ נאַציאָנאַלער היסטאָרישער אויפגאַבע פון זיין פאָלק, וואָס טראָגט אַ נייע קולטור פאַר דער גאַנצער וועלט. דער ציטערדיקער נאַציאָנאַליזם פון דעם קליינבירגער נעמט אָן אַן אַנדער קאָליר; אַ געשלאָגענער און אַ שוואַכער, ברעכנדיק אַלע ווילע האַלדז און נאַקן אויפן אייז פון די נייע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, אַרויסגעשטויסן דורך דעם גרויסן קאַפּיטאַל, וואָס פאַר־פלאַנטערט אים פון אַלע זייטן, פאַרלירט ער יעדן פונדאַמענט אונטער זיינע פיס: ער צאַפּלט זיך, וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן, כאַפּט זיך אָן פאַר דעם ערשטן מיטל, וואָס עס פאַלט אים אַריין אין האַנט; לעבנדיק מיט די אידעאַלן פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע ער איז נישט בכוח אומצוקערן, נישט דערוואַרטנדיק קיין ישועה פון דער צוקונפט, וועלכע ער קען נישט באַ־גרייפן, כאַפּט ער זיך אָן פאַר יעדן אַוואַנטוריסט, פאַר יעדן שווינדלער. ער לאָזט זיך פאַרפירן פון די נאַציאָנאַליסטישע חלומות, וועלכע העלפן אים פאַרמאַכן די אויגן אויף די אמתע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, וואָס זענען פאַר אים אַזוי שרעקלעך און אומהיימלעך; ער ווערט פאַרכאַפּט — אויב ער איז ניט קיין ייד — פון דעם שטראָם פון אַנטיסעמיטיזם, איינ־רעדנדיק זיך אַז דאָס מיינט קאַמף מיט דעם גרויסן קאַפּיטאַל קעגן וועלכן ער איז נישט בכוח צו קעמפן אין אַן אָפענער, ריינער געשטאַלט. אויב ער איז אַ ייד ווערט ביי אים די דערשלאָגנקייט און פאַרחושכטקייט פון דעם עקאָנאָמיש שוואַכן נאָך מער פאַרשטאַרקט דורך דער פסיכאָלאָגישער ירושה פון געטאָ. איינוויקלענדיק זיין קלאַסן־אינטערעס אין דעם שלייער פון נאַ־ציאָנאַלע פאָדערונגען, האָט ער אַפילו קיין כוח נישט צו קעמפן פאַר אָט די פאָדערונגען; ער קען נאָר פאַנטאַזירן וועגן זיי. קוקן דעם לעבן גלייך אין די אויגן — דאָס קען ער נישט. ער איז שוואַך, אויסגעמאַטערט, שרעקעדיק, ער האָט מורא פאַרן לעבן, ער חלומט, ער חלומט וועגן זעלבשטענדיקייט און פרייהייט; ער חלומט וועגן זיין טעריטאָריע, אויף וועלכער ער וועט באַ־קומען זיין אייגענע קולטור . . . זיין אייגענעם מאַרק. ער באַרוישט זיך מיט נאַציאָנאַליסטישע פראַזן, פאַרמאַסקירנדיק מיט הויכע און פוסטע מליצות זיין אייגענע שוואַכקייט און פאָליטישן באַנקראָט.

געגנוג. די קאָלירן זענען פאַרשיידן, דער עצם איז דער זעלביקער. אָט דער עצם איז — דאָס בוקן זיך און קני׳ען פאַר דער אייגענער נאַציאָ־נאַליטעט; „מיינס" איז אַ בית המקדש, „פרעמדס" — טויג נישט; אַרבעטן לכבוד דעם „בית־המקדש", ער זאָל זיין דער אייבערהאַר פון דער גאַנצער וועלט; דער נאַציאָנאַלער אינטערעס און די נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייט — דאָס איז דער פונדאַמענט פון דעם גאַנצן סאָציאַל־פּאָליטישן בנין. דאָס איז דער געמיינזאַמער סימן פון דעם נאַציאָנאַליזם, וועלכער ליגט אין אַלע מינים

זיינע, וועלכער איז געמיינזאַם ביסמאַרקן און דובנאָוון, ראַשפּאָרן און אחד־העמען.

לאָמיר אונטערציען די אונטערשטע שורה.

מיר וועלן זיך פאָרשטעלן די מענטשהייט אין דער פאָרם פון פאַרשיי־דענע פלעצער ערד (מיר מיינען נישט, נאַטירלעך, אין געאָגראַפישן זינען), וואָס זענען געפאַרבט אין פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע קאָלירן און וועלכע זענען ענג באַהאַפטן איינע מיט די אַנדערע. אונטער דעם איינפלוס פון דער אינער־לעכער אַנטוויקלונג און פון אויסערלעכע סכסוכים בייטן אַט די פלעצער ערד זייער גרייס און די שאַרפקייט פון זייערע קאָלירן. איין פלאַץ באַקומט אַ גע־דיכטערן קאָליר, פאַרגרעסערט זיין שטח, איינשליסנדיק געוויסע טיילן, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון אַנדערע פלעצער. מיט דעם אַנדערן פלאַץ קומט פאָר פונקט פאַרקערט.

נעמט די פאָרשטייער פון די צוויי פאַרשיידענע ריכטונגען, וועלכע מיר האָבן אויבן כאַראַקטעריזירט, — די ריכטונגען, וועגן וועלכע מיר האָבן געזאָגט, אַז נאָר אויפן ערשטן בליק שטייען זיי אין קעגנזאַץ איינע צו די אַנדערע; נעמט אַ נאַציאָנאַליסט און אַן אַסימילאַטאָר און פאַרגלייכט, ווי זיי ביידע וועלן זיך פאַרהאַלטן צום גורל פון די פלעצער.

דער נאַציאָנאַליסט צילט צו פאַרברייטערן ווי ווייט מעגלעך זיין פלאַץ, צו מאַכן וואָס העלער זיין קאָליר.

דעם אַסימילאַטאָר איז זיין פלאַץ צו ענג און אומבאַקוועם. דער פלאַץ אַליין איז צו קליין פאַר אַ מאַרק, ער וויל, אַז זיין פלאַץ זאָל איינ־געשלונגען ווערן אין אַן אַנדערן.

דער נאַציאָנאַליסט פאַרשטאַרקט און פאַרגרעסערט זיין פלאַץ. דער אַסימילאַטאָר גייט אָבער אויף אַ פרעמדן פלאַץ און פאַרשטאַרקט אים. ביים נאַציאָנאַליסט איז טייער אַלץ, וואָס עס איז זיין אייגנס, ווייל דאָס צאַמט אים אָפּ פון פרעמדס. דער אַסימילאַטאָר האַלט טייער אַלץ, וואָס איז פרעמדס, ווייל דאָס לייזט אים אויס פון זיינס. דער נאַציאָנאַליסט זעט אַרויפצוליייגן אויף וואָס עס איז נאָר מעגלעך זיין נאַציאָנאַלן שטעמפּל, כדי מען זאָל עס חס־ושלום נישט פאַרבייטן מיט פרעמדס, דער אַסימילאַטאָר סטאַרעט זיך אויסצוּוואָרצלען אַלע זיינע נאַציאָנאַלע סמנים לטובת אַ פרעמדער נאַציאָנאַליטעט. אי דער אי יענער זענען שטאַרק פאַרדאגהט וועגן דעם גורל פון דער נאַציאָנאַלער פיזיאָנאָמיע, אי דער אי יענער ווילן ווירקן אויף דעם נאַציאָנאַלן קאָליר, אי דער אי יענער זענען אַריינגעטאָן אין די נאַציאָנאַלע „עצמס", אין דעם נאַציאָנאַלן „גייסט". די תשובות, וועלכע זיי גיבן אויף די געשטעלטע פראַגן, זענען פאַרשיידן. די פראַגן גופא שטעלן זיי אויפן זעלביקן שטייגער. זיי פירן אַ פאַרשיידענע פאָליטיק, די אויסגאַנגס־פונקטן זענען ביי זיי אָבער די זעלביקע. ביי זיי זענען די זעלביקע חקירות, די זעלביקע אידעען, די זעלביקע מאָס אויף אָפּצושאַצן די פאָליטישע און

סאָציאַלע ווערטן. דער אינהאַלט פֿון אַט דער מאָס איז: דער חילוק צווישן מיינס און יענעמס. אַט פֿאַר וואָס דער אַסימילאַטאָר בנוגע יידן קען זיין אַ נאַציאָנאַליסט בנוגע רוסן.

די אַסימילאַציע־שטרעמונג איז בעצם דער זעלביקער נאַציאָנאַליזם נאָר פֿון דער אַנדער זייט. דער אַסימילאַטאָר איז דער זעלבער נאַציאָנאַליסט נאָר מיטן „אונטערשלאַק אַרויף".

אין דובנאָווס „בריוו וועגן דעם אַלטן און נייעם יידנטום" לייענען מיר אַזאַ מין שטעלע: „די חסידים און די העלעניסטן (וואָס האָבן זיך גע־צויגן צו דער גריכישער קולטור) — מיט אַנדערע ווערטער, די נאַציאָנאַ־ליסטן און די אַסימילאַטאָרן — אין דער צייט פֿון די מאַקאַבייער־מלחמות — זענען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען אין דעם, צוליב וועלכן ציל דאַרפֿן די יידן עקסיסטירן. די חסידים האָבן געהאַלטן, אַז דאָס יידנטום, ניט וועלנדיק איינגעשלונגען ווערן דורך די אומות העולם, דאַרף עקסיסטירן ווי אַ שאַרף אָפּגעזונדערטע קולטורעלע און נאַציאָנאַלע איינהייט; די העלעניסטן האָבן גערעכנט, אַז דאָס יידישע פֿאָלק דאַרף זיך צופּאַסן צו דער גריכישער קולטור — דעם אידעאַל פֿון דער דאַמאָלסדיקער וועלט — הגם דאָס מעג זיין אַ היזק פֿאַר זייער אייגנטימלעכער גייסטיקער פֿיזיאָנאָמיע... דאָס זענען געווען מחלוקות וועגן דעם, צי דאַרפֿן יידן איבערהויפּט עקסיסטירן אַלס אַ באַ־זונדער פֿאָלק, צי ניט, — די שטענדיקע מחלוקות צווישן די אַסימילאַטאָרן און נאַציאָנאַליסטן".[2]

איר זעט, אויף וואָס עס צעברעכן זיך די קעפּ די אַסימילאַטאָרן און די נאַציאָנאַליסטן, זיי אַמפּערן זיך: „צוליב וועלכן ציל דאַרפֿן די יידן עקסיס־טירן; צוליב דער פֿראַגע אין וואָס באַשטייען די אויפֿגאַבן פֿון דער יידישער נאַציע ווי אַ כּלל. איר זעט, די בורזשואַזע אידעאַלן ליגן אַזוי טיף אין דעם נאַציאָנאַליזם, אַז ביי די בורזשואַזע אידעאָלאָגן קומט גאָר אויפֿן זינען נישט אַרויף די פֿאַרשטעלונגען וועגן הפּוכים אינעווייניק אין דער נאַציע גופֿא, פֿון אַ קאַמף, וועלכער צערייסט זי אויף צוויי פֿיינדלעכע מחנות. „אויבן־אָן" ווערט אַוועקגעשטעלט דער נאַציאָנאַלער אינטערעס, און לגבי אים ווערט אַנטשוויגן דער רוף צום קלאַסן־קאַמף, פֿאַרהילכט דורך די דרשות וועגן דער פֿאַראייניקונג פֿון דעם גאַנצן כּלל אונטער דער פֿאָן פֿון די אויפֿ־גאַבן, וואָס זענען נוגע דעם גאַנצן פֿאָלק.

„די אידעע פֿון דעם כּלל־פֿאָלק — זאָגט גראַדאָווסקי — זעט פֿאָרויס די פֿולקומע סאָלידאַריטעט צווישן אַלע שיכטן פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿון די העכסטע ביז די נידעריקסטע".[3]

די נאַציע איז די גרויסע סאָלידאַריטעט — זאָגט רענאַן — ווי אַ

---

[2] די ביכלעך פֿון וואָסכאָד, 1901, XI, ז' 5.

[3] גראַדאָווסקי, „די נאַציאָנאַלע פֿראַגע", געזאַמלטע ווערק, באַנד VI, ז' 240.

רעזולטאַט פֿון די הייליקע געפֿילן צו די געבראַכטע קרבנות און צו די, וועלכע עס וועלן נאָך געבראַכט ווערן אין דער צוקונפֿט... האָבן אַ געמיינזאַמען גרויסן שם אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, אַ געמיינזאַמען רצון אין דער קעגנוואַרט, אויספֿירן אין איינעם גרויסע טאַטן, ווינטשן אויסצופֿירן זיי אויך אויף להבא, — דאָ איז דער וויכטיקסטער באַדינג פֿון דער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ.[4]

אָט די הויכע און פוסטע מליצה באַווייזט קלאָר ווי דער טאָג דעם בורזשואַזן כאַראַקטער פֿון דער ריכטונג, וועלכע זי פרעדיקט. ווו עס לאָזן זיך הערן דבורים פֿון ליבע צום גאַנצן כלל-פֿאָלק און פֿון ברידערלעכקייט, דאָרטן זענען געוויס פֿאַרבאָרגן די אינטערעסן פֿון דער בורזשואַזיע, וועלכע שטעלט שטענדיק פֿאַר אירע אייגענע צילן ווי אַ כלומרשטן טובת-הכלל.

סאָלידאַריטעט פֿון דעם כלל-פֿאָלק—הייסט אָפּזאָגן זיך פֿון קלאַסן-קאַמף, הייסט שלום פֿון פראָלעטאַריאַט מיט דער בורזשואַזיע, הייסט גייס-טיקע און מאַטעריעלע פֿאַרשקלאַפֿונג פֿון פראָלעטאַריאַט; אונטער די אידעאַליסטישע פוסטע דבורים איז פֿאַרשטעקט דער אינטערעס פֿון דער פֿאַלשער און גיריקער בורזשואַזיע.

מיר האָבן אָנגעוויזן אויף די סמנים, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער פּאָליטיק פֿון דער גאַנצער בורזשואַזיע, וועלכע ליגן סיי אין דער אַסימילאַציע-שטרעבונג, סיי אין דעם נאַציאָנאַליזם: דער גורל פֿון דער כלל-נאַציע — דערפֿאַר דאגהנען זיי קודם-כל. די אינטערעסן פֿון דער נאַציע איז זייער לאָזונג, די אויפֿגאַבן פֿון דער נאַציע ווי אַ גאַנצער, אומטיילבאַרער סאָלידאַרישער כלל, באַשטימען זייער פּאָליטיק, זיי האַוון שטאַרק, אַז די נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייט זאָל האָבן אַ קיום, אָדער פֿאַרקערט, אַז די נאַציע זאָל פֿאַרלירן איר פֿיזיאָנאָמיע — דערינען ליגן זייערע אַלע שטרע-בונגען.

אָט דאָס איז די פּאָזיציע פֿון דער בורזשואַזיע אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. אָט אַזוי זעט אויס איר אידעאָלאָגיע, וועלכע דריקט זיך אויס אַמאָל אין איר פֿולשטענדיקער און ריינער פֿאָרם, אַמאָל מישט זי זיך צו טראָפּנווייז צו די אמתע פּראָגרעסיווע אָנשויונגען, פֿאַרסמנדיק זיי מיט איר רעאַקציאָ-נערן גיפֿט.

ווי זשע דאַרף זיין די פּאָזיציע פֿון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע?

אויבן האָבן מיר שוין געזאָגט, אַז די אַלגעמיינע אידעען-וועלט פֿון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע גיט שוין ממילא אַן ענטפֿער דערויף, ווי דאַרף זיך די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע בעצם פֿאַרהאַלטן צו דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, אַן ענטפֿער, וועלכער איז דער איינציק ריכטיקער און פּראָגרעסיווער. אין דער גאַנצער סיסטעם פֿון אירע אָנשויונגען און פֿון איר גאַנצער טעטיקייט, אין

[4] רענאַן, וואָס איז אַזוינס אַ נאַציע.

איר טעאָריע און פּראַקטיק, גייט זי אַרויס פון איין גרונט־פּרינציפּ — פון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף. דאָס איז נישט נאָר דער הויפּט־יסוד פון אונזער גאַנצער אַרבעט, דאָס איז דער איינציקער יסוד, און דאָס, וואָס מיר האָבן נאָר איין איינציקן פונדאַמענט אונטער אונזער סאָציאַל־פּאָלי־טישן בנין, איז איינע פון די וויכטיקסטע באַדינגונגען, וועלכע פירן די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי צום דערפאָלג. דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן־קאַמף, דער אינטערעס פון איר ברייטער אַנטוויקלונג — דאָס איז דער גרונט־מאָס־שטאָב, מיט וועלכן עס ווערן געמאָסטן אַלע דערשיינונגען פון סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן, אַלע אויפגאַבן, וועלכע דאָס דאַזיקע לעבן שטעלט אַרויס, אַלע אופנים, וועלכע עס לייגט פאָר אויף צו לייזן זיי. אָט דעם העכסטן קריטעריום ווענדן מיר אָן אויף אַלע פראַגן, לויט אים שאַצן מיר זיי אָפּ, טיילן זיי פונאַנדער, ווייזן אָן יעדערער איר פּאַסנדיקן פּלאַץ אין דער אַלגע־מיינער איינהייטלעכער מאַרקסיסטישער סיסטעם פון דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פּאָליטיק. מיט דעם העכסטן מאָסשטאַב גייען מיר צו אויך צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אים מאַכן מיר אונטערטעניק די נאַציאָנאַלע פראַגע, אַריינבנעמענדיק זי אין דער אַלגעמיינער קייט פון אונזער גאַנצער סיסטעם, ווי איין באַזונדערן רינג.

דער נאַציאָנאַליסט, זייענדיק פאַרקאָכט אין די אינטערעסן פון מאַרק, מאַכט פאַר אַ פּרינציפּ דעם נאַציאָנאַליזם, וועלכער האָט אין זיינע אויגן אַן אַבסאָלוטן ווערט. דער אַסימילאַטאָר, וועלכער קוקט אויס אויף די פרעמדע מערק, סטאַרעט זיך אָפּצומעקן זיין נאַציאָנאַל געשטאַלט. מיר, וועלכע ווילן נישט וויסן פון קיין יאָגן זיך נאָך מערק, מיר, וועמען ס'איז פרעמד דער שטרייט פון די בורזשואַזע גרופּן, וואָס רייסן זיך אין קאָנקורענץ־קאַמף איינע מיט די אַנדערע, מיר זענען ווייט פון דעם קאַמף פאַר דער „שליטה אויף פרעמדע מדינות״, מיר בוקן זיך נישט פאַרן אָפּגאָט פון נאַ־ציאָנאַליזם. די נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייט מאַכן מיר ניט פאַר אַ רעליגיע, מיר קניען אָבער אויך נישט פאַר דער אַסימילאַציע. מיר שטרעבן נישט, נישט איינצוהאַלטן „ביד חזקה״ די נאַציאָנאַלע כאַראַקטעריסטישע סימנים און נישט אויסצוואָרצלען דעם נאַציאָנאַלן „גייסט״. אונזערע אינטערעסן און אויפגאַבן ליגן אין אַ גאַנץ אַנדערן שטח; איבערן שטראָם פון די נאַציאָנאַ־ליסטישע און אַסימילאַטאָרישע טענדענצן טאָרן מיר נישט — אויף וויפל מיר בלייבן געטריי אונזערע פּרינציפּן — בויען אַ בריק.

וועלכע זענען די אויפגאַבן און די צילן פון אַ נאַציע? אין וועלכער זייט דאַרף מען קערעווען די נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג? אַזוינע פראַגן עקסיס־טירן פשוט נישט פאַר אונז, אַקוראַט ווי עס עקסיסטירן נישט יענע קלאַסן־אינטערעסן, וועלכע עס האָבן זיי אַרויסגעשטעלט. אונזערע אויפגאַבן ליגן אין אַ גאַנץ אַנדערן שטח: די פראַגן, וועלכע מיר פאַרענטפערן, ווערן גע־שטעלט גאַנץ אַנדערש.

לאמיר אקארשט דיכטיק פארשטיין דעם ענין: וואס איז אזוינס די נאציאנאלע קולטור, וואס איז אזוינס דער נאציאנאלער פרינציפ, דער אפגאט פון דעם בורזשואזן אידעאלאג? ווו ליגט פארבארגן דער מיסטישער נאציא־נאלער גייסט?

א נאציאנאלע קולטור, ווי א זעלבשטענדיקע זאך, ווי א פאר־שלאסענער קרייז מיט אן אייגנטימלעכן אינהאלט, עקסיסטירט בכלל נישט. נאציאנאל איז יענע אייגנטימלעכע פארעם, אין וועלכער עס גיסט זיך אריין דער אלגעמיין מענטשלעכער אינהאלט. דער תוכן פון דעם קולטורעלן לעבן, וועלכער איז בכלל אומעטום דער אייגענער, נעמט אן פארשיידענע קאלירן, פארשיידענע נאציאנאלע פארמען, זויבאלד ער גייט אריין אין פארשיידענע גרופן מיט פארשידענע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן. אט די פארהעלטע־נישן, וואס אין זיי ווערן געשטעלט און פארענטפערט די געזעלשאפטלעכע אויפגאבן, ביי וועלכע עס שפילן זיך אפ די געזעלשאפטלעכע סכסוכים, וואס באגלייטן דאס געזעלשאפטלעכע לעבן, די פארהעלטענישן, וואס אין זיי ווערן צייטיק די גייסטיקע שטרעמונגען — זיי לייגן ארויף א נאציאנאלן שטעמפל אויף דער קולטור. דער שטראל פון געזעלשאפטלעכן לעבן, פון סאציאלן קאמף, נעמט אליין אויך אן א באשטימטע פארב נאכן איבערברעכן זיך דורך א גרופע מיט א באשטימטן נאציאנאלן קאליר.

עס אנטוויקלט זיך דאס לעבן, די פארהעלטנישן בייטן זיך, עס שטויסן זיך צוזאמען פארשיידענע אידעען, און אינעווייניק אין אט דעם פארפלאנ־טערטן און פארוויקלטן פראצעס ליגט פארבארגן דער גוף פון דער געזעל־שאפטלעכער אנטוויקלונג, ריכטיקער געזאגט, זיין הויפט־שפרינגפעדער, דער קלאסן־קאמף.

מיר ווענדן אן אונזערע קרעפטן צו אט דעם מעכאניזם און ווילן, אז ער זאל ארבעטן ווי עס פאסט פאר אונז; די פיינדלעכע קרעפטן שלעפן אייך אין אן אנדער זייט. מיר ראנגלען זיך; לויט דעם הויפט־יסוד פון דעם קאמף גרופירן זיך פוןביידע צדדים אלע יענע עלעמענטן, וועלכע שפראצן ארויס פון אט דעם פונדאמענט; עס ווערן באשאפן געוויסע געזעצן, דינים, תקנות, עס קומען אויף פארשיידענע גייסטיקע שטרעמונגען, עס שניידט זיך אויס דער אדער יענער פסיכאלאגישער טיפ, בקיצור, עס וויקלט זיך פונאנ־דער דאס לעבן אין אלע זיינע רייכע פארשיידענע פארמען און געשטאלטן. מיר נעמען דאס לעבן, וואס האט אויפגעבליט אין די גרענעצן פון א בא־שטימטן נאציאנאלן ארגאניזם, פארגלייכן אים מיטן בילד פון אנדערע נאציאנאלע גרופן. מיר באמערקן, אז אין געוויסע פרטים זענען זיי ענלעך, אין אנדערע איז דא צווישן זיי א חילוק; די שפראך איז נישט די אייגענע, די פסיכאלאגיע איז אן אנדערע, עס זענען פארשיידן די פארהעלטענישן פון די געזעלשאפטלעכע קרעפטן, די רעכט זענען אנדערע; דער גוף איז דער אייגענער, די אייבערשטע הויט איז אן אנדערע. וואס זשע פאר א באדייטונג

האָט פאַר אונז די פאַרשיידנהייט פון דער הויט? דאַרפן דען מיר זאָרגן דערפאַר, אַז דער חילוק זאָל האָבן אַ קיום, אַז דער אָדער יענער גוף זאָל זיין איינגעוויקלט אין אייגנטימלעכע פאָרמען? דאַרפן מיר דאגהן אַז די פאַר־שיידנקייטן זאָלן זיך פאַרשטאַרקן און פאַרבלייבן אויף שטענדיק?

אָוודאי נישט. — מיר זענען נישט קיין נאַציאָנאַליסטן.

קוקן מיר מיט אַ קרומען אויג אויף אָט די פאַרשיידנקייטן? דאַרפן מיר און צי איז וויכטיק פאַר אונז, אַז די גופים זאָלן זיין איינגעוויקלט אין דער זעלבער הויט? צי דאַגהן מיר דערפאַר, אַז די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע געשטאַלטן זאָלן אָננעמען די זעלבע פאָרם?

אָוודאי נישט. — מיר זענען נישט קיין אַסימילאַטאָרן.

מיר פירן דעם קלאַסן־קאַמף, דריקן אויף דער וויכטיקסטער שפרינג־פעדער, גיבן אַ באַשטימטע ריכטונג דעם הויפט־שטראָל. אָט דאָ ליגן אונזערע אויפגאַבן, אָט דאָ איז דאָס פעלד פון אונזערע צילן. מיר רוימען אָפּ אַלץ, וואָס לאָזט אונז נישט קערעווען דעם מעכאַניזם לויט אונזער באַגער. פון דעם שטאַנדפונקט שאַצן מיר אָפּ אַלע דערשיינונגען.

אין זיין אַנטוויקלונג נעמט אָן דער קלאַסנקאַמף פאַרשיידענע נאַציאָ־נאַלע פאָרמען, פאַרוויקלט זיך אין אַן אייגנטימלעכן שלייער, דער שטראָל פאַרבט זיך אָפּ אין אַזאַ אָדער אַנדער נאַציאָנאַלן קאָליר. דאָס ליגט שוין מחוץ לתחום פון אונזערע צילן. דאָס זענען די רעזולטאַטן פון אַ בלינדן פראָצעס, אויף וועלכן מיר האָבן קיין שליטה נישט.

דער טעות פון די נאַציאָנאַליסטן און אַסימילאַטאָרן באַשטייט אין דעם, וואָס די רעזולטאַטן נעמען זיי אָן פאַר צילן.

זאָל זיין, אַז די געשיכטע האָט גוזר געווען, אַז יידן דאַרפן זיך אַסימילירן צווישן אַנדערע פעלקער. מיר פון אונזער צד וועלן נישט אָנ־ווענדן קיין כוחות נישט אויף אָפּצוהאַלטן דעם פראָצעס און נישט אויף אונטערצוהאַלטן אים. מיר מישן זיך נישט אין דעם; מיר זענען נייטראַל. אמת, מיר זענען קעגן די אַסימילאַטאָרן, וועלכע שטרעבן צו דער דאַזיקער אַסימילאַציע; אָבער מיר קערן זיך אָפּ פון זיי נישט דערפאַר, מחמת מיר האָבן מורא פאַר דער אַסימילאַציע, נאָר דערפאַר, ווייל זי קאָן נישט גע־שטעלט ווערן אַלס אַן אויפגאַבע, זי קאָן נאָר זיין דער רעזולטאַט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג; מיר זענען נישט קעגן דער אַסימי־לאַציע, מיר זענען קעגן דער שטרעבונג צו אַסימילאַציע, קעגן אַסימילאַציע ווי אַ ציל.

זאָל זיין, אַז דער געשיכטע גלוסט זיך, אַז ביי יידן זאָל זיך פונאַנ־דערבליען אַן אייגנטימלעכע קולטור; מיר וועלן זיך נישט סטאַרען אָפּ־צוהאַלטן אָט דעם גאַנג, מיר וועלן אויך זיך נישט זאָרגן פאַר זיין דערפאָלג, מיר מישן זיך נישט דערינען, מיר זענען נייטראַל. אמת, מיר זענען קעגן די נאַציאָנאַליסטן, וועלכע שטעלן זיך פאַר אַן אויפגאַבע ניט אַנדערש ווי

איינצוהאַלטן די יידישע קולטור. אָבער קעגן זיי זענען מיר נישט צוליב דעם, וואָס מיר ווילן נישט קיין נאַציאָנאַלן קאָליר פון דער קולטור, נאָר דערפאַר, ווייל מיר האַלטן נישט פאַר אַן אויפגאַבע איינצופלאַנצן זי. מיר זענען נישט קעגן דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער קולטור, מיר זענען קעגן דער נאַציאָנאַליסטישער פּאָליטיק.

מיר פאַרהאַלטן זיך נייטראַל צו יענע פראַגן, וועלכע זענען אין דעם אָדער יענעם געביט כאַראַקטעריסטיש פאַר דער בורזשואַזיע. אין אַט דער פאָרעם לייקענען מיר אָפּ די נאַציאָנאַלע פראַגע, אין דער פאָ־רעם איז זי אונז נישט נוגע.

נאָר אויף אַן אַנדער אופן שטעלן מיר זי פון דאָס ניי. אין אַן אַנדער זין זענען מיר נישט גלייכגילטיק; מיר מישן זיך אַריין אין דעם גאַנג פון לעבן מיט דער גרעסטער ענערגיע און איינגעשפּאַרטקייט. און אַט אין וואָס פאַר אַ זינען עס עקסיסטירט פאַר אונז די נאַציאָנאַלע פראַגע. וואָס פאַר אַ גאַנג די געשיכטע זאָל נישט אַננעמען, וועלכע האַ־פענונגען דער היסטאָרישער פּראָצעס זאָל נישט געבן דער נאַציע, צי איר איז באַשערט אַנצוווערן אָדער צו פאַרשטאַרקן איר אייגנטימלעכע נאַציאָ־נאַלע געשטאַלט, אַט דער פּראָצעס מוז על כל פּנים פאַרקומען גלאַט און פריי. יעדער צוואַנג, יעדע אונטערדריקונג, סיי דירעקט, סיי אומדירעקט, מוז באַזייטיקט ווערן; נאָר די אינעווייניקסטע באַדערפענישן פון דעם פאָלקס־לעבן דאַרפן שפּילן אַ ראָלע אין דעם פּראָצעס פון אויסאַרבעטן קולטורעלע פאָרמען; נאָר אַט די אינעווייניקסטע באַדערפענישן האָבן דאָס רעכט זיך אויסצוטענהן ביי אַ דין תורה צווישן די „אייגענע" און „פרעמדע" פאָרמען פון דעם נאַציאָנאַלן לעבן; אָן שום מניעות מוז זיך אַנטוויקלען די מלחמה פאַרן לעבן פון די קולטורעלע פאָרמען, ווו די וויניקער צוגעפּאַסטע פאָרמען גייען צו גרונט, אָפּטרעטנדיק זייער פּלאַץ פאַר יענע וואָס טויגן און פּאַסן בעסער פאַר די מענטשלעכע באַדערפענישן. דער פאָלקס־אָרגאַניזם, פריי פון יעטוועדן אויסערלעכן דרוק, דאַרף אַליין, דורך זיין אייגענער אַנטוויקלונג, באַשטימען זיין גורל.

עס וואָלט געווען אַ גראָבער פעלער אַרויסצוטרייסלען דעם קאָרן אין איינעם מיט די פּסולת, אָפּצולייקענען אין גאַנצן די נאַציאָנאַלע פראַגע. מחמת וואָס? — ווייל מיר קענען נישט מסכים זיין מיט דעם, ווי די בורזשואַזיע שטעלט אַט די פראַגע. עס וואָלט געווען אַ גראָבער פעלער, ווען די קריטיק פון די פיינדלעכע שטרעמונגען זאָל אונז אַזוי ווייט פאַר־בלענדן, אַז מיר זאָלן נישט באַמערקן די מעגלעכקייט פון אָוועקשטעלן די נאַציאָנאַלע פראַגע פון אונזער פּראָלעטאַרישן קלאַסן־שטאַנדפּונקט; עס וואָלט געווען אַ פעלער צו טענהן אין איין קול, אַז מיר מוזן זיך פון איר אָפּזאָגן, אַנשטאָט צו פּרווון שטעלן איר אויף אַ ריכטיקן יסוד. אין אַן

אַנדער פאָרעם, אין אַן אַנדער שטח, אין אַן אַנדער אופן, און צוליב אַנ־דערע אויפגאַבן עקסיסטירט די נאַציאָנאַלע פראַגע אויך פאַר אונז.

קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער פרייהייט הייסט נאָך נישט נאַציאָנאַליזם, האָבן מיר אויבן געזאָגט. ער ווערט נאַציאָנאַליסטיש נאָר פון יענעם מאָ־מענט אָן, ווען אויף דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג ווערט אַרויפגעלייגט יענער אייגנטימלעכער בורזשואַזער שטעמפּל, וועלכן מיר האָבן אויבן כאַ־ראַקטעריזירט. נאָר דער קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג קאָן זיין פריי פון יענעם בורזשואַזן ריח, און דעמאָלט וועט עס זיין אַ באַפרייונגס־קאַמף, אַן אמת פּראָגרעסיווע אַרבעט. אָט די אַרבעט, נישט נאָר וואָס זי קאָן, — זי דאַרף זיך פירן אין איר ריינער געשטאַלט, פריי פון אַלע רעאַק־ציאָנערע עלעמענטן. דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף דעם קאַמף קעגן דער נאַ־ציאָנאַלער אונטערדריקונג אַריינשטעלן אין דעם סיסטעם פון זיין באַ־פרייונגס־קאַמף. עס איז נישט גענוג פאַרן פּראָלעטאַריאַט בלויז אָפּצוטרייסלען זיך פון די בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטישע שטרעבונגען, ער מוז עס נעמען אין זיינע הענט, פירן אויף זיין שטייגער, ווייל דאָס פאָדערט זיין קלאַסן־אינטערעס אין דער ריינער געשטאַלט.

די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג איז נישט געווענדט דווקא ספּעציעל קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס; זי איז געווענדט קעגן דער גאַנצער נאַציע. אָבער בעת די באַזיצנדיקע געבילדעטע קלאַסן רירט זי בלויז אָן, לייגט זי זיך מיט דער גאַנצער משא אויפן אַרבעטער־קלאַס, וועלכער פאַרנעמט די אונטערשטע שטופע אויפן געזעלשאַפטלעכן לייטער און וועלכער פילט נאָך שטאַרקער אויף זיינע פּלייצעס די קלעפּ, וועלכע עס שטייט אויס די גאַנצע נאַציע.

די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג שטיקט דאָס קולטורעלע לעבן. די מניעות, וועלכע די מוטער־שפּראַך און די ליטעראַטור באַגעגענען, מוזן זיך אויפן שעדלעכסטן אופן אָפּרופן אויף די אוממיטלבאַרע אינטערעסן פון דעם אַרבעטער. ער קען נישט קיין פרעמדע שפּראַך, ער לייענט נישט קיין פרעמדע צייטונגען. זיין אונטערדריקטע שפּראַך און ליטעראַטור איז די איינציקע טיר, דורך וועלכער ער קען זיך אַריינצייען אין קולטורעלן לעבן, אַנט־וויקלען זיין באַוווּסטזיין, פאַרברייטערן זיין השכלה. די טיר ווערט פאַר אים צוגעמאַכט. דער פּראָלעטאַריער איז אָפּגעשניטן פון קולטורעלן לעבן.

די אונטערדריקנדיקע מלוכה אָנערקענט נישט זיין מוטער־שפּראַך, זי גיט אַרויס געזעצן, דרוקט פאַראָרדנונגען אין אַ שפּראַך, וועלכע איז אומ־באַקאַנט דעם פּראָלעטאַריער; די משפטים ווערן אויך געפירט אויף אַן אומ־באַקאַנטער שפּראַך, דאָס זעלביקע איז מיט אַלע ענינים, וואָס טוען זיך אָפּ אין די קאַנצעלאַריעס. דער אַרבעטער איז אָפּגעשניטן פון דעם מלוכה־לעבן, ער בלייבט שטיין הינטער דעם בירגערלעכן און פּאָליטישן לעבן, די מלוכה־

מאַשין שטיקט אים, און ווערגט אים אָן רחמנות, און ער איז נישט בכח צו פֿאַרטיידיקן זיך.

די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג באַשאַפֿט אַ פֿאַראַכטונג צו די אונ־טערדריקטע, זי מאַכט זיי שפֿל, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן געהערן צו אַ נידע־ריקערן סאָרט מענטשן, פֿלאַנצט אין זיי איין די פּסיכאָלאָגיע פֿון אַ שקלאַף — אַ מוראַדיקער קלאַפּ פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער אמתער קלאַסן־פּסיכאָ־לאָגיע פֿון דעם זעלבסטבאַוווסטן פּראָלעטאַריאַט.

די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג — און דאָס איז איינער פֿון אירע גרעסטע חסרונות — שמידט צונויף אין איינעם אַלע טיילן פֿון דער אונטער־דריקטער נאַציע. דער נאַטירלעכער געפֿיל פֿון ווידערשטאַנד דערנענע־טערט די פֿיינדלעכע קלאַסן. זיי פֿאַראייניקן זיך אין נאָמען פֿון דער זעלביקער שנאה צו דעם אונטערדריקער פֿון דער פֿרעמדער נאַציע, פֿון דער שנאה, וועלכע וואַקסט אויס אויפֿן באָדן פֿון אונטערדריקונג. די פֿאַנאַטישע צוגעבונדנקייט צו אַלץ, וואָס איז „אייגענס" איז אַזוי טייער, אַז מען פֿאַרגעסט דערביי די היימישע מחלוקות. דער „אויסערלעכער" פֿיינט שטויסט אַרויס דעם „אינערלעכן"; די נאַציאָנאַלע הפוכים פֿאַרשטעלן די קלאַסן־קעגנזאַצן, די דרשות וועגן נאַציאָנאַלער אחדות אין נאָמען פֿון אַן אַל־געמיינעם קאַמף קעגן דעם אַלגעמיינעם פֿיינט פֿאַרהילכן דעם רוף צום „ביגער־קריג" פֿון דעם עקספּלואַטירטן קלאַס, וועלכער שטייט אויף קעגן דעם קלאַס עקספּלואַטאַרס. די נאַציאָנאַליסטישע און שאָוויניסטישע געפֿילן צע־בליִען זיך שטאַרק און ברייט, פֿאַרגיפֿטנדיק די גייסטיקע לופֿט, אָנפֿילנדיק זי מיט אַלערליי מינים רעאַקציאָנערע שטימונגען און אינסטינקטן. דער פּראָלע־טאַריאַט שטיקט זיך אין אָט דער פֿאַרסמטער לופֿט: עס ווערן באַשאַפֿן די אומ־גינסטיקסטע באַדינגונגען פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון זיין קלאַסן־באַוווסטזיין. ווען מיר זאָלן זיך נאָך דערמאָנען אין יענער שעדלעכער ווירקונג, וועלכע די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג ברענגט אויף דער הערשנדיקער נאַציע, אַפֿילו אירע פּראָלעטאַרישע שיכטן, וועלן מיר באַקומען אַ פֿולשטענדיקן בילד פֿון יענע אַלע צרות, וועלכע די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג ברענגט דעם אַר־בעטער־קלאַס.

און ווי באַלד עס איז דאָ אַזאַ צרה, מוז מען קעגן איר קעמפֿן. ווי באַלד עס עקסיסטירט די אונטערדריקונג, דאַרפֿן מיר געפֿינען מיטלען אויף צו באַזייטיקן זי. עס איז שוין לאַנג צייט אַרויסצופֿירן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע פֿון יענעם צושטאַנד, אין וועלכן זי געפֿינט זיך אין אייניקע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע קרייזן. עס האָט נישט קיין טעם און קיין זינען, וואָס מען קוקט אויף איר אַזוי קרום, עס איז גאָר קיין שכל נישט, וואָס מען נעמט זיך פֿאַר איר מיט אַזאַ שוואַכן חשק. עס פֿאַרשטייט זיך, מיר דאַרפֿן נישט גיין אויפֿן וועג פֿון אַלערליי מינים נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע פֿאַרלירן יעדן ברייטן היסטאָרישן בליק און וועלכע שטעלן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע אין מיטלפּונקט

פון זייער פּראָגראַם. מיר דאַרפן געדענקן, אַז דאָס איז נישט די עיקר־פראַגע, נאָר איינע פון די פיל פראַגן וועגן אונטערדריקונג בכלל, און דעריבער מוז זי פאַרנעמען אַן אָרט לעבן די אַנדערע. איר ראָלע אין דער סאָציאַל־דע־מאָקראַטישער פּראָגראַם דאַרף זיין נישט מער, איידער די ראָלע פון אַנדערע וויכטיקע פראַגן.

נישט מער, נאָר אויך נישט ווייניקער! עס איז שעדלעך, ווען מען בלאָזט עס צו שטאַרק פונאַנדער, עס איז אָבער אויך נישט ווייניקער שעדלעך, ווען מען שטרייכט זי אויס, ווען מען לאָזט זי אויסן אינגאַנצן. הערט נאָר, וואָס עס זאָגן אונז אייניקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן נאָך אַפּנים נישט געפונען פאַר נייטיק אָפּצורייניקן זיך פון אַסימילאַטאָרישע גענג:

„אין רוסלאַנד האָבן נאָך די סאָציאַל־דעמאָקראַטן נישט וואָס צו איילן זיך מיטן אויסאַרבעטן אַ דעטאַליזירטע דעקלאַראַציע וועגן דער נאַציאָ־נאַלער פראַגע און קענען זיך באַנוגענען מיט דער פּרינציפּיעלער דערקלערונג אין מאַניפעסט פון דער רוסלענדער פּאַרטיי, וועלכע אַנערקענט די זעלבסט־באַשטימונגס־רעכט פאַר אַלע נאַציעס. אַט די דערקלערונג דריקט אויס פולשטענדיק קלאָר און דייטלעך דאָס אַלגעמיינע פאַרהאַלטן זיך צו אַלע נאַציעס פון רוסלאַנד, און דאָס איז דערווייל פולשטענדיק גענוג.[*]

וואָס פאַרשטייט דער מחבר אונטער דעם וואָרט „דעטאַליזירטע" דעק־לאַראַציע זעט מען דערפון, וואָס דאָ ווערט געפירט אַ פּאָלעמיק קעגן דער רעזאָלוציע פון 4טן צוזאַמענפאָר פון „בונד", וועלכער האָט אַרויסגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. אַט דעם אַלגעמיינעם פּרינציפּ האַלט דער מדקדק פון דער „ריינער" סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָגראַם פאַר אַ צופיל „דעטאַליזירטן"; פאַר אים איז גענוג דער פּונקט וועגן זעלבסט־באַשטימונג. ער קען „רויִק וואַרטן". און וואָס באַטייט דער פּונקט וועגן זעלבסטבאַשטימונג, וועלכער „איז פולשטענדיק קלאָר און דייטלעך"? וועגן דעם לייענען מיר אין „איסקראַ" (נומער 33 „פון דער פּאַרטיי") פאָלגנדעס:

„די פאָדערונג צו אַנערקענען דאָס רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג פאַר יעדער נאַציע באַטייט נאָר דאָס, אַז מיר, די פּאַרטיי פון פּראָלעטאַ־ריאַט, דאַרפן זיין שטענדיק און אומבאַדינגט קעגן יעדן פאַרזוך צו ווירקן פון אויסן מיט גוואַלדמיטלען אָדער מיט אומגערעכטיקייט אויף דער זעלבסטבאַשטימונג פון פאָלק".

גאַנץ פיין. אַט דאָס אַלזאָ איז די פּראָגראַם פון „איסקראַ" בנוגע צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע: מיר זענען שטענדיק קעגן יעדן פאַרזוך צו ווירקן מיט געוואַלד־מיטלען אָדער אומגערעכטיקייט אויף דער נאַציע. דאָס איז בלי ספק, קלאָר און דייטלעך, מיר קאָנען נאָר באַדויערן, וואָס אַט די קלאָרע און דייטלעכע פאָרמולירונג ווערט דערטרונקען אין אַ שטראָם פון

[*] „וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד", זאַריאַ, נומ' 4.

אַסימילאַטאָרישע געפֿילן. נאָר נישט דאָס זענען מיר אויכן. נישט שוין זשע איז דער זאַץ: מיר, די פּאַרטיי פֿון פּראָלעטאַריאַט, דאַרפֿן נישט דערלאָזן געוואַלד־טאַטן קעגן אַ נאַציע — שוין אַ פּונקט פֿון פּראָגראַם? נישט שוין זשע איז דאָס אַן ענטפֿער פֿון דער פּראָגראַם אויף דער פֿראַגע? צי איז נישט דייטלעך, אַז אין אַט דער פֿראַזע איז נאָר ערשט געשטעלט געוואָרן די פֿראַגע, ד. ה. ס׳איז איבערגעחזרט געוואָרן מיט אַנדערע ווערטער די פֿאָרויסזעצונג אויף צו פֿאַרענטפֿערן איר? די פֿאָרויסזעצונג איז קלאָר און דייטלעך; די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג עקסיסטירט, מיר מוזן קעמפֿן קעגן איר. נאָר פֿון אַ פּראָגראַם פֿאָדערט מען דאָך נישט נאָר די בלויזע פֿאָרמולירונג פֿון דער פֿראַגע — זי קען אין בעסטן פֿאַל פֿאַרנעמען אַ פּלאַץ אין דער אַלגעמיינער הקדמה; פֿון די פּראָגראַם־פּונקטן דערוואַרטן מיר אַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע, מיר פֿאָדערן, זי זאָל איר לייזן. אָבער אַנשטאָט אַן ענטפֿער און אַ לייזונג איז מען אונז מכבד מיט דער אייגענער פֿראַגע נאָכאַמאָל, וועלכע איז נאָר איבערגעחזרט מיט אַנדערע ווערטער. מיר שטעלן דער פּראָגראַם אַזאַ שאלה: וואָס דאַרף די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויפֿטון, כדי צו באַזייטיקן די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג? און מיר הערן אַזאַ מין געהויבענע תשובה: „מיר, די פּאַרטיי פֿון פּראָלעטאַריאַט, דאַרפֿן זיין שטענדיק און אומבאַדינגט" קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. אַ שיינעם יישר כח!

מיר וואָלטן אַ בעלן געווען צו וויסן, וואָס וואָלטן געזאָגט די זעלביקע חברים, ווען אין אַ וועלכער עס איז פּראָגראַם וואָלט אין די פּונקטן, ווו עס רעדט זיך וועגן גאַראַנטיעס קעגן דער פּאָליטישער אונטערדריקונג, געשטאַנען אַזאַ מין שיינע מליצה: מיר, די פּאַרטיי פֿון פּראָלעטאַריאַט, זענען שטענדיק און אומבאַדינגט קעגן פּאָליטישן געוואַלד, און אַנשטאָט דער עקאָנאָמישער פּראָגראַם וואָלט געשטאַנען אַזאַ פּונקט: מיר, די פּאַרטיי פֿון פּראָלעטאַריאַט, זענען שטענדיק און אומבאַדינגט קעגן דער עקאָנאָמישער אונטערדריקונג.

וואָלט מען אַזוינע חקירות אַרויסגעשטעלט בנוגע צו אַנדערע פֿראַגן, וואָלט מען אפֿשר אָנגעהויבן צו צווייפֿלען, צי איז זייער מחבר ביים קלאָרן זינען. דאָ גייט אַלץ גלאַט אַראָפּ און קיינער חידושט זיך אַפֿילו נישט.

אַפּנים, אַז דער ענין איז נישט גאָר אַזוי גלאַט, אַז אַזעלכע „פֿאָדערונגען" זאָלן נישט דאַרפֿן פֿאַרנעמען קיין אָרט אין אַ פּראָגראַם, אָדער מען זאָל דאַרפֿן לגמרי אַרויסוואַרפֿן דעם פּונקט גופא. עס איז אויך נישט קלאָר מיט דעם פּירוש, וואָס „איסקרא" מאַכט אויף אים; עס איז קלאָר, אַז עס מוז נעמען אַ סוף צו דער אומנאָרמאַלער לאַגע, אין וועלכער עס געפֿינט זיך די נאַציאָנאַלע פֿראַגע.

די שאלה פֿאָדערט אַ תשובה, און נישט יאַגנדיק זיך נאָך די איינצלנע דעטאַלן דאַרפֿן מיר געבן אַן ענטפֿער אויף איר בכלל אין דער זעלביקער צייט, ווען מען גיט אַן ענטפֿער אויף אַלע איבעריקע פּונקטן פֿון

דער פּראָגראַם, ד. ה. טאַקע איצט גופא, נישט אָפּלייגנדיק ביז משיח וועט קומען.

די פראַגע, שטייט אַזוי: אַזוי ווי די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג רופט זיך אָפּ שעדלעך אויף דער לאַגע פון פּראָלעטאַריאַט, פאַרהאַלט זיין אַנטוויקלונג און איז אַ שטערונג פאַר זיין קלאַסן־קאַמף, מוז מען — אויף וויפל דאָס איז איבערהויפּט מעגלעך ביי דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג — פאַרהיטן יעדער נאַציע פון אונטערדריקונג. מען מוז באַשאַפן גאַראַנטיעס, וועלכע זאָלן פאַרזאָרגן פאַר יעדער נאַציע די פולשטענדיקע פרייהייט פון קולטורעלער אַנטוויקלונג, און זאָלן באַזייטיקן אַלץ וואָס עס דריקט און צעקאַליעטשעט זי.

אין וואָס באַשטייט אָט די באַוואָרעניש? וואָס פאַר אַ געזעצן און איינריכטונגען דאַרפן מיר זען צו דערשלאָגן זיך? מיט אַנדערע ווערטער, וואָס פאָדערט אונזער פּראָגראַם בנוגע דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

אין פאַריקן קאַפּיטל האָבן מיר זיך באַמיט אויפצוקלערן יענע פּרינציפּיעלע פאָרויסזעצונגען, אָן וועלכע עס איז נאָך אונזער מיינונג לחלוטין אוממעגלעך צו שטעלן ריכטיק די נאַציאָנאַלע פראַגע, אַז זי זאָל שטימען מיט דער גאַנצער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָגראַם.

איצט האָבן מיר בדעה איבערצוגיין צו דער לייזונג פון אָט דער פראַגע און פאַרנעמען זיך מיט דער קריטיק פון יענע אַלגעמיינע מיטלען, ריכטיקער געזאָגט, פון יענע דירעקטיוון, וועלכע מען שטעלט אַרויס אַלס אַן ענטפער אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

נאָר קודם כל מוזן מיר מאַכן אַ נייטיקע באַמערקונג. עס קומט אויס זייער אָפט צו רעדן וועגן מיטלען, וועלכע זאָלן באַוואָרענען פון אונטערדריקונג די קולטורעלע אַנטוויקלונג פון אַ נאַציע וועגן גאַראַנטיעס קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג אאַז״וו. מען דאַרף איין מאָל פאַר אַלע מאָל פעסטשטעלן, אַז אַזוינע אויסדריקן ווי „מיטלען", „גאַראַנטיעס" וכדומה דאַרף מען דאָ פאַרשטיין אין אַ גאַנץ באַשטימטן זינען. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג קענען נישט געמאָלט זיין וועלכע ס'איז אַבסאָלוטע גאַראַנטיעס, וואָס זאָלן פולשטענדיק באַוואָרענען די אָדער יענע קאַטעגאָריע בירגער פון דעם אָדער יענעם מין אונטערדריקונג. די נאַציאָנאַלע פראַגע פון אונזער צייט, פּונקט ווי אַלע אַנדערע פראַגן, איז פאַרקניפּט און אָרגאַניש פאַרבונדן מיט די עצם יסודות פון דער קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט, און כל זמן עס וועט נישט באַזייטיקט ווערן די קאַפּיטאַליסטישע קאָנקורענץ, וועלכע רופט אַרויס כסדר נאַציאָנאַלע מחלוקות, כל זמן עס וועלן ניט באַזייטיקט ווערן די אַלע פּאָליטישע און גייסטיקע שטרעבונגען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וועט קיין זאַך אין דער וועלט נישט קענען דינען פאַר אַ „רפואה שלמה" קעגן די נאַציאָנאַלע סכסוכים און גוואַלד. אַפילו די פולקומסטע געזעץ־געבונג איז אוממעכטיק קעגן אַזוינע

פֿאַרמעגן פֿון נאַציאָנאַלע סיכסוכים, ווי צ. ב. דער געזעלשאַפֿטלעכער באָיקאָט, וועלכער האָט די מעגלעכקייט לויט זיין עצם כאַראַקטער דורכצושפּאַרן זיך דורך די נעצן פֿון די מלוכה־תקנות און געפֿינען זיך אַן אָרט אין די געזעלשאַפֿטלעכע און פּערזענלעכע באַציִונגען.

אַבסאָלוטע גאַראַנטיעס קעגן נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג קענען מיר אין דער בורזשואַזער וועלט ניש האָבן, אַקוראַט ווי מיר קענען נישט האָבן איצט אַזוינע גאַראַנטיעס קעגן אַלע אַנדערע סאָציאַלע און פּאָליטישע צרות, וועלכע קענען באַזייטיקט ווערן ערשט דאַן, ווען מיר וועלן פּטור ווערן פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפֿט; אָט צוליב דעם טאַקע גייען אַריין די פֿאָדערונגען, וועלכע זענען נוגע דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, אין אונזער פּראָגראַם־מינימום, דאָס הייסט אין יענעם טייל פֿון אונזער פּראָגראַם, וואָס מערקט אָן די פֿאָדערונגען, וואָס מיר שטעלן אַרויס דער בורזשואַזער וועלט, און וועלכע איז בעצם נאָר אַ צייטווייליקע סגולה, — אויף דערווייל, צו פֿאַרגרינגערן די עקסיסטענץ פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט און אָפּריינִיקן אים דעם וועג צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

אָט פֿאַרוואָס בעת מ׳רעדט וועגן גאַראַנטיעס קעגן נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, דאַרף מען פֿאַרשטיין, אַז מען מיינט דערביי — הגם מען טייטשט עס נישט אויס בפֿירוש — „אויף וויפֿל אַזוינע גאַראַנטיעס זענען איבערהויפּט מעגלעך אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג״. אָט פֿאַר וואָס מען טאָר לחלוטין נישט אָנגעבן אונזער נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פֿאַר אַ „רפֿואה שלמה״, פֿאַר אַ מין כשפֿדיקע סגולה, וועלכע איז בכוח אויסצוואָרצלען פֿון דער וועלט די נאַציאָנאַלע סכסוכים. כל זמן עס עקסיסטירט דער קאַפּיטאַליזם, קענען מיר נאָר בלויז גרינגער מאַכן דעם נאַציאָנאַלן קאַמף — און דאָס האָט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג, וועלכע מען טאָר נישט שאַצן צו נידעריק — מיר קאָנען אים איינשרענקן, אַז זיין שליטה זאָל נישט גיין ווייטער פֿון יענע קרייזן, אויף וועלכע אונזער פּאָליטישע אַרבעט קען קיין ווירקונג נישט האָבן, מיר קענען אָפּשוואַכן זיין קראַפֿט און באַדייטונג; מיר זענען בכח — דאָס קאָן געמאָלט זיין ביי באַזונדערס גינסטיקע באַדינגונגען — דאָ אָדער דאָרטן אויף אַזויפֿיל אָפּשוואַכן זיין שעדלעכקייט ביז צום קלענסטן גראַד — נאָר ערב זיין, אַז מיר וועלן אויסוואָרצלען אינגאַנצן דעם נאַציאָנאַלן קאַמף, דאָס וואָלט געווען פֿון אונזער צד אַזאַ פּאָליטישער שווינדל, אַקוראַט ווי די הבטחות פֿון די סאָציאַל־רעפֿאָרמאַטאָרס צו ברענגען דעם סאָציאַלן שלום, נישט אָפּשאַפֿנדיק דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע־אופֿן.

דאָס מוז מען געדענקען. נאָר נישט ווייניקער וויכטיק איז אויסצומיידן אַן אַנדער טעות, וועלכער קאָן ברענגען נאָך צו מער געפֿערלעכע רעזולטאַטן. אייניקע טראַכטן אַזוי: אַזוי ווי די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם איז נישט מער ווי אַ צייטווייליקע סגולה, דאַרפֿן מיר זיך איבערהויפּט באַגוגענען מיט אַ קלייניקייט און אָפּזאָגן זיך פֿון אַרויסשטעלן ברייטערע פֿאָדערונגען: סיי־

ווי־סיי, הייסט עס, וועט מען מיט אַ לעפל נישט אויסשעפּן דעם ים. עס איז גאָר איבעריק צו זאָגן, ווי ווייט אַזאַ פּאָליטיק איז שעדלעך. אונזער פּראַקטישע פּראָגראַם איז מינימאַל אין פאַרגלייך מיטן גאַנצן פאַרנעם פון דער סאָציאַלער איבערקערעניש, צו וועלכער די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע שטרעבט; זי איז מינימאַל אין פאַרגלייך מיט דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט; אָבער בנוגע צו דער בורזשואַזער געזעלשאַפט מוז זי זיין אַן שום ספק מאַקסימאַל, זי מוז זיך סטאַרען צו נעמען ביי איר אַלץ, וואָס זי איז נאָר בכוח צו געבן. נישט באַשאַפנדיק קיין פּוסטע חלומות וועגן דער גרויס פון די הנחות, וועלכע די בורזשואַזע געזעלשאַפט קען אונז געבן, נישט זייענדיק געגאַרט אין דעם, ווי ווייט אונזערע דעראָבערונגען קאָנען האָבן אַ פעסטן קיום, דאַרפן מיר דאָך פונדעסטוועגן נישט איינשרענקן זיך אַליין און פון גוטן ווילן אַרויסשטעלן מיט עניוות קליינע פאָדערונגען, טרייסטנדיק זיך דערמיט, וואָס אונזערע פאָדערונגען וועלן סיי־ווי־סיי אינגאַנצן נישט דערגרייכט ווערן. אַט טאָקע צוליב דעם, וואָס די בורזשואַזע אָרדענונג וועט שוין אַליין זאָרגן דערפאַר, אַז מ׳זאָל אונז באַשרענקן, דאַרפן מיר זיין ווייט פון יעדער זעלבסט־באַשרענקונג און סטאַרען זיך אַרויסצורייסן ביי דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג דעם העכסטן סכום, וועלכן מען קען ביי איר אַרויסקריגן.

נאָך די דאָזיקע אַלגעמיינע באַמערקונגען, גייען מיר איבער צום עצם ענין.

די נאַציאָנאַלע פראַגע שטייט פאַר אונז אין צוויי געשטאַלטן, און אַט דעם צווייזייטיקן כאַראַקטער אירן, אין וועלכן מען פאַרגעסט זייער אָפט, מוז מען קודם־כל באַטראַכטן. די ערשטע פאָרם אירע איז — די פראַגע וועגן פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט, וועגן אַ זעלבשטענדיקער נאַציאָנאַלער מלוכה. אַ מלוכה־נאַציע, וועלכע האָט פריִער עקסיסטירט אַלס אַ זעלבשטענדיקער פּאָליטישער אָרגאַניזם, ווערט אונטערטעניק אַן אַנדער מלוכה, אַ שטאַרקערער; אַזוי ווי זי ווערט באַהאַפטן ריין מעכאַניש דורך דעם צוואַנג פון דער פיזישער מאַכט, באַהאַלט זי דעריבער, אַפילו אין אַ ביסל אַ צעקאָליעטשעטער אונטערדריקטער פאָרם, איר אייגענעם סאָציאַל־פּאָליטישן לעבן און זי שטרעבט אָפּצורייסן זיך פון איר אונטערדריקער־איבערהאַר. עס פירט זיך אַ קאַמף פאַר זעלבסטשטענדיקייט. דער רעזולטאַט איז — ווען דער קאַמף גיט זיך איין — די פּאָליטישע קאַרטע ווערט רייכער מיט נאָך אַ זעלבסט־שטענדיקער מלוכה. אַט דאָס איז איין פאָרם.

די צווייטע זעט אויס גאַנץ אַנדערש. אין דעם זעלביקן תחום פון אַן איין איינציקער מלוכה לעבט אַ געוויסע צאָל נאַציעס, וועלכע האָבן פאַר־לאָרן די לעצטע שפּורן פון אַ זעלבסטשטענדיקער מלוכה־עקסיסטענץ; נאַציעס, וועלכע זענען פאַרקניפּט איינע מיט די אַנדערע אין זייער עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן, וועלכע זענען אויסגעמישט איינע מיט די אַנדערע אויף איין טעריטאָריע און וועלכע האָבן שוין אַפילו אויפגעהערט צו קלערן וועגן פאַ־

ליטישער אומאָפּהענגיקייט. דאָס איז אַ נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה. אָט דאָ שטייט די פֿראַגע אַזוי: ווי זאָל מען דערגרייכן, אַז די פֿאַרשיידענע נאַציעס זאָלן לעבן צווישן זיך בשלום אין דער זעלביקער מלוכה; ווי זאָל מען באַוואָרענען, אַז ס'זאָלן צווישן זיי נישט פֿאָרקומען קיין סכסוכים, אַז די שטאַרקע פֿעלקער זאָלן נישט שטיקן די שוואַכערע.

בעצם בילדעט נאָך אָט די פֿראַגע — וועגן דער באַציִונג צווישן פֿאַרשיידענע נאַציעס, וועלכע לעבן אין איין מלוכה — די אמתע נאַציאָנאַלע פֿראַגע אין פֿולן זינען פֿון וואָרט. די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט וואָלט געקענט געבן אַ פֿולשטענדיקן ענטפֿער אויף דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע נאָר אין דעם פֿאַל, ווען די טעריטאָריע, וועלכע שטרעבט צו זעלבסטשטענדיקייט, וואָלט געווען דורכויס באַזעסן פֿון איין נאַציע. אָבער אַזוי ווי דאָס איז נישטאָ, און ביי די היינטיקע באַדינגונגען קען דאָס גאַרניט געמאָלט זיין, ממילא קומט אויס, אַז ווען עס זאָל אַפֿילו דערגרייכט ווערן „נאַציאָנאַלע" אומאָפּהענגיקייט, וועט די ניי־אויפֿגעקומענע מלוכה אַלץ בלייבן אַ נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה אין אַ קלענערן מאַסשטאַב, און די פּאָליטיקער וועלן אַלץ מוזן זוכן מיטלען אַקוראַט ווי פֿריִער אויף צו רעגולירן די באַציִונגען צווישן די פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס באַוווינען די נייע מלוכה. די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט ברענגט די נאַציאָנאַלע באַפֿרייונג בלויז פֿאַר יענער נאַציע, וועלכע פֿאַרנעמט דעם ערשטן אָרט אויף דער באַפֿרייטער טעריטאָריע. פֿאַר די איבעריקע נאַציאָנאַליטעטן ווערט בלויז פֿאַרביטן דער אַלטער אונטערדריקער דורך אַ נייעם.

נאָר מערקווערדיק: הגם דער פּאָליטישער סעפּאַראַטיזם איז די אומפֿולקומסטע פֿאָרם אויף צו לייזן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע אַלס אַ נאַציאָנאַלע (ווייל אויף צו באַפֿרייען אַן אונטערדריקטע מלוכה וועט זי שטענדיק זיין דער פּאַסיקער מיטל), פֿונדעסטוועגן נעמט ער שטאַרק אויס אין די רייען פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און זי פֿאַרגעסט צוליב אים די אַנדערע פֿאָרם — די לייזונג פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע אין דער מלוכה גופֿא, די פֿראַגע, ווי זאָל מען אָרגאַניזירן אַ נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה. און אַזוי ווי די פֿראַגע אין איר ערשטער פֿאָרם — די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט — איז פֿריִער אַרויסגעטראָטן אין דער געשיכטע, צוליב געוויסע טראַדיציעס פֿון דעם בורזשואַזן געדאַנק, וועלכע האָבן זיך פֿעסט צוגעקלעפּט דאָרטן, ווו זיי האָבן אייגנטלעך נישט געדאַרפֿט געפֿינען קיין פּלאַץ, — אָט צוליב דעם פֿאַרבינדט מען מיט דעם באַגריף „נאַציאָנאַלע באַפֿרייונג" קודם כל די פֿאַרשטעלונג וועגן פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט, און פֿון אָט דער פֿאָרשטעלונג דרינגען געוויינלעך אַרויס די פֿאַרקריפּלטע אָנשויונגען אויף דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע בכלל.

אָט די צוויי פֿראַגן, וועלכע זענען בעצם גאַנץ פֿאַרשיידן איינע פֿון דער אַנדערער ווערן צונויפֿגעפּלאָנטערט אין איינעם, און דערמיט דערקלערן זיך ביז

צו אַ באַדייטנדיקן גראַד אַ סך פֿון יענע פֿעלערן, וועלכע אונזערע קעגנער מאַכן. מיר ווילן אָגב באַמערקן, אַז אַפֿילו דאָרטן, ווו עס איז שווער אָנצו־נעמען, אַז מען מישט צונויף מיט אַ כיוון אָט די בײדע פֿראַגן, איז דאָך לײכט צו געפֿינען בולטע שפּורן פֿון אַ געדאַנקען־גאַנג, וואָס האָט זיך געשאַפֿן דורך פֿרעמדע טראַדיציעס. צום בײשפּיל דער מחבר פֿון דעם אויבן ציטירטן אַרטיקל אין נומ. 4 „זאַריאַ", וועלנדיק באַווײזן, אַז פֿאַר די יידן איז נישט נויטיק און אוממעגלעך נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, ברענגט אַ ראיה צו זײנע רייד, וואָס ביי יידן פֿעלן „טראַדיציעס פֿון אַ זעלבשטענדיקן מלוכה־רעכט". דאָ שטעקט אַ פּשוטער, גראָבער טעות; טראַדיציעס פֿון אַ זעלבשטענדיקן מלוכה־רעכט, אָדער אַנדערש גערעדט, געוויסע אײ־בערגעבליבענע אָרגאַנען פֿון אַ זעלבשטענדיקער פּאָליטישער עקסיסטענץ האָבן אַ באַדייטונג בלויז דאַן, ווען עס רעדט זיך וועגן פּאָליטישער אומאָפּ־הענגיקייט, אָבער זיי שפּילן קיין שום ראָלע נישט, בעת עס שטייט די פֿראַגע, וואָס פֿאַר אַ סאָרט אָרדענונגען עס זאָלן אײנגעפֿירט ווערן אין איין אײנציקער, גאַנצער מלוכה בנוגע צו געוויסע פֿונקציעס — אין אונזער פֿאַל, בנוגע צו קולטורעלע ענינים — צי דאַרף מען צוליב דעם צוועק באַשאַפֿן ספּעציעלע נאַציאָנאַלע אינסטיטוטן אָדער זיי (די פֿונקציעס) ווען בלייבן אין די הענט פֿון די מלוכה־אינסטיטוטן. קעגן קולטורעלער אויטאָנאָמיע שטעלט מען אַרויס אַזעלכע אַרגומענטן, וועלכע מ׳וואָלט בשום אופֿן נישט געבראַכט, ווען מ׳וואָלט קלאָר און דײטלעך אָפּגעגרענעצט די נאַציאָנאַלע פֿראַגע, וואָס ווערט געלייזט אין דעם תחום פֿון דער מלוכה גופֿא, פֿון דער פֿראַגע, וואָס ליגט מחוץ לתחום פֿון דער מלוכה.

אָט פֿאַר וואָס מיר שטרייכן אונטער, אַז ס׳מוזן שאַרף אָפּגעטײלט ווערן די בײדע פֿראַגן אײנע פֿון די אַנדערע.

דער קאַמף פֿאַר פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט — דאָס איז אַ קאַמף פֿאַר איבערצײכענען די פּאָליטישע קאַרטע פֿון די מלוכות. ער טרעט ווייט אַריבער די גרענעצן פֿון אינערלעכן מלוכה־לעבן. זיין דערפֿאָלג, אַפֿילו זיין צוועקמעסיקייט ווערט אָפֿט אָפּהענגיק געמאַכט פֿון דער לאַגע אין דעם אינ־טערנאַציאָנאַלן קאָנצערט פֿון דער אָדער יענער פּאָליטישער קאָמבינאַציע, וועלכע איז אָפֿט ריין צופֿעליק און וועלכע מען קען נישט זען פֿון פֿריער. דער „לפֿי המקום און לפֿי הזמן" (לויט צייט און אָרט) שפּילט דאָ אַ מוראַדיקע, אָמאָל אַפֿילו אַן אַנטשיידענע ראָלע; מאַכן אָט די פֿאָדערונג פֿאַר אַ פּונקט פֿון פּראָגראַם — דאָס איז אַ ריזיקע.

די פֿראַגע וועגן פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט מוז על פּי טבע זיין אומבאַשטימט, באַדינגט דורך אַ גאַנצער ריי אורזאַכן, אַקוראַט ווי יעדע אַנדערע פֿראַגע, וועלכע איז נוגע די באַציִונגען צווישן די פֿאַרשײדענע מלוכות. עס וואָלט אָבער געווען אַ גראָבער פֿעלער איבערצוטראָגן אָט די אומ־באַשטימטקייט און באַדינגטקייט אויף דער פֿראַגע וועגן רעגולירן די נאַ־

ציאָנאַלע באַציִונגען, אויף וויפל דאָס איז נוגע די באַציִונגען אין דער מלוכה גופא. דאָס איז אַזאַ פראַגע, ווי יעדע אַנדערע פראַגע פון אינערלעכער פּאָליטיק, וועלכע אינטערעסירט שטאַרק די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און זי דערלאָזט און פאָדערט אַפילו פון דער פּראָגראַם אַ באַשטימטן, דייטלעכן ענטפער אַקוראַט ווי יעדע אַנדערע פראַגע, וועלכע געפינט די אָדער יענע לייזונג אין דער פּאַרטיי־פּראָגראַם.

אָפּטיילנדיק אויף אַזאַ אופן די אייגנטלעכע נאַציאָנאַלע פראַגע אין איר ריינער געשטאַלט און וועלנדיק פונאַנדערקלייבן זיך אין איר, באַגעגענען מיר שוין אויפן ערשטן טריט אַ מיינונג, וועלכע איז ווייט פאַרשפּרייט צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. האָט זיך אייך שוין יאָ איינגעגעבן אַרויסצופירן דעם מענטשן, וועלכער אינטערעסירט זיך מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע, פון דעם געדאַנקען־קרייז וועגן סעפּאַראַטיזם, נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט, אַ באַזונדערער פּאָליטישער עקסיסטענץ אאַז״וו. און אַריינפירן אים אין דעם תחום פון דעם אינערלעכן פּאָליטישן לעבן פון אַ מלוכה, זייט איר מיט אים נאָך נישט פאַרטיק: ווי נאָר ער האָט געשטעלט אַ פוס אויפן באָדן פון די „אינערלעכע פּאָליטישע ענינים״, באַהאַלט ער תיכף זיין גאַנצן פּאָליטישן אַרסענאַל, און אַנשטאָט אַלערליי קאַמפּס־מיטלען קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, שטעלט ער אַרויס איין איינציקע סגולה, וועלכע פאַרענטפערט, נאָך זיין מיינונג, די גאַנצע נאַציאָנאַלע פראַגע: די בירגערלעכע גלייך־באַרעכטיקונג. פאַר די נאַציאָנאַלע באַציִונגען אין דעם תחום פון איין איינציקער מלוכה איז די בירגערלעכע גלייך־באַרעכטיקונג אַלץ, דאָס איז אַ קמיע, וועלכע איז, ערשטנס, גאַנץ גענוג אויף צו ליקווידירן די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג, און צווייטנס, די איינציקע, וועלכע עס קאָן אָנגענומען ווערן פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן שטאַנדפּונקט אויף צו באַזייטיקן דעם נאַציאָנאַלן קאַמף.

„ערשטנס, עס איז גאַנץ גענוג״. פאַר וואָס? ווייל דער גאַנצער אינהאַלט פון דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג — אַזוי זאָגט מען אונז — ליגט אין דעם, וואָס די פאַרשטייער פון דער הערשנדיקער נאַציע, וועלכע האָבן די מאַכט אין זייערע הענט, באַגרענעצן די בירגערלעכע רעכט פון דער אונטערגעוואָרפענער נאַציע, די רעכט פון דער לעצטער ווערן פאַרשמעלערט, אירע מיטגלידער ווערן באַטראַכט ווי אַ פּשוטערער מין בירגער, ווערן אונטערגעוואָרפן באַגרענעצונגען און אַלערליי רדיפות; זיי זענען נישט גלייך־באַרעכטיקט. גיט זיי גלייכע רעכט, פירט דורך אַזעלכע געזעצן, אין וועלכע עס זאָל נישט זיין אַ חילוק צווישן אַ „גוי״ און אַ ייד, פאַר וועלכע אַלע זאָלן זיין גלייכבאַרעכטיקטע סתם־בירגער, אומאָפּהענגיק פון געשלעכט, שפּראַך, נאַציאָנאַליטעט און ראַסע — און איר וועט מאַכן אַ סוף מיט דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג.

„צווייטנס, די איינציקע, וועלכע קאָן אָנגענומען ווערן אַלס אַ פּרינ־

ציפּיעלע פֿאָדערונג". און פֿון ערשטן אויגנבליק שיינט עס צו זיין דייטלעך, און פֿאַרן „שכל הישר" אַזוי ריכטיק, אַז מען קען עס דאַכט זיך בשום אופֿן נישט אָפּלייקענען. וועלכע זענען די אויפֿגאַבן פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע בנוגע צו דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע? צי איז זי אויסן צו אַנטוויקלען אַ נאַציאָנאַלע קולטור, באַשאַפֿן אַן אינהאַלט פֿאַרן נאַציאָנאַלן לעבן, צי שטעלט זי זיך פּאָזיטיווע אויפֿגאַבן? ניין, זי וויל בלויז אָפּשאַפֿן די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג, און ממילא איז איר אויפֿגאַבע אַ ריין־נעגאַטיווע. איר זאַך איז — צו באַזייטיקן די מניעות, אַראָפּצוטראָגן די צוימען, פֿאַרניכטן אַלץ, וואָס עס שטעלט איין אַן אומגינסטיקער רעכטלעכער לאַגע איין בירגער לגבי דעם אַנדערן, איר זאַך איז הייסט עס, צו קעמפֿן קעגן דער רעכטלאָזיקייט, אָפּשאַפֿן זי, באַשאַפֿן וועלכע נישט איז ספּעציעלע אינסטיטוטן. פֿאַרנעמען זיך אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט מיט אַ וועלכער נישט איז שעפֿערישער אַרבעט — דאָס איז נישט איר זאַך. דאָס איז אַ חטא קעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרינציפּן.

לאָמיר פֿריִער באַטראַכטן די צווייטע טענה. אמת, אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע איז די אויפֿגאַבע פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַ נעגאַטיווע. זי איז נעגאַטיוו אין דעם זינען — און וועגן דעם האָבן מיר גערעדט באַריכות אין דעם פֿאָריקן קאַפּיטל — וואָס זי שטעלט זיך נישט קיין שום אויפֿגאַבן בנוגע צו דעם שיקזאַל פֿון דער נאַציאָנאַלער אייגנטימלעכקייט און שטעלט זיך דעם איינציקן ציל צו פּאַראַליזירן די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג. דאָס איז אומבאַדינגט ריכטיק. אָבער וואָס ווייטער? ווערלנדיק קעמפֿן קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, שטעלן מיר די פֿראַגע: ווי זאָל מען דאָ טאָן? וואָס פֿאַרע איבעראַנדערשונגען דאַרף מען צוליב דעם דורכפֿירן אין דעם מלוכה־לעבן? וואָס דאַרפֿן מיר פֿאַרלאַנגען? און מיר ענטפֿערן: צוליב דעם צוועק דאַרפֿן מיר קעמפֿן פֿאַר אַזוינע און אַזוינע פֿאָדערונגען, דורכפֿירן אַזוינע און אַזוינע ענדערונגען אין דער געזעצגעבונג, מאַכן אַזוינע און אַזוינע אָפּעראַציעס אין דער אָרדענונג פֿון דעם מלוכה־לעבן, דערשלאָגן זיך אַזוינע און אַזוינע קאָנסטיטוציאָנעלע פּונקטן. אָט דאָ גייט שוין אַ גאַנץ באַשטימטע, אַ גאַנץ פּאָזיטיווע פּאָליטישע אַרבעט, דערביי עקסיסטירט פֿאַר אונז נאָר איין פֿראַגע — ווי אַזוי צוועקמעסיקער איבערצובויען די מלוכה־פֿאַרהעלטענישן. דאָ קעמפֿן מיר פֿאַר געזעצן און קעגן געזעצן, מיר קעמפֿן פֿאַר באַזייטיקן געוויסע איינריכטונגען, פֿאַר איבערמאַכן אַנדערע, פֿאַר באַשאַפֿן נייע. און עס קען קיין שום ספֿק נישט זיין, אַז אָט די אַלע מינים פֿון פּאָליטישער אַרבעט, וועלכע שיידן זיך אונטער איינע פֿון די אַנדערע בלויז דורך זייערע יורידישע סמנים, זענען פּרינציפּיעל בנוגע דעם תּוך פֿון דער פֿראַגע אַלע גלייכווערטיק. דערפֿילנדיק אַ ריין־נעגאַטיווע — בנוגע צו דעם נאַציאָנאַלן אינהאַלט — אויפֿגאַבע פֿון קאַמף קעגן דער אונטערדריקונג, קענען מיר דערביי אָנווענדן די פֿאַרשיידנסטע פּאָליטישע מיטלען, און ביים

אויסקלייבן פון די מיטלען דאַרפן מיר זיך רעכענען מיט איין זאַך — צי דאָס לוינט פאַר אונז, צי דאָס איז צוועקמעסיק. יעדער מיטל, וועלכער ווייזט אויס צו זיין דער בעסטער אויף צו באַזייטיקן די אונטערדריקונג, ווערט אַריינגעטראָגן אין אונזער אַרסענאַל. אַט אַזאַ מיטל קען זיין דאָס אָפּשאַפן די „טשערטאַ" און דאָס איינפירן אַ נייעם געזעץ, וואָס פּראָקלאַמירט די גלייך־באַרעכטיקונג פון אַלע בירגער. אַזאַ מיטל קאָן זיין די פאַרניכטונג פון די אַלטע אינסטיטוטן, צ. ב. פון די קאַזיאָנע ראַבינערס, אָדער די ייִדישע מעשטשאַנסקע אופּראַוועס; עס קען אויך זיין דאָס שאַפן פון נייע אינסטי־טוטן, צ. ב. ייִדישע אויטאָנאָמע סיימען, וועלכע פאַרוואַלטן איבער די ענינים פון פאָלקס־בילדונג. די אונטערדריקונג ווערט באַזייטיקט נישט נאָר דורך אָפּשאַפן אומגערעכטע מלוכה־פאָרמען, נאָר אויך דורך שאַפן אויף זייער אָרט באַשטימטע גאַראַנטיעס אין דער פאָרם פון געזעצן און ספּעציעלע איינריכטונגען. דאָס וועלן זיין פאַרשיידענע פּאָזיטיווע פאָרמען, דורך וועלכע עס וועט דערפילט ווערן די אייגענע נעגאַטיווע אויפגאַבע — פון דעם קאַמף קעגן דער אונטערדריקונג.

אַט פאַר וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, נישט עובר זייענדיק אויפן פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, קען מיט אַ ריינעם געוויסן אַריבערשפּרייזן דעם גרענעץ פון דער פאָדערונג: בירגערלעכע גלייך־באַרעכטיגונג, און קאָן אַריינטרעטן אין דעם געביט פון ספּעציעלע תקנות, פון באַזונדערע איינריכטונגען.

אָבער ס'בלייבט נאָך די ערשטע פראַגע: צי דאַרף מען דאָס בכלל? צי איז דאָס נישט אָן איבעריקער לוקסוס, אַ לוקסוס, צו וועלכן עס שטרעבט דאָס קרענקלעך אָנגעריפּענע געפיל פון דעם נאַציאָנאַליסטישן אומצוטרוי צו די דעמאָקראַטישע פאָרמען?

אַט דאָ איז דער הויפּט־פּונקט פון דער פראַגע. דאָ מוז מען זיך אָביסל לענגער אויפהאַלטן.

ווען איינער שטייט אויפן שטאַנדפּונקט פון די ריינע קאָנסעקווענטע פּרינציפּן פון ליבעראַליזם, איז קיין חידוש נישט, ווען ער בוקט זיך און גלויבט באמונה שלמה אין דער אַלמעכטיקער קראַפט פון דער בירגערלעכער גלייך־באַרעכטיקונג און דער אַלגעמיין דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע. דער עכטער און קאָנסעקווענטער ליבעראַל, אַרויסגייענדיק פון גאַנץ באַשטימטע אינטערעסן פון דעם יונגען, שטאַרקן האָפנונגספולן קאַפּיטאַליזם, גלויבט, אַז אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט גייט אַלץ אויפן בעסטן אופן, גלויבט, אַז דאַרטן הערשט אַ פולשטענדיקע האַרמאָניע; די האַרמאָניע דאַרף פאַר־ווירקלעכט ווערן אין לעבן דורך אַ פרייען, ניט־געצוואונגענעם צוזאַמענשטויס פון איינצלנע יחידים, פון איינצלנע צעלן, וועלכע בילדן אויס דעם געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם, דורך דער פרייער קאָנקורענץ פון מענטשלעכע אינטערעסן, פון דעם פרייען קאַמף פון די געזעלשאַפטלעכע אַטאָמען, וועלכע

קאָנקורירן איינע מיט די אַנדערע; און אין פּראָצעס פון אָט דער קאָנקורענץ ווערט באַשאַפן על פּי טבע אַן איינהייטלעכער, פעסטער, גוט און שיין געבויטער אָרגאַניזם, שפּראָצט אַרויס דער וווילשטאַנד פון כלל. אָט די איינצלנע אַטאָמען דאַרף געגעבן ווערן פולשטענדיקע פרייהייט אין זייער טעטיקייט, און נאָר אין זייער טעטיקייט ליגט די פּערספּעקטיוו פון פאָרשריט. די אויפגאַבע פון דער מלוכה איז — שפּילן די ראָלע פון אַ שומר, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַכטונג צו געבן, אַז דער קאַמף פון די פּריוואַטע אינטערעסן זאָל זיך אָפּשפּילן אין די געזעצלעכע ראַמען, אַ שומר, וועלכער איז מחויב צו באַשטראָפן יעדן יחיד, וואָס רייסט זיך אַריין אין דעם קרייז פון רעכט און „פרייהייטן", וועלכער איז אָנגעצייכנט פאַר אַן אַנדער יחיד, און צו באַוואָרענען אויף אַזאַ אופן פאַר יעדן מיטגליד פון דער געזעלשאַפט יענעם סכום „אומבאַרירלעכע רעכט פון מענטשן און בירגער", וועלכע בילדן דעם גאַנצן אלף־בית פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס. פון דאַנען נעמט זיך די פעסטע אמונה אין דער אַלוועלטלעכער באַדייטונג פון דער בירגערלע־כער גלייך־באַרעכטיקונג (און נאַטירלעך אויך פון דער פּאָליטישער גלייך־באַ־רעכטיקונג), וועלכע פאַרזיכערט יעדן בירגער דעם גרעסטן סכום פון אינ־דיווידועלע רעכט, פון דער גלייך־באַרעכטיקונג, וועלכע גיט די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אויפן העכסטן גראַד זיינע קרעפטן אין פּריוואַטן און געזעלשאַפט־לעכן לעבן און איינצוהאַלטן אַגב אין זיינע הענט אַ געוויסן טייל פון אָט טאַקע יענער מלוכה־מאַכט, וועלכע באַשיצט און פאַרהיט דעם בירגערס אומ־אָפּהענגיקע פּערזענלעכקייט פון אַלע מניעות, וואָס קאָנען שטערן זיין זעלבסט־טעטיקייט און אָנרירן זיין פרייהייט.

די איינצלנע פּערזאָן און די אינדיווידועלע רעכט — דאָס איז דער מיטלפונקט פון דער גאַנצער פּאָליטישער סיסטעם פון ליבעראַליזם.

אַ סך האָט זיך געביטן זינט יענער צייט, ווען ס'האָט נאָך געבליט דער ליבעראַליזם. אויף אייביק איז פאַרענדיקט דער האָניק־חודש פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע; ס'האָבן זיך אויסגענומען אירע שעפעריש־פּאָלי־טישע קרעפטן, און צוזאַמען דערמיט האָט פאַרלוירן יעדן קרעדיט איר גלענצנדיקסטער פּראָדוקט — דער מאַנטשעסטערער ליבעראַליזם. אונטער די שטורעמדיקע כוואַליעס פון דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף און אונטער די נייע באַדערפענישן פון דער בורזשואַזיע גופא — אונטער דעם דאָזיקן טאָפּלטן דרוק איז פאַרוועלקט און בלאַס געוואָרן די טעאָריע פון מלוכה־נייטראַליטעט. די זעלבע בורזשואַזיע, וועלכע האָט ביי איר אַרויסטרעטן אויף דער פּאָליטישער סצענע געקוקט אויף דער מלוכה מיט אַזאַ חשד — אַ חשד, וועלכן דער פעאָדאַליזם האָט אין איר דערצויגן — אָט די זעלבע בורזשואַזיע, וועלכע האָט אין איר יוגנט־צייט געשריען מיט גדלות צו דער מלוכה: טרעט אָפּ, מאַך אַ וואָרע! איז איצט אַלט געוואָרן, האָט זיך צוגע־ווינט צו וואָרעמען די אַלטעביינער ביים פייערל פון דער מלוכה־מאַכט;

זי האָט אַלץ מער אָנגעהויבן צו דערעסן מיט אירע שטענדיקע בקשות צו דער מלוכה, זי זאָל זיך אַריינמישן, העלפֿן און באַשיצן. און נאָך איר, ריכטיקער געזאָגט קעגן איר, האָט אָנגעהויבן אַרויסטרעטן דער אַרבעטער־קלאַס, אָפּע־לירנדיק צו דער זעלבער מלוכה־מאַכט און פֿאָדערנדיק פֿון איר אַריינצו־מישן זיך אין דער פֿרייער אינטערעסן־קאָנקורענץ.

די טענדענץ וועלכע האָט געוואָלט זען אין דער מלוכה אַ „שומר" האָט געמוזט אָפּטרעטן. אויפֿן ערשטן אָרט טרעט אַרויס אַ נייע אויפֿגאַבע פֿון דער מלוכה — די ראָלע פֿון אַ איניציאַטיווער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, פֿון אַן אומגעהייערן קאָלעקטיוון קולטור־טרעגער פֿאַרן גאַנצן לאַנד, — וואָס פֿאַר אַ סאָרט קולטור דאָס איז אַן אַנדער פֿראַגע. ס'ווערט אויף איר אַרויפֿגעלייגט די פֿליכט ניט נאָר צו באַשיצן די אומבאַרירלעכקייט פֿון די אינדיווידועלע רעכט פֿון יעדן בירגער, נאָר אַלס דער העכסטער פֿאַר־טרעטער פֿון די כלל־אינטערעסן, איז זי מחויב צו דינען אָט דעם כלל ווען אַפֿילו צוליב דעם זאָל אויסקומען אַריינצורייסן זיך אין קדשי־קדשים פֿון די אינדיווידועלע „אומבאַרירלעכע" רעכט פֿון דעם יחיד, מיט וועלכע ס'איז אַרומגעצוימט יעדעס קעמערל פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט. זי רייסט אַרויס פֿון די שוואַכע הענט פֿון דעם יחיד און פֿאַרנעמט צו זיך אין די ריזן־הענט אַריין אַ גאַנצע ריי פֿונקציעס, וועלכע זענען איבער די כוחות פֿון דעם איזאָלירטן בירגער און וועלכע קאָנען אויסגעפֿירט ווערן נאָר דורך יענעם קאָמפּליצירטן און מעכטיקן אַפּאַראַט, וועלכער געפֿינט זיך אין די הענט פֿון דער רעגירונג. דאָס איז די גאַנצע אַזוי גערופֿענע סאָציאַלע פּאָליטיק; די באַשיצונג פֿון דער אַרבעט, די פֿאַרזיכערונג פֿון די אַרבעטער, צדקה אַנשטאַלטן אאַז"וו; דאָס איז די פֿאָלקס־בילדונג אין ענגן זין פֿון וואָרט און די מיטלען אויף צו הויבן די קולטורעלע טעטיקייט.

אמת, אָט די גאַנצע „איניציאַטיוו־אַרבעט" פֿון אַ מאָדערנער מלוכה ווערט געפֿירט אונטער דער קאָנטראָל פֿון דער בורזשואַזיע, אונטער דעם דרוק פֿון דער בורזשואַזיע, און ווי ס'פּאַסט פֿאַר אירע אינטערעסן, אויב מ'זאָל ניט רעכענען יענע הנחות, וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט רייסט אַרויס ביי איר מיט געוואַלט. נאָר פֿאַר דעם ענין וועגן וועלכן מיר רעדן דאָ, איז דאָס ניט וויכטיק. דאָ איז נאָר וויכטיק פֿעסטצושטעלן, אַז דאָס בילד פֿון אַ מאָדערנער מלוכה איז נישט אַזוי איינפֿאַך, ווי מ'וואָלט עס זיך קאָנען פֿאַר־שטעלן אויפֿן יסוד פֿון דער ליבעראַלער לערע. דאָס דאָזיקע בילד זעט אויס אַזוי: מיר האָבן אַ געוויסע צאָל בירגער, איינצלנע יחידים, וועלכע בילדן אַלע אין איינעם די מענטשלעכע געזעלשאַפֿט־מלוכה. יעדער בירגער באַוועגט זיך פֿריי אין דעם קרייז פֿון זיינע אינדיווידועלע בירגערלעכע אינ־טערעסן. יעדער בירגער האַלט אין זיינע הענט אַ טייל פֿון דער מלוכה־מאַכט וועלכע שיצט זיין אומבאַרירלעכקייט. אָט דאָס זענען בירגערלעכע און פּאָ־ליטישע רעכט אין ליבעראַלן זינען פֿונעם וואָרט. נאָר איבער זיי, איבער דער

ספֿערע פֿון דער פֿרייער פּערזענלעכער טעטיקייט און פֿון דער פּריוואַטער איניציאַטיוו, שטייט אַן איבערשטער גאַרן. דאָס איז די מלוכה, וועלכע באַשעפֿטיקט זיך מיט די „געזעלשאַפֿטלעכע פֿונקציעס". לעבן די אינדיווי־דועלע רעכט פֿון פּערזענלעכער פֿרייהייט און אומבאַרירלעכקייט, לעבן דעם אינדיווידועלן רעכט אַנטייל צו נעמען אין דער געזעץ־געבערישער אַרבעט, טרעט דאָ אויך אַרויס אַן אַנדער מין רעכט: דאָס רעכט צו באַנוצן זיך מיט אַ געוויסן טייל פֿון יענער „אַלגעמיין נוצלעכער" טעטיקייט, מיט וועלכער ס'באַשעפֿטיקט זיך די מלוכה. אויסער דעם וואָס ס'ווערט פֿאַרזיכערט די פֿרייהייט פֿון פּערזענלעכער טעטיקייט, מוז נאָך גאַראַנטירט ווערן די מעגלעכקייט צו געניסן פֿון די פּירות, וועלכע דער מלוכה־מעכאַניזם ברענגט. אַלס אַ בײַשפּיל פֿון דעם ערשטן מין רעכט קען דינען — די פֿרייהייט פֿון בילדונג: דאָס רעכט פֿון יעדן בירגער צו לערנען זײַנע אייגענע און פֿרעמדע קינדער; אַלס אַ בײַשפּיל פֿון דעם צווייטן מין רעכט — די מעגלעכקייט צו באַקומען בילדונג: די מעגלעכקייט צו באַקומען בילדונג אין די לער־אַנשטאַלטן, וועלכע ווערן געגרינדעט פֿון דער מלוכה. דער ערשטער אַרט רעכט באַוואָרנט דאָס נישט אַריינמישן זיך אין דעם פּריי־וואַטן לעבן פֿון דעם בירגער, דער צווייטער אַרט רעכט גיט אַרויס אַ מין וועקסל אויף אַ געוויסן חלק פֿון די פּראָדוקטן, וועלכע ווערן באַשאַפֿן דורך דער טעטיקייט פֿון דער מלוכה. אין דעם ערשטן פֿאַל איז גענוג, אַז די מלוכה מישט זיך ניט אַריין; אין צווייטן פֿאַל — מוז זי עפּעס געבן.

אָט די אויספֿירלעכע אונטערשיידונג צווישן די ביידע אַרטן פֿון רעכט איז נייטיק פֿאַר אונז, כדי מיר זאָלן קאָנען ריכטיק פֿאַרשטיין דעם פֿאָלגנדיקן, זייער וויכטיקן אומשטאַנד: די פֿאָדערונגען, מיט וועלכע מיר ווענדן זיך צו דער מלוכה אויף צו דערגרייכן דעם ערשטן מין רעכט, און די פֿאָ־דערונגען, וועלכע דאַרפֿן באַוואָרענען דעם צווייטן מין רעכט, זענען בעצם לויט זייער יורידישן כאַראַקטער, גאַנץ פֿאַרשידן איינע פֿון די אַנדערע. ווען ס'רעדט זיך וועגן דעם ערשטן אַרט, וועגן דער דעראָבערונג פֿון געוויסע אינדיווידועלע פֿרייהייטן, דעמאָלט פֿאָדערן מיר פֿון דער מלוכה, אַז זי זאָל זיך נישט מישן. דאָס הייסט, אַז מיר פֿאָדערן אָפּצושאַפֿן אַזעלכע געזעצן (און אַדמיניסטראַטיווע פֿאַראָרדענונגען), וועלכע פֿאַרווערן צו טון די אָדער יענע זאַך, וואָס ס'ווערט באַטראַכט פֿאַר אַ פֿאַרברעכן. מיר מעקן אויס פֿון געזעץ־בוך געוויסע פֿאַרבאָטן, פֿאַרבייטן זיי דורך געוויסע דינים, וועלכע ברענגען פֿון איין זייט אַ גאַנצע ריי פֿרייהייטן און באַשטראָפֿן פֿון דער אַנדערער זייט פֿאַר נישט דערלאָזן צו באַנוצן זיך מיט זיי, און דערמיט איז מען פֿאַרטיק. דאָס איז אַ פּשוטער וועג אויף אָפּצושאַפֿן די דריקנדיקע תקנות.

גאַנץ אַנדערש שטייט די פֿראַגע, ווען ס'רעדט זיך וועגן גאַראַנטירן די רעכט פֿון דעם צווייטן מין. דאָ איז נאָך ווייניק צו פּראָקלאַמירן דאָס רעכט פֿון יעדן בירגער צו באַנוצן זיך מיט די אָדער יענע פּאָליטישע פֿרייהייטן;

אזא רעכט וועט בלייבן א הוילע פראזע כל זמן ס'וועט ניט באזארגט ווערן די פארווירקלעכונג פון אט די פרייהייטן. וואס פאר א באדייטונג וואלט למשל געהאט, ווען ס'זאל אפילו טויזנט מאל אויסגעטייטשט זיין אין דער קאנסטיטוציע דאס רעכט אויף ארבעטס־שוץ, ווען ס'זאל ניט איינגעפירט זיין די פאבריק־אינספעקציע. ס'איז קלאר, אז דער עיקר איז דא — נישט דאס אנערקענען פונם רעכט, נאר דאס שאפן די מעגלעכקייט אויסצופירן עס. ניט אין דער אפשאפונג פון געוויסע תקנות, נאר אין דער צוועקמעסיקער ארגאניזאציע פון געוויסע פונקציעס, ניט אין אנולירן פארבאטן, נאר אין שאפן אדער איבערבויען געוויסע איינריכטונגען, וועלכע דארפן זיך פארנעמען מיט דעם דאזיקן צווייג פון דער „אלגעמיין־נוצלעכער ארבעט" און פון וועלכער ס'ווענדט זיך די אמתע פארווירקלעכונג פון דעם פאפירענעם רעכט.

די אינדיווידועלע רעכט נייטיקן זיך נאר אין איין זאך — מ'זאל זיי נישט אנרירן. די ראלע פון דער מלוכה איז אין דעם פרט א פאסיווע.

די קאלעקטיווע פונקציעס פון דער מלוכה נויטיקן זיך אין אן אנדער זאך — זיי דארפן דורכגעפירט ווערן אין לעבן. די ראלע פון דער מלוכה איז דא אן אקטיווע; און דארטן ווו איר ראלע איז אזא, וועדנט זיך די פארווירקלעכונג פון די רעכט אן דעם ווי אזוי די זאך וועט איינגעארדנט ווערן: דורך וועלכע איינריכטונגען ס'וועלן אויסגעפירט ווערן די דאזיקע פונקציעס, אויף וואס פאר א יסודות זיי וועלן זיין געגרינדעט, מיט אייןווארט, וואס פאר א מעכאניזם ס'וועט זיין, וועלכער באשאפט און צעטיילט די פונקציעס. דא איז נאך ווייניק צו פראקלאמירן גלייך־בארעכטיקונג; דער שווערפונקט ליגט אין די קאלעקטיווע ארגאנען, וואס נאר זיי קענען פאר־ווירקלעכן דאס רעכט אין לעבן. אט אויף אזעלכע קאלעקטיווע ארגאנען ווערט אריבערגעטראגן די פראגע פון דעם איינצלנעם יחיד מיט זיינע באזונ־דערע רעכט.

אט צו דער קאטעגאריע געהערט יענער קרייז דערשיינונגען פון דעם „נאציאנאלן" לעבן, יענער קרייז פראגן, — פראגן, וועלכע דערוועקן דעם נאציאנאלן קאמף און די נאציאנאלע אונטערדריקונג — וועלכע וועלן ניט פארענטפערט ווערן דורך דער דעמאקראטישער קאנסטיטוציע.

דער קרייז פון אינדיווידועלע רעכט באזייטיקט נאך ניט די נאציא־נאלע אונטערדריקונג; נאך דעם ווי עס וועלן אפגעשאפט ווערן די עלעמענ־טארע אונטערדריקונגס־פארמען, וואס וועלן ווערן באזייטיקט דורך די נייע רעכט, וועט נאך בלייבן א ברייטער שטח, וועלכער נעמט אריין אין זיך די רעכט פון דער אויבן דערמאנטער צווייטער קאטעגאריע. כדי דאס צו באווייזן, וועלן מיר נעמען א קאנקרעטן ביישפיל — די פאלקס־שולן. מיר נעמען די פראגע וועגן די פאלקס־שולן ניט נאר דערפאר, וואס דאס גיט אונז א קלארן ביישפיל, נאר אויך צוליב דעם, ווייל אונזערע קעגנער שטרייטן קעגן דעם עצם פון אט דער פראגע.

מיר אַלע װעלן מודה זײן, אַז די פֿאָלקס־שולן קענען ניט צוגערעכנט װערן צו די „פּריװאַט זאַכן", װי צ. ב. די רעליגיע, דאָס פֿאַמיליע־לעבן אאַז"װ. װאָס זענען אָפּהענגיק פֿונם װילן פֿון יחידים און פֿון זײער איניציאַטיװ. אין דער פּראָגראַם פֿון ר. ס. ד. א. פּ. איז אַרױסגעשטעלט געװאָרן — און אַזױ דאַרף טאַקע זײן — די פֿאָדערונג פֿון „אומזיסטער" און אָבליגאַטאָרישער אַלגעמײנער און פּראָפֿעסיאָנעלער בילדונג פֿאַר אַלע קינדער פֿון בײדע געשלעכטער ביז 16 יאָר. ס'איז קלאָר, אַז װי באַלד די בילדונג דאַרף זײן אומזיסט און אָבליגאַטאָריש, קען מען זיך ניט פֿאַרלאָזן אויף דעם פֿרײען גוטן װילן פֿון דעם יחיד אָדער אַפֿילו פֿון גאַנצע חברות, װעלכע זאָלן זיך נעמען פֿאַר דער אָרגאַניזירונג פֿון שולן; זי מוז זיך געפֿינען אין די הענט פֿון אַ באַשטימטער מאַכט, װעלכע זאָל עס קענען דורכפֿירן מיט געװאַלט.

און אויב אַזױ, דאַרף מען זיך רעכענען מיט די רעזולטאַטן, װעלכע מוזן אומפֿאַרמײדלעך דערפֿון אַרױסקומען. מיר האָבן צו טון מיט רוסלאַנד, מיט אַ מלוכה פֿון פֿאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, װעלכע בילדן אײן אײנציקן מלוכה אָרגאַניזם. די מלוכה מוז אָט די אַלע נאַציאָנאַליטעטן פֿאַרזאָרגן מיט שולן. זי דאַרף זײ אײנאָרדענען אַזױ, אַז די מערהײט זאָל ניט האָבן מער פּריװילעגיעס װי די מינדערהײט, אַז אײן נאַציע זאָל נישט אונטערדריקן די אַנדערע, אַז ס'זאָל נישט געפֿירט װערן אַ פּאָליטיק פֿון געצװוּנגענער אָדער קינסטלעך אַרױסגערופֿענער אַסימילאַציע, דאָס הײסט מיט אַנדערע װערטער, אַז די פֿאָלקס־בילדונג דאַרף אָװעקגעשטעלט װערן אַזױ, אַז זי זאָל זײן פֿאַרשידנאַרטיק פֿאַר די פֿאַרשידענע נאַציעס, אַז זי זאָל פֿאַרלירן איר רוסישן כאַראַקטער. זי דאַרף אָננעמען פֿאַרשידענע פֿאָרמען, לויט די פֿאַרשידנקײטן פֿון די נאַציאָנאַליטעטן מיט װעלכע זי מוז זיך רעכענען. זי מוז זיך צופּאַסן צו די פֿאַרשידענע פֿעלקער, װאָס נישט קוקנדיק אויף זײער פּאָליטישער שכנות מיט אַנדערע נאַציעס, האָבן זײ נישט פֿאַרלאָרן זײער שפּראַך, ליטעראַטור, קונסט, אײגנטימלעכע לעבנספֿאָרמען, מנהגים, די אײגנטימלעכע פּסיכאָלאָגיע, די גאַנצע קולטורעלע פֿיזיאָנאָמיע און אַלץ װאָס דריקט אויס די פֿאַרשײדנסטע פֿאָדערונגען און באַדערפֿענישן פֿון אַ פֿאָלק, און װעלכע מוזן באַפֿרידיקט װערן.

און מיר שטעלן זיך אַזאַ פֿראַגע: צי קען אַן אײנהײטלעכע, נישט־צעטײלטע מלוכה־אָרגאַניזאַציע, אַפֿילו אין אַ פֿולקום־פֿרײען רוסלאַנד אויספֿירן אָט די פֿונקציעס. צי קאָן זי אין דער זעלביקער צײט צופּאַסן די שולן צו די באַדערפֿענישן אי פֿון דעם רוסישן קולטורעלן לעבן, אי צו דעם קולטורעלן צושטאַנד פֿון די פּאָליאַקן, װעלכע מאַכן אַדורך אַן אַנדער אַנטװיקלונגס־מדרגה און גײען מיט אַן אַנדער טעמפּ פֿאָרױס? צי קען זי אין דער אײגענער צײט װי געהעריק באַװאָרענען די אינטערעסן פֿון דער ליטװישער באַפֿעלקערונג, װעלכע נױטיקט זיך װידער אין אַן אַנדער אַרט בילדונג, צי

קען זי אין דער אייגענער צייט אָרגאַניזירן די לער־אַנשטאַלטן, וועלכע זאָלן טויגן פֿאַר די לעטן, יידן, גרוזינער, אַרמענער און נאָך אַנדערע? און ווען דאָס איז אוממעגלעך, אַפילו ביי אַזאַ רעגירונג, וועלכע זאָל נישט האָבן די מינדסטע פניה, איז אַפשיטא שוין אַז דאָס קאָן נישט געמאָלט זיין אין אַזאַ מלוכה, ווי רוסלאַנד, ווו די רוסישע באַפעלקערונג וועגט אַ סך אַריבער די באַפעלקערונג פֿון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. ס׳וואָלט געווען אומריכטיק און נאַיוו פֿאַרצושטעלן זיך די סאָציאַלע פֿאַרהעלטענישן אין דעם צוקונפֿטיקן רוסלאַנד אַזוי, אַז ס׳וועט זיך אַפשפּילן אַ ריינער, אָן זייטיקע פסולת, קלאַסנקאַמף צווישן דער אַרמיי פּראָלעטאַריער פֿון פֿאַרשיידענע נאַציעס אין רוסלאַנד פֿון איין זייט, און צווישן דער „אינטערנאַציאָנאַלער" אַרמיי פֿון דער גאַנצער רוסלענדער בורזשואַזיע פֿון דער צווייטער זייט. ווען דער פּראָלעטאַריאַט פֿאַרמאָגט די טענדענץ און ווערט געשטויסן דורך זיין קלאַסן־כאַראַקטער צו אַזאַ מין באַהעפֿטונג און פֿאַראייניקונג, איז די בורזשואַזיע טאַקע אויך צוליב איר אייגנטימלעכן קלאַסן־כאַראַקטער פֿעיִק נאָר אין אויסנאַמפֿאַלן, אונטער דעם דרוק פֿון אַ שווערער און שאַרפֿער נויט, צו פֿאַראייניקן זיך אין אָן „אַלגעמיין נאַציאָנאַלן" בלאָק. ביי געוויינלעכע באַדינגונגען איז זי צעשפּאָלטן אויף נאַציאָנאַלע פֿראַקציעס, וועלכע רייסן זיך איינע מיט די אַנדערע, קריגן זיך צוליב דער קאָנקורענץ איינע מיט די אַנדערע; די בורזשואַזיע איז שטענדיק צעריסן, ס׳קומט פֿאַר אַ שטענדיקער קאַמף צווישן די בורזשואַזע נאַציאָנאַלע גרופּן. און יענע נאַציאָנאַלע גרופּע פֿון דער בורזשואַזיע, וועלכע געפֿינט זיך אין אַ גינסטיקערער לאַגע — אָדער מחמת דעם, וואָס זי וועגט אַריבער די איבעריקע אין צאָל, אָדער צוליב אַנדערע אורזאַכן — לייגט שטענדיק אַרויף איר שווערע האַנט אויף דעם גאַנצן מלוכה־אָרגאַניזם. אַקוראַט ווי איצט וועט אויך אין דעם „פֿרייען" רוסלאַנד די רוסישע בורזשואַזיע האָבן די גרעסטע דעה. זי וועט מעשה בעל־הבית אַרויפֿלייגן איר שטעמפּל אויף דער גאַנצער טעטיקייט פֿון דער מלוכה, די מלוכה־פֿירער און די אַלע אַדמיניסטראַטאָרן וועלן זיך רעקרוטירן הויפּטזעכלעך פֿון דער רוסישער בורזשואַזיע. זי, די רוסישע בורזשואַזיע, וועט אָנפֿירן די קולטורעלע אַרבעט פֿון דער מלוכה ווי ס׳פּאַסט בעסער פֿאַר אירע אינטערעסן. זי וועט זיך באַמיען — און מיט דערפֿאָלג — אַז דער רעגירונגס־אַפּאַראַט זאָל זיך געפֿינען אונטער איר שליטה און אויסנוצן אַלע מעלות פֿון איר געהויבענער לאַגע אויף צו אַסימילירן די „פֿיינדלעכע" נאַציאָנאַלע קולטורן, אָפּצומעקן זייערע אייגנטימלעכקייטן, אַז זיי זאָלן אַלע באַקומען איין געשטאַלט. אָט ווער ס׳וועט פֿאַרווירקלעכן דאָס „רעכט" פֿון די פֿעלקער אויף נאַציאָנאַלע שולן. אָט ווער ס׳וועט זיין בעל־הבית איבער דעם „בילדונגס"־אַפּאַראַט.

פּראָקלאַמירן דאָס רעכט פֿון די קליינע נאַציעס אויף נאַציאָנאַלער ביל־דונג און איבערלאָזן אין די הענט פֿון דער הערשנדער בורזשואַזיע, אַז זי

זאָל דאָס פֿאַרווירקלעכן אין לעבן, הייסט צוזאָגן גאָלדענע בערג און נישט געבן וואָס אַ האָר איז ווערט.

אָט דעם חסרון האָט אין זיך דער באַרימטער פּאַראַגראַף 8 אין דער פּראָגראַם פֿון דער ר. ס. ד. אַ. פּ., וועלכער אַנטהאַלט אין זיך, וועדליק אַנדערע ווילן האָבן, דעם גאַנצן אינהאַלט פֿון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. אָט דער פּאַראַגראַף זאָל באַוואָרענען „דאָס רעכט פֿון דער באַפֿעלקערונג צו באַקומען בילדונג אויף דער מוטער־שפּראַך, דאָס רעכט, וואָס גאַראַנטירט צו שאַפֿן אויפֿן חשבון פֿון דער מלוכה און די אָרגאַנען פֿון דער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג שולן, וועלכע זענען דערצו נייטיק". אַן אויסגעצייכנטער ווונטש[6]; דאָס איז אַ גרויסער טריט פֿאָרויס אין פֿאַרגלייך דערמיט, וואָס אין דעם פֿריערדיקן פּראָגראַם־פּראָיעקט האָט אַזאַ פּונקט גאָר אינגאַנצן געפֿעלט — נישט אומזיסט האָבן די פֿאַרטרעטער פֿון „בונד" זיך אַזוי שטאַרק איינגעשטעלט פֿאַר אים אויפֿן צווייטן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער פּאַרטיי, — אָבער באמת איז דאָס דאָך נישט מער ווי אַ האַלבער טריט. וואָס איז די פּעולה, וואָס די פּראָגראַם פֿאָדערט ס'זאָלן באַשאַפֿן ווערן שולן, אין וועלכע מ'זאָל לערנען אויף דער מוטער־שפּראַך, ווען די בילדונגס־ענינים לאָזט זי איבער ביי יענע אין די הענט, פֿון וועלכע מ'קען בשום אופֿן נישט דערוואַרטן די פֿאַרווירקלעכונג פֿון די פֿאָדערונגען. וואָס איז די פּעולה פֿון דעם „פֿרומען מענטש", ווען ס'בלייבט יענע אָרדענונג, ביי וועלכער אָט דער ווונטש מוז בלייבן אַ הוילע פֿראַזע. גלאַט רעדן וועגן דעם „רעכט" פֿון דער באַפֿעלקערונג אויף צו באַפֿרידיקן זיין געזעצלעכע באַדערפֿעניש — בילדונג אויף דער מוטער־שפּראַך — דאָס איז זייער און זייער קנאַפּ; ס'מוז עקסיסטירן אַן אָרגאַניזאַציע פֿון די פּאָסיקע איינריכטונגען, וואָס זאָל אָט די רעכט פֿאַרוואַנדלען אין אַ רעאַלן פֿאַקט.

ס'איז כדאַי צו פֿאַרגלייכן אָט דעם פּראָגראַם־פּונקט מיט דעם פֿאָלגנדן פּאַראַגראַף, וועלכער איז שטאַרק ענלעך אויף אים אַפֿילו אין די אויסדרוקן: „אין די געגנטן ווו ס'וווינען עטלעכע פֿעלקער, מוזן די עפֿנטלעכע שולן זיין אַזוי איינגעריכטעט, אַז יעדערע פֿון אָט די באַפֿעלקערונגס־טיילן, נישט זייענדיק געצוווּנגען צו לערנען אַ צווייטע שפּראַך, זאָל האָבן די נויטיקע מיטלען אויף צו באַקומען בילדונג אין דער אייגענער שפּראַך".

אָט די ציטאַטע איז גענומען פֿון טעקסט פֿון דער קאָנסטיטוציע, וועלכע איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דעם 21טן דעצעמבער 1867 און עקסיסטירט נאָך עד היום אין עסטרייך, אין דעם אייגענעם עסטרייך ווו ס'קומט פֿאָר, נישט קוקנדיק אויף די שיינע פּרינציפּיעלע הבטחות, אַ האַרטנעקיגער

[6] הגם אַ צו קאַרגער. מיט דער שפּראַך אַליין קען מען נישט יוצא זיין — מעדעם.

נאַציאָנאַלער קאַמף און אַן אומבאַרעמהאַרציקע אונטערדריקונג פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור און בילדונג. און בכלל, ווען מ׳זאָל פֿון אויבנאויף אַ קוק טאָן אויף דער געשיכטע פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, זעט מען גלייך, אַז שטענדיק, ווי נאָר אַט די פֿראַגע איז ווו־נישט־ווו אַרויפֿגעשווומען, האָבן די בורזשואַזע פּאָליטיקער שטענדיק יוצא געווען דערמיט, וואָס זיי האָבן הייליק אָנערקענט די גלייך־באַרעכטיקונג פֿון אַלע נאַציעס, דאָס אומ־באַרירבאַרע רעכט פֿון יעדער נאַציע אויף איר מוטער־שפּראַך, אויף נאַ־ציאָנאַלע שולן וכדומה, און שטענדיק זענען אַט די הייליקע הבטחות געבליבן הוילע דיבורים: פּראָקלאַמירנדיק די רעכט פֿון די נאַציעס, האָבן אַט די שיין באַפּוצטע פּאַראַגראַפֿן נישט באַשאַפֿן יענע יורידישע אָרגאַני־זאַציעס, וואָס נאָר זיי וואָלטן געקאָנט פֿאַרווירקלעכן אַט די רעכט.

און דאָס, וואָס איצט האָט זיך געענדערט די לאַגע אין פּאַרלאַמענט, וואָס איצט זענען די אַרבעטער־פּאַרטייען אַרויסגעטראָטן אויף דער היסטאָ־רישער סצענע — האָט אין דעם פּרט גאָרנישט אומגעביטן. די אַנטשיידנסטע האַרטנעקיקייט פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קען נישט העלפֿן אויף דורכ־צופֿירן אין לעבן דעם פֿרומען ווונטש, ווען די מלוכה האָט נישט די נויטיקע אָרגאַנען אויף צו פֿאַרווירקלעכן אים; דער ביטערסטער קאַמף פֿון דער אַרבעטער־פּאַרטיי פֿאַר דער דערפֿילונג פֿון דעם פּאַראַגראַף 8 פֿון דער פּראָגראַם קאָן נישט פֿעיִק מאַכן די מלוכה־מאַכט פֿון דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט צו שטעלן זיך איבער דעם נאַציאָנאַלן קאַמף.

ביז איצט האָבן מיר אַלץ גערעדט וועגן דער פֿאָלקס־בילדונג, האָבנ־דיק אין זינען די צענטראַלע אָרגאַנען פֿון דער רעגירונגס־מאַכט אָדער, גערעדט אויפֿן אָפֿיציעלן לשון, דאָס בילדונגס־מיניסטעריום; מיר האָבן אַלץ געהאַט אין זינען די הויפּט־שטאָט. לאָמיר איבערגיין צו דער פּראָווינץ. מיר ווילן זיך פֿאָרשטעלן די גינסטיקסטע לאַגע: אויס מיט דעם ביוראָקראַ־טיזם, אַ ברייטע אָרטיקע און טעריטאָריעלע זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג (ווי ס׳פֿאָדערט דער 3טער פּאַראַגראַף פֿון דער פּראָגראַם פֿון דער רוסל. פּאַרטיי), דער גרעסטער טייל פֿון די ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער בילדונג, גייט איבער צו דער זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג. וואָס זשע וועט דעמאָלט אויס־קומען? אַט טאַקע די אייגענע זאַך, וועלכע מיר האָבן שוין באַגעגנט, באַ־טראַכטנדיק די „קולטורעלע” אַרבעט פֿון די צענטראַלע איינריכטונגען, נאָר אין אַ ביסל אַ קלענערן מאַסשטאַב. אַזוי ווי יענע רוסלענדער געגנטן, וועלכע געהערן נישט צו צענטראַל־רוסלאַנד, בילדן נישט אַ טעריטאָריע, וועלכע זאָל זיין באַווינט פֿון איין איינאַרטיקער נאַציאָנאַלער באַפֿעלקערונג, וועלן מיר ווידער האָבן צו טאָן מיט אַ סך פּראָווינצן, אין וועלכע, ס׳ווינען צוזאַמענגעמישט (און וואָס ווייטער מישן זיי זיך נאָך מער אויס) 2 אָדער 3 פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. אַ וועלכע ניט־איז ווילנער אָדער באַקוער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג וואָלט זיך געפֿינען אין דער אייגענער לאַגע, ווי דאָס

פּעטערבורגער מיניסטעריום; אויך דאָ וואָלט נייטיק געווען צוצופּאַסן זיך צו די באַדערפֿעניש פֿון פֿאַרשיידענע מאַסן, וועלכע געהערן צו פֿאַרשיידענע פֿעלקער. דאָרטן, ביי די צענטראַל־איינריכטונגען, וואָלט די הערשנדע נאַציע מאָיאָריזירט די איבעריקע נאַציעס, און דאָ, ביי דער פּראָווינציעלער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג וואָלט זיך געפֿינען אין דער אייגענער לאַגע, ווי דאָס מערהייט אין דער אָדער יענער פּראָווינץ. דאָרטן אַזוי ווי דאָ וואָלט „דאָס רעכט צו באַקומען בילדונג אויף דער מוטער־שפּראַך" געבליבן בלויז אַ פּאַפּירענער עטיקעט.

דאָס איז גאַנץ קלאָר, אַקוראַט ווי ס'איז קלאָר, אַז קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קען נישט באַזייטיקן די אונטערדריקונג פֿון דער מינדערהייט דורך דער מערהייט (די בורזשואַזע מערהייט!), נישט באַזייטיקנדיק פֿריער יענע מלוכה־פֿאָרמען, וועלכע פּראָוואָצירן איינפֿאַך אָט די אונטערדריקונג. אין אַזאַ אָרט מלוכה־פֿאָרם זענען די „אַלגעמיין נאַציאָנאַלע" קולטורעלע איינריכטונגען אויפֿן פּאַפּיר אין די הענט פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג, „אָן אונטערשייד פֿון נאַציע". פֿאַקטיש אָבער ליגן זיי אין די הענט פֿון דער הערשנדער נאַציע.

צי דאָס וועלן זיין צענטראַלע איינריכטונגען, אָדער אָרטיקע, נאָר אַזוי ווי זיי נעמען אַרום פֿאַרשיידענע פֿעלקער און אַזוי ווי זיי האָבן צו זאָגן גראָד איבער יענע ענינים אין וועלכע ס'דריקט זיך אויס אויפֿן ריינסטן און שאַרפֿסטן אופֿן דער נאַציאָנאַלער יסוד, וועט זיך דאָרטן שטענדיק אָפּשפּילן דער נאַציאָנאַלער קאַמף, וועט שטענדיק געפֿינען פּלאַץ די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג. אָט די איינריכטונגען וועלן דינען אַלס די בעסטע „ערבות" דערפֿאַר, אַז דאָס צוגעזאָגטע „רעכט" פֿון דער שוואַכער נאַציע וועט כסדר געטראָטן ווערן, און דאָס קולטורעלע לעבן פֿון יענעם פֿאָלק, וואָס שפּילט נישט די ערשטע פֿידל אין דער מלוכה אָדער אַפֿילו אין אַ וועלכער נישט איז היסטאָרישער טעריטאָריע, וועט זיך געפֿינען אונטערן דרוק פֿון אַ פֿרעמדער קולטור, וואָס אַסימילירט די „פֿרעמדע" עלעמענטן נישט דערפֿאַר, מחמת זי שטייט העכער, נאָר מחמת דעם, וואָס זי געפֿינט זיך אין אַ בעסערער פּאָליטישער לאַגע. אָט דער צושטאַנד אַליין האָט געדאַרפֿט באַוועגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וועלכע דערלאָזט נאָר די פֿרייע קאָנקורענץ פֿון די קולטורן און וועלכע זעט אַ מוראדיקן שאָדן אין דער פּאָליטיק, וועלכע וויל מיט גוואַלד ברענגען צו אַסימילאַציע פֿון דער מינדערהייט דורך דער מערהייט — אַז זי זאָל זיך אַרויסזאָגן דערפֿאַר, אַז די קולטורעלע פֿונקציעס דאַרפֿן אַריבערגיין פֿון די „אַלגעמיין נאַציאָנאַלע" צו די נאַציאָנאַלע איינריכטונגען, וועלכע יעדע נאַציע ווילט אויס באַזונדער.

נאָר מיר האָבן נאָך אַ סך אַ וויכטיקערן מאָטיוו. מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז די „אַלגעמיין נאַציאָנאַלע" איינריכטונגען, סיי די צענטראַלע

סיי די אַרטיקע, סיי די איינריכטונגען פֿון גאַנצע געגנטן, מוזן לויט זייער עצם כאַראַקטער נאָך אַרויסרופֿן נאַציאָנאַלע סכסוכים. און אַט די אומפֿאַרמיידלעכקייט פֿון די נאַציאָנאַלע סכסוכים — שוין נישט רעדנדיק וועגן דער אונטערדריקונג, צו וועלכער זיי מוזן ברענגען — דאַרף דינען פֿאַר אַן ערנסטן גרונד פֿאַר דער אָפּשאָפֿונג פֿון יענע איינריכטונגען, וועלכע האַלטן אונטער און שפּייזן דורך זייער בלויזער עקסיסטענץ אַן עלעמענט פֿון רעאַקציע, וואָס איז געפֿערלעך פֿאַר דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. אין דעם דאָזיקן פֿאַל זענען מיר מחויב אָפּצושאַפֿן אַט די איינריכטונגען: דאָס פֿאָדערן פֿון אונדז אונדזערע פּרינציפּיעלע פּאָזיציעס בכלל, און אונדזער בליק אויף דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע בפֿרט.

די נאַציאָנאַלע פֿראַגע, פּונקט ווי יעדע אַנדערע פֿראַגע, וואָס געפֿינט אַ פּלאַץ אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָגראַם־מינימום, אינטערעסירט אונדז נישט בלויז ווי ס'אינטערעסירט אונדז די באַזייטיקונג פֿון יעדער אַנדער לאַסט, וועלכע ליגט אויף די פּלייצעס פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט. דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער שטאַנדפּונקט צווינגט אונדז שטענדיק צו באַטראַכטן יעדע פֿראַגע נאָך פֿון אַן אַנדער זייט, וואָס פֿאַרנעמט לויט דער וויכטיקייט דעם ערשטן אָרט. מיר מיינען די נויטיקייט צו שאַפֿן וואָס גינסטיקערע באַדינגונגען פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון קלאַסן־קאַמף, פֿון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסנבאַוווסטזיין. און ווען מ'זאָל פֿון אַט דעם שטאַנדפּונקט באַטראַכטן די באַדינגונגען, אונטער וועלכע דער בורזשואַזער נאַציאָנאַליטעט־מלוכה קומט אויס צו פֿירן אירע ענינים, מוז די נאַציאָנאַלע פֿראַגע געלייזט ווערן אַזוי, ווי מיר האָבן אַנגעוויזן, שוין נישט רעדנדיק פֿון די אַנדערע טעמים, וועלכע מיר האָבן אויבן געבראַכט.

מיר זענען איצט געקומען צו דער פֿראַגע וועגן דער באַדייטונג, וועלכע דער נאַציאָנאַלער קאַמף וועט האָבן אין דעם קומענדיקן קאָנסטיטוציאָנעלן רוסלאַנד. ווען אין איצטיקן רוסלאַנד איז דער הויפּט־מקור פֿון דער נאַציאָנאַליסטישער העצע דער איצטיקער רעזשים, וועלכער דערלאָזט און רייצט אויף די נאַציאָנאַלע שנאה נאָר אויף אַזוי פֿיל, וויפֿל דאָס איז נויטיק פֿאַר אים, וועלכער בינדט העגט און פֿיסביידע פֿיינדלעכע צדדים און שטויסט זיי ביידן דערמיט — קעגן דעם אייגענעם ווילן — אין איין לאַגער פֿון די קעמפֿער קעגן דעם דעספּאָטישן רעזשים, — וועט אין דעם פֿרייען רוסלאַנד דאָס בילד זיך ענדערן. אין אַט דער צוקונפֿטיקער דעמאָקראַטיע, וואָס וועט דינען פֿאַר אַ פֿרוכטבאַרן באָדן, פֿאַר דער פֿונאַנדערבליִונג פֿון אַלע טענדענצן פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג — די פֿינצטערע אין איינעם מיט די ליכטיקע, אַ באָדן אויף וועלכן ס'וועלן קעמפֿן פֿריי די פֿאַרשיידענע גרופּן פֿון די קאַפּיטאַליסטישע קאָנקורענטן — אַט דאָ וועט זיך ערשט פֿונאַנדערפֿלאַקערן מיט דער גרעסטער האַסט דער נאַציאָנאַלער קאַמף, דער באַגלייטער פֿון דער קאַפּיטאַליסטי־

שער אנטוויקלונג. נאר גראד צוליב דעם, וואס דאס וועט זיין א נאציאנא־לער קאמף, וועלכער אנטוויקלט זיך אין די ראמען פון א קאנסטיטוציאנעלער דעמאקראטישער מלוכה, וועט ער זיך בעצם אונטערשיידן פון די נאציא־נאלע סכסוכים, וועלכע קומען איצט ארויס אין דעם איצטיקן פארשקלאפטן רוסלאנד. די עלעמענטארע פארמען פון אונטערדריקונג, וועלכע בילדן דעם שורש פון דער איצטיקער נאציאנאלער פראגע — באגרענעצונגען אין רעכט, אדמיניסטראטיווע פארבאטן אויסנאם־געזעצן אאז״וו. — זיי אלע וועלן דעמאלט נישט עקסיסטירן. אבער די אלע פארבאטן זענען אין דער מלוכה, וועלכע פאלגט דעם רצון פון דער הערשנדער בורזשואזיע, נאר א מיטל צו דריקן „פרעמדע״ נאציעס אויפן יסוד פון די פאליטיש־סאציאלע פארהעלטענישן, וועלכע ליגן אויסער די ראמען פון די אייגנטלעכע נאציא־נאלע „אינטערעסן״. אין יענע לעבנס־געביטן ווו דער ייד טרעט ארויס נישט אלס ייד — ד. ה. נישט אלס א מיטגליד פון א געוויסער קולטורעלער גרופע — נאר אלס פראדוצענט אדער קונה, אלס בירגער, וועלכער פאר־נעמט זיך מיט א געוויסער פראפעסיע אאז״וו, איז די דעמאקראטישע מלוכה — אויף וויפל זי בלייבט דעמאקראטיש — נישט בכח צו שטעלן אים אין אן אויסשליסלעכער לאגע. איינפירן פאר אים געוויסע באגרענע־צונגען, אויסנאם־געזעצן — דאס קאן זי נישט צוליב איר דעמאקראטיזם; קעמפן קעגן אים אויפן לעגאלן וועג דורך געזעצן — דאס קען נישט דער־גרייכן דעם ציל, ווייל אויף וויפל די געזעצן באַרירן געוויסע פראפעסיעס, קלאסן, אבער נישט באשטימטע פארמען פון נאציאנאלן לעבן, — אויף אזויפיל וועלן אירע קלעפ פאלן נישט נאר אויף די פלייצעס פון דער אונ־טערדריקטער נאציע, נאר זיי וועלן טרעפן אויך אנדערע שיכטן. פארפאלגן א יידן א פראצענטניק, וואלט הייסן פארפאלגן אלע פראצענטניקעס בכלל; באגרענעצן די רעכט פאר יידן־פארמיטלער, וואלט הייסן מאכן אויסנאם־געזעצן פאר פארמיטלער בכלל, און דורך דעם וואלט דער קאמף איבערגעטראגן געווארן פון דעם נאציאנאלן באדן אויפן קלאסן־באדן.

נאר אין יענע ספערן פון דעם פאליטישן לעבן וועט מען קענען צו־דריקן דעם יידן, ווו ער וועט ארויסטרעטן אלס ייד: דאס הייסט דארטן, ווו ס׳וועט זיך האנדלען וועגן קולטורעלע פראגן. דא ווערן די באדערפענישן פון דער יידישער באפעלקערונג באשטימט נישט נאר דורך דעם, וואס זי וווינט אין א געוויסן געגנט, פארנעמט זיך מיט געוויסע עסקים, וואס זי געהערט צו א באשטימטן קלאס — זיי ווערן אויך באשטימט דורך דעם, וואס זי באפעלקערונג געהערט צו א באשטימטער נאציע. אט דא קען מען צודריקן דעם יידן, נישט עובר זייענדיק דערביי אויף דעם דעמאקראטישן שולחן־ערוך און נישט באַרירנדיק די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע, וועלכע געהערט צו אן אנדער נאציע; אט דא — און אויך אין דער ספערע

פון געזעלשאַפטלעכן באַיקאַט, וועלכער האָט אונטער נישט־אָפיציעל דאָס, פון וואָס די מלוכה האָט זיך געמוזט אָפיציעל אָפּזאָגן.

אָט דאָ, אין דעם געביט פון די קולטורעלע ענינים — פון דער פאָלקס־שול, און אויך פון אַנדערע בילדונגס־אַנשטאַלטן, וועלכע פירן אָן אַזעלכע ענינים ווי שפּראַך, וויסנשאַפט און קונסט — אָט דאָ וועט זיך צונויפקלייבן די גאַנצע ענערגיע פון דעם חוצפּהדיקן נאַציאָנאַליזם; דער געביט וועט ווערן דער הויפּט־פּלאַץ פון די נאַציאָנאַלע סכסוכים. אָט דאָ וועט אויסגעגאָסן ווערן דער גאַנצער האַס קעגן דער „פרעמדער" נאַציע — דער האַס, וועלכן די רעאַקציאָנערע קרעפטן האָבן געהאָדעוועט — וועלכער קען זיך נישט אויסדריקן אין אַנדערע צווייגן פון דעם מלוכה־לעבן, און וועלכער קאָנצענטרירט זיך דעריבער דאָרט, ווו די „נאַציאָנאַלע" סכסוכים דריקן זיך הויפּטזעכלעך אויס; אָט דאָ וועט ליגן דער קאַנאַל, וווהין ס'וועלן זיך ציִען די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, דאָס געוועהר, מיט וועלכן מ'וועט דורכפירן אין לעבן די שאָוויניסטישע פּלענער אויף צו דערשטיקן דורך דער מערהייט די „פרעמדע" נאַציאָנאַלע גרופּן.

און ווי באַלד איין צד וועט אָנפאַלן, וועט זיך אויפהייבן דער צווייטער צד אויף צו פאַרטיידיקן זיך, ס'וועט זיך אָנהויבן אַ מין מאָביליזאַציע פון נאַציאָנאַלן זעלבסטשוץ. וואָס זשע וועט זיין דער פועל־יוצא דערפון? די „אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע" בילדונגס־אַנשטאַלטן וועלן דינען פאַר אַ קאַמפּס־פּלאַץ, ווו ס'וועלן זיך אָפּשפּילן די האַרטנעקיקסטע נאַציאָנאַלע מלחמות. יעדע פראַגע, וועלכע וועט געשטעלט ווערן אויפן טאָג־אָרדענונג פון די אַנשטאַלטן, יעדע נייע שול, יעדע נייע וואַקאַנטע שטעלע, יעדע אומענדערונג אין סיסטעם פון די לימודים אָדער יעדע נייע הוצאה אין דעם בודזשעט — מוזן פירן צו אַ סיכסוך, צעשפּאַלטנדיק יעדע באַראַטונג, וואָס וועט זיך פאַרנעמען מיט אַזעלכע פראַגן, אויף צוויי אָדער מער פיינדלעכע מחנות, צעטיילנדיק די פאַרטרעטער פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן לויט זייער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וועט זיין אוממעכטיק צו טאָן עפּעס קעגן אָט דער שטענדיקער מלחמה פון די פאַרטרעטער פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. נאָך מער, הגם אָט דער קאַמף שטאַמט פון דער בורזשואַזיע, הגם ער ווערט געפירט דורך די בורזשואַזע גרופּן פון די פאַרשיידענע נאַציעס, פונדעסטוועגן קען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נישט שטיין פון וויטן, דער פּראָלעטאַריאַט קען נישט איבערלאָזן דער בורזשואַזיע, אַז זי זאָל פאַרטיידיקן זיינע שולן, וויל זיינע ברענענדיקע אינטערעסן, זיינע קולטורעלע באַדערפענישן טרייבן אים אומפאַרמיידלעך איינצושטעלן זיך פאַר די מיטלען, וואָס זענען נייטיק פאַר דער קולטורעלער אַנטוויקלונג, איינצושטעלן זיך און קעמפן קעגן די פיינדלעכע רעאַקציאָנערע קרעפטן, וועלכע ווילן אונטער דעם שלייער פון אַסימילאַציע פאַרצוימען אים דעם

וועג צו בילדונג. ער וועט מוזן אַריינמישן זיך אין דעם קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע פֿון די „פֿרעמדע״ נאַציעס, און כּסדר ראַנגלען זיך קעגן איר. אים וועט אויסקומען נישט־ווילנדיק צו גיין האַנט ביי האַנט מיט דער בורזשואַזיע פֿון זיין אייגענער נאַציע, כּדי צו פֿאַרטיידיקן זיך קעגן די אָנפֿאַלן פֿון דער בורזשואַזיע, וועלכע געהערט צו אַן אַנדער נאַציע. ער וועט געצוווּנגען זיין איינצושטעלן זיך פֿאַר זיין שפּראַך, פֿאַר זיין שול, פֿאַר זיין קולטור, כּדי צו באַשיצן זיי פֿון דעם פֿרעמדן שונא. אָט דער מין קאַמף וועט שאַפֿן אַ באָדן פֿאַר נאַציאָנאַלן פֿאַנאַטיזם, נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט; אויף אָט דעם באָדן קען אויסוואַקסן דער נאַציאָנאַלער האַס צו אַלץ, וואָס ס׳איז נישט אייגנס, וואָס געהער צו אַ פֿרעמדער נאַציע; פֿון דער אַנדער זייט וועט אָט דער קאַמף טרייבן די אַרבעטער צו באַהעפֿטן זיך מיט דער „אייגענער״ בורזשואַזיע — זייער נאַטירלעכן חבר אין קאַמף קעגן די „פֿרעמדע״; ער וועט שטויסן צו אַ פֿעסטער פֿאַרבינדונג פֿון די פֿאַרשיידענע קלאַסן אין איין נאַציאָנאַלן „בלאָק״. אַזאַ קאַמף וועט אַריינטראָגן אַ צעטומלעניש אין דעם קאַמף פֿון דעם אַרבעטער, אַרויסרוקנדיק לעבן דעם קלאַסן־קעגנזאַץ די נאַציאָנאַלע שנאה און פֿאַרבייטנדיק דעם קאַמף קעגן די עקספּלואַטאַטאָרס אויף דעם קאַמף קעגן דעם „פֿרעמדן״ יאָך. אָט דער שטענדיקער נאַציאָנאַלער סכסוך, וועלכער וועט כּסדר אַוועקשטעלן דעם בורזשואַ און דעם אַרבעטער איינעם נעבן דעם אַנדערן, אונטער איין נאַציאָנאַלן לאָזונג קעגן דעם אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן פֿייַנד, וועט לויט זיין נאַטור פֿירן צו אַ געוויסער פּסיכאָלאָגישער פֿאַרבינדונג צווישן די צוויי בעצם פֿיינדלעכע קלאַסן, וועט פֿאַרטושן דעם קלאַסן־אינסטינקט, אונטערהעצן די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען, און הגם ער וועט נישט זיין בכּח אויסצוּוואָרצלען דאָס באַוווּסטזיין פֿון קלאַסן־אינטערעס, וועט ער דאָך זיין אַ מוראדיקע מניעה, וועלכע וועט שטערן צו פֿאַרשטיין אָט דעם אינטערעס קלאָר און דייטלעך, אין זיין ריינער געשטאַלט, אָן זייטיקע פּלאָנטערנישן.

צי דאַרף מען נאָך געבן צו פֿאַרשטיין, ווי שעדלעך ס׳איז פֿאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַזאַ לאַגע, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרפּעסטעטע לופֿט ס׳ווערט באַשאַפֿן אַרום די באַוווּסטזיניקע פּראָלעטאַריער, וועלכע זענען געצוווּנגען יעדע מינוט צו אָמפּערן זיך קעגן די שאָוויניסטישע שטימונגען, כּסדר צו קעמפֿן קעגן דעם נסיון פֿון נאַציאָנאַליסטישער פֿאַרדאָרבנקייט, מיט וועלכער זיי וועלן זיך שטענדיק באַגעגענען אין זייער פּראַקטישער פּאָליטישער אַרבעט? וואָס פֿאַר אַן ערנסטער פֿאַקטאָר ס׳זאָל נישט זיין דאָס באַוווּסטזיין פֿון דער פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט, דאַרף מען אָבער נישט פֿאַרגעסן, אַז אַזאַ באַוווּסטזיין איז נישט געגעבן געוואָרן ווי אַ פֿאַרטיקע זאַך, וועלכע איז אייביק און בייט זיך קיינמאָל נישט; דערינען גופֿא באַשטייט טאַקע אונזער אויפֿגאַבע, אַז מיר זאָלן פֿאַרשטאַרקן און אַנטוויקלען אָט דעם באַ־

ווּסטזיין, און אַט דער דאָזיקער אויפגאַבע אונזערער שטעלט זיך אין וועג די מוראדיקע מניעה, וועגן וועלכער מיר האָבן גערעדט.

צי איז נישט קלאָר, אַז גראָד פון יענעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן שטאַנדפּונקט, וועלכער פאָדערט אַן אַנטשלאָסענעם און כסדרדיקן קאַמף פאַר אַזעלכע פּאָליטישע פאָרמען, וועלכע זאָלן ביי דער איצטיקער אָרדענונג פאַרקלענערן די מניעות, וואָס שטערן אויסצואַרבעטן אַ קלאָרן, אַן שום פּסולת, פּראָלעטאַרישן באַוווּסטזיין — אַז פון אַט דעם שטאַנדפּונקט וואָלט געווען אַ גרויסע זינד צו מאַכן זיך כּלא ידע וועגן דער אַנגעוויזענער מניעה, נישט פּרוּווּנדיק אָפילו צו באַזייטיקן זי פון אונזער וועג.

די הויפּט־צרה פון די „אַלגעמיין נאַציאָנאַלע“ קולטור איינריכטונגען באַשטייט אין דעם, וואָס זיי שפּיזן די נאַציאָנאַליסטישע צערייצטקייט.

די נאַציאָנאַליסטישע צערייצטקייט קאָן נאַטירלעך נישט געהיילט ווערן דורך דעם, וואָס מ׳וועט כּסדר מאַטערן דעם קראַנקן אבר. אַזאַ אבר דאַרף אָדער געהיילט אָדער באַזייטיקט ווערן. ער טאָר נישט בלייבן אַ מקור פון ווייטערדיקע קראַנקייטן. ווייטער לאָזן אַזאַ לאַגע טאָר מען נישט.

נישט די מלוכה, נישט די אָרגאַנען פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג, בכלל נישט די אַלע איינריכטונגען, וועלכע באַשטייען פון פאַרטרעטער פון פאַרשיידענע פעלקער, דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט אַט די „קראַנקע“ פונקציעס. אַט דער צווייג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן דאַרף אַרויסגענומען ווערן פון זייערע הענט. אַזוי ווי מ׳קאָן זיך אָבער מיט אַט די פונקציעס נישט פאַרלאָזן אויף פּריוואַטער איניציאַטיוו, מוזן זיי איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון די באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן. אויף אַזאַ אופן צוימען זיך אָפּ די פעלקער־גרופּן איינע פון דער אַנדערער, יעדערע פון זיי פירט אָן זעלבסטשטענדיק, אָן דעם אַנטייל פון די אַנדערע נאַציעס, אירע קולטורעלע ענינים. ס׳ווערט באַזייטיקט יעדע נייטיקייט פון קאַמף אין קעגנזייטיקע סכסוכים, ס׳עפנט זיך אַ ברייטער פּלאַץ פאַר אַ ריינעם קלאַסן־קאַמף אין די ראַמען פון יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע, אַ קאַמף, וועלכער ווערט נישט פאַרטונקלט און פאַרפּלאָנטערט דורך דער נייטיקייט איינצושטעלן זיך אין דעם פּראָצעס פון די נאַציאָנאַלע סכסוכים פאַר די אינטערעסן פון דער אייגענער נאַציע; דער קלאַסן־קאַמף ווערט אָפּגערייניקט און פאַראיינפאַכט. אויף אָנצופירן אירע קולטורעלע ענינים — און נאָר צוליב דעם צוועק — בילדעט יעדע נאַציע אַ יורידישע קאָלעקטיווע איינהייט. די אָרגאַנען, וועלכע זענען נויטיק דערצו, אַז די „יורידישע פּערזאָן“ זאָל קענען פונקציאָנירן, ווערן אויסגעקליבן אויף דעמאָקראַטישע יסודות, דורך אַלגעמיינע וואַלן. אַט די אָרגאַנען נעמען איבער ביי דער מלוכה די קולטורעלע ענינים פון דער אָדער יענער נאַציע. אויף וויפל ס׳עקסיסטירן אַזעלכע קולטורעלע באַדערפעניש, וועלכע זענען אַלגעמיין פאַרן גאַנצן לאַנד, און וועלכע זענען נישט נאָך די קרעפטן פון דער איינצלנער נאַציע, ווערן זיי באַפרידיקט

דורך אַ פעדעראַטיוון בונד פון נאַציאָנאַלע סיימען. אַט דער בונד בילדעט גלייכצייטיק דעם פונדאַמענט, אויף וועלכן די פּראָלעטאַריער פון פאַרשיידענע נאַציעס קענען פאַראייניקן זייערע קרעפטן אַפילו אין די ראַמען פון יענע פראַגן, בנוגע וועלכע די נאַציעס זענען „אָפּגעצוימט“ איינע פון די אַנדערע.

דערינגען ליגט דער תוך פון דער קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין איר ריינערער געשטאַלט. די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז, מיט אַנדערע ווערטער אויסגעדריקט — די נאַציאָנאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונג. דערביי איז די נאַציע דער איינציקער בעל־דעה בלויז אין דעם געביט פון יענע פראַגן, אין וועלכע ס'דריקט זיך אויס דאָס נאַציאָנאַלע לעבן אַלס אַזעלכעס, דאָס הייסט, אין דעם געביט פון די קולטורעלע פראַגן. דערמיט איז באַשרענקט איר קאָמפּעטענץ. פאַר די איבעריקע ענינים און פונקציעס הערט אויף דער „נאַציאָנאַלער פאַראיין“ צו עקסיסטירן. זיינע מיטגלידער טרעטן דאָ אַרויס נישט אַלס פאַרטרעטער פון דער נאַציע, נאָר ווי איינפאַכע איינוווינער פון דער אָדער יענער אַדמיניסטראַטיווער איינהייט, אַלס וויילער אין די אָדער יענע איינריכטונגען פון דער טעריטאָריאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג. אַט די פונקציעס גייען אַריבער צו דער פאַרוואַלטונג פון די אַלגעמיינע איינריכטונגען, בעת די ערשטע גייט אַריבער אין די הענט פון די נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע איינריכטונגען.

מיר געפינען נישט פאַר מעגלעך צו גיין ווייטער פון אַלגעמיינע דירעקטיוון בנוגע צו דער דאָזיקער פראַגע. די אויסאַרבעטונג פון די פּרטים געהערט יענער צוקונפט ווען אויפן גרונט פון אונזערע פּראָגראַם־פּונקטן וועלן אויסגעאַרבעט ווערן די קאָנקרעטע געזעץ־פּראָיעקטן. דער פּרינציפּיעלער אינהאַלט, אין וועלכן ס'איז וויכטיק קלאָר צו ווערן שוין איצט, ווערט אויסגעדריקט אין צוויי ווערטער: נאַציאָנאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונג.

מיר זענען דערפאַר, ערשטנס, ווייל דאָס אַנטשפּרעכט דעם פּרינציפּ פון זעלבסטפאַרוואַלטונג, און דערמיט ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז די אינדיווידועלע פרייהייט, די פרייהייט פון יחיד, איז נאָך צו ווייניק, אַז דאָס בלויזע פּראָקלאַמירן די רעכט פאַרזיכערט נאָך נישט די פרייהייט; ס'מוזן געשאַפן ווערן די נייטיקע קאָלעקטיווע אָרגאַנען, וואָס נאָר זיי וועלן קענען דינען אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס פאַר אַ גאַראַנטיע פון ווירקלעכער גלייך־באַרעכטיקונג.

צווייטנס, איז די נאַציאָנאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונג וויכטיק פאַר אונז גראַד ווי אַ נאַציאָנאַלע: דערמיט ווילן מיר אונטערשטרייכן, אַז יענע קאָלעקטיווע איינהייט, אין וועלכער מיר זעען די ערבות פון אַ פרידלעכער לייזונג פון דער פראַגע, דאַרף זיין נישט די טעריטאָריאַלע, נאָר די נאַציאָנאַלע; אין איר באַטייליקן זיך נישט די איינוווינער פון דער אָדער יענער

געגנט, נאָר די מיטגלידער פֿון אַ באַשטימטער נאַציע, אויף וואָסער טעריטאָריע זיי זאָלן נישט וווינען.

מיר טרעטן נישט אַרויס אַלס קעגנער פֿון דער טעריטאָריאַלער זעלבספֿאַרוואַלטונג. אין אַזאַ מוראַדיק גרויס לאַנד ווי רוסלאַנד, מוז די אינערלעכע פֿאַרשיידנקייט פֿון די אָרטיקע באַדינגונגען נאַטירלעך אַרויסרופֿן אַ געוויסע דעצענטראַליזאַציע, וועלכע איז נויטיק און נוצלעך. מיר זאָגן בלויז, אַז די נאַציאָנאַלע פֿראַגע ווערט נישט געלייזט דורך דער טעריטאָריאַלער זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג, זי ווערט נישט געלייזט צוליב דער איינפֿאַכער סיבה, וואָס די באַגריפֿן „נאַציע" און די „באַפֿעלקערונג פֿון אַ געוויסער טעריטאָריע" פֿאַלן נישט צוזאַמען. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז די טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע קען אין בעסטן פֿאַל באַפֿרייען פֿון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג יענע נאַציע, וועלכע שפּילט די הערשנדע ראָלע אין דער דאָזיקער פּראָווינץ. פֿאַר די איבעריקע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע געפֿינען זיך דאָרטן, פֿאַרענטפֿערט זי נישט די נאַציאָנאַלע פֿראַגע. מיר וועלן נאָך צוגעבן, אַז אַפֿילו די מיטגלידער פֿון דער הערשנדיקער נאַציע זענען פֿריי, נאָר כּל זמן זיי בלייבן אין דעם תּחום פֿון „זייער" פּראָווינץ. אַריבערשפּרייזנדיק אָט דעם תּחום, זענען זיי שוין מער נישט פֿריי און באַקומען איבער זיך אַן אויבערהאַר אין דער געשטאַלט פֿון דער נאַציע, וועלכע איז פֿון איר זייט דער בעל־דעה איבער „איר" טעריטאָריע.

ליידער אָבער, איז די טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע, אַלס אַן ענטפֿער אויף דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, ביז איצט געווען אַ מער פּאָפּולערער לאָזונג, איידער די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. דערצו האָבן געפֿירט די פֿאַלשע טראַדיציעס פֿון טעריטאָריאַליזם, וועלכע מ'האָט אַריבערגעטראָגן אין דעם געביט פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. פֿון אָט די טראַדיציעס מוז מען זיך אָפּזאָגן. וואָס פֿאַר אַ פּאָזיציע מ'זאָל נישט פֿאַרנעמען אין דעם טעאָרעטישן וויכּוח וועגן דעם, צי קען אַ באַשטימטע גרופּע מענטשן רעכענען זיך פֿאַר אַ נאַציע אָן אַ טעריטאָריע, אָדער נישט, אין דער רעאַלער פּאָליטיק מוז מען אומבאַדינגט זיך רעכענען מיט דעם אומצווייפֿלהאַפֿטן פֿאַקט, אַז קיין נאַציע (יעדנפֿאַלס פֿון די אונטערדריקטע נאַציעס), וואָס פֿאַר אַ מערהייט פֿון איר ס'זאָל נישט באַוווינען אַ באַשטימטע טעריטאָריע, פֿאַרנעמט נישט דורכויס די גאַנצע טעריטאָריע, נישט איבערלאָזנדיק קיין פּלאַץ פֿאַר אַנדערע.

דאָס איז אַ רעזולטאַט פֿון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פֿון די פֿעלקער, און מיט אָט דער היסטאָרישער טענדענץ מוז זיך רעכענען אין זיין פּאָליטיק יעדער סאָציאַל־דעמאָקראַט. אויב דער קאַפּיטאַליזם ברענגט נישט אין דער אמתן צו דער צעשטויבונג און צעשפּרייטונג פֿון די פֿעלקער איבער דעם גאַנצן שטח פֿון דער מלוכה (ווי דאָס דאַכט זיך דעם אָדער יענעם „מאַרקסיסט"), מאַכט ער אָבער בלי ספֿק אַ סוף צו די אָפּגעשלאָסענע, אָפּגעזונדערטע געגנטן מיט אַן איינהייטלעכער נאַציאָנאַלער באַפֿעל־

קערונג. ער מאָביליזירט די באַפעלקערונג, מאַכט זי באַוועגלעך, טרייבט מאַסן מענטשן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, צערייסט די פאַרבינדונג צווישן דער באַפעלקערונג און דער ערד, און אין יעדער מער אָדער ווייניקער באַדייטנדער טעריטאָריע ווערט אויף אייביק פאַרשוואונדן דער איינהייטלע־כער נאַציאָנאַלער קאָליר. אָט צוליב דער טענדענץ גייט זיך אַלץ ווייטער פונאַנדער די טעריטאָריאַלע פראַגע פון דער נאַציאָנאַלער — די צוויי פראַגן, וועלכע זענען ענג פאַרבונדן צוזאַמען אין דעם פאַל, ווען מיר האָבן צו טאָן מיט אַ טעריטאָריע, וועלכע איז געפאַרבט אין אַן איינהייטלעכער נאַ־ציאָנאַלער קאָליר. די טעריטאָריאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונג — זי האָט זיך איר אייגענע באַדייטונג און ווערט, און גיט אַן ענטפער אויף אַ גאַנצע רייע באַדערפעניש, וועלכע טראָגן אַ טעריטאָריאַלן כאַראַקטער. די נאַציאָנאַלע פראַגע האָט אָבער דערצו קיין שום שייכות נישט און זי פאָדערט אַ באַזונדערע לייזונג. כדי די אַלגעמיינע פאָרמל „זעלבסטפאַרוואַלטונג" זאָל קאָנען געבן אַן ענטפער אויך אויף דער אויפגאַבע, מוז מען פאַרבייטן דעם פאַרעלטערטן און אומנייטיקן באַגריף טעריטאָריע, דורך אַן אַנדערן, רעכענענדיק זיך דערביי מיט די היסטאָרישע טענדענצן פון דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטי־שער אָרדענונג. אָט דער אַנדערער באַגריף איז די נאַציע, ווי אַ סומע פון אַלע יחידים, וועלכע געהערן צו אַ באַשטימטער היסטאָריש־קולטורעלער גרופע, אומאָפּהענגיק דערפון, וואָס זיי וווינען אויף פאַרשיידענע טערי־טאָריעס.

אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע גיט אַ געענויען ענטפער בלויז די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע.

אָט די פאָדערונג צוזאַמען מיט די איבעריקע אונזערע פאָדערונגען אויף דעם דאָזיקן געביט — בירגערלעכע גלייך־באַרעכטיקונג פאַר יידן און די פולבאַרעכטיקונג פון דער יידישער שפּראַך — בילדן אונזער פּראָג־ראַם אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

נאַציאָנאַלע באַוועגונג און נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד*

אויף אַלע געביטן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן זוכט די אַרבעטער־באַוועגונג אירע באַזונדערע וועגן. אומעטום רייסט זי זיך אַדורך אין אַ באַזונדערן שטראָם, זאָגט איר אייגן וואָרט.

און דאָס נישט בלויז אין דער פּאָליטישער טעטיקייט; אומעטום אַזוי. אין פּאָליטיק אָבער האָט די דאָזיקע באַזונדערקייט פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג זיך דערוואָרבן אין אַ געוויסן גראַד בירגעררעכט, און נישט בלויז צווישן די אַרבעטער אַליין. אָגב איז דאָס דאָזיקע בירגעררעכט פֿונם שטאַנדפּונקט פֿון דער אויסערלעכער וועלט זייער נישט זיכער. באַזונדערס אויף יענעם געביט פֿון פּאָליטיק, וואָס אינטערעסירט אונז דאָ: אינם קאַמף פֿאַר נאַציאָנאַלער באַפֿרייונג.

פֿאַר די וועלכע קלאַמערן זיך אין דעם טראַדיציאָנעלן צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע איז נאַציאָנאַלע באַפֿרייונג אין עצם אומצערײַסבאַר צוזאַמענגעבונדן מיט נאַציאָנאַלער אַחדות. ווי צוויי זײַטן פֿון איין און דער זעלבער מטבע. אַ נאַציע וואָס שטרעבט צו פֿרייהייט, מוז זײַן אייניק און סאָלידאַריש. דער נאַציאָנאַלער אינטערעס איז דער אינטערעס פֿון גאַנצן כּלל. פֿאַר אים מוזן פֿאַרשטומט ווערן די אינטערעסן פֿון איינצלנע טיילן — קלאַסן, עס מוז אויפֿהערן דער קלאַסנקאַמף.

ווער עס שטייט אויף דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, פֿאַר דעם איז אומפֿאַרשטענדלעך און פֿרעמד די פּראָלעטאַרישע זעלבסטאָפּגרענעצונג. זי רײַסט די אויגן, קלינגט ווי אַ דיסאָנאַנס. מען זעט דערין פֿאַרראַט...

עס איז אָבער פֿאַראַן אַן אַנדער שטאַנדפּונקט: נאַציאָנאַלע באַפֿרייונג איז איינער פֿון די עטאַפּן אינם קאַמף פֿון אַרבעטער־קלאַס פֿאַר אַן אינטעגראַלער באַפֿרייונג. דאָס הייסט נישט נעגירן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן, נאָר האָבן אין זינען, אַז פֿאַר יעדן קלאַס זענען זיי אַנדערע, אַז די וועגן מיט וועלכע יעדער קלאַס גייט, שטרעבנדיק צו פֿאַרווירקלעכן די דאָזיקע אינטערעסן, זענען אויך פֿאַרשיידן. אָט דער שטאַנדפּונקט וואַרפֿט אונטער די נאַציאָנאַלע באַוועגונג — ווי יעטוועדע אַנדערע — דעם העכסטן

---

* דער אַרטיקל איז געשריבן אין 1908 און געווען געדרוקט אין זאַמלבוך פֿאַרמען פֿון נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אין מאָדערנע מלוכות (רוסיש), פּעטערבורג, 1910. ייִדישע איבערזעצונג — וו. שולמאַן.

קריטעריום פון קלאַסנקאַמף. און די שטרעבונג פון די אַרבעטער אַדורכצו־פירן זייער באַזונדער שטעג אויפן דאָזיקן אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן פעלד ווערט באַטראַכט פאַר אומפאַרמײַדלעך און נויטווענדיק.

דאָס איז אַ שטרייט צווישן צוויי וועלט־אַנשויונגען און דאָ איז נישט דאָס אָרט אים צו אַנטשיידן. מיר נעמען די „באַזונדערקייט" פון דער אַרבעטער־באַוועגונג ווי אַ פאַקט. און מיר ווילן זיך באַמיען צו באַהאַנדלען איר גורל אויפן געביט פון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

1

די אַרבעטער־באַוועגונג באַווײַזט זיך נישט אויף דער וועלט ווי מינערוואַ פון יופּיטערס קאָפּ. נאָר אין לאַנגזאַמען פּראָצעס פון שאַפן וואַקסט זי אויס אין אַ בולט אָנגעצייכנטער אינדיווידואַליטעט. זי קומט פון די טיפענישן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, געמישט מיט פסולת — אַ ירושה פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט. ביסלעכווייז רייניקט זי זיך אָפּ, זוכט וועגן, און אינם פּראָצעס פון זוכענישן באַשאַפט זי פּאַרטייען — סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — דאָס איז נאָך נישט די אַרבעטער־באַוועגונג. נישט שטענדיק אַפילו זענען זיי אַ טייל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. נישט שטענדיק זענען זיי עטאַפן אויף איר וועג; אַן אַנדערש מאָל זענען זיי בלאָנדזשנדיקע פײַערלעך אין אַ זײַט פון וועג. אַן אַנדערש מאָל — טאָפּ־פינגער, וואָס עס רוקט אַרויס פון זיך די פּאַרטיי פון די פּאַר־מעגלעכע, וועלכע זוכט אַ שטיצפּונקט אין דער אַרבעטער־סביבה און שטעלט דעריבער אַרײַן אין איר פּאָליטישן לאַמטערן אַ רויטלעך שײַבל; אויסשפּירער און ווערבירער, וועלכע זי שיקט אַרויס אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן. אָפט מאָל איז עס אַ געמיש פון אַרבעטער־שיכטן מיט באַדייטיקע מאַסן פון דער איטעליגענץ, וועלכע פליסן צוזאַמען פון אַלע זייטן אויפן פייערל פון דער נײַ־געבוירענער קראַפט, — און די דאָזיקע אינטעליגענץ ברענגט מיט זיך מיט אירע טראַדיציעס, סימפּאַטיעס, קאַפּריזן און פאָראורטיילן.

דאָס איז אַ פאַרשידנפאַרביקער לייטער פון פאַרשיידענע פּאָליטישע פאָרמאַציעס, אָנהייבנדיק פון איינע — מיט אַ קוים באַמערקבאַרער סאָציאַליסטישער באַפאַרבונג — און ענדיקנדיק מיט אַנדערע, וועלכע זענען שוין צײַטיק געוואָרן צו אַ צושטאַנד פון אמתע אַרבעטער־פּאַרטייען מיט אַ קלאָרער און בולט אָנגעצייכנטער קלאַסן־פיזיאָנאָמיע.

און אויב די דאָזיקע פאַרשיידנפאַרביקייט זעט זיך אינם גאַנצן פּנים פון דער פּאַרטיי, ווײַזט זי זיך אַרויס אין אַ גאָר באַזונדער שטאַרקער מאָס אויפן געביט פון דער פראַגע, וואָס אינטערעסירט אונז דאָ. גאַנץ מעגלעך, אַז קיין אַנדערע פראַגע (מיטן אויסנאַם פון דער אַגראַר־פראַגע) געפינט זיך נישט אין אַזאַ מאָס אין צושטאַנד פון זוכענישן ווי די נאַציאָ־

נאַלע פראַגע. עס האַנדלט זיך וועגן אײַנשליסן דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם אין אַלגעמיינעם סיסטעם פון דער סאָציאַלער וועלט־אַנשויונג ווי איר אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל. מען דאַרף באַהעפטן אַט דעם דאָזיקן רינג מיט דער אַלגעמיינער קייט, אַזוי אַז דער רינג זאָל נישט קאַליע ווערן און עס זאָל נישט צעשטערט ווערן די גלײַכמעסיקייט פונם גאַנצן. דאָס איז שווער, און עס טרעפט כסדר, אַז עס ווערט אײַנגעשטשערבעט אָדער די קייט אָדער איר נײַער רינג.

דער דאָזיקער פּראָצעס איז פאָרגעקומען און קומט אויך איצט פאָר אין פאַרשידענע פאָרמען, אָפּהענגיק דערפון אין וואָס פאַר אַ סביבה עס האָט זיך אויסגעבילדעט די געגעבענע פּאַרטיי. ווי אַזוי זענען די אויסערלעכע באַדינגונגען פון דער נאַציע וואָס אין איר איז די פּאַרטיי טעטיק, ווי אַזוי זענען די אינערלעכע קרעפטן־פאַרהעלטענישן אין די גרענעצן פון דער געגעבענער נאַציע און ווי אַזוי, ענדלעך, זעט אויס דער מאָמענט, ווען עס איז געבוירן געוואָרן און עס האָט זיך אויסגעפורעמט די פּאַרטיי, וועלכע קומט אין באַטראַכט.

מיר האָבן שוין גערעדט וועגן דעם, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אַנטשטייען אָפט מאָל אין נאָענטסטן קאָנטאַקט מיט אַנדערע נישט־סאָציאַליסטישע שטרעמונגען, און צווישן זייערע אָנהענגער ציילן זיי נישט קיין קליינע צאָל אַזעלכע פּערזאָנען, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט זייער פריער־דיקע עוואָלוציע אין די רייען פון בירגערלעכע אָרגאַניזאַציעס און וועלכע לויט זייער סאָציאַלער לאַגע געהערן זיי צו אינטעליגענטישע און קליינביר־גערלעכע שיכטן. און אַט דער דאָזיקער אומשטאַנד לייגט אַרויף אַ קלאָרן שטעמפּל סײַ אויף דעם גאַנצן פּנים, סײַ — באַזונדער — אויף דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון די דאָזיקע פּאַרטייען. גלײַך ווי זיי טרעטן אַרויס אויף דער פּאָליטישער אַרענע שטויסן זיי זיך אָן מיטן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם. דאָס פּראָבלעם איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן נישט דורך זיי, אָבער די ירושה לייגט זיך אויף זייערע פּלייצעס; און זיי פאַרבלייבן אירע געפאַנגענע. ביי דער מערהייט אונטערדריקטע נאַציעס באַווייזט זיך פריִער פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַ בירגערלעך־נאַציאָנאַלע באַוועגונג, צי אין דער פאָרם פון פּאָליטישער טעטיקייט, צי אין דער פאָרם פון אַלגעמיין נאַ־ציאָנאַלער קולטור־אַרבעט, אין וועלכער די צוקונפטיקע טוער פון סאָציאַ־ליזם באַטייליקן זיך צוגלייך מיט די ראַדיקאַלע און סתם פּראָגרעסיווע עלעמענטן. צום מאָמענט ווען עס טרעט אַרויס דער סאָציאַליזם זענען שוין אויספאָרמירט באַשטימטע, נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען, וואָס האָבן גע־לייגט זייער שטעמפּל אויף דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער. מיר זעען דאָס ביי די פּאָליאַקן, ווו די נאַציאָנאַלע טראַדיציעס זענען אַן פאַרגלײַך עלטער ווי די סאָציאַליסטישע, און ווו צו דער צײַט, ווען דער פּראָלעטאַריאַט באַווײַזט זיך אויף דער אַרענע, האָבן די נישט־פּראָלעטאַ־

רישע שיכטן שוין געהאַט הינטער זיך אַ היסטאָרישע פֿאַרגאַנגענהייט. דאָס זעלבע בײַ די ליטווינער, ווו פֿריער פֿאַר דער פּאָליטישער באַוועגונג פֿון די אַרבעטער איז געגאַנגען אַן אינטענסיווע קולטור־אַרבעט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט בײַ געוויסע שיכטן פֿון דער אינטעליגענץ און פּויערים. דאָס זעלבע ביי די אַרמענער, דאָס זעלבע ביי די אוקראַינער. און אין וואָס פֿאַר אַ מאָס עס זענען צום מאָמענט, ווען דער סאָציאַליזם באַווייזט זיך, פֿאַרפֿעסטיקט און אויסגעפֿורעמט די אינטעליגענטישע און קליינבירגערלעכע שטרעמונגען, וואָס מער בולטע שפּורן זיי האָבן באַוויזן איבערצולאָזן אויף דעם גאַנצן גייסטיקן פּנים פֿון דער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפֿט, — אַלץ אין אַ גרעסערער מאָס באַשטימען זיי אויך דעם אידעיִשן סיסטעם פֿון די יונגע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

און דאָס קומט פֿאַר אין צוויי ריכטונגען. אָדער די גײַסטיקע ירושה פֿון בורזשואַזן ראַדיקאַליזם און קולטור־טרעגערײַ גיסט זיך אַרײַן ווי אַ ברייטער שטראָם אין דער נײַער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און זי נעמט אַי־בער גערן די דאָזיקע ירושה אין אַ גרעסערן אָדער קלענערן פֿאַרנעם, אָדער פֿאַרקערט, די נייע פּאַרטײַ שטרעבט באַוווסטזיניק זיך אָפּצוצוימען דערפֿון. און וואָס שטאַרקער עס איז דער אײַנפֿלוס פֿון די אַלטע טראַדיציעס אַלץ שטאַרקער איז דער ווידערשטאַנד, זעלבסטשוץ און נאָך מער די געפֿאַר אַריינצופֿאַלן אין אַ קעגנזעצלעכן עקסטרעם, און צוזאַמען מיטן בור־זשואַזן ענטפֿער אויפֿן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם אַרויסוואַרפֿן אין דרויסן דאָס פּראָבלעם גופֿא. וואָס־זשע איז דאָס פֿאַר אַ ירושה? די באַוועגונג פֿון די קליינבירגערלעכע און ראַדיקאַלע עלעמענטן בײַ די אונטערדריקטע פֿעל־קער איז — מיט קליינע אויסנאַמען — דורכויס אַ נאַציאָנאַליסטישע. דער נאַציאָנאַלער דרוק בכלל רופֿט אַרויס פֿריער אָדער שפּעטער אַ שטײַגנדיקע נאַציאָנאַלע אימפּולסיווקייט, אַ קרענקלעכע אַנטוויקלונג פֿון נאַציאָנאַלן געפֿיל. ביי אַנדערע קלאַסן ווערט די דאָזיקע היפּערטראָפֿיע פֿון נאַציאָנאַלן געפֿיל מער וויניקער פּאַראַליזירט פֿון די בולטע סאָציאַלע שטרעמונגען, אָבער צווישן די קליינבירגערלעכע (טיילווייז אויך אינטעליגענטישע) קרייזן, וואָס זייערע סאָציאַלע חלומות זענען האָפֿענונגסלאָז און די געזעלשאַפֿט־לעכע פּאָזיציע אַ וואַקלדיקע — צווישן זיי נעמען אָן די נאַציאָנאַליסט־ישע שטימונגען אַ באַזונדער שאַרפֿע אַלץ באַהערשנדיקע פֿאָרם. דער נאַציאָנאַ־לער מאָמענט פֿאַרשטופּט אין הינטערגרונט אַלע אַנדערע פּראָבלעמען. די נאַציאָנאַלע אידעע ווערט דער העכסטער רעגולאַטאָר. דער נאַציאָנאַלער קאַמף באַקומט דעם כאַראַקטער פֿון אַ זעלבסטציל.

און אַט אויף וויפֿל אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פֿאָרמירט זיך אויס אין אַן אינטימען קאָנטאַקט מיט ענלעכע עלעמענטן, אין אַ סביבה וואָס איז געדיכט אָנגעזאַפּט מיט ענלעכע שטימונגען, ווערט אַזאַ היפּערטראָפֿיע פֿון נאַציאָנאַלן געפֿיל איר כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿט. פֿאַרשטייט זיך, נישט

אין אַזאַ שאַרפֿער פֿאָרם ווי מיר באַגעגענען עס ביי בורזשואַזע פּאַרטייען.

די אידישע טעטיקייט פֿון אַזעלכע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז פֿול מיט קאָנפֿליקטן צווישן קלאַסן־אינהאַלט פֿון זייער אַגיטאַציע און די נאַציאָנאַליסטישע מאָטיוון, וואָס רײַסן זיך שאַרף אַרײַן אין דער דאָזיקער אַגיטאַציע. עס באַקומט זיך עפּעס אַ מישמאַש. מען פּריידיקט דעם קלאַסן־קאַמף און מען שטרייכט אונטער אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע אויפֿגאַבעס און אַל־געמיין־נאַציאָנאַלע אַרבעט; פּראָפּאַגאַנדע פֿון פּראָלעטאַרישער סאָלידאַרי־טעט און שאַרפֿע נאַציאָנאַליסטישע טענער. — דאָס אַלץ טראָגט אַרײַן צעטומלטקייט און כאָאָס און גרייט צו אַ באָדן פֿאַר חטאים אויפֿן געביט פֿון פּראַקטישער פּאָליטיק.

אין דער אַלגעמיינער רשימה פֿון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד, איז דער דאָזיקער טיפּ דער אַממערסטן עקלעקטישער אי לויט זיין אידעישן פּנים, אי לויט זיין פּערזענלעכן צוזאַמענשטעל. מיר באַ־געגענען אים כּמעט כּסדר אין יענער פּעריאָדע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען, גרו־פּעס און גרופּקעלעך, וועלכע זענען אַזוי אָדער אַנדערש (אידעיש אָדער אָרגאַניזאַציאָנעל) אַנגעשלאָסן אָן די ס. ר. (סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן) אָדער שטייען נאָענט צו זיי. די דאָזיקע קאַטעגאָריע פּאַרטייען, וואָס זיי איז פֿרעמד דער מאַרקסיסטישער „ריגאָריזם" און זענען געשטימט מער גינסטיק און גאָסטפֿריינדלעך צו יעטוועדער מין אידעישער אַפּיקורסות, עפֿענען נאַטירלעך אַ מער פֿרײַען צוטריט פֿאַר די עלעמענטן פֿון נאַציאָנאַליזם. אָן אַנדער מאָל דערקלערט זיך אַזאַ מין „טאָלעראַנץ" פּשוט דערמיט, וואָס אַזאַ פּאַרטיי איז געווען צו ערשט אַ בירגערלעך־ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציע און נאָר שפּעטער האָט זי אָנגענומען אַ געוויסע סאָציאַליסטישע באַפֿאַרבונג. אַזוי זענען, למשל, די אַרמענישע דראָשאַקיסטן. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך קאָן נישט זײַן קיין רייד ביי אַזעלכע פּאַרטייען וועגן אָן אויסגעהאַלטענעם בליק אויף דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, וואָס זאָל זיך באַזירן אויף אַ שטרענגער קלאַסן־קאָנצעפּציע; די קלאַסן־עלעמענטן שלאָגן זיך קוים־קוים אַדורך פֿון אונטערן געדיכטן שיכט נאַציאָנאַליסטישע און אַפֿילו שאָוויניסטישע פֿראַזן.

אַנטקעגן דער דאָזיקער קאַטעגאָריע פּאַרטייען שטייט נאַטירלעך די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. מיר וואָלטן אָבער נישט געוואָלט זי אַנטקעגנשטעלן ווי אַ כּלל, און ווי אַ כּלל אידעאַליזירן איר פּאָזיציע. אויב די פּאַרטייען פֿון ערשטן טיפּ זענען אַנטשטאַנען אין אַ סביבה מיט באַשטימטע נאַציאָנאַלע שטימונגען און אונטער זייער אוממיטלבאַרער ווירקונג, זענען אויך די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס אַנטשטאַנען נישט אין אַ פּוסטן רוים און זענען פֿאַר קיין פֿאַל נישט (פֿאַקטיש!) געווען איינגעשלאָסן בלויז אין די ראַמען פֿון דער אַרבעטער־סביבה. אויך אין זייערע רייען האָבן געפֿונען אָן אָרט פֿון די ערשטע טריט אָן זייער פֿיל אינטעליגענטישע עלעמענטן

און אין דער ערשטער צײַט פֿון איר אַנטוויקלונג האָבן אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע נישט זעלטן געהאַט אַן איבערהאַנט (נישט צאָלמעסיק נאָר אידעיִש) אַזעלכע אינטעליגענטישע שיכטן.

אָבער אויב אין די פּאַרטייען פֿון ערשטן טיפּ זענען די נישט־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן געווען די טרעגער פֿון צעשוווּמענעם סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליסטישע חלומות, האָט אין די רייען פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געשטראָמט גאָר אַן אַנדער מין אינטעליגענץ: זי איז געווען די טרעגערין פֿון שטרענגן מאַרקסיזם, צײַטנווײַז אַפֿילו אַ פּלפּוליסטיש־שטרענגן אין זיין ריגאָריזם; אָט אין דעם ריגאָריזם און אין דער סעקטאַנטישער אויסנאַמיקייט, וואָס איז פֿאַרבונדן דערמיט, האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן פּאָליטישע אומרייפֿקייט און קרײַזלערײַ. און אין עצם שפּיגלט זיך אָפּ אין אָט דיביידע דערשײַנונגען — סיי אין „ברייטן" פֿאַרנעם פֿון די סאָציאַליסטישע נאַציאָנאַליסטן, סײַ אין דער שמאָלער אומטאָלעראַנץ פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דאָגמאַטיקער — די דעמאָלטיקע שוואַכקייט פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג און די פֿאַרהעלטנישמעסיקע קראַפֿט פֿון די נישט־פּראָלעטאַרישע אידעיִשע איינפֿלוסן. דער אונטערשייד צווישן די דאָזיקע צוויי טיפּן באַשטייט דערין, וואָס דער ערשטער האָט קאַפּיטולירט פֿאַר די בורזשואַזע שטימונגען און דער צווייטער האָט זיך אָפּגעגרענעצט פֿון זיי מיט אַזאַ שאַרפֿער ליידנשאַפֿט, אַז ער האָט צוזאַמען מיטן בורזשואַזן מיסט איבערגעלאָזט אויף יענער זייט גרענעץ אַ סך פֿון דעם ווערטפֿולן און נויטווענדיקן; און אַנשטאָט דעם צעשוווּמענעם נאַציאָנאַליזם האָט ער באַקומען בירושה אויך אַזעלכע באַדנלאָזע קאָסמאָפּאָליטישע שטימונגען.

„איך ווייס נאָר פֿון צוויי נאַציעס — די נאַציע פֿון עקספּלואַטאַטאָרן און די נאַציע פֿון עקספּלואַטירטע" — אָט דער קלאַסישער שפּרוך פֿון אייזעם פֿון די פּערסאָנאַזשן פֿון דער רוסישער בעלעטריסטיק מאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ שאַרזש, אָבער אין באַצוג צו דער גאָר נישט לאַנגער פֿאַרגאַנגענהייט איז דאָס ווײַט נישט קיין שאַרזש. דאָס איז אַ גענוג פּינקטלעכע פֿאָרמולירונג פֿון די שטימונגען בײַ די אומרייפֿע עלעמענטן צווישן די מאַרקסיסטן. מענטשן האָבן מורא געהאַט — און אין דער הינזיכט זענען זיי געווען גערעכט — איבערצונעמען אַ בורזשואַזע שטעלונג אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. אָבער אָפּוואַרפֿנדיק אַ פֿאַלשע קאָנצעפּציע פֿון דער פֿראַגע, האָבן זיי, אין זייער גרויסער התמדה, אָפּגעוואָרפֿן די פֿראַגע גופֿא און אויף איר אָרט האָבן זיי געלאָזן אַ ליידיקן פּלאַץ. צוזאַמען מיטן וואַסער האָבן זיי פֿון דער וואַנע אַרויסגעפּלוסקעט אויך דאָס קינד.

דאָס איז די קינדערקראַנקייט פֿון פֿיל סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּעס. אין אַ בולט אויסגעשפּראָכענער פֿאָרם איז שווער זי צו באַגעגענען אין איצטיקן מאָמענט, אָבער די אָפּקלאַנגען אירע לאָזן זיך הערן נאָך איצט.

מיטן דאָזיקן טיפּ — מיר וואָלטן זאָגן אַנטי־נאַציאָנאַלן — גרענעצט זיך נאָך אַ טיפּ — אַן אַנאַציאָנאַלער. ער שפּיגלט אויך אָפּ אין זיך דעם אומרייפן צושטאַנד פון דער פּאַרטיי. דער דאָזיקער טיפּ איז אָבער, נישט ווי דער פריערדיקער, אַן איבערצײַגטער קעגנער פון דער נאַציאָנאַלער אידעע; ער איגנאָרירט זי פּשוט, אומבאַוווּסט. די נאַציאָנאַלע פראַגע שטייט נאָך נישט אונטער דעם קוקווינקל פון דער יונגער אַרבעטער־פּאַרטיי. די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע טרעט אַרויס אויף דער אַרענע פון פּאָליטישן לעבן, מוז פון דאָס נײַ זיך שאַפן דעם גאַנצן פּאָליטישן אַרסענאַל, פון דאָס נײַ איבערשאַצן אַלע טראַדיציאָנעלע פּאָליטישע ווערטן. און אויף וויפל מיר האָבן צו טאָן מיט אַ גרופּע, וואָס אַנטשטייט ניט אין אַ געמישטער סביבה פון קליינבירגערלעכן ראַדיקאַליזם און דעקלאַסירטער אינטעליגענץ, און ווערט אויסגעפורעמט גלייך אַלס אַן אַרבעטער־גרופּע, שאַרף אָפּגעגרענעצט פון דער איבעריקער פּאָליטישער וועלט, — אויף אַזוי פיל איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז דער געדאַנק פון די פּיאָנערן איז פריער פאַר אַלץ געווענדט צו די פראַגן פון ריין סאָציאַלן כאַראַקטער, צו דער טעאָריע און פּראַקטיק פון קלאַסנקאַמף אין ענגסטן זינען פון דאָזיקן וואָרט. ווייל דאָ, אין די דאָזיקע פראַגן, קומט זיי אויס צו זוכן יענעם רוקנביין, אַרום וועלכן עס ווערט סוף כל סוף אויסגעבויט די גאַנצע באַוועגונג. דעריבער קומט אויס, אַז גלייך נאָך די אַלגעמיין סאָציאַלע פּראָבלעמען רוקן זיך ווידער אַמאָל אַרויס אַלגעמיין מלוכישע, אין וועלכע עס ווייזט זיך ווידער אַמאָל אַרויס שאַרף און דײַטלעך דער קלאַסן־מאָמענט.

חוץ דעם איז דערמיט פאַרבונדן אויך אַ געוויסע סקעפּטישע, אַפילו גרינגשאַצנדיקע באַציִונג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ס׳קומט אויס ווי אין איר לייזונג וואָלט געווען פאַראינטערעסירט בלויז די בורזשואַזיע, אַז דער אַרבעטער, דאָס דאָזיקע שטיפקינד פון דער הײַנטיקער מלוכה און פון דער היינטיקער ציוויליזאַציע וועט סיי ווי נישט קאָנען זיך באַנוצן מיט די פרוכטן פון נאַציאָנאַלן זיג. ער איז איצט באַוואָלט און וועט בלייבן באַוואָלט אויך אין דער צוקונפט; צו וואָס־זשע זאָל ער זיך אַרײַנמישן אין דעם דאָזיקן פרעמדן פאַר אים סיכסוך צווישן די פאַרמעגלעכע?... די דאָזיקע שטימונג פון נאַציאָנאַלן אַבסענטעיִזם פאַלט געוויס אָפּ ווען די פּאַרטיי ווערט רייף און וואַקסט זיך פונאַנדער, אָבער דאָך האַלט זי זיך אָפּט מאָל מיט גרויס עקשנות.

אָט די אַלע דרײַ טיפּן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, שטעלן מיט זיך אין קיין פאַל נישט פאַר פאַרגליווערטע סכעמעס. דאָס זענען גיכער באַזונדערע מאָמענטן אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. און עס איז פאַראַן אויך אַ פערטער טיפּ, צו וועלכן עס נייגן זיך אָביעקטיוו אַלע איבעריקע — אויף וויפל זיי פאַרמאָגן אַ געזונטן קערן, פון וועלכן עס איז פעיִק זיך צו אַנטוויקלען אַן אויסגעהאַלטענע און ברייטע סאָציאַליס־

טישע פּאַרטיי. אַמאָל פּאַסן זיי זיך אַרײַן אין די ראַמען פֿון דאָזיקן טיפּ, אַמאָל ווײַזן זיי אַרויס נאָר אַ באַשטימטע עוואָלוציע אין זײַן ריכטונג, אַמאָל גיסן זיי זיך אינגאַנצן צונויף מיט אים.

אָט דער דאָזיקער פֿערטער טיפּ בינדט צונויף האַרמאָניש דעם קאַמף פֿאַר דער נאַציאָנאַלער באַפֿרייונג מיטן העכסטן קריטעריום פֿון פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף. דער דאָזיקער טיפּ — מיר וועלן נאָך שפּעטער זיך באַגעגענען סיי מיט אים, סיי מיט די אַנדערע — כאַראַקטעריזירט אַ רײפֿן צושטאַנד פֿון אַן אַרבעטער־פּאַרטיי, פֿון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. און אויף וויפֿל אין זײַן ריכטונג עוואָלוציאָנירן אַנדערע פּאַרטייען, וועלכע שטייען אויסער דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווערט די דאָזיקע עוואָלוציע זייערע אין אַ באַשטימטער — נאַציאָנאַלער — פֿראַגע אומפֿאַרמײַדלעך פֿאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער עוואָלוציע; אין דער ריכטונג צו אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאָליטיק און צו דער מאַרקסיסטישער וועלט־אַנשויונג.

וואָס זענען דאָס פֿאַר אַ קרעפֿטן, וואָס אונטער זייער אײַנפֿלוס ענדערט זיך די פּאָזיציע פֿון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע?

אָן ספֿק שפּילט דאָ נישט קיין קלײנע ראָלע די קעגנזייטיקע ווירקונג פֿון די פּאַרטייען. אויך די בורזשואַזע פּאַרטייען איבן אויס אָן צווייפֿל אַ קענטיקע ווירקונג אויף די אַרבעטער. באַזונדערס אין יענעם פּראָצעס, וואָס פֿירט פֿון די אַנטי־נאַציאָנאַלע צו נאַציאָנאַלע שטימונגען. און דאָס איז גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, ווײַל אויב ביי אַן אַרבעטער־פּאַרטיי אַנטשטייט דער אינטערעס צו סאָציאַלע פֿראַגן פֿריער און איז גרעסער ווי בנוגע אַלע אַנדערע, רוקט זיך אַרויס ביי דער בורזשואַזיע (פֿון אַן אונטערדריקטער נאַציע) די נאַציאָנאַלע פֿראַגע אַ סך פֿריִער, — דאָס איז דער גאָר־גאָר באַקוועמער פֿאַר איר דעקמאַנטל, אין וועלכן זי וויקלט איין אירע קלאַסן־אינטערעסן. בײַם אַוועקשטעלן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע יאָגט די בורזשואַזיע אַריבער די אַרבעטער (געוויס נאָר לויט דער צייט, אָבער נישט לויט דער ראַיעלער לייזונג). און איין מאָל אַוועקגעשטעלט די פֿראַגע, וואַרפֿט זי לאָזונגען אין די מאַסן, צווינגט אירע קעגנער צו באַציִען זיך צו זיי קריטיש און איבערצושאַצן פֿון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט יענע אידעיִשע ווערטן פֿון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, וועלכן זי האָט געלאָזן אין גאַנג.

אויב מיר האָבן דערמאָנט וועגן דער דאָזיקער קעגנזײַטיקער ווירקונג, זענען מיר אָבער זייער ווײַט צו זען אין איר די עיקרדיקע טרײַב־קראַפֿט. פּונקט פֿאַרקערט: דעם גרונט־פֿאַקטאָר דאַרף מען זען נישט אין דרויסן, נאָר אין דער אַרבעטער־באַוועגונג גופֿא. מיר האָבן אויבן שוין אָנגעוויזן, אַז בײַ מאַנכע פּאַרטייען ליגט די סיבה פֿון זייערע אידעיִשע אָפּבייגן אין דער פֿאַרהעלטנישמעסיקער שוואַכקייט פֿון אַרבעטער־עלעמענטן

אין פֿאַרגלײַך מיט נישט־אַרבעטער; בײַ אַנדערע פּאַרטייען שפּילן די זעלבע ראָלע די קרײַזלערײַ, אָפּגעשלאָסנקייט און וואָס דערמיט איז נאַטירלעך פֿאַרבונדן — סעקטאַנטישקייט; און ענדלעך, דריטנס, די קאַרגקייט און שמאָלקייט פֿון דער באַוועגונג, וואָס פֿאַרשמעלערט די פּערספּעקטיוו, פֿאַרווישט די ברייטע פֿראַגן. אין די דאָזיקע אַלע פֿאַלן איז פֿאַראַן עפּעס געמיינזאַמעס — דאָס איז די שוואַכקייט און ניט אַנטוויקלטקייט פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג. און די איינציקע רפֿואה, וואָס דאָס לעבן שטעלט אַרויס קעגן אָט די אַלע קרענק — דאָס איז דער וווּקס פֿון דער מאַסן־באַוועגונג. נעמענדיק אָנטייל אין פּאָליטישן קאַמף און אין דער קולטור־אַרבעט, טרעט אַרויס ווילנדיק נישט ווילנדיק דער פּראָלעטאַריאַט פֿון געגעבענעם פֿאָלק נישט בלויז ווי אַ גליד פֿון אַ באַשטימטן קלאַס נאָר אויך ווי אַ גליד פֿון אַ באַשטימטער נאַציע; ווילנדיק נישט ווילנדיק לייגט ער אַרויף אויף זײַן פּאַרטיי אַ נאַציאָנאַלן שטעמפּל, ווילנדיק נישט ווילנדיק ווערט ער אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר אין נאַציאָנאַלן לעבן. און דורכמאַכנדיק דאָס אָביעקטיוו, קאָן ער נישט סוף כּל סוף נישט קומען צו דעם באַוווּסטזיניק און זיך נישט שטעלן סוביעקטיוו נאַציאָנאַלע אויפֿגאַבעס. אין דער מאָס ווי ער ווערט אויפֿגעוואַקסט צו אַ באַוווּסטזיניק לעבן, וואַקסט דער סכום פֿון זײַנע פֿאָדערונגען, וואָס נעמען אַרום אַלע זײַטן פֿון לעבן — דאָס הייסט שוין אויך דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם. פֿון דער צווייטער זייט, וואָס מער עס וואַקסן דער פֿאַרנעם, דער אײַנפֿלוס, די קראַפֿט פֿון דער פּאַרטיי, אַלץ מער ווערט פֿאַר איר אוממעגלעך אויסצומײַדן אַן ענטפֿער אויף וועלכע נישט איז פֿראַגן וואָס דאָס לעבן רוקט אַרויס אין דער באַשטימטער געזעלשאַפֿטלעכער סביבה. און די נאַציאָנאַלע פֿראַגע, אַזאַ פּײַנלעכע און ברענענדיקע, פֿאַרטראָגט ווייניקער ווי אַלע אַנדערע דאָס אַרויסדרייען זיך פֿון אַן ענטפֿער; דאָס אויסמיידן ברענענדיקע פֿראַגן גייט קיינמאָל נישט פֿאַרביי אומבאַשטראָפֿט. די לאַגע פֿאַרפֿליכטעט; און יענער לוקסוס פֿון גלייכגילטיקייט, וואָס עס קאָן זיך דערלויבן אַ קרייזל פּראָפּאַגאַנדיסטן, איז אוממעגלעך פֿאַר אַ מאַסן־פּאַרטיי פֿון אַרבעטער, — אַ פּאַרטיי פֿון פּאָליטישער טאַט.

און אויב דער וווּקס פֿון אַ פּאַרטיי היילט אויס אויף אַזאַ אופֿן די קרענק פֿון נאַציאָנאַלן דיפֿערענטיזם, ווייזט ער זיך אויך אַרויס אַלס אַ היילבאַר מיטל פֿון דער קעגנזעצלעכער קראַנקייט — צו דער נאַציאָנאַליסטישער היפּערטראָפֿיע. ער דעזינפֿעקצירט, ער פֿאַרטרייבט דעם היפּנאָז פֿון דער נאַציאָנאַליסטישער פֿראַזע. ער צווינגט אונטערצואָרדענען דאָס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם דעם קלאַסן־קריטעריום.

דער קלאַסן־אינסטינקט רייניקט אויס און ניכטערט אויס די פּאַרטיי. און ער טרײַבט זי טאַקע אַהין, וווּהין עס פֿירט דער שטרענגער, קאַלטער טעאָרעטישער געדאַנק.

2

אויב דאָס אַוועקשטעלן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע ווערט אַרויסגעדרונגען הויפּטזעכלעך פֿון די אינערלעכע געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרהעלטענישן אין דער געגעבענער נאַציע, פֿון כאַראַקטער פֿון דער געגעבענער פּאַרטיי, פֿון איר באַציִונג צו דער אַרבעטער־מאַסע און צו אַנדערע פּאַרטייען, ווערט די לייזונג גופא פֿון פּראָבלעם באַשטימט, אויב נישט אינגאַנצן, דאָך אין זייער אַ באַדײַטיקער מאָס דורך יענער אויסערלעכער לאַגע, וועלכע די געגעבענע נאַציע פֿאַרנעמט אין דער מלוכה. געוויס באַטייט דאָס נישט, אַז אין די רייען פֿון איין און דער זעלבער נאַציע עקסיסטירט נישט אַ גאַנצע ריי באַזונדערע נאַציאָנאַלע פּראָגראַמען, וואָס אונטערשיידן זיך שאַרף איינער פֿון דער אַנדערער. אָבער די אויסערלעכע לאַגע לייגט אויף זיי אַרויף אַ זייער כאַראַקטעריסטישן שטעמפּל.

אין דער פֿאַרשידנפֿאַרביקער קאָלעקציע פֿון די נאַציאָנאַלע פּראָגראַמען קאָן מען אָנמערקן אַ גאַנצע גאַמע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע פּאָסטולאַטן. פֿולשטענדיקע מלוכהשע אומאָפּהענגיקייט, פֿעדעראַציע, טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע, און לסוף עקסטעריטאָריאַל־פּערסאָנאַלע, נישט רעכענענדיק באַזונדערע אויסבעסערונגען און פּונקטן פֿון אַ קאָמפּראָמיס־כאַראַקטער.

אַגב ווערט דער פּאָסטולאַט פֿון מלוכישער אומאָפּהענגיקייט אין איצטיקן מאָמענט פֿון קיינעם נישט אַרויסגערוקט (חוץ פֿון דער אַזוי גערופֿענער „רעוואָלוציאָנערער פֿראַקציע“ פֿון פּ. פּ. ס.). די איבעריקע פּראָגראַמען קאָנען מיר איינטיילן, לויט אַ ביסל אַ פֿאַראיינפֿאַכטער סכעמע, אין צוויי הויפּט־טיפּן: טעריטאָריאַלן און עקסטעריטאָריאַלן.

די טעריטאָריאַלע לייזונג פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע — דאָס איז אַן אַלטע און טיף אײַנגעוואָרצלטע טראַדיציע. דאָס איז אַ ירושה פֿון יענע צײַטן, ווען דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם איז באַהאַנדלט געוואָרן אויסשליסלעך פֿון די בורזשואַזע און, אויב גיין נאָך ווײַטער, פֿעאָדאַלע עלעמענטן. דאָ איז נישט דאָס אָרט צו אַנאַליזירן זי אין אַלע פּרטים.

דער עצם אירער באַשטייט דערין, וואָס די פֿראַגע וועגן נאַציאָנאַליטעט דעקט זיך מיט דער פֿראַגע וועגן טעריטאָריע. אויפֿן אָרט פֿון אַ לעבעדיקן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם ווערט אַוועקגעשטעלט אַ געאָגראַפֿישער איינס. אויפֿן אָרט פֿון פּאָליאַקן — פּוילן, פֿון ליטווינער — ליטע, פֿון אוקראַאינער — אוקראַאינע אאַז״וו. ס׳ווערט איגנאָרירט יענער אומשטאַנד, וואָס די דאָזיקע צוויי זאַכן (די סומע מיטגלידער פֿון דער געגעבענער נאַציע און די באַפֿעלקערונג פֿון דער געגעבענער טעריטאָריע) פֿאַלן זיך בשום אופֿן נישט צונויף, אָפֿט מאָל גייען זיי זיך שאַרף פֿונאַנדער; וואָס נישט ווייניקער ווי אַ מיליאָן פּאָליאַקן וווינט אויסער די גרענעצן פֿון געאָגראַפֿישן פּוילן, וואָס אויפֿן שטח פֿון ליטע וווינען צוגלייך מיט די ליטווינער מיליאָנען ווייסרוסן, ייִדן אאַז״וו.

מען פֿאַרגעסט, אָדער מען ווייסט גאָרנישט, אַז דער פּראָצעס פֿון עטנאָגראַפֿישן אויסמיש גייט אַלץ שנעלער און שטאַרקער, פּאַראַלעל דערמיט, ווי עס וואַקסט אויס און עס פֿאַרשטאַרקט זיך די קאַפּיטאַליסטישע מאָ־ביליזאַציע פֿון דער באַפֿעלקערונג בכלל; און אַז אַן איינהייטלעכער צוזאַמענ־שטעל פֿון דער באַפֿעלקערונג אויף דער אָדער יענער טעריטאָריע הייבט אָן אַלץ מער צו ווערן אַ יוצא מן הכלל.

מיר וועלן נאָך שפּעטער זיך אומקערן צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון טעריטאָריאַלן און עקסטעריטאָריאַלן פּרינציפּ. עס איז גאַנץ נאַטיר־לעך, אַז דער טעריטאָריאַליזם האַלט זיך אויף אַזוי פֿיל שטאַרקער אויף וויפֿל עס האָט זיך אין אַ גרעסערער מאָס אײַנגעהאַלטן די געאָגראַפֿישע קאָנצענטראַציע פֿון דער געגעבענער נאַציאָנאַליטעט. און פֿאַרקערט, וואָס מער די געגעבענע נאַציע פֿאַלט אַרונטער אונטער דער מאָביליזירנדיקער ווירקונג פֿון קאַפּיטאַליזם, אַלץ שטאַרקער ווערט אונטערגעגראָבן באַ איר די טעריטאָריאַליסטישע טראַדיציע, אַלץ גינסטיקער איז דער באָדן פֿאַר אויפֿנעמען אַ נייע אידעע. די פּוילישע נאַציע, למשל, איז שטאַרק קאָנ־סאָלידירט אין זינען פֿון געאָגראַפֿישער פֿאַרשפּרייטונג; די מערהייט — און זייער אַ גרויסע מערהייט — פֿון דער נאַציע וווינט „בײַ זיך אין דער היים"; דאָ אויף דער „אייגענער" טעריטאָריע בילדן די פּאָליאַקן ווידעראַמאָל די מערהייט פֿון דער באַפֿעלקערונג, שפּילן די ראָלע פֿון אַ הערשנדיקער נאַציע; אין די ברייטע קרײַזן פֿון דער געזעלשאַפֿט לעבן נאָך די זכרונות וועגן מלוכישער זעלבשטענדיקייט — און מלוכישע זעלבשטענדיקייט איז דאָך שוין געוויס פֿאַרבונדן מיט „ערד". ס'איז נאַטירלעך, אַז די אידעע פֿון טעריטאָריאַליזם האַלט זיך דאָ מיט געוואַלטיקער עקשנות.

נעמען מיר ווייטער די ליטווינער. דאָ באַגעגנט זיך שוין אַ געוויסע, אמת, דערווײַל נאָך אַ זייער ווייניק פֿילבאַרע — וואַקלדיקייט. און דאָס איז נישט שווער צו פֿאַרשטיין, אויב מיר וועלן נעמען אין אַכט די ממש אויגנרײַסנדיקע פֿאַרשיידנפֿאַרביקייט פֿון דער דאָרטיקער עטנאָגראַפֿישער סביבה, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער הײַנטיקער ליטע. אַגב, אין פֿאַרגלײַך מיט דער איבערצײַגנדיקער לאָגיק, מיט וועלכער די אָביעקטיווע לאַגע אין ליטע צווינגט אַרויף אַן עקסטעריטאָריאַלע ליזונג פֿון דער טעריטאָריאַלער פֿראַגע, זענען די אומדרייסטע קעגן־פּשטלעך, וועלכע מען קאָן — ביי אַ געוויסער מי — געפֿינען אין דער ליטעראַטור פֿון די ליטווישע סאָציאַליסטן, מער ווי שוואַך. מיר וועלן זיך שפּעטער מיט זיי באַקענען.

אין נאָך אַ ווייניקער גינסטיקער פּאָזיציע — פֿון טעריטאָריאַליסטישן שטאַנדפּונקט — געפֿינען זיך די אַרמענער; ווײַל זיי בילדן אין גאָר אַ באַ־דײַטיקער מאָס אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט אין די געביטן וווּ זיי וווינען. ס'איז נישט קיין וווּנדער וואָס דער עקסטעריטאָריאַלער פּרינציפּ לייגט דאָ אַרויף אַ בולטן שטעמפּל אויף זייערע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע פֿאָדערונגען.

ענדלעך, איז פאַראַן אַ נאַציע, וואָס איז לויט איר עצם ספּעציעל צוגעפּאַסט אויף איבערצונעמען די אידעע פון עקסטעריטאָריאַליזם. און דאָס פּשוט דערפאַר, ווײַל זי פאַרמאָגט בכלל נישט קיין אייגענע טעריטאָריע. איך מיין דאָ, פאַרשטייט זיך, די ייִדן. ביי זיי איז די דאָזיקע אידעע צום מערסטן פאַרשפּרייט און ליגט אין יסוד פון די נאַציאָנאַלע פּראָגראַמען כמעט ביי אַלע פּאַרטייען. די ערשטע עקסטעריטאָריאַלע פּראָגראַם אין רוסלאַנד האָט אַרויסגעשטעלט די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — דער „בונד".

נאָך די אַלע אַלגעמיינע באַמערקונגען וועלן מיר צוטרעטן צו באַטראַכטן — פון דעם שטאַנדפּונקט וואָס אונז אינטערעסירט — די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן פון רוסלאַנד. מיר וועלן נישט קאָנען אַרומריידן אַלע נאַציאָנאַליטעטן, מיר וועלן זיך באַגרענעצן אויף פינף, די מער אינטערעסאַנטע אין דער הינזיכט — די פּוילישע, ליטווישע, יידישע, אוקראַינישע און אַרמענישע.

*

אויסערסט כאַראַקטעריסטיש איז די געשיכטע פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

דער באַגינען־פּעריאָד פון אָרגאַניזירטע אַרויסטרעטונגען איז פאַרבונדן מיטן נאָמען פון דער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט" — די ערשטע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אין פּוילן, וועלכע האָט אַנטוויקלט איר טעטיקייט אין דער ערשטער העלפט פון די 80ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. די דאָזיקע באַוועגונג באַציט זיך צום מאָדערנעם פּוילישן סאָציאַליזם ווי עס באַציען זיך צו דער מאָדערנער רוסישער באַוועגונג די פאָלקיסטישע (נאַראָדניטשעסטוואָ) און פאָלקספרייהייטלעכע (נאַראָדאָוואָלטשעסטוואָ) ריכטונגען פון די 70ער און 80ער יאָרן. אַגב איז דער „פּראָלעטאַריאַט" געווען פאַרבונדן מיט זיי אידעיש, און מיט דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" אויך אָרגאַניזאַציאָנעל. דאָס איז געווען דער ערשטער שטראַל פון סאָציאַליסטישן געדאַנק, וואָס איז געווען באַרוישט מיט די פּערספּעקטיוון פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס האָבן זיך פאַר אים געעפנט און וואָס האָט פון זײַן קוקווינקל באַזייטיקט אַלע יענע פּאָליטישע אויפגאַבעס, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם אַזוי גערופענעם פּראָגראַם־מינימום פון די היינטיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. צוזאַמען מיט זיי ווערט אויך פאַרווישט די נאַציאָנאַלע פּראַגע, און דאָס האָט געפונען אַ בולטן אויסדרוק אין די ווערטער וואָס לודוויק וואַרינסקי האָט געזאָגט אין יאָר 1881: „נישט פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט איז נייטיק פאַר אונזער אַרבעטס־פאָלק; עס דאַרף האָבן פּראָדוציר־געצײַג, עס דאַרף האָבן אַ געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט".

אין דער גלײַכגילטיקער באַציִונג פון „פּראָלעטאַריאַט" צו דער נאַציאָנאַלער פּראַגע, ווײַזט זיך אַרויס לעבן דער אומרייפקייט פון דער פּאַרטיי גופא און דער פּרימיטיווקייט פון דער באַוועגונג, פריער פאַר אַלץ יענע

רעאַקציע בנוגע דעם פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם, וועלכער האָט אַרומגענומען די פּוילישע געזעלשאַפט נאָך דער קאַטאַסטראָפע פון יאָר 1863.

נאָכן דורכפאַל פון דער אויפשטאַנד־אידעע איז די פּוילישע געזעלשאַפט אַריינגעטראָטן אין אַ פּעריאָד פון לאַנגער און שווערער ריקצוג־שטימונג. אמת, די געזעלשאַפטלעכע ענערגיע איז נישט געווען געבראָכן, אָבער זי האָט זיך געווענדט אין אַן אַנדער ריכטונג, ווײַט פון פּאָליטיק, ווײַט פון נאַציאָנאַלן קאַמף. — אויפן געביט פוןווירטשאַפטלעכער שאַפונג און קולטור־טעטיקייט. עס האָט זיך געדוכט, אַז די אידעע פון נאַציאָנאַלער באַפרייונג איז געווען אויסגעברענט מיטן וואָרצל. ס'איז דעריבער נישט קיין ווונדער וואָס די נאַציאָנאַלע אַפּאַטיע האָט זיך אַרויסגעוויזן אויך אינעם אידעישן פּנים פון דער יונגער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

ערשט שפּעטער, אָנהייב 90ער יאָרן, איז דער נאַציאָנאַלער פראַגע באַשערט געווען צו פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט אין דער טעאָריע און פּראַקטיק פון פּוילישן סאָציאַליזם. סוף 80ער און אָנהייב 90ער יאָרן לעבט צוריק אויף די נאַציאָנאַלע באַוועגונג, הויפּטזעכלעך בײַ דער אינטעליגענץ און דאָס אין אַ מער אינטענסיווער פאָרעם, וואָס מער אינטענסיוו עס איז צו יענער צייט אָנגעגאַנגען די רוסיפיצירונגס־פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונגס־מאַכט. דער באַראָמעטער פון דער נאַציאָנאַלער סענסיוויטעט הייבט ווידער אָן צו שטײַגן: די אַטמאָספער ווערט אָנגעזאָפּט מיט נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען.

דאָ קומט צו נאָך אַן אומשטאַנד. אָנהייב 80ער יאָרן האָט דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף אין עכט־רוסלאַנד זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון היכער אָנגעשטרענגטקייט און שאַרפקייט; די באַוועגונג אין פּוילן איז געווען אַן אַ פאַרגלײַך שוואַכער, און פאַרשטענדלעך, אַז די האָפענונגען פון די פּוילישע רעוואָלוציאָנערן זענען געווען אומצערייסבאַר פאַרבונדן מיט די דערפאָלגן פון דער רוסישער באַוועגונג און מיטן גורל פון דער רוסישער מלוכה אינגאַנצן. צום אָנהייב 90ער יאָרן האָט זיך די לאַגע ראַדיקאַל געענדערט. אין דער פּוילישער באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפשטײַג — מאַסן־אומרוען פון אַרבעטער, שטרײַקן, אימפּאָזאַנטע 1טע מאַי פײַערונגען אאַז"וו, — אין רוסלאַנד אָבער איז געווען פאַרקערט — ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ צײַט פון טיפן שטילשטאַנד. די האָפענונגען אויפן זיג פון די רוסישע סאָציאַליסטן זענען דורכגעפאַלן און צוזאַמען דערמיט זענען פאַרשוונדן די דערוואַרטונגען אויף אַן אַלגעמיינער מלוכה־איבערקערעניש. אַנשטאָט אַ קוואַל פון האָפענונגען איז די פאַרבינדונג מיט רוסלאַנד געוואָרן אַ טאָרמאָז. ס'האָט זיך געדוכט, אַז דאָס כמורנע לאַנד דריקט אַראָפּ ווי אַ שווערע מאַסע אַלץ נידעריקער און נידעריקער די יונגע פּוילישע באַוועגונג. אין רעזולטאַט — אַ שטרעבונג זיך אַרויסצורייסן און אַוועקגיין.

אַ שטרעבונג איבערצוריַיסן די קייט, וועלכע שמידט צו דאָס פּראָגרעסירנדיקע פּוילן צום אומבאַוועגלעכן ריַיטוואָגן פֿון דער רוסישער מלוכה.

אָט אין דעם באַדן — טיפֿער פּעסימיזם בנוגע דעם גורל פֿון רוס־לאַנד, טיפֿער אָפּטימיזם בנוגע די באַפֿרייונגס־פּערספּעקטיוון אין פּוילן — האָבן געלאָזן טיפֿע וואָרצלען די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען, און זיי האָבן נאַטירלעך זיך אויסגעגאָסן אין דער פֿאָרעם פֿון פּאָליטישן סעפּאַראַטיזם.

אין דער דאָזיקער אַטמאָספֿער און אונטער אַ קענטיקן איַינפֿלוס פֿון די אויפֿשטאַנד־טראַדיציעס, וואָס האָבן אויפֿגעוואַכט ביי דער אינטע־ליגענץ, איז אָנהייב 90ער יאָרן אַנטשטאַנען אַ ניַיע פּאָליטישע גרופּע, וועלכע האָט גאָר גיך, לויט איר איַינפֿלוס אויף די אַרבעטער, פֿאַרנומען דאָס ערשטע אָרט — די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, די אַזוי גערופֿענע פּ.פּ.ס.

די פּראָגראַם פֿון דער פּאַרטיי איז אויסגעאַרבעט געוואָרן האַרבסט 1892 אויפֿן פּאַריזער צוזאַמענפֿאָר פֿון די פֿאָרשטייער פֿון די באַזונדערע סאָציאַליסטישע גרופּעס, און דער צענטראַל־פּונקט פֿון פּראָגראַם איז גע־וואָרן די פֿאָדערונג פֿון אַן אומאָפּהענגיק פּוילן.

די נייע פּראָגראַם האָט לויט יענער צייט נישט געקאָנט נישט שאַפֿן אַ באַדן פֿאַר אַ געוויסער דערנענטערונג צווישן די סאָציאַליסטישע און פּאַטריאָטישע קרייזן; אָדער ריכטיקער געזאָגט — זי אַליין איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון אַזאַ דערנענטערונג. „ראַדיקאַל געשטימטע פּאַטריאָטן — שרייבט וועגן דעם איינער פֿון די פֿירער פֿון דער פּאַרטיי[1] — האָבן מיט אַ נישט באַהאַלטענער פֿרייד באַגריסט די ניַיע סאָציאַליסטישע פּראָגראַם, זעענדיק אין איר די גאַראַנטיע, אַז די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־מאַסן שליסן זיך אָן אין דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי... דער לינקער טייל פֿון דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, וועלכער באַשטייט פֿון מענטשן מיט געוויסע סאָציאַליסטישע סימפּאַטיעס, האָט הויך געגומען רעדן וועגן זייער סאָלידאַריטעט מיט פּ.פּ.ס.". אמת, דאָס האָט געדויערט, ווי דער מחבר זאָגט, נישט לאַנג. אָבער די פֿריינדשאַפֿט מיט די פּאַריאָטן האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ שפּור; יעדנפֿאַלס איז זי געווען אַ בולטער סימן פֿון אַ מער טיפֿער קרובהשאַפֿט. מיט אַ ברייטן שטראָם האָבן זיך אַריַינ־געגאָסן אין דער פּאַרטיי עלעמענטן, וועלכע האָבן געהאַט בלויז „געוויסע סאָציאַליסטישע סימפּאַטיעס". דאָס קאָנסטאַטירט שוין אין יאָר 1894 דער אָנגעזעענער טעאָרעטיקער פֿון דער פּאַרטיי, דער איצט פֿאַרשטאָרבענער לושניאַ.[2]

---

[1] ל. וואַשילעווסקי (פּלאָכאַצקי), דאָס מאָדערנע פּוילן, פּעטערבורג, 1906, ז' 155.

[2] רעדנדיק וועגן די עלעמענטן וואָס טראָגן אין דער פּוילישער ליטעראַטור דעם נאָמען „סאָציאַל־פּאַטריאָטן", באַמערקט ער: „אין דער טעטיקייט פֿון אונזערע חברים, אין די רייען פֿון אונזער פּאַרטיי, זענען אומבאַדינגט פֿאַראַן עלעמענטן, וועלכע פֿאַרדינען אָט דעם נאָמען. די דאָזיקע עלעמענטן באַשטימען אַ באַקאַנטע טאַקטיק, אָדער בעסער

דער דאָזיקער שטראָם האָט געטראָגן מיט זיך אַ היפּערטראָפיע פון נאַציאָנאַלן געפיל און צוזאַמען דערמיט ספּעציפישע טראַדיציעס פון אויפ־שטאַנד־ראָמאַנטיזם.

די אידעע פון אומאָפּהענגיקייט איז געווען אויך פאַרבונדן מיט דער אידעע פון אויפשטאַנד. ריכטיקער: נישט אויפשטאַנד, נאָר מלחמה: מלחמה צווישן פוילן און רוסלאַנד. גאַנץ מעגלעך, אַז נישט נאָר פון פוילן אַליין אָדער מיט רוסלאַנד אַליין. אַן אומאָפּהענגיקע פוילישע מלוכה האָט מען זיך פאָר־געשטעלט ווי אַ פאַראייניקונג פון אַלע דריי געביטן, אויף וועלכע עס איז געווען צעטיילט דאָס אַלטע פוילן — רוסישער טייל, דייטשישער און עסטרייכישער טייל. די פראַגע האָט זיך געווייגטלעך געשטעלט ווי אַ פּראָבלעם פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. דער געדאַנק האָט נאַטירלעך זיך גע־דרייט אַרום די פאַרשיידענע מעגלעכע קאָמבינאַציעס אויפן געביט פון צווישן מלוכישע באַציִונגען. סכסוכים צווישן מלוכות, אינערלעכע רעוואָ־לוציעס, מיליטערישע צוזאַמענשטויסן, דיפּלאָמאַטישער איינפלוס, — דאָס אַלץ האָט געגעבן גענוג מאַטעריאַל און מער ווי גענוג שטח פאַר די פאַנ־טאַסטישסטע קאָמבינאַציעס. נישט קיין קליינע ראָל האָבן געשפּילט אויך די פראַגן פון סטראַטעגיע — די טעכנישע און טאַקטישע צוגרייטונג פון דער צוקונפטיקער מלחמה. עס זענען ווייטער אַנטשטאַנען פראַגן פון מלוכישן אויפבוי — אין געאָגראַפישן זינען: די פראַגע וועגן די טעריטאָריאַלע גרענעצן פון צוקונפטיקן פוילן; צי זאָלן געהערן צו איר ליטע, ווייסרוסלאַנד, די באַלטישע געגנטן אאַז״וו.

ס'איז שוין אויבן אָנגעוויזן געוואָרן, אַז איינער פון די גרונט־פאַקטאָרן, וועלכער האָט סטימולירט דעם נאַציאָנאַליסטישן קורס אין פּוי־לישן סאָציאַליזם, איז געווען דער אומצוטרוי צו דער רוסישער באַפרייונגס־באַוועגונג. ביסלעכווייז ווערט דער דאָזיקער אומצוטרוי אַ מין זעלבסט־ציל. מען קולטיווירט אים באַוווסטזיניק, מען שטיצט אים און מען דערזוואָ־רעמט אים, כדי אונטערצוהאַלטן דעם קורס: „אַפילו אין קאָנסטיטוציאָנעלן רוסלאַנד — שרייבט אין יאָר 1897 דער „פּזשעדשוויט״, אויסלענדישער אָרגאַן פון פּ.פּ.ס. — וועלן דעם איבערגעוויכט האָבן די נישט־אַנטוויקלטע רעאַק־ציאָנערע עלעמענטן״. און דערפאַר דאַרף מען קיין שום האָפענונג נישט לייגן אויף דאָס צוקונפטיקע פרייע רוסלאַנד. די פּאָליאַקן רעכענען נאָר אויף זייערע אייגענע קרעפטן. און אויב עס קומט זיי אויס צו האָפן נאָר אויף זיך, פאַרשווינדט דאָן דער סטימול, וואָס מאַכט אונדז געניייגט זיך אָפּ־צוזאָגן פונם געדאַנק פון אַן אויפשטאַנד אין פוילן״.[3]

געזאָגט — אַ טייל פון דער טאַקטיק״. איך ציטיר לויטן בוך פון מאַזאָוועצקי, געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פוילן, ז' 135.

[3] דאָרטן, זז' 139־140.

עס איז אַוועק אַ ריי יאָרן, די לאַגע אין רוסלאַנד האָט זיך געענדערט, אָבער פּ. פּ. ס. האָט ווייטער זיך געהאַלטן ביי דאָס איריקע. „די רוסישע געשעענישן — שרייבט דער זעלבער „פּזשעדשוויט" — דאַרפֿן אונז נישט אַרויספירן פֿון גלייכגעוויכט, דאַרפֿן נישט שאַפֿן קיין שום האָפֿענונגען אויף אַ נאָענטער רוסישער רעוואָלוציע. לאָמיר זשע, ווי ביז איצט, גלייבן נאָר אין אונזערע אייגענע כוחות, לאָמיר אַרבעטן, נישט רעכענענדיק אויף „פֿרעמדער הילף".[4] אַזוי האָט מען געשריבן אין יאָר 1902!

שוין דאָס ערשטע יאָר נאָך דער גרינדונג פֿון פּ. פּ. ס. — אין 1893 איז אַרויסגעטראָטן פֿון איר אַ גרופּע אַרבעטער, וועלכע האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פֿון דער פּאַרטיי. די דאָזיקע גרופּע האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פֿון פּוילן" (פּ.ס.ד.) און אין יאָר 1894 איז פֿאָרגעקומען איר ערשטער צוזאַמענפֿאָר.

דער צוזאַמענפֿאָר האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן פּאָסטולאַט פֿון אַן אומאָפּהענגיק פּוילן. אָבער וואָס ס'איז געווען אין העכסטן גראַד כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער טעטיקייט פֿון דער דאָזיקער פּאַרטיי איז (ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין) דאָס אָנגעזעענע אָרט, וואָס עס האָט פֿאַרנומען אין איר אידעיִשער אַרבעט טאָקע אָט דער דאָזיקער פּאָסטולאַט, נאָר פֿון דער פֿאַרקערטער זייט: נישט פֿאַרטיידיקן נאָר אָנפֿאַלן אויף אים. אויף וויפֿל פּ. פּ. ס. האָט שטאַרק פֿון אים געהאַלטן, אויף אַזוי פֿיל האָט די פּ. ס. ד. אים באַקעמפֿט. דער געשטיגענער נאַציאָנאַלער פֿילבאַרקייט פֿון איין זייט איז אַקעגנגעשטעלט געוואָרן די אָפּגעטעמפּטקייט פֿון נאַציאָנאַלן געפֿיל פֿון דער צווייטער. סעפּאַראַטיזם ביי איינער — צענטראַליזם ביי דער צווייטער. ס'האָט זיך באַקומען אַ מין פּ.פּ.ס. אויף אַן איבערגעקערטער זייט, נאָר אַ מער שוואַכערע.

אָט ווי אַזוי עס אַרגומענטירט אין יאָר 1895 דער לידער פֿון דער פּאַרטיי מאַטשעי רוזשגאַ [ראָזאַ לוקסעמבורג. — רעד.] אין זיין בראָשור: „די אומאָפּהענגיקייט פֿון פּוילן און די אַרבעטער־זאַך": „אין אומאָפּהענגיקן פּוילן וועט נישט געענדערט ווערן נישט אונזער בויט, נישט אונזער שווערע אַרבעט, נישט די אַרבעטסלאָזיקייט, ווי דאָס איז נישט געענדערט געוואָרן אין אַנדערע אומאָפּהענגיקע מלוכות". „יעטוועדע פּאָליטישע אָרדענונג, יעטוועדע רעגירונג דינט די אינטערעסן פֿון דער בורזשואַזיע — זאָגט ווייטער דער מחבר. — עס הייסט, אַז עס איז נישטאָ קיין גרונד צו האָפֿן, אַז אין אַן אומאָפּהענגיק, אָבער קאַפּיטאַליסטיש פּוילן וועט זיין אַנדערש: מיר קאָנען דרייסט פֿאַרזיכערן, אַז יעטוועדע רעגירונג, אַן אייגענע צי אַ פֿרעמדע, אונטערדריקט און באַרויבט די אַרבעטער, און אין אַן אומאָפּהענגיק פּוילן וואָלט די רעגירונג געווען פּונקט אַזאַ ווי אין אַנדערע

[4] דאָרטן, ז' 269.

לענדער". „די פֿרײַהייט פֿון אַרבעטער הענגט לחלוטין נישט אָפּ (אונזער קורסיוו) דערפֿון — צי האָט ער צו טאָן מיט זײַן אייגענער רעגירונג אָדער מיט אַ פֿרעמדער". דער מחבר איז גרייט מסכּים צו זיין, אַז אין אַן אומאָפּ־הענגיק פּוילן „וואָלט קיינער נישט פֿאַרפֿאָלגט אונזער נאַציאָנאַליטעט, קיינער וואָלט אונז נישט אָנגעוואָרפֿן אַ פֿרעמדע שפּראַך. דאָך איז די דאָזיקע טרייסט נישט מער ווי אַ טראָפּן אין ים (אונזער קורסיוו) פֿון אונ־זערע ליידן".[5]

צוויי יאָר נאָך איר אַנטשטייונג איז די דאָזיקע גרופּע אינגאַנצן צע־בראָכן געוואָרן; זי האָט אויפֿגעלעבט ערשט אין יאָר 1900 אונטערן נאָמען „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פֿון פּוילן און ליטע", און ביז 1904 פֿאַרמאָגט זי אַ נישט־באַדייטיקן איינפֿלוס.

כּדי צו דערגאַנצן דאָס בילד וועלן מיר דערמאָנען נאָך אַ דריטע גרופּע, וועלכע איז אַרויסגעטראָטן אויף דער אַרענע אין 1900—1901 און האָט פֿאַר זיך אויסגעקליבן דעם אַלטן נאָמען „פּראָלעטאַריאַט". אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע האָט די דאָזיקע גרופּע פֿאַרנומען אַ מיטעלע שטעלונג. נישט אָפּזאָגנדיק זיך אין פּרינציפּ פֿון דער אידעע פֿון אַן אומאָפּהענגיק פּוילן, האָט זי אָבער נישט געשטעלט זי צווישן די אַקטועלע אויפֿגאַבעס, האַלטנדיק, אַז מען קאָן אין איצטיקן מאָמענט נישט פֿאַרויסזען די באַדינ־גונגען פֿאַר איר מעגלעכער פֿאַרווירקלעכונג. אויפֿן ערשטן פּלאַן האָט זי אַרויסגערוקט דעם קאַמף פֿאַר דער אַלרוסלענדער באַפֿרייונג. די דאָזיקע גרופּע איז געווען און געבליבן קוואַנטיטאַטיוו נישט קיין באַדײַ־טיקע און האָט נישט געבילדעט קיין רעאַלע קראַפֿט.

אָט אין אַזאַ לאַגע האָט געפֿונען דעם פּוילישן סאָציאַליזם די מלחמה (די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה פֿון 1904) און די רעוואָלוציע. נאַציאָנאַליסטי־שער סאָציאַליזם פֿון פּ. פּ. ס. און סעקטאַנטישע אומרייפֿקייט פֿון פּ. ס. ד. די אומפֿעיִקייט פֿון ביידע פּאַרטייען צונויפֿצופּאַסן דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם מיטן סאָציאַליסטישן אַני מאַמין — ביי פּ. ס. ד. קומט עס אַרויס צום שאָדן פֿון ערשטן, ביי דער פּ.פּ.ס. — צום שאָדן פֿון לעצטן.

די געשעענישן אין רוסלאַנד האָבן אַרױפּגערוקט ביידע פּאַרטייען פֿון יענע טויטע פּונקטן, אויף וועלכע זיי זענען ביידע געשטאַנען.

פֿאַר דער פּ. פּ. ס. איז געווען אַנטשיידנדיק דער אויפֿשטייג פֿון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דער פּסיכאָלאָגישער יסוד, אויף וועלכן עס איז אויסגעוואַקסן דער סעפּאַראַטיזם פֿון פּ.פּ.ס. איז געוואָרן אונטערגעגראָבן. ס'האָט זיך באַשאַפֿן אַ באָדן פֿאַר אַ נײַעם קורס. אויף דער פּ. ס. ד. האָט נישט געקאָנט נישט ווירקן דער ברייטער פֿאַרנעם פֿון דער באַוועגונג אין פּוילן גופֿא און דער פּראָצעס פֿון דעם אינערלעכן רייף

---

[5] דאַרטן, זז' 149־150.

ווערן פון דער פּאַרטיי: די פּאַרוואַנדלונג פון אַן אינטעליגענטישער גרופּע אין אַ פּאַרטיי פון אַרבעטער־מאַסן.

מיר ווילן זיך אָפּשטעלן פריער אויף דער פּ.פּ.ס. די עוואָלוציע וואָס זי האָט דורכגעמאַכט איז אויסערסט קלאָר און, ביי דער גאַנצער הדרגהדיקייט אירער, אין דער העכסטער מאָס דעצידירנדיק.

די ערשטע צייט איז די אַנטוויקלונג נאָך געגאַנגען אין די ראַמען און אונטער דער פאָן פון דער אַלטער פּראָגראַם. די פּראָגראַם גופא בלייבט נישט געריררט. אָבער עס קומט פאָר אַ געוויסע איבערשטעלונג פון די פּערספּעקטיוון. אויב פריער איז די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן געווען די ערשטע דירעקטע אויפגאַבע, — הייבט זי איצט אָן צו ווערן אָפּגעשטופּט אויף ווייטער. צווישן איר און דעם הייינטיקן מאָמענט ווערט אַריינגערוקט עפּעס נייעס. דאָס זעלבע וואָס פריער האָט מען אַזוי אַנטשיידן פאַרוואָרפן: דער קאַמף פאַר איבערבויען די גאַנצע רוסישע מלוכה.

עס זענען כאַראַקטעריסטיש די דעבאַטן אויפן צוזאַמענפאָר פון ראָט (ראַדאַ) ביים צ. ק. פון פּ. פּ. ס. אין יוני 1905. די דעבאַטן און די רעזאָ־לוציע פירן אונטער אַ ס״ה פון די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין די אַנשויונגען פון דער פּאַרטיי אין משך פון די צוויי יאָר אויפשטייג. די אַלטע בליקן אויף אַן אויפשטאַנד ווערן שוין כאַראַקטעריזירט ווי „רע־וואָלוציאָנערער ראָמאַנטיזם״.[0] קיינער גלייבט נישט, אַז די רעוואָלוציע וועט אָננעמען אַ פאָרעם פון אַ „קורצוויייליקן אויפרייס״, „די אידעע פון אַן אויפשטאַנד אין דער פאָרעם פון אַ רוסיש־פּוילישער מלחמה האָט נישט אין אונזערע רייען קיין איין פאַרטיידיקער״. דאָס רוב רעדנער האָבן אונטער־געשטראָכן אין זייערע רעדעס די נויטווענדיקייט אָפיציעל אָפּצוואַרפן אויף שטענדיק דעם שטאַנדפּונקט, אַז „דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט קאָן כלומרשט זעלבשטענדיק, אומאָפּהענגיק פונם גאַנג פונם רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין רוסלאַנד, אויסקעמפן פאַר זיך די נייטיקע פּאָליטישע רעכט און אַז כלומרשט אַן אַ פאַרניכטונג פון דער זעלבסטהערשאַפט קאָן מען דערגרייכן פּאָליטישע פרייהייט אין פּוילן״. „אונזער באַוועגונג קאָן פיל אויפטאָן זעלבשטענדיק, אָבער יעדנפאַלס אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון אַבסאָלוטיזם איז זי נישט בכוח. מיר קאָנען מסכים זיין דערמיט, אַז ביי באַזונדערס גינסטיקע באַדינ־גונגען וואָלט דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט געקאָנט אויסקעמפן אַן אומאָפּ־הענגיקע פּוילישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק, אָבער אין איצטיקן מאָמענט איז דאָס בלויז אַ טעאָרעטישע מעגלעכקייט אָבער נישט קיין פּראַקטישע. אַן אומאָפּהענגיקע רעפּובליק בלייבט אַ פּראָגראַם־פאָדערונג. אָבער נישט יעטוועדע פּראָגראַם־פאָדערונג קאָן זיין אַ טאָג־לייזונג. די נאָענטסטע

[0] באַריכט פון „פּשעדשוויט״ לויט וו. קאָסאָווסקי, פראַגן פון נאַציאָנאַליטעטן, ווילנע, 1907.

אויפֿגאַבע איז: גיין האַנט ביי האַנט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, כדי אָראָפּצוּוואַרפֿן דעם אַבסאָלוטיזם״.

אַלס אַ טאָג־לאָזונג — נאָך פֿאַר דעם דערמאָנטן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער ראַדע — ווערט אַ גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג אין וואַרשע. איר אויפֿגאַבע וועט זיין: „דערווייל״ איינפֿירן אויטאָנאָמיע. די באַציִונגען צו רוסלאַנד ווערן איינגעשטעלט דורך אַן אָפּמאַך, דורך אַ פֿרייען אויסגלייך צווישן די פּעטערבורגער און וואַרשעווער קאָנסטיטואַנטעס (גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונגען).

אויף אַזאַ אופֿן איז זומער 1905 די אידעע פֿון אַן אומאָפּהענגיק פּוילן דערגאַנגען הארט דערצו — צו ווערן פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּשוטן אָרנאַמענט פֿאַר דער פּאָליטישער פּראָגראַם.

מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייט אַרומצורעדן אַ ביסל גענויער אַלע וואַנדלונגען פֿון דעם דאָזיקן פּראָצעס. ס׳איז נייטיק אָנצווייזן דערויף, אַז פּאַראַלעל מיט דער ענדערונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין די רייען פֿון פּ.פּ.ס. אויפֿן באַדן פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, קומט פֿאָר אַן אַנדער פּראָצעס אויף אַן אַנדער געביט פֿון דער פּאָליטישער טעטיקייט פֿון דער פּאַרטיי.

מיר האָבן אין זינען די אַזוי גערופֿענע „פּאַרטיזאַנישע אַרויסטרעטונגען״, עקספּראָפּריאַציעס און אָנפֿאַלן אויף סאָלדאַטן, וועלכע זענען אין זייער צייט געווען ממש אַן עפּידעמיע אין פּוילן. די פֿאַרבינדונג צווישן אַזעלכע מינים פּאָליטישע טאַטן און דער ראָמאַנטישער „קאַמף״־פּסיכאָלאָגיע פֿון אַ „פּויליש־רוסישער״ מלחמה איז גענוג קלאָר. ס׳איז אויך קלאָר, אַז סיי די „קאַמף־טעטיקייט״, סיי די סאָציאַל־פּאַטריאָטישע פּראָפּאַגאַנדע האָבן געמוזט אין אַ גרעסערער מאָס צוציִען צו זיך יענע פּאַרטייישע עלעמענטן, וועלכע זענען מער ווי אַנדערע געווען אָפּגעריסן פֿון דער ברייטער אַרבעטער־מאַסע. סיי דער „נאַציאָנאַליזם״, סיי די „קאַמף״־שטימונגען ווייזן אַרויס אַלע סימנים פֿון דעגענעראַציע אינם אָפּשטאַרבנדיקן פּאַרטיי־פֿליגל. דער קאַמף צווישן דעם דאָזיקן און קעגנזעצלעכן פֿליגל, צווישן די „אַלטע״ און „יונגע״ איז אויף אַזאַ אופֿן געגאַנגען אייגנטיק סיי אויף דער ליניע פֿון ליקווידירן די אַלטע נאַציאָנאַליסטישע טראַדיציעס, סיי אויף דער ליניע פֿון אויסוואָרצלען דעם עקספּראָפּריאַטאָרישן און „פּאַרטיזאַנישן״ אַוואַנטוריזם.

סוף 1906 איז פֿאָרגעקומען די שפּאַלטונג. די „אַלטע״ זענען אַוועק פֿון דער פּאַרטיי און געבילדעט די „רעוואָלוציאָנערע פֿראַקציע״.

דאָס האָט באַדייט אַ געוואַלדיקער טריט פֿאָרויס אויפֿן וועג צום אָפּרייניקן די פּאַרטיי פֿון די רעשטלעך פֿון דער אַלטער אויפֿשטאַנד־אידעאָלאָגיע. די נייע לאַגע האָט פֿאַרפֿעסטיקט דער 10טער צוזאַמענפֿאָר פֿון פּ.פּ.ס. סוף זומער 1907. דער דאָזיקער צוזאַמענפֿאָר האָט אָנגעקינדיקט

אַ שאַרפֿן איבעררייס מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט פֿון דער פּאַרטיי. מיר רעדן שוין נישט וועגן די טאַקטישע רעזאָלוציעס, וועלכע זענען אויס ווי זיי וואָלטן געהאַט אַ ספּעציעלן ציל אַדורכצופֿירן אַ גרינטלעכע אויסרייניקונג פֿון דער פּאַרטיי פֿון אַלע רעשטלעך פֿון ראָמאַנטישן אַוואַנטוריזם. אינטערע־סאַנטער איז די פֿראַגע וועגן פּראָגראַם. אויב אין די פּאַרטיי־דעקלאַראַציעס פֿון 1905 האָט נאָך פֿיגורירט — הגם אויפֿן הינטערשטן פּלאַן, די אומאָפּהענ־גיקייט פֿון פּוילן אַלס אַ פּראָגראַם־פּאָסטולאַט, אויב אין פּראָגראַם־פּראָיעקט, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין 1906, רעדט זיך נאָך אַלץ וועגן „פֿאַר־אייניקן אַלע דריי טיילן פֿון פּוילן אין אַן אומאָפּהענגיקער דעמאָקראַטישער רעפּובליק״, איז שוין איצט גאָרנישט פֿאַראַן דערפֿון.

נאָך מער. די פֿאָדערונג פֿון אַ באַזונדערער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג אין וואַרשע, וואָס איז אַרויסגערוקט געוואָרן אַנשטאָט דעם פּאָסטולאַט פֿון אומ־אָפּהענגיקייט (אין דער פֿאָרעם פֿון אַ געוויסן שלאַבעריקן פּסעוודאָנים פֿון דער דאָזיקער אומאָפּהענגיקייט), און וועלכע איז גאָר נישט לאַנג געווען אונטערגעהאַלטן מיט דער גרעסטער דרינגלעכקייט, — די דאָזיקע פֿאָ־דערונג איז אויך שוין נישטאָ. דער פּראָגראַם־פּאָסטולאַט, וועלכער שעפּט איצט אויס די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פֿון פּ.פּ.ס., — דאָס איז אויטאָנאָמיע. נאַטירלעך ווערט אין דער פֿולסטער מאָס אונטערגעשטראָכן די געמיינזאַמקייט פֿון די אויפֿגאַבעס פֿון דער גאַנצער רוסלענדער באַפֿרייונגס־באַוועגונג. אָט וואָס פֿאַר אַן עוואָלוציע עס האָט אַדורכגעמאַכט די פּ.פּ.ס. מיר נעמען זיך נישט אונטער צו באַהויפּטן, אַז זי האָט זיך שוין אינגאַנצן געענדיקט. ס'וואָלט געווען שווער צו דערוואַרטן, אַז אין די אַדער יענע ליטעראַרישע דעקלאַראַציעס זאָלן זיך נישט באַגעגענען אָפּקלאַנגען פֿון די פֿריערדיקע בליקן. די עוואָלוציע גופֿא, וועלכע מיר האָבן דאָ געשילדערט, איז געווען פֿאַרבונדן מיט פֿיל פּיינלעכע דערשיטערונגען, מיט אַ שפּאַלטונג, עס הייסט מיט אַ געוויסער אָפּשוואַכונג פֿון דער ווירקונג, אָבער זי ווײַזט יעדנפֿאַלס אויף דער וויטאַליטעט פֿון דער פּאַרטיי, וועלכע איז געווען בכוח דאָס אַדורכצומאַכן.

אין אַ קעגנזעצלעכער ריכטונג האָט עוואָלוציאָנירט די פּ. ס. ד., אָבער אין ווייניקער אויסדריקלעכע פֿאָרמען; שוין צוליב דעם אַליין, וואָס די דאָזיקע פּאַרטיי האָט נישט פֿאַרמאָגט נישט יענעם רײַכן באַגאַזש פֿון ספּעצ־ציפֿישע טראַדיציעס, נישט יענע ספּעציעלע פּראָגראַם, וועלכע איז גע־ווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער פּ.פּ.ס. איר עוואָלוציע האָט זיך געמוזט אויסדריקן נישט אַזוי אין אַ פֿאָרמעלער ענדערונג פֿון פּראָגראַם, ווי אין אַ געוויסער ניואַנסירונג פֿון דער שטימונג.

און ווירקלעך, שוין פֿון די פֿריערדיקע צײַטן באַגעגנט מען אין דער ליטעראַטור פֿון דער פּ. ס. ד. די פֿאָדערונג פֿון אויטאָנאָמיע פֿאַר פּוילן.

אָבער אָט די פֿאָדערונג, וואָס האָט עקסיסטירט אויפֿן פּאַפּיר, איז אינם אַל־געמיינעם בלִיקן־סיסטעם פֿון דער פּאַרטיי געווען פֿאַררוקט ערגעץ אין אַ ווינקל, און פֿלעגט זיך בלויז פֿון צייט צו צייט באַווייזן אין דער עפֿנט־לעכקייט. כאַראַקטעריסטיש אין דער הינזיכט איז, וואָס אויפֿן ערשטן צוזאַ־מענפֿאָר פֿון דער פּאַרטיי, אינם פּאָליטישן רעפֿעראַט, וועלכער האָט פֿאָרמו־לירט די גרונט־פּרינציפּן פֿון דער פּאָליטישער מינימום־פּראָגראַם, ווערט די אויטאָנאָמיע פֿון פּוילן גאָרנישט דערמאָנט. די הויפּט־אויפֿגאַבע האָט די פּאַרטיי געזען אין אָפּפֿרעגן די פֿאַלשע אילוזיעס אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. אין קאַמף קעגן, פֿאַרטיידיקן דאָס, וואָס זי האָט אַליין זיך אַרויס־געזאָגט פּאָזיטיוו, איז נישט געווען נייטיק, און אין דעם זינען האָט די אַרבעט אויפֿן געביט פֿון דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם געטראָגן גיכער אַ נעגאַ־טיוון כאַראַקטער.

אָנהייבנדיק פֿון יאָר 1904 האָט די פּ. ס. ד. געלאָזט טיפֿע וואָרצלען אין די מאַסן; פֿון אַ גרופּע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אידעיִשע קעגנער פֿון „אומאָפּהענגיקייט", ווערט זי אַ פּאָליטישע פּאַרטיי. זי הייבט אָן — געמאָסטן לויט איר איינפֿלוס — צו דעריאָגן, און לסוף אָפֿילו אַריבעריאָגן די פּ. פּ. ס. צוגלייך מיט דעם האָט געדאַרפֿט שטייגן די פֿילבאַרקייט בנוגע רעאַלע פּאָליטישע אויפֿגאַבעס. ווען אין די אָקטאָבער־טעג פֿון 1905 האָבן אין פּוילן אויפֿגעברויזט די ברייטסטע פֿאָלקס־מאַסן, איז די פֿאָדערונג פֿון אויטאָנאָמיע פֿאַר פּוילן אַרויסגערוקט געוואָרן אויפֿן ערשטן פּלאַן — ווי איינע פֿון די צענטראַלע ברענענדיקסטע אויפֿגאַבעס. די עקסיסטענץ פֿון אַ פּאַרטיי וואָס איז גלייכגילטיק צום דאָזיקן פּונקט וואָלט געווען פּשוט אוממעגלעך אין פּוילן.

די פּ. ס. ד. האָט נישט געקאָנט דאָס נישט פֿילן, און פֿון יענער צייט אָן ווערט די פֿאָדערונג פֿון אויטאָנאָמיע אַרויסגערוקט דורך איר מיט אַן אומפֿאַרגלייכלעך גרעסערער גרינטלעכקייט. שוין אין דער רעזאָלוציע פֿון 5טן צוזאַמענפֿאָר — אין 1905 — וועגן דער פֿראַגע פֿון אַ קאָנסטיטואַנטע ווערט דאָס דערגרייכן אויטאָנאָמיע פֿאַר פּוילן אָנגערופֿן אַלס איינע פֿון די וויכטיקסטע אויפֿגאַבעס פֿון דער פּאַרטיי.

דער לעצטער, 6טער, צוזאַמענפֿאָר פֿון פּ. ס. ד. (סוף 1908) האָט וועגן דער פֿראַגע אָנגענומען אַ ספּעציעלע אויספֿירלעכע רעזאָלוציע.

אָט אַזוי, אַרויסגייענדיק פֿון צוויי פֿאַרשיידענע אויסגאַנגס־פּונקטן, האָבן עוואָלוציאָנירטביידע פֿליגלען פֿון פּוילישן סאָציאַליזם. און זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו אַ געמיינזאַמען טרעפֿפּונקט. אַן אָפּרייניקונג פֿון עלע־מענטן, וואָס זענען פֿרעמד דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג איז כאַראַקטע־ריסטיש פֿאַר איין פֿליגל, דאָס אַרויסוואַקסן פֿון די וויקעלעך — פֿאַרן צווייטן. די קראַפֿט פֿון די רעאַלע באַדערפֿענישן האָט געטריבן און טרייבט ווייטער אי איינעם, אי דעם צווייטן אין דער ריכטונג צום אַלגעמיינעם שטראָם.

*

די ליטווישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט פיל ענלעכעס מיט דער פּוילישער. זי איז אַנטשטאַנען נישט אָן אידעיִשן און אָרגאַניזאַציאָנעלן איינפלוס פון דער לעצטער (און אין ליטע גופא זיך צונויפגעגאָסן מיט דער באַוועגונג פון די אָרטיקע פּוילישע אַרבעטער). זי האָט דורכגעמאַכט אַן ענלעכע עוואָלוציע, מערנישט אַ פיל בלאַסערע. די אינדוסטריע איז ווייניק אַנטוויקלט, דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן נישט אַזוי אינטענסיוו, די נאַציאָ־נאַלע פראַגע שטייט נישט אַזוי שאַרף, — דאָס אַלץ האָט געגעבן דער באַוועגונג ווייניק קלאָר און ליכט. איר געשיכטע איז נישט אַזוי אינהאַלטס־רייך, הגם זי איז אויך זייער כאַראַקטעריסטיש.

די ערשטע אָרגאַניזאַציעס פון די ליטווישע סאָציאַליסטן האָבן זיך באַוויזן אין ווילנע אין מיטן די 90ער יאָרן. די ערשטע צייט באַגעגענען מיר צוויי גרופּעס. איינע, וואָס איז לויט איר כאַראַקטער ענלעך צו פּ. פּ. ס. — האָט זיך גערופן „ליטווישע סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי" (ל. ס. ד.); די צווייטע — לויט איר מהות נענטער צו פּ. ס. ד. — האָט זיך גערופן „פאַרבאַנד פון ליטווישע אַרבעטער". די לעצטע האָט זיך אין יאָר 1900 צונויפגעגאָסן מיט פּ. ס. ד. און האָט עקסיסטירט ווייטער נאָר אויפן פּאַפּיר.

אויף דער סצענע איז געבליבן נאָר די איינע ל. ס. ד. און די אַנטוויקלונג פון דער ליטווישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז פאַרגע־קומען נישט אין באַדינגונגען פון קאַמף צווישן צוויי פּאַרטייען צווישן אַנאַנ־דער — ווי דאָס איז געווען אין פּוילן — נאָר זי האָט אָנגענומען די פאָרעם פון איין און דער זעלבער פּאַרטיי. עס האָט, אמת, עקסיסטירט אין ליטע, חוץ דער ל. ס. ד., נאָך אַן אָפיציעלע אָפּטיילונג פון פּ. פּ. ס., וועלכע האָט שפּעטער (1906) באַקומען דעם נאָמען „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון ליטע" (ס. ד. פּ. ל.); אָבער ערשטנס האָט די דאָזיקע גרופּע געהאָט פאַרבינדונגען הויפּטזעכלעך מיט פּוילישע אַרבעטער און נישט מיט ליט־ווישע; און חוץ דעם, זייענדיק אָפּגעטיילט פון דער ל. ס. ד. אָרגאַניזאַציאָנעל, האָט זי דאָך נישט פאַרגעשטעלט מיט זיך קיין באַזונדערע קעגנזעצ־לעכע שטרעמונג; זייער באַזונדערע עקסיסטענץ דערקלערט זיך הויפּט־זעכלעך מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע טעמים, און נישט ווייטער ווי אין יאָר 1906, איז פאָרגעקומען אַ פאַראייניקונג צוערשט אַ צייטווייליקע און נאָך דעם, אין אַ יאָר אַרום, אַן ענדגילטיקע.

לויט איר ערשטער פּראָגראַם, אויסגעאַרבעט אין יאָר 1896, האָט די ל. ס. ד. מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ סעפּאַראַטיסטישע שטרעמונג. הגם אין פאַרגלייך מיט דער פּוילישער איז איר סעפּאַראַטיזם געווען אַ ביסל מעסיקער. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן אומאָפּהענגיקער דעמאָקראַטי־שער רעפּובליק, וואָס צו איר האָבן געזאָלט געהערן „ליטע, פּוילן און אַנ־

דערע לענדער״, וועלכע זאָלן זיין פֿאַראייניקט אויף די יסודות פֿון אַ „פֿרייער פֿעדעראַציע״.

אַ קענטיקע עוואָלוציע אין די רייען פֿון די ליטווישע סאָציאַליסטן באַגעגענען מיר נישט פֿריִער פֿאַר די רעוואָלוציע־יאָרן (ביז יענער צייט האָט מען בכלל וועגן דער טעטיקייט פֿון דער פּאַרטיי כמעט ווי נישט געהערט).

אין 1906 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט שוין אָפֿיציעל קאָנסטאַטירט צוויי שטרעמונגען אין די רייען פֿון דער פּאַרטיי: איינע שטיצט דעם אַלטן פֿעדעראַליסטישן שטאַנדפּונקט, די צווייטע באַגרענעצט זיך — מיט אויטאָנאָמיע. פּאַראַלעל דערמיט זענען נאָך אויך פֿאַראַן מיינונגס־פֿאַרשידנהייטן אין דער פֿראַגע פֿון אַ פּאָליטישן לאָזונג: אַ באַזונדערע קאָנסטיטואַנטע אין ווילנע אָדער אַן אַלרוסלענדער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג.

אינטערעסאַנטע דאָקומענטן זענען די פּראָגראַם־פּראָיעקטן, וואָס זענען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין זעלביקן יאָר 1906 און זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך ביידע פֿליגלען פֿון דער פּאַרטיי. די פּראָגראַם פֿון די טעריטאָריאַליסטן איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זייער אידעיִשער איינשטעלונג שוין לויט איר אַרכיטעקטור אַליין. קודם־כל, אויב נישט אויסשליסלעך, גייט זי אַרויס פֿון די אינטערעסן פֿון געגעבענעם לאַנד. דערביי הערט מען געוויסע טענער, וואָס דערמאָנען אַ ביסל די מאָטיוון פֿון דער אַלטער פּ. פּ. ס. פֿאַר דער רעוואָלוציע־צייט.[7] אַגב, צו אַ פֿולשטענדיקער אומאָפּהענגיקייט פֿון ליטע דערגייען נישט די פֿעדעראַליסטן און זיי באַגרענעצן זיך בלויז מיט דער פֿאָדערונג פֿון אַ פֿעדעראַטיווער איינאָרדענונג פֿון דער רוסישער מלוכה „מיט דער ברייטסטער אויטאָנאָמיע פֿאַר ליטע.״

דער פּראָיעקט פֿון די אויטאָנאָמיסטן טראָגט אַן אַנדער כאַראַקטער. דער אויסגאַנגס־פּונקט פֿאַר דער אַרגומענטאַציע — דאָס איז די געמיינזאַמקייט פֿון די אינטערעסן פֿון פּראָלעטאַריאַט פֿון דער גאַנצער רוסלענדער מלוכה. ס׳ווערט אַגב אָנגעוויזן דערויף, וואָס אַ ריי געאָגראַפֿישע פּונקטן, ווו ס׳איז קאָנצענטרירט אַ געוויסער טייל פֿון די ליטווישע אַרבעטער, ליגן אויסער די גרענעצן פֿון ליטע און אַז דער דאָזיקער אומשטאַנד פֿלעכט נאָך צונויף אין אַ גרעסערער מאָס די אינטערעסן פֿון די ליטווישע אַרבעטער מיט די אינטערעסן פֿון אַנדערע באַשטאַנדטיילן פֿון רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט. בלויז אין צווייטן טייל פֿון דער רעזאָלוציע רעדט זיך וועגן דעם, אַז „פֿון דער צווייטער זייט״, בייטיקט זיך רוסלאַנד אַלס

---

[7] למשל, דער ערשטער פּונקט פֿון דער מאָטיווירונג זאָגט: „נעמענדיק אין אַכט, אַז נישט געקוקט אויפֿן אויסשליסלעכן און אַלזייטיקן דרוק, אונטער וועלכן ליטע איז אונטערגעוואָרפֿן שוין העכער 100 יאָר, שטייט זי דאָך אין הינזיכט פֿון עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג העכער פֿאַר עכט־רוסלאַנד, און דעריבער וואָלט אַן אַלגעמיין מלוכהשע געזעץ־געבונג און אַלגעמיין מלוכהשע אינסטיטוציעס פֿאַרהאַלטן די אַנטוויקלונג פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרהעלטענישן ביי אונז אין לאַנד...״

ריזיקע און פאַרשיידנאַרטיקע מלוכה אין דעצענטראַליזאַציע; ספּעציעל ליטע שטעלט מיט זיך פאַר אַ באַזונדערע גאַנצקייט, נישט נאָר אין קולטור־רעלער הינזיכט, נאָר אין אַ געוויסן גראַד אויך אין עקאָנאָמישער (אַגראַר־פראַגע). אַרויסגייענדיק פון דעם אַלעם שטעלט דער פּראָיעקט אַרויס די פאָדערונג פון אויטאָנאָמיע פאַר ליטע.

נאָך פריער ווי מען האָט באַוויזן צו באַשליסן אין דער אָדער יענער פאָרעם די פראַגע וועגן פּראָגראַם, איז דער פּאַרטיי אויסגעקומען זיך צו פאַרנעמען מיט אַן אַנדער פּראָבלעם, וואָס איז מיט דער פּראָגראַם אין עצם געווען ענג פאַרבונדן: וועגן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונגען. דאָס איז געווען אויף דער קאָנפערענץ פון 1906. סיי דער באַשלוס און סיי די מאָטיוון זענען געווען גאַנץ איינפאַך. פון אַ פּאָליטישן לאָזונג — זאָגט מיט רעכט די קאָנפערענץ — פאָדערט זיך פריער פאַר אַלץ איין זאַך. ער דאַרף זיין פּאָפּולער; דער לאָזונג פון אַ באַזונדערער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אין ווילנע אַנטשפּרעכט נישט דער דאַזיקער פאָדערונג. ער געפינט נישט קיין אָפּקלאַנג ביי דער באַפעלקערונג. און דערפאַר דאַרף ער אַרונטערגענומען ווערן אין פאַרביטן געוואָרן מיטן לאָזונג פון אַן אַלרוסלענדער קאָנסטיטואַנטע.

דער דאָזיקער באַשלוס האָט אין עצם שוין געלייזט די פראַגע וועגן פּראָגראַם. מען קאָן, פאַרשטייט זיך, דיסקוטירן וועגן דעם, צי איז די פאָדערונג פון אַ באַזונדערער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג ענג און לאָגיש פאַרבונדן מיט אַ פעדעראַליסטישער פּראָגראַם, אָבער אַ פּסיכאָלאָגישע און פּאָליטישע פאַרבינדונג צווישן זיי איז אָן ספק פאַראַן, און דאָס אָפּזאָגן זיך פון איינער ברענגט מיט זיך אומפאַרמיידלעך אַן אָפּזאָג פון דער צווייטער. און אַזוי איז טאַקע געשען. אין יאָר 1907 האָט דער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אָנגענומען אַ נייע פּראָגראַם. די פאָדערונג פון אַ פעדעראַציע איז געוואָרן אויסגעשלאָסן. ס'איז געבליבן בלויז אויטאָנאָמיע, הגם מיט זייער ברייטע ראַמען.

ס'איז נישט שווער צו דערקענען, אַז ביי אַלע פּראָגראַם־אונטערשיידן וואָס צעטיילן אָדער האָבן צעטיילט צווישן זיך די אָדער אַנדערע אויבן אויסגערעכנטע פּוילישע אָדער ליטווישע פּאַרטייען, שטייען זיי אַלע אויפן שטאַנדפּונקט פון טעריטאָריאַליזם. מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, אַז די באַדינגונגען פון ליטווישן לעבן גראָבן אונטער מיט פיל מער קראַפט דעם דאָזיקן פּרינציפּ, איידער דאָס טוט די היינטיקע לאַגע פון פּוילן, און אַז צוליב דעם האָט די פראַגע, זאָל זיין כאָטש וועגן אויסבעסערונגען, נישט געקאָנט זיך נישט אַוועקשטעלן פאַר די סאָציאַליסטן פון געגעבענעם לאַנד.

טשיקאַווע איז, וואָס מיט דער דאָזיקער פראַגע האָט זיך פאַראינטערעסירט גראָד יענער ליטעראַרישער אָרגאַן פון דער ליטווישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פּראָפּאַגירן די אידעען פון דער פּאַרטיי צווישן איינער פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן: די

ייִדישע צייטונג „די אַרבעטער־שטימע פֿון ליטע", וועלכע ס'האָבן אַרויס־געגעבן די ליטווישע סאָציאַליסטן.[8] נישט געקוקט אויף די וואָגיקע אַרגו־מענטן, וואָס זי רוקט אַרויס קעגן דער טעריטאָריאַלער (ריכטיקער, קעגן דער אויסשליסלעך טעריטאָריאַלער) לייזונג, כאַראַקטעריזירנדיק זי אַלס אַזעלכע, וועלכע „לייזט גאָר אין אַ קלענער מאָס די פֿראַגן פֿון שולן און קולטור פֿון דער געגעבענער נאַציע", בלייבט דאָך יעדנפֿאַלס די צייטונג אויפֿן טעריטאָריאַליסטישן שטאַנדפּונקט.[9] פֿון איר זייט לייגט די צייטונג פֿאָר אַ געוויסן קאָרעקטיוו, וואָס שטעלט שוין מיט זיך פֿאָר אַן ערנסטן טריט פֿאָרויס. דער דאָזיקער קאָרעקטיוו איז — אַ פּראָפּאָרציאָנעלער קולטור־בודזשעט פֿאַר אַלע נאַציאָנאַליטעטן פֿון ליטע. „דאָס באַטייט — דערקלערט די צייטונג, וואָס מיר האָבן ציטירט — אַז דער אָרטיקער פּאַרלאַמענט דאַרף צעטיילן די אַלגעמיינע סומע געלט, וואָס איז באַשטימט אויף פֿאָלקס־בילדונג פּראָפּאָרציאָנעל צווישן די נאַציאָנאַליטעטן און קולטור־גרופּעס פֿון ליטע. דאָס גיט אַ גאַראַנטיע, אַז די אַלגעמיינע אַבליגאַטאָרישע עלע־מענטאַרע בילדונג וועט דורך יעטווועדער מער ווייניקער באַדייטנדיקער גרופּע אָוועקגעשטעלט ווערן אַזוי, ווי זיי וועלן אַליין געפֿינען פֿאַר זיך פֿאַר נייטיק (אונזער קורסיוו), און אויף וועלכער שפּראַך זיי וועלן ווען".

ס'איז פֿולקום קלאָר, אַז אין זיין לאָגישער אַנטוויקלונג פֿירט דער „פּראָפּאָרציאָנעלער בודזשעט" מיט דער דערלויבעניש פֿאַר די מיטגלי־דער פֿון יעטווועדער נאַציע „איינצוּאָרדענען זייערע ענינים אַזוי ווי זיי וועלן" — דירעקט צו נאַציאָנאַל־קולטורעלער (עקסטעריטאָריאַלער) אויטאָנאָמיע. דאָס שטערט אָבער נישט דער ציטירטער צייטונג זיך אַרויס־צוזאָגן אויפֿן שאַרפֿסטן אופֿן קעגן נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

מען דאַרף פֿונדעסטוועגן באַמערקן, אַז דער פּראָיעקט פֿון אַ פּראָ־פּאָרציאָנעלן בודזשעט איז טאַקע געבליבן אַ פֿאָרשלאָג פֿון דער דערמאָנטער צייטונג. אין פּראָגראַם פֿון דער ליטווישער פּאַרטיי איז ער נישט אַריין.

---

[8] „קיין איין נאַציע (אין ליטע) — שרייבט דער דאָזיקער פּאַרטיי־אָרגאַן — בילדעט נישט קיין אַבסאָלוטע מערהייט, און חוץ פּאָליאַקן, ווייסרוסן, ליטווינער און ייִדן, וואָס זייער צאָל איז ערטערווייז כמעט גלייך, באַוווינען נאָך ליטע קלענערע גרופּן דייטשן, און רוסן. און דערפֿאַר וואָלט דאָס טעריטאָריאַליסטישע מיטל צו ליקווידירן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע אין ליטע בלויז אין אַ קלענער מאָס געלייזט די פֿראַגן וועגן שולן, קולטור פֿון יעטווועדער נאַציאָנאַליטעט באַזונדער, אויף וויפֿל, פֿאַרשטייט זיך, אַזעלכע באַדערפֿעניש'ן זענען פֿאַראַן ביי דער אָדער יענער נאַציאָנאַליטעט".

(„די אַרבעטער־שטימע פֿון ליטע", 1907, נ' 4).

[9] „קודם־כל, כדי די נאַציאָנאַלע פֿראַגע אין ליטע זאָל קאָנען כאָטש אויף אַזוי פֿיל פֿאַרענטפֿערט ווערן, אויף וויפֿל דאָס איז מעגלעך ביי די עקסיסטירנדיקע אין דער קאַ־פּיטאַליסטישער אָרדענונג פּראָדוציר־פֿאַרהעלטענישן, איז אומבאַדינגט נייטיק פֿולשטענ־דיקע פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט פֿון דער ליטווישער טעריטאָריע אין אַלע אינערלעכע פֿראַגן פֿון אָרטיקן לעבן; אָן דעם קאָן נישט געמאַכט ווערן דער ערשטער טריט אַפֿילו".

נישט ווייניקער כאראקטעריסטיש איז דער טעריטאריאליזם פון די פוילישע און ליטווישע סאציאליסטן אין אן אנדער ספערע: אין די פראגן פון אינערלעכן ארגאניזאציאנעלן בוי פון דער פארטיי. צו דעם וועלן מיר נאך האבן א געלעגנהייט זיך אומצוקערן אין אן אנדער צוזאמענהאנג.

3

מיר גייען אריבער צו דער יידישער באוועגונג.

פון די ערשטע טריט אן טרעפן מיר זיך מיט א כאראקטעריסטישער אייגנשאפט. די ליטווישע פעדעראליסטן און אויטאנאמיסטן, די פוילישע צענטראליסטן און סעפאראטיסטן, דיסקוטירן צווישן זיך וועגן די מיטלען, ווי אזוי צו לייזן די נאציאנאלע פראגע. זיי דיסקוטירן אויך וועגן דעם, וואס פאר אן ארט דארף פארנעמען דאס דאזיקע פראבלעם אין דער טעטיקייט פון אן ארבעטער־פארטיי. זיי דיסקוטירן ענדלעך וועגן דעם, צי בכלל דארף אט די פראגע פארנעמען א וועלכן נישט איז ארט. אבער קיין מאל איז דא נישט דיסקוטירט געווארן, צי ס׳איז פאראן בכלל אזא פראבלעם.

ביי יידן איז אזא דיסקוסיע יא פאראן. דא איז מען מסופק, צי עקסיסטירט בכלל א נאציאנאלע פראגע. אויפן באדן פון די דאזיקע ספקות האט זיך געהאט אנטוויקלט א גאנצע שיטה — אן אנטי־נאציאנאלע שיטה פון יידישן סאציאליסטישן געדאנק.

דער געדאנקען־גאנג איז פשוט. די יידן לײדן — זאגן די פארטייִדיקער פון דאזיקן שטאנדפונקט — נישט פון נאציאנאלן דרוק, נאר אויסשליסלעך פון בירגערלעכער רעכטלאזיקייט. קיין יידיש־נאציאנאלע קולטור, קיין יידיש־נאציאנאלע פאדערונגען זענען נישט פאראן. בלויז שפּליטערס, וואס זענען צונויפגעשמידט מיט דעם אייזערנעם רינג פון אויסנאמגעזעצן. פאלט אראפ דער רינג — און די יידן ווערן צעפלאסן, פארשלונגען אן א שפור פון דער ארומיקער סביבה. אט דער אסימיליר־פראצעס איז אי אומפארמיידלעך, אי נייטיק. מען דארף אים מיטהעלפן און נישט מאכן קיין שום פרווו צוריקצודרייען דאס ראד פון דער געשיכטע, באמיִענדיק זיך קינסטלעך אנצוווארפן דער יידישער מאסע דאס נאציאנאלע פראבלעם.

אזוי איז דער אני מאמין פון דער אסימילירטער ריכטונג ביי יידישע סאציאליסטן. ער שפיגלט אפ יענעם דראנג פון א ברייטער שיכט יידישער אינטעליגענץ — אוועקצוגיין פון דער ענגער פאר איר יידישער סביבה. אוועקגייענדיק, מאכן זיי פונם אוועקגיין א פרינציפ; זוכן דערויף א הכשר, א טעארעטישע באַרעכטיקונג, און ווינטשן, אז אלע זאלן נאכטאן זייער ביישפיל.

אין דער יידישער ארבעטער־סביבה בילדן נישט די דאזיקע עלעמענטן א באזונדערע פארטיי: אין בעסטן פאל טרעטן זיי ארויס אין דער ראלע פון צווייגלעך אין די רוסישע, פוילישע אדער ליטווישע פארטייען, קעמפנ־

דיק קעגן אַלע נאַציאָנאַלע פּראָגראַמען און נאַציאָנאַלע שטרעמונגען פֿון ייִדישן סאָציאַליזם. זייער איינפֿלוס אין ייִדישן לעבן איז זייער קליין. אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג שפּילן זיי אַ ריין נעגאַטיווע ראָלע.

אַראָפּרעכענענדיק די דאָזיקע גרופּעס, וועלכע בלייבן פֿון יענער זייט נאַציאָנאַלן סעקטאָר (הגם לויט זייער אָביעקטיוון פּנים זענען זיי אויך אַ כאַראַקטעריסטישער פּראָדוקט פֿון ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער סביבה) — בלייבט נאָך איבער אַ בונט בילד פֿון פֿאַרשיידענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע שטעלן אַוועק, אַזוי צי אַנדערש, די נאַציאָנאַלע פֿראַגע און באַמיען זיך, ווי ווייט זיי קאָנען, צו געבן אַ לייזונג.

זיי ווערן צעטיילט אויף צוויי גרונט־קאַטעגאָריעס.

אין איינער געפֿינען מיר די אַלטע צענטראַלע פֿיגור פֿון דער ייִדי־שער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אויסגעבילדעט פֿון אירע ערשטע שריט אָן אַלס אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע און אַלס אַזעלכע לעבט זי איר ווײַ־טערדיקע עוואָלוציע: דער „בונד". צו דער צווייטער רובריק געהערט אַ גאַנצע פּלעיאַדע פּאַרטייען און גרופּן, וועלכע שטאַמען אַרויס פֿון ציוניזם, — צוזאַמען מיט דער סאָציאַליסטישער דאָקטרין טראָגן זיי אין דער אַרבעטער־פּאַרטיי זייער ציוניסטישע ירושה.

די אַנטוויקלונג־געשיכטע פֿונם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם אין „בונד" איז טיפּיש פֿאַר דעם שטופֿנווייזן רייף ווערן פֿון אַן אַרבעטער־פּאַרטיי. די ערשטע טריט — אין די 80ער און אָנהייב 90ער יאָרן, דאָס איז דער שפּראָצונג־צושטאַנד פֿון דער באַוועגונג, אַ נישט זיכערער טאַפּן די וועגן. דאָס אַלגעמיינע איבערנעמען פֿון די על פּי רוב אָנגענומענע כּללים און אמתן פֿון סאָציאַליזם, — פֿון די עלעמענטאַרע יסודות פֿון קלאַסן־פּאָליטיק — דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם איז נאָך נישט אַריין אין זיין קוק־ווינקל. דער באַגריף וועגן דער געגעבענער באַוועגונג, ווי אַ באַוועגונג פֿון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, — טאַקע ייִדישן, וועלכער געהערט צו דער ייִדישער נאַציע, — דער דאָזיקער באַגריף איז נישטאָ. ער ליגט פֿון יענער זייט שוועל פֿון באַוווסטזיין. און דאָס איז טאַקע נאָך נישט די אמתע באַוועגונג פֿון פּראָלע־טאַריאַט, אין גאַנצן בלויז קליינע גרופּעס, קרייזלעך פֿיאָנערן. מען זאָגט אַמאָל, אַז אַט די אַלטע טוער־פּיאָנערן זענען געווען אַסימילאַטאָרן. ס'איז מסתמא נישט געווען אַזוי. די נאַציאָנאַלע פֿראַגע האָט פּשוט זיך נישט געשטעלט פֿאַר זיי, נישט אין אַ פּאָזיטיווער און נישט אין אַ נעגאַטיווער פֿאָרם. אמת — זיי האָבן דאָס רוב געשטאַמט פֿון די רייען פֿון דער אַסימילירטער אינטע־ליגענץ אָדער לויט זייער שטימונג זענען זיי געווען מער ווייניקער נאָענט צו איר. אמת טאַקע, אַז אין די קרייזלעך האָבן זיי געלערנט אויף רוסיש, און אָפֿט מאָל האָבן זיי פֿאַרן קורס פֿון פּאָליטישע למודים און נאַטור־וויסנשאַפֿט געלערנט אַ קורס פֿון דער רוסישער שפּראַך און רוסישער גראַמאַ־

טיק. אָבער דערבײַ האָט מען זיך אין קיין פֿאַל נישט געשטעלט װעלכע נישט
איז אַסימילאַטאָרישע צילן, דאָ האָבן זיך נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אַסי־
מילאַטאָרישע בליקן. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן נאַטירלעך און אומבאַ־
וווסטזיניק, צוליב די דירעקטע נויטן פֿון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע,
און אויף רוסיש האָט מען געלערנט נישט צוליב אַ פּרינציפּיעלן דראַנג צו
דער רוסישער קולטור, נאָר ווייל עס איז געווען פּראַקטיש אוממעגלעך אויס־
צוקומען אָן דער רוסישער שפּראַך, בעת קיין יידישע ליטעראַטור איז
נישט געווען.

און אויך אַזוי קינסטלעך און אומפֿאַרמײַדלעך, אונטער דער ווירקונג
פֿון ריין פּראַקטישע טרייב־קרעפֿטן פֿון דער באַוועגונג, וואָס האָט זיך גע־
נומען אַנטוויקלען, האָט זיך אויך אָנגעהויבן בילדן דער פּראָצעס פֿון „נאַ־
ציאָנאַליזאַציע", אויף ווי ווייט די באַוועגונג איז פֿון קרײַזלעך אַריבער אין
די מאַסן. אָנהייב די 90ער יאָרן גייט אָן אַן אַנטשיידענער קאַמף צווישן די
אָנהענגער פֿון דער מאַסן־אַגיטאַציע אויפֿן באָדן פֿון די טאָג־טעגלעכע
נויטן פֿון די ברייטע אַרבעטער־שיכטן און די אָנהענגער פֿון קרײַזל־
פּראָפּאַגאַנדע מיטן צוועק אויסצואַרבעטן באַוווסטזיניקע און אַנטוויקלטע
פּערזענלעכקייטן. און פּאַראַלעל מיט דעם דאָזיקן קאַמף גייט אָן אַ שטרייט
— וועגן רוסיש אָדער ייִדיש. ס'האָט געזיגט די ערשטע שטרעמונג, די אידעע
פֿון דער מאַסן־אַגיטאַציע־טאַקטיק. און צוזאַמען מיט איר זיגט אויך די
יידישע שפּראַך. עס קומען אויף די ערשטע שפּראָצונגען פֿון דער יידישער
סאָציאַליסטישער ליטעראַטור (מיר רײדן די גאַנצע צייט וועגן דעם אַזוי גע־
רופֿענעם „זשאַרגאָן", לאָזנדיק אין אַ זייט די אינטערעסאַנטע אין פֿיל
הינזיכטן פּרוּוון צו שאַפֿן אַ סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויף העברעיִש,
וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין די 70ער יאָרן). די באַוועגונג הייבט אָן
זיך דורכשלאָגן אַ וועג אין די טיפֿענישן פֿון נאַציאָנאַלן לעבן.

שוין אין דער ערשטער העלפֿט פֿון די 90ער יאָרן געפֿינען מיר אין
דער ליטעראַטור אַ פֿולשטענדיק באַוווסטזיניקע קאָנסטאַטירונג פֿון דאָזיקן
פּראָצעס. מיר האָבן דאָ אין זינען די באַקאַנטע בראָשור „דער ווענדע־
פּונקט אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער באַוועגונג".[10] מיר

[10] „אַוועקשטעלנדיק אין צענטער פֿון פּראָגראַם די מאַסן־באַוועגונג, האָבן מיר געמוזט
צופּאַסן אונזער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע צו דער מאַסע, דאָס הייסט מאַכן זיי פֿאַר
מער ייִדישע" — האָט געשריבן אין 1895 דער מחבר (מאַרטאָוו־צעדערבוים — רעד.).
„פֿריִער האָבן מיר געקוקט אויף זיך — שרייבט ער אין אַן אַנדער אָרט — ווי נאָר אויף
אַ צוגאָב צו דער אַלגעמיין־רוסישער באַוועגונג, און גראָד די נאַציאָנאַלע פּאַסיווקייט פֿון
דער ייִדישער מאַסע איז אַ שטערונג פֿאַר דער אויפֿוואַכונג פֿון קלאַסן־באַוווסטזיין".
„אַן אַרבעטער־קלאַס, וואָס מאַכט שלום מיט דער לאַגע פֿון אַ נידעריקערן פֿאָלק, אַזאַ
אַרבעטער־קלאַס וועט אויך נישט אויפֿשטיין קעגן דער לאַגע פֿון אַ נידעריקערן קלאַס.
אונזער ציל איז — שאַפֿן אַ ספּעציעלע ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל זיין

וועלן פֿאַרצייכענען נאָך איין ליטעראַרישן דאָקומענט, וועלכער איז ביז איצט נאָך בכלל נישט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן און איז אַרומגעגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט אין אַ העקטאָגראַפֿירטער פֿאָרם, — „אַ בריוו צו אַגיטאַטאָרן" (1894). דער מחבר (לנור־גאָזשאַנסקי, רעד.) שטעלט דייטלעך אַוועק די פֿראַגע וועגן די באַזונדערע אייגנשאַפֿטן פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, איר נויטווענדיקייט און ווערט, רעדט וועגן דער יידישער שפּראַך ווי וועגן אַ ווערקצייג פֿון אַגיטאַציע אאַז"וו.

אין 1897 האָט די פֿאַראייניקונג פֿון די באַזונדערע גרופּעס אין איין אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, „בונד", ווידער אַמאָל אַרויסגערופֿן די באַ־דערפֿעניש צו פֿאָרמולירן די אויפֿגאַבעס פֿון דער באַוועגונג און באַשטימען איר כאַראַקטער. אַ יאָר שפּעטער האָט דער ערשטער צוזאַמענשטויס מיט דער פּ.פּ.ס. פֿון דאָס ניי געטריבן צו פֿאַרטיידיקן די אידעע פֿון אַ באַזונדערער יידישער באַוועגונג.

דאָס אָנערקענען די אָרגאַניזאַציאָנעלע באַזונדערקייט און אייגנאַר־טיקייט פֿון דער יידישער באַוועגונג האָט צו יענער צייט זיך אַרויסגעוויזן אין דער ליטעראַטור אין אַ געוויס בולטער פֿאָרעם. אָבער דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם אַלס אַ פּראָבלעם פֿון מלוכהשן לעבן שטעלט זיך נאָך נישט אין גאַנצן פֿאַרנעם. און אויף וויפֿל עס באַרירט די פֿראַגע וועגן די ספּעציעלע אויפֿגאַבעס פֿון דער יידישער אָרגאַניזאַציע, איז מען ווייטער נישט געגאַנ־גען ווי קאַמף קעגן דער בירגערלעכער רעכטלאָזיקייט. אמת, אין דאָזיקן טייל פֿון נאַציאָנאַלן פּראָבלעם, אין דער פֿראַגע וועגן אָפּשאַפֿן די ספּעציעלע געזעצן און באַגרענעצונגען פֿאַר יידן, ווייזט דער „בונד" דאָן אַרויס אַ באַדייטיקע ענערגיע. מיר שטרייכן דאָס אונטער דערפֿאַר, ווייל אין דער ליטעראַטור האָט מען געקאָנט טרעפֿן באַהויפּטונגען, אַז אין דער טעטי־קייט פֿון „בונד" האָבן די ספּעציעלע יידישע פֿאָדערונגען זיך באַהאַלטן הינטער אַלגעמיין מלוכהשע. דאָס איז בפּירוש נישט ריכטיק. ס'איז גענוג אַדורכצוקוקן די בונדישע אַגיטאַציע־ליטעראַטור, אָנהייבנדיק פֿון די גאָר ערשטע צייטן. אומעטום איז די פֿאָדערונג פֿון בירגערלעכער גלייכבאַרעכ־טיקונג פֿאַר יידן אונטערגעשטראָכן אויפֿן קאַטעגאָרישסטן אופֿן, אומעטום ווערט זי אַרויסגערוקט אויפֿן אָנגעזעענסטן אָרט. אָבער, ווי געזאָגט, איז עס נאָר אַ טייל פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע און דער צום ווייניקסטן כאַראַק־טעריסטישער טייל, וואָס אַנטהאַלט נישט קיין פּאָזיטיווע נאַציאָנאַלע פּראָג־ראַם. דאָס איז נאָר בלויז אַן אַריינפֿיר צו דער פּראָגראַם. דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם אין גאַנצן אומפֿאַנג, ווי אַ פֿראַגע פֿון רעכטלעכע גאַראַנטיעס

די אָנפֿירערין און דערציִערין פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין קאַמף פֿאַר עקאָנאָמישער, בירגערלעכער און פּאָליטישער באַפֿרייונג".

פֿאַר דער פֿרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, לייגט זיך דורך אַ וועג לאַנג־זאַם און פּאַרזיכטיק.

דער אַנטשיידענער מאָמענט קומט אָן צו דער צייט פֿון 4טן צוזאַמענ־פֿאָר פֿון „בונד" אין יאָר 1901.

שוין אויפֿן פֿריערדיקן צוזאַמענפֿאָר (1900) פֿיגורירט די נאַציאָנאַלע פֿראַגע, און ווי דער באַריכט זאָגט — האָט דער צוזאַמענפֿאָר זי באַהאַנדלט ווי איינע פֿון די וויכטיקסטע פֿראַגעס, אויף וועלכער עס איז געווען קאָנ־צענטרירט די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די אָנטיילנעמער. ס'איז געווען אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז „די פֿראַגע וועגן די ספּעציעלע פֿאָדערונגען פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט שטעלט די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַוועק זייער שמאָל" און אַז דעם פּונקט וועגן בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג דאַרף מען פֿאַרבייטן מיט אַ ברייטער פֿאָדערונג פֿון „נאַציאָנאַלער גלייך־באַ־רעכטיקונג". דער פֿאָרשלאָג האָט נישט געפֿונען קיין סימפּאַטיע. דער צוזאַ־מענפֿאָר האָט מורא געהאַט, אַז די פֿאָדערונג פֿון נאַציאָנאַלער גלייך־באַרעכ־טיקונג וועט אָפּציען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט פֿון זיינע וויכטיקסטע פּאָליטישע אויפֿגאַבעס און וועט פֿאַרטונקלען זיין קלאַסן־באַוווסטזיין. דער פּראָיעקט וועגן ענדערן די פּראָגראַם איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן.

אַ יאָר שפּעטער האָט דער 4טער צוזאַמענפֿאָר מיט זיינע באַשלוסן שוין אָנגעצייכנט אַ נייעם קורס. ס'ווערט אָנגענומען אַ נאַציאָנאַלע פּראָג־ראַם.[11] אמת, זי איז פֿאָרמולירט עטוואָס אומדייטלעך, פֿאַרזעען מיט באַוואָ־רענישן, אַז „דערווייל" דאַרף מען נאָך נישט 'אַרויסשטעלן" קיין נייע נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען. אָבער די בריק איז געוואָרן אַריבערגעגאַנגען.

---

[11] די רעזאָלוציע פֿון 4טן צוזאַמענפֿאָר זאָגט. „דער צוזאַמענפֿאָר האַלט, אַז לויטן זינען פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָגראַם איז נישט דערלאָזבאַר קיין שום דרוק נישט בלויז פֿון איין קלאַס איבערן צווייטן, פֿון דער רעגירונג איבער די בירגער, נאָר אויך נישט פֿון איין נאַציאָנאַליטעט איבער דער צווייטער, די הערשאַפֿט פֿון איין שפּראַך איבער דער צווייטער.

דער צוזאַמענפֿאָר האַלט, אַז אַזאַ מלוכה ווי רוסלאַנד, וואָס באַשטייט פֿון אַ סך נאַציאָנאַליטעטן, דאַרף אין דער צוקונפֿט איבערגעבויט ווערן אין אַ פֿעדעראַציע פֿון נאַציאָ־נאַליטעטן מיט פֿולשטענדיקער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פֿאַר יעדער פֿון זיי, אומאָפּהענגיק פֿון דער טעריטאָריע, וועלכע זי פֿאַרנעמט. דער צוזאַמענפֿאָר האַלט, אַז דעם באַגריף „נאַציע" דאַרף מען אָנווענדן אויך אויפֿן יידישן פֿאָלק.

געפֿינענדיק אָבער, אַז ביי היינטיקע באַדינגונגען איז נאָך צו פֿרי אַרויסצושטעלן די פֿאָדערונג פֿון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פֿאַר יידן, האַלט דער צוזאַמענפֿאָר, אַז מען דאַרף דערווייל נאָר קעמפֿן קעגן אַלע אויסנאַם־געזעצן, וואָס זענען געווענדט קעגן יידן, באַקאַנטמאַכן און פּראָטעסטירן קעגן יעדער אונטערדריקונג פֿון דער יידישער נאַציאָ־נאַליטעט, אָבער דערביי זיך היטן פֿונאַנדערצובלאָזן דעם נאַציאָנאַלן געפֿיל, ווייל דאָס קאָן נאָר פֿאַרטונקלען דעם קלאַסן־באַוווסטזיין פֿון פּראָלעטאַריאַט און פֿירן צו שאָוויניזם".

אַ נאַציאָנאַלע פּראָגראַם איז אָנגענומען געוואָרן, און מען דאַרף באַמערקן, אַז מיטן „בונד" האָט צום ערשטן מאָל אַ יידישע פּאַרטיי אַרויסגעשטעלט אַ נאַציאָנאַלע פּאָליטישע פּראָגראַם און צום ערשטן מאָל אויך איז געוואָרן אָנגענומען אַ נאַציאָנאַלע פּראָגראַם וועלכע שטייט אויפֿן באָדן פֿון דער עקסטעריטאָריאַלער אידעע.

עס זענען דערנאָך אַוועק יאָרן פֿון וויטערדיקן דורכטראַכטן, פֿאַר־האַרטעווען און פֿאַרטיפֿן דעם געדאַנק. די אומקלאָרקייטן און באַוואָרענישן פֿון דער רעזאָלוציע פֿון 1901 באַווייזן, אַז די מחברים פֿון דער פּראָגראַם האָבן נאָך נישט געפֿילט אונטער זייערע פֿיס אַ פֿעסטן באָדן. די פּראָגראַם האָט מען נאָך געהאַלטן בלויז אין אָנטאָפּן, און פֿאַר קיינעם איז קיין סוד נישט, אַז אין די רייען פֿון דער פּאַרטיי איז געווען אַ באַדייטיקע צאָל מענטשן, וועלכע האָבן זיך באַצויגן צום „נייעם קורס" אָדער אינדיפֿערענט אָדער שאַרף נעגאַטיוו.

אין די נאָענטסטע יאָרן פֿיגורירט נאָך נישט דער נייער פּראָגראַם־פּונקט אין דער אַגיטאַציע־ליטעראַטור. נישט אומזיסט האָט דער צוזאַ־מענפֿאָר געהאַלטן פֿאַר נייטיק דייטלעך צו דערקלערן, אַז ביי די איצטיקע באַדינגונגען איז נאָך צו פֿרי אַרויסצושטעלן אַזאַ פֿאָדערונג. ס'איז אָבער פֿאַרביי אַ ריי יאָרן און זיי האָבן געבראַכט מיט זיך באַדייטיקע ענדערונגען. פֿון איין זייט האָט די נאַציאָנאַלע אידעע געלאָזן טיפֿע וואָרצלען אין די פּאַרטיי־קרייזן. פֿון דער צווייטער — איז געוואָרן קלאָר, אַז די מורא פֿאַר די „שאָוויניסטישע" שטימונגען, וואָס קאָנען אַנטשטיין, האָט נישט קיין גענו־גנדיקן גרונד. און לסוף — ס'האָבן זיך געענדערט די „אויסערלעכע באַ־דינגונגען" פֿון פּאָליטישן לעבן. ס'האָט זיך דערנעענטערט דער מאָמענט פֿון דער אַנטשיידענער ליקווידאַציע פֿון דער אַלטער אָרדענונג. די פּאָליטישע פֿאָדערונגען, וואָס האָבן אויסגעזען פֿריִער צו זיין אַבסטראַקטע און וויטע, וועלכע האָבן פֿריִער געשפּילט די ראָלע פֿון לייכט־פּינטעלעך — וועג־ווייַ־זערס האָבן אָבער נישט געהאַט קיין רעאַלן באַטייט פֿאַרן איצטיקן מאָמענט — האָבן איצט באַקומען רעאַל בלוט און פֿלייש, זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער טאָג־אָרדענונג. דאָס, וואָס עס האָט געקאָנט פֿריִער זיך אַרויסווייזן פֿאַר צו פֿרי, איז איצט געוואָרן אַ זאַך, וואָס מען טאָר נישט אָפּלייגן. און שוין ווינטער 1904, ערב דעם רעוואָלוציאָנערן שטורעם, האָט דער צ. ק. פֿון „בונד" געפֿונען זיך געצוווּנגען, עובר זייענדיק פֿאָרמעל אויף דער רעזאָלוציע פֿון צוזאַמענפֿאָר, צו וואָרפֿן דעם לאָזונג פֿון נאַציאָנאַלער אויי־טאָנאָמיע אין דער אַלטעגלעכער אַגיטאַציע.

די „פֿאַרשטאַרקטע שמירה" איז געוואָרן אַראָפּגענומען פֿון דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם. הערבסט 1905 פֿאָרמולירט ענדלעך דער 6טער צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד" די דאָזיקע פּראָגראַם אין אַ קלאָרער און קאַטע־גאָרישער פֿאָרם.

דאָס באַאַרבעטן די נאַציאָנאַלע פּלאַטפאָרם איז פֿאָרגעקומען אין „בונד" אונטער אַ קרייץ־פֿייער און קרייץ־איינפֿלוס פֿון צוויי זייטן, פֿון איין זייט די אַסימילאַטאָריש געשטימטע „איסקראָווצעס", פֿון דער צווייטער — די נאַציאָנאַליסטן פֿון ציוניסטישן לאַגער. פֿון ביידע זייטן זענען פֿאַרן „בונד" געשטאַנען געוויסע אָפּשרעקנדיקע ביישפּילן פֿון דעם ווי אַזוי מען דאַרף נישט זיין. און נישט אין אַ קלענער מאָס האָט דער דאָזיקער אומשטאַנד אים געהאָלפֿן צו געפֿינען זיין אייגענעם וועג: גלייך פֿרעמד זענען אים געווען סיי די נאַציאָנאַליסטישע בלימעלעך פֿון זיינע קעגנער פֿון רעכטס און סיי די אַנאַציאָנאַלע טראַדיציעס פֿון דער אַסימילירטער ייִדישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט אים אַטאַקירט פֿון די רייען פֿון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

דער רויטער פֿאָדעם וואָס ציט זיך דורך אַלע בונדישע בליקן אין דער דאָזיקער פֿראַגע איז — די שטימונג אַריינצופֿירן דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם אין דער אַלגעמיינער סיסטעם פֿון דער מאַרקסיסטישער וועלט־אָנשויונג, ווי אירער אַ באַשטאַנדטייל, וואָס איז אונטערגעוואָרפֿן דעם אַלגעמיינעם קלאַסן־פּרינציפּ. די דאָזיקע שטרעמונג צעשטערט דערביי לחלוטין נישט דעם מאָניזם פֿון דער קלאַסן־וועלט־אָנשויונג. דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם שטעלט זיך אַוועק נישט צוגלייך מיטן קלאַסן־פּראָבלעם, נאָר אינעווייניק, אין אים גופֿא. ס'ווערט אַנאַליזירט דער נאַציאָנאַלער קאַמף און די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. ס'ווערט אין זיי אויפֿגעדעקט די טרייב־קראַפֿט פֿון די קלאַסן־אינטערעסן. עס ווערן אויסגעטיילט די עלעמענטן, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויפֿן באָדן פֿון די פּראָלעטאַרישע אינטערעסן; מען גרענעצט זיך אָפּ פֿון די איבעריקע. די לעצטע וואַרפֿט מען אָפּ, די ערשטע ווערן אַריינגענומען אין דער אַלגעמיינער סיסטעם פֿון צילן און אויפֿגאַבעס פֿון דער אַרבעטער־פּאַרטיי.

די אויפֿגאַבעס פֿון פּראָלעטאַריאַט ווערן אין דער געגעבענער פֿראַגע פֿאָרמולירט מיט איין זאַץ: פֿאַרזיכערן יעטוועדער נאַציע די מעגלעכקייט פֿון פֿרייער קולטורעלער אַנטוויקלונג — פֿאַרשטייט זיך, אין יענע גרענעצן, אין וועלכע דאָס איז בכלל מעגלעך אין די ראַמען פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. און צוליב דעם דאָזיקן צוועק דאַרף מען זיך דערשלאָגן ביי דער מלוכה געוויסע רעכטלעכע גאַראַנטיעס.[12]

[12] נעמענדיק אין אַכט — רעדט זיך אינם אַריינפֿיר צו דער רעזאָלוציע פֿון 4טן צוזאַמענפֿאָר — אַז די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג אין אַלע אירע פֿאָרמען רופֿט זיך אָפּ אויף דעם שעדלעכסטן אופֿן אויף די אינטערעסן פֿון באַפֿרייונגס־קאַמף פֿון פּראָלעטאַריאַט פֿון דער געגעבענער מלוכה, פֿאַרטונקלענדיק זיין קלאַסן־באַוווּסטזיין, אַז אויף דעם אַרבעטער־קלאַס פֿון אַן אונטערדריקטער נאַציע פֿאַלט זי מיט דער גאַנצער לאַסט, פֿאַרהאַלט די אַנטוויקלונג פֿון זיינע קרעפֿטן אויף אַלע געביטן פֿון זיין לעבן און פֿאַרקריפּלט זיין קלאַסנקאַמף, — איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פֿאַרפֿליכטעט צו קעמפֿן קעגן יעטווע־

וואָס זענען דאָס פאַר אַ גאַראַנטיעס? פריער פאַר אַלץ די אַלגעמיינע דעמאָקראַטיזירונג פון רעזשים. אָבער דאָס איז נאָך נישט גענוג. ס׳איז אויך נישט גענוג אַ פייערלעך פּראָקלאַמירן די גלייך־באַרעכטיקונג פון די נאַציאָנאַליטעטן. ווער וועט פאַרווירקלעכן די דאָזיקע „גלייכע רעכט" פון די נאַציעס? ווער וועט באַדינען די דאָזיקע גלייך־באַרעכטיקטע נאַציעס? אַל־געמיין מלוכהשע אינסטיטוציעס, צענטראַלע, געגנטלעכע אָדער אָרטיקע? אָבער די אינסטיטוציעס דאַרפן באַדינען פאַרשיידענע פעלקער. זיי וועלן דאָך זיין אַן אַרענע פון אומענדלעכע רייבונגען, שטענדיקע קאָנפליקטן. צוליב יעטוועדער נייער שול, צוליב יעדן נייעם לערער, צוליב יעדן נייעם לערנבוך, — גריזשעניש און רייסערייען. אַ ביישפיל איז עסטרייך, ווו אויפן פּאַפּיר זענען די רעכט פון די נאַציעס שוין לאַנג פּראָקלאַמירט. אָבער נאָר אויפן פּאַפּיר. כדי די „רעכט" זאָלן פאַרווירקלעכט ווערן, דאַרף זיין אַ טרעגער פון די רעכט, אַ סוביעקט פונם רעכט, אַ יורידישע פּערזאָן. יעטוועדע נאַציע דאַרף זיין פּאָליטיש אָרגאַניזירט ווי אַ פּאָליטישע איינהייט, אַליין פאַרוואַלטן מיט יענע ענינים, אין וועלכע זי אַליין איז פאַראינטערע־סירט. די נאַציעס דאַרפן זיין אָפּגעגרענעצט איינע פון דער אַנדערער. בלויז דאַן איז מעגלעך אַ פרידלעך צוזאַמענלעבן. יעטוועדע נאַציע דאַרף אין אַ געוויסער מאָס זיך אַליין באַדינען. זי מוז האָבן אויטאָנאָמיע.

דער פּרינציפּ פון אויטאָנאָמיע איז נישט קיין נייער. אָבער אין פּראָגראַם פון „בונד" האַנדלט זיך נישט וועגן געוויינלעכער אויטאָנאָמיע, נישט וועגן אויטאָנאָמיע פון געגנט, נישט וועגן טעריטאָריאַלער. נאָר וועגן נאַציאָנאַל־קולטורעלער.

וואָס איז אַזוינס נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע? דאָס איז אַן אויסגעבעסערטער פּרינציפּ פון טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע. געגנט־אוי־טאָנאָמיע שטרעבט צו דער זעלבשטענדיקייט פון דער נאַציע, מערנישט אַנשטאָט דער נאַציע שטעלט מען אונטער טעריטאָריע. און די זעלבשטענ־דיקייט, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דער נאַציע, באַקומט אַ גאַנצער קנויל נאַציעס, וועלכע ווינען אונטער איין טעריטאָריאַלן דאַך. און די מעשה מיטן אונטערדריקן איין נאַציע דורך דער צווייטער הייבט זיך אָן אינעווייניק אויף דער טעריטאָריע פון דאָס ניי. און דאָס איז פאַרשטענדלעך, ווייל ס׳איז אוממעגלעך די נאַציעס געאָגראַפיש אָפּצוגרענעצן; און מיט דער אַנטוויקלונג פון די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן, באַווייזן זיך אַלץ מער

דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, סיי דירעקטער, סיי אומדירעקטער. און רעכענענדיק זיך דערמיט וואָס נאָר דער סאָציאַליזם, פאַרניכטנדיק אין וואָרצל אַלע פאָרמען פון דער קלאַסן־הערשאַפט, וועט ברענגען מיט זיך אויך א פולשטענדיקע באַפרייונג פון יעט־וועדער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג — דאַרף זי אין די גרענעצן פון דער קאַפּיטאַליס־טישער אָרדענונג שטרעבן אויסצוקעמפן דעם מאַקסימום גאַראַנטיעס קעגן נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן, וואָס איז נאָר מעגלעך אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

בונטע אָנזאַמלונגען פֿון נאַציאָנאַלע שפּליטערס אויף איין און דער זעלביקער טעריטאָריע. אויף אַזאַ אופֿן איז דער טעריטאָריאַלער ענטפֿער נישט צוגעפּאַסט צו דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. און דער „בונד״ זאָגט טאַקע: געגנט־אויטאָנאָמיע — איז טאַקע נייטיק; אויף צו באַדינען די נויטן פֿון דער געגנט, פֿאַר אַ געוויסער דעצענטראַליזאַציע פֿון דער ריזיקער מלוכה. אָבער די נאַציאָנאַלע פֿראַגע לייזט זי נישט. אויף דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע דאַרף געבן אַן ענטפֿער טאַקע די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. די זעלבסטפֿאַרוואַלטנדיקע איינהייט ביי דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע איז אויף אַזאַ אופֿן נישט די באַפֿעלקערונג פֿון דער געגנט, נאָר די סומע פֿון אַלע פּערזאָנען, וועלכע געהערן צו דער געגעבענער נאַציע, אויב אַפֿילו זיי בילדן אינזלען אויף אַ פֿרעמדער טעריטאָריע. אַנטקעגן דעם טעריטאָריאַלן פּרינציפּ רוקט מען אַרויס דעם אַזוי גערופֿענעם פּערסאָנאַלן (לויט דער טערמינאָלאָגיע פֿון די עסטרייכער). פֿאַרשטייט זיך, אַ נאַציע קאָן זיך נישט אַליין פֿאַרוואַלטן אין אַלע ספֿערעס פֿון מלוכה־לעבן. אין עקאָנאָמישע פֿראַגן, למשל, בילדעט זי אַן אומצורייסבאַרע גאַנצקייט צוזאַמען מיט דער גאַנצער באַפֿעלקערונג פֿון געגעבענעם געביט; דאָ, קומט אויס, טרעט אַריין די געגנט־אויטאָנאָמיע אין אירע רעכט. דאַקעגן קאָנען די קולטור־ענינים פֿריי באַדינט ווערן דורך יעדער נאַציע באַזונדער. און זיי דאַרפֿן באַדינט ווערן באַזונדער, כדי אויסצומיידן רייבונגען און אונטערדריקונג... פֿון דאַנען שטאַמט אויך דער נאָמען: „נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע.״[13]

דאָס איז דער צענטראַל־פּונקט פֿון דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פֿון „בונד״. מיר האַלטן פֿאַר נוצלעך זיך עטוואָס אָפּצושטעלן דערויף, ווייל ער איז פֿאַרהעלטנישמעסיק ווייניק באַקאַנט און שטעלט מיט זיך פֿאַר נישט ווייניק אומגעווינטלעכעס פֿונם שטאַנדפּונקט פֿון די טראַדיציאָנעלע אָנשוי־ונגען.[14]

[13] דער זעקסטער צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד״ האָט געגעבן דעם דאָזיקן פּרינציפּ אַזאַ פֿאָרמולירונג: „אַרויסנעמען פֿונם רשות פֿון דער מלוכה און פֿון די אָרגאַנען פֿון דער אָרטיקער און געגנטלעכער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג יענע פֿונקציעס, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט די פֿראַגן פֿון קולטור (פֿאָלקס־בילדונג און ענלעכע) און איבערגעבן זיי דער נאַציע אין דער פּערזאָן פֿון אירע באַזונדערע אינסטיטוציעס — אָרטיקע און צענטראַלע — וואָס ווערן אויסגעקליבן פֿון אַלע מיטגלידער אויפֿן יסוד פֿון אַלגעמיינער, גלייכער, דירעקטער און געהיימער אָפּשטימונג.

באַמערקונג: די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע שליסט נישט אויס דאָס רעכט פֿון דער צענטראַלער געזעץ־געבערישער מאַכט צו באַשטימען געוויסע אָבליגאַטאָרישע נאָרמעס אין די ענינים, וואָס זענען אַלגעמיין פֿאַר אַלע נאַציעס, וואָס באַווינען רוסלאַנד, ווי: אָבליגאַטאָרישע פֿאָלקסבילדונג, וועלטלעכער כאַראַקטער פֿון דער שול אאַז״וו. אויך דאָס רעכט צו קאָנטראָלירן, צי די דאָזיקע נאָרמעס ווערן אָפּגעהיט.

[14] ווי אַ דערגאַנצונג וועל איך ברענגען צוויי פּונקטן פֿון דער זעלבער רעזאָלוציע, וועלכע קומען פֿאַר דעם אויבן ציטירטן פּונקט: 1) פֿולשטענדיקע בירגערלעכע און פּאָ־

ס׳וועט נישט זיין איבעריק צו פֿאַרצייכענען נאָך איינס: אַ געוויסע פֿאַרהעלטנישמעסיק נייע טענדענץ אין געביט פֿון די בונדישע שטימונגען און טעטיקייט.

ביז די לעצטע יאָרן פֿלעגן אַלע פֿראַגן פֿון מלוכהשער בוויונג, ס׳הייסט אויך די נאַציאָנאַלע פֿראַגע, בלייבן אינם געביט פֿון „טעאָריע״. מען האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז די פֿאַרווירקלעכונג קאָן פֿאַרקומען ערשט אין דער ווייטער צוקונפֿט, אויף יענער זייט פֿון עפּעס אַ היסטאָרישן איי־בערברוך. פֿון יענער צייט אָבער איז מען צום דאָזיקן איבערברוך צוגעקומען האַרט נאָענט, טיילווייז איבערגעשפּרייזט, טיילווייז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן אויף צוריק, טיילווייז געבליבן שטעקן אויף איין אָרט, און די גרענעץ, וועלכע האָט אויסגעזען צו זיין אַ דין פּאַסיקל, האָט זיך אויסגע־שפּרייט אין אַ ברייטער און נודנער פּאָליטישער בלאָטע, — פֿון דאַן אָן האָבן די פֿראַגן גופֿא זיך געשטעלט גאָר אויף אַן אַנדער אופֿן. מען האָט געדאַרפֿט זיך אַראָפּלאָזן פֿון די הימלען צו דער גרויער וואָכעדיקייט, צו די גרויע פֿראַגן פֿון פּאָליטישן אינדערוואָכן.

ביי יידן איז פֿאַראַן זייער אַן אינטערעסאַנטע אינסטיטוציע, אייגנטלעך אויך אַ מין נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. מיר מיינען דאָ די קהילה. געוויס אונטערשיידט זיך די קהילה, לויט איר כאַראַקטער, לויטן פֿאַרנעם פֿון אירע פֿונקציעס, לויט איר יורידישער לאַגע, לויט איר אינערלעכן בוי, זייער שאַרף פֿון יענעם טיפּ אויטאָנאָמע איינריכטונגען, צו וועלכע עס שטרעבט דער „בונד״. און דאָך וואָלט מען אין דער דאָזיקער איינריכטונג געקאָנט זען נישט בלויז שיריים פֿון דעם אַלטן עבר, נאָר אין אַ געוויסן זינען אויך אַ שפּראָצונג, אַן עמבריאָן פֿון עפּעס נייעס.

אין דער עפּאָכע פֿון יענעם אידעישן „מאַקסימאַליזם״, וועלכער איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם אָקערשט פֿאַרענדיקטן לעבנס־עטאַפּ פֿון אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, האָט דער „בונד״ ווייניק זיך אינטערעסירט מיטן לעבן פֿון די קהילות. פֿאַר די לעצטע יאָרן האָט די באַציִונג זיך געביטן. און דאָס באַווייזט, אַז עס האָט זיך געשטאַרקט דער חוש פֿאַר ווירקלעכקייט, אַז עס האָט זיך פֿאַרטיפֿט דער ווונטש אַריינצודרינגען אין אַלע ווינקעלעך פֿון יידישן לעבן, זיין צוזאַמען מיט דער יידישער מאַסע ביי אַלע עוואָלוציעס, וואָס זי מאַכט אַדורך.

שוין פֿרילינג 1906 האָט מען געוואָלט די פֿראַגע וועגן דער קהילה

ליטישע גלייך־באַרעכטיקונג פֿון די יידן; 2) פֿאַרזיכערן דורכן געזעץ אַ מעגלעכקייט פֿאַר דער יידישער באַפֿעלקערונג צו באַנוצן די מוטער־שפּראַך אין געריכט, מלוכה־אַנשטאַלטן און אין אָרגאַנען פֿון דער אָרטיקער און געגנטלעכער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג.

צוזאַמען מיט דעם אויבן געבראַכטן דריטן פּונקט וועגן נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע בילדן די דאָזיקע פּונקטן אַ פֿולשטענדיקע פֿאָרמולירונג פֿון „פּראָגראַם פֿון „בונד״ אין דער יידישער נאַציאָנאַלער פֿראַגע״.

אַוועקשטעלן אויף דער טאָג־אָרדענונג פֿון דער נאָענטער קאָנפֿערענץ. ס׳איז דאָן נישט געלונגען דאָס צו מאַכן. מיט מער אינטענסיווקייט האָט זיך די פֿראַגע אַרויסגערוקט נאָך די וואַלן צו דער צווייטער דומע. די וואַל־קאַמפּאַניע, וועלכע האָט אַוועקגעשטעלט די פּאַרטיי פּנים אל פּנים מיט די ברייטסטע שיכטן פֿון פֿאָלק, האָט נישט ווייניק צוגעהאָלפֿן אין דער ריכטונג.

די ערשטע טריט אין דער דאָזיקער ריכטונג ווערן שוין געמאַכט. יעדנפֿאַלס אין דער פּרעסע זענען שוין אונטערגענומען געוואָרן פּרוּוון אָנצו־צייכענען די גרונט־שטריכן פֿון דער קהילה־פּאָליטיק. אָנהייב 1908 האָט אַ באַראַטונג פֿון פּאַרטיי־טוער אַוועקגעשטעלט די קהילה־פֿראַגע צווישן אַנדערע דרינגנדיקע טאָג־פֿראַגן פֿון דער פּאַרטיי־אַרבעט. ס׳איז שווער צו זאָגן, אין וואָס פֿאַר אַ מאָס ווען די אַרבעט פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קאָנען ביי די געגעבענע באַדינגונגען זיין דערפֿאָלגרייך אויף דעם דאָזיקן געביט. יעדנפֿאַלס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן „בונד״, ווי פֿאַר יידישע פּאַרטייען בכלל, וואָס עס וואַקסט זייער אינטערעס צו דער ספֿערע פֿון געזעל־שאַפֿטלעכן לעבן. דער וווּקס פֿון דעם מין אינטערעס האָט בלי ספֿק אַ סימפּ־טאָמאַטישן באַטייט. מען דאַרף באַמערקן, אַז אייניקע פֿון די יידישע פּאַרטייען האָבן די פֿראַגע וועגן קהילות אַרויסגערוקט נאָך פֿריִער און געמאַכט געוויסע פּראַקטישע פּרוּוון אויף דעם דאָזיקן געביט.

4.

אויב די בונדישע באַוועגונג האָט פֿון אירע ערשטע טריט אָן זיך אַנטוויקלט ווי אַן אַרבעטער־באַוועגונג, אין וועלכער עס האָבן גלייך פֿון אָנהייב זיך אַריינגעגאָסן אַ קליינע צאָל פּיאָנערן־קרייזלעך פֿון דער אינטע־ליגענץ, האָבן די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּעס און פּאַרטייען דורכ־געמאַכט זייער פֿאַר־היסטאָרישן פּעריאָד פֿון אַנטוויקלונג אין דער זייט פֿון אַרבעטער־קאַמף, אין די טיפֿענישן פֿון אַ בולט אויסגעשפּראָכענעם בורזשואַזן שטראָם.

זיי האָבן געשטאַמט פֿון דער סביבה פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע, — איבערגענומען פֿון דער לעצטער אַ באַדייטיקן טייל פֿון זייער פּראָגראַם, און ערשט ביסלעכווייז געגומען אַריינדרינגען אין דער אַרבעטער־סביבה. אָט דאָס זענען טאַקע יענע טאָפּ־פֿינגער, וועלכע ציִען זיך פֿון דער דאָזיקער פּאַרטיי צו דער אַרבעטער־מאַסע. עס הייבט זיך אָן אַ קעגנזייטיקע ווירקונג. מיט דער צייט ווערן זיי פֿאַרוואַנדלט אין באַזונדערע פּאָליטישע גרופּעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון זייער מוטער־אָרגאַניזם און הייבן אָן מיט אים סוף כל סוף אַ קאַמף.

פּרוּוון צו שאַפֿן אַרבעטער־ציוניסטישע גרופּעס באַגעגענען מיר שוין סוף 90ער יאָרן. די דאָזיקע ערשטע גרופּעס פּועלי־ציון זענען נאָך גאַנץ

נישטיקע. זיי איז פרעמד פאליטיק; זיי פארנעמען זיך מיט ציוניסטישער אגיטאציע און „עקאנאמישער" ארבעט: ארטעלן, קאסעס, לסוף — שטרייקן.

דער ווענדפונקט קומט אין 1903. דער אנטשיידנסטער מאמענט איז דער קישעניעווער פאגראם. ער האט טיף אויפגערודערט אלע שיכטן פון יידישן פאלק, ער האט דעריבער ארויסגעריסן די מער דעמאקראטישע עלעמענטן פון ציוניזם פון דער פאליטישער אפאטיע, וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש פארן ציוניזם, און געשטויסן זיי צו פאליטישער אקטיווקייט. אבער שטויסן צו פאליטישער אקטיוויטעט האט באטייט שטויסן צו די ארבעטער, ווייל אין יענער צייט זענען די לעצטע געווען דער איינציקער רעזערוואר פון פאליטישער ענערגיע. און אויפן לינקן פליגל פון ציוניזם האט זיך אנגעהויבן דאס צונויפקאמבינירן די ציוניסטישע אידעע מיט דער סאציאליסטישער פאליטיק.

די גאנצע געשיכטע פון די דאזיקע פארשיידנארטיקע, פארשיידנפארביקע גרופעס באשטייט פון פרווון צונויפצובינדן אין איינעם אט די צוויי עלעמענטן — דעם ציוניזם מיטן סאציאליזם, אויף פארשיידענע וועגן און אין פארשיידענע פארמען. א בונט בילד פון טעארעטישע זוכענישן, א פארשטארקטע מוח־ארבעט צו שאפן נייע טעאריעס, נייע פארמולעס.

אט די אלע גרופעס זענען אויסגעוואקסן אויפן באדן פון גייסטיקן קריזיס, און דער קריזיס גייט אדורך ווי א רויטער פאדעם איבער זייער גאנצן גייסטיקן פנים. די שטרעבונג צו אקטיוון אנטייל אין דער רוסלענדער באפרייונגס־באוועגונג ווערט פארבונדן מיט דער שטרעבונג אוועקצוגיין פון „גלות" אין אן אייגן פריי לאנד. קעמפערישע אקטיווקייט און אפקלאנג פון פאניק. דערפון שטאמט די אומפארמיידלעכע צעשפאלטנקייט, צווייפנימדיקייט און די אייביקע זוכעניש נאך ווערטער־פארמולעס, וועלכע וואלטן געקאנט פארשמירן דעם שפאלט, וואס איז אוממעגלעך צו באזייטיקן.

די אלע פארטייען פארמאגן איינע, אויב נישט קיין אלגעמיינע, איז דאך אן ענלעכע נאציאנאלע פראגראם־מאקסימום: א פרייע יידישע טעריטאריע. פאר א טייל איז דאס פאלעסטינע, פאר די אנדערע — אן אומבאקאנט לאנד; אבער אלע פארמאגן איין אידעע — אן אייגן לאנד. דאס דערנעענטערט זיי אויפן ערשטן בליק מיט דער מערהייט נאציאנאלע פארטייען פון אנדערע נאציעס: זיי זענען אויך טעריטאריאליסטן. און אין דער דאזיקער ענלעכקייט איז ווירקלעך פאראן עפעס כאראקטעריסטיש אין א געוויסער מאס; אויף וויפל דער טעריטאריאליזם איז כאראקטעריסטיש פאר דער טראדיציאנעלער אוועקשטעלונג פון דער נאציאנאלער פראגע, וועלכע קאן זיך נישט פארשטעלן נאציאנאלע באפרייונג אן אן אייגענער טעריטאריע. פון דער צווייטער זייט ליגט טאקע אין אט דעם טעריטאריאליזם פון די יידישע פארטייען עפעס אזוינס, וואס שיידט זיי אונטער שארף פון אלע אנדערע און מאכט פון זיי א מין אוניקום, ווייל די פארטייען פון אנדערע נאציעס שטרעבן

צו דער פּאָליטישער באַפרייונג פון געביטן, וועלכע זיי באַוווינען שוין. אָבער די דאָזיקע פּאַרטייען שטרעבן ערשט צו באַזעצן נייע געגנטן, און דאָס נאָך אַזעלכע, וועלכע זענען נאָך נישט בנמצא, דאָס הייסט זיי ווילן ערשט אַזעלכע זיך דערווערבן. דער טעריטאָריאַליזם פון אַנדערע פּאַרטייען איז אַ טייל פון זייער פּאָליטישער פּראָגראַם. אָבער דער טעריטאָריאַליזם פון די יידישע פּאַרטייען רוקט אַרויס אויפגאַבעס, וועלכע האָבן מער ווי אַ שוואַכע שייכות צו אַ וועלכער נישט איז פּאָליטישער טעטיקייט.

דאָס איז די נאַציאָנאַלע „פּראָגראַם־מאַקסימום״. אָבער צוגלייך מיט איר איז נאָך פאַראַן אַ נאַציאָנאַלע פּראָגראַם־מינימום: נאַציאָנאַלע אויפגאַבעס, וועלכע ווערן געשטעלט דאָ, אין „גלות״, „דערווייל״ ביז ס׳וועט פאַרווירקלעכט ווערן דער ציוניסטישער אידעאַל. אָט אין דער דאָזיקער פראַגע, וועלכע האָט אייגנטלעך אַ שייכות צו דער טעמע, וואָס אינטערעסירט אונז דאָ, גייען זיך פונאַנדער באַזונדערע גרופּעס פון דעם לאַגער. לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף די צוויי וויכטיקסטע:

דאָס ערשטע אָרט פאַרנעמט די אַזוי גערופענע „ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי״, בקיצור ס. ס.

„קריזיס״־שטימונג — דאָס איז טאַקע צום מערסטן כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דאָזיקער פּאַרטיי. דער צווייטער כאַראַקטעריסטישער שטריך אירער — דאָס איז די שטרעבונג איינצוהילן אירע טעאָרעטישע הנחות אין אַ פאָרם פון מאַרקסיסטישע סכעמעס: לויטן „דיאַלעקטישן״ מעטאָד אין דער פאָרם פון אַ קאָנטראַסטן־אויסטויש. די עצם סכעמע באַשטייט דערין: די יידישע נאַציע פאַרמאָגט נישט קיין „זעלבשטענדיקע נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט״; זי איז צוגעקלעבט צו פרעמדע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזמען; זי איז שוואַך און וויניקער צוגעפּאַסט צום קאַמף פאַרן קיום. דער יידישער אַרבעטער ווערט צוליב דעם אַרויסגעוואָרפן אויפן הינטערהויף.[15] דער יידישער אַרבעטער ווערט „נישט אינדוסטריאַליזירט״. נישט האָבנדיק קיין צוטריט צו דער מאַשין־אינדוסטריע, איז ער נישט קיין „אמתער״ פּראָלעטאַריער. זיין קאַמף איז אַ פּרוכטלאָזער. און דאָס איז אַן עכט צעשטערישער קאַמף: „ער פאַרמאָגט נישט קיין שום פּאָזיטיווע מאָמענטן, וואָס זענען נייטיק צו שאַפן

---

[15] „ביי דעם אומברחמנותדיקן קאַמף פאַר אַרבעט, וועלכער פירט זיך אין אַלע צווייגן פון דער ווירטשאַפט, בלייבט פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט, ווי פאַר אַ גרופּע, וואָס איז נישט אָרגאַניזירט אין נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישן זין, צו זיין באַשעפטיקט אָדער בלויז אין די שוין אָפּגעלעבטע פּראָדוציר־צווייגן, אָדער שאַפן צו גלייך מיט דער עקסיסטירנדיקער מאַשין־אינדוסטריע אַ האַנטווערק־ און היים־אינדוסטריע (שוויץ־סיסטעם), קאָמפּענסירנדיק די טעכנישע אָפּגעשטאַנענקייט פון דער לעצטער מיטן בלוט און שווייס פון אַלט און יונג, פרויען און קינדער״ (די דאָזיקע ציטאַטע און די ווייטערדיקע נעם איך אַרויס פון דער בראָשור: „דער אידישער ארבעטער״, פּעטערבורג, 1906, מיטן סטיל פון אָריגינאַל).

אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג". „ער צעשטערט בלויז דאָס עקסיסטירנדיקע, ווייל זיין (דעם יידישן אַרבעטערס) עקאָנאָמישע באַזע פֿאַרמאָגט נישט קיין היסטאָרישע מעגלעכקייט פֿון אַן אַריבערגאַנג צו אַ העכערער פּראָדוציר־סיסטעם". אַליין און פֿאַר זיך גענומען וואָלט דער דאָזיקער קאַמף, „צוזאַמען מיט די מעכטיקע טענדענצן פֿון אַרומיקן קאַפּיטאַליזם אומפֿאַרמיידלעך געפֿירט צו זיין דעגענעראַציע" (אונטערגעשטראָכן פֿון מיר — וו. מ.)

ווו זשע איז דער אויסגאַנג? ענטפֿערט מען מאַרקסיסטיש: די דערשיינונג ווערט פֿאַרוואַנדלט אין איר אייגענעם קעגנזאַץ. דאָס „אַרויסשטויסן" די יידן שאַפֿט די עמיגראַציע. און עמיגראַציע — דאָס איז דער וועג פֿאַר אַ העכערער פּראָדוציר־סיסטעם. דער געדאַנקען־גאַנג איז אַזעלכער: שטרעבנדיק צו העכערעווירטשאַפֿטלעכע פֿאָרמען און אָנשטויסנדיק זיך אין דער דאָזיקער שטרעבונג אויף אַן אייזערנער וואַנט, זיינען די יידישע אַרבעטער־מאַסן, וועלכע קאָנען זיך נישט פּראָלעטאַריזירן, „געצווונגען צו עמיגרירן פֿון זייערע איינגעזעסענע ערטער און זיך קאָנצענטרירן אין נייע לענדער". אָבער אויך דאָ שטויסן זיי זיך אָן אויף אַ שוין איינגעפֿונדעוועטן „פֿרעמדן" ווירטשאַפֿט־אָרגאַניזם. די זעלביקע וואַנט. דערפֿון שאַפֿט זיך אַ נייע טענדענץ — דער לעצטער עטאַפּ: זיך קאָנצענטרירן אויף אַ פֿרייער, נאָך נישט־פֿאַרנומענער, אייגענער ערד. „די קאָנצענטרירונג פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן אויף אַ פֿרייער טעריטאָריע, ווו עס דאַרפֿן אַנטשטיין נאָרמאַלע עקאָנאָמישע באַדינגונגען און וווּ, ענדלעך, עס וועט קאָנען זיך אַרויסווייזן דער שעפֿערישער מאָמענט פֿון זיין (דעם פּראָלעטאַריאַטס) קלאַסן־קאַמף. דער גרונט־געדאַנק איז אַזוי: דורך דעגענעראַציע צו אויפֿלעבונג. דעגענעראַציע דאָ — „אין לאַנד פֿון גלות". אויפֿלעבונג — „דאָרטן". אַלץ וואָס „שאַפֿט" ווערט פֿאַרבונדן מיטן טעריטאָריאַליזם, מיט דער אַרבעט וואָס פֿירט דערצו. אַ נאַציאָנאַלע שאַפֿונג „דאָ היי" ווערט אָפּגעוואָרפֿן.

פֿון דאָזיקן שטאַנדפּונקט וואַרפֿן אָפּ די ס. ס. יעטוועדע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם. קיין שום נאַציאָנאַלע אויפֿגאַבעס אין „גלות". נייע פֿאָרמען פֿון געזעלשאַפֿטלעכן אָדער נאַציאָנאַלן לעבן קאָן דער יידישער אַרבעטער פֿאַר זיך אין „גלות" נישט שאַפֿן. „דער מאָסשטאַב פֿון זיינע שעפֿערישע סאָציאַליסטישע שטרעבונגען איז צו גרויס פֿאַר אַזעלכע נעבעכדיקע פֿאָרמען פֿון אונזער „גלות"־עקאָנאָמיק... דאָס זעלבע איז בנוגע דער נאַציאָנאַלער לאַגע פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט. ס'קאָן ביי אים נישט אַנטשטיין קיין שום פּאָזיטיווע נאַציאָנאַלע אויפֿגאַבעס אין באַצוג צום „גלות". ער קאָן דאָ גאָרנישט שאַפֿן אין נאַציאָנאַלער הינזיכט". „מיר קאָנען נישט אין די גלות־לענדער אַרויסשטעלן פּאָזיטיווע נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען".[16] דערצו נאָך איז „דאָ אין גלות דער קאָמפּלעקס פֿון די שוין פֿאַראַנענע און פֿאַרגעזעענע באַדערפֿענישן פֿון

[16] ניצוק, אונזערע נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען, זז' 9־10.

יידישן פּראָלעטאַריאַט גאַנץ נישטיק״. און אַזוי ווי די סומע פֿון די דאָזיקע פֿאָדערונגען איז זייער קליין, קאָנען מיר נישט פֿאָדערן פֿאַר זייער באַפֿרידיקונג קיין שום קאָמפּליצירטע נאַציאָנאַלע אָדער מלוכהשע אינסטיטוטן, ווי די בונדישע אויטאָנאָמיע. „אין די לענדער פֿון גלות קאָן און דאַרף דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אַרויסשטעלן נאָר אַלגעמיין־דעמאָקראַטישע פֿאָדערונגען״. אויף אַזאַ אופֿן איז ביי דער ס. ס. נישט פֿאַראַן קיין נאַציאָנאַלע פּראָגראַם. אָט דער נאַציאָנאַלער מאַקסימאַליזם שטעלט מיט זיך פֿאַר זייער אַ מערקווערדיקן שטריך. אַ היפּכער גראַד אָנגעשטרענגטקייט פֿון נאַציאָנאַלן געפֿיל און זיין פֿרוכטלאָזיקייט פֿאַר דער יידישער ווירקלעכקייט: אַלץ גייט אַוועק אין גאַנצן אויף זוכענישן פֿון אַ „געבענטשט לאַנד״, מחוץ די גרענעצן פֿון רעאַלע פֿאַרהעלטענישן; דער רעזולטאַט באַקומט זיך אַ נאַציאָנאַלער מיראַזש.

אַנדערש ווערט קאָמבינירט דער ציוניסטישער מאַקסימום מיטן נאַציאָנאַלן מינימום ביי אַן אַנדער פּאַרטיי, דער צווייטער לויט איר גרייס און עלטער (געגרינדעט סוף 1905, די ס.ס. — אין אָנהייב 1905) — ביי דער א. ג. „יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי״, בקיצור י. ס. אָדער „סיימיסטן״.

אויך די דאָזיקע פּאַרטיי, פּונקט ווי די ס. ס., שטעלט זיך פֿאָר דאָס יידישע פֿאָלק ווי אַ מין סאָציאַל־עקאָנאָמישע גאַנצקייט, וואָס רייסט זיך אַריין אין די קערפּערס פֿון די אַנדערע נאַציעס. אָט די דאָזיקע עקאָנאָמישע גאַנצקייט „דינט אַלס אָביעקט פֿון סאָציאַל־עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע פֿאַר די א. ג. „אמתע״ נאַציעס, וועלכע שאַפֿן אוממיטלבאַר די געשיכטע״.[17] פּונקט אַזוי ווי דער הערשנדיקער קלאַס ציט אַרויס פֿון עקספּלואַטירטן דורך אים קלאַס דעם מערווערט, אַזוי ציט אויך אַרויס דעם „מערווערט״ די הערשנדיקע נאַציע פֿון דער אונטערדריקטער. צוגלייך מיטן קלאַסן־קאַמף — גייט אַ קאַמף פֿון נאַציעס. מען דאַרף באַמערקן, אַז יענע באַמיִונגען, וואָס די ס. ס. ווייזן אַרויס צו באַגרינדן מאַרקסיסטיש זייער פּראָגראַם איז לגמרי נישט פֿאַראַן ביי די „סיימיסטן״. אין זינען פֿון טעאָרעטישער וועלט־אָנשויונג זענען זיי נישט קיין פֿאָרשטייער פֿון אַ וועלכער נישט איז באַשטימטער שיטה. אין פּאַרטייִשער הינזיכט שטייען זיי נעענטער צו די ס. ר.

נישט געקוקט אויף דער טעאָריע פֿון נאַציאָנאַלער עקספּלואַטאַציע אונטערשיידן זיך גאַנץ שאַרף די בליקן פֿון די סיימיסטן פֿון די האָפֿענונגסלאָזע סקעפּטישע אויספֿירן פֿון די ס. ס. זיי זענען אויך, אמת, מודה צוזאַמען מיט די לעצטע, אַז „דער איבערגאַנג פֿון דער יידישער מאַסע צו העכערע פֿאָרמען פֿון פּראָדוקטיווער אַרבעט איז זייער באַשווערט״;[18] זיי שטרייכן אויך

[17] זאַמלבוך „וואָזראָזשדעניע״, ז׳ 12.

[18] „וואָזראָזשדעניע״, ז׳ 15.

אונטער די „אָפּגעשטאַנענקייט און אָרעמקייט פֿון דער אַרבעט־ספֿערע פֿאַר די יידישע אַרבעטער".[19] זיי דערקלערן, אַז פֿריער אָדער שפּעטער איז די „יציאה" פֿון די „גלות־לענדער" און דאָס קאָנצענטרירן זיך אויף דער אייגענער ערד אומפֿאַרמיידלעך און נויטוועדיק. אָבער צוגלייך מיט דעם גלייבן זיי אין דער אויפֿלעבונג פֿון דער יידישער נאַציע דאָ אין „גלות". זאָל דאָס זיין בלויז אַ מינימום־אויפֿלעבונג, נאָך וועלכער עס וועט דאַרפֿן קומען אַ מאַקסימום־אויפֿלעבונג אין אייגענעם לאַנד. וויכטיק איז, וואָס צו דעם דאָזיקן ענד־עטאַפּ פֿירט דער וועג נישט דורך דעגענעראַציע — ווי ביי די ס. ס., נאָר פֿאַרקערט, דורך דערהייבונג, דורך „בעסערס" צום „סאַמע בעסטן".

ביי דער דאָזיקער פּאַרטיי, נאַטירלעך, געפֿינען מיר יאָ אַ נאַציאָנאַלע פּראָגראַם: דער גרונט־פּונקט — אַ סיים; פֿון דאַנען שטאַמט דער נאָמען „סיימיסטן". ס'האַנדלט זיך וועגן „נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע". אָבער נישט וועגן נאַציאָנאַל־קולטורעלער ווי ביים „בונד", נאָר וועגן סתם נאַציאָנאַלער. דער הויפּט־סימן פֿון ביידע איז איינער און דער זעלבער. דאָס איז — עקסטעריטאָריאַלישקייט, פּערסאָנאַלער פּרינציפּ. אָבער דערמיט ענדיקט זיך די ענלעכקייט. פֿאַרן „בונד" איז די אויטאָנאָמיע אַן ענטפֿער אויף דער יידן־פֿראַגע, וועלכע ווערט געלייזט דאָ אין רוסלאַנד, פֿאַר די סיימיסטן איז די אויטאָנאָמיע אַ וועג צו שאַפֿן אַ זעלבשטענדיקע יידישע געזעלשאַפֿט אויף אַ פֿרייער ערד. דורך נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין רוסלאַנד — צו טעריטאָריאַלער זעלבשטענדיקייט „דאָרטן". דאָס איז אַזאַ מיטל צו אָרגאַניזירן די פֿאָלקס־קרעפֿטן, אַ דאַנק וועלכן עס קאָן זיך אַרויסווייזן דער אָרגאַניזירטער נאַציאָנאַלער ווילן פֿון יידישן פֿאָלק, און וואָס גיט די אָדער אַן אַנדער ריכטונג זיין היסטאָרישן גורל. דער מעכטיקער אידעישער איינפֿלוס פֿון פּראָלעטאַריאַט וועט ווענדן דעם דאָזיקן ווילן אין דער ריכטונג צו אַן ענדגילטיקער באַפֿרייונג פֿון די קייטן פֿון נאַציאָנאַלער קנעכטשאַפֿט, צו אַ זעלבשטענדיקער טעריטאָריע.[20] דער סיים וועט זיין אין שטאַנד דאָס צו טאָן, ווי „אַ מעכטיקער און זיכערער נאַציאָנאַלער פֿאַרבאַנד, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאַר אַ יורידישע פּערזאָן און פֿאַרמאָגט אויסערלעכע און אינערלעכע מיטלען אויף אַדורכצופֿירן זיין ווילן". אָבער דער סיים איז נישט בלויז אַן אָרגאַניזאַציע פֿאַר עמיגראַציע. דאָס איז אַן אָרגאַן פֿון דער אויפֿגעלעבטער יידישער נאַציע, וואָס באַדינט אירע נויטן, אַנטשפּרעכט אירע אינטערעסן אין די לענדער פֿון „גלות". און דאָ באַווייזט זיך ביי די סיימאָווצעס אַ טיפּישער דראַנג צו אַ מאַקסימאַלער אויסברייטערונג פֿון זיינע פֿונקציעס און טעטיקייט־ספֿערע. דאָס איז פֿאַרשטענדלעך, ווייל לויט די באַ־

---

[19] זאַמלבוך „סערפּ", 1907, ז' 32.

[20] „וואָזראָזשדעניע", ז' 77.

גריפֿן פֿון דער פּאַרטיי דאַרף דער אָרגאַן פֿון דער אויטאָנאָמיע אַלזייטיק קאָנצענטרירן אין זיך דעם „ווילן פֿון פֿאָלק". די בונדישע אויטאָנאָמיע ווערט אָנערקענט פֿאַר אַ "צו שמאָלע". אויטאָנאָמיע מוז זיין אַלזייטיק; אַ מאַקסימאַלע זעלבשטענדיקייט. צי שטימט עס מיט דער מאַקסימאַלער צוועקמעסיקייט — דאָס איז אַ באַזונדערע פֿראַגע. מען דאַרף אגב באַמערקן, אַז אין דער קאָנקרעטער פּראָגראַם באַגרענעצט זיך אָט די לעבהאַפֿטסטע שטרעבונג צו „אויסברייטערונג" ווילנדיק נישט ווילנדיק מיט פֿאַרהעלט־נישמעסיק קליינע אויסבעסערונגען צו דער „שמאָלער" פּראָגראַם (פֿון „בונד"— רעד.), אָבער די שטרעבונג גופֿא לייגט דאָך פֿונדעסטוועגן אַרויף אַ ספּעציפֿישן שטעמפּל אויף דעם צוגאַנג צום פּראָבלעם.

חוץ די ס. ס. און י. ס. וואָלט מען געקאָנט אָנציילן אַ גאַנצע ריי גרופּעס און גרופּקעלעך פֿון ציוניסטישן סאָציאַליזם. דאָס רוב זענען זיי שוין אַראָפּ פֿון דער סצענע און מיר ווען פֿאַרצייכענען איינע, וואָס עקסיסטירט נאָך עד היום. (אַלנפֿאַלס פֿאַרמערל): „די ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי פּועלי־ציון". די דאָזיקע גרופּע, פּונקט ווי די ס. ס., באַציט זיך נעגאַטיוו צו אויטאָנאָמיע. אין איר נאַציאָנאַלער פּראָגראַם־מאַקסימום פֿיגורירט פּאַלעסטינע.

5

לאָמיר אַריבער צו דער אוקראַיִנישער באַוועגונג. דאָ איז די זעלביקע כאַראַקטעריסטישע אייגנאַרטיקייט, מיט וועלכער מיר האָבן זיך באַגעגנט, רעדנדיק וועגן ייִדן. אויך דאָ ווערט געשטעלט אונטער אַ ספֿק די עקסיסטענץ גופֿא פֿון אַ נאַציאָנאַל־פּראָבלעם.

די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט האָבן די אוקראַינער אָפּגעהיט הויפּטזעכלעך אין די דערפֿער. די שטאָטישע באַפֿעלקערונג בכלל און די אינטעליגענץ בפֿרט איז אין אַ געוואַלדיקער מאָס רוסיפֿיצירט. דערפֿון די זעלבע דערשיינונג, וואָס מיר באַגעגענען ביי ייִדן: אַן אַסימילאַטאָרישער שיכט אין דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ.[21] דערפֿון — די פֿולשטענדיקע פֿאַרלייקענונג פֿון אַ וועלכער נישט איז נאַציאָנאַלער פּראָגראַם און צוזאַמען דערמיט אַ נעגאַטיווע באַציִונג צו אַ נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פֿון אוקראַינער־

[21] „לויט אונזער מיינונג — שרייבט פּ. לוקאַשעוויטש אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישן „וועסטניק זשיזני" (1907, נ' 1) — באַשטייט די הויפּטזאַך דערין, וואָס דאָס לעבן פֿון אוקראַיִנישן פֿאָלק האָט זיך צופֿיל צוזאַמענגעפֿלאָכטן מיטן לעבן פֿון רוסישן פֿאָלק, און נישט בלויז אין פּאָליטישער און עקאָנאָמישער הינזיכט, נאָר אויך איִן קולטורעלער. אַ זעלבשטענדיקע אוקראַיִנישע קולטור איז נישט פֿאַראַן. אויף וויפֿל אוקראַיִנע לעבט מיט אַ קולטורעל לעבן, איז דאָס אַ רוסיש קולטור־לעבן. די רוסישע ליטעראַטור, די רוסישע פּרעסע, די רוסישע וויסנשאַפֿט איז פֿאַר יעדן קולטורעלן איינוווינער פֿון אוקראַיִנע אָן שום ספֿק אַזוי אייגן, אַזוי נאָענט ווי פֿאַר יעדן קולטורעלן איינוווינער פֿון אַ קאַלוגע, מאָסקווע, אָדער פּעטערבורג".

קראַינישן פּראָלעטאַריאַט. דער אויסדרוק פֿון דער דאָזיקער שטימונג איז די אוקראַינישע „ספּילקאַ" פֿון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. אַן אַנדער פּאָזיציע פֿאַרנעמט און אַן אַנדער שטימונג דריקט אויס די אוקראַינישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי. איינע פֿון די ייִנגסטע און קלענסטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד, האָט זי באַוויזן אַדורכצומאַכן אַ גענוג טיפּישע עוואָלוציע. דער אָפֿיציעלער באַריכט פֿון דער דאָזיקער פּאַרטיי, וואָס זי האָט צוגעשטעלט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם (1904) דערציילט פֿאָלגנדעס: די ערשטע צייט האָט די פּאַרטיי אַנטוויקלט איר טעטיקייט אין צוויי ריכטונגען, אַנטשפּרעכנדיק די צוויי שטרעמונגען, וועלכע האָבן געפֿונען אַן אָרט אין אירע רייען — סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַל־נאַציאָנאַליסטישע. דער דאָזיקער געמישטער צוזאַמענשטעל פֿון דער פּאַרטיי האָט אויך געמוזט זיך אָפּשפּיגלען אין דער פּאַרטיי־ליטעראַטור. צוגלייך מיט דער פּאָפּולערער בראָשור „דיאַדקאָ דמיטראָ", וועלכע איז אויסגעהאַלטן אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישן גייסט, ווערט אַרויסגעגעבן פֿאַר דער אינטעליגענץ „סאַמאָסטינאַ אוקראַינאַ" (זעלבשטענדיקע אוקראַינע), „וועגן וועלכער מען קאָן זאָגן אַלץ וואָס מען וויל, אָבער נישט, אַז זי האָט עפּעס געמיינזאַמעס מיטן סאָציאַליזם". נישט געקוקט אָבער אויף אַזאַ „טאָלעראַנץ" פֿון די פּאַרטיי־רעדאַקציעס — רעדט זיך ווייטער אין באַריכט — האָט דער ערשטער נומער פֿון דער פּאַרטיי־צייטונג „האַסלאָ", אַ צייטונג, וואָס איר סאָציאַליזם איז געווען, צוליב די סיבות וואָס מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, פֿון נישט גאָר קיין געהויבענעם ווערט, — האָט זי אָבער אַזוי צערייצט די נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטן, אַז זיי האָבן באַשלאָסן אַרויסצוטרעטן פֿון דער פּאַרטיי און גרינדן אַ נייע אָרגאַניזאַציע. אין יאַנואַר 1904, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אַרויסגעלאָזן אַ דעקלאַראַציע, אין וועלכער ער קאָנסטאַטירט, אַז די פּאַרטיי איז אַנטשידן אַרויף אויפֿן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן וועג. די ענדגילטיקע ליקווידירונג פֿון די רעשטלעך אוקראַינעפֿילסטווע האָט אָנגעצייכנט דער צווייטער צוזאַמענפֿאָר פֿון דער פּאַרטיי סוף 1905. ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ נייע פּראָגראַם און אַ נייער נאָמען (פֿריִער געהייסן „רעוואָלוציאָנערע אוקראַינישע פּאַרטיי").

די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פֿון דער אוקראַינישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי שטיצט זיך אויף דער פֿאָדערונג פֿון אויטאָנאָמיע פֿאַר אוקראַינע. „נעמענדיק אין אַכט — זאָגט די רעזאָלוציע פֿון 2טן צוזאַמענפֿאָר — אַז דער נאַציאָנאַלער דרוק, אַלס אַ דערשיינונג פֿון דער הערשאַפֿט פֿון קאַפּיטאַל אין דער הייַנטיקער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט, פֿירט צו קולטורעלער, עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אָפּגעשטאַנענקייט פֿון די אונטערדריקטע נאַציעס און שטערט דערמיט די אַנטוויקלונג פֿון קלאַסן־באַוווסטזיין און קלאַסן־קאַמף ביים פּראָלעטאַריאַט פֿון אַזעלכע נאַציעס; אַז דער נאַציאָ־

נאַלער דרוק, רופט אַרויס ביי אַלע קלאַסן פון דער „הערשנדיקער" און „אונטערדריקטער" נאַציע די אידעע פון נאַציאָנאַליזם און סאָלידאַריטעט צווישן קלאַסן, פאַרטונקלענדיק קעגנזעצלעכקייט פון די קלאַסן־אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט און בורזשואַזיע; אַז צוליב דעם אַלעס פאַרשטאַרקט זיך די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע איבער פּראָלעטאַריאַט, — דערקלערט דער צוזאַמענפאָר: בילדנדיק איינע פון די מחנות פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע קעמפט נישט בלויז קעגן עקאָנאָמישער, נאָר קעגן יעטוועדער עקספּלואַטאַציע און יעטוועדער אונטערדריקונג, קעגן וועמען זיי זאָלן נישט זיין געווענדט, — וועט די אָ. ס. ד. פּ. אויפן ענערגישסטן אופן פירן אַ קאַמף קעגן נאַציאָנאַלן דרוק, פאַר גלייכע רעכט פון אַלע נאַציעס אויף אַ פרייער עקסיסטענץ און פרייער אַנטוויקלונג, שטייענדיק פעסט פאַר די רעכט פון די נאַציעס אויף קולטורעלער און פּאָליטישער זעלבסטבאַשטימונג.[22]

אַרויסגייענדיק פון די דאָזיקע הנחות און איבערגייענדיק צו דער פראַגע וועגן אוקראַינע, געפינט די פּאַרטיי:

„אַז דער פּראָצעס פון עקאָנאָמישער צענטראַליזאַציע איז בלויז איין זייט פון דער עקאָנאָמישער עוואָלוציע, די צווייטע זייט דאָס איז די עקאָנאָמישע דעצענטראַליזאַציע, וועלכע ברענגט מיט זיך אַ פּאָליטישע דעצענטראַליזאַציע; אַז די פּאָליטישע פאָרמען פאַסן זיך צו צו די אינדיווידועלע, עקאָנאָמישע, לעבנס־שטייגערישע, פּסיכאָלאָגישע און קולטורעלע באַדינגונגען פון יעטוועדער נאַציע; אַז די דעמאָקראַטיזאַציע פון דער מלוכה־אָרדענונג פאָדערט אַ דעצענטראַליזאַציע פון דער געזעצגעבונג, אַדמיניסטראַציע און געריכט; אַז אין די אינטערעסן פון באַזייטיקן דעם נאַציאָנאַלן דרוק, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, איז נייטיק איבערצוגעבן אַלע יענע ענינים, וווּ עס ווייזט זיך אַרויס דער נאַציאָנאַלער דרוק, אין רשות פון אַ רעפּרעזענטאַנץ־קערפּערשאַפט פון אַ נאַציאָנאַל טעריטאָריאַלער איינהייט".

צוליב דעם אַלעם און צוליב די אינטערעסן פון דער אַנטוויקלונג פון קלאַסן־קאַמף און פון די פּראָדוציר־קרעפטן פון אוקראַינע, שליסט איין דער צוזאַמענפאָר אין זיין פּראָגראַם דעם פּאָסטולאַט פון אויטאָנאָמיע פאַר אוקראַינע מיט אַ געגנט־סיים, וואָס זאָל זיין קאָמפּעטענט אין יענע ענינים, וועלכע רירן אָן נאָר די אינטערעסן פון דער באַפעלקערונג אויף דער אוקראַינישער טעריטאָריע.

אַ מער גענויע דעפיניציע פון דער קאָמפּעטענץ פון די אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס האָט דער צוזאַמענפאָר נישט געגעבן. אינטערעסאַנט איז אָט וואָס: אין דער פּראָגראַם־פראַגע שטייט די פּאַרטיי אויף דעם געווינטלעכן טע־

[22] ווילנא־אוקראינא, חודש־שריפט, פּעטערבורג, נ׳ 3, ז. 109.

ריטאַריאַליסטישן שטאַנדפּונקט. אמת, אין דער אַרגומענטאַציע פיגורירן מאָטיוון, וועלכע רעדן פאַר אַן אַנדער שטאַנדפּונקט, נעמלעך, דאָס פאַררופן זיך אויף די קולטורעלע, פּסיכאָלאָגישע און שטייגערישע אייגנאַרטן פון דער נאַציע (די דאָזיקע אייגנאַרטן זענען פאַרשיידן ביי פאַרשיידענע נאַציעס, וועלכע לעבן אויף איין און דער זעלביקער געמיינזאַמער טעריטאָריע), אָבער דער אויספיר איז דאָך: נאַציאָנאַל טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע. און צוגלייך דערמיט אין דער פראַגע פון אָרגאַניזאַציאָנעלן בוי פון דער פּאַרטיי שטעלט זיך די או. ס. ד. אַ. פּ. אויף אַן אַנדער שטאַנדפּונקט, אויפן שטאַנדפּונקט פון „בונד", וועלכער באַגרינדעט און פירט דורך אין לעבן דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען „נישט באַגרענעצט מיט קיין שום ראַיאָן־ראַמען".[23]

*

אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון די אַרמענער קאָן אויך פאַרצייכנט ווערן אַן אידעיִשע שטרעמונג, וואָס איז קרוביש נאָענט לויט דער שטימונג צו די „נאַציאָנאַלע" שטרעמונגען, וועלכע מיר באַגעגענען ביי ייִדן און אוקראַיִנער. אויך דאָ געפינט זי פאַר זיך אַן אָרט אין די רייען פון די אָרגאַניזאַציעס פון די רוסלענדער ס. ד. אַ. פּ. דאָס זענען אָפּקלאַנגען פון יענע אַנשויונגען, וועלכע „איסקראַ" האָט אַ מאָל פאָרמולירט מיט די כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „ס'איז נישט אַן ענין פון פּראָלעטאַריאַט צו פּריידיקן פעדעראַליזאַציע און נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע; ס'איז נישט די זאַך פון פּראָלעטאַריאַט אַרויסצושטעלן אַזעלכע פאָדערונגען, וועלכע פירן אומפאַרמיידלעך צו דער פאָדערונג פון שאַפן אַן אויטאָנאָמע קלאַסן־מלוכה. די זאַך פון פּראָלעטאַריאַט איז וואָס ענגער צונויפצושמידן מעגלעך ברייטערע אַרבעטער־מאַסן פון אַלערליי נאַציאָנאַליטעטן, צונויפשמידן זיי צום קאַמף אויף אַ מעגלעך ברייטער אַרענע".

אויפן קעגנזעצלעכן פּאָלוס פון אַרמענישן סאָציאַליזם פיגוריִרט אַ באַוועגונג, וואָס דערמאָנט עטוואָס די מער נאַציאָנאַליסטישע מאָמענטן אין דער טעטיקייט פון דער פּ. פּ. ס., אָבער דאָ האָבן די עלעמענטן, וואָס זענען

---

[23] בלויז אַזעלכע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס — זאָגט די רעזאָלוציע פון דעם זעלבן צוזאַמענפאָר, — וועלכע וואַקסן אַרויס פון דער גאַנצער סומע קאָנקרעטע לעבנס־באַדינגונגען פון פּראָלעטאַריאַט פון יעטוועדער געגעבענער נאַציע, קאָנען בעסער ווי אַלץ אויפקלערן די קעגנזעצלעכקייט פון די קלאַסן־אינטערעסן, קעמפן מיט די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן ביי יעדער נאַציע, אַנטוויקלען דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין, פירן און אָנפירן מיטן קלאַסנקאַמף פון פּראָלעטאַריאַט פון יעטוועדער נאַציע אינם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף פונם אַרבעטער־קלאַס פון דער גאַנצער מלוכה.

צוזאַמען מיטן „בונד" שטעלט מיט זיך פאַר די אוקראַיִנישע פּאַרטיי דעם צום מיינסטן פאָלקומען טיפּ פון אַן אַלגעמיין מלוכישער אַרבעטער־פּאַרטיי, אַלס אַ פעדעראַטיווע פאַראייניקונג פון נאַציאָנאַלע, סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס.

פֿרעמד דעם סאָציאַליזם נאָך מער די אייבערהאַנט איבער די סאָציאַליס־טישע. דעם בולטסטן אויסדרוק פֿון דער דאָזיקער באַוועגונג גיט די פּאַרטיי פֿון אַרמענישע פֿעדעראַליסטן „דאַשנאַקצוטיון", וואָס ווערט אויך גערופֿן (לויטן נאָמען פֿון זייער אָרגאַן) די פּאַרטיי פֿון „דראָשאַקיסטן". לכתחילה איז דאָס געווען אַ פּאַרטיי, וועלכע האָט קאָנצענטרירט איר גאַנצע טעטיקייט אויסשליסלעך אין דער טערקישער אַרמעניע, ערשט אין די יאָרן פֿון אָנהייב 20סטן י"ה האָט זי אַריבערגעטראָגן איר טעטיקייט אין דער רוסישער טראַנס־קאַווקאַזער געגנט. די פּאַרטיי איז אַנטשטאַנען אין אַ פּרימיטיווער געזעל־שאַפֿטלעכער סביבה, ווו עס האָבן כמעט נישט עקסיסטירט מאָדערנע קלאַסן, מאָדערנע באַדינגונגען פֿאַרן פּאָליטישן קאַמף. זי האָט זיך דערצויגן הויפּט־זעכלעך אויף פּיזישן קאַמף; נישט אַזוי אויף אידעיִשער אַרבעט, ווי אויף באַוואָפֿנטע צוזאַמענשטויסן. זי האָט געהאַט ווייניק געמיינזאַמעס מיטן סאָציאַליזם. לסוף האָט די סאָציאַליסטישע שטרעמונג גענומען זיך אַדורכ־שלאָגן אַביסל שטאַרקער. אָבער די עלעמענטן פֿון קעמפֿערישן רעוואָלו־ציאָניזם האָבן ווי פֿריער געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע, אויב נישט קיין דאָמינירנדיקע ראָלע.

דער אָרגאַן פֿון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן „זנאַמיאַ טרודאַ", וועלכער איז זייער גינסטיק געשטימט צו דער דאָזיקער פּאַרטיי, שרייבט וועגן דעם (נר. 5, 1907): „דעם סאָציאַליסטישן קערן האָט געדראָט אַ גע־פֿאַר אינגאַנצן צו ווערן צעשוווּמען און דערטרונקען אין אַ מאַסע ... פֿון עלע־מענטן, וועלכע זענען אָפּטמאָל גלייכגילטיק, אַמאָל אַפֿילו פֿיינדלעך צום סאָציאַליזם. אַ טייל פֿון דער אַרמענישער בורזשואַזיע האָט געפּרוּווט שאַפֿן אין דער „דאַשנאַקצוטיון" אַ קערן, וואָס זאָל קעגנווירקן דעם סאָציאַליזם. פֿון דער צווייטער זייט האָבן די טאַטערישע פּאָגראָמען (דאָ מיינט מען די טרויעריק באַקאַנטע אַרמעניש־טאַטערישע שחיטות — וו. מ.) געצוווּנגען די „דאַשנאַקצוטיון" צו שאַפֿן פֿילצאָליקע קאַדערס פֿון „דרוזשינעס", אַ מין נאַציאָנאַלע פֿאַרטיידיקונגס־מיליץ, וועלכע האָט געמאַכט פֿאַר איר ספּעציאַ־ליטעט דעם קאַמף קעגן די טאַטערן. אין דאָזיקן קאַמף האָט זיך פֿונאַנדער־געפֿלאַקערט דאָס נאַציאָנאַלע געפֿיל, זענען אויסגעוועפּט געוואָרן די אַלגע־מיין־מענטשלעכע אידעאַלן. נאָכן שליסן שלום מיט די טאַטערן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פֿאַר אַ גאַנצער ריי „דרוזשינעס" איז פֿולשטענדיק פֿרעמד די מער טיפֿע אויפֿגאַבעס פֿון דער פּאַרטיי־אַרבעט".

אויפֿן דאָזיקן באָדן האָט זיך אַנגעהויבן אַ פּראָצעס, וואָס איז אַנאַלאָגיש צו דעם, וואָס מיר האָבן קאָנסטאַטירט ביי דער פּ. ס.: די שטרעבונג פֿון די סאָציאַליסטישע עלעמענטן אָפּצורייניקן זיך פֿון די פֿרעמדע פֿאַר זיי עלע־מענטן — פֿון בורזשואַזן פּאַטריאָטיזם און רעוואָלוציאָנערן אוואַנטוריזם. דער דאָזיקער פּראָצעס איז זייער אַ שווערער און ער האָט ערשט געמאַכט זיינע ערשטע טריט. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שפּאַלטונגען, צעברעקלונגען

אויף פּראַקציעס, אַרויסטרעטונגען פֿון דער פּאַרטיי אַאַז״וו. וווהין ס׳וועט דער־פירן די דאָזיקע עוואָלוציע — איז שווער צו זאָגן.

די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פֿון רוסישן טייל „דאַשנאַקצוטיון״ פֿאָדערט אַ פֿעדעראַטיוון איבערבוי פֿון רוסלאַנד, ווו טראַנסקאַווקאַז זאָל גע־הערן אויף די יסודות פֿון דער ברייטסטער אויטאָנאָמיע. רעכענענדיק זיך מיטן פֿאַרשידנאַרטיקן נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל פֿון טראַנסקאַווקאַז, פֿאָדערט ווייטער די פּאַרטיי צו שאַפֿן „קאַנטאָנען״, וועלכע זאָלן האָבן אַ ברייטע אויטאָנאָמיע אין קאָמונאַלע פֿראַגן. „ביים אָנצייכענען די גרענעצן פֿון די קאַנטאָנען דאַרף מען זיך רעכענען מיט די טאָפּאָגראַפֿישע און עטנאָ־גראַפֿישע אייגנאַרטיקייטן פֿון לאַנד, מיטן צוועק צו שאַפֿן מעגלעך איינ־הייטלעכע גרופּירונגען״. „און לסוף, כדי צו פֿאַרטיידיקן די רעכט פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, לייגט פֿאַר די פּראָגראַם, אַז דער בודזשעט אויף בילדונגס־צוועקן אין דער מלוכה און קאַנטאָנען זאָל צוגעטיילט ווערן פּראָפּאָרציאָנעל לויט דער צאָל איינוווינער פֿון די פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַ־ליטעטן. די ספּעציעל־אויסגעוויילטע צו דעם צוועק אָרגאַנען וועלן דאַרפֿן נאָכקאָנטראָלירן, צי דער בודזשעט ווערט יושרדיק פֿאַרטיילט, און אויך צי די אָרגאַניזאַציע פֿון דער בילדונג גופא איז ווי געהעריק אָוועקגעשטעלט״. אַ באַזונדער פּונקט פֿון פּראָגראַם רעדט אַרום די שפּראַכן־פֿראַגע אין דער אַדמיניסטראַציע.[24]

צו גלייך מיט „דאַשנאַקצוטיון״ פֿיגורירט די פּאַרטיי „האַנטשאַק״. כאַ־ראַקטעריסטיש פֿאַרן אָנפֿאַנג פֿון דער דאָזיקער פּאַרטיי איז אויך די זעל־ביקע צונויפֿמישונג פֿון סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַל־בירגערלעכע עלע־מענטן. כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער ווייטערדיקער עוואָלוציע איז די זעלבע שטרעבונג פֿון די סאָציאַליסטישע עלעמענטן אָפּצורייניקן זיך פֿון זייטיקן ווילדפֿלייש. אויב די סאָציאַליסטישע עלעמענטן פֿון „דאַשנאַקצוטיון״ ווייזן אַרויס אַ געוויסע נייגונג צו די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, באַמערקט זיך ביי „האַנטשאַק״ אַ נייגונג צו ס. ד. שוין אין יאָר 1904 האָט די דאָזיקע פּאַרטיי געשיקט פֿלעכאַנאָוון אַ מאַנדאַט, ער זאָל זי רעפּרעזענטירן אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס. בעת די וואַלן צו דער דומע איז די פּאַרטיי אַרויסגעטראָטן צוזאַמען מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן קעגן די פֿעדעראַליסטן.

אַ באַזונדער אָרט פֿאַרנעמט די „אַרמענישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע״. דאָס איז נאָך אַ גאָר יונגע אָרגאַניזאַציע, יינגער פֿאַר דער אוקראַינישער פּאַרטיי, געגרינדעט אין 1904. זי באַציט זיך שאַרף

[24] „די באַאַמטע פֿון די קאַנטאָנען און די געמיינדעס מוזן אָבליגאַטאָריש קענען צוויי אַרטיקע הויפּט־שפּראַכן, די אַדמיניסטראַציע פֿון דער גאַנצער געגנט — דריי אַרטיקע שפּראַכן; די מלוכה־שפּראַך איז אָבליגאַטאָריש״.

נעגאַטיוו צו דער נאַציאָנאַליסטישער פּאָליטיק פון „דאַשנאַקצוטיון״; גרע־נעצט זיך אָפּ, פון דער צווייטער זייט, פון נאַציאָנאַלן אינדיפערענטיזם, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ געוויסן טייל פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן־„איסקראַוועס״. דער צענטראַל־פונקט, וואָס האָט זי אָפּגעטיילט פון די אַנדערע קאַווקאַזער אָרגאַניזאַציעס פון דער רוסלענדער ס. ד. א. פּ., דאָס איז געווען די זעלבע אָרגאַניזאַציע־פראַגע, צוליב וועלכער עס איז נאָך פריִער אַנטשטאַנען און זיך פאַרשאַרפט דער קאָנפליקט צווישן „בונד״ און דער ר. ס. ד. אַ. פּ. צוזאַמען מיטן „בונד״ און די אוקראַיִנער שטייט די אַרמענישע ס. ד.־אָרגאַניזאַציע אויפן שטאַנדפונקט פון נאַציאָנאַלע אָרגאַני־זאַציעס.

6.

מיר שטעלן זיך נישט פאַר אַ ציל צו באַהאַנדלען אויסשעפּנדיק אַלע נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון רוסלאַנד, מיר באַגרענעצן זיך בלויז מיט די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע מיר האָבן אויבן כאַראַקטעריזירט; זיי ווייזן שוין אַרויס אין אַ גענוגנדיקער מאָס די שטריכן, מיט וועלכע די באַוועגונג צייכנט זיך אויס.

מיר האָבן ביז איצט זיי באַהאַנדלט, ערשטנס, איזאָלירט, גענומען באַזונדער ווי איינצלנע זעלבשטענדיקע פיגורן און צווייטנס, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט הויפּטזאַכלעך אויף זייערע פּראָגראַמען, זייערע דעקלאַראַ־ציעס, אָבער נישט אויף זייער פּראַקטיק. ס׳איז נויטיק צו באַטראַכטן די נאַציאָנאַלע פּאַרטייען אין זייער פּראַקטישער טעטיקייט און אין זייער קעגנ־זייטיקער ווירקונג.

די אידעע פון אינטערנאַציאָנאַלער אחדות און אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט גייט אַדורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורכן גאַנצן אידעיִשן סיס־טעם פון דער היינטיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דער דאָזיקער אַממערסטן אַבסטראַקטער און צוגלייך דערמיט אפשר דער טיפסטער פּרינ־ציפּ פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג, וועלכער געשטאַלטיקט און פורעמט אויס די וועלט־אַנשויונג פון מאָדערנעם סאָציאַליזם, איז אין דער זעלבער צייט אויך די באַזונדערס פייערלעכע, אַזוי צו זאָגן יום־טובדיקע אידעע פון אַרבעטער קלאַס. דעם דאָזיקן פּרינציפּ האַלט מען טייער. מיט אים שטאָל־צירט מען. און יעטוועדער חשד אין אומטרייקייט צום דאָזיקן פּרינציפּ נעמט מען אָן ווי אַ טיפע באַליידיקונג. דאָס איז אומעטום אַזוי, און אין רוסלאַנד נישט ווייניקער ווי ערגעץ־אַנדערשוווּ. און נישט געקוקט דערויף, איז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד, וואָס איז אַזאַ פאַרשיידנפאַרביקע לויט איר נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל — צעטיילט און צעברעקלט אין העכסטן גראַד. און איר געשיכטע פאַרמאָגט אַן איבערפלוס פון כלערליי אינערלעכע קאָנפליקטן, אין וועלכע באַזונדערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס טרעטן אַרויס ווי פיינטלעכע צדדים וואָס לאָדן זיך מיטאַנאַנדער.

ס׳וואָלט זיך געדוכט אויבנאויף, אַז דאָס איז אַ ווידערשפּרוך. אָבער עס דוכט זיך בלויז אַזוי. אַ קורצער איבערזיכט פֿון די צווישן־נאַציאָנאַלע באַציונגען ביי די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ווייזט דאָס אַרויס מיט אַ גע־נוגנדיקער באַשיימפּערלעכקייט. פֿריִער פֿאַר אַלץ דאַרף מען אויסשליסן איין זייער וויכטיקן מאָמענט, וואָס רופֿט אַרויס רייסעניש, אָבער האָט נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיט נאַציאָנאַלער שנאה. דאָס איז יענער אומשטאַנד, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד צעטיילן זיך אויף צוויי הויפּט־גרופּעס, וואָס שיידן זיך אונטער איינע פֿון דער אַנדערער לויט זייער פּרינציפּיעלער וועלט־אַנשויונג, פּראָגראַם און טאַקטיק; די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע און די גרופּע פֿון ס. ר. אַט דער דאָזיקער פֿאַקט שאַפֿט אין אַ באַדייטיקער מאָס די צעברעקלונג פֿון דער רוסלענדער סאָציאַליסטישער באַוועגונג; מיט אַ געוויסן אַפּטישן זעלבסט־טעות וואָלט זיך געקאָנט אַמאָל דוכטן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ קאָנטראַסט צווישן פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּעס — ווען, למשל, עס קומט צו אַ צוזאַמענ־שטויס צווישן רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אַרמענישע דראָשאַקיסטן. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז אין עצם האַנדלט זיך גאָר וועגן אַ גאַנץ אַנדער שייד־ליניע, וועלכע גייט אין עצם אַדורך אינעווייניק אין יעטוועדער נאַציע, אָבער נישט צווישן זיי.

ס׳איז אָבער דאָ אַ צווייטע קאַטעגאָריע קאָנפֿליקטן, וועלכע שפּילט זיך אָפּ אין די ראַמען פֿון איין און דער זעלביקער ריכטונג: דער קאַמף פֿון די באַזונדערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס פֿאַר רעכט אויף עקסיסטענץ. אַהער געהערט דער גוט־באַקאַנטער, אַפֿילו אין די ברייטסטע קרייזן, קאָנ־פֿליקט צווישן „בונד" און דער רוסלענדער ס. ד. אַ. פּ., וועלכע האָט נישט אָנערקענט פֿאַרן „בונד" דאָס רעכט אויף אַ זעלבשטענדיקער עקסיסטענץ; די נאָך מער עלטערע קאָנפֿליקטן צווישן „בונד" און פּ. פּ. ס.; די מער נייע סכסוכים צווישן „בונד" און פּ. ס. ד.; די קעגנזייטלעכקייט צווישן דער זעלבער רוסלענדער ס. ד. אַ. פּ. און דער אוקראַינער סאָצ.־דעמ.; דער קאַמף פֿון דער דאָזיקער פּאַרטיי מיט די אַרמענישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן; און לסוף די אַלטע קאָנפֿליקטן צווישן דער פּ. פּ. ס. און דער ליטווישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

אַ גאַנצע ריי סכסוכים, און דאָס מאָל זענען די פֿיינטלעכע צדדים טאַקע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס אַלס אַזעלכע; דער שטרייט דרייט זיך אין דער אָדער אַנדער פֿאָרם אַרום דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע.

לאָמיר זיך פֿריִער אָפּשטעלן אויף דער פּראַקטישער זייט פֿון דעם דאָזיקן פֿאַרשלעפּטן סכסוך. דער ערשטער מקור זיינער איז געווען און בלייבט אַלץ דער זעלבער טעריטאָריאַליזם, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין פֿיל מאָל גערעדט אויבן, אָבער נישט קיין פּראָגראַם־טעריטאָריאַליזם, נאָר אַן אָר־גאַניזאַציאָנעלער. אין די אַלע קאָנפֿליקטן צעטיילן זיך די צדדים אויף אַזאַ

אופֿן: אין איין לאַגער, — אין לאַגער פֿון די אָנפֿאַלער — זענען די טעריטאָריאַלע פּאַרטייען, וועלכע ווינטשן אַריינצונעמען אין זייערע רייען אַלע אַרבעטער פֿון דער געגעבענער טעריטאָריע, געביט, לאַנד אָדער מלוכה, אָן אונטערשייד פֿון נאַציאָנאַליטעט, און טרעטן אַרויס קעגן נאַציאָנאַלע גרופּירונגען. דאָס זענען: פּ. פּ. ס., פּ. ס. ד. און די רוסלענדער ס. ד. אַ. פּ. אין צווייטן לאַגער — אין לאַגער פֿון די וואָס פֿאַרטיידיקן זיך — געפֿינען זיך די נאַציאָנאַלע פּאַרטייען אין ענגן זין פֿון וואָרט, דאָס הייסט פּאַרטייען וואָס שטעלן זיך פֿאַר אַן אויפֿגאַבע — אָנפֿירן און אָרגאַניזירן דעם קאַמף פֿון די אַרבעטער פֿון דער געגעבענער נאַציאָנאַליטעט, און בלויז פֿון דער געגעבענער נאַציאָנאַליטעט. דאָס זענען: דער „בונד“, אוקראַינער פּאַרטיי און אַרמענישע אָרגאַניזאַציע. און אַזוי ווי די דאָזיקע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען אַרבעטן אויף די זעלביקע טעריטאָריעס, אויף וועלכע עס פּרעטענדירן די טעריטאָריאַלע פּאַרטייען, איז נאַטירלעך און אומפֿאַרמיידלעך, עס זאָל אַרויסקומען צוליב דעם אַ קאָנקורענץ, אַ קאַמף פֿאַר דער ווירקונגס־ספֿערע און פֿאַרשלעפּטע קאָנפֿליקטן.

באַזונדערס אַ פֿאַרביסענעם און לאַנגדויערדיקן כאַראַקטער האָט געטראָגן (טיילווייז האָט ער זיך נאָך נישט פֿאַרענדיקט ביז איצט) דער קאַמף מיטן „בונד“. ווייל ערשטנס האָט די באַוועגונג פֿון די יידישע אַרבעטער פֿון אירע ערשטע טריט אָן געבילדעט אַ זעלבשטענדיקע קראַפֿט, וועלכע האָט מיט דער גרעסטער אַנטשלאָסנקייט אָפּגעשלאָגן יעטוועדן אַטענטאַט, פֿון וואַנען ער זאָל נישט האָבן געקומען. און צווייטנס, האָט זי אַרומגענומען אַ גאַנצע רייע ראַיאָנען, צונויפֿשטויסנדיק זיך אין פּוילן מיט די פּוילישע, אין ליטע מיט די ליטווישע פּאַרטייען, אויף דרום מיט די „רוסלענדישע“ קאָמיטעטן. זיי אַלע האָבן געוואָלט פֿאַר יעדן פֿאַל אַרייננעמען די יידישע אַרבעטער אין זייערע רייען, און צוליב דעם איז געווען נויטיק צו פֿאַרניכטן די יידישע אָרגאַניזאַציע. צוליב דעם איז אָנגעגאַנגען דער שאַרפֿער קאַמף.

כראָנאָלאָגיש האָט דעם ערשטן אָרט אויף דעם דאָזיקן געביט פֿאַרנומען די פּ. פּ. ס. פֿון איר זייט איז די אַטאַקע אָנגעגאַנגען נאָך אין די 90ער יאָרן. און אין דער שאַרפֿסטער פֿאָרם — ביז דער באַשולדיקונג אין רוסיפֿיקאַציע, ביז פֿאָרוואָרפֿן אין אויפֿלעבן די טראַדיציעס פֿון מוראַוויאָוון און ד״גל. די שאַרפֿקייט איז שפּעטער אָפּגעטעמפּט געוואָרן, אָבער די אָנפֿאַלן האָבן נישט אויפֿגעהערט. אגב, האָט אין דעם קאַמף פֿון פּ. פּ. ס. קעגן „בונד“ זייער אַן אָנגעזעען אָרט פֿאַרנומען די פּראָגראַם־פֿראַגע — די פֿאָדערונג פֿון אַן אומאָפּהענגיק פּוילן, וועלכע דער „בונד“ האָט נישט געוואָלט שטיצן, — און די דאָזיקע פֿראַגע האָט צוגעגעבן די קעגנזייטיקע באַציִונגען פֿון די פּאַרטייען אַ באַזונדער שאַרפֿקייט. שפּעטער איז צו די אָנפֿאַלן פֿון פּ. פּ. ס. צוגעקומען אויך פּ. ס. ד. און ל. ס. ד. אין דער רוסישער ליטעראַ־

טור האָט געפֿירט די קאָמפּאַניע די אויסלענדישע „איסקרא". דאָס איז געווען אַ לאַנגער און — יעדנפֿאַלס פֿאַר די אַנפֿאַלער — אַ פּרוכטלאָזער קאַמף, ווייל פֿאַרניכטן דעם „בונד" איז נישט געלונגען. דערצו האָט מען באַדאַרפֿט פֿאַרניכטן עפּעס גרעסערס — די יידישע אַרבעטער באַוועגונג, וועמענס נאַטירלעכער אויסדרוק דער „בונד" איז געווען. דאָס האָט אָבער קיינער נישט געוואָלט.

דער איינציקער רעזולטאַט איז געווען די אָרגאַניזאַציאָנעלע שפּאַלטונג, צוליב וועלכער דער „בונד", וואָס איז געשטאַנען אין די רייען פֿון דער רוסלענדער ס. ד. אַ. פּ. פֿון ערשטן מאָמענט פֿון איר אַנטשטיין (1898), איז במשך פֿון דריי יאָר (1903—1906) געשטאַנען אויסער דער פּאַרטיי. אין 1906 איז ווידער פֿאַרגעקומען די פֿאַראייניקונג אויפֿן יסוד פֿון אַ געוויסן קאָמפּראָמיס. מען קאָן נישט זאָגן, אַז עס איז דערגרייכט געוואָרן אַ פֿעסטע גלייכגעוויכט. ענלעכע אַטאַקעס האָט די רוסלענדער ס. ד. אַ. פּ. געפֿירט קעגן די אוקראַינישע און קעגן די אַרמענישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. מיט די לעצטע האָט דער לאָנדאָנער צוזאַמענפֿאָר (1907) באַשלאָסן זיך צו פֿאַראייניקן.

אָט דאָס איז די פֿאַקטישע זייט פֿון דער פֿראַגע. אין דער ליטעראַטור, וואָס איז פֿיינטלעך צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זענען נישט איין מאָל געמאַכט געוואָרן פּרוון אויסצוטייטשן די דאָזיקע קאָנפֿליקטן ווי אַ דערשיינונג פֿון נאַציאָנאַלער שנאה. מיר מיינען אָבער, אַז די דאָזיקע פּרוון זענען דורכויס אויבערפֿלעכלעכע. ס'איז אינטערעסאַנט צו פֿאַרצייכענען קודם־כל איין זייער כאַראַקטעריסטישן אומשטאַנד. אין קאַמף מיט די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס — „בונד", אוקראַינער — איז דער אַנגרייפֿנדיקער צד, וואָס איז אַ פּרינציפּיעלער קעגנער פֿון אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער גרופּירונג פֿון פּראָלעטאַריאַט לויט נאַציאָנאַליטעטן, געווען אַליין געצוווּנגען צוליב קאָנקורענץ שאַפֿן ספּעציעלע אָרגאַניזאַציעס צו אַרבעטן צווישן די יידישע, אָדער למשל אוקראַינישע אַרבעטער, שאַפֿן זיינע אייגענע קליינע „בונדעלעך". אויף אָט דעם וועג איז לאַנג שוין אַרויסגעטראָטן די פּ. פּ. ס., נישט לאַנג די ל. ס. ד., פּריער פֿאַר איר — די רוסלענדער ס. ד. אַ. פּ. דאָס איז זייער אַ טשיקאַווער רעזולטאַט פֿונם קאַמף מיט דער „נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט", און דער דאָזיקער רעזולטאַט זאָגט עדות וועגן דעם, אַז דער טרייבנדיקער פֿאַקטאָר פֿון דעם דאָזיקן קאַמף איז געווען נישט נאַציאָנאַלע רייסעניש, נאָר פּשוטע אָרגאַניזאַציאָנעלע קליינקעפּדיקייט. אין דער אמתן איז דער הויפּט־מאָטיוו פֿון דער אַנגריף־טעטיקייט אַלע מאָל געווען עפּעס דיאַמעטראַל־קעגנזעצלעך צו נאַציאָנאַלער שנאה: די שטרעבונג צו אַ וואָס מער ענגער אינטערנאַציאָנאַלער פֿאַרבינדונג. אין די אויגן פֿון די אַנגרייפֿער זענען די נאַציאָנאַלע פּאַרטייען געווען נישט דאָס, וואָס זיי זענען אין דערווירקלעכקייט — אַ נאַטירלעכע און דורכויס נייטיקע פֿאָרם פֿון אַ פּראָלעטאַרישער אָר־

גאַניזאַציע, — נאָר עפּעס אַ מין מחיצה, וואָס צעטיילט קינסטלעך די פּראָ־לעטאַרישער איינהייט, און זיי האָבן געוואָלט פאַרניכטן די דאָזיקע מחיצה צוליב די אינטערעסן פון אינטערנאַציאָנאַלער איינהייט. זאָל זיין, אַז די פּראַקטיק האָט דערוויזן, אַז די אָנגרייפער האָבן געהאַט אַ גרויסן טעות, אַז זייערע אָנגריפן האָבן בלויז צעשטערט די איינהייט, אַז זייער אומגע־לומפּערטע טאַקטיק האָט געדראַט צו דערשטיקן די באַוועגונג. אָבער זייערע סוביעקטיווע כוונות זענען געווען די בעסטע.

און ווייטער נאָך איין זאַך. רעדנדיק וועגן דער יידישער באַוועגונג האָבן מיר שוין אָנגעוויזן אויף דער ברייטער שיכט אַסימילירטער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט אָוועקגעוואָרפן די יידישע סביבה. אַן ענלעכע שיכט באַגעגענען מיר אי ביי די אַרמענער, אי ביי די אוקראַינער, אי ביי די ליטווינער. די דאָזיקע עלעמענטן זענען מיט ברייטער האַנט צעזייט איבער אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען פון אַנדערע נאַציעס — רוסישער, פּוילישער — און אין אַ גאָר באַדייטיקער מאָס געפינען זיי זיך אין די רייען פון די סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטייען. און אָט אין דעם קאַמף, וועלכן די „טעריטאָריאַלע" פּאַרטייען פירן קעגן אַ זעלבשטענדיקער יידישער אָדער אוקראַינישער, אָדער אַ וועלכער נישט איז אַנדערער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, שפּילן אָט די דאָזיקע פליטים פון זייער נאַציאָנאַלן לאַגער, אָט די רוסיפיצירטע, אָדער פּאָלאָניזירטע אינטעליגענץ, זייער אַ וויכטיקע, אָדער אפשר דעצידירנדיקע ראָלע.

אָט די אינטעליגענץ, וועלכע האָט אַוועקגעוואָרפן איר נאַציאָנאַלן לאַגער, מוז נאַטירלעך צוליב איר גאַנצער פּסיכאָלאָגישער איינשטעלונג זיין קעגן דעם אַלעס, וואָס דערמאָנט אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן וועגן דער אייגנאַרטיקייט פון דער נאַציאָנאַלער סביבה, וועגן דער זעלבסטשטענדיקייט פון איר נאַציאָנאַלן לעבן. טאַקע זי טרעט אַרויס נאַטירלעך אין דער ראָלע פון אַ נאַציאָנאַלן עקספּערט וועגן די פראַגן פון די „פרעמדע" נאַציאָנאַ־ליטעטן, שטיצט און שפּייזט אַזעלכע קאָנפליקטן. און אויב מען נעמט דאָס אין אַכט ווייזט זיך אַרויס, אַז דער גאַנצער קאַמף, וואָס אויפן ערשטן בליק דוכט זיך, אַז דאָס איז אַ קאַמף פון די פאַרשטייער פון די פאַרשיידענע נאַציעס, — אַז דאָס איז גאָר אין אַ באַדייטיקער מאָס נישט עפּעס אַנדערש ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון אַן אינערלעכן היימישן שטרייט אין דער סביבה פון איין און דער זעלבער נאַציע צווישן אירע באַזונדערע שטרעמונגען — די אַסימילאַטאָרישע און נאַציאָנאַלע.

נישט געקוקט אויף די דאָזיקע רייסענישן, וואָס קאָמפּליצירן און פאַרמיסטיקן די קעגנזייטיקע באַציִונגען, לאָזט זיך דאָך תּמיד פילן דער דראַנג צו פאַראייניקונג, אָדער כאָטש צו אַ דערנענטערונג. און דער דאָזי־קער דראַנג באַקומט אָפט די אויבערהאַנט איבער דעם אַלעם, וואָס טיילט פונאַנדער די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס. לויט זיין אָביעקטיווער טענדענץ

(וואָס פֿאַלט צונויף אין אַ באַדייטיקער מאָס מיט סוביעקטיווע ווונטשן) איז דער דאָזיקער אייניקונגס־פּראָצעס גענויגט צו בילדן צוויי, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, רוסלענדער אינטערנאַציאָנאַלן (אגב, נישט זייער ענלעך איינער צום צווייטן און ווייט נישט קיין גלייכווערטיקע) — איינעם אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן און דעם צווייטן — אַ געמישטן מער־וויניקער ס״רישן טיפּ.

די אינערלעכע צעמענטירונג פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס האָט זיך געגרייט אין משך פֿון אַ גאַנצער ריי יאָרן. עס זענען פֿאָרגעקומען געמיינזאַמע קאָנפֿערענצן, וואָס האָבן געהאַט דעם ציל אויסצואַרבעטן געמיינזאַמע פּאָליטישע דירעקטיוון — די ערשטע קאָנפֿערענץ פֿון דעם מין איז פֿאָרגעקומען אין יאַנואַר 1905, — און אין באַזונדערע שטעט, כמעט אומעטום, ווו עס האָבן עקסיסטירט פּאַראַלעלע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, איז בעת די רעוואָלוציע־יאָרן פֿאָרגעקומען אַ קאָאָרדינירונג און קאָנסאָלידירונג, הויפּטזעכלעך אויפֿן יסוד פֿון אַ פֿעדעראַטיווער פֿאַראייניקונג, אָדער ווען דאָס איז געווען אוממעגלעך — אין דער פֿאָרם פֿון אַ געוויינלעכער קעגנזייטיקער אינפֿאָרמירונג און פֿאַרשטענדיקונג. ס׳האָבן זיך געשאַפֿן געמיינזאַמע קאָמיטעטן — „פֿעדעראַטיווע״, „פֿאַראייניקטע״, „אינפֿאָרמאַטיווע״, וועלכע האָבן אָפּטמאָל אָנגעפֿירט מיט „אַרויסטרעטונגען״, אַרויסגעגעבן געמיינזאַמע אויפֿרופֿן אאַז״וו. אין איצטיקן מאָמענט איז דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אינטערנאַציאָנאַל מער־וויניקער אַן אויספֿאָרמירטע אָרגאַניזאַציע. חוץ די ליטווינער און אוקראַינער, זענען די איבעריקע אָרגאַניזאַציעס — פּ. ס. ד., „בונד״, די לעטישע ס. ד., די אַרמענישע ס. ד. (די פֿאַראייניקונג מיט דער לעצטער איז נאָך נישט ענדגילטיק פֿאַרענדיקט) — באַשטאַנדטיילן פֿון דער אַלגעמיינער רוסלענדער ס. ד. א. פּ. אגב, איז די דאָזיקע פֿאַראייניקונג פֿאַקטיש אַדורכגעפֿירט נאָר אין די צענטראַלע איינריכטונגען; די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פֿירן נאָך איצט, כמעט אומעטום, אַ דורכויס זעלבשטענדיקע עקסיסטענץ; נישט געקוקט אויפֿן געגנוג צענטראַליסטישן סטאַטוט, טראָגט נאָך פֿאַקטיש די פּאַרטיי אין איצטיקן מאָמענט גיכער אַ פֿעדעראַטיוון כאַראַקטער.

דער ס״רישער אינטערנאַציאָנאַל קומט צום אויסדרוק טיילווייז אין דער אידעיִשער נאָענטקייט, טיילווייז אין אויספֿאָרמירטע בלאָקן. אויפֿן געביט פֿון אָרגאַניזאַציאָנעלע טריט וועלן מיר אָנווייזן אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע איז צונויפֿגערופֿן געוואָרן אָנפֿאַנג 1907 דורך די ס. ר. מיט דער ספּעציעלער אויפֿגאַבע צו באַהאַנדלען די נאַציאָנאַלע פֿראַגע. עס זענען איינגעלאַדן געוואָרן אויסשליסלעך פּאַרטייען און גרופּעס פֿון ס״רישן טיפּ, אָדער אַזעלכע, וועלכע די איניציאַטאָרן פֿון דער קאָנפֿערענץ האָבן צוליב עפּעס וואָס פֿאַררעכנט צום דאָזיקן טיפּ. ס׳האָבן פֿיגורירט צווישן די איינגעלאַדענע די אַרמענישע „דראָשאַ־

קיסטן", די פּ. פּ. ס., די גרוזינישע סאָציאַליסטן־פעדעראַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, די יידישע סיימיסטן; ווייטער אויך אַזעלכע אומבאַקאַנטע, ווי דער „טשוואַשער פאַרבאַנד פון ס. ר., עסטאָנישע פּאַרטיי ס. ס., יאַקוטער פאַרבאַנד פון ס. ר., בוריאַטער פאַרבאַנד פון ס. ר., גריכישע גרופּע ס. ר. אד"גל. — צוזאַמען 15. אַנוועזנד אויף דער קאָנפערענץ זענען געווען בלויז 5. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו בילדן אַ סעקרעטאַריאַט, אַרויסצוגעבן אַן אָרגאַן, צונויפרופן צוזאַמענפאָרן אאז"וו. וואַרשיינלעך איז דאָס אַלץ געבליבן אויפן פּאַפּיר.

עס זענען ענדלעך געמאַכט געוואָרן פּרווון פון אַ דערנענטערונג צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס און די נישט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס. די פּרווון פון אַ צענטראַלער פאַרשטענדיקונג זענען אַדורכגעפאַלן. אָבער אויף די ערטער בעת די רעוואָלוציע־יאָרן, זענען כסדר אַנטשטאַנען אַלגעמיינע אינפאָרמאַטיווע און קאָאָרדינירנדיקע איינריכטונגען.

7

די באַדינגונגען פון רוסישן פּאָליטישן לעבן האָבן ביז איצט געגעבן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פאַרהעלטנישמעסיק ווייניק פאַרנעם פאַר קאָנקרעטע נאַציאָנאַלע „טאַטן", פאַר אַ רעאַלער „נאַציאָנאַלער פּראַקטיק". דאָ וועט זיין דאָס אָרט אָנצומערקן דריי געביטן, אויף וועלכע די דאָזיקע פּראַקטיק האָט זיך יאָ אַרויסגעוויזן: די וואַלן צו דער דומע, קאַמף קעגן פּאָגראָמען און פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג.

ביי די וואַלן צו דער דומע (מיר מיינען די צווייטע און דריטע דומע, אין דער ערשטער האָבן זיך די סאָציאַליסטן נישט באַטייליקט) איז די נאַציאָנאַלע פראַגע נאָך נישט געווען אַוועקגעשטעלט אין גאַנצן פאַרנעם. דאָך האָט אין די גרענעץ־געביטן דער נאַציאָנאַלער מאָמענט געשפּילט גאָר אַ באַדייטיקע ראָלע. דער וואַלקאַמף — יעדנפאַלס ביי די בורזשואַזע פּאַרטייען — האָט זיך געפירט אין אַ באַדייטיקער מאָס, אויב נישט דער עיקר, לויט דער ליניע פון נאַציאָנאַלער צעטיילונג. די קאַנדידאַטור פון אַ „רוסישן מענטשן" קעגן אַ „פרעמדן" איז געווען אַ לאָזונג ביי די עכט־רוסישע לייט אין די גרענעץ־געביטן. קאַמף פאַר אַ פּוילישער רעפּרעזענטאַנץ קעגן דער „יידישער געפאַר" האָט באַפאַרבט מיט אַ העלער אַנטיסעמיטישער פאַרב די טאַקטיק פון די פּוילישע „פרעמדע". „ווײלט נאָר יידן!" — האָבן גערופן די יידישע וואַל־קאָמיטעטן. די נאַציאָנאַלע פּראָגראַמען זענען נישט געווען אויסגעפורעמט; אין וואָס באַשטייט דער שטרייט־פּונקט איז נישט געווען אויפגעקלערט. אָבער נישט געקוקט דערויף, האָט דער נאַציאָנאַלער קאַמף אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויפן גאַנצן גאַנג פון דער וואַל־באַוועגונג.

פאַר די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז געשטאַנען די אויפגאַבע: די נאַציאָנאַלע אַנטאַגאָניזמען אַנטקעגנשטעלן אַן אַנדער מין אַנטאַגאָניזם —

דעם אַלגעמיין פּאָליטישן און קלאַסן־אַנטאַגאָניזם; דער נאַציאָנאַלער שנאה פֿון דער בורזשואַזיע אַנטקעגנשטעלן די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פֿון די אַרבעטער. אָט די דאָזיקע אויפֿגאַבע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן מיט דער גאַנצער קלאָרקייט — און ווי ווייט מעגלעך האָט מען זי פֿאַר־ווירקלעכט. אין דער הינזיכט זענען געווען די גרעסטע שוועריקייטן אין דער צפֿון־מערב־געגנט. די פּראָגרעסיווע קרעפֿטן אין דער קריסטלעכער באַפֿעלקערונג זענען דאָרט זייער שוואַך, די אַרבעטער־באַוועגונג ביי די קריסטן בילדעט נאָך נישט קיין גענוג קענטיקע קראַפֿט, און אין די קליינע שטעטלעך איז זי אינגאַנצן נישט פֿאַראַן. דעריבער איז דער קאַמף צווישן די פּראָגרעסיווע און רעאַקציאָנערע עלעמענטן כסדר צונויפֿגעפֿאַלן מיטן קאַמף פֿאַר אַ יידישער אָדער נישט־יידישער קאַנדידאַטור. די אידעע פֿון סאָלי־דאַריטעט צווישן די אַרבעטער פֿון פֿאַרשידענע נאַציעס, וועלכע בילדן איין אַרמיי אין קאַמף קעגן די בורזשואַזע פּאַרטייען פֿון אַלע נאַציעס, איז דאָ גיכער געווען אַן אַבסטראַקטער פּרינציפּ, וועלכער האָט געפֿונען בלויז אַ שוואַכן אָנשפּאַר אין די קאָנקרעטע באַדינגונגען פֿון פּאָליטישן לעבן אין לאַנד. אָט פֿאַר וואָס פֿאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע שפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פֿון דער דאָ־זיקער געגנט, איז געשטאַנען נישט אַזוי פֿיל די אויפֿגאַבע פֿון קאָאָרדינירן איר טעטיקייט מיט דער טעטיקייט פֿון די נישט־יידישע אָרגאַניזאַציעס (פֿאַרשטייט זיך, אין יענע גרעסערע צענטערס, ווו אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס זענען געווען, איז אָט די אויפֿגאַבע געשטאַנען און געלייזט געוואָרן כמעט אומעטום באַפֿרידיקנדיק, עס זענען געשאַפֿן געוואָרן געמיינזאַמע וואַל־קאָמיטעטן, עס זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן געמיינזאַמע קאַנדידאַטן אאַז״וו), ווי די אויפֿגאַבע — אַ מער שווערערע — פֿון דער אינערלעכער „צע־שפּאַלטונג״ פֿון יידנטום. מען האָט געדאַרפֿט פּאַראַליזירן די אַרבעט פֿון די יידישע בורזשואַזע מנהיגים, וועלכע האָבן אין נאָמען פֿון דער אויסער־לעכער געפֿאַר געשטרעבט צו פֿאַראייניקן אונטער זייערע פֿליגלען די גאַנצע יידישע מאַסע און פֿאַרשטאַרקן זייער מאַכט איבער איר. די הויפּט־אויפֿ־גאַבע איז דעריבער געווען צו באַפֿרייען די ברייטע פֿאָלקס־מאַסן פֿונם היפּנאָז פֿון די דאָזיקע „מנהיגים״ און אַראָפּרייסן די מאַסקע פֿון יענער אידעע פֿון נאַציאָנאַלער איינהייט, אונטער וועלכער עס באַהאַלטן זיך די עגאָיסטישע אינטערעסן פֿון די פֿאַרמעגלעכע שיכטן.

אָבער דאָרטן, פֿאַרשטייט זיך, ווו אין דער פֿאָרם פֿון אַ קאָמפּענסאַציע פֿאַרן איבעררייסן מיט דער בורזשואַזיע האָט די יידישע מאַסע באַגעגנט פֿאַרבינדעטע אין די נישט־יידישע אַרבעטער־מאַסן אָדער ביי דער דעמאָ־קראַטיע בכלל, דאָרטן האָט די אַרבעט פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע גע־פֿונען פֿאַר זיך מער גינסטיקע באַדינגונגען. דאָס איז געווען ווו־ניט־ווו אין צפֿון־מערב־קאַנט, אָבער הויפּטזאַכלעך אין פּוילן און אין דרום־קאַנט.

דאָ האָט די אַרבעטער־באַוועגונג זיך פונאַנדערגעגאַסן מער גלייכמעסיק צווישן די נאַציאָנאַלע גרופּן. פירנדיק אין איר סביבה די ליניע וואָס טיילט אָפּ די אַרבעטער־מאַסן פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געזען, אַז ביי דער שכנישער נאַציע פירט זיך אַן ענלעכע טעטיקייט, וועלכע האָט געשאַפן פאַר איר פאַרבינדעטע און פריינד; דאָ האָט די אַרבעטער־באַוועגונג פון די פאַרשידענע נאַציעס קעגנזייטיק געשאַפן אַ פעסטן אָנשפּאַר פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אייגהייט. דורך געמיינזאַמע קאָנדידאַטורן האָט דאָ דער אַרבעטער־קלאַס פון די פאַרשידענע פעלקער אַקעגנגעשטעלט זיין געמיינזאַמען ווילן קעגן די שטרעבונגען פון די בורזשואַזע פּאַרטייען פון פאַרשידענע נאַציעס.

די וואַל־קאַמפּאַניע צו דער דריטער דומע האָט זיך אויסגעצייכנט, ווי באַוווּסט, מיטן איינפירן נאַציאָנאַלע קוריעס אין זייער אַ באַדייטיקע צאָל פונקטן. דאָרטן, ווו קוריעס זענען געווען איינגעפירט, איז די וואַל־קאַמפּאַניע נאַטירלעך געווען צעטיילט לויט די נאַציעס און האָט זיך איינגעשלאָסן אין נאַציאָנאַלע רעמלעך; ס'איז אויך פאַרשווונדן דער באָדן פאַר נאַציאָנאַלע רייסעניש און די באַדינגונגען פאַר קעגנזייטיקער אינטערנאַציאָנאַלער שטיצע. די אויפגאַבע פון דער אינערלעכער פונאַנדערשיכטונג אין יעטוועדער נאַציע האָט זיך געשטעלט אין אַ מער נאַקעטער און שאַרפער פאָרם.

*

אין דער פראַגע וועגן קאַמף קעגן די פּאָגראָמען איז די אידעישע פּאָזיציע פון די היינטיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען בכלל אַ קלאָרע. אין די פּרטים — זעען מיר גענוג באַדייטיקע וואַריאַציעס: איניקע פּאַרטייען האַלטן פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן דעם ספּעציפישן נאַציאָנאַלן מאָמענט פון די פּאָגראָמען, אַנדערע — רוקן אַרויס אויפן ערשטן פּלאַן דעם פּאָליטישן מאָמענט. איניקע קוקן אויף דער זעלבסטשוץ, ווי אויף אַן אַלגעמיין נאַציאָנאַלע זאַך, אַרום וועלכער אַלע דאַרפן זיך פאַראייניקן, איבערלאָזנדיק אַן אַ זייט די פּאַרטייאישע פאַרשידנהייטן, אַנדערע ווידער — קוקן אויף איר ווי אויף אַ באַזונדערן רינג פון דער אַלגעמיין פּאָליטישער ארבעט און באַמיִען זיך אַריינצופירן יענע פּאַרטייאישע אָפּגרענעצונג, ווי אין אַלע אַנדערע פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען. אָבער דאָס וויכטיקסטע פון אונזער שטאַנדפּונקט איז די פראַגע — וועגן די באַציִונגען, וואָס בילדן זיך אויס אין דער דאָזיקער ספערע צווישן די אַרבעטער פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן און ספּעציעל די פראַגע וועגן יענער ראָלע, וועלכע עס שפּילט דאָ די אַרבעטער־מאַסע פון דער „הערשנדיקער נאַציאָנאַליטעט".

צו דער דאָזיקער פראַגע דאַרף מען צוגיין מיט נאָך מער פאָרזיכטיקייט, ווייל ס'איז נישט פאַראַן קיין מעגלעכקייט צו האָבן וועלכע נישט

איז פֿינקטלעכע און דורכקאָנטראָלירטע מאַטעריאַלן. ס׳קומט אויס צו אָפּערירן מיט פּריוואַטע ידיעות אָדער אָרגאַניזאַציאָנעלע, אָפֿט מאָל קעגנזעצלעכע.[25]

*

עס איז פֿאַראַן נאָך אַ געביט, וווּ עס קומען אין באַרירונג צווישן זיך די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אָדער יעדנפֿאַלס זייערע מיטגלידער, וועלכע וויקלען פֿונאַנדער אין אַ געוויסער מאָס זייער „נאַציאָנאַלע פּראַקטיק״. דאָס איז די פּראָפֿעסיאָנעלע באַוועגונג. אין דער טעאָריע באַציִען זיך כמעט אַלע סאָציאַליסטישע און אַלע אָן אויסנאַם סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פֿון רוסלאַנד נעגאַטיוו צו אַ נאַציאָנאַלער צעברעקלונג פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן קאַמף. אין דער פּראַקטיק אָבער איז אויך די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען נישט פֿרעמד אַ נאַציאָנאַלע גרופּירונג. אַגב, ליגט די סיבה דערפֿון לגמרי נישט אינם געביט פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע גופֿא; זי ליגט גאָר אין אַן אַנדער פֿלאַכקייט, נעמלעך: אין דער פֿראַגע וועגן די באַציִונגען צווישן די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען און די פּאָליטישע פּאַרטייען.

געוויסע פּאַרטייען שטייען אויפֿן שטאַנדפּונקט פֿון „פּאַרטייִשקייט״ פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג. די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען דאַרפֿן זיין פֿאָרמעל אָנגעשלאָסן אין דער פּאָליטישער פּאַרטיי, אָנערקענען איר פֿירונג; אָבער אויף וויפֿל די פּאַרטיי גופֿא איז אַ נאַציאָנאַלע און די פֿאַראייניקונג פֿון באַזונדערע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען איז נאָך אינגאַנצן נישט אַדורכגעפֿירט געוואָרן, — אויף אַזוי פֿיל איז די אָנגעהערי־

---

[25] אין פֿאַרשידענע צייטונגען ווערן פֿלייסיק פֿאַרשפּרייט פֿאַרשידענע ידיעות, קלאַנגען און באָבע־מעשׂות, וועלכע דערלויבן צו רעדן וועגן דעם אָדער יענעם אָנטייל פֿון די רוסישע אַרבעטער אין דער פּאָגראָם־באַוועגונג. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, דאַרף מען זיך צו די דאָזיקע אינפֿאָרמאַציעס באַציִען מיט גרויס פֿאָרזיכט. נאָר דער טענדענציעזער שאָוויניזם קאָן איינזען אין דער פּאָגראָם־„טעטיקייט״ פֿון די דעקלאַסירטע עלעמענטן פֿון די אַרבעטער עפּעס כאַראַקטעריסטישעס פֿאַרן רוסישן אַרבעטער־קלאַס אין גאַנצן. ס׳איז איבעריק וועגן דעם אַ סך צו רעדן. מיר ווילן נאָר באַרירן אַן אַנדער פֿראַגע — וועגן אָנטייל פֿון רוסישן אַרבעטער אין אַקטיוון ווידערשטאַנד קעגן די פּאָגראָמען. מיר פֿאַרמאָגן וועגן דעם זייער מאָגערע ידיעות. אין די צייטונגען קענען מיר געפֿינען אַ ריי רעזאָלוציעס פֿון אַרבעטער־מיטינגען, וועלכע דריקן אויס די גרייטקייט צו שטעלן אַן ענערגישן ווידערשטאַנד אַלע פּרוּוון פֿון פּאָגראָמען; ס׳איז אָן צווייפֿל, אַז אַזעלכע קאַטעגאָרישע דערקלערונגען האָבן נישט איין מאָל געהאַט אַ ווירקונג. אָבער דאָס באַציט זיך שוין צו דער מער שפּעטערדיקער עפּאָכע, 1906, ווען די הויפּטכוואַליע פֿון די פּאָגראָמען איז שוין אָפּגעפֿאַלן. פֿון דער גאָר פֿריִערדיקער עפּאָכע — אין רעכטן פֿייער פֿון די פּאָגראָמען — איז מיר באַקאַנט אַ מענגע פֿאַקטן, ווען רוסישע אַרבעטער און רוסישע אינטעליגענטע יוגנט האָבן געשפּילט זייער אַ באַדייטיקע ראָלע אין דער זעלבסטשוץ. אַזוי איז געווען אין אָדעס, יעקאַטערינאָסלאַוו, קיִעוו און אַנדערע ערטער. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז נישט שווער צו ברענגען קעגנזעצלעכע פֿאַלן, ווען רוסישע אַרבעטער האָבן זיך פֿאַרהאַלטן פּאַסיוו.

קייט צו דער געגעבענער פּאַרטיי פֿאַרבונדן מיט דער אָנגעהעריקייט צו דער געגעבענער נאַציע. צוזאַמען מיט פּאַרטיייִשקייט טראָגט אַריין די פּאָליטישע פּאַרטיי אין פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין אויך די נאַציאָנאַלע צעטיילונג, געוויס נישט-ווילנדיק, און געוויס צייטווייליק, ביז דער פֿאַראייניקונג.

ווייטער עקסיסטירט אַ נאַציאָנאַלע צעטיילונג אין געוויסע אינדוסטריע-צווייגן צוליב די אָדער אַנדערע אָביעקטיווע סיבות אין דער פּראָדוקציע גופֿא; אַ גאַנצע ריי פֿאַכן, למשל, זענען איבערפֿולט אויסשליסלעך מיט ייִדישע אַרבעטער, צו אַנדערע פֿאַכן האָבן ייִדן לגמרי קיין צוטריט נישט. ס'איז נאַטירלעך, אַז אויך דאָ זענען די פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס איינהייטלעך לויט זייער נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל. דאָס איז אָבער נישט דערפֿאַר, ווייל זיי ווינטשן זיך צו זיין נאַציאָנאַל, נאָר פּשוט צוליב דעם, וואָס אין געגעבענעם פֿאַך זענען נישט פֿאַראַן קיין אַרבעטער פֿון אַן אַנדער נאַציע, אָדער זיי האָבן עפּעס נאָך נישט קיין באַדערפֿעניש זיך צו אָרגאַניזירן. בכלל גענומען ווערט אַלץ שטאַרקער די באַדערפֿעניש צו שאַפֿן אַן איינהייטלעכע פּראָפֿעסיאָנעלע באַוועגונג, און אַזוי ווי פּרינציפּיעלע פּאַרטיידיקער פֿון אַ נאַציאָנאַלער צעטיילונג זענען נישט פֿאַראַן, פֿאַרשווינדט טאַקע אַלץ מער און מער די נאַציאָנאַלע איזאָלירטקייט. אין די דרום-מערבדיקע און דרומדיקע גובערניעס זענען די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען כמעט אומעטום אינטערנאַציאָנאַל. אויף צפֿון-מערב קאָן מען אויך אָנצייגן זייער אַ באַדייטיקע צאָל געמישטע, לויט זייער צוזאַמענשטעל, פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס; לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן בילדן זיי אַ גרויסע מערהייט. מיר האָבן אָבער נישט וועגן דעם קיין פּינקטלעכע ידיעות.

וועגן די קעגנזייטיקע באַציִונגען אינעווייניק אין די אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַראיינען געפֿינען מיר אין דער פּרעסע כמעט נישט קיין שום ידיעות. בכלל גענומען איז אין דער פּראַקטיק פֿון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין רוסלאַנד באַקאַנט אַ געוויסע צאָל קאָנפֿליקטן, וואָס זענען אַנטשטאַנען צווישן די אַרבעטער פֿון איין און דער זעלביקער פּראָפֿעסיע אויפֿן באָדן פֿון נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ. זייער אַ שאַרפֿע פֿאָרעם האָט אָנגענומען דער קאַמף צווישן די פּוילישע און ייִדישע וועבער אין לאָדזש און ביאַליסטאָק צוליב דער פֿראַגע וועגן צולאָזן די ייִדן צו די מעכאַנישע שטולן. ס'איז אָבער באַוווּסט, אַז אין ביאַליסטאָק, למשל, איז נאָך לאַנגע רייבונגען געקומען צו אַ געמיינזאַמער פֿאַרשטענדיקונג, לויט וועלכער מען האָט אויף אַ באַשטימטן אופֿן רעגולירט דעם ענין. (מען האָט אָנגענומען די נאָרמע פֿון 50 פּראָצענט). עס עקסיסטירט אַ געמיינזאַמער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַראיין, וואָס גיט אַכטונג, אַז דער אָפּמאַך זאָל געהאַלטן ווערן. אָט די איינצלנע פֿאַלן פֿון קאָנפֿליקטן האָבן אַ שייכות נישט אַזוי צו דער פּראַקטיק פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען ווי צו דער פּראַקטיק פֿון דער נישט-אָרגאַניזירטער אָדער שוואַך אָרגאַניזירטער אַרבעטער-באַוועגונג. אחוץ אַזעלכע איינצל-

פֿאַלן קאָן מען בכלל קאָנסטאַטירן אַ פֿרידלעכע צוזאַמענאַרבעט פֿון אַרבעטער פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן אין דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג.[26]

מיר וועלן דערמאָנען נאָך אַ געביט פֿון דער טעטיקייט פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען, וועלכער געפֿינט זיך נאָך איצט אין אַ פּרימיטיוון צושטאַנד, אָבער ווען ער וועט מיט דער צייט זיך אַנטוויקלען, וועט ער אין אַ געוויסער מאָס דאָך אַרויסרוקן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע. מיר מיינען דאָ אייגנטלעך די קולטור־ און בילדונגס־טעטיקייט, וועלכע גייט אויך אַריין אין קרייז אויפֿגאַבעס פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען. אויף וויפֿל דער

[26] איך וועל מיר דערלויבן צו ברענגען אַ ביסל אינפֿאָרמאַציעס, וועלכע עס האָט מיר איבערגעגעבן אַ פּערזאָן, וואָס שטייט נאָענט צו דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג, וועגן דער באַוועגונג אין ווילנע און דער אַרומיקער געגנט: „דער פֿאַראיין פֿון די לעדער־אַרבעטער האָט געציילט (ביז דער לעצטער צייט זומער 1908; איצט, ווי אַלע אַנדערע פֿאַראיינען, געפֿינט ער זיך אין אַ צושטאַנד פֿון צעפֿאַלונג) אַן ערך 650 יידן און 150 קריסטן — ליטווינער און פּאָליאַקן. אין דער פֿאַרוואַלטונג האָבן יידן די מערהייט; די קאַנדידאַטן ווערן אַרויסגעשטעלט לויט די פֿאַכן. יידישע פֿאַכן זענען פֿאַראַן עטלעכע (שוסטער, שטעפּער, הענטשקע־מאַכער), די קריסטן זענען אַלע קאָנצענטרירט אין איין פֿאַך — שוסטעריי. אויף די פֿאַרזאַמלונגען באַנוצט מען געוויינלעך אי רוסיש, אי יידיש. די באַציִונגען זענען געווען און געבליבן גוטע; רייבונגען צווישן פֿאַרשידענע פֿאַכן זענען געווען פֿון אַ פּראָפֿעסיאָנעלן כאַראַקטער, אָבער קיין מאָל זענען נישט געווען קיין סכסוכים אויפֿן נאַציאָנאַלן באָדן“... „דער פֿאַראיין פֿון מעטאַל־אַרבעטער האָט געציילט אַן ערך אַזוי פֿיל מיטגלידער ווי דער לעדער־פֿאַראיין, צווישן זיי מער ווי אַ העלפֿט קריסטן. אין דער פֿאַרוואַלטונג האָבן אויך די לעצטע געהאַט אַ מערהייט; די באַציִונגען — די זעלביקע ווי אין לעדער־פֿאַראיין; רייבונגען זענען דאָ געווען מער, אָבער ווידער אַמאָל נישט אויפֿן נאַציאָנאַלן באָדן“... „ס'האָט עקסיסטירט נאָך אַ געמישטער פֿאַראיין פֿון בוי־אַרבעטער; — די רעגירונג האָט אים פֿאַרמאַכט. אָנגעפֿירט האָבן יידן. די באַציִונגען זענען געווען ווי אַמבעסטן... אין סמאַרגאָן עקסיסטירט אַ פֿאַראיין פֿון גאַרבער, וועלכער ציילט ביז 2000 מיטגלידער — כמעט גלייך אויף גלייך יידן און קריסטן; די באַציִונגען — ביז גאָר פֿריינדלעכע. די פּילשפּראַכיקייט האָט געשאַפֿן טעכנישע שוועריקייטן, האָט אַ ביסל טאָרמאָזירט די אַרבעט, הויפּטזעכלעך די פּראַקטישע זייט, אָבער קיין שום פֿאַקטן פֿון צוזאַמענשטויסן אָדער ערנסטע רייבונגען אויפֿן נאַציאָנאַלן באָדן זענען נישט באַוווּסט נישט מיר און נישט אַנדערע, וועלכע זענען נאָענט באַקאַנט מיט די געמישטע פֿאַראיינען... אין לעדער־פֿאַראיין האָט זיך אַ געוויסע צייט באַמערקט ביי די קריסטלעכע אַרבעטער אַן אומצופֿרידנקייט דערמיט, וואָס די „שטרייק־מאַכעריי“, מיט וועלכע די יידישע אַרבעטער זענען געווען מער אָנגעשטעקט, ליידיקט אָפּט אויס די קאַסע פֿון פֿאַראיין, אָבער די דאָזיקע שטילע אומצופֿרידנהייט האָט נישט געפֿירט צו קיין פֿאָלגן. ביים דאָזיקן פֿאַראיין עקסיסטירט אַ ביבליאָטעק מיט אַ לעזע־זאַל. ביים צונויפֿשטעלן די רשימה פֿון די זשורנאַלן און צייטשריפֿטן, האָבן די פֿאָרשטייער פֿון די „נאַציעס“ אַרויסגעוויזן כמעט אַ ריינדיקע קעגנזייטיקע זאָרג וועגן דעם, אַז ס'זאָלן זיין גענוג פּרעסע־אָרגאַנען אויף אַלע דריי שפּראַכן“. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך איז ווילנע אין דעם פֿאַל נישט קיין אויסנאַם, און די אָבסערוואַציעס וואָס מען האָט געמאַכט אין דער דאָזיקער שטאָט זענען אויך כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די אַנדערע.

פּאַראײן פירט אַזאַ אַרבעט קומט אים שוין אויס זיך צו רעכענען מיט די פאַרשיידנקייטן פון דער קולטור־פיזיאָנאָמיע, פון די גייסטיקע באַדערפע־נישן, שפּראַך און פּסיכאָלאָגיע פון די אַרבעטער פון די באַזונדערע נאַציעס. די קולטור־אַרבעט ווי די פּאָליטישע, דאַרף מען פירן צופּאַסנדיק זיך צו די אייגנאַרטיקייטן פון דער געגעבענער נאַציאָנאַלער סביבה. דערפון שטאַמט די נויטווענדיקייט אין נאַציאָנאַלע סעקציעס. אַ מין נאַציאָנאַל־קול־טורעלע אויטאָנאָמיע אין די ראַמען פון געמיינזאַמען פאַראײן. דער דאָזיקער פּרינציפּ איז אַרויסגערוקט געוואָרן נאָך אויף דער 7טער קאָנפערענץ פון „בונד" (פרילינג 1906); אין זעלביקן זינען זאָגן זיך אויך אַרויס די סיימיסטן און די אוקראַינער. דאָס פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן פּרינציפּ האַלט נאָך דערוויילע ערשט ביים אָנהויב.

*

מיר האָבן אָנגעהויבן אונזער אַרטיקל מיט דער אָנווייזונג, אַז די אַר־בעטער־באַוועגונג האָט כסדר געשטרעבט צו גיין מיט איר באַזונדערן וועג, וועלכער שיידט זיך אונטער פון יענעם וועג, מיט וועלכן עס גייען אַנדערע קלאַסן פון דער געגעבענער נאַציע. מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז די דאָזיקע כאַ־ראַקטעריסטיק קאָן מען נישט אָנווענדן אין אַ גלייכער מאָס בנוגע אַלע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען. נישט אַלע פירן זיי זייער ליניע דייטלעך און שאַרף. אַנדערע פילן נאָך צו קלאָר זייער קרובהשאַפט מיט די בירגערלעכע שיכטן.

מיר וואָלטן געוואָלט אונטערשטרייכן נאָך איין זאַך. די דייטלעכקייט און שאַרפקייט פון דער קלאַסן־פּאָליטיק געפינט זיך ווייט נישט אין אַ ווידערשפּרוך צו דער אָנגעזעענער ראָלע, וואָס עס שפּילט די נאַציאָנאַלע אויפלעבונג. כדי צו שפּילן אַזאַ ראָלע איז נישט נייטיק צו שווערן טרייהייט דעם נאַציאָנאַליזם, וואָס שטייט איבער אַלע קלאַסן. איך וועל מיר דערלויבן צו ברענגען אַלס אַ ביישפּיל די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דער „בונד" האָט אַלע מאָל געשטרעבט צו פירן זיין קלאַסן־ליניע קלאָר און שאַרף, נישט אָפּנייגנדיק אָן אַ זייט. און צוזאַמען דערמיט, נאָכפאָלגנדיק קלאַסן־אויפגאַ־בעס און שטעלנדיק זיי בראש פון אַלץ, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַן אומגעהויערער פאַקטאָר פון נאַציאָנאַלן לעבן ביי יידן. ער האָט געוועקט די געזעלשאַפטלעכע ענערגיע, סטימולירט אין אַן אומגעהייערן גראַד די קול־טור־אַנטוויקלונג, האָט געשאַפן זייער אַ ברייטע ליטעראַטור, האָט געשפּילט אַן אומגעהויערע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקס־שפּראַך.

די אַרבעטער־באַוועגונג דאָס איז דער רוקנביין פון דער באַפרייונג־באַוועגונג בכלל און פון דער נאַציאָנאַלער — בפרט... און וואָס שאַרפער עס טיילט זיך אויס איר קלאַסן־אינדיווידואַליטעט, וואָס דייטלעכער זי רוקט זיך אַרויס און באַפרייט זיך פון דער בורזשואַזער ירושה און איר אָנוווקס, אַלץ שטאַרקער ווערט אָט דער דאָזיקער רוקנביין. אין זיין כוח — ליגט די ערבות פאַר דער צוקונפט פון גאַנצן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם.

די יידן־פֿראַגע אין רוסלאַנד *

1

אין יאָר 1797 האָט פּאַול דער ערשטער פֿאַראָרדנט אַרויסצופֿאָדערן פֿון מינסקער גובערנאַטאָר, „נאָכן אויסהערן די מיינונג פֿון די פּריצים (דוואָריאַנעס), אַן אויפֿקלערונג וועגן די סיבות פֿון דער אָרעמקייט ביי די פּויערים און אויסגעפֿינען מיטלען, ווי אַזוי זייער לאַגע צו פֿאַרבעסערן". אַלס ענטפֿער איז געקומען די „מיינונג" פֿון די „מאַרשאַלס" — די אָנפֿירער פֿון די דוואָריאַנעס אין מינסקער גובערניע (פּרעדוואָדיטעלי דוואָריאַנס־טוואַ). נאָך אייניקע באַמערקונגען וועגן מאַגערן באָדן און גערעטעניש, מגיפֿות אויף בהמות א״א האָבן די „מאַרשאַלן" געשריבן: „ביי דעם דאָזיקן נידעריקן מצב פֿון דער פּויערישער ווירטשאַפֿט איז נאָך די הויפּט־סיבה די יידן... זיי פֿאַרנעמען זיך נישט מיט אייגענער אַרבעט און לעבן מיט זייערע משפּחות אין די דערפֿער, זויגן אַרויס דאָס לעצטע פֿון די פּויערים מיט פֿאַרשידענע מיטלען, וואָס זענען בלויז זיי אַליין באַקאַנט; נעמלעך: זיי באַרגן אויס די פּויערים בראָנפֿן, וואָס דערפֿירט זיי צו שיכּרות; מיט פֿאַרשידענע שפּיצלעך און פֿאַלשע שטיק דערפֿירן זיי די פּויערים צו אָרעמקייט און מאַכן זיי אומפֿעיִק צו פֿירן זייער באַלעבאַטישקייט".

די דאָזיקע קורצע שורות — דאָס איז די ערשטע פֿאָרמל פֿון געזעל־שאַפֿטלעכן אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד. מען האָט אויסגעפֿונען אַ כּשוף־וואָרט, און געפֿונען אַזוי געלונגען, אַז אין משך פֿון העכער 100 יאָר ווערט עס כּסדר איבערגעחזרט ביז איצט, מיט די אָדער אַנדערע וואַריאַציעס, וואָס ענדערן נישט די עצם־זאַך. די פֿראַגע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן, און די פֿירער פֿון דער אָפֿיציעלער רוסישער פּאָליטיק האָבן אָקצעפּטירט אַזאַ מין אַוועקשטעלן די פֿראַגע.

נאָך די מינסקער דוואָריאַנעס האָבן גענומען אַ וואָרט די דוואָריאַנעס פֿון אַנדערע גובערניעס — פּאָדאָליער, וואָלינער, ליטווישע. אין די פּראַק־טישע אויספֿירן זענען זיי נישט אַלע געווען איינשטימיק, אָבער צו איין הסכּם זענען זיי אַלע יאָ געקומען: „די הויפּט־סיבה זענען די יידן". און נאָך אין איין זאַך זענען זיי אַלע געווען איינשטימיק: ס'איז נויטיק אַ שטאַרקערער שוץ פֿון די פּריצישע רעכט און אינטערעסן.

---

* איבערגעדרוקט פֿון וויעסטניק יעוראָפּי, אַפּריל 1911. איבערגעזעצט אויף יידיש פֿון ו. שולמאַן.

די דאָזיקע ביידע מאָטיוון — דאָס ייִדישע „אַריינדרינגען" און די נויטיקייט צו שיצן די רעכט פֿון די פּריצים — ציט זיך ווי אַ רויטער פֿאָדעם דורך דער גאַנצער ליטעראַטור פֿון די פּריצישע „מיינונגען" פֿון יענער צייט. אָרגאַניש, אומטייַלבאַר מיטאַנאַנדער פֿאַרבונדן, שפּיגלען זיך אָפּ די דאָזיקע מאָטיוון אויך אין די באַריכטן פֿון דעם מיניסטער־פּאָעט דערזשאַווין, דעם דאָזיקן ערשטן אידעאָלאָג פֿון רוסישן אַנטיסעמיטיזם; זיי לייגן אַרויף אַ בולטן שטעמפּל אויף דער ערשטער „געזעצן־זאַמלונג וועגן ייִדן" (1804) און בילדן דעם גאַנצן סיסטעם פֿון פּאָליטישן אַנטיסעמיטיזם.

די ייִדן־פֿראַגע איז אויף אַזאַ אופֿן אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ פּריצישער באַלויכטונג. אייגנטלעך איז דאָס געווען נישט קיין זעלבסטשטענדיקע און אין עצם אַפֿילו נישט קיין „ייִדישע" פֿראַגע. די ייִדן אַלס אַזעלכע האָבן געוויס קיינעם נישט אינטערעסירט. די פֿראַגע וועגן זיי איז אַנטשטאַנען דורך אַגב. דאָס איז געווען נישט קיין ייִדן־פֿראַגע, נאָר אַן אַנטי־ייִדישער ענטפֿער אויף דער פּויערים־פֿראַגע.

די טעמע איז געווען — די פּויערים. וועגן זיי, נישט וועגן די ייִדן, האָט מען גערעדט. לאָמיר זאָגן דייטלעכער: וועגן די פּויערים און די פּריצים. אין עצם איז דאָס געווען אַ פֿראַגע וועגן לייב־אייגנטום (פּאַנשטשיזנע). אָבער אַזוי אַוועקשטעלן די פֿראַגע האָט זיי נישט געלוינט און ס'איז געווען פֿאַר זיי נישט באַקוועם, האָט מען די פֿראַגע געמאַכט פֿאַר אַ ייִדישע. און עס איז נישט געווען קיין ריינער צופֿאַל, וואָס דער זעלבער דערזשאַווין, וואָס איז געווען דער ערשטער אידעאָלאָג פֿון דער אַנטיסעמיטישער קאַמפּאַניע אין יענער צייט, האָט געהערט צו די סאַמע פֿאַרביסענע קעגנער אַפֿילו פֿון יענע נישטיקע האַלב־מיטלען, וואָס זענען געווען געווענדט אויף צו באַגרענעצן דאָס לייב־אייגנטום רעכט, וועגן וואָס מען האָט אָנגעהויבן רעדן אין די ערשטע יאָרן פֿון דער הערשאַפֿט פֿון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן.

עס איז באַקאַנט די ראָל פֿון די ייִדן אין דאָרפֿישן לעבן פֿון יענער צייט: מיט ייִדישע הענט האָבן די דוואָריאַנעס עקספּלואַטירט די פּויערים. די ייִדן זענען געווען די שוואָם — אויסגעקוועטשט זי האָבן די פּריצים. און בעת די ראָל פֿון די ייִדן האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן, זענען די פּריצים געבליבן אין שאָטן. און ווען עס האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע: ווער איז שולדיק? — איז דער ענטפֿער געווען אַן איינהייטלעכער: די ייִדן. דער לייבאייגנטימער, וואָס באַהאַלט זיך הינטערן רוקן פֿון די ייִדן — אָט ווער עס איז געווען דער באַגייסטערער פֿון די אַנטי־ייִדישע פֿאַראָרדענונגען, אָט ווער עס איז געווען, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, דער מחבר פֿון דער ייִדן־פֿראַגע אין איר טראַדיציאָנעלער אַוועקשטעלונג.

די אידעע איז נישט געווען אַזוי אָריגינעל. זי איז אויסגעוואַקסן אויפֿן באָדן פֿון פֿיל־דורותדיקער טראַדיציע פֿון דער אַלטער פּויליש־

ליטווישער מלוכה; אָבער אויך אַהין איז זי אַריינגעבראַכט געוואָרן פֿון מערב־אייראָפּע, צוזאַמען מיט דער ייִדישער מאַסן־עמיגראַציע. דאָ ווי דאָרטן האָט מען אויף די ייִדן געקוקט ווי אויף אַ מיטל, ווי אויף אַ ווערקצייג, ווי אויף אַ שטיק־פּונקט פֿאַר די אָדער אַנדערע שיכטן, פֿאַר דער רעגירונג, פֿאַר דער „איינגעבוירענער באַפֿעלקערונג". ס'איז באַקאַנט דער קלאַסישער שפּרוך, וועלכן מיר געפֿינען אין סטאַטוט פֿון פּוילישן קעניג קאַזשימיעזש: „די ייִדן דאַרפֿן האָבן אַלע מיטלען אָנצוזאַמלען געלט, כּדי אין פֿאַל פֿון נויטווענדיקייט זאָלן זיי קאָנען אַ טייל דערפֿון אָפּגעבן פֿאַר דער מלוכה". די פֿאָרמען פֿון אויסנוצן האָבן זיך געביטן; פֿון אָנהייב האָט מען אויף די ייִדן געקוקט ווי אויף אַ גוטן קוואַל פֿון הכנסה, שפּעטער האָט מען פֿון זיי גענומען ציִען אויך אַ ריין פּאָליטישן ריווח, אָבער אַ שטיק־פּונקט זענען זיי געווען און געבליבן אַזוי ביז איצט.

אין רוסלאַנד האָבן די דוואָריאַנעס אין דער הינזיכט געזאָגט בלויז דאָס ערשטע וואָרט. אין משך פֿון העכער 100 יאָר זענען צוגעקומען נאָך נייע ווערטער. אָבער שטענדיק האָט מען די ווערטער וועגן ייִדן אַרויסגערעדט עפּעס אויף אַן אַנדער טעמע, עפּעס וועגן עמעצנס זייטיקע אינטערעסן און נוצן. נאָך די דוואָריאַנעס און צוזאַמען מיט זיי זענען אויף דער סצענע אַרויסגעטראָטן אויך אַנדערע קלאַסן, שיכטן, גרופּעס און קליקעס. עס זענען געקומען אונטערטעניקסטע ווענדונגען און תּחנונים — בקשות פֿון שטאָטישע שיכטן: זיי האָבן זיך געקלאָגט אויף דער ייִדישער קאָנקורענץ, געוויינט, אַז די ייִדישע בעלי מלאָכות און סוחרים נעמען אַוועק דאָס ברויט ביי דער „איינגעבוירענער" באַפֿעלקערונג, גראָבן אונטער דאָס קריסטלעכע האַנטווערקערטום און דעם האַנדל, רויִנירן דעם קריסטלעכן האַנדל־ און אינדוסטריע־קלאַס. אומזיסט, אָבער וואָגיק האָבן זיך געלאָזט פֿילן די אינטערעסן פֿון דער אַדמיניסטראַציע, באַזונדערס דער אָרטיקער, וועלכע האָט גאָר גיך פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ גרויסן נוצן זי קאָן אַרויסציִען פֿון דער אידעע, אַז ייִדן בילדן אַ שעדלעכן עלעמענט פֿאַר דער באַפֿעלקערונג, פֿון דער רעכטלאָזער לאַגע פֿון דער ייִדישער מאַסע, וועלכע איז פֿולקום אָפּהענגיק פֿונעם ווילקיר פֿון דער פּאָליציייִשער מאַכט. מען האָט אַרויסגערוקט ריין פּאָליטישע אינטערעסן, וועלכע האָבן זיך אַזוי בולט אַרויסגעוויזן פֿאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן, אין דער עפּאָכע, ווען עס האָט זיך בריט אַנטוויקלט די פֿרייהייט־באַוועגונג: ס'איז געווען גאַנץ באַקוועם אַוועקצושטעלן די דאָזיקע גאַנצע באַוועגונג אויפֿן חשבון פֿון די ייִדן. די לעגענדע וועגן דער „ייִדישער רעוואָלוציע" האָט געפֿונען פֿאַר זיך אַ גינסטיקן באָדן.

אין אונזער אויפֿגאַבע גייט נישט אַריין צו שילדערן און אַנאַליזירן דעם גאַנצן קאָמפּליצירטן קנויל פֿון די פֿאַרשידנסטע עגאָיִסטישע אינטערעסן, וואָס אונטער זייער דרוק זענען צוגעקומען אַלץ נייע פּונקטן צום

באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די ייִדן און וואָס צוליב זיי איז פּאַראַלעל גע־פירט געוואָרן די סיסטעם פֿון דער אַנטי־ייִדישער פּאָליטיק. פֿאַר אונז איז נייטיק אונטערצושטרייכן איין זאַך: די אידעע וועגן דער ייִדישער שולד איז צוגעטשעפּעט געוואָרן צו אַלץ, איז געווען אַ סוראָגאַט פֿון אַלערליי ענטפֿערס אויף אומבאַקוועמע פֿראַגעס. דעם ייִדן האָט מען אָפּגעשטויסן ווען דאָס איז געווען נויטיק, צוגעצויגן ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס וועט ברענגען אַ וועלכן נוצן; מיטן ייִדן האָט מען געשלאָגן דעם קעגנער, זיך געוואָרפֿן מיט אים ווי מיט אַ פּילקע (באַל) אין קאָמפּליצירטן פּאָליטישן שפּיל. דאָס דאָזיקע שפּיל איז פֿאַר דער וועלט אויפֿגעדעקט געוואָרן נישט אינגאַנצן, אָבער ס'איז גענוג דאָס, וואָס מיר ווייסן.

2

וואָס אייגנטלעך האָבן געזאָלט באַטייטן די ווערטער „ייִדן־פֿראַגע"? דאַכט זיך, אַז דאָס האָט געדאַרפֿט זיין די פֿראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי זאָל איינגעאָרדנט ווערן דאָס לעבן פֿון די ייִדן, ווי אַזוי באַפֿרידיקן די אינטע־רעסן פֿון די ייִדישע מאַסן, ברענגענדיק זיי, פֿאַרשטייט זיך, אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסן פֿון ברייטן כּלל, צו וועמען זיי געהערן אַלס אַ טייל. מיר האָבן געזען, אַז אין דער אמתן איז דאָס נישט געווען אַזוי. אין דער אמתן איז די „ייִדן־פֿראַגע" געשטאַנען אַנדערש, נעמלעך: ווי אַזוי אויס־נוצן די ייִדן.

עס איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז דערביי האָט דאָך געמוזט אַנט־שטיין די פֿראַגע וועגן די ייִדן גופֿא: וואָס מאַכט מען מיט די ייִדן אַליין? איינפֿאַך לאָגיש האָט נישט געקאָנט אַנטשטיין די פֿראַגע. אָבער דער הויפּט־סטימול פֿון פּאָליטישע און אַלע אַנדערע אינטערעסן איז געוויס באַשטאַנען נישט אין דער דאָזיקער פֿראַגע, נאָר דערין — „ווי אַזוי אויסנוצן"? ווייל דאָ טאַקע איז געווען (און נאָך ביז איצט פֿאַראַן) די אמתע רעאַלע פֿאַראינ־טערעסירטקייט פֿון באַשטימטע געזעלשאַפֿטלעכע (און אַנטי־געזעלשאַפֿט־לעכע) קרעפֿטן. ס'איז גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע פֿאַראינטערע־סירטקייט האָט געגעבן דער רוסישער פּאָליטיק אין דער ייִדן־פֿראַגע — ביי אַלע אירע טיילווייזע זיגזאַגן — אַ געוויסע אַלגעמיינע אויסגעהאַלטנ־קייט, שטאַנדהאַפֿטיקייט פֿון מעטאָד.

ס'איז אינטערעסאַנט אָנצוווייזן אויף איין אומשטאַנד. אויב עמעצער וואָלט זיך אַנטשלאָסן צו גלויבן אין די אַלע שרעקלעכע זאַכן, וואָס מען האָט אַזוי פֿיל אָנגערעדט וועגן די ייִדן, אין די אַלע מעשיות וועגן זייער איינפֿלוס, צוזאַמענגעשלאָסנקייט, מעכטיקייט און אַזוי ווייטער, וואָלט ער געדאַרפֿט באַ־קומען דעם איינדרוק וועגן ייִדן ווי וועגן אַ געוואַלטיק מעכטיקן געזעל־שאַפֿטלעכן כּוח. אין דער אמתן אָבער — און אַזאַ פּאַראַדאָקסאַלע סיטואַציע איז עס שוין די נייגונג גופֿא „אויסצונוצן" די ייִדן ווי אַ וועריקצייג, ווי

אַ שטיצע, ווי אַ פֿאַראַוואַן, אַט די נייגונג אַליין אַרויפֿצוואַרפֿן אויף זיי כּלערליי בלבולים, דערין אויך יענעם, וועלכן מיר האָבן אָקערשט דערמאַנט, איז באַשאַפֿן געוואָרן אין אַ באַדייטיקער מאָס טאַקע דערפֿאַר, ווייל אין יידנטום גופֿא האָט זיך נישט געשפּירט קיין שום געזעלשאַפֿטלעכע קראַפֿט. און דעריבער טאַקע (יעדנפֿאַלס צום טייל דעריבער) האָט דער ייד נישט אַרויסגערופֿן צו זיך אַן אינטערעס אַליין און פֿאַר זיך, נאָר אַלס מיטל צו דערגרייכן אַ וועלכן נישט איז זייטיקן ציל. נישט זייענדיק קיין אַנזעעוודיקע אַקטיווע געזעלשאַפֿטלעכע קראַפֿט, מיט וועלכער מען זאָל זיך דאַרפֿן רעכענען, איז דאָס יידנטום נאַטירלעך געווען אויסגעשטעלט אויף אַ ראָל פֿון אַ פּאָליטישער פּילקע, מיט וועלכער עס האָבן פּאָליטיש געשפּילט די מער שטאַרקע און מעכטיקע.

און ווירקלעך, חוץ דער סאַמע לעצטער צייט, קאָן מען נישט רעדן וועגן וועלכע נישט איז אַרויסטרעטונגען — פּאָליטישע אָדער געזעלשאַפֿטלעכע — אין וועלכע עס זאָל זיך האָבן אַרויסגעוויזן דער אָרגאַניזירטער ווילן פֿון די יידישע מאַסן. דאָס הייסט נישט, פֿאַרשטייט זיך, אַז די יידן האָבן זיך פֿאַרהאַלטן גלייכגילטיק צו זייער גורל, אַז ביי זיי איז נישט געווען אין אַ געניג־שטאַרקער מאָס אַנטוויקלט דאָס געפֿיל פֿון געזעלשאַפֿטלעכקייט. ניין, אָבער כּדי אַרויסצווייזן אַ וועלכן נישט איז באַוווסטזיניקן און פּלאַנ־מעסיקן דרוק — שוין נישט רעדנדיק וועגן אַ פּאָליטישן דרוק — האָבן די יידן נישט פֿאַרמאָגט נישט קיין פּסיכאָלאָגישע און נישט קיין אָביעקטיווע מעגלעכקייט. אַ געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונג האָט דער פּאָליטישער רע־זשים בכּלל נישט דערלויבט, און דערצו האָבן די יידן נישט פֿאַרמאָגט אַזעלכע געזעלשאַפֿטלעכע קלאַסן, וועלכע וואָלטן געקאָנט אויסטראָגן אַ באַוועגונג אויף זייערע פּלייצעס. זיי זענען געווען חוץ דעם דערשלאָגן און אָנגעשראָקן — אַ זעלבסטגעפֿיל פֿון מענטשן, וועלכע מען פֿאַרטראָגט בלויז צוליב רחמנות.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען זענען די ווירקונגס־מיטלען געווען קליינע און זענען נישט אַרויס פֿון די גרענעצן פֿון טראַדיציאָנעלע „ביטעס" און „מתּנות". אי דאָס ערשטע, אי דאָס צווייטע האָט מען פּראַקטיצירט אין אַ געוואַלטיקער מאָס. דער אַלטפּרענקישער אינסטיטוט פֿון „שתּדלנות" — חשובֿע יידן, וועלכע האָבן געדאַרפֿט ווינען אין די הויפּט־שטעט און זיך משתּדל זיין פֿאַר זייערע גלויבנס־ברידער — איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן פֿון פּוילן קיין רוסלאַנד און האָט זיך דאָ איינגעבירגערט גאַנץ פֿעסט. אמת, ער האָט פֿאַרלוירן זיין פֿאַרמעלן כאַראַקטער (אין פּוילן איז דאָס געווען אַ גאַנץ אָפֿיציעלער פּאָסטן; אגבֿ האָט אויך די רוסישע אַדמיניסטראַטיווע פּראַקטיק געהאַט איינגעשטעלט אַן אינסטיטוט פֿון יידישע „דעפּוטאַטן"), אָבער דאָס האָט נישט פֿאַרקלענערט זיין פּאָפּולאַריטעט. אין דער דאָזיקער אַזוי צו זאָגן פּריוואַטער פֿאָרם איז ער נישט פֿאַרשוווּנדן געוואָרן און אויך

ביז איצט לייגט ער נאָך אַוועק אַ געגוג קלאָרן שטעמפּל אויף די פּאָליטישע מנהגים פון געוויסע ייִדישע שיכטן. וואָס פאַר אַ מנהגים דאָס קאָנען זיין, קאָן מען אורטיילן לויט יענע ליטעראַרישע דאָקומענטן, וועלכע זענען גע־בליבן פון אָנהייב 19טן יאָרהונדערט. נישט געקוקט דערויף, וואָס איז זיי רעדט זיך נישט וועגן קליינלעכע פּערזענלעכע ענינים, נאָר וועגן אַלגעמיינע רעפאָרמעס פון גאַנצן ייִדישן לעבנס־שטייגער, איבעררעאשן ממש אַפילו אַזעלכע, דאַכט זיך, בעסערע מוסטערן פון דער „בקשות״־ליטעראַטור מיט דעם אַלאונטערטעניקסטן טאָן, אין וועלכן זיי זענען געשריבן. און דער דאָ־זיקער טאָן איז טיף סימפּטאָמאַטיש: די גזעלשאַפטלעכע מאַכטלאָזיקייט פון די ייִדן שפּיגלט זיך אָפּ אין אים מיט דער גרעסטער קלאָרקייט. איב־ריקנס איז נישט נייטיק זיך צו ווענדן צום 19טן יאָרהונדערט, כדי אויפצו־זוכן אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע דאָקומענטן. אַ יאָרהונדערט שפּעטער טרעפן מיר זיך ווייטער מיט ענלעכע ביטעס, אמת, מיט דעם אונטערשייד, וואָס איצט באַגעגענען זיי דעם לעבהאַפטסטן פּראָטעסט ביי די ייִדן גופא. דער פּראָצעס פון געזעלשאַפטלעכער רייפקייט האָט זיך דאָך אַ רוק געטאָן פאָרויס.

אַ גרעסערן באַטייט האָט געהאַט דער צווייטער אופן פון אויס־פּועלן וועלכע נישט איז מתנות. דער איינציקער געזעץ־קאָדעקס פאַר ייִדן איז געווען — כאַבאַר. אָבער נאָך אַ גרעסערע ראָלע האָט געשפּילט די דריטע פאָרם — שוין נישט פון ווירקן, נאָר פון נישט־ווירקן, פון פּאַסיוויטעט — אַ מין פּאַסיווער ווידערשטאַנד. דאָס איז געווען אַ פּאַסיווער ווידערשטאַנד נישט אין יענעם פּאָליטישן זין ווי מען פאַרשטייט דאָס אין דער היינטיקער צייט: ווי אַ פאָרם פון אַ פּלאַנמעסיקן און באַוווּסטזיניקן פּאַסיוון ווידער־שטאַנד. ניין, דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם הוילן פאַקט פון דער עק־סיסטענץ פון אַ גרויסער ענג־צוזאַמענגעלעבטער מאַסע, וועלכע פאַרמאָגט אַ גאַנץ פאַרשטענדלעכע קראַפט פון אינערציע און אַ געוויסע ווירטשאַפט־לעכע איינגעשפּאַרטקייט זיך צו קלאַמערן אין אירע פּאָזיציעס. טאַקע אָט דער אומשטאַנד, לחלוטין אָן אַ באַוווּסטזיניקן פּלאַן פון די אָנטיילנעמער גופא, האָט נישט איינמאָל געדינט אַלס שטערונג קעגן די אָדער יענע מאַ־ניפּולאַציעס, וועלכע עס האָט צוגעטראַכט פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג דער אָדער יענער דערפינדערישער אַדמיניסטראַטאָר. אויב מיר וועלן נאָכ־פאָרשן, למשל, די געשיכטע פון באַגרענעצן דאָס וווין־רעכט, וועלן מיר באַגעגענען אַ ריי ראַדיקאַלע פאַראָרדענונגען, וועלכע זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט איין שטריך פון דער פעדער און וועלכע זענען געבליבן (אויב נישט אויף שטענדיק איז דאָך אויף אַ לאַנגער צייט) נישט אויסגעפירט טאַקע אָט צוליב דעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד.

דאָס איז געווען אַלץ. קעמפן אָפן פאַר זייערע אינטערעסן האָבן די ייִדן נישט געהאַט נישט קיין כח, נישט קיין דרייסטקייט. ס'איז נאַטירלעך,

אַז מען האָט זיך מיט זיי אַרומגעוואָרפֿן, אַרומגעשלײדערט. זיי האָבן געהאַט אויך זייערע סימפּאַטיקער, אָבער דאָס איז געווען אַ פֿילאַנטראָפּישע רחמנות־סימפּאַטיע — אַ מענטשלעכער רחמנות; לײדער אָבער וואָרט פּאָליטיק נישט געפֿירט מיט פֿילאַנטראָפּישן רחמנות; אמת, עס זענען געווען (און עס זענען פֿאַראַן) אויך נישט־פֿילאַנטראָפּישע פּאַרטייזדיקער: עלעמענטן, וועלכע זענען באמת געווען פֿאַראינטערעסירט אין אָפּשטעלן די אַנטי־ייִדישע פּאָליטיק. אונטערן דרוק פֿון די דאָזיקע עלעמענטן פֿלעגט אַמאָל אָנקומען פֿאַר די ייִדן אַביסל אַ לײכטערע צייט, אָבער סוף־כּל־סוף זענען דאָ די ייִדן געווען בלויז אַן אָביעקט; מיט זיי האָט מען זיך געעסקט — אָבער נישט צוליב זיי אַליין. זייערע אינטערעסן זענען צונויפֿגעפֿאַלן מיט די אינטערעסן פֿון זייערע פּאַרטייזדיקער.

דער עיקר איז: דאָס זענען געווען טאַקע פּאַרטייזדיקער אָבער נישט פֿאַרבינדעטע. דאָס איז אַ געוואַלטיקער אונטערשיד. אַ פֿאַרבינדעטער רעכנט זיך מיט זיין פּאַרטנער ווי מיט אַ קראַפֿט; אַ פּאַרטייזדיקער נעמט אים אונטער זיין שוץ. כּל־זמן די ייִדן פֿאַרמאָגן נישט קיין פֿאַרבינדעטע נאָר פּאַרטייזדיקער, בלייבן זיי ווי פֿריער אַ פּילקע.

די צייטן בייטן זיך, און פֿאַר אונזערע אויגן ווערן רייף אין דער ייִדישער סביבה געזעלשאַפֿטלעכע קרעפֿטן. אַליין און פֿאַר זיך זענען זיי נישט גרויס. און דאָך: עס איז פֿאַראַן, ווער עס זאָל גיין האַנט ביי האַנט מיט אַנדערע פֿריינדלעכע עלעמענטן.

אַזוי צי אַנדערש — די ייִדן־פֿראַגע אין איר טראַדיציאָנעלער, ד. ה. אַגרעסיווער פֿאָרם איז אינספּירירט און אָנגעשטעלט געוואָרן דורך יענע, וועמען עס איז געווען נוצלעך „אויסצונוצן" דעם ייִדן. „דער ייִד איז שעדלעך"; אינם פּראָקלאַמירן דעם דאָזיקן טעזיס — טאַקע אינם פּראָקלאַמירן גופֿא — איז באַשטאַנען דער שווערפּונקט פֿון דער ייִדן־פֿראַגע. אָבער דאָס פּראָקלאַמירן דעם דאָזיקן „אמת" האָט דאָך צו עפּעס פֿאַרפֿליכטעט. האָט פֿאַרפֿליכטעט צו געבן אַן ענטפֿער אויף אַ צווייטע פֿראַגע: ווי אַזוי זשע מאַכן דעם ייִדן אומשעדלעך?

און אויב צו גלייך מיט באַגרענעצונג־מיטלען, צו גלייך מיט פֿאַרשרײַבן געגנאַטיווע, וועלכע האָבן אָנגעוויזן וואָס ייִדן טאָרן נישט טאָן, האָט מען אונטערגענומען אויך געוויסע פּאָזיטיווע שריט. האָט מען פֿאַרגעשריבן די ייִדן וואָס זיי דאַרפֿן יאָ טאָן — איז אָט די „פּאָזיטיווע" אַרבעט געגאַנגען אונטערן צייכן פֿון מאַכן די ייִדן אומשעדלעך. דאָס איז אין עצם געווען די פֿאַרקערטע זייט פֿון די באַגרענעצונגס־מיטלען. ווייל מען האָט מיט די ייִדן איינגעטענהט (יעדנפֿאַלס האָבן די רעזשיסאָרן פֿון דער באַגרענעצונגס־פּאָליטיק געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי טראַכטן אַזוי), אַז די אויסנאַם־פּאָליטיק האָט נאָר אַ צייטווייליקן כאַראַקטער, אַז סוף־כּל־סוף וועט מען זי אָפּשטעלן, ד"ה דאַן, ווען די ייִדן וועלן זיך פֿאַרבעסערן און וועלן פֿאַרדינען

אן אנדער באציונג צו זיך. און ביז יענער צייט — באגרענעצונגען און אויסנאמען מיט א צוגאב פון אזעלכע מיטלען, וואס זאלן באווירקן, אז די יידן זאלן זיך פארבעסערן.

א קלאסישע פארמל האט געגעבן דערזשאווין. „אין דער היינטי־קער צייט — האט ער געשריבן — קאן מען אייגנטלעך נישט האלטן די יידן פאר אנגעהעריקע צו דער רוסישער מלוכה (פון אונז אונטערגעשטראכן—וו. מ.). נאר דאן, יעדנפאלס אין עטלעכע דורות ארום, ווען די בילדונג וועט אומ־באמערקטערהייט ברענגען פרוכט, וואס וועט זיין אנגענעם פארן קריסטנטום, נאר דאן, אבער נישט פריער, וועלן די דעמאראליזירטע יידן, אויב זיי וועלן ענדערן זייערע איבערגלייבערישע מנהגים, זיין דירעקטע אונטער־טאנען פון רוסלענדער טראן".

אין וואס זשע פאר א ריכטונג האט מען גערעכנט צו רעפארמירן דאס יידישע לעבן, כדי ארויסצוציען פון די יידן „יענע גוטע פרוכטן, וואס וועלן זיין אנגענעם פארן קריסטנטום?"

מען האט געהאלטן פאר אן אקסיאמע: די יידן זענען א נישט־פראָ־דוקטיווער עלעמענט, וועלכער זייגט אויס די זאפטן פון דער „איינגעבוי־רענער" באפעלקערונג. ס'איז קלאר דעריבער, אז כדי זיי אומשעדלעך צו מאכן דארף מען זיי פארוואנדלען פון א פאראזיטישן שיכט אין א פראָ־דוקטיוון. פון דאנען דער לאזונג: מען דארף ביי די יידן וועקן חשק צו ערד־ארבעט, צו האנטווערק און אינדוסטריע.

דער דאזיקער לאזונג איז געווארפן געווארן אין סאמע אנהייב פון 19טן יארהונדערט. מען האט אים כסדר איבערגעחזרט. מצד די יידן — יעדנפאלס יענע, וועלכע האבן געהאט די מעגלעכקייט זיך ארויסצוזאגן — האט ער באגעגנט פולשטענדיקע סימפאטיע. און דאך, אויב מיר וועלן אויס־רעכענען אלץ, וואס איז אין דער הינזיכט אויפגעטאן געווארן אין משך פון אזא לאנגער צייט, וועט דער סך־הכל זיין נאענט צו זירא. דער איינציקער געביט, אויף וועלכן עס איז יא געווען אנטוויקלט א וועלכע נישט איז טע־טיקייט, דאס איז צוצוציען די יידן צו ערד־ארבעט. אבער אויך דא האבן די רעזולטאטן פון פיליאריקע באמיונגען זיך אויסגעדריקט דערין, וואס עס האט זיך אויסגעבילדעט א נישטיק הייפל יידישע לאנדווירטשאפטלעכע קאלאניעס, וואס בנוגע דער אלגעמיינער מאסע יידישער באפעלקערונג מאכט עס אויס נאר א נעבעכדיקע צאל. און עס וואלט טאקע געווען שווער צו דערווארטן א מאסן־איבערגאנג פון דער יידישער באפעלקערונג, וואס איז פון דור דורות איינגעלעבט מיט הענדלערישע, אינדוסטריעלע און פארמיטלערישע פונקציעס, — צו ערד־ארבעט, אין די באדינגונגען פון דער רוסישערווירקלעכקייט, וואס זענען אזוי ווייניק צוציענדיק.

כדי צוצוציען יידן צו אינדוסטריע, האט די רעגירונג גארנישט גע־טאן, אויב נישט רעכענען געוויסע אילוזארישע רעכט, וואס זענען געגעבן

געוואָרן יידן־האַנטווערקער. עס איז דעריבער נישט קיין ווונדער, וואָס דאָ גראָד איז אַנטשטאַנען די פּראַגע, וועלכע איז טאַקע נייטיק פאַר די יידן גופא, וואָס זענען רעאַל פאַראינטערעסירט אין געזונט מאַכן זייער עקאָנאָ־מישן לעבן. אָבער אויב די יידן זענען דערין געווען פאַראינטערעסירט אין אַ הויכער מאָס, איז אָבער די פאַראינטערעסירטקייט פון די יעניקע, וועלכע האָבן אויף דער יידן־פּראַגע געמאַכט אַ קאַריערע, געווען אַ ניש־טיקע. רעדן וועגן דער אומפּראָדוקטיווקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג — דאָס איז געווען נוצלעך. אָבער אין דער אמתן אויפהייבן די דאָזיקע פּראָדוקטיווקייט — ווער האָט וועגן דעם ערנסט געטראַכט? אויך דער ווי־דערשטאַנד פון די קריסטלעכע האַנטווערקער וואָלט נישט געלאָזט פאַרווירק־לעכן די סאַמע בעסטע ווונטשן פון די סאַמע אויפריכטיקע רעפאָרמאַטאָרן.

אָט אַזוי איז מען געבליבן ביי ווערטער און... ביי די באַגרענע־צונגס־מיטלען: די ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד.

מען דאַרף אָנווייזן, אַז אַ געוויסער קער אינם ווירטשאַפטלעכן לעבן פון די יידן איז דאָך פאָרגעקומען אין משך פון 19טן יאָרהונדערט. אָבער נישט ווייל עמעצער האָט געזאָרגט דערפאַר, נאָר אַ דאַנק אַ גאַנצער ריי אַנ־דערע אָביעקטיווע פאַקטאָרן, אויף וועלכע מיר קאָנען זיך דאָ נישט אָפּ־שטעלן.

די פּראַגע וועגן דער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור פון יידישן לעבן שטייט אויך איצט אויף דער טאָג־אָרדענונג ביי די יידן. דער נישט־פּראָ־פּאָרציאָנעל אַנטוויקלטער האַנדל־קלאַס, דער שוואַכער אַנטייל אין דער גרוי־סער אינדוסטריע, דער אומגעהייער גרויסער פּראָצענט מענטשן, וועלכע פאַר־מאָגן בכלל נישט שום באַשטימטע באַשעפטיקונג, די אַלגעמיינע נישט־שטאַנדהאַפטיקייט און וואַקלדיקייט אינם עקאָנאָמישן לעבן — דאָס אַלץ לייגט אויך איצט אַרויף אויף דער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור פון די יידן אַן איינגאַרטיקן שטעמפּל, וואָס מאַכט זייער לאַגע נאָך שווערער. אָבער אויב עס וואָלט זיך איצטער געפונען אַ מענטש, וועלכער דערוואַרט פון דער רוסישער מאַכט (אַזעלכער ווי זי איז איצט) אַ וועלכע נישט איז מיטוויר־קונג אויפן דאָזיקן געביט, וואָלט ער אין די אויגן אַפילו פון די אָפּגעשטאָ־נענסטע שיכטן ביי יידן, אויסגעקוקט ווי אַ פאַרפאַלענער אוטאָפּיסט. אָט דאָס האָבן די יידן געלערנט פאַר די הונדערט יאָר, וואָס זענען אָפּ־געלאָפן פון יענער צייט, ווען די בעסטע פאַרשטייער פון דער יידישער געזעלשאַפט האָבן געשריבן צו די רוסישע שררות מעמאָריאַלן, געוויינט און געקעמפט וועגן „אויסבעסערן די יידישע לאַגע".

מער אינהאַלט פאַרמאָגט שוין די געשיכטע פון „רעפאָרמירן" אַ צווייטן געביט פון יידישן לעבן: די געשיכטע פון דער השכלה־אַרבעט. די אַלגעמיינע השגה איז פון דורות אָן געווען אַזעלכע: די יידן זענען אַ רויע, אָפּגעשטאַנענע, נישט־געבילדעטע מאַסע. זיי זענען דורכגענומען מיט

שעדלעכע, געפֿערלעכע פֿאַראורטיילן; זיי לעבן אָפּגעזונדערט, און דאָס פֿאַרשטאַרקט נאָך מער די געפֿאַר; זיי זענען אומקולטורעל, שמוציק, פֿול מיט אָבערגלויבן. דאָס אַלץ מוז באַזייטיקט ווערן. מען דאַרף די ייִדן אַריינגעבן די רוסישע בילדונג (אויב מעגלעך אויך דעם קריסטלעכן גלויבן), מאַכן אַ סוף צו זייער אָפּגעזונדערטן לעבנס־שטייגער, זייערע בגדים, געוווינהייטן, מנהגים. באַזייטיקן דאָס אַלץ, וואָס טיילט אָפּ דעם ייִדן פֿון רוס. קורץ גערעדט, מען דאַרף די ייִדן רוסיפֿיצירן.

אַזוי איז פֿון לאַנג אָן געווען דער בליק פֿון די רעגירונגס־ספֿערן. אין דער היינטיקער צייט קאָן מען טרעפֿן אין דער פּראָגרעסיווער פּרעסע מיינונגען, אַז די טראַדיציאָנעלע פּאָליטיק פֿון דער רוסישער רעגירונג באַשטייט דערין — נישט צוצולאָזן די ייִדן צו דער רוסישער קולטור, פֿאַרפֿעסטיקן זייער אָפּגעזונדערטקייט, פֿאַרצוימען דעם וועג צו אַסימילאַציע. דאָס איז אמת בלויז בנוגע דער לעצטער צייט. פֿריִער האָט די מאַכט זיך געהאַלטן אויך בנוגע די ייִדן ביי די רוסיפֿיצירונג־בליקן, פּרוווּנדיק נישט איין מאָל דורכצופֿירן די דאָזיקע בליקן אין דער פּראַקטיק.

באַזונדערס האָט די דאָזיקע פּראַקטיק זיך פֿונאַנדערגעבליט אין דער עפּאָכע פֿון ניקאָלאַי דעם ערשטן, אַן עפּאָכע, וואָס איז געווען צום מערסטן פֿיינלעך און שווער פֿאַר די ייִדן. דער נאַציאָנאַלער פּראָזעליטיזם האָט זיך צונויפֿגעפֿלאָכטן מיטן רעליגיעזן פּראָזעליטיזם, די רוסיפֿיצירונג־פּאָליטיק — מיט מיטלען, אַז די ייִדן זאָלן אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. און די אַכזריות און גראָבליניקייט, וואָס זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר יענער עפּאָכע האָט געבראַכט דערצו, אַז די דאָזיקע פּאָליטיק האָט פֿאַרשאַפֿט די ייִדן שרעקלעכע יסורים און פּיין.

מען פֿלעגט כאַפּן ייִדישע קינדער, אָפּגעבן זיי פֿאַר קאַנטאָניסטן און . . . אַרויסציִען פֿון זיי די „פֿרוכט, וואָס איז אָנגענעם פֿאַרן קריסטנטום". „מען פֿלעגט זיי פֿאַרטרייבן ווייט פֿון זייער היים — דערציילט וועגן די יסורים פֿון די קאַנטאָניסטן וו. ניקיטין — אַ דריטל, אַ העלפֿט פֿון זיי בלייבט אויפֿן וועג; ס'קומט אָן אַ פּאַרטיע; דער נאַטשאַלניק גיט אַ באַפֿעל: נישט אָפּלאָזן קיינעם פֿון די ייִדישע סאָלדאַטן; מען פֿאַרמאַכט זיי אין אַ קאַלטער קאַמער, אָן בעטגעוואַנט. מען נעמט ביי זיי צו אַלץ, וואָס זיי האָבן, און ס'הייבט זיך אָן דאָס פּייניקן, וואָס פֿירט גלייך און דירעקט דערצו — צו צווינגען די קאַנטאָניסטן, אַז זיי זאָלן אָננעמען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן". „ די באַמיִונגען פֿון אונזערע דערציִער — דערציילט דער זעלבער מחבר — צו מאַכן אונז פֿאַר פּראַוואָסלאַוונע, זענען געווען אַזוי שטאַרק, אַז יעדן טאָג האָבן שוין איינער אָדער צוויי ייִנגלעך „געוואָלט" זיך שמדן. אָבער דער מיטל אָפּצושמדן איינציקווייז האָט זיי דערעסן, האָבן זיי גענומען אויספּרעסן אַזאַ „ווילן": דוכט זיך, אַז אין אַ חדשים דריי נאָך אונזער אָנקומען אין דאָרף, האָט מען אַ 50—60 ייִנגלעך, ווי אַ סטאַדע

שעפסן אוועקגעטריבן צום טייך און דארטן אלעמען מיט אמאל אפגעשמדט. די אפגעשמדטע האט מען אויף א צייט אויפגעהערט צו פייניקן, מען האט זיי איבערגעטאן אין גוטע שטיוול, אין נייע שינעלן... די דאזיקע אפגעשמדטע האבן לאנג נישט געוווסט אפילו ווי זיי הייסן אויף רוסיש . . . ״

מען האט אויך אונטערגענומען מיטלען צו פארשטארקן דעם חשק אנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן; נאך אין יאר 1817 איז געגרינדעט געווארן א „קאמיטעט צום שוץ פון יידישע קריסטן״; פאר ניקאלאי דעם ערשטן איז ארויס א געזעץ, לויט וועלכן א נישט־קריסט, וועלכער שמדט זיך בעת עס ווערט געפירט קעגן אים א קרימינעלער פראצעס, ווערט באפרייט פון יעטוועדער שטראף; יידישע סאלדאטן, וועלכע שמדן זיך, באקומען געלט־מתנות. און צו גלייך דערמיט האט נאך ביזן יאר 1865 עקסיסטירט א געזעץ, לויט וועלכן די אייגנטימער פון עפנטלעכע לאקאלן איז פארווערט צו דערלויבן יידן עפנטלעך דאוונען, צו גלייך ווי עס איז פארווערט אין אזעלכע לאקאלן אומארדענונגען, געשלעגן אד״גל. מיט א באזונדער התמדה און פלייס האט זיך געפירט די ארבעט וועגן אויסווארצלען די אויסערלעכע אייגנארטיקייטן פון יידישן לעבנס־שטייגער: מען האט גענומען א שטייער פאר טראגן א יארמולקע, עס איז בכלל געווען פארבאטן צו טראגן יידישע קליידונג, פאות, אפראזירן דעם קאפ ביי פרויען, וואס האט זיך געפאדערט לויטן יידישן מנהג.

אבער צוגלייך מיט דעם אלעם מערקט זיך אן א פלאן פון רעפארמירן די יידישע פאלקס־בילדונג. אין די פערציקער יארן פון פארגאנגענעם יארהונדערט איז די דאזיקע רעפארם פארבונדן מיטן נאמען פון גראף אווואראוו, דעם דעמאלטיקן בילדונגס־מיניסטער. ס׳איז פארטראכט געווארן א ברייטער פלאן. מען האט גערעכנט צו שאפן א גאנצע נעץ יידישע פאלקס־שולן, ווו צו גלייך מיטן לערנען די יידישע רעליגיע האט מען געזאלט פארשפרייטן צווישן יידן אויך די רוסישע שפראך און רוסישע בילדונג, דערפירנדיק אויף אזא אופן צו דער אסימילאציע פון דער יידישער באפעלקערונג מיט דער רוסישער. אווואראוו האט זיך געווענדט נאך הילף צו די יידן, צו פארשטייער פון די יידן גופא. דער הויפט־טוער פון די רעפארמערס איז געווען דער יידישער משכיל ד״ר לילייענטאל. אווואראוו האט זיך אויך פארבונדן מיט די אנגעזעענע פארשטייער פון מערב־אייראפעישן יידנטום — מאנטעפיארע, קרעמיע. די סימפאטיע פון די יידישע פראגרעסיווע עלעמענטן איז געווען געזיכערט; ביי די יידן האט זיך אנגעהויבן די השכלה־עפאכע. אין דער פראקטיק האט פון דער ברייטער רעפארם זיך באקומען (אויב עס האט בכלל עפעס וואס געקאנט דערפון ארויסקומען) קאזיאנע (מלוכהשע) שולן אינם סטיל פון די ניקאלאייעווער צייטן; קריסטלעכע אינספעקטארן, וועלכע האבן געהאט די אויפזיכט איבער

די ייִדישע מלמדים בשותּפות מיט דער פּאָליציי; דאָס „אויסרייניקן" די ייִדישע תּורה דורך די באַמיִונגען פון אומוויסנדיקע אינוואַלידן...

אין די זעכציקער יאָרן הייבט זיך אויף אַ נייע כוואַליע פון השכלה־טעטיקייט. דאָס מאָל שוין אונטערן קלאָרן צייכן פון פּאָליטישע רוסיפי־צירנדיקע טענדענצן. די ייִדן האָבן געזאָלט בילדן קאַדערס פון אַ רוסיפי־צירטן און רוסיפיצירנדיקן עלעמענט אין דער מערב־געגנט. ס'איז דורכגע־פירט געוואָרן מוראַוויאָווס פּאָליטיק. קאָרנילאָוו, וועלכער איז דאַן געווען דער קוראַטאָר (פּאַפּעטשיטעל) פון ווילנער בילדונגס־ראַיאָן, האָט אָפן און דייטלעך דערקלערט, רעדנדיק וועגן בילדונג פאַר ייִדן: „פאַר דער צפון־מערב־געגנט איז נויטיק בלויז און אויסשליסלעך (קורסיוו פון מעמאַריאַל) רוסישע שולן, רוסישע שפּראַך, רוסישע בילדונג. אַלע געלט־מיטלען און די פאַראַנענע קרעפטן דאַרפן פאַרווענדט ווערן נאָר דערויף. די דייטשע שפּראַך, וועלכע איז איבערגעלאָזט געוואָרן אין לערן־פּראָגראַם פון ייִדישע קאַזיאָנע פאָלקס־שולן פון ערשטער קאַטעגאָריע, דאַרף אויסגעשטראָכן ווערן פון די לימודים, און די שעהן, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן אויף דעם דאָזיקן קעגנשטאַנד, דאַרפן אָפּגעגעבן ווערן הויפּטזאַכלעך אויף צו פאַר־שטאַרקן די רוסישע שפּראַך".

אַ לאַנגע עפּאָפּעיע איז פאַרבונדן מיט דער רוסיפיצירונגס־כוואַליע פון די זעכציקער יאָרן. אויך דאָס מאָל האָט די רעפאָרם נישט געהאַט קיין דערפאָלג. די רעאָרגאַניזאַטאָרן זענען געווען צו פרעמד דעם קולטור־שטייגער פון ייִדישן לעבן, די קולטור באַדערפעניש פון דער ייִדישער באַפעלקערונג; אויך די רעליגיעזע פאָראורטיילן פון דער אָפּגעשטאַנענער מאַסע האָבן דאָ געווירקט. די ייִדישע מאַסע האָט אָפּגעשטויסן פון זיך די שול, וועלכע מען האָט איר פאָרגעלייגט.

די רוסיפיצירונגס־פּאָליטיק פון דער רוסישער רעגירונג בנוגע די ייִדן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איין אויסערסט וועזנטלעכן שטריך, וועל־כער האָט זיך אויסגעטיילט פון דער ענגלעכער פּאָליטיק, וואָס איז געפירט געוואָרן בנוגע אַנדערע נאַציעס: זי האָט אָנגעטראָפן אויף דער לעבהאַפט־סטער סימפּאַטיע פון די השכלה־עלעמענטן ביי ייִדן גופא און אויך ביי די פּראָגרעסיוו־געשטימטע שיכטן פון דער רוסישער געזעלשאַפט. ס'פאַר־שטייט זיך, אַז רעדנדיק וועגן סימפּאַטיע דאַרף מען אין גאַנצן זיך אַבסטראַ־הירן פון די קאָנקרעטע פאָרמען פון דער רוסיפיצירנדיקער און מיסיאָנע־רישער פּאָליטיק, וועלכע מיר האָבן אויבן געשילדערט. אין דער פראַגע וועגן די וועגן און פאָרמען האָבן געקאָנט זיין — און עס זענען טאַקע געווען — פאַרשידענע מיינונגען, אָבער די אידעע גופא איז אָקצעפּטירט געוואָרן מיט פולשטענדיקער איינשטימיקייט. די אידעע פון רוסיפיצירן, די אידעע פון אַסימילאַציע, וועלכע האָט אָנגעטראָפן אויף אַזאַ ווידערשטאַנד ביים אָנווענדן זי בנוגע אַנדערע נאַציעס, האָט בנוגע ייִדן עפּעס ווי זיך אָפּגע־

רייניקט פון איר אידיאַן (פיינדלעכן) כאַראַקטער. די רוסישע רעגירונג, די ליבעראַלע עלעמענטן פון דער רוסישער געזעלשאַפט און די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון די יידן האָבן אין דער דאָזיקער פראַגע זיך געגעבן די הענט: שוין גאָר אַן אָריגינעלער דרייבונד.

אַזאַ בונד האָט נישט געקאָנט זיין קיין פעסטער און זיכערער, און ער איז זיך פונאַנדערגעפאַלן. די ערשטע איז אַוועק די רעגירונג. ס'איז איר נישט שווער געווען זיך צו איבערצייגן, אַז די פרוכט, וואָס די רוסישע בילדונג ברענגט דער יידישער יוגנט — הגם זי איז אַריינגעדרונגען צו זייער אַ דינעם שיכט, — האָט ווייניק געמיינזאַמעס מיט יענע רעזולטאַטן, וועגן וועלכע עס האָבן געטרוימט געוויסע מלוכה־מענער. אַנשטאָט אומשעדלעך צו מאַכן די יידן, ווי דאָס איז געווען געווונטשן, האָט זיך אויסגעבילדעט גאָר אַ נייער עלעמענט פון „קראַמאָלע". דאָ איז נאָך צוגעקומען די מורא פאַר דער יידישער קאָנקורענץ, און אין רעזולטאַט האָט די קולטור־טרעגעריי פון דער רעגירונג געמאַכט אַ קער צוריק אויף הונדערט אַכציק גראַד. אַנשטאָט רוסיפיצירונג איז געקומען אָפּשטויסונג: פאַרצוימען די וועגן צו דער רוסישער קולטור, די באַרימטע פּראָצענט־נאָרמע און יענע גאַנצע גרינטלעך־אויסגעאַרבעטע סיסטעם פון באַגרענעצונגען, וואָס איז אונז אַזוי גוט באַקאַנט פון דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק. גאָר בולט ווערט כאַראַקטעריזירט דער דאָזיקער קער מיט צוויי פאַראָרדנונגען, וואָס זיינען שליסט אויס די צווייטע. פאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָט עקסיסטירט אַ געזעץ, לויט וועלכן אין די פּריוואַטע יידישע שולן — די חדרים — איז מען געווען פאַרפליכטעט צו לערנען די רוסישע שפּראַך; אין איצטיקן מאָמענט עקסיסטירט אַ געזעץ, וועלכער פאַרווערט צו לערנען די רוסישע שפּראַך אין די חדרים. אַ מער בולטע אילוסטראַציע איז שווער צוצוטראַכטן.

דער בונד צווישן דער רעגירונג און דער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפט איז זיך צעפאַלן. די ערשטע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון וועלכע נישט איז פּאָזיטיווע מעשים אויפן געביט פון יידישער בילדונג, די צווייטע איז געבליבן ביי די אַלטע אויפגאַבעס. פאַר דער רעגירונג איז די יידן־פּראַגע לגמרי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פראַגע וועגן באַגרענעצונגען און אויסנאַמען. די ליבעראַלע עלעמענטן האָבן ווייטער גערעדט וועגן קולטורעלן איינפלוס. דערביי האָבן זיי זיך פאַרגעשטעלט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן די באַדערפעניש פון יידן גופא.

ביז איצט איז נאָך געבליבן דער טראַדיציאָנעלער קוק אויף דער שיידליניע, וואָס טיילט אָפּ אין דער דאָזיקער פּראַגע די רעגירונגס־עלעמענטן פון די פּראָגרעסיסטן: די ערשטע זענען פאַר נישט צולאָזן, די צווייטע — פאַר אַריינגעמען. אָפּשטויסן אָדער אַסימילאַציע. בנוגע דער נאָך גאָר נישט לאַנגער פאַרגאַנגענהייט איז אַזאַ השגה אפשר אַ ריכטיקע. אָבער נאָר בנוגע דער פאַרגאַנגענהייט, ווייל די לעצטע יאָרצענדליקער האָבן

זיך אויסגעצייכנט מיט א טיפן קער אינם יידישן לעבן גופא. די יידן־פראגע האט זיך ארויסגערוקט אין אן אנדער פארעם און האט זיך אוועקגעשטעלט גאר אנדערש.

אויף וואס איז געווען געבויט דער טראדיציאנעלער בליק אויף די יידישע קולטור־אויפגאבעס? אין זיין יסוד איז געלעגן די השגה: יידן זענען נישט קיין נאציע, נאר א רעליגיעזע געמיינשאפט. מען האט זיי באטראכט ווי א טייל פון רוסישן פאלק, ווי אן אפגעשטאנענעם טייל, וואס איז פארגליווערט אין פאראורטיילן, און אפגעשניטן פון אמתן קולטור־לעבן, וואס האט אבער נישט פאר זיך קיין אנדערע וועגן חוץ ענדגילטיק פארפעסטיקן זיין רוסישן וועזן, ענדגילטיק פארוואנדלט ווערן אין עכט רוסישע מענטשן, וועלכע רעדן רוסיש, לעבן מיט דער רוסישער קולטור און שיידן זיך אונטער פון דער איבעריקער רוסישער באפעלקערונג נאר מיט זייער אמונה. אזוי איז געווען די אלגעמיינע השגה, אזוי איז געווען דער אידעאל פון די געבילדעטע יידן. און אויב די אדער אנדערע טוער פון דער יידישער השכלה־עפאכע האבן נאך אפערירט מיט די ווערטער „יידישע נאציע", זענען אבער די קאנקרעטע אויפגאבעס דערפירט געווארן צו איינס און דאס זעלבע: רוסישע קולטור און יידישע רעליגיע. עס איז דעריבער נישט קיין ווונדער, וואס די אסימילאטארישע מיטלען פון דער רוסישער מאכט האבן געפונען סימפאטיע ביי די אידעאלאגן פון דער יידישער השכלה; עס איז אויך נישט קיין ווונדער, וואס דער קער פון דער רעגירונג אין אן אומגעקערטער ריכטונג האט באטייט פולשטענדיק איבעררייסן מיט די פראגרעסיווע טענדענצן. די טענדענצן גופא זענען דערפון אין קיין פאל נישט שוואכער געווארן; פארקערט, די פארבאטענע פרוכט פון דער רוסישער קולטור האט באקומען א מער זיסן טעם. און עס האט זיך אויסגעארבעט אן אמת סיי ביי די פראגרעסיווע יידן, סיי ביי זייערע רוסישע פריינד: דאס הויפט־שלעכטס באשטייט דערין, וואס מען לאזט יידן זיך נישט אסימילירן. זאל מען נאר ארапנעמען די צוימען — און די פראגע וועט געליזט ווערן דורך דער ארבעט פון רוסישן שול־לערער.

די רוסישע געזעלשאפט, וועלכע האט נישט קיין מעגלעכקייט שנעל און רעכטצייטיק זיך צו אריענטירן אין דעם, וואס עס קומט פאר אין דער יידישער סביבה, איז ביז איצט געבליבן ביי די דאזיקע באגריפן. זי ווייסט נישט, אז אין דער יידישער געזעלשאפט גופא האבן די דאזיקע באגריפן נישט בלויז פארלוירן זייער אמאליקן חן, נאר אפילו כמעט דעם גאנצן קרעדיט. פון אמאליקן דרייבונד, וואס איז אנטשטאנען אויפן באדן פון דער רוסיפיצירונג־אידעע, איז אוועק נישט בלויז די רעגירונג. ס'זענען אוועק די יידן גופא. די אידעע האט זיך ארויסגעוויזן אלס נישט אננעמבאר פאר זיי.

פֿאַר די ייִדן איז נישטאָ קיין אַנדער וועג חוץ אַסימילאַציע מיט די רוסן — אַזוי האָט מען געטראַכט מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק. עס זענען אַוועק יאָרן, און דאָס לעבן האָט באַוויזן, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַן אַנדער וועג. און נישט נאָר עס איז פֿאַראַן אַזאַ וועג; ער איז אויך דער איינציק מעגלעכער וועג פֿאַר דער ייִדישער מאַסע, ווייל אַסימילירן זיך קאָנען בלויז יחידים. די מאַסע אָבער אַנטוויקלט די נאַציאָנאַלע קולטור, און עס האָט זיך אָנגעהויבן ביי ייִדן אַ נאַציאָנאַלע אויפֿלעבונג.

מיר האָבן דאָ אין זינען נישט יענע נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק, וועלכע איז פֿאַרבונדן מיט די אידעען פֿון ציוניזם און טעריטאָריאַליזם, און וועלכע איז כסדר געקומען אין אַ קאָנפֿליקט מיט די לעבנס־אינטערעסן פֿון די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן. מיר רעדן וועגן דער קולטור־אויפֿלעבונג פֿון די דאָזיקע מאַסן גופֿא.

די דאָזיקע דערשיינונג האָט זיך באַוויזן גאָר נישט לאַנג. זי איז ענג פֿאַרבונדן מיטן וווּקס פֿון בירגערלעך־רעכטלעכן באַוווּסטזיין, מיט די דעמאָקראַטישע אידעען און מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג. די נייע שטרע־מונגען, וועלכע האָבן זיך ברייט פֿונאַנדערגעוואַקסן אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿט צום סוף פֿון די נײַנציקער יאָרן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט, האָבן געגעבן דעם שטאַרקסטן שטויס דער קולטור־אויפֿוואַכונג. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־באַוועגונג. און אַ מאַסן־באַוועגונג האָט נישט גע־קאָנט נישט זיין אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג.

אין עצם איז דער דאָזיקער באַוועגונג געווען פֿרעמד וועלכע נישט איז נאַציאָנאַליסטישע אויפֿגאַבעס. לויט די רעזולטאַטן האָט זי באַטייט דעם ערשטן עטאַפּ פֿון נאַציאָנאַלער דערוואַכונג. ווייל זי האָט אַוועקגע־געשטעלט אין צענטער פֿון קולטור־לעבן דעם מאַסנמענטש מיט זיין מוטער־שפּראַך, מיט זיין נאַציאָנאַלער פּסיכאָלאָגיע, מיט זיין אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער. זיין שפּראַך איז געוואָרן די ליטעראַטור־שפּראַך, זי איז געוואָרן די שפּראַך פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן; דער „זשאַרגאָן", וואָס איז פֿריער געווען אַזוי פֿאַראַכט, איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך. ס׳איז געשאַפֿן געוואָרן אַ פּרעסע, ס׳האָט זיך ברייט פֿונאַנדערגעבליט די בעלעטריסטיק, ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ פּאָפּולער וויסנשאַפֿטלעכע ליטעראַטור, אַ ייִדיש טעאַטער, ייִדישע קונסט. די קולטור־אַרבעט איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע, ס׳איז געוואָרן אַ לאָזונג: נאַציאָנאַלע קולטור.

דאָס באַטייט נישט נאַציאָנאַלע איזאָלירטקייט. דאַרף מען נאָך רעדן וועגן דעם, אַז אַן אויפֿגעלעבטע קולטור־נאַציע דאַרף שעפּן מיט פֿולע הויפֿנס פֿון די קולטור־אוצרות ביי די אַרומיקע פֿעלקער? אָבער דער לאָזונג פֿון קולטור־אַרבעט פֿון פֿאָלק איז דאָך די מוטער־שפּראַך, די נאַציאָ־נאַלע שול. דאָס איז אַן עלעמענטאַרער אמת, יעדנפֿאַלס בנוגע אַנדערע פֿעלקער. די ייִדן קומט נאָך אויס צו קעמפֿן פֿאַר אָנערקענען דעם דאָזיקן אמת.

וועגן דעם, אַז די רעגירונג שטעלט אויך אויף דעם געביט צוימען און שטערונגען, איז נישטאָ וואָס צו רעדן. ס'וואָלט געווען נאַיִוו צו מיינען, אַז מיט נישט צולאָזן די ייִדן צו דער רוסישער קולטור וויל זי איבערלאָזן פֿאַר די ייִדן אַ ברייט פֿעלד פֿאַר זייער אייגענער קולטור־אַרבעט. פֿאַר קיין פֿאַל נישט! אַלע געדענקען נאָך דעם דאָ נישט לאַנג אַרויסגעגעבענעם ציר־קולאַר וועגן קולטור־ און בילדונג־געזעלשאַפֿטן, וואָס אַנטהאַלט ספּעציעלע אַנווייזונגען וועגן ייִדן און אוקראַיִנער. עפּעס אַ קלייניקייט — דער נאַציאָ־נאַלער סעפּאַראַטיזם! ס'איז איבעריק אויך צו רעדן וועגן דעם, אויף וועלכע שטערונגען עס טרעפֿט אַן יעטוועדע ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע איניציאַטיוו, וואָס פֿאַר אַן אומבאַזיגבאַרע שוועריקייטן ס'באַגעגנט דאָס באַנוצן די מוטער־שפּראַך אאַז"וו. די מאַכט דריקט פֿון ביידע זייטן: צו דער רוסישער קולטור האָבן די ייִדן קיין צוטריט נישט — אַנטוויקלען זייער אייגענע קולטור איז זיי פֿאַרבאָטן. צוימען אי דאָ, אי דאָרט.

5

אַז די אַלערליי צוימען מוזן אַראָפּגענומען ווערן — דאָס איז זעלבסט־פֿאַרשטענדלעך. אָבער אין זייט פֿון דער פֿראַגע וואָלטן מיר געוואָלט נאָך אַמאָל אונטערשטרייכן מיט דער פֿולער קאַטעגאָרישקייט. ווי ס'איז נישט געשטאַנען און ווי ס'איז נישט אָוועקגעשטעלט געוואָרן די ייִדן־פֿראַגע אין אַמאָליקע צייטן, איצט שטייט זי נישט בלויז ווי אַ פֿראַגע וועגן בירגער־לעכער גלייכבאַרעכטיקונג. גלייכבאַרעכטיקונג איז איינס, אָבער מיט איר ווערט די אויפֿגאַבע נישט אויסגעשעפּט, נישט געלייזט. די ייִדן־פֿראַגע שטייט איצט ווי אַ נאַציאָנאַלע פֿראַגע. אַ זעקס מיליאָניקע מאַסע, וועלכע לעבט מיט אַ באַזונדער קולטור־לעבן, רעדט אויף אַ באַזונדער שפּראַך, האָט אירע קולטור־באַדערפֿענישן און מנהגים — מוז האָבן פֿרייהייט פֿון קולטורעלער אַנטוויקלונג. די מלוכה מוז אָוועקנעמען די צוימען. אָבער דאָס איז נאָך ווייניק. די מלוכה דאַרף באַדינען די קולטור־אינטערעסן פֿון דער דאָזיקער מאַסע.

ווען אין אונזערע גערעץ־געבערישע אַנשטאַלטן אַנטשטייט די פֿראַגע וועגן די רעכט פֿון די נישט־רוסישע שפּראַכן אין דער פֿאָלקסשול אָדער אין אָרטיקן געריכט איז יעדנפֿאַלס די לינקע זייט פֿון זאַל איינשטימיק יעדעס מאָל, ווען עס הערן זיך די פֿאָדערונגען מצד די פּאָליאַקן אָדער ליטווינער. בנוגע די ייִדן וואַקלט מען זיך, איז מען נישט אַנטשלאָסן; אין ערגסטן פֿאַל — זאָגט מען גלייך אָפּ. ס'איז נישט שווער צו פֿאַרשטיין די סיבות. די שטים פֿון דער ייִדישער דעמאָקראַטיע הערט זיך נישט; די מיינונגען פֿון דער רוסישער געזעלשאַפֿט וועגן ייִדן שאַפֿן זיך אונטערן דירעקטן איינפֿלוס פֿון יענע עלעמענטן, וועלכע שטאַמען פֿון ייִדן און האָבן שוין באַוויזן זיך צוזאַמענצולעבן מיט דער רוסישער אינטעליגענץ, זיך אָפּצו־

רייסן פֿון דער אייגענער סביבה, צו פֿאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיט איר. אַליין אַסימילירט, זענען זיי פֿאַרשפּעטיקטע פּריידיקער פֿון אַסימילאַציע. צו די ייִדן גייען זיי נישט. דאָרטן וואָלטן זייערע דרשות נישט געפֿונען קיין סימפּאַטיע. אָבער די רוסישע געזעלשאַפֿט, צונויפֿטרעפֿנדיק זיך דירעקט מיט זיי, פֿאַרפֿעסטיקט זיך דורך זיי נישט ווילנדיק אין אירע פֿריערדיקע בליקן און השגות.

די ייִדן־פֿראַגע איז אַ נאַציאָנאַלע פֿראַגע. גאָר נישט לאַנג איז זי אַזוי אַוועקגעשטעלט געוואָרן, אָבער זי איז איינגעוואָרצלט טיף אין לעבן, אַרויסגייענדיק פֿון די לעבנס־אינטערעסן פֿון די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן, פֿאָדערט אַזוי אַוועקצושטעלן די פֿראַגע די ייִדישע דעמאָקראַטיע. און אין דער פֿאָדערונג פֿון רעכטלעכע גאַראַנטיעס, וועלכע זאָלן פֿאַרזיכערן דער ייִדישער נאַציע די מעגלעכקייט פֿון פֿרייער קולטור־אַנטוויקלונג, זענען איינשטימיק אַלע ייִדישע פּאַרטייען. ביי אַלע זייערע מיינונג־פֿאַרשידנהייטן,ביים גאַנצן אינערלעכן קאַמף צווישן, זענען זיי אַלע מסכּים, אַז אַזעלכע גאַראַנטיעס זענען נייטיק, און אַז אין די גרונט־געזעצן, וועלכע שיצן די נאַציאָנאַלע רעכט פֿון די פֿעלקער פֿון רוסלאַנד, איז נישטאָ קיין אָרט פֿאַר דעם טראַדיציאָנעלן „קראַמיע יעווריעוו“ (חוץ ייִדן) — אין וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם דאָס זאָל זיך נישט אויסגיסן, אַ דירעקטער אָדער אומדירעקטער.

דאָס לעבן אַליין האָט אַוועקגעשטעלט אויף אַ נייעם אופֿן די ייִדישע פֿראַגע, און דערמיט דאַרף מען זיך רעכענען.

ווי אַזוי אַוועקשטעלן
די נאַציאָנאַלע פֿראַגע אין רוסלאַנד.[1]

1

עס איז זייער פֿאַרשפּרייט אַן איינפֿאַך סכעמאַטישער בליק אויף די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. מען צעטיילט זיי אויף צוויי קאַטעגאָריעס: טייל זענען אַגרעסיווע באַוועגונגען, אַנדערע — פֿרייַהייטלעכע; די ערשטע זענען רעאַקציאָנערע, די צווייטע — פּראָגרעסיווע.

וועגן דער ערשטער קאַטעגאָריע וועלן מיר קיין דיסקוסיעס נישט פֿירן; איר זאָאָלאָגישער פּנים, דוכט מיר, שטייט אויסער יעדן ספֿק. אָבער מיט דער צווייטער קאַטעגאָריע איז שוין נישט אַזוי איינפֿאַך. איך ווייס נישט, צי דאַרף מען באַווייַזן, אָבער דערמאָנען איז יעדנפֿאַלס נוצלעך, אַז די נאַציאָנאַלע באַפֿרייונגס־באַוועגונג איז אַ פֿיל־פּנימדיקע. די פֿריִכטן פֿון אַ נאַציאָנאַלער באַוועגונג קאָנען ווערן צוטיילט ווייַט נישט גלייכמעסיק, נישט בלויז צווישן די באַזונדערע קלאַסן פֿון דער נאַציע, וואָס פֿירט איר באַפֿרייונגס־קאַמף, נאָר אויך ביי באַזונדערע נאַציעס.

געוויינטלעך מאָלט מען אויס — באַזונדערס בנוגע רוסלאַנד — אַזאַ בילד: אַ ריי נאַציעס זענען אונטערדריקט פֿון איין און דער זעלביקער מאַכט, מען דאַרף נאָר מיט געמיינזאַמע כּוחות בייקומען אָט דעם צענטראַלן דרוק — און אַלע וועלן באַקומען פֿרייַהייט. מען איגנאָרירט דערביי דעם קעגנזייטיקן פּלאָנטער פֿון די נאַציעס צווישן זיך, יענעם פּלאָנטער, וואָס שאַפֿט די גאַנצע שוועריקייט פֿון פּראָבלעם. מען איגנאָרירט יענע קאָמפּליצירטקייט, וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן דורכןווירקלעכן לעבן.

די נאַציעס זענען פֿונאַנדערגעוואָרפֿן ווי ראַדיוסן אין אַ קרייז, צונויפֿגעבונדן בלויז מיט יענע פֿעדעם, וועלכע ציִען זיך פֿון יעטוועדן ראַדיוס צום צענטער. די נאַציעס לעבן ענג צונויפֿגעפּרעסט, פּלאָנטערנדיק זיך, צונויפֿשטויסנדיק זיך אין אַ קנויל, אַרויפֿקריכנדיק איינע אויף די אַנדערע, אַרייַנדרינגענדיק איינע אין די אַנדערע. אפֿשר אין דער עפּאָכע פֿון פֿולשטענדיקער, אַבסאָלוטער זעלבסטהערשאַפֿט, אין אַן עפּאָכע, ווען עס איז אינגאַנצן נישט פֿאַראַן קיין שום זעלבשטענדיקייט, ווערן דערפֿירט אַלע

[1] דער אַרטיקל איז געווען געדרוקט אין דעם זשורנאַל וויעסטניק יעוורעפּי, אויגוסט—סעפּטעמבער 1912. איבערגעזעצט אויף יִידיש פֿון וו. שולמאַן.

נאַציאָנאַלע פֿאַרהעלטעטנישן גלייכמעסיק צו טראָגן דעם צענטראַלן יאָך, מסתמא אויך נאָר בלויז אויפֿן ריין־פּאָליטישן געביט. אָבער ווי נאָר עס גיט אַ בלאָז אַ „פֿרילינג־ווינטל" קומט אַלץ אין באַוועגונג. די נאַציעס פֿאַנגען אָן זיך אַרויסשלאָגן אויף דער אויבערפֿלאַך, צונויפֿשטויסנדיק זיך, אײַבעריאָגנדיק איינע די אַנדערע, פֿונאַנדערשטופּנדיק מיט די עלנבויגנס די שכנים. זיי ציִען זיך צום פֿייערל פֿון „גרויסמעכטיקייט" אויב נישט פֿול־שטענדיקער איז כאָטש אָרטיקער. פֿון די שוואַכערע מאַכט מען אַ בריק פֿאַר די שטאַרקע, אַ לייטער פֿאַר די פֿלינקע, אַן אָביעקט פֿאַר הערשאַפֿט. עס שאַפֿן זיך מדרגות פֿאַר נאַציעס: נאַציע־באַלעבאָס, האַלב־באַלעבאָס, פֿול־באַרעכטיקטע, רעכטלאָזע. עס שאַפֿט זיך אַ שיכטן־סיסטעם, אַ פֿיל־גאָרנדי־קייט פֿון נאַציאָנאַליטעטן.

מען דאַרף נישט ווײַט גיין צו זוכן ביישפּילן. אַ קלאַסישער מוסטער — איז עסטרייך־אונגאַרן. ס'איז טשיקאַווע צו זען, ווי אַזוי פֿון גלייכער רעכטלאָזיקייט (יעדנפֿאַלס פּאָליטישער) האָט אין משך פֿון עטלעכע יאָר־צענדליקער פֿון אַ קליינער שפּראַצונג זיך אויסגעבילדעט אַ קאָמפּלי־צירטע סיסטעם.

פֿריער פֿאַר אַלץ האָט זיך אויפֿגעהויבן די מאַדיאַרישע נאַציע (פֿאַר־שטייט זיך, דורך אירע הערשנדיקע קלאַסן. אָט דעם פֿאַרבאַהאַלט דאַרף מען שטענדיק נעמען אין אַכט). אָט די זעלביקע נאַציע, וועלכע האָט ערשט אין 1848 אויפֿגעהויבן די פֿאָן פֿון אויפֿשטאַנד און איז 1849 צעשמעטערט געוואָרן דורך דער קראַפֿט פֿון רוסישע באַגנעטן, ווערט אין 1867 די הער־שערין פֿון אונגאַרן און פֿאַרנעמט, צוגלייך מיט די דייטשן, אַ בכּבֿודיק אָרט אויפֿן העכסטן שטאָק פֿון מלוכה־בנין.

צווישן אָט דיביידע נאַציעס איז צעטיילט געוואָרן די מאָנאַרכיע; אין איין העלפֿט הערשט איינע, אין דער צווייטער — די אַנדערע. דעם צווייטן שטאָק לויט דער ריי פֿאַרנעמען די נאַציעס — האַלב־באַלעבאָס, וואָס גע־פֿינען זיך ביי (אָדער אונטער) יעטוועדער פֿון די צוויי הערשנדיקע נאַציעס; ביי די מאַדיאַרן זענען דאָס די קראָאַטן, ביי די דייטשן — די פּאָליאַקן. אי איינע, אי די אַנדערע האָבן באַקומען אויטאָנאָמיע. אמת, זיי שפּירן אויף זיך די באַלעבאַטישע האַנט, אָבער דערפֿאַר זענען זיי פֿון זייער זייט באַלעבאַטים איבער אַנדערע, ווייל אָט די אַנדערע זענען ווידער אַמאָל צעטיילט צווישן זיך ווי זיי גופֿא זענען צעטיילט צווישן די איינוווינער פֿון העכסטן שטאָק. עס קומט אַ דריטער שטאָק. די פּאָליאַקן האָט מען געגעבן צו שלינגען די רוטענער (אוקראַינער); די קראָאַטן — די אונגאַרישע סערבן. די איבעריקע נאַציעס געפֿינען זיך דירעקט אין רשות פֿון די הערשנדיקע נאַציעס: די סלאָוואַקן, רומענער, אונגאַרישע דייטשן — אונטער די מאַדיאַרן; די טשעכן, סלאָווענער, איטאַליענער — אונטער די עסטרייכישע דייטשן. די איטאַליענער פֿון זייער זייט באַקומען אַ קאָמפּענסאַציע אויפֿן חשבון פֿון

די דרום־סלאַוון, און די טשעכן ביי זיך אין ביימען — אויפֿן חשבון פֿון די דייטשן.

אין דער עפּאָכע, ווען די מאַדיאַרן האָבן געקעמפֿט פֿאַר אומאָפּהענ־גיקייט, אין 1848—1849, ווער וואָלט זיך געקאָנט אָפּזאָגן פֿון סימפּאַטיע און מיטגעפֿיל צו דער אונטערדריקטער נאַציע, וועלכע איז מוטיק אויפֿגעשטאַנען צו פֿאַרטיידיקן אירע רעכט? ווער האָט געוווּסט, אַז די דאָ־זיקע מוטיקע קעמפֿער פֿאַר זייער אייגענער פֿרייהייט האָבן אין דער זעלביקער צייט געשטיקט ביי זיך אין דער היים די סלאַוון?! און ווען די קראָאַטן, ווערנדיק דערפֿירט צו פֿאַרצווייפֿלונג, זענען אויף זיי אָנגעפֿאַלן פֿון רוקן און האָבן געהאָלפֿן דעם צאַרס מיליטער, איז דען געווען לייכט צו פֿאַרשטיין, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן אַ פּשוטער קאָנטער־רעוואָלוציאָ־נערישקייט פֿון די סלאַווישע פֿירער און פֿעלקער? אָבער איצט איז קלאָר, אַז געשטויסן די סלאַוון אין לאַגער פֿון דער קאָנטער־רעוואָלוציע האָבן די מאַדיאַרן גופֿא, די קעמפֿער פֿאַר דער פֿרייהייט... פֿאַר דער פֿרייהייט אַליין צו באַלעבאַטעווען.

„ווו ליגט דער מקור פֿון דער דאָזיקער פּאָליטישער גראַדאַציע, פֿון וואַנען שטאַמט אָט דער אונטערשייד אין דעם גורל פֿון די נאַציעס?" — פֿרעגט ר. שפּרינגער. דער ענטפֿער, וואָס ער גיט דערויף איז זיך סומך אויף דעם סאָציאַלן אַנאַליז פֿון די עסטרייך־אונגאַרישע נאַציאָנאַלע פֿאַר־העלטענישן.

„דעם היסטאָרישן סוד פֿונם נאַציאָנאַלן סיסטעם אין עסטרייך־אונ־גאַרן — שרייבט ער — דאַרף מען זוכן אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און אין דער קלאַסן־סטרוקטור פֿון די נאַציעס. אין 1867 האָבן בלויז צוויי פֿעלקער פֿאַרמאָגט אַ גענוג אַנטוויקלטע קלאַסן־סטרוקטור — די דייטשן און די מאַדיאַרן. אי די, אי די אַנדערע האָבן געהאַט הינטער זיך אַ גאַנץ פֿאָלק, — אַ פֿאָלק אין פֿולן צוזאַמענשטעל. מיט זיי האָט די קרוין געהאַט רעכט און איז געווען געצוווּנגען צו גיין אויף אַ קאָמפּראָמיס. חוץ די צוויי נאַציעס האָט קיין שום אַנדערע נישט דערגרייכט אַ פֿולקומע אַנט־וויקלונג, ווי אַן איינהייטלעכער אָרגאַניזם... די פּאָליאַקן, קראָאַטן און טשעכן האָבן נאָך דאַן ויך נישט געהאַט אויסגעפֿאָרמירט פֿולקום, אָבער יעטוועדע פֿון די דאָזיקע נאַציעס האָט פֿאַרמאָגט איר הערן־קלאַס, אַלע אי־בעריקע נאַציעס זענען באַשטאַנען פֿון אַן אָפּגעשטאַנענער דאָרפֿישער מאַסע, וואָס האָט זיך געפֿונען אויסשליסלעך אונטערן איינפֿלוס פֿון אירע גלחים, קוים זיך אויסגעשיילט פֿון דעם צושטאַנד פֿון נאַטורווירטשאַפֿט... פֿון יענער צייט אָן האָט דאָס לאַנד דורכגעמאַכט אַ 30יאָריקן פּעריאָד פֿון שטורמי־שער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. פֿאַר דער צייט זענען פֿאָרגעקומען אין דער געזעלשאַפֿט און אין דער מלוכה גרויסע און טיפֿע ענדערונגען; דער פּראָצעס פֿון אויסבילדן קלאַסן ביי די קליינע פֿעלקער איז אַוועק גענוג

װײַט אָדער האָט זיך שױן אינגאַנצן פֿאַרענדיקט; עס האָט זיך געענדערט די געזעלשאַפֿטלעכע װאָג פֿון יעטװעדן קלאַס״.[2]

ס׳איז נישט שװער צו דערקענען, אַז אױך אין רוסלאַנד עקסיסטירן פֿאַרהעלטענישן ענלעכע, אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס, צו די עסטרײַך־אונגאַרישע. אױך דאָ זעט מען די אונטערשײדן אין דער קלאַסן־סטרוקטור פֿון די נאַציעס. צוגלײַך מיט די גרױסרוסן, פֿאַרמאָגט אױך אַ פֿולשטענדיקן „קלאַסן־צוזאַמענשטעל״ די פּױלישע נאַציע, און דאָס רוקט זי אַרױס פֿון צװישן די „נישט-הערשערישע״ נאַציעס. די לאַגע פֿון די „פּױערים״־נאַציעס — די ליטװינער, װײַסרוסן, אוקראַינער — איז װײניקער גינסטיק. װײַטער גײען אָן די נאַציעס מיט פֿולשטענדיקע צװײ גרופּן באַ־פֿעלקערונג — פּױערים און שטאָטישע שיכטן, אָבער אָן פּריצים: די לעטן און די עסטן, װאָס שפּילן אָן אונטערגעאָרדנטע ראָל בנוגע די דײַטשן, אין װעמענס הענט עס געפֿינט זיך דער גאַנצער גרױסער ערדבאַזיץ פֿון לאַנד. די ײדן, װאָס בילדן אָן אױסשליסלעך שטאָטישן עלעמענט, פֿאַרמאָגן נישט קײן פּריצים, נישט קײן פּױערים; די גאַנצע נאַציע באַשטײט — לױט שפּרינגערן — פֿון הענדלער, אינדוסטריעלער, פֿאַרמיטלער און פּערזאָנען פֿון פֿרײַע פּראָפֿעסיעס. און אָט דער אומשטאַנד לײגט בלי ספֿק אַרױף אַ באַשטימטן שטעמפּל אױפֿן גורל פֿון ײדישן פֿאָלק... אױף אַזאַ אופֿן צײ־כענען זיך שױן אָן אױך אין רוסלאַנד שטריכן פֿון נאָך נישט אױסקריסטאַ־ליזירטע (אָבער שױן צעפֿאַלענע) פֿאַרהעלטענישן פֿון אונטערװאָרפֿן און הערשן, צײכענען זיך אָן די שטאַקן, לױט װעלכע די נאַציעס װערן פֿו־נאַנדערגעטײלט.

שפּרינגערס דערקלערונג איז, פֿאַרשטײט זיך, נישט קײן אױסשעפּנ־דיקע. דער מחבר אַלײן האַלט נישט, אַז זי האָט אָן אוניװערסאַלע באַדײַטונג. צוגלײַך מיט די פֿאַרשידנהײטן פֿון דער סאָציאַלער סטרוקטור װירקן נאָך אַ גאַנצע רײ אַנדערע פֿאַקטאָרן. זײער אַ װיכטיקע ראָלע, בײ אַלע אַנדערע גלײַכע אומשטאַנדן, שפּילט די צאָל, װעלכע באַשטימט דאָס אָרט פֿון דער נאַציע אױפֿן היעראַרכישן לײטער פֿון די פֿעלקער. נישט קײן קלײנעם באַטײַט האָבן אױך די שירײם פֿון אַ װעלכער נישט איז אַמאָליקער זעלבשטענ־דיקער עקסיסטענץ פֿון דער געגעבענער נאַציע, אין דער פֿאָרעם פֿון באַ־זונדערע אינסטיטוציעס אָדער ספּעציעלער געזעצגעבונג (פּױלן, פֿינלאַנד).

ס׳איז אױך װיכטיק דער כאַראַקטער פֿונם שטח, װאָס די נאַציע אָדער די נאַציעס פֿאַרמאָגן (למשל, די נאַטור־באַדינגונגען פֿון דער שװײץ); עס איז אױך װיכטיק די מדרגה פֿון דער װירטשאַפֿטלעכער זעלבשטענדיקײט. עס מאַכן

[2] זע זײַן בוך: די יסודות און אַנטװיקלונגס־ציל פֿון דער עסטרײַך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע, װין און לײפּציג, 1906; אױך זײַן אַרטיקל אין דעם זאַמלבוך: די פֿאָרמען פֿון דער נאַציאָנאַלער באַװעגונג, (פּעטערבורג 1910).

אויך מער קאָמפּליצירט די פאַרהעלטעניש די רעליגיעזע אונטערשיידן, וועלכע פאַרטיפן אָפטמאָל דעם תהום צווישן די נאַציעס, אָדער קאָנען, פאַרקערט, אַריבערוואַרפן אַ בריק פון איין נאַציע צו דער צווייטער. עס שפּילט אויך אַ ראָלע דער אופן, ווי אַזוי די געגעבענע נאַציע איז געווען איינגעשלאָסן אין דער מלוכה — מיט געוואַלט־מיטלען אָדער פרידלעכע; דאָס לייגט אַרויף אַ גאַנץ באַשטימטן שטעמפּל אויף די נאַציאָנאַלע פאַר־העלטענישן, וואָס ווערט נישט אָפּגעמעקט אין משך פון יאָרהונדערטער. מען דאַרף אויך נעמען אין אַכט דעם אַלגעמיין־פּאָליטישן רעזשים פון דער מלוכה און די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער צענטראַלער מאַכט. אָט די אַלע באַדינגונגען באַשטימען יענע פאָרמען, יענע קאָמבינאַציעס, מיט וועלכע איינצלנע נאַציעס טרעטן אַרויס איינע קעגן די אַנדערע, אָדער בילדן בלאָקן צווישן זיך.

עס איז פאַראַן אַ פאַסטולאַט, אויף וועלכן עס אייניקן זיך, מיט קליינע אויסנאַמען, די נאַציאָנאַליסטן פון אַלע נאַציעס: דאָס איז די רעכט פון דער נאַציע אויף איר ערד. זיין אַ באַלעבאָס ביי זיך אין הויז — אָט דאָס איז דער אידעאַל. פאַרשיידן שטעלט מען זיך פאָר אָט דאָס אייגענע הויז. טייל וואָלטן געוואָלט אַלס איינגס שוער נישט אַ האַלבע וועלט — דאָס איז דער אַגרעסיווער נאַציאָנאַליזם, דער אימפּעריאַליסטישער; אַנדערע, מער באַ־שיידענע, ווילן איינהאַלטן פאַר זיך כאָטשבי דאָס, וואָס האָט פריער צו זיי געהערט — דער דעפענסיווער נאַציאָנאַליזם; די דריטע פאַרלאַנגען דאָס אויך נישט, זיי וואָלטן געוואָלט כאָטש עפּעס וואָס האָבן פאַר זיך — דאָס איז אַזוי צו זאָגן דער קאָמפּראָמיס־נאַציאָנאַליזם. אייניקע חלומען וועגן אַ סוווערענער הערשאַפט (פאָדערונג פון אומאָפּהענגיקייט), אַנדערע באַגנוגענען זיך מיט אויטאָנאָמיע. אָבער אין עצם איז דער יסוד אי דאָ, אי דאָרט דער זעלביקער. דער א און ת פון די שטרעבונגען ביי אַלע נאַציעס איז — אַן אייגן הויז. דאָס איז — די אידעע פון אַ נאַציאָנאַלער טעריטאָריע.

צי איז אָבער נישט די דאָזיקע אידעע אַ דורכויס דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע? צי דאַרף נישט אין דער אמתן די דעמאָקראַטיע פּראָקלאַ־מירן און פאָדערן דעם פּרינציפּ, לויט וועלכן דער באַלעבאָס פון אַ באַ־שטימטער טעריטאָריע דאַרף זיין דאָס פאָלק, וואָס וווינט אויף איר? איז דאָס נישט קיין אַלף־בית? געוויס. אָבער ווי האַלט עס, אויב די טעריטאָריע איז באַוווינט נישט פון איין נאַציע, נאָר פון נאַציעס, און דאָס אייגנטום־רעכט פאָדערט פאַר זיך בלויז איינע פון זיי, פאַרזיכערנדיק, אַז דער באַגריף גופא פון אַ נאַציאָנאַלער טעריטאָריע באַטייט, אַז זי געהערט צו איין נאַציע? עס איז קלאָר, אַז דאַן ענדערט זיך די זאַך, און ענדערט זיך גאַנץ שאַרף.

אַ מערקווירדיק פילאָלאָגישער שטריך: אויף דער מאָדיאַרישער שפּראַך איז נישטאָ צוויי באַזונדערע ווערטער צו באַצייכענען די באַגריפן

„מאַדיאַרישער" און „אונגאַרישער". אָבער די אונגאַרישע מלוכה באַשטייט פֿון אַ סך פֿעלקער, און די מאַדיאַרן בילדן אַפֿילו נישט אַ העלפֿט פֿון דער באַפֿעלקערונג. און אַט מיט דעם דאַזיקן מאַדיאַרישן לאָזונג אויף די ליפּן האָבן זיי געקעמפֿט קעגן דער דייטשער הערשאַפֿט פֿאַר זייער טעריטאָריע. אויך ביי אונז ווערט דאָס וואָרט „רוסישער" באַנוצט כסדר אין זינען פֿון „רוסלענדער"; אַט דער צווייטער טערמין קלעפּט זיך אָן זייער שווער. אין די דאָזיקע פֿילאָלאָגישע פּרטים שפּיגלט זיך אָפּ (אָפּטמאָל לגמרי אומבאַוווסטזיניק) די זעלביקע אידעע פֿון נאַציאָנאַלע רעכט, די אידעע וועגן דעם, אַז אונגאַרן איז דאָס לאַנד פֿון די מאַדיאַרן, אַז רוסלאַנד איז דאָס לאַנד פֿון די רוסן, די אידעע פֿון נאַציאָנאַלן אייגנטום אויף אַן ערד, וואָס איז באַוווינט פֿון פֿיל נאַציעס. דער עקסטרעמער אויסדרוק פֿון אַזאַ דערשיינונג איז דער שוואַרץ־מאהדיקער לאָזונג אין גייסט פֿון „רוסלאַנד פֿאַר די רוסן". אמת, דער רוסישער ליבעראַליזם טרעט אַרויס קעגן דער פּאָליטיק פֿון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. אָבער די אידעע פֿון פּרינציפּיעלער גלייכווערטיקייט, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, גלייכבאַלעבאַטישקייט פֿון אַלע נאַציעס, קאָן מען פֿאַר קיין פֿאַל נישט רעכענען פֿאַר אַן איינגעוואָרצלטער אין זיינע רייען. דאָס וואָס איך זאָג איצט טרעפֿט גאַנץ אָפּט נישט אָן אויף דער אויפֿמערקזאַמקייט פֿון עכטן רוסישן מענטשן, אָבער דאָס אויער פֿון „פֿרעמדן" כאַפּט אויף און פֿילט שמערצלעך אַזעלכע טענער... און אויב איז אַזוי מיט אַ הערשערישער „נאַציע", וואָס ליידט נישט פֿון דער חולאת נאַציאָנאַלער דרוק, איז נאָך מער פֿאַרשפּרייט אַן ענלעכע שטימונג ביי נאַציעס, וועלכע זענען געצוווּנגען צו קעמפֿן פֿאַר זייערע רעכט. און דאָ קערן מיר זיך אום צו יענער פֿילשטאַקיקייט, פֿון וועלכער מיר האָבן אָנגעהויבן.

אָן איר וואָלט דער ענין געווען אַ גאַנץ איינפֿאַכער. לאָמיר רעדן וועגן קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן צוויי נאַציעס — אַ הערשנדיקע און אַן אונטערדריקטע. איינע האָט אונטערזיך אויפֿגעכאַפּט די צווייטע, האָט פֿאַרכאַפּט איר טעריטאָריע; די הערשנדיקע נאַציע — נישט די גאַנצע, פֿאַרשטייט זיך, נאָר אירע פֿירנדיקע עלעמענטן, קוקן אויף דאָס פֿאַרכאַפּטע ווי אויף זייער אייגנס; די אונטערדריקטע נאַציע קעמפֿט פֿאַר אירע נאַציאָנאַלע רעכט; געלינגט איר — באַקומט זי צוריק איר אייגנס, ווערט צוריק באַלעבאָס אויף איר ערד און צוזאַמען דערמיט — אַ באַלעבאָס איבער איר גורל. אָבער אַזאַ פֿאַל איז צום ווייניקסטן רעאַל. געוויינלעך ווערט פֿאַר דער צייט דאָס ווירטשאַפֿטלעכע און סאָציאַלע לעבן פֿון דער פֿאַרכאַפּטער נאַציע צונויפֿגעוואַקסן מיטן לעבן פֿון דער „הערשערישער". די פֿאַרכאַפּטע פֿאָדערט שוין נישט אַפֿילו אומאָפּהענגיקייט, די פֿראַגע שטייט וועגן אויטאָנאָמיע פֿאַר דעם פֿאַרכאַפּטן געביט. דער קאַמף פֿאַר דער „אייגענער" ערד האָט דאָ אַ ריין באַפֿרייערישע אויפֿגאַבע אין נאַציאָנאַלן זינען. אין דער ווירקלעכקייט

אָבער קומט אַרויס עפּעס אַנדערש. מיר האָבן געזען ווי עס פֿלעכטן זיך צונויף די נאַציאָנאַלע פֿאַרהעלטענישן פֿון אַ גאַנצער ריי נאַציעס. לאָמיר דער־מאָנען נאָך אַמאָל ווי אַזוי עס האָבן זיך אויסגעבילדעט די עסטרייך־אונ־גאַרישע שטאָקן. די גאַנצע מאָנאַרכיע איז געווען אַן אייגנטום פֿון די דייטשן. די מאַדיאַרן זענען אויפֿגעשטאַנען און געפֿאָדערט אַ העלפֿט פֿון איר. מען האָט געמוזט נאָכגעבן; די מאַדיאַרן האָט מען איבערגעגעבן צו הערשן איבער טראַנסלייטאַניע. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דאָס דאָזיקע „זייער" לאַנד איז אין דער אמתן ווייט נישט אינגאַנצן זייערס. די קראָאַטן רוקן אַרויס אין אירע גרענעצן פּרעטענזיעס אויף זייער געביט; די מאַדיאַרן זענען פֿון זייער זייט געצוווּנגען נאָכצוגעבן: די קראָאַטן באַקומען אויטאָ־נאָמיע. אָבער אין די גרענעצן פֿון קראָאַטיע חזרט זיך איבער דאָס זעלביקע; עס הייבן זיך אויף די סערבן און פּראָטעסטירן קעגן דער קראָאַטישער אוזורפּאַציע.

דאָס זעלבע קומט פֿאָר אין ציסלייטאַניע. די לאַגע איז אַ נישט קלאָרע, קעמפֿנדיק פֿאַר אירע רעכט אויף דער טעריטאָריע, איז די געגעבענע נאַציע גערעכט אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿיל זי ווערט זיך קעגן די געלוסטן פֿון דער „העכערער", „הערשערישער" נאַציע. דערגרייכנדיק איר ציל, ווערט זי אַליין אַ פֿאַרכאַפּערישע בנוגע דער אַנדערער, „נידעריקערער" נאַציע; די לעצטע פֿון איר זייט קעמפֿט פֿאַר „אירע" רעכט, כדי צו באַקומען אין אייגנטום אַ שטאָק, וואָס ליגט נאָך נידעריקער. ביי אַזעלכע באַדינגונ־גען איז די נאַציאָנאַלע רעכט אויף אַ טעריטאָריע בלויז אַ פֿיקציע. אָט די פֿיקציע, אַריבערפֿירנדיק דאָ איינע, דאָ אַ צווייטע נאַציע פֿון דער מדרגה פֿון אַן אונטערדריקטער צו דער מדרגה פֿון אַ הערשערישער, פֿאַראייביקט זי און מאַכט „געזעצלעך" דעם פֿאַקט גופֿא פֿון אונטערדריקונג.

דערין באַשטייט די ערשטע זינד פֿון דער טעריטאָריאַלער לייזונג פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. די באַפֿעלקערונג פֿון דער געגעבענער טע־ריטאָריע ווערט גערעכנט ווי אַ נאַציע, ווי איין נאַציע, ווי די יעניקע נאַציע, וועלכע רעדט וועגן דער דאָזיקער ערד ווי וועגן איר „אייגנס". אויב אַזאַ צד השוה איז נישט מעגלעך, אויב אויף דער געגעבענער טעריטאָריע וווינען צוויי אָדער עטלעכע נאַציעס, לייזט נישט די אויטאָנאָמיע די פֿראַגע, נאָר רוקט זי אָפּ אויף אַ געוויסער צייט. דאָס אָרט פֿון איין פֿאַרכאַפּער פֿאַרנעמט אַ צווייטער; דאָס פֿאַרכאַפּן גופֿא בלייבט. און בלייבט איבער דאָס פֿאַרכאַפּן — בלייבט אויך דער קאַמף, בלייבן אויך נאַציאָנאַלע רייסענישן און שאָוויניזם.

עס פֿאַרשטייט זיך, אויף וויפֿיל די סכעמע: „איין ערד — איין פֿאָלק" וואָלט נישט געווען אַ פּשוטע פֿיקציע, אויף וויפֿיל די אָדער יענע טע־ריטאָריע וואָלט באמת געווען פֿאַרנומען בלויז פֿון איין נאַציע, וואָלט דער כאַ־ראַקטער פֿון דער נאַציאָנאַל־טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע אָפּגעפֿאַלן, און

דעריבער ווערט אין יעדן באַזונדערן פֿאַל די פֿראַגע קודם־כּל דערפֿירט דערצו — צי איז די געגעבענע טעריטאָריע טאַקע אַן עטנאָגראַפֿישער געביט.

אין דער דאָזיקער וויכטיקער פֿראַגע איז נייטיק זיך פֿונאַנדערצוקלייבן בנוגע רוסלאַנד. ס׳עקסיסטירט און ס׳איז אַפֿילו פֿאַרשפּרייט אַ מיינונג וועגן דעם, אַז בכלל קאָן מען ביי אונז אָפּגרענעצן די נאַציאָנאַלע געביטן, דערביי האַלט מען, אַז עס וועלן זיך באַקומען געביטן, אויב נישט מיט אַ דורכויס איינהייטלעכער, איז דאָך מיט אַ מער־ווייניקער איינהייטלעכער, לויטן נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל באַפֿעלקערונג; ס׳וועלן טאַקע זיין אין אַזעלכע געביטן אויך נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אָבער אַזעלכע נישטיקע, אַז מען קאָן זיי נישט נעמען אין חשבון. אָט טאַקע אויף דער דאָזיקער העכסט וויכטיקער פֿראַגע וועלן מיר זיך אָפּשטעלן מיט ציפֿערן אין דער האַנט. דאָס באַהאַנדלען די פֿראַגע ווערט איינגעטיילט אין צוויי טיילן: פֿריער פֿאַר אַלץ דאַרף מען פֿעסטשטעלן די צאָל פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַלע באַפֿעלקערונגס־גרופּעס אויף יעדן געגעבענעם געביט, באַשטימען די אַבסאָלוטע און רעלאַטיווע גרייס פֿון דער נאַציאָנאַלער מינדערהייט, אָבער דאָס איז נאָך ווייניק. עס איז נייטיק וויטער אויסצוגעפֿינען די סאָציאַלע וואָג פֿון דער מינדערהייט, ווייל ביי אַ הויכער וואָג, קאָן אַזאַ מינדערהייט אַפֿילו מיט אַ קליינער צאָל צעשטערן מיט איר דרוק די אָנגעצייכנטע ראַמען פֿון דער נאַציאָנאַל־טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע, מאַכן פֿאַר אוממעגלעך די נאַציאָנאַלע אַליינהערשאַפֿט פֿון דער מערהייט און שאַפֿן אין געגעבענעם געביט אַ כראָנישן קריג־צושטאַנד, — אַ צושטאַנד פֿון כסדרדיקע רייסענישן צווישן די נאַציעס צוליב דעם אַלגעמיינעם ביסן.

2

לאָמיר נעמען די געביטן פֿון אייראָפּעישן רוסלאַנד און קאַווקאַז — פֿינלאַנד וועלן מיר לאָזן אָן אַ זייט. צווישן די טראַדיציאָנעלע געביטן, אויף וועלכע דאָס לאַנד איז איינגעטיילט, וועלן מיר נישט געפֿינען קיין איינעם, ווו די „פֿרעמדע״ מינדערהייט זאָל זיין אַ נישטיקע לויט איר צאָל. אין אַ מער גינסטיקער לאַגע געפֿינט זיך פּוילן (די 10 גובערניעס ביי דער ווייסל) און אוקראַינע („מאַלאָראָסיא״ — 10 דרומדיקע און דרום־מערבדיקע גובערניעס); אָבער אויך דאָ בילדן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן 30 פּראָצענט. ס׳איז דערוויל גענוג צו זאָגן, אַז אין די דאָזיקע צוויי געביטן בילדעט די נאַציאָנאַלע מינדערהייט אין קיילעכדיקע ציפֿערן גענומען 10 מיליאָן — אַ באַפֿעלקערונג פֿון וועלכער מען וואָלט געקאָנט צונויפֿשטעלן אַ גאַנצע מיטעלע מלוכה. און דאָס זענען שוין געביטן מער ווייניקער איינהייטלעכע; אין די אַנדערע געפֿינען מיר אַ געוואַלטיקע פֿאַרשיידנאַרטיקייט.

אין צפֿון־מערב־געגנט (6 גובערניעס) איז דער נאַציאָנאַלער צו־זאַמענשטעל פֿון דער באַפֿעלקערונג, אין קײַלעכדיקע ציפֿערן, אַזאַ:

פֿאָלק	צאָל	פּראָצענטער
ווײַסרוסן	5,062,100	50,2
ייִדן	1,422,400	14,1
ליטווינער	1,302,700	12,8
גרויסרוסן און אוקראַינער	586,500	5,7
פּאָליאַקן	563,800	5,6
לעטן	299,200	2,8
אַנדערע	826,100	8,8
צוזאַמען	10.062,800	100,0

אין באַלטישן געגנט זענען די ציפֿערן אַזעלכע:

לעטן	1,070,200	44,84
עסטן	884,500	37,08
דײַטשן	165,600	6,94
רוסן	128,700	5,30
ייִדן	62,600	2,65
אַנדערע	74,500	3,19
צוזאַמען	2,386,100	100,0

עס איז אַלגעמיין באַוווסט די פֿאַרשידנאַרטיקייט פֿון דער קאַווקאַזער באַפֿעלקערונג. אָט זײַנען די ציפֿערן:

גרויסרוסן	1,867,700	19,4
קלײנרוסן	1,296,700	13,5
טאָטערן	1,456,500	15,2
אַרמענער	1,931,100	12,4
גרוזינער	1,349,200	14,1
גרופּע גאָרצעס (בערג־אײַנוווינער)	1,021,600	10,7
אַנדערע	1,401,500	14,7
צוזאַמען	10,324,300	100,0

אויב, ווי מען טוט עס נישט זעלטן, מיר נעמען באַזונדער דעם טראַנס־קאַווקאַז, ענדערן זיך אַביסל די ציפֿערן. ס׳וועלן זיך אויסטײלן פֿיר פֿון די גאָר גרויסע גרופּעס באַפֿעלקערונג: טאָטערן וואָס בילדן 26 פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג, גרוזינער—23,7, אַרמענער—19,4 און לעזגינער—10,3, די איבעריקע נאַציעס בילדן ווייניקער פֿון 5 פּראָצענט יעדערע.

דאָס זענען די אַלגעמיינע ציפֿערן וועגן די געביטן. עס איז קלאָר פֿון זיך אַליין, אַז בײַ אַזאַ לאַגע קאָן מען נישט רעדן וועגן אַ נאַציאָנאַלער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע פֿון קאַווקאַז, צפֿון־מערב־געביט אָדער באַל־טישן קאַנט. יעדער פֿון די דאָזיקע אויטאָנאָמע געביטן וואָלט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ גאַנצן קאָנגלאָמעראַט פֿון נאַציאָנאַליטעטן און די לייזונג פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע וואָלט געווען אַ זאַך פֿון דער צוקונפֿט.

עס איז אָבער אויך אויף אַזוי פּיל קלאָר, אַז דערמיט ווערט די פֿראַגע נישט אויסגעשעפּט; אויב די געביטן זענען באַזעצט מיט פּיל פֿאַרשיידנאַר־טיקע נאַציאָנאַליטעטן, דאַרף מען פּרובירן אַן אַנדער לייזונג, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די עטנאָגראַפֿישע סימנים פֿון דער באַפֿעלקערונג. מען האָט אַזעלכע פּרווון געמאַכט און עס האָבן זיך נאַטירלעך באַקומען מער גינס־טיקע רעזולטאַטן. אָבער מער גאָרנישט. קיין באַפֿרידיקנדיקע רעזולטאַטן קאָן אַזאַ פֿונאַנדערטיילונג נישט געבן. לאָמיר זי נעענטער באַטראַכטן:

דאָ האַנדלט זיך נישט נאָר וועגן אויסשניידן נייע געביטן פֿון אַנ־דערע גובערניאַלע שטחים; מען דאַרף די גובערניעס גופֿא צושניידן, ווייל אויך זיי, פֿאַרהעלטנישמעסיק קליינע איינסן, זענען אַלע פֿאַרשיידנאַרטיק לויט זייער נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל. מען דאַרף זיי צעברעקלען לויט קרייזן און פֿון די באַזונדערע קרייזן פֿונדאַסניי צונויפֿשטעלן גאַנצע טערי־טאָריעס, צוקלייבנדיק אַזוינע געגנטן, וואָס זענען באַווינט דורך איין און דער זעלבער נאַציע.

איך באַנוץ זיך מיט די ציפֿערן פֿון ק. פֿאַרטונאַטאָוו וועגן דעם נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל פֿון באַזונדערע קרייזן, וואָס ער ברענגט אין זיין בראָשור: „די נאַציאָנאַלע געביטן פֿון רוסלאַנד". איך באַמי זיך אָבער ווי ווייט מעגלעך אַנטקעגנצוקומען די פּאַרטיידיקער פֿון טעריטאָריאַליזם און באַקומען דעם מאַקסימום פֿון עטנאָגראַפֿישער אייגנאַרטיקייט. לאָמיר זען, אין וועלכע ציפֿערן דריקן זיך אויס די רעזולטאַטן פֿון דער פֿונאַנדערגרע־נעצונג, וועלכע איז מער גינסטיק פֿאַרן טעריטאָריאַלן פּרינציפּ.

מיר וועלן אָנהייבן פֿון צפֿון־מערב־געגנט און וועלן פֿון אָנהייב אָנ־צייכענען די גרענעצן פֿון דער ליטווישער עטנאָגראַפֿישער טעריטאָריע. זי דאַרף באַשטיין פֿון אַלע יענע קרייזן ווו די ליטווינער בילדן אַן אַבסאָלוטע אָדער כאָטש אַ רעלאַטיווע מערהייט. די זשמודעס האַלטן מיר פֿאַר דער זעלביקער ליטווישער נאַציע.

דער ליטווישער געביט באַשטייט פֿון פֿאָלגנדיקע טיילן:

1. די גאַנצע קאָוונער גובערניע; 2. טראַקער קרייז פֿון ווילנער גו־בערניע; 3. פֿינף קרייזן פֿון סוואַלקער גובערניע (פּינקטלעכער — די גאַנצע גובערניע אויסער כוואַלקער און אווגוסטאָווער קרייזן).

אויפֿן שטח וואָס מיר באַקומען אויף אַזאַ אופֿן מאַכט אויס:

די גאַנצע באַפֿעלקערונג	2.175.500
ליטווינער	1.442.900

אויף אַזאַ אופֿן בילדן די ליטווינער אויף זייער „אייגענער" טערי־טאָריע 66 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג; העכער אַ דריטל באַ־פֿעלקערונג (34 פּראָצ.) געהער צו אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן.

וועגן דער סאָציאַל־געזעלשאַפֿטלעכער וואָג פֿון די 34 פּראָצענט וועלן מיר רעדן באַזונדער. מיר וועלן נאָר באַמערקן אַז די ליטווינער, וואָס ווינען

דאָ, זענען נאָך נישט די גאַנצע ליטווישע נאַציע. איך מיין דאָ נישט די אויסלענדישע ליטווינער, נאָר די רוסלענדישע; אינגאַנצן זענען זיי פאַראַן 1.658,500 ; פון יענער זייט גרענעץ פון אויטאָנאָמען געביט בלייבט 215,600 אָדער 13 פּראָצענט פון דער גאַנצער ליטווישער באַפעלקערונג, — דאָס איז פאַר אַ קליין פאָלק פון אַנדערהאַלבן מיליאָן זייער אַ פילבאַרער פּראָצענט. צוזאַמען וועלן די „אויסגעשלאָסענע" (די מינדערהייט פון ע׳וועג־טועלן אויטאָנאָמען געביט פּלוס די ליטווינער, וואָס בלייבן פון יענער זייט) אויסמאַכן כמעט אַ מיליאָן (948,200)!; אין פאַרגלייך מיט דער צוויי־מיליאָניקער באַפעלקערונג פון גאַנצן שטח איז דאָס זייער אַ גרויסע צאָל.

לאָמיר נעמען ווייטער דעם ווייסרוסישן געביט. צום שטח פון דער דאָזיקער שוין גרעסערער טעריטאָריע דאַרפן געהערן פאָלגנדיקע גובערניעס און קרייזן:

1. די גאַנצע מאָהילעווער גובערניע ; 2. די גאַנצע מינסקער גובערניע ; 3. ווילנער גובערניע, חוץ טראָקער קרייז; 4. גראָדנער גובערניע, חוץ פיר קרייזן (ביאַליסטאָקער, ביעלסקער, בריסקער און קאָברינער) ; 5. וויטעב־סקער גובערניע, חוץ דריי קרייזן (דווינסקער, רעזשיצער און לוצינער) ; 6. קראַסנינער קרייז פון סמאָלענסקער גובערניע.

ווען מיר וועלן אויסרעכענען, ווי אויבן, די ציפערן, וואָס געהערן אַהער, וועלן מיר באַקומען:

די גאַנצע באַפעלקערונג מאַכט אויס : 7.076,800
ווייסרוסן 5.508,100

די ווייסרוסן בילדן אויף אַזאַ אופן 77 פּראָצענט פון דער באַפעל־קערונג. אַ פאַרהעלטנישמעסיק גרויסע צאָל. מיר וועלן שפּעטער נאָך באַ־טראַכטן דעם אינהאַלט, וואָס ליגט אין דער דאָזיקער צאָל. אויסער די גרענעצן פון שטח בלייבן נאָך איבער אַן ערך 300 טויזנט ווייסרוסן; צוזאַ־מען מיט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן פון שטח גופא מאַכט עס אויס אַ ציפער פון 1.800,000; דאָס הייסט צוויי מיליאָן אויסגעשלאָסענע! נעמען מיר ווייטער דעם קליינרוסישן שטח (מאַלאָראָסיאַ). איך וועל נישט אויסרעכענען די גרויסע צאָל קרייזן, וועלכע מען וואָלט געדאַרפט אויסשניידן פון די פאַר־שיידנסטע גובערניעס אויף צו באַקומען אַן עטנאָגראַפישן שטח. איך וועל נאָר אָנווייזן, אַז חוץ די פינף ריין אוקראַאינישע גובערניעס דאַרפן נאָך אַהער געהערן איינצלנע קרייזן פון קורסקער און וואָראָניעזשער גובערניעס, פון דאָן־געביט, פון יעקאַטערינאָסלאַווער, כערסאָנער, טשערניגאָווער, בעס־סאַראַביער, קובאָנער, טאַורישער, גראָדנער, שעדלעצער, לובלינער גובער־ניעס. אויפן דאָזיקן שטח מאַכט אויס די גאַנצע באַפעלקערונג (אין קיילעכ־דיקע ציפערן) 25,7 מיליאָן. דערפון אוקראַאינער — 19,3 מיליאָן.

די אוקראַאינער, אַלזאָ, מאַכן אויס 75 פּראָצענט פון דער באַפעלקע־רונג. אויסער די גרענעצן פון שטח בלייבן נאָך 3 מיליאָן אוקראַאינער; די

נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אויפֿן שטח גופֿא מאַכן אויס העכער 6 מיליאָן; דאָס הייסט 9 מיליאָן „אויסגעשלאָסענע".

לאָמיר אַריבער צום באַלטישן געגנט. ס'איז קלאָר, אַז מיר וועלן די דאָזיקע געגנט מוזן צעטיילן אויף צוויי טיילן — לעטישן און עסטישן. דער לעטישער טייל באַשטייט פֿון פֿאָלגנדיקע געביטן:

1. די קרייזן פֿון דער וויטעבסקער גובערניע (דווינסקער, רעזשיצער און לוצינער); 2. גאַנץ קורלענדער גובערניע; 3. פֿיר דרום־קרייזן פֿון ליפֿלענדער גובערניע.

עס באַקומען זיך פֿאָלגנדיקע ציפֿערן:

די גאַנצע באַפֿעלקערונג (פֿון לעטישן טייל)	1.929,900
לעטן	1.315,900

די לעטן בילדן 68 פּראָצענט, און כמעט אַ גאַנץ דריטל באַפֿעלקערונג, אָדער 614.000 בילדן נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

דער איינציקער געביט (אמת זייער אַ פּיטשינקער), וואָס קאָן פּרע־טענדירן אויף אַ מער וויניקער איינהייטלעכן נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל — דאָס איז עסטאָניע. זי באַשטייט פֿון דער צפֿונדיקער העלפֿט ליפֿלענדער און גאַנץ עסטלאַנדער גובערניעס און ציילט אויף אַ באַפֿעלקערונג פֿון 1.012,200 — 916,600 עסטן, ד"ה 90,5 פּראָצענט; אָבער אויך דאָ בלייבן 9 פּראָצענט עסטן אויסערן שטח פֿון אויטאָנאָמען געביט.

אויף קאַווקאַז קאָן מען, רעכענענדיק זיך מיט עטנאָגראַפֿישע גרע־נעצן, אויסשניידן 4 טעריטאָריעס.

אַ מער איינהייטלעכן כאַראַקטער וועט האָבן גרוזיע. אָבער דערצו וועט מען דאַרפֿן צורעכענען צו דער גרוזינישער נאַציע אַ גאַנצע ריי שבטים — די גאַנצע אַזוי גערופֿענע קאַרטוועלער שפּראַכן־גרופּע (די גרוזינער, אימערעטינער, מינגרעלער, סוואַעטן א"א). אין וואָס פֿאַר אַ מאָס אַט די אַלע שבטים בילדן אין אמתן איין נאַציאָנאַלע איינהייט — איז אונז שווער צו אורטיילן. ענטפֿערן מיר דערויף פּאָזיטיוו, באַקומען מיר אַ גרוזינישן אָדער קאַרטוועלישן שטח, וווהין עס וועלן אַריין:

1. קוטאַיסער גובערניע, חוץ צוויי קרייזן (סוכומער און אַרטווינער);
2. טיפֿליסער, חוץ דריי קרייזן (אַכאַלקאַלאַקער, באָרטשאַלינער און אַכאַל־ציכסקער).

לויט די אויסרעכענונגען פֿון זאַוואַלאַוו (אין זאַמלבוך „די פֿאָרמען פֿון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג" מאַכט אויס:

די גאַנצע באַפֿעלקערונג פֿון דאָזיקן שטח	1.593,000
גרוזינער	1.266,000

די גרוזינער אויף דער דאָזיקער טעריטאָריע באַטרעפֿן 97,8 פּראָצענט.

דער צווייטער געביט לויט זיין איינהייטלעכקייט איז דער לעזגינישער. דאָ וועט מען דאַרפֿן צוליב דעם טעריטאָריאַלן פּרינציפּ זיך נאָך מער אָב־

שטרענגען און אַנערקענען פאַר אַ נאַציע אַ גאַנצע גרופּע מזרחדיקע בערג־איינוווינער: אַוואַראָ־אַנדיציעס, דאַרגינצעס, קיורינצעס, אודינצעס, קאַזי־קומיקער און אַנדערע לעזגינער. לאָמיר אָננעמען, אַז זיי בילדן אַלע איין נאַציע, איר טעריטאָריע איז דער דאַגעסטאַנער געביט (אָן טעמיר־כאַנ־שורער קרייז) און דער טראַנזקאַטאַלער קרייז פון טיפליסער גובערניע.

צוזאַמען מאַכט אויס די באַפעלקערונג אין דאָזיקן געביט 668.000, לעזגינער — 483.000.

די לעזגינער בילדן 72 פּראָצענט. עס פאַרשטייט זיך, אַז מען קאָן נישט רעדן וועגן אַ נאַציאָנאַל־טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע פון לעזגינער געביט, וואָס איז גרויס ווי אַ האַלבע גובערניע.

די טאָטערישע טעריטאָריע באַשטייט (דאָ רעדט זיך וועגן די קאַוו־קאַזער טאָטערן) פון:

1. באַקוער גובערניע; 2. יעליסאַוועטפּאָלער גובערניע (חוץ שו־שינער קרייז).

די גאַנצע באַפעלקערונג מאַכט אויס	1.913.000
טאָטערן	1.133,000

די טאָטערן בילדן 59,2 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. אויסער דעם שטח, אין אַנדערע געביטן, בלייבט נאָך כמעט 700.000 אָדער 26 פּראָ־צענט פון אַלע קאַווקאַזער טאָטערן.

און לסוף די אַרמענער. זייער לאַגע איז די ערגסטע. זייער אויטאָ־נאָמער שטח קאָן צונויפגעשטעלט ווערן פון פאָלגנדיקע טיילן:

1. דריי קרייזן עריוואַנער גובערניע (עטשמיאַדזינער, אַלעקסאַנדראָ־פּאָלער און נאָווּאָ־באַיאַזעטאַיער); 2. צוויי קרייזן פון טיפליסער גובערניע אַכאַלקאַלאַק און באָרטשאַלין); 3. צוויי קרייזן פון קאַרסקער גובערניע (קאַ־גיזמאַן און קאַרס); 4. צוויי קרייזן אין יעליסאַוועטפּאָלער גובערניע (שושין און זאַנגזעגור).

עס באַקומען זיך פאָלגנדיקע ציפערן:

די גאַנצע באַפעלקערונג	1.090,400
אַרמענער	600,600

די אַרמענער, אויף אַזאַ אופן, בילדן 55 פּראָצענט פון דער באַפעל־קערונג אויסער די גרענעצן פון שטח בלייבן נאָך 572.000, אָדער כמעט אַ העלפט פון אַלע רוסלענדער אַרמענער.

לויט די אויסרעכענונגען פון מחבר פון אַרטיקל (אַן אַרמענער) אין זאַמלבוך „די פאָרמען פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג״, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אויפן סמך פון אַנדערע מאַטעריאַלן (נישט לויט די ציפערן פון דער פאָלקס־ציילונג) באַקומען זיך אַביסל אַנדערע צאָלן: ביי אים נעמט אַרום דער אַרמענישער געביט אַן ערך 2 מיליאָן איינוווינער; אויסער די גרע־נעצן פון דאָזיקן געביט בלייבט נישט 50 פּראָצענט, נאָר 30 פּראָצענט

פון דער גאַנצער צאָל אַרמענער; אָבער אויך לויט זיין חשבון בילדן די אַרמענער 55 פּראָצענט פון די איינוווינער אויפן גאַנצן געביט. אַזוי זעען אויס די נאַציאָנאַלע געביטן פון אייראָפּעישן רוסלאַנד און קאַווקאַז.

לאָמיר מאַכן אַ קורצן ציפער־סך־הכל פון דעם אַלעם, וואָס איז ביז אַהער געזאָגט געוואָרן. וויפל וועט זיין די סומע פון אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס ווערן אויסגעשלאָסן פון די אַלע געביטן און וועלן נישט געניסן פון די אַלע גליקן פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

אַזעלכע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן וועלן זיין:

אין אוקראַינישן געביט	6.400,000
אין ווייסרוסישן	1.568,700
אין טאַטערישן	780,000
אין ליטווישן	732,600
אין לעטישן	614,000
אין אַרמענישן	489,800
אין גרוזינישן	327,000
אין לעזגינישן	185,800
אין עסטישן	95,600
צוזאַמען	11.193,500

העכער 11 מיליאָן ווערן אויף אַזאַ אופן אויסגעשלאָסן. אָט די דאָזיקע צאָל איז גלייך דער צאָל ליטווישער, לעטישער, ווייסרוסישער, גרוזינישער און אַרמענישער נאַציע צוזאַמען גענומען. די רעזולטאַטן זענען זייער ווייניק באַפרידיקנדיק. און דאָ האַנדלט זיך וועגן געביטן, וועלכע מיר האָבן געפּרוווט פונאַנדערטיילן עטנאָגראַפיש, שוין אָפּגערעדט וועגן אַזעלכע, וועלכע ווערן אויסגעשניטן נישט רעכענענדיק זיך מיטן נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל. אָבער אויך די דאָזיקע רעזולטאַטן זענען אַביסל צוגעפּוצט; אויך אין זיי דאַרף מען אַריינטראָגן אויסבעסערונגען, וועלכע וועלן זיי מאַכן נאָך ווייניקער גינסטיק פאַר טעריטאָריאַליסטישע אויספירן.

איך ווייס, אַ טעריטאָריאַליסט באַגנוגנט זיך מיט ווייניק; ביי אַ טעריטאָריאַליסטיש געשטימטן לייענער וואָלטן באַזונדערע ציפערן יאָ געקאָנט איבערלאָזן אַן איינדרוק, אויב נישט אינגאַנצן אַ באַפרידיקנדיקן, איז ווייניקסטנס אַ דערטרעגלעכן. אין ווייסרוסלאַנד, למשל, בילדעט די איינגעבוירענע באַפעלקערונג ווי נישט איז 77 פּראָצענט; אַ ציפער אַ וואָגיקע אויפן ערשטן בליק. אָדער 66 פּראָצענט ליטווינער אין ליטע. פאַר אַ מענטשן, וואָס איז שוין לכתחילה גוט געשטימט פאַרן טעריטאָריאַליזם, קאָן אויך די דאָזיקע ציפער זיין אַ גענוגנדיקע: דאָך אַ מערהייט! עס וועט דעריבער זיין נוצלעך צוצוגעבן צו אָט די ציפערן געוויסע אויפקלערונגען. גראָד אין די צוויי אָקערשט אָנגערופענע געביטן וועט זיך אַרויסווייזן אויפן קלאָרסטן אופן דאָס, וואָס מיר וועלן זאָגן.

3

איינע און די זעלביקע, לויט איר רעלאַטיווער גרייס, מינדערהייט קאָן האָבן ביי פֿאַרשיידענע באַדינגונגען לגמרי נישט דעם זעלביקן באַטייט, נישט די זעלביקע וואָג. עס איז נישט גענוג צו נעמען אַן אַבסטראַקטע אַריט־מעטישע צאָל, מען דאַרף זיך אַריינטראַכטן דעריז, וואָס די דאָזיקע צאָל שטעלט פֿאָר מיט זיך.

אין דער ליטע בילדעט די פֿרעמדע מינדערהייט כמעט די גאַנצע שטאָטישע באַפֿעלקערונג און דעם פּריצים־קלאַס. די איינגעבוירענע מער־הייט בילדעט דאָס פּויערטום. „אין דער אינדוסטריע נעמען די ליטווינער זייער אַ קליינעם אַנטייל — שרייבט א. בולאַט אינם זאַמלבוך, וואָס מיר האָבן שוין אַ פּאָר מאָל ציטירט. אין לאַנד זענען נישט פֿאַראַן קיין גרויסע אינדוסטריע־צענטערס, אָבער אַפֿילו אין די פֿאַבריקן און זאַוואָדן, וואָס זענען יאָ פֿאַראַן, מאַכן אויס די ליטווישע אַרבעטער בלויז אַ קליינעם פּראָ־צענט. מיטן האַנטווערק, באַזונדערס מיטן שטאָטישן, פֿאַרנעמען זיך די ליטווינער אויך זייער ווייניק, חוץ אפֿשר מיט שניידעריי". קיין נאַציאָנאַלן אַדל, קיין שטאָטישן עלעמענט, קיין וועלכע נישט איז וואָגיקע גרויס־בורזשואַזיע, — דאָס אַלץ פֿאַרמאָגן נישט די ליטווינער". אין די ווילנער און סוואַלקער גובערניעס ווינען אין די דערפֿער העכער 95 פּראָצענט ליטווינער. אויף די שטעט צוזאַמען מיט די שטעטלעך פֿאַלט אויס אַרום און אַרום 6 טויזנט ליטווינער, וואָס מאַכט אויס אַ נישטיקע גרייס אין פֿאַרגלייך מיט דער גאַנצער שטאָטישער באַפֿעלקערונג. אין די שטעט פֿון ליטע פֿאַרנעמען די ליטווינער, לויט זייער צאָל, דעם פֿערטן אָרט, אין דער ליטע איז נישט פֿאַראַן קיין איין ליטווישע שטאָט, קיין איין שטעטל, ווו ליטווינער זאָלן בילדן כאָטש אַ באַמערקבאַרע מינדערהייט. דאָס זעלבע איז מיטן פּריצישן ערד־אייגנטום. ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז זעלבסט־פֿאַרשטענדלעך, אַז די אַזוי אויך נישט קליינע 34 פּראָצענט פֿון די נאַציאָ־נאַלע מינדערהייטן באַקומען אַ געהעריקע געזעלשאַפֿטלעכע וואָג, וואָס זענען פֿעיִק מיט אַן עודף אַריבערצוּוועגן די 66 פּראָצענט פֿון דער דאָרפֿישער מערהייט.

די זעלבע לאַגע איז אין ווייסרוסלאַנד. מיר קלייבן אַדורך איין שטאָט נאָך דער צווייטער — און אומזיסט זוכן מיר אין ווייסרוסלאַנד ווייסרוסישע שטעט. ווילנע — די הויפּטשטאָט פֿון דער געגנט, — קיין איין נאַציע האָט דאָרט נישט קיין אַבסאָלוטע מערהייט, אַ רעלאַטיווע מערהייט האָבן די יידן (41,4 פּראָצענט); נאָך דעם גייען די פּאָליאַקן, גרויסרוסן, ליטווינער, — ערשט נאָך זיי די ווייסרוסן. אין מינסק בילדן אַלע קריסטן צוזאַמען — גרויס־רוסן, ווייסרוסן און פּאָליאַקן — ווינציקער פֿון אַ העלפֿט באַפֿעלקערונג (47,7), די ווייסרוסן זענען אַ נישטיקע מינדערהייט; אַן ערך דאָס זעלבע איז אין מאָהילעוו, גראָדנע, וויטעבסק. נישטאָ קיין איין גרעסערער צענ־

טער, וועלכער זאָל זיין אויף וויפל נישט איז אַ ווייסרוסישער לויט זיין נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל. נישט פיל בעסער איז אין די קלענערע צענטערס, ווו דעם ערשטן אָרט פאַרנעמען דאָרט די ייִדן (אין 39 שטעט פון 51); בלויז אין 12 שטעטלעך מאַכט אויס די גאַנצע סומע קריסטלעכע איינוווינער העכער פון אַ העלפט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג; אויפן חלק פון די ווייסרוסן קומט דאָ אויך אויס זייער ווייניק. עס איז באַוווסט די ראָלע, וואָס עס שפילט אין דער דאָזיקער געגנט דער פויליש-פריצישער ערד-באַזיץ. עס באַקומט זיך דאָס זעלבע בילד וואָס אין ליטע. די אויספירן פון די געבראַכטע ציפערן זענען גענוג קלאָר. איך האָב שוין אָנגעוויזן דערויף, אַז די ווירקונג פון שטאָט און פריצישן ערד-באַזיץ קאָן גאַנץ לייכט פאַראַ־ליזירן דעם צאָלמעסיקן איבערגעוויכט פון דאָרף. איך ווייס נישט צי עס וועלן זיין פעיִק אָט די נאַציאָנאַל „פרעמדע" קרעפטן אָנצוואַרפן דעם איינ־געוואָרצלטן פויערטום זייער אייגענע נאַציאָנאַליטעט; דאָס איז מער ווי צווייפלהאַפט שוין צוליב דעם אַליין, וואָס מיר האָבן דאָ אַ קאָנגלאָמעראַט פון ייִדן, פאָליאַקן און רוסן. יעדנפאַלס אָוועקרויבן ביי דער געגנט-אויטאָ־נאָמיע פון ליטע איר ליטווישן כאַראַקטער, ביי דער ווייסרוסישער אויטאָ־נאָמיע דעם ווייסרוסישן — וועלן אָט די „פרעמדע" זיכער זיין בכוח.

מען קאָן מיר דערווידערן, אַז דער געוואַלטיקער איבערגעוויכט פון „פרעמדן" עלעמענט אין די שטעט און אין דעם פריצישן ערד-באַזיץ איז אפשר בלויז אַ פאַריבערגייענדיקע צייטווייליקע דערשיינונג, וואָס באַמערקט זיך אויך ביי אַנדערע דערוואַכנדיקע נאַציעס; אַז זיי האָבן אויך נישט פאַר־מאָגט זייער אייגענע בורזשואַזיע, זייערע אייגענע פריצים, ווייל די שפיצן זענען אַוועק, האָבן זיך אַסימילירט. די מאַסן האָבן דערוואַכט — און אונ־טער זייער ווירקונג האָבן די שפיצן זיך אומגעקערט צו זיך „אַהיים". צי קומט נישט פאַר דאָס זעלביקע אויך דאָ? ניין, נישט דאָס זעלביקע; אָדער יעדנפאַלס אין זייער אַ גרויסער מאָס נישט דאָס זעלביקע. וואָס שייך פריצים, פאַרנעמען דאָ דעם אָנגעזעענעם אָרט נישט פאַרפוילישטע ליט־ווישע אָדער ווייסרוסישע פריצים, נאָר טאַקע פוילישע עלעמענטן לויט זייער אָפשטאַם; זיי האָבן נישט וווהין זיך אומצוקערן און ס'איז נישטאָ נאָך וואָס. וואָס שייך די שטעט פאַרנעמען דאָ דאָס ערשטע אָרט די ייִדן. מען קאָן האָבן וואָס פאַר אַ מיינונג וועגן דער צוקונפט פון די ייִדן, אָבער אַפילו דער סאַמע ענטוזיאַסטישסטער פריידיקער פון אַסימילאַציע וועט זיך געוויס נישט דערלויבן צו פאַרזיכערן, אַז די ייִדן שטייט פאַר איינגע־שלונגען צו ווערן פון אַזעלכע פעלקער, ווי די ליטווינער און ווייסרוסן. איך וועל נאָר אָנווייזן אויף איין כאַראַקטעריסטישער קלייניקייט: לויט דער ציילונג פון 1897 האָבן פון דער גאַנצער צאָל ייִדן, וואָס וווינען אין ליטע, אָנגעגעבן ליטוויש אַלס זייער מוטער-שפּראַך ווייניקער פון 0,3 פּראָ־

צענט, און די ווייסרוסישע — פֿון די שטאָטישע ייִדן בלויז 2,88 פּראָצענט. די דאָזיקע ציפֿערן רעדן גענוג פֿאַר זיך.

די נישט־גלייכמעסיקייט פֿון דער סאָציאַלער סטרוקטור ביי פֿאַר־שיידענע נאַציעס זעט מען אויך אין אַנדערע געגנטן: אין אוקראַינע, אין באַלטישן קאַנט און קאַווקאַז. אין אוקראַינע איז די „איינגעבוירענע" באַ־פֿעלקערונג קאָנצענטרירט הויפּטזעכלעך אין די דערפֿער, אין די שטעט איז איר צאָל קליין און אין געוויסע צענטערס גאָר אַ נישטיקע. די שפּראַכלעכע נאָענטקייט פֿון רוסיש און אוקראַיניש העלפֿט באַדייטיק דעם רוסיפֿיצי־רונגס־פּראָצעס ביי די שטאָטישע איינוווינער, וועלכער איז שוין אַוועק גאָר ווייט. אַ כאַראַקטעריסטישער באַווייז זענען די ציפֿערן וועגן דער שפּראַך פֿון די ייִדן אין די שטעט פֿון אוקראַינע. נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָ זענען פֿאַראַן פֿאַרהעלטנישמעסיק מער אַסימילירטע ייִדן ווי אין אַנדערע געגנטן פֿון יידישן תּחום, איז דאָך די צאָל ייִדן, וועלכע אַנערקענען אוקראַיניש פֿאַר זייער מוטער־שפּראַך, ממש אַ נישטיקע: אין אַלע שטעט סך־הכּל 654 פּערזאָן. דער דאָזיקער פּרט באַווייזט די ווירקונג פֿון דער געגעבענער שפּראַך: רוסיש האָבן אַנערקענט פֿאַר זייער מוטער־שפּראַך אַ באַדייטיק גרעסערע צאָל ייִדן.

אין באַלטישן קאַנט איז באַוווסט די ספּעציפֿישע ראָלע פֿון דייטשן אַדל; זיין וואָג איז אויסערגעוויינטלעך. אין קורלאַנד און ליפֿלאַנד געהערט צו די דייטשן אַ סך מער ווי אַ העלפֿט פֿון דער גאַנצער ערד, וואָס געפֿינט זיך אין פּריוואַט־אייגנטום. די דייטשע פּריצים האַלטן אין זייערע הענט די גאַנצע געגנט, זיי זענען די באַלעבאַטים פֿון דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע און ליגן אַרויף זייער האַנט אויפֿן גאַנצן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. זיי האָבן די איבערהאַנט אין די לאַנדטאָגן, אין די כּלערליי קאָנווענטן און קאָלאָניעס. בלויז אין אויסנאַם־פֿאַלן ווערן צוגעלאָזן צום אָנטייל אין דער זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג — און דאָס אין דער קלענסטער מאָס — די שטעט און די פּויערים. די אַדמיניסטראַציע פֿון די קרייזן איז איינגאַנצן אָנגעשטאָפּט מיט די באַראָנען. די פֿונקציעס פֿון דער גובערניאַלער פֿאַרוואַלטונג און אין אַ באַדייטיקער מאָס פֿון דער אַזוי גערופֿענער לאַנד־פּאָליציי פֿירן זיי אויס. די פּריצים (דוואָריאַנעס) געהערט דאָס רעכט צו באַשטימען די גלחים אין די דאָרפֿישע רעליגיעזע געמיינדעס; באַנוצנדיק זיך דערמיט, האָבן זיי אַ גרויסע ווירקונג אויפֿן גאַנצן לעבן פֿון דער רעליגיעזער געמיינדע. די סובסידיעס פֿאַר די שולן ווערן גענומען ביי די פּויערישע געמיינדעס, אָבער די דוואָריאַנעס באַלעבאַטעווען מיטן געלט ווי זיי געפֿעלט, לחלוטין אָן קאָנטראָל. אין זייער רשות געפֿינען זיך אויך די קרעדיט־געזעלשאַפֿטן פֿאַר דער לאַנדווירטשאַפֿט.[3]

[3] זע אַרטיקל פֿון פּעטערסאָן אין זאַמלבוך: די פֿאָרמען פֿון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג".

אמת, מיטן איבערבויען די אָרטיקע זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג אויף דעֿ־מאָקראַטישע יסודות וועט זיך אַלץ ענדערן; אָבער אַראָפּנעמען פֿון חשבון די דאָזיקע געוואַלטיקע סאָציאַלע — און צוזאַמען מיט דעם אויך נאַציאָנאַלע — קראַפֿט קאָן מען נישט. עס וועט ביי איר אַראָפּגענומען ווערן די פֿולע מאַכט, אָבער עס וועט מוזן מיט איר טיילן די מאַכט די לעטישע באַפֿעלקערונג; די „נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פֿון געביט וועט זיין צעשטערט. אין די שטעט שטייט דער ענין אויב בעסער ווי אין צפֿון־מערב־געגנט, איז דאָך אָבער ווייט נישט אַזוי גוט פֿאַר דער „הערשנדיקער" נאַציע. אין ריגע, למשל, בילדן די לעטן 41,64 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג, אין מיטאַווע — 45,69 פּראָצ., אין ליבאַווע — 38,64 פּראָצ.

אויף קאַווקאַז זענען די פֿאַרהעלטענישן אויך פֿאַרפּלאָנטערט. אין די שטעט שפּילן אַ באַדייטיקע ראָלע די אַרמענער; אין אַ ריי שטעט, וואָס ליגן אין „פֿרעמדע" געביטן בילדן זיי אָן אַבסאָלוטע אָדער רעלאַטיווע מערהייט. לויט דער לעצטער פֿאָלקס־ציילונג באַטרעפֿט די צאָל שטאָטישע איינוווינער ביי דער גרוזינישער נאַציע ווייניקער פֿון 10 פּראָצענט, ביי די טאָטערן — אַן ערך 12 פּראָצענט, ביי די אַרמענער — מער פֿון 21 פּראָצענט. דערפֿאַר געפֿינען מיר פּונקט אַ פֿאַרקערטע פּראָפּאָרציע ביי די דוואָריאַנעס (פּריצים): למשל, אין דער „אַרמענישער" עריוואַנער גובערניע זענען 44 פּראָצענט פֿון די דוואָריאַנעס, וואָס האָבן באַקומען בירושה זייער טיטל — טאָטערן, אַרמענער אָבער — בלויז 15 פּראָצענט (זע אַרטיקל „אַרמענער" אין דערמאָנטן זאַמלבוך).

אָט די אַלע ציפֿערן זאָגן איינס און דאָס זעלביקע שוין נישט רייזנ־דיק וועגן יענע געביטן, ווו די „איינגעבוירענע" באַפֿעלקערונג בילדעט אַ וועלכע נישט איז 50־60 פּראָצענט; אַפֿילו דאָרטן ווו דער ווייזער פֿון דער נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט איז העכער, איז די פֿאַרפּלאָנטערטע סאָציאַל־נאַציאָנאַלע גרופּירונג אַזעלכע, אַז ביי אַ פֿאַרהעלטענישמעסיקער הייך פֿון די פֿאָרמעלע פּראָצענט־ציפֿערן פֿאַלט פֿאַקטיש אַראָפּ דער ווייזער פֿון אייגנאַרטיקייט אין גאַר אַ גרויסער מאָס. עס קאָן אין עצם נישט זיין קיין רייד וועגן „נאַציאָנאַלע" געביטן.

אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. מיר האָבן די גאַנצע צייט גערעדט אין זינען די מעגלעכקייט פֿון אַזאַ פֿונאַנדערגרענעצונג, וועלכע וואָלט זיך גערעכנט מער ווייניקער מיט עטנאָגראַפֿישע גרענעצן — און געקומען צום אויספֿיר, אַז אַפֿילו פֿונאַנדערגרענעצונג העלפֿט ווייניק. מיר דאַרפֿן דערצו צוגעבן נאָך עפּעס זייער וויכטיקעס: די מעגלעכקייט פֿון פֿונאַנדערגרענע־צונג איז מער ווי פּראָבלעמאַטיש. געביטן מיט 77 פּראָצענט אוקראַינער, 65 פּראָצענט ליטווינער, 79 פּראָצענט גרוזינער זענען סוף כּל סוף בלויז טעאָרעטישע פֿיקציעס. „אַזעלכע פֿיקציעס וואָלט מען געקאָנט אויסקאָמבי־נירן וויפֿל מען וויל און דערביי באַקומען אַ נאָך מער גינציק בילד; מען

וואָלט געקאָנט צעברעקלען נישט בלויז גובערניעס, נאָר אויך קרייזן, בעמען פֿאַרן יסוד אַ וואָלאָסט (דאָרפֿישער קליינער אײנס — וו. ש.) און באַקומען אַ נאָך מער „נאַציאָנאַל געדיכטע" טעריטאָריע. אָבער וואָס וואָלט געווען דער רעאַלער ווערט פֿון אַזעלכע און ענלעכע געאָגראַפֿישע איבונגען? דאָס וועלן מיר באַלד זען.

4

צי שטעלט מיט זיך פֿאָר די באַפֿעלקערונג פֿון אַ וועלכן נישט איז טייל רוסלאַנד אַזאַ שטיק ווייס פּאַפּיר, איבער וועלכן עס זאָל זיין דערלויבט, נישט שעדיקנדיק אירע אינטערעסן, דורכמאַכן וועלכע נישט איז פֿונאַנדער־גרענעצונג־מאַניפּולאַציעס, אויסשניידנדיק די אָדער אַנדערע טעריטאָריאַלע שטיקער, רעכענענדיק זיך אויסשליסלעך מיטן נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל, מיט עטנאָגראַפֿישע גרענעצן? מען דאַרף דערביי נעמען אין אַכט וועגן וואָס פֿאַר אַ פֿונאַנדערגרענעצונג עס האַנדלט זיך. דאָ גייט וועגן טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע, וועגן נייע זעלבסטפֿאַרוואַלטנדיקע און אַדמיניסטראַטיווע איינסן, די פֿון דאָס ניי געשניטענע קרייזן, גובערניעס, וועלן דאַרפֿן נעמען אויף זיך אָנצופֿירן מיטן גאַנצן סכום אָרטיקע ענינים — נישט בלויז פֿון בילדונג און קולטור (פֿאַר אַזעלכע וואָלט זיך יאָ געפּאַסט אַן עטנאָגראַפֿישע פֿונאַנדערטיילונג), נאָר אויך אַדמיניסטראַטיווע אוןווירטשאַפֿטלעכע. עס פֿרעגט זיך, צי האָט עס אַ זינען פֿונאַנדערצושניידן די אַלע טעריטאָריאַלע איינסן, אין גאַנצן נישט רעכענענדיק זיך דערביי מיט די נאַטירלעך אויסגעבילדעטע ווירטשאַפֿטלעכע ראַיאָנען, מיט די נאַטור־באַדינגונגען, מיט יענער גאַנצער סומע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אינטערעסן, וועלכע זענען פֿאַרבונדן מיט דער עקסיסטענץ פֿון אַזעלכע איינסן?

זייער באַלערנדיקע געדאַנקען געפֿינען מיר וועגן דעם ביי די עסט־רייכישע טעאָרעטיקער פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. רודאָלף שפּרינגער (קאַרל רענער) צייכנט אָן, למשל, אַזאַ סכעמע פֿון די נאַטירלעך־אויסגעבילדעטע טעריטאָריאַלע איינסן, מיט וועלכע די מלוכה דאַרף זיך רעכענען: 1) פּרימיטיווער נאַטירלעכער איינס: ישוב, דאָרף, שטאָט; 2) ראַיאָן, וואָס איז פֿאַראייניקט דורך איין אָרטיקן מאַרק אָדער יאָרמאַרק; אַ שטעטל מיט אַ ריי ישובים אַרום. אין דאַזיקן שטעטל קרייצן זיך די וועגן, אַהער קומען די פּויערים פֿון די שכנישע דערפֿער צו פֿאַרקויפֿן זייערע פּראָדוקטן און איינקויפֿן די נייטיקע פֿאַר זיי זאַכן; 3) אַ גרעסערער קרייז, וואָס איז פֿאַראייניקט מיט אַן אַלגעמיינעם גרעסערן מאַרק. אין צענטער — אַ גרויסע פּראָווינץ־שטאָט. דאָ איז דער צופֿיר פֿון פּראָדוקטן פֿון אַנדערע אַזעלכע קרייזן, די פּראָדוקטן זענען קאָנצענטרירט ביי די גרויסע סוחרים, זיי ווערן ווייטער פֿאַרקויפֿט צו די קלענערע סוחרים און ווערן ווייטער פֿונאַנדערגעפֿירט איבער די קלענערע צענטערס און מערק. אַהער ווידער פֿליסן אַריין די סחורות, וואָס ווערן אַרויסגעפֿירט פֿון דאַזיקן קרייז. דער קרייז, אינגאַנצן

גענומען, שטעלט מיט זיך פֿאַר איןווירטשאַפֿטלעכער הינזיכט, אין אַ געוויסן גראַד, אַן איינהייט.

אַ צווייטער עסטרייכישער מאַרקסיסט, אָטאָ באַוער, איז נישט אינגאַנצן מסכּים מיט אָט דער סכעמע; ער האַלט, אַז זי נייטיקט זיך אין געוויסע אויסבעסערונגען. אין די אינדוסטריעלע געביטן, למשל, קען בילדן אַ נאַטירלעכן איינס דער קוילן־גרובן־ראַיאָן אָדער דער ראַיאָן פֿון דער טעקסטיל־פּראָדוקציע. „אָבער — זאָגט אָטאָ באַוער — אַ פֿאַקט איז, אַז עס עקסיסטירן ווירטשאַפֿטלעכע ראַיאָנען, וועלכע זענען נישט אָפּהענגיק פֿון וועלכע נישט איז געזעצלעכע פֿונאַנדערטיילונגען און עס איז אויך אַן שום ספק, אַז די אַדמיניסטראַטיווע און יורידישע פֿונאַנדערטיילונגען דאַרפֿן זיך צופּאַסן צו די דאָזיקע ראַיאָנען. דער טשעכישער פּויער, למשל, וועלכער קומט אַלע וואָך אין דער דייטשער שטאָט, ווייל דאָ פֿאַרקויפֿט ער זיינע פּראָדוקטן און קויפֿט איין די, וואָס זענען פֿאַר אים נייטיק, ווייל האָבן די מעגלעכקייט דאָ גופֿא איינצאָלן זיינע שטייערן, דאָ גופֿא פֿירן זיינע געריכטלעכע פּראָצעסן, באַקומען אינפֿאָרמאַציעס פֿון די קאַטאַסטער־ביכער, זיך באַקלאָגן אויף די פֿאַראָרדענונגען פֿון אַ וועלכן נישט איז געמיינדעתּקיף. און דאָס וואָס עס איז די באַדערפֿעניש פֿון דער באַפֿעלקערונג, איז גלייכצייטיק אויך די באַדערפֿעניש פֿון דער מלוכה. עס איז נישט מעגלעך אַן איינגעאָרדנטע מלוכה־פֿאַרוואַלטונג, אויב די אַדמיניסטראַטיווע צעטיילונג צערייסט סאָציאַל אויסגעבילדעטע געביטן און מישט אויס אין איין קנויל געביטן, וועלכע האָבן נישט צווישן זיך קיין שום געמיינזאַמעס".[4]

אָט די געדאַנקען דאַרף מען זייער און נעמען אין אַכט. דאָס הייסט נישט, פֿאַרשטייט זיך (און באַוער באַמערקט דאָס טאַקע), אַז די איצט עקסיסטירנדיקע אַדמיניסטראַטיווע פֿונאַנדערטיילונג קאָן מען נישט ענדערן. ענדערן קאָן מען, אַמאָל איז דאָס אויך נייטיק; די גאַנצע פֿראַגע באַשטייט דערין אין וואָסער ריכטונג מען דאַרף די ענדערונגען מאַכן, מיט וואָס זיך ריכטן דערביי. און זיך ריכטן דאַרף מען אויפֿן ערשטן פּלאַץ מיט ווירטשאַפֿטלעכע אינטערעסן, — מוזן דאַן די ניי געמאַכטע ענדערונגען לגמרי נישט צונויפֿפֿאַלן מיט די עטנאָגראַפֿישע צעטיילונגען. אַ פֿאָרויס איינגעשטעלטע האַרמאָניע איז דאָ נישט פֿאַראַן און קאָן נישט זיין. פֿאַרקערט, קאָנפֿליקטן וועלן זיין אויף יעדן טריט. וויפֿל ספּעציאַליסטן עס האָבן נישט געפּרוווט מאַכן אַזאַ איינטיילונג פֿון די געביטן פֿון רוסלאַנד לויט נאַטירלעכע און עקאָנאָמישע סימנים, געפֿינען מיר דאָך ביי קיינעם נישט אַזאַ איינטיילונג, וועלכע זאָל כאָטש אַביסל נאָענט צונויפֿפֿאַלן מיט עטנאָגראַפֿישע גרענעצן.

ווי ווייט פֿאַרשידנפֿאַרביק לויטן נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל וואָלט

---

[4] אָטאָ באַוער „די נאַציאָנאַליטעטן־פֿראַגע און סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ז' 287.

אויסגעזען די באַפֿעלקערונג פֿון די צוגעשניטענע אויטאָנאָמע געביטן, האָבן מיר שוין געזען אויבן. אַט די געבראַכטע ציפֿערן האָבן סוף כל סוף אַ מער רעאַלן ווערט ווי די קינסטלעך אָנגעצייכנטע עטנאָגראַפֿישע טעריטאָריעס. די אויטאָנאָמיע פֿון קאַווקאַז אָדער באַלטישן קאַנט, אָדער פֿון צפֿון־מערב־געגנט האָט אָן אַ פֿאַרגלייך מער וואָרצלען אין לעבן ווי די אויטאָנאָמיע פֿון אַ קורלענדער אָדער האַלב־ליפֿלענדער גובערניע, אָדער פֿון עטלעכע קרייזן פֿון טיפֿליסער און קוטאַיסער גובערניע.

אין צפֿון־מערב־געגנט, למשל, זענען די ווירטשאַפֿטלעכע אויפֿגאַבעס, וואָס ווערן אַרויסגערופֿן צוליבן נידעריקן צושטאַנד פֿון דער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפֿט אַלגעמיינע פֿאַרן גאַנצן געביט.

„די אינדוסטריע פֿון ביאַליסטאָק — שרייבט אַ. נאָווינאַ אין ציטירטן זאַמלבוך — איז ענג פֿאַרבונדן מיט דער אינדוסטריע פֿון ליטע, וועלכע ליידט פֿון די זעלבע סיבות; און עס איז אינטערעסאַנט, אַז די פֿאַרשיידענע פֿאַרבאַנדן פֿון די אינדוסטריעלער, זייערע סינדיקאַטן, ווי למשל, פֿאַרבאַנד פֿון ברויעריי־אייגנטימער, לעדער־אינדוסטריעלער, וואַלד־סינדיקאַט, שוועבעלעך־סינדיקאַט און אַנדערע, שטרעבן צו פֿאַראייניקן די פּראָדוקציע פֿון גאַנצן צפֿון־מערב־געגנט. און דאָס איז זייער וויכטיק. די יורידישע פֿאָרמען פֿון אויטאָנאָמיע פֿאַרפֿעסטיקן נאָר און פֿאַרפֿיקסירן די „באַזונדערקייטן" פֿון ווירטשאַפֿטלעכן סיסטעם און פֿון עקאָנאָמישן לעבן, וועלכע זענען געשאַפֿן געוואָרן אין דער פּראַקטיק".

אויף אַזאַ אופֿן, כדי צו באַקומען יענע באַשיידענע און נישט געלונגענע עטנאָגראַפֿישע טעריטאָריעס, וועלכע מיר האָבן אויבן באַטראַכט, וואָלט מען געדאַרפֿט מאַכן אַ ראַדיקאַלן ברוך אין ווירטשאַפֿטלעכן לעבן — דאָס וואָלט נישט געפֿונען קיין באַרעכטיקונג פֿון קיין שום שטאַנדפּונקט. אויב שוין יאָ ברעכן די ווירטשאַפֿטלעכע זייט פֿון לעבן, איז דאָך שוין קליגער צו מאַכן נאָך אַ טריט און אינגאַנצן זיך אָפּזאָגן פֿון טעריטאָריאַלן פּרינציפּ. מען האַלט זיך דאָך ביים דאָזיקן פּרינציפּ אין צוזאַמענהאַנג מיט דער עקאָנאָמיע; אויב מען רייסט איבער דעם דאָזיקן צוזאַמענהאַנג, טאָ צוליב וואָס בלייבן אויף אַ האַלבן וועג, אויף כלומרשטע נאַציאָנאַלע טעריטאָריעס, וועלכע אין דער ווירקלעכקייט זענען זיי גאָרנישט קיין נאַציאָנאַלע און געבן נישט קיין שום אויסוועג. איז דען נישט בעסער און גלייכער איינצופֿירן אַ ריין נאַציאָנאַלע זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג? דערויף קאָן זיין לויט מיין מיינונג נאָר איין ענטפֿער.

מען דאַרף בכן האַלטן פֿאַר פֿעסטגעשטעלט, אַז מען קאָן נישט בויען אויף אַן עטנאָגראַפֿישער פֿונאַנדערטיילונג פֿון דער טעריטאָריע. אַ געגנט־אויטאָנאָמיע איז נייטיק; זי איז נייטיק צוליב די ווירטשאַפֿטלעכע און אַדמיניסטראַטיווע אינטערעסן. אָבער די פֿונאַנדערגרענעצונג, וואָס ווערט דיקטירט דורך די דאָזיקע אינטערעסן, פֿאַלט אין קיין פֿאַל נישט

צונויף מיט אַ נאַציאָנאַלער צעטיילונג. אַ געגנט־אויטאָנאָמיע וועט בשום אופֿן נישט זיין אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. דוכט זיך, אַז דער פּראַקטישער אויספֿיר דערפֿון איז קלאָר גענוג. אין דער ווירקלעכקייט אָבער קומט אויס זיך צו באַגעגענען מיט גאָר אומגעריכטע פֿאָרשלאָגן.

5

אין דער פּוילישער ליטעראַטור האָבן זיך באַוויזן מיט אַ צוויי דריי יאָר צוריק אַ ריי אַרטיקלען פֿון ראָזע לוקסעמבורג וועגן דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. אויך זי אָנערקענט די אוממעגלעכקייט צו לייזן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע אויפֿן וועג פֿון טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע אין אַזעלכע געביטן, ווי די גרענעץ־געביטן פֿון רוסלאַנד, וועגן וועלכע מיר האָבן אויבן גערעדט. אָבער וואָס לייגט זי פֿאָר אָנשטאָט געגנט־אויטאָנאָמיע פֿאַר די דאָזיקע געביטן און די דאָזיקע פֿעלקער? גאָרנישט. אַ ליידיק אָרט. געוויס איז אַלע מאָל פֿאַראַן אַן אויסנאַם, אַ יוצא מן הכלל. און פֿאַרשטענדלעך, אַז דעם דאָזיקן אויסנאַם מאַכט זי פֿאַר פּוילן. פּוילן — האַלט ראָזע לוקסעמבורג — פֿאַרמאָגט יענע אַלע באַדינגונגען, וועלכע זענען נייטיק פֿאַר אויטאָנאָמיע, און פֿריִער פֿאַר אַלץ — זי פֿאַרמאָגט אַ געדיכטע, איינהייטלעכע, לויט׳ן נאַציאָנאַלן צונויפֿשטעל, באַפֿעלקערונג. דער נאַטירלעך אויסגעבילדעטער ווירטשאַפֿטלעכער געביט פֿאַלט דאָ צונויף מיט אַן עטנאָגראַפֿישער פּוילישער גרענעץ. און דעריבער איז פֿאַר פּוילן נאַציאָנאַל־טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע אי נייטיק, אי מעגלעך.

פֿאַר ראָזע לוקסעמבורג שעפּט זיך דערמיט אויס אין עצם די גאַנצע רוסלענדער נאַציאָנאַלע פּראָגראַם. אויטאָנאָמיע פֿאַר פּוילן, און פֿאַר די איבעריקע געביטן און פֿעלקער... אָרטיקע זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג. אַלס אויסבעסערונג, כדי צו שיצן די רעכט פֿון דער מינדערהייט, האַלט זי פֿאַר גענוג אַרויסצוגעבן אַן אַלגעמיינעם געזעץ פֿאַר דער גאַנצער אימפּעריע, לויט וועלכן די אָרטיקע מאַכט דאַרף עפֿענען פֿאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן שולן אויף זייער מוטער־שפּראַך און זיך פֿאַרשטענדיקן מיט דער באַפֿעלקערונג אויף דער דאָזיקער שפּראַך.

ווי עס ווייזט אויס איז דער מחבר גענייגט אָנצוווענדן צוויי מאָסן, און שוין דאָס אַליין רופֿט נישט אַרויס קיין באַזונדערע סימפּאַטיע צו אירע אויספֿירן. אָבער לאָמיר די דאָזיקע אויספֿירן נעענטער באַטראַכטן.

אין פֿאַרגלייך מיט אַנדערע געביטן איז פּוילן איינהייטלעך לויט איר נאַציאָנאַלן צונויפֿשטעל. מיר הערן אָפֿט אַזאַ דערקלערונג. איך דערלויב מיר פֿעסטצושטעלן, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ לעגענדע. וואָס זאָגן אונז די ציפֿערן? לויט דער ציילונג פֿון 1897 באַטרעפֿט די באַפֿעלקערונג פֿון פּוילן אין גלייכע ציפֿערן 9.402,000, דערין פּאָליאַקן — 6.751,000; אויף דער טעריטאָריע פֿון קרוין־פּוילן בילדן אויף אַזאַ אופֿן די פּאָליאַקן

71,8 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. דאָס באַטייט, אַז אין דער מינדער־הייט בלייבט אַ ביסל ווייניקער ווי אַ דריטל, אָדער אין אַבסאָלוטע ציפערן מאַכט עס אויס 2,651,000, אַזוי פיל ווי די גרוזינישע און אַרמענישע נאַציעס צוזאַמענגענומען און אַפילו מער פון זיי.

חוץ די דאָזיקע צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן אַרויסגעוואָרפענע אין פוילן גופא, פאַרשפּרייט זיך נישט די געגנט־אויטאָנאָמיע אויף אַלע יענע פּאָליאַקן, וועלכע וווינען אויסער די גרענעצן פון פוילן. אַזעלכע פּאָליאַקן אין רוסלאַנד (הויפּטזעכלעך אין די צפון־מערב־ און דרום־מערב־גובערניעס) וועט זיין אין קיילעכדיקע ציפערן גערעכנט 1.180,000 אָדער 14,8 פּראָצענט פון דער גאַנצער צאָל פּאָליאַקן אין רוסלאַנד. איך מיין, אַז פאַר אַ נאַציע, וואָס ציילט אין רוסלאַנד ס״ה 8 מיליאָן, קאָן אַ גאַנצער מיליאָן נישט באַדייטן בלויז אַ נישטיקע ציפער.

אָבער לאָמיר גיין ווייטער, לאָמיר אַ קוק טאָן, ווי מיר האָבן דאָס געטאָן בנוגע אַנדערע געביטן, אויף דעם נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל פון דער דאָרפישער און שטאָטישער באַפעלקערונג. אויך דאָ געפינען מיר זייער נישט קיין גלייכמעסיקע פונאַנדערטיילונג. די דערפער זענען טאַקע אין זייער געוואַלטיקער מערהייט פּוילישע. אָבער אין די שטעט בייט זיך קלאָר די לאַגע; אינם רוב פּוילישע שטעט בילדן די פּאָליאַקן אַ מינדערהייט.

סך הכל זענען פאַראַן איצט אין פוילן (מיר נעמען די ציפערן פון וואַרשעווער סטאַטיסטישן קאָמיטעט פאַרן יאָר 1907) 116 שטעט. דערין שטעט מיט אַן איבערוויגנדיקער פּוילישער מערהייט אינגאַנצן 24 — אַ ביסל מער ווי אַ פינפטל. אין די איבעריקע 92 שטעט בילדן די פּאָליאַקן אַ מינ־דערהייט. נאָך מער: אין 84 פון די 92 שטעט בילדן זיי נישט בלויז אַן אַב־סאָלוטע נאָר אויך אַ רעלאַטיווע מינדערהייט, ד״ה, נישט נאָר זיי בילדן נישט אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג, נאָר זיי זענען ווייניקער ווי באַ־זונדער גענומענע נישט־פּוילישע גרופּעס. וואַרשע געהער נישט צו אַזעלכע שטעט, אָבער אַפילו דאָ אין דער הויפּטשטאָט פון פוילן בילדן די פּאָליאַקן ווייניקער ווי 60 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג; די איבעריקע גרופּעס בילדן אַ געוואַלטיקע — און אַפילו דעצידירנדיקע — מינדערהייט פון 300,000 טוין אין לאָדזש, אַ צענטער וואָס גייט נאָך וואַרשע, בילדן די פּאָליאַקן אַפילו נישט אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג. אין פיר גובערניאַלע שטעט בילדן זיי אַן אַבסאָלוטע און רעלאַטיווע מינדערהייט, דאָס זעלבע קאָן מען נאָך זאָגן וועגן 80 קלענערע פּונקטן. אויב אַ געוויסע צאָל גרעסערע צענטערס געפינען זיך אין אַ מער גינסטיקער לאַגע, איז דאָך אָבער אַ פאַקט, אַז אַן ערך 77 פּראָצענט פון דער פּראָווינציעלער (חוץ וואַרשע) שטאָטישער באַפעלקערונג אין קרוינפוילן וווינט אין שטעט ווו פּאָ־ליאַקן דערגרייכן אַפילו נישט אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג. עס באַקומט זיך אַ לאַגע ענלעך צו דער, ווי מיר האָבן געזען אין צפון־מערב־געגנט.

אמת, אויך דאָ קאָן מען געוויינטלעך דערווידערן, אַז די גרופּע באַפֿעלקערונג, וואָס דאָמינירט אינעם רוב שטעט פֿון פּוילן זענען ייִדן: און ווי באַוווּסט, „ייִדן זענען קיין נאַציע נישט”; די ייִדן זענען דאָך כלומרשט די זעלבע פּאָליאַקן, נאָר זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך דורכצונעמען מיט דער פּוילישער קולטור. צי איז דאָס נישט אָבער אַ צו איינפֿאַכער מיטל צו לייזן די פֿראַגע? די שמועסן וועגן דער צוקונפֿטיקער אַסימילאַציע פֿון ייִדן מיט פּאָליאַקן קאָנען זיין איבערצייגנדיק פֿאַר איינעם און נישט איבערצייגנדיק פֿאַר אַנדערע; אָבער ביז וואָס ווען זענען עס דאָך יעדנפֿאַלס נישט מער ווי שמועסן, גלאַטע רייד, לחלוטין נישט מער. אויך אין די אויגן פֿון די פֿאַראינטערעסירטע צדדים (סיי ייִדן, סיי פּאָליאַקן) פֿאַרלירן די דאָזיקע רייד מיט יעדן טאָג זייער קרעדיט. זאָגן, אַז ייִדן האָבן שוין זיך אַסימילירט — הייסט אַבסאָלוט נישט זיין באַקאַנט מיט דער פֿראַגע. אויף ווי ווייט דאָס אַנטשפּרעכט נישט דער ווירקלעכקייט, קאָן מען אורטיילן לויט די ציפֿערן פֿון דער פֿאָלקס־ציילונג פֿון 1897 וועגן דער מוטער־שפּראַך: בלויז 3,5 פּראָצענט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג האָבן אָנגעגעבן זייער מוטער־שפּראַך פּויליש און 9 צענטל פֿון די דאָזיקע „פּאָליאַקן פֿון משהס גלויבן” פֿאַלט אויס אויף וואַרשע. אָט דאָס איז דער אַסימילאַציע־רעזולטאַט פֿון הונדערטער יאָרן צוזאַמענלעבן. אָבער אויך די השערות בנוגע דער צוקונפֿט זענען מער ווי נעפּלהאַפֿט, מער ווי צווייפֿלהאַפֿט; יעדנפֿאַלס האָבן זיי אין זינען עפּעס גאָר אַ ווייטע זאַך, וואָס ליגט פֿון יענער זייט פֿון אונזער היסטאָרישן האָריזאָנט. דערווייל אָבער איז די פּויליש־ייִדישע פֿראַגע אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין פּוילן שוין איצט. און איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן ווי אַ נאַציאָנאַלע פֿראַגע. די נביאים פֿון דער אַסימילאַציע חלומען וועגן די „צוקונפֿטיקע צייטן”, אָבער דערווייל האָט דער פּוילישער נאַציאָנאַליזם שוין דערזען אין די ייִדן אַ געפֿאַר פֿאַר זיך, שוין אַרויס אין אַן אַטאַקע און שוין זיך אָנגעשטויסן אויפֿן ווידערשטאַנד פֿון ייִדישן נאַציאָנאַליזם, און נישט בלויז מצד דעם נאַציאָנאַליזם, נאָר פֿון אַלע לעבעדיקע עלעמענטן ביי ייִדן. לויט דער אַסימילאַציע־טעאָריע זענען די ייִדן נישט קיין נאַציע. אָבער אין רעאַלן לעבן פֿון פּוילן טרעט שוין אַרויס אַ נאַציע קעגן אַ נאַציע, און מען קאָן די פֿראַגע נישט מאַכן צונישט פֿאַררופֿנדיק זיך דערויף, אַז מיט דער צייט וועט זיך אַלץ „באַרויִקן”. איצט גייט דער קאַמף יעדנפֿאַלס נישט באַרג אַראָפּ, נאָר באַרג אַרויף. און דער פֿאַקט גופֿא פֿון דאָזיקן קאַמף צעשטערט נישט איין אַסימילאַטאָרישע אילוזיע. איין צד וויל זיך נישט אַסימילירן, דער צווייטער — קאָן זיך נישט אַסימילירן, אויב אַפֿילו ער וואָלט געוואָלט.

דערמיט רעכענען זיך גאַנץ לאָגיש ביידע קעמפֿנדיקע צדדים, און יענע רעשטלעך פֿון דער אַסימילאַציע־באַוועגונג, וועלכע זענען געבליבן נאָך ביז איצט, זענען געצוווּנגען אָדער צו שטיין אין אַ זייט, אָדער אַרויס־

צוטרעטן אין דער ראָלע פֿון באַשטימטע קעגנער פֿון דער ייִדישער (נישט אַסימילאַטאָרישער) קולטור־באַוועגונג. דאָס הייסט גיסן וואַסער אויף די מילן פֿון פּוילישן נאַציאָנאַליזם... אָבער איך וויל נישט אַוועק פֿון דער טעמע. דירעקט מיט איר איז פֿאַרבונדן יענע פֿראַגע, אַרום וועלכער עס האָט זיך איצט פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט דער פּויליש־ייִדישער סכסוך: די פֿראַגע וועגן דער שטאָטישער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג אין פּוילן. וואָס איז דער עיקר פֿון דער פֿראַגע?

שטיצנדיק זיך אויף ציפֿערן, וואָס באַווייזן דעם איבערגעוויכט פֿון ייִדן, קלאַפּט דער פּוילישער נאַציאָנאַליזם טרעוואָגע: מיר קאָנען נישט אַוועקגעבן די פּוילישע שטאָטישע זעלבסטפֿאַרוואַלטונג אין ייִדישע הענט. צי איז נישט פֿאַראַן אין די אָנקלאַגעס פֿון די פּוילישע נאַציאָנאַליסטן כאָטש אַ קערנדל אמת? איך מיין — געוויס יאָ. איך שטרייך אונטער: אין די אָנקלאַגעס, אָבער, פֿאַרשטייט זיך, נישט אין די פּראָיעקטן.

אויף וויפֿיל דער פּוילישער נאַציאָנאַליזם קלאַפּט טרעוואָגע אויף דעם, וואָס אין ייִדישע הענט קאָן אַריינפֿאַלן די גאַנצע וואַסער־לייטונג, קאַנאַליזאַציע, באַלייכטונג פֿון די שטעט — זענען די מאָטיוון און סטימולן גענוג קלאָר: מען האָט מורא פֿאַר קאָנקורענץ. אָבער אַנדערש זעט אויס, ווען מיר גייען צו צו נאַציאָנאַל־קולטורעלע פֿראַגן. שאַפֿן שולן, ביבליאָטעקן, סובסידירן טעאַטערן, שטיצן יעטוועדע קולטור־אונטערנעמונג און איניציאַטיוו — דאָס איז שוין נישט קיין נייטראַלע פֿונקציע אין נאַציאָנאַלן זין. דאָ האַנדלט זיך שוין נישט וועגן באַפֿרידיקן אויסער־נאַציאָנאַלע, גלייכגילטיקע אין נאַציאָנאַלן זין באַדערפֿענישן, נאָר וועגן באַדינען אויסדריקלעך נאַציאָנאַלע נויטן. און דאָס איז שוין נישט קיין גלייכגילטיקער ענין, אין וועמענס הענט, אין רשות פֿון וועלכער נאַציע, וועט זיך געפֿינען אָט אַזאַ קרייז פֿון אינטערעסן און ענינים. ס'איז שווער פֿאַראיבל צו האָבן אויף אַ פּאָליאַק, וועלכער ווינטשט זיך, אַז זיין שולוועזן — דער דאָזיקער צענטראַלער פּונקט פֿון נאַציאָנאַלער אַרבעט — זאָל זיך געפֿינען טאַקע אין פּוילישע הענט. אין דער דאָזיקער הינזיכט איז ער פֿולקום גערעכט, פּונקט ווי עס איז גערעכט, פֿון זיין זייט, אַ ייִד, וועלכער וויל נישט, אַז זיין שולוועזן זאָל זיך געפֿינען אין די הענט פֿון דער פּוילישער נאַציע, ווי עס וועט זיין גערעכט יעטוועדע נאַציאָנאַלע מינדערהייט, וועלכע וויל נישט איבערגעבן אַ פֿרעמדער נאַציע איר קולטור־אַרבעט. מען קאָן פֿון קיינעם נישט פֿאָדערן אַזאַ מין נאַציאָנאַלן קרבן און קיינעם איז דאָס נישט נייטיק. מען קאָן רעדן וויפֿיל מען וויל וועגן סאָלידאַריטעט פֿון נאַציעס, אָבער מען טאָר נישט פֿאַרגעסן, אַז מיר לעבן אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. ביי די געגעבענע באַדינגונגען איז די דאָזיקע סאָלידאַריטעט נישט מער ווי אַ פּאָסטולאַט. דער דאָזיקער פּאָסטולאַט ווערט פֿאַרווירקלעכט דורך אַ געוויסן טייל פֿון דער היינטיקער געזעלשאַפֿט — דורך דעם אַרבעטער-

קלאַס — אָבער נישט מער. די האָפֿענונג דערויף, אַז מען קאָן צווינגען די בורזשואַזע קלאַסן זיך אָפּצוזאָגן פֿון נאַציאָנאַלע רייסענישן דאָרטן, ווו עס איז דערויף פֿאַראַן אַ געהעריקע אַרענע, איז אַ צו שוואַכע. פּאַראַליזירן די רייסענישן קאָן מען נאָר, באַזייטיקנדיק יענע לאַגע, ביי וועלכער עטלעכע נאַציאָנאַלע גרופּעס ווערט צוגעוואָרפֿן איין געמיינזאַמער ביין; פּאַראַליזירן די רייסענישן קאָן מען נאָר, שאַפֿנדיק ספּעציעלע פֿאָרמען פֿון נאַציאָנאַלער (און נישט טעריטאָריאַלער) פֿונאַנדערגרענעצונג. מיר וועלן וועגן דעם רעדן שפּעטער. אָבער אַריינזעצן אין איין אַלגעמיינער קאַמער עטלעכע נאַציעס, געבן זיי אַן אַלגעמיינעם בודזשעט, צווינגען זיי צוזאַמען בויען שולן — דאָס הייסט שאַפֿן אַזאַ לאַגע, ביי וועלכער רייסענישן זענען נישט אויסצומיידן. און אויב דאָס איז אַזוי — איז דאָס באַזייטיקן דאָס דרינגענדיק נייטיק. עס איז נישטאָ זיך וואָס צו וווּנדערן, אויב אַ פּאָליאַק וויל נישט, אַז דאָס דיריגענטן־שטעקעלע זאָל זיך געפֿינען אין די הענט פֿון אַ יידישער מערהייט; און דער ייד איז אויך פֿולקום גערעכט, ווען ער וויל נישט, אַז זיינע שולן זאָלן זיך געפֿינען אין רשות פֿון פּאָליאַקן. אָט אין דעם זינען האָבן די פּרעטענזיעס פֿון די פּוילישע נאַציאָנאַליסטן אַ גרונד. איך דאַרף נישט דערקלערן, אַז איך סאָלידאַריזיר זיך נישט מיט יענע אויספֿירן, וועלכע זיי מאַכן פֿון די דאָזיקע פּרעטענזיעס. די אויספֿירן געהערן צו דער שוואַרצסטער רעאַקציע. כדי די מערהייט זאָל נישט געהערן די יידן, ווילן זיי די יידן אַריינשפּאַרן אין אַ שטייג, אין אַ נאַציאָנאַלער קוריע מיט אַ פֿאָרויס פֿיקסירטער און דערביי נאָך (און דאָס איז די הויפּטזאַך) נישטיקער צאָל דעפּוטאַטן־ערטער. די מעדהייט ווערט אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרוואַנדלט אין אַ מינדערהייט, די מינדערהייט ווערט אויפֿגעבלאָזן צו אַ לאַגע פֿון אַ מערהייט.

דאָס זענען אַזעלכע שטיק, וועלכע נאָר די רעאַקציע קאָן מאַכן. פֿאַר די, וועלכע וואַרפֿן אָפּ דעם כבוד צו געהערן צו אירע רייען רוקט דאָס לעבן אונטער אַן אַנדער אויסגאַנג: אויסטיילן די נאַציאָנאַל־קולטורעלע ענינים, איבערגעבן זיי אין רשות פֿון די נאַציעס גופֿא, דורכפֿירן אַ פֿונאַנדערגרענעצונג פֿון די נאַציעס. און אויב דער דאָזיקער אויסגאַנג וועט נישט לייזן די פֿראַגע אין איר גאַנצן פֿאַרנעם (נישטאָ אַזאַ אוניווערסאַל מיטל אין דער היינטיקער סאָציאַלער אָרדענונג), אויב ער וועט נישט באַזייטיקן די נאַציאָנאַלע רייבונגען אויף דעם געביט פֿון די אַלע אַלגעמיין־שטאַטישע פֿראַגן, וועט ער יעדנפֿאַלס אָפּצוימען די קולטור־טעטיקייט פֿון די נאַציאָנאַלע רייסענישן, און וועט נאָך דעם — וואָס עס איז באַזונדערס וויכטיק — באַפֿרידיקן די גערעכטע פֿאַרלאַנגען, אַראָפּנעמען דעם אָרעאָל פֿון מאָראַלישן אמת, מיט וועלכן זיי באַדעקן די עגאָיסטישע פּרעטענזיעס פֿון זאָאָלאָגישן נאַציאָנאַליזם, און וועט אויפֿדעקן דעם דאָזיקן נאַציאָנאַליזם אין זיין אמתער געשטאַלט, וועלכער פֿאַרמאָגט טאַקע נישט קיין שמץ פֿון יושר און גע־

רעכטיקייט. אָבער דערצו איז נייטיק אָט דעם דאָזיקן קערנדל אַרויסנעמען און האַנדלען לויט די אמתע נאַציאָנאַלע נויטן.

איך האָב עטוואָס גענויער זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם דאָזיקן איינצלנעם פֿאַל, ווייל ער באַווייזט באַשיימפּערלעך, ווי אַזוי שוין איצט שטויסן די לעבנס־פֿאַרהעלטענישן אין דער ריכטונג צו לייזן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע אויפֿן עקסטעריטאָריאַלן וועג. און איז דאָס דען נישט אַן איראָניע פֿון גורל, וואָס גראָד אין פּוילן, דעם דאָזיקן כלומרשטן גן־עדן פֿאַר דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע, ווערט דאָס אַרויסגעוויזן מיט דער גרעסטער שאַרפֿקייט פֿון דער טאָג־טעגלעכערווירקלעכקייט?

6

לאָמיר זיך אומקערן צו אַנדערע געביטן און צום נאַציאָנאַלן פּראָגראַם (אָדער פּראָגראַמלאָזיקייט?) פֿון ראָזע לוקסעמבורג.

וועגן דעם, אַז אין די דאָזיקע געביטן גיט נישט די געגנט־אויטאָנאָמיע קיין ענטפֿער אויף דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, דאַרפֿן מיר נישט דיסקוטירן; מיר זענען מסכּים דערמיט. די פֿראַגע איז נאָר — מיט וואָס פֿאַרבײַטן זי? מיט אַן אַלגעמיין מלוכישן געזעץ זאָגט ראָזע לוקסעמבורג. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ געזעץ?

עס האַנדלט זיך וועגן אײַנשטעלן אַ געוויסע נאָרמע, לויט וועלכער פֿאַר אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט אין אַ געוויסער געגנט, וועלכע פֿאַרמאָגט דעם באַשטימטן מינימום, זענען אַנטשפּרעכנדיקע אינסטאַנצן מחויב צו שאַפֿן שולן אויף דער מוטער־שפּראַך פֿון דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער מינדערהייט. פֿון דער צווייטער זײַט, דאַרף דער דאָזיקער געזעץ גאַראַנטירן דער נאַציאָנאַלער מינדערהייט דאָס רעכט צו באַנוצן איר שפּראַך אין די אָרטיקע מלוכה־אַנשטאַלטן. אויף דעם דאָזיקן לעצטן פּונקט וועלן מיר זיך דאָ נישט אָפּשטעלן. די פֿראַגע וועגן שפּראַך אין דער אַדמיניסטראַציע, געריכט אאַז״וו — אַ פֿראַגע וואָס איז ענג פֿאַרבונדן מיטן אופֿן פֿון באַזעצן פּאָסטנס — פֿאָדערט ספּעציעל באַהאַנדלט צו ווערן בײַ אַלע פֿאָרמען פֿון לייזן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע: נישט די טעריטאָריאַלע, נישט די עקסטעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע אַליין פֿאַר זיך לייזן נאָך נישט די דאָזיקע פֿראַגע.

ווי זשע שטייט די פֿראַגע מיט דער שול־נאָרמע? וואָס גיט זי? אַ ריין מעכאַנישע לייזונג פֿון דער פֿראַגע: אויף אַזאַ און אַזאַ צאָל „פֿרעמדע" קומט אויס אַזאַ און אַזאַ צאָל אָנפֿאַנגס־שולן, אַזאַ און אַזאַ צאָל מיטל־שולן. דאָס איז צום מערסטן, וואָס עס קאָן געבן אַן אַלגעמיין מלוכה־געזעץ. עס איז קלאָר, אַז אַזאַ מין רעגלאַמענטאַציע איז נישט קיין פֿולקומע אין העכסטן גראַד און דאָס צוליב אַ גאַנצע ריי טעמים.

ערשטנס, דאָס נאָרמירן די צאָל שולן קאָן נישט פֿאָרקומען ריין־אויטאָמאַטיש, בלויז אויפֿן סמך פֿון דער צאָל פֿון דער באַפֿעלקערונג. עס

זענען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע באַפֿעלקערונגען. ביים פֿעסטשטעלן די צאָל שולן שפּילט אַ ראָלע, חוץ דער אַבסאָלוטער צאָל, נאָך אַ גאַנצע ריי פֿאַקטאָרן: די געדיכטקייט פֿון דער באַפֿעלקערונג איר פֿונאַנדערטיילונג צווישן שטאָט און דאָרף, איר סאָציאַלער באַשטאַנד, איר קולטור־ניוואָ. איינשטעלן פֿאַר די דאָזיקע אַלע פֿאַקטאָרן, דורך אַן אַלגעמיינער מלוכהשער געזעץ־געבונג, צאָל־ווייזערס ווי מיטפֿאַקטאָרן איז נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט. דאָ איז אַבסאָלוט אומפֿאַרמיידלעך אַ געוויסער ברייטערער שטח און פֿאַרנעם, לויטן איינזען פֿון די אָרטיקע אָרגאַנען. און ווען מען גיט אָט די לעצטע איבער דעם איינזען איז אומפֿאַרמיידלעך, אַז די מינדערהייט זאָל מאַיאָריזירט ווערן; יעטוועדע נייע שול וועט מוזן אויסגעקעמפֿט ווערן.

צווייטנס — וואָס באַטייט דאָס שולן אויף דער מוטער־שפּראַך? צי איז דען פֿאַראַן איין באַשטימטער טיפּ פֿון לייזן די שפּראַך־פֿראַגע אין דער שול?

פֿאַר קיין פֿאַל נישט. די לעבנס־אינטערעסן פֿאָדערן דאָ אַ גאַנצע ריי פֿאַרשיידענע טיפּן און נעמלעך טאַקע אין געגנטן מיט אַ געמישטער באַפֿעלקערונג, וועגן וועלכער מיר רעדן דאָ. אַ געוויס אָרט מוז אָפּגעגעבן ווערן דער אַלגעמיין מלוכישער שפּראַך; פֿאַרשיידענע ערטער אין פֿאַרשיידענע געביטן; אַ געוויס אָרט מוז מען אָפּגעבן דער שפּראַך פֿון דער אָרטיקער מערהייט, ווידער אַמאָל אָפּהענגיק פֿון איר באַטייט און פֿאַרנעם. עס איז קלאָר, למשל, אַז ביי דער נאַציאָנאַלער מינדערהייט, וועלכע וווינט אין פּוילן וועט די פּוילישע שפּראַך שפּילן אַ גרעסערע ראָלע, ווי לאָמיר זאָגן די טאָטערישע שפּראַך פֿאַר אַ מינדערהייט, וואָס וווינט אין טאָטערישן געביט. ווייטער גייט די פֿראַגע וועגן דער ראָלע פֿון פֿאַרשיידענע שפּראַכן אַלס לימודים און אַלס לימודים־שפּראַכן; צי זאָל מען זיך באַגרענעצן בלויז מיט לערנען די שפּראַך אָדער באַנוצן זי צו לערנען אויף איר געוויסע לימודים? און אויב יאָ לערנען אויף איר — צי אין אַלע קלאַסן, אָדער בלויז אין עטלעכע? דאָס זענען אַלץ אין העכסטן גראַד רעאַלע פֿראַגן, וועלכע שטייען פֿאַר אונז שוין איצט. לייזן זיי איינהייטלעך, נישט אין צוזאַמענהאַנג מיט די אָרטיקע באַדינגונגען, איז נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט. קיין שום אַלגעמיין־מלוכהשער געזעץ וועט דאָ גאָר נישט אויפֿטאָן.

דריטנס, מיט דער פֿראַגע וועגן דער שפּראַך שעפּט זיך לגמרי נישט אויס דער נאַציאָנאַלער סכסוך אויפֿן געביט פֿון שולוועזן. חוץ דער שפּראַך איז נאָך פֿאַראַן אַ פֿראַגע וועגן כאַראַקטער פֿון לערנען, וועגן שול־פּראָגראַם, וועגן אָרט, וועלכן מען גיט אָפּ אין איר די אַזוי גערופֿענע „אַלגעמיינע" פֿראַגן און די פֿראַגן, וועלכע זענען ספּעציפֿיש נוגע דער געגעבענער נאַציע — לערנען איר געשיכטע, איר ליטעראַטור אד"גל. לסוף שטייט די פֿראַגע וועגן די טיפּן שולן, וואָס זענען נייטיק פֿאַר דער געגעבענער גרופּע באַפֿעלקערונג — שולן פֿאַר אַלגעמיינער בילדונג, ספּעציעלע שולן אד"גל. דאָס אַלץ פֿאָדערט זיך צו אינדיווידואַליזירן, אַ מעכאַנישע לייזונג גיט גאָר נישט.

פֿערטנס, צי דען בלויז מיט שולן אַליין שעפּט זיך אויס די קולטור־טעטיקייט פֿון דער מלוכה? איינאָרדענען ביבליאָטעקן, שולן פֿאַר דערוואַק־סענע, לערער־אינסטיטוטן, אויסשטעלונגען צוליב בילדונגס־צוועקן, הויכע לערן־אַנשטאַלטן, וויסנשאַפֿט־אַנשטאַלטן, אַקאַדעמיעס, רייזעס צוליב וויסנשאַפֿט־צוועקן, פּרעמיעס, מוזעאומס; און לסוף דאָס אַלגעמיינע פֿאַר־איינהייטלעכן דעם לערן־אופֿן. ווער וועט זיך מיט דעם אַלעם פֿאַרנע־מען? נישט שוין זשע דאָס בילדונגס־מיניסטעריום אין פּעטערבורג? וועגן דעם איז אַפֿילו נישטאָ וואָס צו טראַכטן. הייסט עס — עס וועלן זיך דאַרפֿן פֿאַרנעמען דערמיט די אָרטיקע אָרגאַנען, און אַזוי ווי אַ גאַנצע ריי אויפֿ־גאַבעס איז נישט פֿאַר די כוחות פֿון די אָרטיקע אָרגאַנען — וועלן זיך דערמיט מוזן פֿאַרנעמען די געגנט־אָרגאַנען. עס הייסט, ווידער אַמאָל געגנט־אויטאָנאָמיע! אָבער ראָזע לוקסעמבורג אַליין איז דאָך מודה, אַז אין די נאַציאָנאַל־געמישטע געביטן (אַזעלכע זענען לויט איר מיינונג אַלע גרענעץ־געביטן, חוץ פּוילן) קאָן די געגנט־אויטאָנאָמיע נישט זיין אַ ווערקצייג פֿאַר דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַרבעט. עס באַקומט זיך אַ טעמפּער ווינקל.

טאַקע דער דאָזיקער טעמפּער ווינקל שאַפֿט זיך אומפֿאַרמיידלעך פֿאַר די אַלע, וועלכע קאָנען זיך נישט באַפֿרייען פֿונם פֿעטישיסטישן בוקן זיך פֿאַרן טעריטאָריאַלן פּרינציפּ, וועלכער זאָגט: אָדער טעריטאָריאַליזם אָדער גאָרנישט. מיר האָבן אָבער געזען, אַז אויב מען קוקט זיך צו נעענטער, דער־פֿירט דער דאָזיקער „גאָרנישט" צום טעריטאָריאַליזם. די דילעמע פֿאַלט אָפּ אויף אַזאַ אופֿן; עס בלייבט בלויז דער טעריטאָריאַלער ענטפֿער, וועלכער, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזען, און ווי ראָזע לוקסעמבורג אַליין זאָגט, איז אויך אוממעגלעך. נישטאָ קיין אויסוועג.

געוויס דוכט זיך בלויז, אַז קיין אויסוועג איז נישטאָ. ביי ראָזע לוקסעמבורג איז עס געקומען דערפֿון, וואָס זי האָט זיך גלייך געשטעלט קאַטעגאָריש אויף דער זייט פֿון טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע, וועגן אַן אַנדער מעגלעכקייט וויל זי אַפֿילו נישט טראַכטן. צום באַדויערן האַנדלען אַזוי אַ גאַנצע ריי פּובליציסטן, מען טוט אַן שפּאַרונעס אויף די אויגן; איז דען אַ וווּנדער, וואָס דער רעזולטאַט איז — אַ טעמפּער ווינקל?

אָבער דאָס לעבן פֿאָדערט אַן אויסוועג פֿון אַזאַ לאַגע און דער אויס־וועג בעט זיך ממש מיט אַ באַצווינגענדיקער קראַפֿט. דאָס לעבן פֿאָדערט אַן ענטפֿער; די טעריטאָריאַלע פֿאַרמען גיבן נישט דעם דאָזיקן ענטפֿער, דאַרף מען אים זוכן אין עקסטעריטאָריאַלע פֿאַרמען.

עקסטעריטאָריאַלע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע — אָט דאָס איז דער אויסוועג, וועלכן איך האָב אין זינען. איך קאָן זיך נישט אָפּשטעלן דערויף, וואָס מען דאַרף פֿאַרשטיין אונטער אַזאַ אויטאָנאָמיע. איך שיק אָפּ די יעניקע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער פֿראַגע, צו די אויספֿירלעכע אַר־בעטן פֿון שפּרינגער און באַוער. איר עצם איז — נאַציאָנאַלע זעלבסט־

פֿאַרוואַלטונג אין אמתן זינען פֿון דאָזיקן וואָרט. זי רייסט איבער מיט דער פֿיקציע פֿון נאַציאָנאַלע טעריטאָריעס; זי נעמט די נאַציע אַזוי ווי זי איז, אַ צעוואָרפֿענע איבער פֿאַרשיידענע שטחים פֿון איין און דער זעלבער מלוכה, צונויפֿגעמישט מיט אַנדערע נאַציעס, און גיט איבער אין אירע הענט דאָס אָנפֿירן מיט אירע אייגענע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. אויב דאָס גרונט־קעמערל פֿון געגנט־אויטאָנאָמיע איז די באַפֿעלקערונג פֿון דער געגעבענער געגנט, שטאָט, געמיינדע, ישוב, איז דאָס גרונט־קעמערל פֿון דער נאַציאָ־נאַלער אויטאָנאָמיע די סומע איינוווינער פֿון דער געגעבענער געגנט, וועלכע געהערן צו דער געגעבענער נאַציע. פֿון די דאָזיקע נאַציאָנאַלע געמיינדעס (וועלכע זענען, פֿאַרשטייט זיך, מעגלעך נאָר דאָרטן, ווו די געגעבענע נאַציע בילדעט אַ וועלכע נישט איז קאָמפּאַקטע מאַסע) ווערט צוזאַמענגעשטעלט דער בנין פֿון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. אין איר רשות גייען אריבער די נאַציאָנאַלע פֿונקציעס, וועלכע ווערן אויסגעטיילט פֿון דער קאָמפּעטענץ פֿון די אַלגעמיינע אַנשטאַלטן. אין דער ספֿערע פֿון די דאָזיקע פֿונקציעס גרענעצן זיך פֿונאַנדער די נאַציעס צווישן זיך. יעט־וועדע פֿאַרנעמט זיך מיט אירע ענינים. נישטאָ קיין פֿאַרכאַפּן, קיין מאַיאָ־ריזירן, נישטאָ קיין קאַמף.

אמת איז — און איך האָב דערויף דרך אַגב אָנגעוויזן, רעדנדיק וועגן דער שטאָטישער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג אין פּוילן, — אַז אין דער נאַ־ציאָנאַלער אויטאָנאָמיע קאָן מען נישט זען אַן אוניווערסאַל היילמיטל קעגן אַלע פּלאָגן. זי נעמט אַרויס פֿון דער פֿאַרוואַלטונג־ספֿערע פֿון די אַלגעמיינע, דאָס הייסט נאַציאָנאַל־פֿאַרשיידענע אָרגאַנען, די קולטור־ענינים; בנוגע אַלע אַנדערע ענינים איז זי מאַכטלאָז. אָבער דאָס איז נישט קיין אַרגומענט קעגן איר, ווייל יעטוועדע אַנדערע לייזונג פֿון דער פֿראַגע איז ערגער. זי לאָקאַליזירט יעדנפֿאַלס דאָס פֿייער פֿון נאַציאָנאַלער שנאה. און דאָס איז אַלץ, וואָס עס קאָן טאָן די אָדער אַנדערע פֿאָרעם פֿון אַ מלוכהשער סיסטעם; ווייל פֿאַרלעשן דאָס דאָזיקע פֿייער אין וואָרצל קאָן די דאָזיקע לייזונג נישט. די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע גיט דעם מאַקסימום, וואָס איז מעגלעך צו דערגרייכן אין די אַלגעמיינע באַדינגונגען פֿון היינטיקן סאָ־ציאַלן לעבנס־סדר. מער קאָן מען פֿון איר נישט פֿאָדערן. און דאָס, וואָס זי איז ביכולת צו געבן — דאַרף מען פֿאַרווירקלעכן.

דעמאָקראַטיע און ראַטנמאַכט

1

דעם ליטעראַרישן טאַלענט פֿון לענינען וועט קיינער נישט אָפּלייקענען. לויט די ווערטער פֿון איינעם אַ רוסישן עס־ער ווירקן זיינע אַרטיקלען ווי אויפֿרייס־מינען, וואָס באַוועגן זיך אַליין. ער שרייבט מיט אַ מוראדיקן אימפּעט, מיט אַ זעלטענער שאַרפֿקייט און קלאָרקייט. און אַפֿילו דער — אין פֿלוג גענומען נישט ליטעראַריש אָנגענומער — מנהג איבערצוחזרן צענדליקער מאָל איינעם און דעם זעלבן געדאַנק, באַקומט אין זיינע הענט אַ שטאַרקע ווירקונג: דער געדאַנק ווערט ממש איינגעפּויקט אינם מוח פֿונם לייענער.

אָבער אונטער דער פּשוטער און פֿאָלקסטימלעכער שפּראַך פֿון לענינס אַרטיקלען באַהאַלט זיך אַ זייער קונציקע, אַ זייער ראַפֿינירטע דעמאַגאָגיע.

נעמט טאַקע זיין גרויסן רעפֿעראַט וועגן „דיקטאַטור פֿון בורזשואַזיע און דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט”. אויפֿן ערשטן קוק איז זיך שווער צו כאַפּן, אָבער די גאַנצע ערשטע העלפֿט פֿון רעפֿעראַט איז געבויט אויף אַ זייער פּיפּיקער דעמאַגאָגישער קונץ.

ס'איז אַן אַלטע קונץ פֿון דעמאַגאָגישער אַגיטאַציע: מען הייבט אָן צו דערווייזן מיט דער גרעסטער היץ און מיט דער גרעסטער איבערצייגונגסקראַפֿט אַזעלכע זאַכן, וועלכע קיינער לייקנט נישט אָפּ. מען שאַפֿט זיך אַ פֿיקטיוון קעגנער — און טאַקע אַ מין ליימענעם גולם. דעם גולם צעקלאַפּט מען גרינג און גיך, און נאָך דעם ווי מען האָט מיט אַזאַ לייכטן זיג אימפּאָנירט דעם לייענער און צוגעצויגן צו זיך זיינע סימפּאַטיעס, ווערט שוין גרינגער אַריינצופּויקן אין זיין מוח די עצם קאָנטראַבאַנדע.

אויף אַ שטח פֿון הונדערטער שורות דונערט לענין קעגן דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, אַנטפּלעקט איר אמתן פּרצוף, דערווייזט מיט גרויס היץ, אַז עס איז נישטאָ קיין „דעמאָקראַטיע בכלל”, אַז אַ „ריינע דעמאָקראַטיע” איז שווינדל, אַז די בורזשואַזע פֿרייהייט איז נישט קיין אמתע פֿרייהייט, און די בורזשואַזע גלייכהייט איז נישט קיין אמתע גלייכהייט.

דאָס אַלץ איז ריכטיק ווי גאָלד. אָבער אַנטקעגן וועמען זאָגט ער דאָס אַלץ? די פּאָלעמיק, וואָס ער פֿירט דאָ, איז דאָך געווענדט נישט קעגן מיליוקאָוון אָדער ראָדזיאַנקאָן, נאָר דווקא קעגן די סאָציאַליסטן. ער רעדט

עפּעס כסדר וועגן דעם בערנער אינטערנאַציאָנאַל; אין דער פּלאַטפאָרם פון דעם קאָמוניסטישן קאָנגרעס ווערט דירעקט דערמאָנט דער נאָמען פון קויטסקי. איז דאָס אַלץ געווענדט אַנטקעגן זיי? דאָס וואָלט געווען נאַיוו און לעכער־לעך, ווען דאָס וואָלט נישט געווען אַ גאַנץ באַוווסטזיניקער מאַנעווער.

לענין זאָגט דאָך אַליין — און חזרט דאָס איבער, לויט זיין שטייגער, עטלעכע מאָל — אַז די סאָציאַליסטן פּלעגן די אַלע בולטע און אומצווייפל־האַפטע חסרונות פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע אַנטפּלעקן „טויזנטער און מיליאָנען מאָל", ער האָט נאָר פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז דאָס ווערט געמאַכט אויך איצט, און אַז די אַלטע אמתן פון דער סאָציאַליסטישער קריטיק זענען בשום אופן נישט קיין חזקה דווקא פון די קאָמוניסטן.

וואָס איז אַזוינס די בורזשואַזע פרייהייט, די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע, דער בורזשואַזער פּאַרלאַמענטאַריזם, ווייסן מיר פּונקט אַזוי גוט ווי לענין און זיינע לייט. אין זיין מוסר נייטיקן מיר זיך לגמרי נישט, און דער גאַנצער דאַזיקער ענין געהערט אַבסאָלוט נישט צו יענע שטרייט־פראַגן, וועלכע אונ־טערשיידן דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם פון דער נייער קאָמוניסטי־שער תורה.

די פראַגע ליגט אויף גאָר אַן אַנדער שטח.

די אמתע שטרייט־פראַגע איז אַ דרייפאַכיקע.

עס פרעגט זיך ערשטנס: צי איז נישט די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע — ווי שלעכט, מיאוס און צביעותדיק זי זאָל נישט זיין — פאַרט אַ באַקוועמערע מלוכה־פאָרם (באַקוועמער פאַרן פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י אַ ט), ווי די האַלב־פעאָדאַלע אַנטי־דעמאָקראַטישע פאָרם.

אויף דער דאַזיקער פראַגע ענטפערט לענין אַליין פּאָזיטיוו. ער זאָגט אַליין, אַז די בורזשואַזע דעמאָקראַטישע איינריכטונגען זענען העכסט פּראָ־גרעסיוו אין פאַרגלייך מיטן מיטלעלטער. מערנישט, וואָס ער האָט צו טון מיט אַ רוסישער ראַטן־רעפּובליק, ווו די רעשטלעך פון מיטלעלטער זענען שוין אין גאַנצן נישטאָ. וואָס זשע טוט מען אָבער דאָרט, ווו זיי זענען — ווי דאָ, אין פּוילן — נאָך זייער שטאַרק? צי דאַרף מען זיך טאַקע אַזוי גלייכגילטיק באַציִען צו די פּרוּוון פון די מיטלעלטערלעכע שוואַרצע מחנות איינצושלינגען די שוואַכע שפּראָצונגען פון די מינימאַלע בירגערלעכע רעכט? צי מעג מען דערלויבן, אַז די „העכסט פּראָגרעסיווע" פאָרמען זאָלן דערדריקט ווערן דורך די העכסט רעאַקציאָנערע? אַזוי שטייט די פראַגע ביי אונז, און די דאַזיקע פראַגע קאָן נישט אָפּגעפּטרט ווערן מיט אַ דעקלאַמאַציע קעגן דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע.

אַ צווייטע פראַגע איז: צי דאַרף מען א ו י ס נ ו צ ן די בורזשואַזע דע־מאָקראַטיע, כּל־זמן זי איז דאָ.

לענין אַליין שטעלט זיך נישט אָפּ אויף דער פראַגע. אונזערע היימישע קאָמוניסטן, וואָס מוזן, ווי דער שטייגער איז, זיין דווקא לינקער ווי די

לינקייט אַליין, ענטפערן מיט אַ „ניין". אָבער דאָ טרעפן מיר זיך מיט אַ זייער אינטערעסאַנטן אָרט אין דער פּלאַטפאָרם פון דעם קאָמוניסטישן אינ־טערנאַציאָנאַל. רעדנדיק וועגן דעם „מעטאָד פון קלאַסנקאַמף" מיט זיין לאָ־גישן סוף — דעם דירעקטן און אָפענעם צוזאַמענשטויס מיט דער בורזשואַזער רעגירונגס־מאַשין, — זאָגט די פּלאַטפאָרם: „דעם דאָזיקן ציל דאַרפן אונ־טערגעוואָרפן ווערן אַלע אַנדערע מיטלען, ווי למשל (הערט זיך גוט צו!) דאָס רעוואָלוציאָנערע אויסנוצן פון בורזשואַזן פּאַרלאַמענטאַריזם".

הערט זיך גוט צו צו די דאָזיקע ווערטער איר אַלע, וואָס טענהן, אַז מען טאָר זיך נישט באַטייליקן אין די בורזשואַזע אינסטיטוציעס, אַז מען טאָר נישט זיצן ביי איין טיש מיט די פאַרשטייער פון פאַרמעגלעכע קלאַסן. הערט זיך צו, איר, וואָס מיינט, למשל, אַז באַיקאָטירנדיק דעם סיים, האָט איר „געראַטעוועט דעם כבוד" פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, — הערט זשע זיך צו, וואָס עס זאָגט וועגן דעם דער קאָמוניסטישער אינטער־נאַציאָנאַל אַליין. דאָס איז דאָך, דוכט זיך, אַ גענוגנדיקער אויטאָריטעט; נישט עפּעס אַ „געלער" קויטסקי, אָדער דער אַלטער מאַרקס! און דער קאָמוניס־טישער אינטערנאַציאָנאַל אַליין האָט אַריינגענומען אין דעם אַרסענאַל פון זיינע קאַמפמיטלען „דאָס אויסנוצן פון בורזשואַזן פּאַרלאַמענטאַריזם".

אָבער אונזערע פרישׂ געבאַקענע קאָמוניסטן האָבן שוין אַזאַ טבע: דאָס ערגסטע וואָס דער קאָמוניזם פון זייערע עלטערע ברידער האָט נעמען זיי גערן איבער; אויב עס געפינט זיך אָבער אין אים אַ שטיקל פון געזונטן געדאַנק, וואַרפן זיי דאָס אינם מיסטקאַסטן.

די דריטע פראַגע אָבער, וועלכע טיילט אונז אָפּ פון דעם קאָמוניזם, איז: ווי דאַרף אויסזען די מלוכה־אָרדענונג נאָכן פּראָלעטאַרישן זיג: „דעמאָ־קראַטיע" אָדער „דיקטאַטור" אין זינען פון ראַטן־סיסטעם און אויסנאַם־צושטאַנד.

לענין רעדט מיט גרויס איראָניע וועגן „דעמאָקראַטיע בכלל". נישטאָ קיין „דעמאָקראַטיע בכלל" — טענהט ער — ס'איז דאָ נאָר אַ בורזשואַזע דעמאָקראַטיע.

אויך אין דעם צווייפלט קיינער נישט פון אונז. די פראַגע שטייט אָבער, צי דאַרף מען נישט און צי קאָן מען נישט די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע פאַרבייטן אויף אַ פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע; נישט אויף אַ „דעמאָקראַטיע בכלל", נאָר אויף אַ פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע. אָט אין וואָס עס באַ־שטייט די פראַגע.

ראַטן־סיסטעם אָדער נישט ראַטן־סיסטעם — די דאָזיקע אַנטקעגנ־שטעלונג קאָן מען אויסדריקן אין אַזאַ פאָרם: צי מוז דער פּראָלעטאַריאַט — דער זיגרייכער פּראָלעטאַריאַט — דווקא צונעמען דאָס וואַלרעכט און די איבעריקע בירגערלעכע רעכט ביי דער בורזשואַזיע? צי דאַרף ער דווקא הערשן מיט דער הילף פון אַן אויסנאַם־צושטאַנד, מיט דעם באַגנעט און

מיט דער קויל? צי קענען נישט די דעמאָקראַטישע פֿאָרמען, װאָס דינען אַלס געװער פֿאַר דער בורזשואַזיע כּל־זמן זי איז אױפֿן פֿערד, פֿאַרװאַנדלט װערן אין אַ געצייג פֿון פּראָלעטאַרישער באַפֿרייונג, װען דער פּראָלעטאַריאַט װעט האָבן דערצו די נייטיקע קראַפֿט און מאַכט?

און אַט אויף די דאָזיקע פֿראַגן ענטפֿערן מיר, סאָציאַליסטן, מיט אַ יאָ, בעת די קאָמוניסטן געבן אַ נעגאַטיװן ענטפֿער.

אַ מערקווירדיקע זאַך. לענין זאָגט אַליין אויף איין אָרט, אַז די דיק־טאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט אונטערשיידט זיך פֿון דער דיקטאַטור פֿון דער בורזשואַזיע און פֿון די פּריצים מיט דעם, װאָס די לעצטע פּלעגן מיט גװאַלד אונטערדריקן די קאָלאָסאַלע מערהייט פֿון דער באַפֿעלקערונג, בעת די דיק־טאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט איז געװענדט קעגן אַ נישטיקער מינדערהייט — קעגן אַ הייפֿל פּריצים און קאַפּיטאַליסטן.

אָבער אויב אַזוי, צי באַקומט זיך נישט אַ מאָדנע לאַגע? די עקספּלואַ־טאַטאָרישע מינדערהייט איז יאָ בכּוח צו אונטערדריקן די קאָלאָסאַלע מער־הייט, געבנדיק איר דאָך דאָס אַלגעמיינע װאַלרעכט. און אַז די דאָזיקע מערהייט קומט צו דער מאַכט, דאַרף זי מורא האָבן דערפֿאַר, װאָס אַ הייפֿל קאַפּיטאַליסטן װעלן האָבן דאָס רעכט אָפּצוגעבן זייערע שטימצעטלען? נישט שוין זשע מוז דער זיגרייכער פּראָלעטאַריאַט זיין אַזוי קליינלעך שרעקעװדיק בנוגע אַזאַ מין „סכּנה"?

און די זאַך איז טאַקע אַזאַ: אַ „קאָלאָסאַלע מערהייט" נייטיקט זיך נישט אין אַזעלכע מיטלען, כּדי צו אונטערדריקן די מינדערהייט. זי קאָן גאַנץ רויִק צולאָזן צו די אורנעס די עקספּלואַטאַטאָרן, װייל זיי װעלן דער־טרונקען װערן אינעם גרויסן ים פֿון פּראָלעטאַרישע שטימען. און פֿאַרקערט, אויב זי האָט מורא דערפֿאַר, הייסט דאָס, אַז זי איז נאָך נישט קיין „קאָלאָ־סאַלע מערהייט", נאָר פֿאַרקערט, אַ הייפֿל מענטשן, װאָס װילן אויף אייגענער אחריות אָנװאַרפֿן אַלע איבעריקע זייערע אייגענע פּלענער. אין אַזאַ פֿאַל אָבער באַקומט זיך נישט קיין דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט איבער דער בורזשו־אַזיע, נאָר די דיקטאַטור פֿון אַ פּאַרטיי איבערן פּראָלעטאַריאַט.

צי איז דען די דעמאָקראַטיע איצט אַ געװער אין די הענט פֿון דער בורזשואַזיע דערפֿאַר, װאָס ביי די װאַלן װערן די אַרבעטער מאַיאָריזירט דורך די בורזשואַזע שטימען? עס הייבט זיך גאָר נישט אָן. די גרויסע מערהייט פֿון די װיילער געהערט סיי װי צו די אַרבעטנדיקע קלאַסן. מערנישט, זיי זענען נאָך נישט באַװוסטזיניק און שטימען נישט אַזוי װי זיי דאַרפֿן. װאָס זשע װעט דאָ העלפֿן דאָס בייטן די פֿאָרם, דאָס צונעמען װאַלרעכט פֿון דעם הייפֿל בורזשויען? אויב אַן אַרבעטער שטימט פֿאַר אַ ליבעראַל אָדער בורזשואַזן ראַדיקאַל אָדער אַ קריסטלעך־סאָציאַלן בעת די װאַלן צום פּאַרלאַמענט, װעט ער ביי די װאַלן צום אַרבעטער־ראַט שטימען פֿאַר די אייגענע פֿאַרשויגנען. אין דייטשלאַנד, למשל, האָט אַ קאָלאָסאַלע מערהייט

פֿון די אַרבעטער געשטימט — בעת די וואַלן צו דער קאָנסטיטואַנטע — פֿאַר די שיידעמאַנער, און אויך אין די אַרבעטער־ראַטן האָבן טאַקע די זעלבע שיידעמאַנער די מערהייט.

די הויפּטזאַך איז נישט וווּהין, אין וועלכן אַנשטאַלט מען ווײלט, נאָר אויף וויפֿל רייף איז די גרויסע מאַסע ווײלער. אַ מאַסע קאָנסערוואַטיווע ווײלער וועט נישט ווערן סאָציאַליסטיש צוליב דעם, וואָס עס ווערט געביטן דער אַדרעס ווו אַהין עס דאַרפֿן גיין די אויסגעווײלטע. און וואָלט דער רוב אַרבעטער געווען באמת סאָציאַליסטיש, וואָלטן זיי גאַנץ רויִק געקאָנט מאַכן דורכויס דעמאָקראַטישע וואַלן: דער רעזולטאַט וואָלט געווען — ז י י ע ר קאָנסטיטואַנטע און ז י י ע ר רעגירונג.

2

די אָפֿיציעלע און אָפֿיציעזע זשורנאַליסטיק האָט אַ שלעכטן שם. ס'איז פֿאַרשטענדלעך. זי מוז פֿאַרטיידיקן דאָס, וואָס די רעגירונג טוט, און ממילא טראָגט זי שוין אויף זיך אַ שטעמפּל פֿון אינערלעכער פֿאַלשקייט.

לענין איז אַ דרייסטער מענטש. ער האָט נישט מורא צו זאָגן אַמאָל זיינע אייגענע לייט אַ ביטערן, ממש אַ ברוטאַלן אמת. ער איז אָבער פֿאָרט אַ שעף פֿון אַ מלוכה. און אַז ער הייבט אָן צו רעדן וועגן ז י י ן רעגירונג־סיסטעם, וועגן ז י י ן מלוכה־פֿאָרם, פֿאַרוואַנדלט ער זיך אין אַ גאַנץ געווינלעכן שרייבער פֿון סקאַרבאָווע שבח־געזאַנגען.

כּל־זמן ער קריטיקירט דעם בורזשואַזן פּאַרלאַמענטאַריזם און די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע, רעדט ער גאָלדענע ווערטער. אי וואָס די ווערטער זענען אַלט און שטאַרק אויסגעדראָשן, מילא — אַלטע אמתן קומען אַלע מאָל צונוץ. קומט ער אָבער צו רעדן וועגן דער סאָוועטן־מאַכט, — און יעדן מענטשן, וואָס האָט כאָטש אַ קליינעם באַגריף וועגן דעם, ווי די דאָזיקע מאַכט זעט אויס אין דער אמתן, ווערט ממש נישט גוט לייענענדיק זיין אָפֿיציעלע מליצה.

לויט לענינס פֿאַרשטעלונג איז די סאָוועטן־מאַכט אַ פֿאָרם פֿון פּראָלעטאַרישער הערשאַפֿט. און אין זיין מויל האָט דאָס וואָרט „פּראָלעטאַרישע הערשאַפֿט" דעם קלאָרן און דייטלעכן זינען: הערשאַפֿט פֿון דער מערהייט איבער דער מינדערהייט.

דאָס חזרט ער איבער, דאָס באַטאָנט ער נישט איין מאָל סיי אין זיינע „טעזיסן", סיי אין אַנדערע ערטער.

אַזוי שרייבט ער, למשל, אין זיין בוך: „מלוכה און רעוואָלוציע" (פּעטראָגראַד, נאָוועמבער 1918):

„ביים איבערגאַנג פֿון קאַפּיטאַליזם צום קאָמוניזם איז די אונטערדריקונג נאָך נייטיק, אָבער דאָס איז שוין אַן אונטערדריקונג פֿון דער מינדערהייט פֿון עקספּלואַטאַטאָרן מצד דער מערהייט פֿון די עקספּלואַטירטע".

מיט אַ פּאָר זייטלעך ווייטער פֿאָדערט ער אַ קאָנטראָל איבער דער גאַנצערווירטשאַפֿט מצד „דער מערהייט פֿון פֿאָלק". נאָך אין אַן אַנדער אָרט רעדט ער ווידער וועגן דער אונטערדריקונג מצד דער „קאָלאָסאַלער מערהייט".

איך באַטאָן בכיוון די דאָזיקע — אייגנטלעך זעלבסטפֿאַרשטענד־לעכע — זאַכן, ווייל עס קומט אויס זיך צו טרעפֿן מיט לענינס אומגראַטענע תּלמידים, וואָס זענען באַלשעוויסטישער ווי דער באַלשעוויזם אַליין, און וואָס באַהויפּטן, אַז דער גאַנצער ענין מיט דער „מערהייט" און „מינדערהייט" איז מער נישט ווי אַ בורזשואַזער פֿאָראורטייל. איך האָב אַמאָל געהערט אַ רעדנער, וואָס האָט גאַנץ ערנסט (!) געזאָגט, אַז „מיר מאַרקסיסטן" האָבן קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע דאַרף זיין אַ רעוואָ־לוציע פֿון דער מערהייט פֿון פֿאָלק...

אָט קעגן אַזאַ עקסטרעמען ראַדיקאַליזם, וואָס וויל אונז אומקערן צו יענע בלאַנקיסטישע פֿאַרשווערונג־שטותים, וואָס האָבן באַנקראָטירט אין אייראָפּע שוין מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק (ס'איז זייער אַן אָפּטע דערשיינונג, אַז אונטער דער פֿירמע פֿון לעצטן, נייסטן וואָרט פֿון פּאָלי־טישער חכמה באַהאַלט זיך אַן אָפּגעלעבטע אַרכיוור־סחורה), קעגן אָט די קאַריקאַטור־באַלשעוויקעס וועט אונז אפֿשר שיצן די מיינונג פֿון זייער רבי, פֿון לענינען אַליין. ער וויל האָבן אַ דיקטאַטור פֿון דער „קאָלאָסאַלער מער־הייט" פֿון פֿאָלק.

„די ראַטן־סיסטעם — זאָגט לענין — באַטייט פֿאַר דער גרויסער מערהייט פֿון דער באַפֿעלקערונג אַזאַ פּאָקטישע מעגלעכקייט זיך צו באַנוצן מיט די דעמאָקראַטישע רעכט און פֿרייהייטן, וועלכע זענען ביז איצט נאָך נישט געווען אין די סאַמע דעמאָקראַטישע בורזשואַזע רעפּובליקן".

אַזוי זאָגט לענין. איך מיין פֿונדעסטוועגן: מען קאָן זיך באַציִען ווי מען וויל צו דער טעטיקייט פֿון דער סאָוועטן־מאַכט; מען קאָן האָבן אַ גינסטיקע אָדער אַ נעגאַטיווע מיינונג וועגן דעם אינהאַלט פֿון דער אַרבעט וואָס זי פֿירט, למשל, אויפֿן ווירטשאַפֿטלעכן געביט, אָבער אַז מען רעדט וועגן דעם באַנוצן זיך מיט „דעמאָקראַטישע (!) רעכט און פֿרייהייט", קלינגט דאָס ממש ווי אַ ביטערער חוזק.

אין אַ ריי פּונקטן קאָנקרעטיזירט לענין די דאָזיקע „רעכט און פֿריי־הייט". ער רעדט וועגן דעם, אַז ביי דער ראַטן־סיסטעם האָט דער מלוכה־אַפּאַ־ראַט אַלס איינציקן יסוד די מאַסן־אָרגאַניזאַציע פֿון די אַרבעטער און פּויערים, וועלכע ווערן צוגעצויגן צו אַ „שטענדיקן, אַנטשיידענעם אָנטיילנעמען אין דער דעמאָקראַטישער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער מלוכה".

דאָס רעדט זיך וועגן סאָוועטן־רוסלאַנד, וועגן יענעם סאָוועטן־רוסלאַנד, אין וועלכן עס הערשט פֿאַקטיש אַ פֿעסט אויסקריסטאַליזירטע קאָ־מיסאַרן־ביוראָקראַטיע. אין יענעם רוסלאַנד, ווו די ראַטן, וואָס דאַרפֿן על

פּי דין זיין די פאַרקערפּערונג פון דער העכסטער מאַכט, ווערן פאַקטיש פאַבריצירט אויפן קונציקסטן אופן, אַזוי אַז עס זאָל דאָרט פאַרויס גאַראַנטירט ווערן אַ רעגירונגס־טרייע באָלשעוויסטישע מערהייט. מיר געדענקען נאָך די באַרימטע „וואַלן" אין פּעטראָגראַדער סאָוועט, ווען די באָלשעוויסטישע אָפּיציאָזן האָבן פונאַנדערטרומייטערט די ידיעה וועגן דעם גרויסן זיג פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, בעת אין דער אמתן פלעגט מען דאָרט פּשוט אויסשליסן פון וואַלרעכט גאַנצע זאַוואָדן ווי אַ שטראָף פאַר זייער אָפּאָזיציאָנעלער האַלטונג און געגעבן טאָפּלטע אָדער דרייפאַכע וואַלרעכט די רויטע אַרמייצעס, וועלכע זענען געווען כשר אין די אויגן פון די מאַכטהאָבער. ווער רעדט שוין וועגן דער דאָרף־באַפעלקערונג, וואָס בילדעט טאַקע אַ „קאָלאָסאַלע מערהייט" און האָט בכלל קיין שום צוטריט נישט צו דער ממשלה! און ווידער אַמאָל די שטאַטישע ראַטן: ס'איז דאָך אַ באַוווסטע זאַך, אַז אַפילו די געשריבענע סאָוועטן־קאָנסטיטוציע, וואָס לאָזט אַליין איבער דאָס ברייטסטע פעלד פאַר די ברייטסטע וואַל־קאָמבינאַציעס, ווערט פאַקטיש נישט דורכגעפירט, און אַז דער באַשיידענער לאָזונג פון דער „לעגאַלער" אָפּאָזיציע איז דאָרט: דעמאָקראַטיזאַציע פון די וואַלן! דעמאָקראַטיזאַציע — נישט אין דעם „בורזשואַזן" זין, נאָר אַלס פאַרלאַנג, אַז די אַרבעטער זאָלן ענדלעך באַקומען וואַלרעכט צו זייערע אייגענע פּראָלעטאַרישע אינסטיטוציעס.

אַ צווייטער ביישפּיל: פרייהייט פון פּרעסע. די דאָזיקע פרייהייט איז אין דער בורזשואַזער אָרדענונג אַ פרייהייט פון קאַפּיטאַל צו קויפן די פּרעסע. די סאָוועטן־דיקטאַטור אָבער וויל געבן די מעגלעכקייט צו באַנוצן זיך מיט דער דאָזיקער פרייהייט „יעדן אַרבעטער אָדער יעדער גענוג צאָלרייכער גרופּע". אַזוי זאָגט לענין. אין דער אמתן איז די גאַנצע פּרעסע, חוץ דער באָלשעוויסטישער, דערשטיקט, דאָס מויל פון די אָפּאָזיציאָנעלע שרייבער איז הערמעטיש פאַרשטאָפּט. מען קאָן דאָס באַרעכטיקן אָדער נישט, אָבער אָנרופן אַזאַ מין רעגירונגס־מאָנאָפּאָל — דעם מאָנאָפּאָל פון איין פּאַרטיי — מיטן נאָמען „פרייהייט" איז ווידער אַ ביטערער חוזק איבער די לייענער און די קעגנער, — די פּראָלעטאַרישע קעגנער, וואָס קאָנען אַפילו נישט פּראָטעסטירן קעגן דעם דאָזיקן חוזק, ווייל די „פרייהייט" לאָזט זיי נישט צו צום וואָרט.

און די פרייהייט פון די פאַרזאַמלונגען! ווידער רעדט לענין שיינע ווערטער וועגן די בעסטע פּאַלאַצן, וואָס מוזן אָפּגעגעבן ווערן די אַרבעטער. דאָס זענען ווערטער. די טאַטן זענען אָבער — אַ תל פון דער קאָאַליציע־פרייהייט פאַר די, וואָס געהערן נישט צו דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

די „דעמאָקראַטישע רעכט און פרייהייטן" זענען אַ מאָנאָפּאָל פון דער סאָוועטן־ביוראָקראַטיע און פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. און אויב אַזוי, באַדייטן זיי אַ דיקטאַטור פון דער מינדערהייט. וואָרעם לענין אַליין

וועט דאָך נישט לייקענען, אַז די מיטגלידער פֿון זיין פּאַרטיי בילדן בלויז אַ קליינע מינדערהייט אין לאַנד. פֿון די רעכט און פֿרייהייטן געניסט אָבער זי אַליין. הייסט דאָס, אַז זי איז דער דיקטאַטאָר.

ווו זשע בלייבט די הערשאַפֿט פֿון דער „קאָלאָסאַלער מערהייט"?

און זאָל מען נישט קומען מיט טענות, אַז דאָס אַלץ זענען מער נישט ווי איינצלנע פֿעלערן, צופֿעליקע חסרונות פֿון אַ פּרינציפּיעל גוטן מעכאַניזם. ס'איז אַ גרויסער טעות. די אידעע אַליין איז שולדיק, זי מוז ברענגען צו אַזעלכע רעזולטאַטן.

וואָרעם כּל־זמן מען האָט זיך געשטעלט אויפֿן וועג פֿון אויסנאַם־צושטאַנדן און אויסנאַם־געזעצן, כּל־זמן מען האָט שוין אַנגעהויבן פֿונאַנדערצוטיילן די בירגער אויף פֿאַרשידענע קאַטעגאָריעס — אַזעלכע וואָס האָבן יאָ רעכט, און אַזעלכע וואָס האָבן נישט קיין רעכט — (און אין דעם באַשטייט דאָך דער עיקר פֿון דער סאָוועטן־סיסטעם), קאָן שוין אויף דעם דאָזיקן וועג נישט זיין קיין אָפּהאַלט. די וואָס זענען ביים רודער קענען זיך שוין נישט איינהאַלטן (יעדע מאַכט האָט איר אייזערנע לאָגיק) און מוזן ביי יעדער געלעגנהייט איבערקן די גרענעץ, וואָס טיילט אָפּ די רעכטלאָזע פֿון די פֿול־באַרעכטיקטע, רוקן די גרענעץ אַזוי ווייט, ביז וואַנען זי וועט נישט אַרומנעמען מיטן שטעכיקן דראָט פֿון אויסנאַם־געזעצן אַ הייפֿל פּריווילעגירטע דיקטאַטאָרן.

לענין זאָגט, אַז יעדע געזעלשאַפֿטלעכע עפּאָכע שאַפֿט אַ נייע מלוכה־פֿאָרם. די דעמאָקראַטיע האָט אַנטשפּראָכן דער בורזשואַזער ממשלה, די פּראָלעטאַרישע הערשאַפֿט דאַרף שאַפֿן אַ נייע פֿאָרם.

ס'איז מעגלעך. אָבער יענע פֿאָרם, וואָס דריקט זיך אויס אין דער סאָוועטן־מאַכט, איז ניי נאָר לפּנים. אין דער אמתן איז זי (ווידער די זעלבע אָפּטע דערשיינונג, אויף וועלכער איך האָב פֿריִער אָנגעוויזן) מער נישט ווי אַן אויפֿגעפֿרישטע אויסגאַבע פֿון גאָר אַלטע, פֿאַר־קאַפּיטאַליסטישע פֿאָרמען: אַ מין קאָמבינאַציע פֿון אָליגאַרכיע און „אויפֿגעקלערטן אַבסאָלוטיזם".

און ביי אַלע חסרונות פֿון די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס זענען זיי פֿאַרט בעסער — דווקא פֿאַרן פּראָלעטאַריאַט — ווי די אַלט־נייע אָליגאַרכיש־אַבסאָלוטיסטישע סיסטעם. און פֿון די צוויי בייזן מוז מען אויסקלייבן דאָס קלענסטע.

28סטער מערץ — 4טער אַפּריל 1919.

„חבר, אײַל זיך צו!"

די ידיעה וועגן דעם, אַז יודעניטשעס אַרמיי האָט פאַרנומען פעטערבורג, האָט זיך נישט באַשטעטיקט. די לאַגע איז אָבער אַן ערנסטע און אַ קריטישע, און די מעלדונג, וועלכע איז נעכטן געווען אַ פאַלשע, קאָן אין ווייניק טעג אַרום ווערן אַ ריכטיקע. ווײַל דער גרויסער קאַמף פון די צוויי וועלטן טרעט קענטיק אַרײַן אין אַ פאַרשאַרפטער, אָנגעשטרענגטער תקופה.

מיר זאָגן: אַ קאַמף פון צוויי וועלטן, ווײַל עס האַנדלט זיך דאָ נישט סתם וועגן אַ מלחמה צווישן די מערב־אייראָפּעישע מלוכות און רוסלאַנד, נישט וועגן אַ קאָנפליקט פון די לענדער, נישט וועגן אַ שטרייט פון פעלקער. דאָס פירט איר אָפּענסיווע די בורזשואַזע וועלט, די וועלט פון נעכטן און פון הײַנט, קעגן דער וועלט פון מאָרגן, קעגן דעם סאָציאַליזם.

נישט אומזיסט זענען אין דעם דאָזיקן גרויסן סיכסוך די סימפּאַטיעס פונעם גאַנצן באַוווסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט אַן אונטערשייד פון לאַנד און נאַציע אויף דער זײַט פון דער רוסישער סאָוועטן־רעפּובליק. דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פאַרמאַכט נישט די אויגן אויף די אַלע מוראדיקע חסרונות, פעלערן, טעותן, וואָס עס האָבן באַגאַנגען די באָלשעוויקעס אין משך פון זייער ממשלה און נאָך פריער, בעת זיי האָבן נאָך געפירט דעם קאַמף פאַר דער מאַכט.

די דאָזיקע סאָציאַליסטישע קריטיק האָט אָבער קיין שום געמיינזאַמעס נישט מיט יענעם קרייץ־צוג, וואָס די בורזשואַזע רעגירונגען פון אייראָפּע און אַמעריקע פירן קעגן דער רוסישער סאָוועטן־מאַכט.

די סאָציאַליסטישע קריטיק איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער געגרעכטער מורא, אַז די פעלערן פון דעם באָלשעוויזם וועלן ברענגען אַ שאָדן דעם געמיינזאַמען סאָציאַליסטישן ציל. די בורזשואַזע אָפּענסיווע אָבער ווענדט זיך קעגן דעם באָלשעוויזם נישט צוליב זײַנע פעלערן, נאָר פּונקט פאַרקערט, דווקא צוליב זײַן סאָציאַליסטישן ציל. די בורזשואַזע וועלט באַקעמפט די באָלשעוויקעס נישט צוליב דעם, וואָס זיי זענען שלעכטע סאָציאַליסטן, נאָר צוליב דעם, וואָס זי קוקט אויף זיי ווי אויף אַ פאַרקערפערונג פונעם סאָציאַליזם גופא.

דער באַוווסטזיניקער אייראָפּעישער פּראָלעטאַריאַט האָט דעריבער פאַרשטאַנען, אַז די מלחמה פון די קאָאַליציע־רעגירונגען קעגן דעם באָל־

שעוויזם איז געווענדט פּאַקטיש קעגן דעם סאָציאַליזם, קעגן דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, און מיט דעם דערקלערט זיך די איינשטימיקע נעגאַטיווע שטעלונג, וואָס עס פאַרנעמען אַלע סאָציאַליס־טישע פאַרטייען פון אייראָפּע קעגן די פּאַרטיליקונגס־אוואַנטורעס פון די קאָאַליציע־מאַכטהאַבער.

די דאָזיקע נעגאַטיווע שטעלונג האָט נאָך דערווייל נישט געקאָנט ברענגען צו קיין פּראַקטישע רעזולטאַטן. דערווייל האָט מען זיך באַגנוגנט כמעט אויסשליסלעך מיט פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען, פּראָטעסט־אויפרופן און פּראָטעסט־רעזאָלוציעס. דאָס זענען אָבער בלויז די ערשטע נויטווענדיקע צוגרייטונגס־טריט.

ווען וועלן די דאָזיקע טריט ווערן פעסטער און אַנטשיידענער?

בעת דער ערשטער פייערונג פון 1טן מאַי אינם באַפרייטן רוסלאַנד, אין יאָר 1917, בעת די גרויסע שלום־באַשטרעבונגען פון רוסישן פּראָ־לעטאַריאַט פלעגן זיך צעברעכן אָן דער גרויסער מאַכט פון די דייטשע מיליטאַריסטן און דער פּאַסיווער האַלטונג פון דעם דייטשן פּראָלעטאַריאַט, האָט מען אין פּעטערבורג איבער די גאַסן געטראָגן אַ פּלאַקאַט מיט אַ בילד. ס'איז אויסגעמאָלט געווען אַ רוסישער אַרבעטער, וועלכער ציט אויס זיינע הענט צום דייטשן פּראָלעטאַריער, און דער אויפשריפט האָט געטראָגן די ווערטער: „חבר, אייל זיך צו!"

איצט ציט ווידער אויס דער רוסישער אַרבעטער די הענט צו די אייראָפּעישע און אַמעריקאַנער חברים. ער פאַרשטייט, אַז אָן זייער הילף וועט ער צעדריקט און צעשמעטערט ווערן פון דער גרויסער שוואַרצער כוואַליע. און ווידער זאָגט ער צו זיי, ווי דעמאָלט: „חברים, איילט זיך צו!"

דענסטמאָל האָט דער רוף פאַרהילכט אָן אָפּקלאַנג. די צייטן האָבן זיך אָבער געביטן, און מען מוז האָפן, אַז דאָס דערוואַכטע באַוווסטזיין פון דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט וועט אים שטופּן צו גרויסע, אַנטשלאָ־סענע טאַטן, און אַז דער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט וועט געפינען וועגן און מיטלען, כדי גובר צו זיין די פאַראייניקטע כוחות פון זיינע גע־מיינזאַמע קלאַסן־פיינט.

דער גורל פון סאָציאַליזם וועט אַנטשיידן ווערן אין מערב.

21סטער אָקטאָבער, 1919.

די פאַרבלאָנדזשעטע

יעדע ריכטונג, יעדע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג פאַרמאָגט אַ געוויסן, מער אָדער ווייניקער באַשטימטן סכום געפילן, וועלכע בילדן סוף־כל־סוף איר אייגנטלעכן מהות. געפילן און ווילנס־אימפולסן — דאָס איז דאָס טיפֿע, דאָס איז דאָס אמתע, דאָס איז דער אונטערשלאַק, אידעען און געדאַנקען, לאָגישע ראיות און חקירות — דאָס איז שוין אַ צווייטע זאַך, וואָס ליגט מער אויף דער אויבערפלאַך. כדי צו פאַרשטיין אַ באַוועגונג, מוז מען זיך אַראָפּלאָזן אין איר אונטערשטן שטאָק און צוהערן זיך צו דעם קלאַפּן פון איר הארץ.

דער ציוניזם איז אַ קאָמפּליצירטע באַוועגונג; איך מיין — פּסיכאָלאָגיש קאָמפּליצירט. צענדליקער נשמות פלאָנטערן זיך צונויף אין אַ בונטן קנויל: די צעבראָכענע נשמה פון אַ פאַרחלומטן אינטעליגענט, דער שמאָלער, טעמפּער פאַנאַטיזם פון אַ פאַרצוויפלטן שלימזלדיקן בעל־הבית, די אַמביטנע פּרעטענזיעס פון פאַנאַטישע וועלט־באַגליקער, דער קרומער מוח פון אַ ישיבה־בחור, און נאָך און נאָך. אָבער איבער אַלע פילפאַרביקע טײַכלעך הערשט איין הויפּט־שטראָם, איין דאָמינירנדיקע שטימונג, איין הויפּט־געפיל: דאָס געפיל פון יתומדיקייט.

ס'איז אַ געפיל פון אַ מענטשן — אָדער פון אַ גרופּע מענטשן, — וואָס שפירט זיך איינזאַם, איזאָלירט, אָפּגעשטויסן, אָן אַ זייט פון גרויסן שטראָם, אַ מין אתה בחרתנו אויף דער לינקער זײַט.

די וועלט־געשיכטע גייט מיט איר גאַנג. די וועלט לעבט, ליידט און פרייט זיך, קעמפט, זיגט, פייערט טריומפן — די וועלט, די גאַנצע וועלט, נאָר נישט מיר. אַלץ — אַ חוץ אונז. אויסער די יידן. מיר זענען אַ וועלט פאַר זיך. אַ טרויעריקע, נידערגעשלאָגענע, אומעטיקע וועלט. מיר זענען אַן אינזל אין ברויזנדיקן ים. מיר זענען צושויער, פאַסיווע צושויער, נישט קיין אַנטיילנעמער. אין בעסטן פאַל — אַן אָביעקט. דער וועלט־ים ברויזט אַרום אונז, באַשפּריצט און באַגיסט אונז מיט זײַנע כוואַליעס. די כוואַליעס זענען זאַלציק און קאַלט. עס טוט וויי. מיר זענען אָבער פאַרט מערנישט אַ פאַסיווער אָביעקט. דער ים איז פרעמד. מיר זענען אין אַ זײַט, פאַראיינזאַמט, פאַריתומט. און אַזוי וועט עס זײַן, ביז וואַנען עס וועט זיך נישט ענדיקן דער גלות.

דאָס איז די גרונט־שטימונג פון ציוניזם. און דעריבער איז ער, אין תוך גענומען, אַן אידעאָלאָגיע פון מאַכטלאָזיקייט און אָפּהענטיקייט. און

אויב ער פארמאגט אין זיין רעפערטואר אויך קלינגענדיקע טרומייטן־טענער, איז עס מערנישט ווי איינע פון יענע סתירות, מיט וועלכע ער איז אזוי רייך. זיין פאטער איז דער יאוש; די דאזיקע גייסטיקע ירושה לאסטעט אויף אים, און אפזאגן זיך פון איר קאן ער נאר מיטן לעבן.

אויב איך רעד וועגן דעם ציוניזם, האב איך אין זינען אלע זיינע שאטירונגען. און אויב אין יענעם צווייג זיינעם, וואס טראגט דעם נאמען „פראלעטארישער ציוניזם", איז די דערמאנטע גרונט־שטימונג אממייסטן פארדעקט — נישט נאר פאר דער אויסערלעכער וועלט, נאר אויך פאר זיינע אנהענגער — איז עס מער נישט ווי א בלינדקייט. זי איז אבער דא פאראן, טיף און פעסט איינגעווארצלט, און אן איר הערט ער אויף צו עקסיסטירן.

אין זיין נייסטער פאזע פרווט דער פראלעטארישער ציוניזם פאר־קניפן זיין אידעישן בנין מיט דעם געדאנק פון דער סאציאלער רעוואלוציע.

מיט ווערטער לאזט זיך אלץ פארקניפן. ווערטער זענען עלאסטיש און געהארכזאם. אין דער טיפעניש איז אבער א תהום.

דער פראלעטארישער ציוניזם רעדט וועגן דער סאציאלער רעוואַ־לוציע. ער גיט אבער באלד צו: די יידישע סאציאלע רעוואלוציע — דאס איז דער ציוניזם. און מען האט מיר דערציילט — אפשר איז עס בלויז א קוריאז, און אפשר נישט, — אז דא נישט לאנג האט זיך א פועלי־ציוניס־טישער מיטינג אין ווארשע געענדיקט מיט דעם אויסרוף: „זאל לעבן די דיקטאטור פון פראלעטאריאט... אין ארץ־ישראל".

מען קאן א סך זאגן וועגן דעם מאדנעם באגריף פון סאציאלער רעוואלוציע, וואס ווערט פארווירקלעכט נישט אויפן וועג פון קאמף, נאר טאקע אין א פארם פון א (בוכשטעבלעכן) וועג — פון אייראפע קיין פאַ־לעסטינע, אין א פארם פון פארן, באזעצן זיך און שאפן קאלאניעס. איך וויל אבער וועגן דעם נישט רעדן. זאל זיין, אז דאס איז אויך א „רעוואלוציע".

ווי האלט עס אבער מיט יענער אומצווייפלהאפטער סאציאלער רע־וואלוציע, וועגן וועלכער די פ. צ. זאגן — צוגלייך מיט אנדערע, — אז זי האט זיך שוין אנגעהויבן דא אין אייראפע?

צי וועט דער יידישער ארבעטער מיטמאכן די דאזיקע רעוואלוציע? מיטמאכן אקטיוו אלס א דירעקט־באטייליקטע פערזאן? אלס מיטקעמפער, מיטשאפער, מיטבויער?

א קאנסעקווענטער פועלי־ציוניסט מוז ענטפערן מיט א ניין.

ווייל זיין גאנצע געביידע שטיצט זיך דאך איצט אויף דעם, אז אין דעם פראצעס פון דער סאציאלער רעוואלוציע, וואס האט זיך שוין אנגעַ־הויבן, וועט דער יידישער ארבעטער ווערן ארויסגעשטופט, ארויסגעשטויסן, ארויסגעווארפן; אז פאר אים איז דא נישטא און וועט דא נישט זיין קיין ארט. ווייל אנדערש דארף ער דאך נישט זוכן קיין צווייטן ארט אינם ווייטן לאנד,

אַנדערש צעפֿאַלט ווי אַ קאַרטן־הויז דער גאַנצער סאָציאַליסטישער ציוניזם!

און ווידער שאַפֿט זיך אַ פּערספּעקטיוו פֿון אַן איינזאַמען טרויעריקן אינזל. די וועלט ווערט איבערגעבויט, די וועלט קעמפֿט און שאַפֿט אַ נײַע אָרדענונג, און נאָר דער יידישער אַרבעטער אַליין, איזאָלירט, אַרויסגעשטויסן, באַיקאָטירט פֿון זײַנע קריסטלעכע חברים, וועט זיצן שטום און טרויעריק אויפֿן ברעג פֿון גרויסן ים, אוממעכטיק, קראַפֿטלאָז, אַ צושויער. זיצן און וואַרטן.

אַזוי מוז טראַכטן דער פּראָלעטאַרישער ציוניסט, אַזוי מוז ער זיך פֿאַרשטעלן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, ווײַל אַנדערש איז ער נישט קיין ציוניסט. אַן אַנדער פֿראַגע איז: צי קאָן אַזוי טראַכטן אַ סאָציאַליסט...

ס'איז אַ פּסיכאָלאָגיע פֿון פֿאַרצווייפֿלונג.

און קנאַפּ וועט דאָ העלפֿן אַפֿילו די ארץ־ישׂראל־פּערספּעקטיוו. עס איז איצט נישטאָ קיין איין ערנסטער ציוניסט, וואָס איז נישט מודה, אַז דער פּראָצעס פֿון קאָלאָניזירן פּאַלעסטינע מוז זיין אַ לאַנג־דויערנדיקער. צענדליקער און איבער צענדליקער יאָרן מוזן פֿאַרגיין. די ציוניסטישע פּירער רעכענען, אַז אין משך פֿון די נאָענטסטע דרײַסיק יאָר וועט מען קאָנען אַרײַנלאָזן קיין פּאַלעסטינע אפשר אַרום אַ מיליאָן יידן.

און דער רעשט?

אויב עס איז ריכטיק, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט ביזן גרונט אונטערגראָבן דעם עקאָנאָמישן קיום פֿון די יידישע מאַסן — און דאָס זאָגן די פּ. צ. — וועט דאָך אין משך פֿון דער צײַט דאָס יידנטום פּשוט פֿיזיש אונטערגיין. און יענע מאַסן יידישע אַרבעטער, דער גאַנצער איצטיקער דור מיט קליינע אויסנאַמען, וואָס ווערט דאָ פֿאַרמשפּט צום טויט, ווײַל קיין פּאַלעסטינע קאָן ער נישט אַרײַנגעלאָזט ווערן, — דער דאָזיקער דור וועט זיך מוזן טרייסטן מיטן געדאַנק, אַז אַ הײַפֿל אויסדערוויילטע וועלן זיך אַרויסראַטעווען אויף די ברעגעס פֿון ירדן.

דאָס רופֿט זיך בײַ זיי: רעוואָלוציאָנערער קלאַסנקאַמף!

דער גאַנצער ציוניסטישער רעוואָלוציאָניזם, די גאַנצע „פּאָזיטיווע" באַציִונג צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, איז מער נישט ווי איין גרויסע טראַגי־קאָמישע פֿאַרבלענדעניש, אַ מיספֿאַרשטענדעניש. מיר דאַכט זיך, אַז אַן אויפֿריכטיקער און ערלעכער פּועלי־ציוניסט, אויב ער וועט זיך פּרווון אָפּטרייסלען דעם היפּנאָז פֿון די פֿראַזן און אַרײַנטראַכטן זיך אַ ביסל טיפֿער אין דער עצם פֿראַגע, וועט מוזן אָנערקענען, אַז עס איז אַזוי.

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך רעד דאָ נישט וועגן די פּועלי־ציוניסטישע שרײַבער. איך רעד דאָ אָבער וועגן די אַרבעטער, וועגן יענע אַרבעטער, פֿאַר וועלכע די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז נישט קיין וואָרט, נאָר אַ לעבנס־באַדערפֿעניש.

20סטער יוני, 1919.

יידיש

פֿאַראַן אַ מעשהלע וועגן דעם, ווי דער רבונו־של־עולם האָט צעטיילט צווישן פֿאַרשיידענע פֿעלקער די לשונות. יעדעס פֿאָלק איז געקומען לויט דער ריי נאָך, צו באַקומען אַ שפּראַך, וואָס אים קומט און איז דערנאָך אַוועק צו זיך אַהיים. בעת עס זענען אָבער געקומען די לעצטע, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז עס פֿעלן לשונות. געמאַכט אַן אויספֿאָרשונג, לאָזט זיך אויס, אַז דער ייד האָט פֿאַר זיך באַוויזן צו פֿאַרכאַפּן עטלעכע שפּראַכן, אַנשטאָט איינער!

די דאָזיקע מציאה איז ביי אונז געבליבן עד־היום, און מיר טראָגן זיך אַרום מיט דעם גאַנצן פּאַק שפּראַכן און קאָנען בשום אופֿן נישט קומען צו אַ טאָלק. און עד־היום בלייבן מיר מיט אַלע שפּראַכן און אין דער אייגענער צייט — אָן אַ שפּראַך!

מיר באַרימען זיך מיט אַ טויזנטיאָריקער קולטור. אָבער ווי שטאַרק מקנא דאַרפֿן מיר זיין ייִנגערע, אַפֿילו קלענערע און אָרעמערע פֿעלקער. זיי אַלע האָבן נאַציאָנאַלע קולטור־באַוועגונגען, מיר האָבן — נאַציאָנאַלע מליצות.

יעדעס פֿאָלק שפּירט אַ דראַנג נאָך קולטור, און אַזוי ווי די אַנטוויקלונג פֿון דער קולטור נעמט אַלע מאָל אָן נאַציאָנאַלע פֿאָרמען, אַנטשטייען אומעטום נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. געוויס, קיין פֿאָלק האָט נישט קיין איינהייטלעכע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, יעדער קלאַס פֿון פֿאָלק גייט זיך שאַפֿן און זוכן קולטורעלע אוצרות אויף זיינע אייגענע וועגן. יעדער האָט זיין באַזונדערע פּאָן. אָבער ביי אַלע פֿעלקער איז פֿאַראַן איין פּונקט, וואָס ער איז געשריבן אויף אַלע פֿאָנען: די מוטער־שפּראַך — די נאַציאָנאַלע שפּראַך איז אַלעמאָל טייער און ליב.

די רוסישע רעגירונג פֿלעגט דריקן און נישט דערלאָזן — האָט מען פֿאָרט געאַרבעט שטילערהייט. אין הונדערטער און טויזנטער טייכלעך, וואָס זענען געווען געצוווּנגען צו זוכן אַ וועג אונטער דער ערד, האָט זיך באַהאַלטן די שאַפֿנדיקע לעבנסקראַפֿט. און פֿלעגט מען זיך דערוואַרטן אַ פֿרייערע צייט — ווי דאָס איז געווען, למשל, אין יאָר 1905, אָדער ווי דאָס איז איצט אין די קאַנטן, ווו די רוסישע פּאָליציי האָט אָנגעוואָרן איר דעה, פֿלעגן די טייכלעך מיט אַ סטיכישער קראַפֿט זיך אַרויסרייסן פֿון אונטער דער ערד און דער אַלטער אונטערדריקטער דראַנג פֿלעגט זיך אויסדריקן אין אַ פֿאָרם פֿון אַ ברייטן קולטורעלן שאַפֿן.

וואָס איז געווען ביי יידן? מען האָט גערעדט און געקלאָגט, גע־קלאָגט און געוואַרט.

און וואָס האָבן יידן געטאָן, בעת זיי האָבן פּלוצלינג באַקומען די מעגלעכקייט צו אַרבעטן און צו שאַפן?

דאָ נישט לאַנג איז פאַרגעקומען אַ באַראַטונג, אויף וועלכער עס איז געשטעלט געוואָרן נישט מער ווי איין פראַגע וועגן דער אונטעררעכטס־שפּראַך אין די יידישע פאָלקס־שולן. אויף דער באַראַטונג זענען געווען צוועלף יידן. און אָט ביי דעם טוץ מענטשן זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן נישט ווייניקער ווי פינף פאַרשיידענע מיינונגען! איך געהער נישט צו די, וואָס קלאָגן זיך דערויף, אַז עס איז נישטאָ קיין אחדות צווישן יידן, איך גלויב נישט אין קיין כלל־ישראל־פאָליטיק. אָבער איך מוז פונדעסטוועגן זאָגן: פינף פאַרשיידענע פאָרשלאָגן וועגן דער אונטעררעכטס־שפּראַך ביי איין פאָלק, — דאָס איז שוין אַ ביסל צו שטאַרק.

די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דעם מאָמענט אויפן געביט פון קול־טורעלן שאַפן איז: פאַרפעסטיקן די פּאָזיציע פון דער מוטער־שפּראַך.

נישט אַלע ווילן דאָס און נישט אַלע פאַרשטייען דאָס. צו די, וואָס ווילן דאָס נישט, האָב איך נישט קיין טענות. אויב אַ מענטש שטייט אויפן אַסימילאַטאָרישן שטאַנדפּונקט, אויב ער וויל אויסוואָרצלען די יידישע שפּראַך, פאַרבייטן זי מיט דער פּוילישער, — איז פאַרפאַלן. מיר האָבן נישט — אין דער דאָזיקער פראַגע, מיין איך — וועגן וואָס מיט אים צו רעדן. וועט ער טאָן דאָס זייניקע, וועלן מיר טאָן דאָס אונזעריקע.

איך וואָלט נישט געהאַט קיין טענות צו די העברעיִסטן, וואָס האָבן געקוקט אויף יידיש ווי אויף אַ שמוציקן גאַס־זשאַרגאָן, און וואָס פלעגן באַהאַלטן זייער גאַנצע „יידישקייט" אין די ספרים, איבערלאָזנדיק דאָס לעבן פונם גאַנצן יאָר אין די הענט פון דער אַסימילאַציע; מיט זיי האָבן מיר אויך נישט וועגן וואָס צו רעדן.

צו וועמען איך האָב יאָ טענות, זענען דאָס די אַלע — און זייער צאָל איז זייער גרויס, — וואָס האַלטן זיך פאַר יידישיסטן, אָבער זיי שטייען אין דער אמתן ערגעץ אין דער מיט. זיי שטייען אין מיטן צווישן יידיש און העברעיִש. איך וואָלט זיך אויסדריקן בולטער: זיי זענען אין געפאַנגענ־שאַפט ביים העברעיִזם. און די דאָזיקע געפאַנגענשאַפט מוז זיי מאַכן קראַפטלאָז און פּרוכטלאָז.

זיי זענען פאַר יידיש, נאָר יידיש אַליין איז פאַר זיי פאַרט עפּעס צו ווייניק און צו שוואַך. אין זייער „יידישקייט" פאַרנעמט די מוטער־שפּראַך אַ גאַנץ גרויסן אָרט. נאָר אינם קדשי־קדשים פון זייער יידישקייט געפינט זיך פאָרט די העברעיִשע שפּראַך.

פאַר דער צוקונפט ווילן זיי אַרבעטן, נאָר די פאַרגאַנגענהייט איז פאַר זיי פאָרט וויכטיקער און הייליקער פאַר דער צוקונפט.

יידיש איז פֿאַר זיי די פֿאָלקס־שפּראַך, אפֿשר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, נאָר בשום אופֿן נישט די נאַציאָנאַלע שפּראַך. דאָס פֿאָלקס־לעבן זעען זיי אויף דער גאַס, דאָס נאַציאָנאַלע לעבן — אין די אַלטע ספֿרים.

זיי פֿאַרטיידיקן יידיש, ווייל זיי קענען נישט פֿאַרמאַכן די אויגן פֿאַר די פּראַקטישע לעבנס־באַדערפֿענישן. נאָר די דאָזיקע פּראַקטישע לעבנס־באַדערפֿענישן זענען פֿאַר זיי פֿאַרט עפּעס אַ מין נידעריקע זאַך. דאָס איז פֿאַר זיי די גרויע שווערע שוואַרצע ערד. שוואַרצע ערד אָן ליכט, אָן לופֿט, אָן זון איז פֿאַר זיי יידיש אָן העברעיִש. יידיש גיט מען אָפּ אַ „געהעריק אָרט", העברעיִש — גיט מען אָפּ כבוד.

אויב מען וועט פֿאַרגלייכן אַזעלכע שטימונגען מיט דער טיפֿער פֿאַראַכטונג, מיט וועלכער מען האָט זיך באַצויגן צו דער יידישער שפּראַך נאָך מיט אַ צענדליק יאָר צוריק, מוז מען זאָגן: אַ שריט פֿאָרויס איז דאָס געווים, אָבער טאַקע נישט מער ווי אַ שריט. עס פֿילט זיך אין דעם אַלעם נאָך עד־היום די אַלטע ירושה, דאָס באַציִען זיך צו דער פֿאָלקסשפּראַך, ווי צו אַ דינסט. נישט מער ווי צו אַ דינסט.

אָבער די אַלע, וואָס פֿאַרשטייען, אַז עס איז געקומען די צייט, וואָס נישט דאָס רעדן וועגן אַ נעבלדיקער „יידישקייט", אַ מיסטישן „גייסט" איז אויף דער טאָג־אָרדענונג, נאָר דאָס אָוועקשטעלן די יידישע שפּראַך טאַקע אויפֿן געהעריקן אָרט — די אַלע מוזן דאָך סוף־כל־סוף פֿאַרשטיין אויך אַ צווייטע זאַך: אַז דאָס דאָזיקע אָרט קען נישט דערגרייכט ווערן, כל־זמן מיר אַליין וועלן קוקן אויף דער פֿאָלקסשפּראַך, ווי אויף אַ דינסט.

מען קען נישט קאָנצענטרירן די אויפֿמערקזאַמקייט, די אַרבעט, דאָס שטרעבן, איך וואָלט זאָגן נאָך מער — דעם ענטוזיאַזם, אָן וועלכן ס'קען נישט אויסגעפֿירט ווערן קיין גרויסע אויפֿגאַבע, אַרום צוויי זאַכן גלייכצייטיק. מען קען נישט ליב האָבן קיין צוויי כלות פֿאַר אַ מאָל, און ווער עס שטעלט זיך אַזאַ אוממעגלעכע אויפֿגאַבע, דער קען פֿאַרלירן ביידע.

און אַחוץ די אויסגעהאַלטנקייט פֿון דער שטימונג, דאַרף דאָך יעדע באַוועגונג האָבן אויך אַ לאָגישע אויסגעהאַלטנקייט. איינס פֿון די ביידע: אָדער מען שטעלט זיך אויפֿן באָדן פֿון רעאַלע לעבנס־אינטערעסן — און דעמאָלט מוז מען זיין פֿאַר יִידיש און קעגן העברעיִש, אָדער מען גייט אַרויס פֿונם שטאַנדפּונקט פֿון דער העברעיִשער לופֿט־ און ספֿרים־יידישקייט, און דעמאָלט פֿאַלן אַוועק די וויכטיקסטע מאָטיוון פֿאַר יידיש. איינס איז סותר דאָס צווייטע. די, וואָס ווילן פֿאַראייניקן ביידע שטאַנדפּונקטן, מאַכן זיי ביידע צו גאָרנישט.

די באַוווסטזיניקע אַרבעטער שטייען אויפֿן ערשטן שטאַנדפּונקט. פֿאַר זיי איז די שפּראַכן־פֿראַגע נישט קיין פֿראַגע פֿון אַן אַבסטראַקטן נאַציאָנאַליזם, פֿון אָפּהיטן די „יידישקייט", פֿון אויסהאָדעווען דעם יידישן גייסט. פֿאַר זיי איז די פֿאָלקס־שפּראַך ענג פֿאַרבונדן מיט זייער גאַנצן

לעבן, מיט זייערע אַלע האָפֿענונגען און שטרעבונגען. זייער באַוועגונג האָט עס אַרויסגערוקט די דאָזיקע שפּראַך אויפֿן ערשטן פּלאַן, געמאַכט פֿון דעם פֿאַראַכטן „זשאַרגאָן" אַ מעכטיק וועדקצייג פֿון טיפֿער און ברייטער סאָציאַלער און קולטורעלער אַרבעט. די שוץ פֿון זייער מוטער־שפּראַך איז פֿאַר זיי אַ פֿראַגע פֿון גרעסטער פּראַקטישער באַדייטונג און זיי האָבן זי יאָרן־לאַנג פֿאַרטיידיקט קעגן די שווערע מניעות, וואָס די רוסישע רעגירונג פֿלעגט זיי שטעלן. פֿאַרטיידיקט, אַרויסגייענדיק נישט פֿון געוויסע קאָמבינאַציעס פֿון פּאָליטישן מאָמענט, נאָר פֿון זייערע שטענדיקע, טיפֿע לעבנס־אינטערעסן. און אויך אין דעם איצטיקן מאָמענט, וואָס אונטערשיידט זיך אַזוי שטאַרק פֿון דער גאָר נאָענטער פֿאַרגאַנגענהייט, רופֿט דער קלאַסן־אינטערעס פֿון די יידישע אַרבעטער צו דערפֿילן די זעלבע נאַציאָנאַלע אויפֿגאַבע — צו דער אַרבעט לטובת דער יידישער שפּראַך.

זייער פּאָזיציע איז קלאָר. זיי ווייסן, וואָס זיי ווילן און זיי וועלן זיך געוויס נישט זעצן צווישן צוויי שטולן.

ווער ס'וויל נישט בלויז רעדן, נאָר אויך טאָן, ווער ס'וויל נישט בלויז חלומען, נאָר אויך שטופּן פֿאָרויס דאָס לעבן, מוז גיין מיט דעם זעלבן וועג.

און נאָר אויף אַזאַ אופֿן קען דערפֿילן זיין אויפֿגאַבע אויך דער בורזשואַזער דעמאָקראַטישער יידישיזם. צי וועט ער געפֿינען אין זיך גענוג לעבנסקראַפֿט דערצו?

פּרץ און מיר

אַ יאָר איז פאַרגאַנגען, זייט פּרץ איז אַוועק פון דער וועלט. אַ קורצער משך צייט איז דאָס. לאַנגע יאָרן וועלן נאָך פאַרגיין, ביז עס וועט אָפּגעשאַצט ווערן די קינסטלערישע ירושה, וואָס ס'האָט אונז איבערגעלאָזן דער אַוועקגעגאַנגענער דיכטער. און לאַנגע יאָרן וועלן נאָך פאַרבייגיין, ביז עס וועלן אויפשטיין פאַר אונזערע אויגן אין זייער גאַנצקייט און פולקייט יענע אוצרות פון אַ לעבעדיקער גרויסער פּערזענלעכקייט, וואָס ס'האָט אַוועקגעטראָגן מיט זיך אין קאַלטן קבר דער פאַרשטאָרבענער מענטש.

ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט פון אַן ענדגילטיקן סך־הכל. און צי קאָן מען בכלל ביי אַזאַ דיכטער און אַזאַ מענטש אונטערפירן די אונטערשטע שורה?

אָבער איין זאַך ווייסן מיר שוין איצט, איין זאַך האָט דער יידישער אַרבעטער געפילט פון יענער ערשטער מינוט אָן, בעת עס איז צו אים געקומען די שווערע בשורה.

אַ שטיק אונזער לעבן איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונז אין יענעם טרויעריקן פרילינגס־טאָג, בעת עס האָבן זיך אויף אייביק פאַרמאַכט די פּאָר שיינע ברענענדיקע אויגן.

אַ שטיק אונזער לעבן איז ער געוואָרן. ער איז נישט געווען אַן „אונזערער" אין שטרענגן, ענגן זין פון דעם וואָרט. קיינעמס איז ער נישט געווען. קיין פּאַרטיי־מענטש, קיין פּראָגראַם־מענטש; אַ זוכנדיקער איז ער געווען; אַ ברייטער, טיפער שטראָם, וואָס ברויזט און רוישט און גראָבט אונטער די ברעגן, און שליידערט זיינע כוואַליעס שטענדיק ווייטער, שטענדיק פאָרויס — צום ווייטן אומבאַקאַנטן ים.

קיינעמס איז ער נישט געווען. און אין דעם פילפאַרביקן רייכטום פון זיין נשמה, און אין דעם שפּילנדיקן, פּערלדיקן פלוס פון זיינע געדאַנקען איז מאַנכעס געווען פאַר אונז פרעמד...

און דאָך איז ער געוואָרן אַ שטיק אונזער לעבן.

ווייל אונזער לעבן איז אויך געווען אַ טייל פון אים. אַריינגענומען, אַריינגעזאַפּט האָט ער אין זיך דאָס ברייטע, רייכע פאָלקס־לעבן, — מעג זיין נישט דאָס גאַנצע, נאָר א ו נ ז ע ר לעבן איז דאָס פאָרט געווען. אַריינגעזויגן, באַהאַפטן מיט שיינקייט — און ווידער אונז צוריקגעשענקט. פון אונז האָט ער גענומען, ביי אונז געשעפּט יענע קאָסטבאַרע מתנות, מיט וועלכע ער האָט אונז באַשאָטן.

און די שיינקייט פֿון די מתנות — צי האָט ער זי אַנטפּלעקט אין אונזער לעבן גופֿא, די באַהאַלטענע שיינקייט, וואָס נאָר אַן אָדלער־אויג פֿון אַ גרויסן קינסטלער קאָן זי דערזען?

אָדער דאָס איז געווען די שיינקייט פֿון זיין אייגענער נשמה, מיט וועלכער ער האָט אונזער לעבן באַשיינט און באַשטראַלט?

אָדער ביידנס אויף אַ מאָל? וואָס איז די נפֿקא מינה! אונזערע נשמות זענען געווען אין אים, און ער איז געוואָרן אַ טייל פֿון אונזערע נשמות. און אין דעם זין איז ער „אונזער".

ער האָט זיך אַריינגעפֿילט אין אונזער לעבן. אָבער ער האָט עס געפֿילט נישט נאָר אַלס מענטשן־לעבן בכלל און נישט בלויז אַלס יידן־לעבן, נישט נאָר אַלס פֿאָלקס־לעבן. ער האָט עס געפֿילט אַלס אַרבעטער־לעבן. די אַרבעטער־נויט און די אַרבעטער־פּיין האָט ער געפֿילט, און אַ דורשט נאָך יושר און אַ געשריי נאָך דערלייזונג הערט זיך אַרויס פֿון זיינע ווערק: אונזער דורשט און אונזער געשריי.

און אויב ער פֿלעגט זיך אומקערן צו דער וויטער פֿאַרגאַנגענהייט און שעפּן פֿון איר די קאָסטבאַרע שטיינער פֿאַר זיינע קינסטלערישע בנינים, איז דאָס נישט געווען אַ בענקשאַפֿט נאָך פֿאַרגאַנגענהייט, נאָר אַן אויסער־לעכע פֿאָרם פֿאַר זיינע חלומות וועגן דער צוקונפֿט. און אויב דער חלום איז אַרומגעוועבט מיט אַ נעבל, אַרומגעשפּינען מיט וואָלקנס, איז דאָס פֿאָרט געווען דער חלום פֿון אונזער צוקונפֿט, וואָס מיר, וואַכעדיקע און וואַכע־דיקע, גרייטן צו מיט פֿעסטער האַנט, מיט קלאָרן אויג.

מיט קלאָרע אויגן גייען מיר, מיט הילכעדיקע טריט, מיט שווערע האַמערס אין פֿעסטע, שטאַרקע הענט. נאָר כדי דאָס אויג זאָל ליכטיקער גלאַנצן, כדי פֿעסט זאָלן בלייבן אונזערע טריט, נישט פֿאַרמאַטערט ווערן די הענט, דאַרף אויך שלאָגן אין דער ברוסט אַ וואַרעם, רייך, אַ פֿילנדיק האַרץ; אַ האַרץ פֿול זונענשיין און שטורעם, פֿול בענקשאַפֿט און האַס, פֿול מענטשלעכקייט און שטאָלץ. און אפֿשר אויך פֿול שטילער שיינער ליבע.

דער גרויסער דיכטער האָט אונז געגעבן די אוצרות פֿון זיין רייכן, הייסן, שטורעמדיקן האַרץ. און מיר זענען אויך געוואָרן רייכער און שענער און גרעסער, און אַלץ העכער הויבט זיך אויף דער קאָפּ, און שטאַרקער שלאָגט דאָס אויפֿגעוואַכטע האַרץ, און דער אויסגעקרומטער, איינגעבויגענער רוקן פֿונם אַמאָליקן „באַנציען" ווערט גראַד, פֿעסט און שטאָלץ.

מיט טיפֿן דאַנק און שטילן טרויער געדענקען מיר דעם פֿאַרשטאָר־בענעם דיכטער אין זיין ערשטן יאָרצייט־טאָג.

21טן אַפּריל, 1916

יעקב דינעזאָן

מען זאָגט: אַ מענטש שטאַרבט, אָבער זיינע ווערק בלייבן.

אַ קנאַפּע טרייסט. וואָרעם דאָס טייערסטע, וואָס מיר האָבן אין פֿאַרשטאָרבענעם מענטשן, איז נישט דאָס, וואָס ער האָט געטון, נאָר דאָס, וואָס ער איז געווען: די לעבעדיקע אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט.

דינעזאָן איז געשטאָרבן. זיינע ווערק זענען דאָ און שטייען אין ביכערשאַנק. זיינע קינדערהיימען זענען דאָ און וועלן, האָפֿנטלעך, נישט אונטערגיין. עס איז וויכטיק און טייער. אָבער פֿאַר מיר — און איך מיין, אַז אויך פֿאַר יעדן, ווער עס האָט אים געקאָנט און געליבט פּערזענלעך, — איז נישט דאָס דאָס וויכטיקסטע און טייערסטע.

טייער און ליב איז מיר געווען דער מענטש. אָט יענער קליינער אַלטיטשקער מיט זיינע ווייסע האָר, מיט זיין שטילער שטים, מיט זיין זיסער „ווילנער״ אויסשפּראַך, מיט זיין ליבן שמייכל, מיט זיינע האַרציקע רייד. און דאָס טייערסטע, דער גרעסטער אוצר: יענע שיינע, ריינע, אייגנאַרטיקע נשמה, וואָס האָט זיך בלויז אָפּגעשפּיגלט און אָפּגעשלאָגן אין די אַלע אויסערלעכע שטריכן.

און ווי אַלעמאָל, ווען מען שטייט פֿאַר אַ פֿרישן קבר פֿון אַ מענטשן, וואָס מען האָט ליב געהאַט, שפּירט זיך דער ברענענדיקער פֿאַרלאַנג: ווי אַזוי מאַכט מען, אַז אָט דאָס דאָזיקע וויכטיקסטע און טייערסטע, וואָס מיר האָבן אין אים געהאַט, זאָל נישט לאיבוד גיין אין גאַנצן. און עס ווילט זיך, אַז יעדער באַדייטנדער מענטש זאָל האָבן זיין מאָלער צו פֿאַראייביקן די פּיזישע געשטאַלט, און זיין וואָרט־קינסטלער — צו פֿאַראייביקן זיין נשמה; פֿאַראייביקן, און אַזוי אַרום איבערגעבן דעם לעבעדיקן דור און די קומענדיקע דורות, זי זאָל לעבן ווייטער מיט זיי, אין זיי, אייביק.

איך בין נישט דער קינסטלער. מער נישט, אַ פּאָר שטריכן, קליינע, באַשיידענע שטריכן וויל איך אָנוואַרפֿן, אָפּהיטן אַ טייל פֿון דער טייערער ירושה.

*

די לעגענדע דערציילט: אליהו הנביא איז געזעסן אין מדבר פֿערציק טעג און פֿערציק נעכט. אַ שטורעם איז געקומען מיט דונערן און בליצן. אָבער נישט אין שטורעם און נישט אין דונערן האָט זיך געהערט די שטים פֿון גאָט. אַ ווירבל־ווינט איז געקומען, אַ ברויזנדער, אַ ווילדער. אויך אין

דעם ווירבל־ווינט איז גאָט נישט געווען. אָבער פּלוצלינג האָט זיך געמאַכט אַ גרויסע, הייליקע שטילקייט. און אין דער שטילקייט האָט דער נביא ענדלעך דערהערט די שטים פון זיין גאָט.

אַזוי דערציילט די לעגענדע. ווי ווייט פון איר איז דער גרויסער, גרויער, ברייטער ייִדישער עולם! און ווי ווייט פון דעם עולם איז די גרויסע הייליקע שטילקייט!

דער ייִד שרייט. דער ייִד שרייט, ווען ער איז גליקלעך, און שרייט, ווען ער לײַדט. ער שרייט, ווען ער בעט ביי גאָט רחמים, ער שרייט, ווען ער קלאָגט זיך און דאַנקט.

דער ייִד שרייט און טומלט. מיינט נישט, אַז דאָס איז אַ שטורעמדיק ברויזן פון אַ קאַמף־נאַטור. ס׳איז אַן אַנדער מין טומל.

דער ייִד האָט נישט קיין דרך־ארץ.

איך מיין נישט יענעם דרך־ארץ, וועלכן מען פלעגט אונז אַריינ־פּויקן אין די קינדער־יאָרן, אין דער שול, אין חדר, אין געשעפט: זאָלסט זיין געהאָרכזאַם, זאָלסט פאָלגן די עלטערן, זאָלסט זיך בויגן און בוקן פאַרן פריץ. אָ, אַזאַ דרך־ארץ פאַרמאָגט דער ייִד איבער גענוג.

איך מיין אַן אַנדער זאַך:

ס׳איז דאָ אַ דייטש וואָרט „פּיעטעט". עס לאָזט זיך אַפילו נישט איי־בערזעצן אויף ייִדיש (ווו ס׳פעלט די זאַך גופא, פעלט אויך דאָס וואָרט). ס׳איז נישט סתם דרך־ארץ. ס׳איז אַ דרך־ארץ פאַר אַ הייליקייט, פאַר־אייניקט מיט אַ ליבשאַפט און מיט אַ שטילן זאָרגפולן אָפּהיטן.

דאָס איז עס, וואָס עס פעלט דעם ייִד פון אַ גאַנץ יאָר, און דאָס דאַרף האָבן אַ מענטש.

ווייל עס זענען פאַראַן הייליקייטן אין לעבן און אין דער מענטשלע־כער נשמה, און יעדער מענטש מוז האָבן זיין קדשי־קדשים. און אין קדשי־קדשים גייט מען אַריין מיט שטילע טריט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און מיט פאַרמאַכטע ליפּן.

צי דאַרף איך אייך זאָגן, אַז איך מיין דאָס נישט אין רעליגיעז־מיס־טישן זין? איר פאַרשטייט דאָס אַליין. אַזאַ הייליקייט קאָן זיין, למשל, אַ געזעלשאַפטלעכער אידעאַל, עס קאָן זיין די ליבע, עס קאָן זיין די פריינד־שאַפט און נאָך און נאָך.

דאָס פעלט דעם ייִדישן עולם. זיין געשריי איז אַן אויסדרוק פון פאַמיליאַריטעט. ער איז מיט אַלצדינג אויף דו און דו. ער טאַפּט אַלץ אָן מיט די הענט. אַפילו מיטן רבונו־של־עולם אַליין (וואָס דאַרף דאָך פאַרן רעליגיעזן ייִדן געוויס זיין אַ הייליקייט) רעדט ער ווי מיט זיינס גלייכן. ער דינגט זיך מיט אים, ער מאַכט מיט אים קאָמבינאַציעס, ער נאַרט אים. אַפילו פאַרן טויט האָט ער נישט קיין דרך־ארץ. אַפילו אויפן בית־עולם הערט ער נישט אויף צו טומלען...

אַנטקעגן וואָס זאָג איך דאָס? כדי מיר זאָלן בעסער פֿאַרשטיין, וואָס מיר האָבן אָנגעוואָרן מיט דינעזאָנס טויט.

ווייל ער איז געווען דווקא איינער פֿון יענע וויניקע יידן, וועלכע האָבן יאָ פֿאַרמאָגט די דאָזיקע גרויסע, זעלטענע מעלה.

אינמיטן פֿון דעם קליינלעכן טומל פֿון לעבן, אינמיטן פֿון דעם רוישיקן ליטעראַטן־וועלטל, וואָס איז נאָך מער שרייענדיק, ליאַרעמדיק און חוצפּהדיק, ווי דער גאַנצער רעשט, איז ער געבליבן שטיל, ריין און איידל. אַ ווייסע טויב צווישן די שוואַרצע קראָען און אָנגעבלאָזענע פֿאַלשע פּאַוועס.

אַ שטילער, ריינער מענטש. אַ מענטש, אין וועמענס האַרצן האָט געלעבט די מילדע, וואַרעמע, ליכטיקע הייליקייט.

דערמאָנט זיך אָן זיין פֿריינדשאַפֿט מיט פּרצן. נישט אומזיסט האָט פּרצס אלמנה געשריבן דאָס רירנדע, טיפֿע וואָרט: „מיט דינעזאָנס טויט איז מיר פּרץ צום צווייטן מאָל געשטאָרבן". ווייל ס'איז טאַקע געווען יענע זעלטענע פֿריינטשאַפֿט, ווען צוויי מענטשן ווערן איינס. ווער עס קאָן זיין אַ זאַ פֿריינד, דער האָט אין זיין נשמה אַ קדשי־קדשים.

און זיין ליבע צו די קינדער. ס'איז שוין אַ סימן פֿון שטילער איידל־קייט, ווען מען האָט ליב קינדער, — אַזוי ווי דינעזאָן האָט זיי ליב געהאַט.

ווי אַ רויטער פֿאָדעם ציט זיך די דאָזיקע ליבע דורך זיין לעבן, אָנהייבנדיק מיט „יאָסעלען", וועגן וועלכן ער האָט געשריבן, און ענדיקנדיק מיט די הונדערטער יאָסעלעך, פֿאַר וועלכע ער האָט געזאָרגט.

ס'איז נישט קיין צופֿאַל, וואָרעם ער האָט אַליין געהאַט אין זיך אַ שטיקל קינדערשע נשמה, אַ פּשוטע, קינדערשע ריינקייט.

און אַ קינדער־נשמה האָט נאָך יענעם גרויסן ליבע־דרך־ארץ, וועגן וועלכן איך האָב פֿריער גערעדט. אַ קינדער־נשמה האָט אין זיך די שטילע ריינקייט און הייליקייט, מיט וועלכער זי באַשטראַלט די אַרומיקע וועלט, מיט וועלכער זי באַלייכט און באַאיידלט אונז אַלעמען, אונז, וואָס בייטיקן זיך אין דעם אַזוי ברענענדיק און שמערצלעך.

דער אַלטער, גרייז־גרויער דינעזאָן האָט פֿאַרמאָגט די דאָזיקע קינ־דערשע נשמה.

„מיר האָבן אים נישט באַמערקט" — האָט זיך ביטער געקלאָגט אַנסקי ביים אָפֿענעם קבר. „מיר באַמערקן די, וואָס נעמען, און נישט די, וואָס געבן". און מיר זענען שולדיק געבליבן אַ נישט־אויסגעצאָלטן חוב.

איצט איז ער אוועק. און ערשט איצט וועלן מיר זיך נעמען אויס־צאָלן דעם אַלטן גרויסן חוב.

נישט אַלס טרוקענע פֿליכט, נאָר אַלס טיפֿער, אינערלעכער פֿאַר־לאַנג, און ווייל עס בייטיקט זיך אין דעם אונזער לעבן. עס בייטיקט זיך אונזער פֿינצטער לעבן, אונזער צעקריפּלט לעבן, אונזער קליינלעך לעבן, — אַז ס'זאָל נישט לאיבוד־גיין דער אוצר פֿון אַ שיינער, ריינער און גע־

זונטער פּערזענלעכקייט. עס נייטיקט זיך אונזער לעבן אין דעם, אַז די ירושה זאָל אָפּגעהיט ווערן — אַריבערגיין אין אונזער בלוט און פֿלייש.

און מיר וועלן איינאָטעמען אין זיך די שטילע, ריינע איידלקייט און טראָגן זי אין אונזערע נשמות פֿון דור צו דור.

*

מען האָט נישט געטראָגן קיין בלומען אויפֿן קבר פֿון יעקב דינעזאָן. פּשוט און באַשיידן האָט מען געוואָלט מאַכן די לוויה. פּשוט און באַשיידן, ווי דער מענטש אַליין איז געווען.

זאָל זשע איצט דאָס ביסל מענטשלעכע ווערטער, געשריבן מיט ליבע, דורכגעפלאָכטן מיט טרויער, געטראָגן מיט צאַרטקייט און אַכטונג, — אַראָפּנידערן אַלס אַ קראַנץ פֿון מיר אויפֿן טייערן, פֿרישן קבר.

3טן סעפּטעמבער, 1919.

טורמע־זכרונות

דאָס לעבן אין אַריאָל קאָן איך דיר נישט דערציילן אויספירלעך. איך וואָלט געדאַרפט אָנשרייבן וועגן דעם אַ בוך; אפשר וועל איך דאָס אַמאָל טאָן. דערווייל אָבער וויל איך דיר זאָגן מער נישט איין זאַך: עס איז געווען — ווייניקסטנס פון אָנהייב אָן — אַן אמתע פאַרזעצונג פון אונזערע רייזע־יסורים. ווייטער האָבן מיר הונגער געליטן, אין שמוץ און פאַראַ־זיטן זיך געוואַלגערט, קיין ברעקל ריינע וועש, קיין באָד נישט באַקומען... און באַזונדערס פיינלעך זענען געווען די מאָראַלישע יסורים: די אַריאָלער געפענגעניש־אַדמיניסטראַציע האָט ביז יענער צייט געהאַט צו טאָן כמעט אויסשליסלעך מיט קרימינעלע פאַרברעכער, מיט גנבים און גזלנים, און זי האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז מיט אונז, „פּאָליטיקער", דאַרף זי זיך באַגיין גאָר אַנדערש. דאָס רויע „דו", די גראָבע געשרייען, די גאַנצע מושטרע, וואָס מיר האָבן געמוזט אויסשטיין, — דאָס איז געווען פאַר אונז דאָס שווערסטע.

און דאָך איז דאָס געווען נאָך נישט דאָס ערגסטע. דאָס ערגסטע פון אַלץ איז פאַרט דאָס וואַנדערן „פּאַ עטאַפּו" — מיטן „עטאַפּ". און מיר איז עס געווען באַשערט אויסצוטרינקען דעם דאָזיקן איבערפולטן כוס ביזן גרונט.

איך ווייס נישט, אפשר ווענדט זיך דאָס אין מיין פערזענלעכער פּע־יקייט צוצופּאַסן זיך צו יעדער, זאָל זיין דער ביטערסטער לאַגע, נאָר בעת עס קומט מיר אויס צו פאַרברענגען אַ לענגערע צייט אויף איין אָרט, קען איך מיך צוגעוויינען אפילו צו די ערגסטע באַדינגונגען. מען לעבט זיך פאַרט איין. אפילו מיט די ערגסטע געפענגעניש־אויפזעער קען מען זיך אויך, סוף־כל־סוף, געבן אַן עצה. זיי זענען דאָך פאַרט מענטשן, און אויב מען וועט נישט רעכענען די ווייניקע, וואָס האָבן שוין פון פאַרויס געהאַט אַ נשמה פון אַ תלין און וואָס זייער „אַרבעט" אין געפענגעניש האָט אין זיי אַנטוויקלט געוויסע קרענקלעכע, איך וואָלט זאָגן סאַדיסטישע נייגונגען — צו זוכן אַ פאַרגעניגן פאַר זיך אין פייניקן אַנדערע מענטשן, — זענען זיי דאָס רוב פּשוטע רוסישע פּויערים, אויסגעדינטע סאָלדאַטן, וואָס זענען מער־סטנטייל אַליין שטאַרק אומצופרידן מיט זייער שטעלע. מיט די דאָזיקע קאָן זיך איינשטעלן ביי אַ לענגערער שכנותשאַפט אַ גאַנץ בשלומדיק לעבן. מען ווערט אַן איינגעזעסענער, אַ שטענדיקער גאַסט, און מען הייבט איך

אַן צו באַהאַנדלען אַביסל פֿריינדלעכער. גאָר אַנדערש איז עס אָבער אויף דער רייזע.

באַלד ווי עס באַווייזט זיך נאָר אין דער קאַמער דער אויבער־אויפֿזעער און הויבט אָן איבערצולייענען פֿון דעם אָנגעחתמעטן צעטל די נעמען פֿון די, וואָס מען שיקט ערגעץ ווו אַוועק; באַלד ווי עס דערהערט זיך נאָר דער רוף „אַרויס צום עטאַפּ, — אָבער גיך, אָבער שוין, די מינוט"! — ביסטו שוין אויס מענטש. אַ שטויבל, אַ קליין חלקל פֿון אַ גרויסן הויפֿן; אָן באַדייטונג, אָן שטים און אָן פּערזענלעכקייט איז דאָס קליינטשיקע חלקל פֿונם גרויען הויפֿן וואָס ווערט געבילדעט פֿון גרויען שמוציקן מענטשן־שטויב, מענטשן־מיסט, מענטשן־אָפּפֿאַל. מיט אַן אומגעהייערער אייזערנער שופֿל ווערט דער דאָזיקער שטויב צונויפֿגעקערט אין אַ פֿאַרמלאָזער הורבע, ערגעץ ווו ווייטער אַריבערגעשליידערט, פֿונאַנדערגעוואָרפֿן, ווידער צונויפֿגעפּרעסט, אין ברודיקע וואַגאָנען אַריינגעשטופּט, ווידער אַרויסגעוואָרפֿן, ווייטער אַוועקגעקערט און ווידער אין אַ נייעם הויפֿן צונויפֿגעוואָרפֿן, און אַזוי גייט עס ווייטער און ווייטער, אָן אַ שיעור, אָן אַ סוף. קיין שום רחמנות איז נישטאָ. אַ קאַלטע, טויטע, גרויזאַמע מאַשין ראַלט און אַרבעט. זי כאַפּט אַריין דעם קליינעם, אומענדלעך קליינעם יחיד מיט אירע שרעקלעך שטאָלענע לעפֿצן, שליידערט אים אין איר אָפּגרונט אַריין, אין איר טיפֿן קעסל אַריין, שטיקט און דריקט און קייט אים, צעמאָלט אים כמעט מיט אירע שווערע מילשטיינער, און אַז זי האָט געענדיקט איר אַרבעט און שפּייט אַרויס איר קרבן ערגעץ ווו, טויזנט מייל ווייט — איז דער דאָזיקער מענטש צעשמעטערט און צעריבן — פֿיזיש אַזוי גוט ווי מאָראַליש.

און אַז עס קומט נאָך דערצו, אַז די דאָזיקע מאַשין איז פֿאַרראָסט און קאַליע, אַז דאָס גאַנצע טרייבן קומט פֿאָר מיט שטערעגישן, מיט אָפּהאַלטן, מיט פֿאַרשפּעטיקונגען און מיט אָפּשטעלענישן, דאַן איז עס דאָס ערגסטע, וואָס מען קען זיך נאָר פֿאָרשטעלן.

און אַזוי איז דאָס גראָד געווען. ווייל דער קריג האָט פֿאַרשטעלט די וועגן, אָפּגעהאַלטן דעם לויף פֿון די צוגן, קאַליע געמאַכט, פֿאַרפּלאָנטערט דעם גאַנצן אַפּאַראַט; און אין דער זעלבער צייט האָט ער אַריינגעוואָרפֿן אין דער אייזערנער גרוב אַ קאָלאָסאַלע מאַסע פֿון פֿרישן, נישט געוויינלעכן מענטשן־מאַטעריאַל; און אָט דאָס אייזערנע חיה־פֿאַרזעעניש איז נישט בכוח געווען אָפּצואַרבעטן דעם גאַנצן מאַטעריאַל און עס האָט זיך געוואָרגן און געשטיקט, און יעדער דריי מיט די גרויסע, שווערע רעדער האָט געקאָסט מענטשלעכע לעבנס.

קיינער איז נישט געווען שולדיק, אַלץ איז צעמישט און צעוואָרפֿן געוואָרן: די מלחמה האָט דאָס געמאַכט. אָבער ווייי צו די אַלע, וואָס זענען אַריינגעפֿאַלן אונטער די דאָזיקע שרעקלעכע שווערע רעדער. און איך בין אויך אַהין אַריינגעפֿאַלן.

נאָר איך וועל דיר דערציילן אַלץ כסדר.

אַלזאָ, איך זיץ דערווייל אין אַריאַל, אינם אַלטן געפֿענגניש, וואָס פֿון דרויסן זעט עס אויס מיט זיינע ווייסע טורעמס גאַנץ שיין: עפּעס ווי אַן אַלטע רוסישע פֿעסטונג, אַ מין מאַסקווער „קרעמל". אינעווייניק איז עס אָבער דורכויס נישט שיין.

איך ליג אין אַן עלנטער, שמוציקער, פֿול געפּראַפּטער קאַמער און קלער וועגן דעם, ווי גליקלעך איז אַ מענטש, וואָס האָט די מעגלעכקייט אַלע טאָג אַריינצוציִען אין זיינע לונגען אַ ביסל פֿרישע ריינע לופֿט. איך בין נישט אַזאַ גליקלעכער. דערווייל גייט עס נאָך נישקשה. עס איז האַרבסט, בייטאָג בלייבן נאָך די פֿענסטער אָפֿן, אָבער ביינאַכט מוז מען זיי שוין איצט צומאַכן, ווייל עס איז קאַלט און נישט איינער פֿון אונז מוז שלאָפֿן אויף דער פּאָדלאָגע. ווי וועט דאָס ערשט זיין, אַז עס וועט קומען דער ווינטער? און איך קלער: ווי וועט דאָס זיין מעגלעך צו פֿאַרברענגען דאָ, אין אַזעלכע באַדינגונגען, אַ גאַנצן, לאַנגן ווינטער און בלייבן ביים לעבן? דעמאָלט האָט זיך מיר דאָס אויסגעדאַכט, ווי אַן אוממעגלעכע זאַך. און דאָך ווייס איך איצט, אַז זייט יענער צייט זענען שוין פֿאַרגאַנגען 20 חדשים, און צוויי מאָל איז אַריבער דער לאַנגער רוסישער ווינטער און עס זיצן נאָך אַלץ מיינע חברים אין די ענגע קאַמערן פֿונם אַריאַלער געפֿענגעניש... אמת, נישט איינער פֿון זיי האָט זיך טאַקע געמוזט געזעגענען מיטן לעבן.

פּלוצלינג קומט אָבער אַ בשורה: מען שיקט דיך צוריק קיין וואַרשע; דיין פּראָצעס דאַרף אינגיכן פֿאָרקומען; מאַך דיך גרייט צום װעג. גאַנץ גוט. איך נעם זיך צו דער אַרבעט. עס ווערט געגרייט אַ זאַק, איך שטאָפּ אַריין דאָס ביסל וועש, וואָס איך פֿאַרמאָג, אַ שטיק ברויט, אַ ביסל טיי און צוקער, אַ טיי־קענדל, אַ טעפּל, אַ הילצערנעם לעפֿל. פֿאַרטיק. דאַן הויבן מיר אָן אונזער נייע וואַנדערונג — איך און מיינע פֿינף חברים, וואָס געהערן צו דעם זעלבן פּראָצעס.

מען פֿירט אונז אין קאָרידאָר אַרויס. די סאָלדאַטן זענען שוין דאָ און די אַרבעט קאָכט: מען רופֿט אויס די נעמען, מען רעווידירט. רויע הענט קריכן אין אונזערע קעשענעס, טאַפּן אַרום אונזערע קליידער, אונזער וועש, אונזער לייב; באַלד דעם, באַלד יענעם צווינגט מען זיך אויסצוטאָן אָדם־נאַקעט. אַלץ, וואָס איז „פֿאַרדעכטיק" וואַרפֿט מען אַרויס. „פֿאַרדעכטיק" זענען אָבער אַזעלכע זאַכן, ווי למשל: טאַבאַק, שוועבעלעך, ציין־פּולווער (אַ לוקסוס זאַך!). יאָ, אַפֿילו פּוטער, שמאַלץ און פֿעטס. ביז דער לעצטער צייט איז אַפֿילו נישט געווען דערלויבט צו פֿירן מיט זיך זייף! איצט לאָזט מען שוין, אָבער נישט מער ווי איין שטיק...

מיר שטייען אין רייען; די האַנט־קייטעלעך זענען געשלאָסן און מען מאַרשירט ווידער צו דער באַן. דאַן קומט דאָס פֿאָרן אין די ברודיקע אַרעסטאַנטן־וואַגאָנען, און דערנאָך אַ ניי געפֿענגניש, — אַ נייע אונטערזוכ־

כונג, אַ ניי ברודיק לאָך, מען ליגט ווידער עטלעכע טעג; און ווידער קומען די סאָלדאַטן און ווידער ווערט מען אונטערזוכט און ווידער גייט מען צו דער באַן, און ווידער קומט אַ ברודיקער אַרעסטאַנטן־וואַגאָן און ווידער אַ ניי געפּענגעניש און ווידער אַ נייע באַן. און אַזוי גייט עס אַלץ פון דאָס ניי, אַלץ פון דאָס ניי — וואָכן־לאַנג; און אויב דער וועג איז אַ ווייטער, קאָן דאָס געדויערן אַפילו גאַנצע חדשים.

אָבער איצט איז מלחמה־צייט. און, ווי געזאָגט, האָבן זיך צונויפּ־געקליבן גאָר נייע, ספּעציעלע שטערענישן. און קוים וואָס מיר זענען געקו־מען צו דעם ערשטן עטאַפּ־פונקט — דאָס איז געווען די שטאָט סמאָלענסק, — הערן מיר שוין אַ טרויעריקע בשורה: ווייטער פאָרט מען בכלל ניט. וואָס הייסט? גאַנץ פּשוט: די אייזנבאַנען, וואָס גייען אין דער ריכטונג פון פוילן זענען פאַרנומען מיט מיליטער, די עטאַפּן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. יאָ. אָבער ווי לאַנג וועלן מיר דאָ מוזן וואַרטן? דער אַלטער וועכטער שמייכלט: „יאָ, חברה, ביזן סוף מלחמה וועט איר, מסתמא, מוזן האָבן געדולד! נעבן וואַרשע שלאָגט מען זיך".

און אַזוי גייען מיר אַריין אין אונזער נייער דירה, ווו מיר וועלן מוזן בלייבן ווייס גאָט ווי לאַנג. און אַז מיר דערזעען דאָס בילד, וואָס עפנט זיך דאָ פאַר אונז, ווערט אונז פינסטער אין די אויגן. מיר זענען אַריינגעפאַלן אין אַן אמתן גיהנם.

*

מען פירט אונז אַריין אין אַ לאַנגן קאָרידאָר, — שוואַרץ און פינסטער, ווי אַ קוילנגרוב. דאַן עפנט זיך אַ זייטן־טיר, און אַ שטיקנדיקע, עקלהאַפטע, פייכט־וואַרעמע לופט שלאָגט אונז אַנטקעגן. מען שפּאַרט אונז אַריין, די טיר ווערט פאַרשלאָסן, און מיר שטייען און קוקן אַן איינער דעם צווייטן.

שטעל זיך פאָר אַ קאַמער — אַכט טריט אין דער לענג. דאָס זעלבע אין דער ברייט. כמעט דער גאַנצער שטח איז אויסגעפילט מיט צוויי גרויסע הילצערנע „נאַרעס" — לאַנגע ברעטער, אַרויפגעלייגט אויף גראָבע קלעצער. די נאַרעס ציען זיך פון ביידע זייטן ביז צו די ווענט, און מער־נישט אין דער מיט בלייבט אַ שמאָלער דורכגאַנג. און אויף די נאַרעס, צווישן די נאַרעס, יאָ, אונטער די נאַרעס איז אַלץ פול מיט מענטשלעכע קערפּערס: שטייענדיקע, זיצנדיקע, ליגנדיקע. אין אַ משונהדיקן מישמאַש דערזעען מיר זיי — צונויפגעפּרעסטע, ברודיקע, שוויצנדיקע, אָפּגעריסענע... אַן עקל! און ווי אויף חוזק הענגט ביי דער טיר אַ טאָבעלע: „אָרט פאַר 9 מאַן". פאַראַן זענען אָבער גוטע פינף און צוואַנציק. און דאָס איז נאָך געווען איינער פון די „מזלדיקע" טעג. עס פלעגט אויך דערגיין ביז פינף און דרייסיק...

שלאָפן שלאָפט מען אויף די הוילע ברעטער; קיין שטרוי־זעק זענען נישטאָ. און מען מוז נאָך האָבן אַ באַזונדער גליק, צו דערשלאָגן זיך צו אַזאַ מין „געלעגער" אויף אַ פּאָר ברעטער — צוויי אָדער דריי הענט די ברייט;

די אַנדערע מוזן שלאָפן אונטער די נאַרעס: אויף דער קאַלטער אַספאַלטענער פּאַדלאָגע. אַנשטאָט אַ קישן, נעמט זיך איינער אַ בעזעם, דער צווייטער זיינע פּאָר שטינקנדיקע שטיוול, דער דריטער — לייגט זיך אונטער זיין אייגענע פויסט. פון עפּעס אַ קאָלדרע קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין.

שמוץ, געשטאַנק, פּאַראַזיטן... פאַראַן מענטשן, וואָס וואַלגערן זיך שוין דאָ חדשים לאַנג און האָבן פאַר דער גאַנצער צייט קיין איין מאָל ניט געביטן די וועש, קיין איין מאָל זיך ניט אויסגעטאָן, קיין איין מאָל ניט געהאַלטן אין די הענט אַ שטיקל זייף. מיליאַנען וואַנצן ליגן אויף די ווענט, ווי קאָמפּאַקטע שוואַרצע קנוילן; ביינאַכט לאָזן זיי זיך אַראָפּ אויף די נאַרעס און פאַלן אָן אויף די מענטשן מיט ווילדער רציחה. און פאַרלייזיקט ווערט מען — אומבאַשרייבלעך.

איך האָב ביי זיך איינגעפירט אַזאַ מין „טאָג־אָרדענונג": אַלע טאָג בין איך צוויי מאָל געגאַנגען אויף געיעג; מען טוט זיך אויס פון קאָפּ ביז די פיס און מען קוקט גענוי און סיסטעמאַטיש אַדורך יעדעס שטיק וועש. אָבער וואָס העלפט דאָס שחטן? יעדע נאַכט לייגן די עקלהאַפטע באַשעפענישן טויזנטער אייער, און מיט אַ טאָג שפּעטער מוז מען ווידער אָנהויבן פון אָנהויב אָן. ביי דעם דאָזיקן ליבלעכן „יאָגד" פלעג איך יעדעס מאָל, אַלזאָ, צוויי מאָל אַ טאָג (דו וועסט לאַכן פון מיינע סיסטעמאַטישע „פאָרשונגען". ביי מיר איז דאָס אָבער געווען ביטער ערנסט!) אָפּשחטן אַ וואָסערע פערציק, פופציק שטיק, — און מיט עטלעכע שעה שפּעטער זענען געווען אַנדערע.

מער ווי איינער פון די חברה־לייט, וועלכע האָבן זיך דאָרטן אַרומ־געוואַלגערט, האָבן זיך אַזוי שטאַרק אָפּגעלאָזן, אַז זיי זענען אַריינגעפאַלן אין אַ מין טעמפּער גלייכגילטיקייט. אַזאַ מענטש פלעגט זיך אָן אַ ווידער־שטאַנד אונטערגעבן דער אויבערמאַכט פון די פּאַראַזיטן. ער פלעגט דאָ ליגן און זיך לאָזן אויפעסן. אַנדערע פלעגן פון צייט צו צייט זיך לאָזן אויף געיעג. און שטענדיק פלעגט זיך הערן מצד איינעם אָדער אַ צווייטן פון די צושויער דער באַליבטער וויץ פון די אַרעסטאַנטן: „ר' קרוב, נישט אויס־געקליבן. נישט אַרומגעזוכט די פעטסטע! שלאָג כסדר, ווי עס גייט!" און מען פלעגט טאַקע שלאָגן כסדר, מעטאָדיש, מיט אַן אמת פילאָזאָפישער געלאַסנהייט... צייט האָבן מיר געהאַט גענוג...

הונגעריק זענען מיר געווען שטענדיק. דאָס עסן איז געווען שלעכט און קאַרג. אַלע מאָל, בעת מען פלעגט אַריינטראָגן די שיסלען, פלעגן די מענטשן זיך אַ וואַרף טון ווי ווילדע חיות און אין אַ מינוט איז אַלץ געווען ליידיק. ווער עס האָט נישט געהאַט די פעיקייט, אַרונטער צו שלינגען די הייסע זופּ מיט אַן עקסטרע גיכקייט, האָט געמוזט בלייבן כמעט ווי אָן מיטאָג: געגעסן האָט מען צו זעקס, צו אַכט, אַ מאָל גאָר צו פופצן מאָן פון איין שיסל. און קראַנקע זענען געווען צווישן די עסערס איבערגענוג...

די לופט. מען קען אפילו נישט זאגן, אז די לופט איז געווען א שלעכטע: עס איז פשוט אינגאנצן נישט געווען קיין לופט. דער רוסישער „פראסטער" מענטש האט מער פאר אלץ מורא פאר קעלט; אנגעטאן זענען זיי אויך געווען — אז אך און אז וויי; און עס האט דעריבער קיינער נישט געוואלט דערלאזן, מען זאל האלטן ביינאכט דאס פענצטער אפן. און דער היסטארישער קובל איז דארטן אויך געשטאנען... אבער גענוג וועגן דעם. נאר איין זאך נאך: דער טעגלעכער שפאציר פלעגט דויערן גאנצע... פופצן מינוט!

די וועכטער פלעגן זיך מיט אונז באגיין פשוט ווי מיט בהמות. די עטאפן־ארעסטאנטן שטייען בכלל אויסער דעם געזעץ — פארשטייט זיך, נישט על־פי־דין, אבער פאקטיש. א גאנצער האגל פון זידל־ווערטער פלעגט שטענדיק זיך שיטן אויף אונזערע קעפ. און וואס מיינסטו, מען ווערט גע־ווינט. מען פרעסט צונויף די ציין און מען שווייגט. שוויגט איינער נישט, איז א פאטש אין פנים, א שטויס אין זייט — נישט קיין זעלטענער רעזולטאט. אבער ווי מען זאל זיך נישט היטן, קען מען זיך פארט נישט באווארענען פון די גראבקייטן און חוזק־מאכן. ווערט מען, למשל, קראנק און מען וויל א רוף טאן דעם פעלטשער. ענטפערט דער וועכטער — מיט א שיינעם „רו־סישןווארט" און די פראגע איז דערליידיקט. אדער: מען וויל אנגעבן א בקשה און מען בעט דעם אויפזעער, ער זאל דאס דערלויבן — דער ענטפער: „ברויכסט נישט צו שרייבן קיין בקשות"! — „אבער..." — „האלט ס'מויל" — און ווידער א פאר באוווסטע רוסישע ווערטער.

אזוי האט אויסגעזען דער שיינער אינסטיטוט, אין וועלכן מיר זענען אריינגעפאלן. און מיר פלעגן ליגן און פרעגן איינער דעם צווייטן, וואס איז דא צו טאן. געלט האבן מיר נישט געהאט — מען טאר דאך נישט נעמען מיט זיך קיין געלט אויפן עטאפ. פאר אונזערע קרובים זענען מיר געווען פארשוואונדן — קיינער האט נישט געהאט קיין באגריף וועגן דעם, וווּ מיר זענען אהינגעקומען. געבן צו וויסן? אויסגעשלאסן; מען האט נישט דערלויבט צו שרייבן קיין בריוו. און אזוי זענען מיר געזעסן — אן הילף און אן כוח מיט דער איינציקער אויסזיכט: אוועקצופגרן אין דעם שמוציקן לאך.

מיר פלעגן ליגן און טראכטן. א מענטש, וואס האט זיך קיין מאל ניט געפונען אין אזא לאגע, קען זיך גארנישט פארשטעלן, ווי ווינציק, ווי קליינ־לעך קאנען ווערן די געדאנקען און די מחשבות בעת אזעלכע באדינגונגען. א שיינער, א הערלעכער אידעאל, וועגן וועלכן מען קאן בלויז חלומען, איז פאר מיר געווען מיין היים... אין דעם צענטן פאוויליאן פון דער ווארשעווער פעסטונג. וואס וואלט איך איצט נישט געגעבן — פלעג איך דעמאלט זאגן, און טאקע גאנץ ערנסט. — ווען איך וואלט איצט קאנען זיצן אין מיין פעסטונגס־קאמער! אבער אויך דאס איז געווען א צו דרייסטער חלום. געוויינלעך פלעגן מיינע פארלאנגען זיין א סך באשיידענער. בעת איך פלעג

עסן מיין וויעטשערע — זי איז באַשטאַנען פֿון אַ שטיק שוואַרצן ברויט — פֿלעג איך חלומען וועגן דעם, וואָס פֿאַר אַ מחיה וואָלט דאָס געווען, ווען איך וואָלט געקענט האָבן דערצו אַ גאַנץ קליין שטיקל וווּרשט. נישט דערמיט זיך אָנצועסן, ניין, חלילה. איך האָב זיך פֿאַרגעשטעלט אַ גאָר קליינטשיק פּעניצל וווּרשט, אַזוי גרויס, לאָמיר זאָגן, ווי אַ צווײַ קאָפּעקענע מטבע: בלויז אַ שמעק צו טון זיין גערוך און אפֿשר, — אפֿשר אויך האַלטן אין מויל אין דער צייט, בעת איך מוז קײַען מיין האַרט שטיק שוואַרצן ברויט.

אָבער היינטער די דאָזיקע קליינלעכע גאַרנישטיקע באַגערן פֿלעגט פֿונדעסטוועגן לעבן שטענדיק, אָן אָן אויפֿהער, דער איינער, גרויסער טיר-פֿער ווונטש-ניגון: נאָר אויסהאַלטן!

און האָט זיך מיר טאַקע איינגעגעבן אויסצוהאַלטן, איז עס אַן אמתער נס.

*

איצט וויל איך דיר דערציילן וועגן דער געזעלשאַפֿט אין וועלכער איך האָב פֿאַרבראַכט די דאָזיקע טרויעריקע חדשים.

צווישן דער גאַנצער באַפֿעלקערונג פֿון אַ רוסישן געפֿענגעניש זענען די עטאַפּן־אַרעסטאַנטן די עלנטסטע לייט. הונדערטער טויזנטער ווערן יאָר אויס יאָר איין געוואָרפֿן אַהין און אַהער מיטן עטאַפּ. באַשטראָפֿטע אַרעסטאַנטן זענען צווישן זיי פֿאַרהעלטנישמעסיק ווייניק. צום גרויסן טייל זענען דאָס פֿאַרשידענע שלעק, לומפּן, „בראָדיאַגעס”, מענטשן אָן אַ באַ-שטימטער פּראָפֿעסיע, מענטשן, וואָס האַלטן בסוד זייערע נעמען. אָבער אויך גאַנץ אָרנטלעכע מענטשן טרעפֿט מען דאָ גאָר אָפֿט: מענטשן, וואָס האָבן נישט אַרויסגענומען צו דער רעכטער צייט אַ נייעם פּאַס און מען יאָגט זיי מיטן עטאַפּ אַהיים; מענטשן, וואָס זיי האָט פּשוט געטראָפֿן אַן אומגליק: געהאָט עפּעס אַ קאָנפֿליקט מיט דער פּאָליציי און קיין שמיר־געלט נישט געגעבן, און נאָך און נאָך אַ סך אַנדערע, וואָס ווייסן אַמאָל אַליין נישט, וואָס וויל מען אייגנטלעך פֿון זיי האָבן.

סמאָלענסק איז אַ גרויסער באַן־קנופּ, ווו עס גייען זיך צונויף עטלעכע אייזנבאַן־ליניעס. און אויף אַזאַ אופֿן פֿלעגן כמעט אַלע טאָג אָנקומען און אָוועקגיין נייע פּאַרטיעס. דער טייל, וואָס האָט באַדאַרפֿט אָוועקגיין אין דער ריכטונג פֿונם מלחמה־געביט, פֿלעגט בלייבן זיצן אין סמאָלענסק גופֿא, די איבעריקע פֿלעגן בלויז אָפּליגן עטלעכע טעג און נאָך דעם אָוועק-פֿאָרן ערגעץ ווו ווייטער. אין אַ לאַנגער ריי, אָן אויפֿהער, אָן אונטער-ברעכונג פֿלעגן זיך באַוועגן פֿאַר אונזערע אויגן די פֿאַרשידנסטע מעגלעכע טיפּן. אַ מין קינאָמאַטאָגראַפֿישער פֿילם: פֿאַרשידנפֿאַרביק, משונהדיק, אַ מאָל זייער נישט אָנגענעם, אָבער אַלנפֿאַלס שטענדיק אינטערעסאַנט.

אָט זיצן מיט אונז צוזאַמען דריי קליינרוסישע פּויערים — בחורים. ערגעץ פֿון קיִעווער געגנט: געזונטע, שטאַרקע, אַ ביסל ווילדע יונגען.

ביים אָנהויב פֿון דער מלחמה זענען זיי געווען אויף ערד־אַרבעט אין די פֿאַרטן פֿון קאָוונער פֿעסטונג. אין אַ שיינעם אָוונט האָבן זיי זיך אַנגעשיכורט און, ווי דער שטייגער איז, גענומען זיך אַ ביסל שלאָגן איינער מיטן צווייטן. וואָס טוט דער קאָמענדאַנט פֿון פֿעסטונג? לאָזט ער זיי אַרעסטירן, גיט זיי אַ גוטע פּאַרציע שמיץ און שיקט זיי אַרויס אַהיים אַלס „פֿאַרדעכטיקע אין שפּיאָנאַזש".

אַנשטאָט אַנצוקומען דירעקט אין ק'עווער גובערניע, ווערן זיי עפּעס פֿאַרוואַלגערט אויפֿן וועג, פֿאַלן אַריין קיין סמאָלענסק — און דאָ זיצן זיי שוין גאַנצע דריי חדשים און קאָנען נישט פֿאָרן ווייטער.

דאָ זיצט אַ פּוילישער פּויער פֿון לובלינער געגנט. העכער צוויי חדשים וואַלגערט ער זיך דאָ און די גאַנצע צייט האָט ער נאָך נישט אויסגעטון די שטיוול. מען האָט זיך געסודעט וועגן דעם, אַז אין זיינע שטיוול זענען איינ־געניית עטלעכע רובל. און דעריבער פֿלעגט ער בלייבן אין די שטיוול אַפֿילו גייענדיק אין באָד.

און גאָר אומגערעכט איז דאָס טאַקע נישט געווען, ווייל מבינים אויף פֿרעמד האָב און גוטס זענען דאָ געווען איבערגענוג: אַ צווייטן, וואָס איז נישט געווען אַזוי פֿאַרזיכטיק, האָט מען בליץ שנעל צוגעגנבעט אַ פּאָר שלייקעס, וואָס זענען געווען זיין איינציק פֿאַרמעגן. יענער האָט געוויינט, ווי אַ קליין קינד, נאָר עס האָט נישט געהאָלפֿן; ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן די גנבים אים צוריק פֿאַרקויפֿט די שלייקעס פֿאַר צוויי פּעקלעך מאַ־כאָרקע.

דאָ זיצט אַן אַלטער פּאַסטעך פֿון גראָדנער געגנט. ער האָט גע־האַט עפּעס אַ מיאוסע אַפּשטויסנדיקע קרענק: זיין גאַנצער גוף איז געווען באַדעקט מיט ווונדן און געשווירן און פֿון די דאָזיקע ווונדן פֿלעגט שטענדיק פֿליסן אַ שטינקנדיקע מאַטעריע. האָט מען אים טאַקע באַהאַנדלט ווי אַ מצורע. דער ערגסטער לומפּ האָט נישט געוואָלט עסן מיט אים פֿון איין שיסל; אַפֿילו אָוועקזעצן זיך אויף דער נאַרע האָט מען אים נישט געלאָזט. און אַזוי פֿלעגט ער ליגן טאָג און נאַכט אונטער דער נאַרע, אויף דער קאַל־טער אַספֿאַלטענער פּאָדלאָגע, פֿאַרלאָזט און ברודיק, ווי אַ חיה.

געווען דאָ אויך אַ טויב־שטומער, וואָס איז אויסער דעם געווען ווי עס ווייזט אויס, אויך אַ ביסל משוגע. דריי טעג און דריי נעכט נאָכאַנאַנד איז ער געשטאַנען לעבן דער טיר, נישט גערירט זיך פֿון אָרט, אומבאַוועגלעך, ווי אַ סלופּ, און אַלע מאָל, ווען איך פֿלעג זיך אויפֿכאַפּן ביינאַכט, פֿלעגט מיך טרעפֿן דער גלעזערנער בליק פֿון דעם אָנגעגנעמען שכן, וואָס איז גע־שטאַנען אויף דער וואַך ביים טויער פֿון אונזער גיהנום.

משוגעים זענען דאָרטן בכלל געווען אָן אַ שיעור. עס טרעפֿט זיך זעלטן אַן עטאַפּ, וואָס זאָל נישט פֿירן עטלעכע אַזעלכע אומגליקלעכע. וווהין שלעפּט מען זיי אַרום? וואָס וויל מען פֿון זיי? ווער קאָן דערויף ענטפֿערן!

פֿאַראַן צווישן זיי מענטשן, וואָס האָבן נאָך נישט אין גאַנצן אָנגעווירן זייער פֿאַרשטאַנד, אַזוי, אַז מען קען זיך נאָך מיט זיי ווי עס איז צונויפֿרעדן. דאָס זענען דאָס רוב אַזעלכע, וואָס אויף זיי ליגט אַ חשד פֿון אַ פֿאַרברעכן, און מען יאָגט זיי ערגעץ אין אַ גרעסערער שטאָט, ווו אַ דאָקטוירים־קאָמיסיע דאַרף אויספֿאָרשן זייער גייסטיקן צושטאַנד. מיט דער דאָזיקער קאַטעגאָריע טרעפֿט זיך גאַנץ אָפֿט אַ באַזונדער מעשה: לויטן געזעץ מוז אַזאַ אַרעס־טאַנט פֿאָרן אין דער באַגלייטונג פֿון אַ פֿעלטשער. זיצט אַזאַ מענטש אין סמאָלענסק און מוז אַוועקפֿאָרן, למשל, קיין מאָסקווע, נאָר דער פֿעלטשער וועט זיך דאָך נישט מטריח זיין צו מאַכן אַ נסיעה צוליב אַ משוגענעם, — מוז דער אומגליקלעכער וואַרטן ביז וואַנען עס וועט זיך אָנקלייבן אַ גאַנצע קאָלעקציע פֿון צען מאַן. ערשט דעמאָלט שיקט מען זיי אַוועק אַלע צוזאַמען. דערווייל אָבער מוז ער זיצן און וואַרטן און פֿאַרפֿוילט ווערן.

אין מיין קאַמער איז געזעסן אַזאַ פּאַציענט. דאָס איז געווען אַ יונגער בחור, וואָס האָט געליטן פֿון אַ שווערער נערוון־קרענק. יעדע צוויי־דריי שעה פֿלעגט ער באַקומען שווערע אָנפֿאַלן. ער פֿלעגט אַנידערפֿאַלן — האַלב אין חלשות, האַלב אין קראַמפֿן, אַ ביסל ענלעך צו עפּילעפּסיע איז דאָס געווען. ער פֿלעגט אָנהייבן שרייען מיט אַ ווילדן קול, פֿלעגט זינגען און זידלען זיך, אָבער אין אַ פּאָר מינוט אַרום פֿלעגט ער ווידער זיין נאָרמאַל — ביז עס פֿלעגן פֿאַרגיין די וויטערדיקע פּאָר שעה און דער אָנפֿאַל פֿלעגט זיך אָנהייבן פֿון דאָס ניי. און אַזוי איז דאָס געווען שטענדיק, רעגלמעסיק, טאָג און נאַכט. מען קאָן זיך פֿאַרשטעלן, ווי אַזאַ בילד האָט געווירקט אויף אונזערע נערוון און וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגעניגן דאָס איז געווען צו זיצן מיט אַזאַ שכן אין איין קאַמער און שלאָפֿן מיט אים אויף איין נאַרע.

נאָכדעם ווי איך בין אַוועקגעפֿאָרן פֿון סמאָלענסק, בין איך שפּעטער, אין דריי חדשים אַרום, ווידעראַמאָל אַריינגעפֿאַלן אַהין, פֿאַרנדיק אַ צווייט מאָל פֿון אָריאָל קיין וואַרשע. דער ערשטער אַרעסטאַנט, וועמען איך האָב דאָרטן געטראָפֿן, איז געווען דער אייגענער קראַנקער בחור. ער איז נאָך אַלץ געזעסן און געוואַרט אויף יענע ניין, וואָס האָבן געפֿעלט צום מנין...

דער „בונד".

אזא געוווינהייט האָבן מיר שוין, אַז אַלטע שיינע בונדישע טראַדיציע. יאָר־אויס יאָר־אײַן טוען מיר דאָס. מיר פֿײַערן אונזער פּאַרטיי־יום־טוב, — דעם טאָג ווען ס'איז געגרינדעט געוואָרן דער „בונד".

און ווידער איז ער דאָ, דער דאָזיקער טאָג. צום צוויי־און־צוואַנציקסטן מאָל. און ווידער שטעלן מיר זיך אָפּ אין מיטן טומל, אין מיטן אײַלעניש און שטופּעניש פֿון לעבן. אַ קליינע רגע אָפּרו, אַ בינטל זכרונות, אויפֿגעפֿרישטע טײַערע געשטאַלטן, — און עס ציט זיך און עס וועבט זיך דער אַלטער גאָלדענער פֿאָדעם.

ער ציט זיך און וועבט זיך, און ער שפּינט זײַן נעץ, און ער פֿאַרקניפּט דעם נעכטן מיטן הײַנט און דעם הײַנט מיטן מאָרגן און אַ דור מיט אַ דור און אַ מענטש מיט אַ מענטש.

מיט צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק איז געשאַפֿן געוואָרן דער „בונד".

„געשאַפֿן געוואָרן"? אַ פֿאַלשער אויסדרוק. נישט געשאַפֿן, נאָר געבוירן געוואָרן, אַנטשטאַנען, אויסגעוואַקסן, ווי ס'אַנטשטייט און וואַקסט אויס יעדער לעבעדיקער אָרגאַניזם. עס האָט זיך פּשוט גענומען אַרויסווײַזן די עלעמענטאַרע, נאַטירלעכע, כמעט ווי פֿיזישע צוציִונגס־קראַפֿט פֿון יחיד צו יחיד, פֿון אַרבעטער צו אַרבעטער. נאָך פֿריער, אַ סך פֿריער האָט זיך געלאָזט שפּירן די דאָזיקע צונויפֿזאַמלונגס־קראַפֿט. דער טאָג פֿון 9טן אָקטאָבער 1897, ווען עס איז זיך צונויפֿגעקומען אַ מנין מענטשן ערגעץ אין אַ קליינעם חדרל אין אַ ווילנער פֿאַרשטאָט, — דער גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד", — איז געווען מער נישט אַ פֿאָרמעלע באַשטעטיקונג פֿון דעם, וואָס איז שוין פֿריער געשען אין די מאַסן.

נאָך אין די 80ער יאָרן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן דער דאָזיקער צונויפֿזאַמלונגס־פּראָצעס; ברייט האָט ער זיך פֿונאַנדערגעבליט אין די 90ער יאָרן, פֿאַרפֿעסטיקט און פֿאַרענדיקט אויף יענער שטילער זיצונג אין דעם באַהאַלטענעם ווילנער חדרל. אַ נאַטירלעכער פּראָצעס פֿון צונויפֿשמעלצונג.

ס'איז נישט געווען קיין בנין, וואָס מען בויט לויט אַ פֿאַרויס באַשטימטן, טעאָרעטיש אויסגעאַרבעטן פּלאַן. מען האָט נישט געפֿירט קיין לאַנגע חקירות וועגן דעם, וואָס איז עס אַזוינס, די דאָזיקע נײַע, גאָר נײַע, נאָך קיינמאָל נישט געוועזענע אָרגאַניזאַציע. ס'איז געווען פּשוט אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט.

אין דעם גרויסן נעבל פון דעמאָלטיקן לעבן, אין דעם גרויען ים פון אומעט, פון שווערער האַרעוואַניע, פון פּאָליטישער נידערגעשלאָגנ־קייט, פון געזעלשאַפטלעכער טויטקייט, האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווײַזן קליינע אינזלען. דאָ אַ הײַפל אַרבעטער, דאָרטן אַ הײַפל אַרבעטער, דאָ אַ קרײַזל, דאָרטן אַ קרײַזל, דאָ אַ שטרײַק־קאַסע, דאָרטן אַ פאַך־פאַרבאַנד. און ס'איז געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער, כמעט אַן אימבאַוווסטזיניקער זשעסט, וואָס אַ יחיד האָט אויסגעצויגן די האַנט צום יחיד, אַ הײַפל צום הײַפל, אַ קרײַז צו אַ קרײַז, אַ שטאָט צו אַ שטאָט. ס'איז געווען אַן אינס־טינקטיווער דראַנג פון אַרבעטער צום אַרבעטער, דאָס צונויפוואַקסן זיך פון מענטשלעכע זעמדעלעך, פון קליינטשיקע שטויבעלעך אין איין גאַנצן גראַניטענעם פעלז. יחידים האָבן זיך געצומען באַוועגן, און אַנטשטאַנען איז — אַ קלאַס: דער יידישער אַרבעטער־קלאַס.

און דאָס איז געווען די אַנטשטייונג פון „בונד".

און דאָס איז געווען אַ גרויסע און טיפע היסטאָרישע איבערקערעניש.

צום ערשטן מאָל איז אויף דער יידישער גאַס אַנטשטאַנען אַ קאַמף־אָרגאַניזאַציע. צום ערשטן מאָל איז אויף דער יידישער גאַס אַנטשטאַנען אַ פּאָליטישע פּאַרטיי. צום ערשטן מאָל איז די יידישע מאַסע געוואָרן אַ קראַפט. פון אַ פּאַסיוון, רויען, טויטן מאַטעריאַל, וואָס ווערט געקנאָטן און געוואָרפן און געשטויסן לויטן ווילן און קאַפּריז פון אַנדערע, איז אַנט־שטאַנען אַן אַקטיווע מאַכט, וואָס זאָגט אַרויס איר ווילן, קעמפט פאַר אירע פאָרלאַנגען און וואַרפט איר געוויכט אויף דער וואָגשאָל פון די היסטאָרישע געשעענישן. דאָס איז געווען דער יידישער אַרבעטער, דאָס איז געווען דער יידישער פּראָלעטאַריאַט. און דער נאָמען פון דער דאָזיקער מאַכט איז געווען דער „בונד".

צענדליקער יאָרן זענען אַריבער פון יענער צײַט. גרויס און רײַך און ברייט פאַרצווײַגט איז אויסגעוואַקסן דער „בונד". פילזײַטיק און ברייט האָבן זיך פונאַנדערגעוויקלט זײַנע אויפגאַבן. אויסגעפײַנערט און אַנטוויקלט איז געוואָרן זײַן אָרגאַניזאַציע־אַפּאַראַט, עלאַסטיש און צוגעפּאַסט צו די נויטן און פאָדערונגען פון צײַטגײַסט — די מיטלען און פאָרמען פון זײַן אַרבעט. קיין איין געביט פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן איז נישט געבליבן אויסער זײַן השפעה: פּאָליטישער קאַמף, פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, קולטור־אַרבעט, קאָאָפּעראַטיווע טעטיקייט, נאַציאָנאַלע אויפלעבונג, פּרעסע, פּובּ־ליציסטיק, ליטעראַטור, יידישע שפּראַך, ווידערשטאַנד קעגן די פּאָגראָמען — אַלץ האָט דער „בונד" אַרײַנגענומען אין קרײַז פון זײַן אוממיטלבאַרער אַרבעט, אָדער פון זיין אומדירעקטער השפעה. און ערשט שפּעטער האָבן זיך גענומען נאָכשלעפּן נאָך דער פּראָלעטאַרישער מחנה אַנדערע קלאַסן און שיכטן; אונטער דעם גרויסן שטויס, וואָס דער „בונד" האָט דערלאַנגט

דעם פֿאַרשלאָפֿענעם, פֿאַרגליווערטן ייִדישן לעבן, האָבן זיי זיך גענומען רירן און טומלען און נאָכטאָן אונזערע טריט.

צענדליקער יאָרן זענען אַריבער. אַנטשטאַנען און פֿאַרשוווּנדן זענען פֿאַרשידענע פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך, גרופּן, ריכטונגען און שטרעמונגען. חלומות האָבן אויפֿגעבליט און פֿאַרוועלקט געוואָרן, פֿאַלשע פֿײַערלעך האָבן אויפֿגעפֿלאַקערט און זענען פֿאַרלאָשן געוואָרן. רעשיק און פֿאַרפּלאָנטערט איז געוואָרן דאָס לעבן. גרויסע קאַטאַסטראָפֿעס, רעוואָלוציעס, מלחמות זענען געקומען מיט ברוייזנדיקן אימפּעט. מיט חורבות איז פֿול געוואָרן דאָס לעבן אַרום און אַרום.

דער „בונד" איז געבליבן.

געביטן האָבן זיך די פֿאָרמען פֿון לעבן, געביטן האָבן זיך די אומשטענדן, אין וועלכע ס'קומט אויס צו אַרבעטן, און די אויפֿגאַבן, וועלכע ס'קומט אויס צו לייזן אינם טאָג־טעגלעכן קאַמף.

דער „בונד" איז אָבער געבליבן דער זעלבער „בונד", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט 22 יאָר צוריק, און נישט געביטן האָט זיך די ראָלע, נישט געביטן זײַן באַדײַטונג.

אמת, דעמאָלט, אין די אַלטע צײַטן, איז ער געווען — ווי ט'איז שוין פֿריער באַמערקט געוואָרן — די ערשטע און די איינציקע קאַמף־אָרגאַניזאַציע, די איינציקע פּאָליטישע פּאַרטיי אויף דער ייִדישער גאַס. אַרום און אַרום איז געווען אַפּהענטיקייט און פּחד, פּאַסיווקייט, גרויער מענטשלעכער שטויב און אַ ביסל חלומות.

איצט איז דער אַנוּ דורכגעבראָכן. די גאַס איז אויפֿגעוואַכט. דער „בונד" איז נישט איינזאַם. ער האָט פּאָליטישע שכנים. אַ גאַנצן בינטל פּאָליטישע פּאַרטייען און געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס; אַ גאַנצע מחנה קעגנער און פֿײַנט.

און פֿונדעסטוועגן האָט זיך בעצם ווייניק וואָס געביטן.

וואָרעם ווו וועט איר דאָס געפֿינען אויף דער ייִדישער גאַס אויך היינט צו טאָג אמתע קעמפֿנדיקע מחנות? צי זענען דאָס אפֿשר די ציוניסטן? אָדער די נישט־עקסיסטירנדיקע פֿאָלקיסטישע פּאַרטייען? אָדער אפֿשר די „שלומי אמוני ישראל"? אָדער גאָר די אַסימילאַטאָרן?

ס'איז גענוג זיי אָנצורופֿן, כדי צו זען מיט וואָס מיר האָבן דאָ צו טאָן. דאָס ייִדישע בירגערטום האָט זיך בעצם זייער ווייניק געביטן. מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז עס געווען אַפּהאַרציק פּאַסיוו און פּחדניש. איצט מאַכט מען אַן אָנשטעל פֿון עפּעס אַ „קאַמף", אַן אָנשטעל — און מער נישט. נישט דאָרטן קלאַפּט דער דופּק פֿון אמתן לעבן.

און די „פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען"? זייער גאַנץ לעבן באַשטייט דאָך אין איין יאָגעניש נאָכן „בונד". פֿירנדיק מיט אים אַ פֿאַרביסענעם קאַמף, האַלטן זיי דאָך פּאַקטיש אין איין נאָכטאָנצן, אין איין נאָכשפּרינגען, אין

איין נאָכטאָן דעם אייגענעם פּאַרהאָסטן „בונד“. מער נישט, אַז זיי מישן אַרײַן אין זײַנע קלאַרע, גראַדע לאָזונגען און צילן אַ צוגאָב פֿון בורזשואַזע חלומות און פֿאַרלאַנגען; מער נישט, אַז זיי באַמיען זיך אַרײַנצוברענגען אין דער אַרבעטער־גאַס אַ טייכעלע פֿון ציוניסטישער ראָמאַנטיק אָדער טעריטאָריאַליסטישע פֿראַזן. אַן ערזאַץ פֿאַרן „בונד“ אָדער אַ פֿאַרפּאַסטן פֿון בורזשואַזע אידעאַלן אויף דער אַרבעטער־גאַס, — דאָס איז דער אָביעקטיווער זין פֿון זייער עקסיסטענץ.

און אַזוי בלײַבט דער „בונד“ איצט ווי פריער, — איצט נאָך מער ווי פריער — בײַ זײַן גרויסער היסטאָרישער מיסיע צו זײַן די אמתע פֿאַרקערפּערונג, דער אמתער טרעגער פון שאַרפֿן, קלאָרן, ריינעם פּראָלעטאַרישן קאַמף. איצט, ווי מיט צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק.

*

הער זיך צו צום וואָרט „בונד“. פֿון „בינדן“ שטאַמט דאָס וואָרט. בינדן, פֿאַראייניקן, פֿאַרקניפּן, מאַכן פון פילהייט אַ גאַנצקייט, פון שוואַכע ברעקלעך איין מעכטיקע קראַפֿט.

לייג צו דעם אויער צום האַרץ פון יידישן אַרבעטער: עס קלאַפּט רויִק און פֿעסט. קוק אין די אויגן פֿון חבר: זיי זענען אָפֿן און דרייסט. נעם זײַן האַנט: זי איז שטאַרק און האַרט. ווי קומט דאָס?

ווי קומט דאָס, אַז אַ מענטש, אַ קליין זאַמדל אין דעם גרויסן וועלט־מדבר, אַ קליינער טראָפּן אין דעם ברויזנדיקן ים פֿון לעבן, וואָס קאָכט און שטורעמט, וואָס רינגלט דיך אַרום מיט טויזנטער גרויזאַמע שונאים, וואָס צעברעכט גאַנצע וועלטן, צערײַבט אין שטויב מדינות און מלוכות, פֿאַרניכטעט און דערטרינקט אין זיינע כוואַליעס מענטשלעכע עקסיסטענצן אָן אַ שיעור, — ווי קומט עס, אַז עס שטייט אַ מענטש אין מיטן פֿון דעם גרויסן ווירבל־ווינט, און עס גלאַנצן זײַנע אויגן, און עס הילכט זײַן שטים, און ער האָט נישט קיין מורא פֿאַרן שטורעם?

קוק אַריין, חבר, אין דיין נשמה, און דו וועסט דאָרט לייענען דעם ענטפֿער.

דו האָסט אַ היים, און דו האָסט אַ משפּחה, דו האָסט אַ באָדן אונטער דײַנע פיס, און דו שפּירסט אַרום דיר, איבער דיר, אין דיר גופא אַ קראַפֿט, וואָס נעמט דיך אַרום און אַרום, און וואָס טראָגט דיך און שטיצט דיך, און מאַכט דיך שטאַרק און לאָזט דיך נישט פאַלן.

ווייסטו, חבר, ווי ס'הייסט די דאָזיקע קראַפֿט? ווייסטו, חבר, ווי ס'הייסט דאָס דײַן היים, דײַן משפּחה, דײַן קיום און דײַן האָפֿענונג?

שטיי אויף, חבר, און הייב אויף דיין קאָפּ. און זינג דיין אַלטע „שבועה“. דאָס איז דער „בונד“.

8ער אָקטאָבער, 1919.

ו. שולמאַן

פון מעדעמס פען

ביבליאָגראַפישע רשימה פון גרעסערע ווערק, אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען אד"גל.

„די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די נאַציאָנאַלע פראַגע".

אַ ריי אַרטיקלען אין בונדישן אומלעגאַלן אָרגאַן וויעסטניק בונדאַ (רוסיש), זשענעווע, אין 1904. שפּעטער איבערגעזעצט אויף יידיש, אַרויס (אויף רוסיש און יידיש) אין באַזונדערע בראָשורן אין אַ סך אויפלאַגעס; איבערגעדרוקט אויך אין זאַמלבוך מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע (רוסיש), אונטער דער רע־דאַקציע פון ראַוויטש—טשערקאַסקי, כאַרקאָוו 1923.

„די פאַראייניקונג פון „בונד" מיט דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי".

אַ ריי אַרטיקלען אין בונדישן וואָכנבלאַט נאַשע סלאָווא (רוסיש) נ"נ 1־4, ווילנע, 1906. די פאַראייניקונג־פראַגע איז דאַן געשטאַנען אויפן ספּעציעל צונויפגערופענעם (7טן) צוזאַמענפאָר פון „בונד", לעמבערג, אויגוסט 1906. מעדעם זאָגט זיך אַרויס פאַר דער פאַראייניקונג.

אין זעלביקן נאַשע סלאָווא (1906): 1. „אין דומע" (וועגן פונאַנדערלאָזן די דומע, איר באַדייטונג, וועגן וויבאָרגער אויפרוף פון די דעפּוטאַטן פון דער פונאַנ־דערגעלאָזענער דומע); 2. „טאַקטישע נאָטיצן" (וועגן דער טאַקטיק נאָכן פונ־אַנדערלאָזן די דומע, וואָס טון, פּערספּעקטיוון אויף ווייטער).

נאַשאַ טריבונאַ (רוסיש), — וואָכנבלאַט פון „בונד", ווילנע, 1907.

אַ ריי אַרטיקלען וועגן די וואַלן צו דער דומע, שאַרפע פּאָלעמיק מיט די יידישע ביר־גערלעכע פּאַרטייען און מיט אַנדערע יידישע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען.

„בריוו וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג", וואָכנבלאַט דער מאָרגנ־שטערן, (1907), ווילנע, דערשינען 3 נומערן, פאַרמאַכט דורך דער רעגירונג.

מעדעם רעדט אַרום דעם אַזוי גערופענעם דעמאָלטיקן „קריזיס אין בונד" — די נייע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע סיטואַציע, וואָס די ליבעראַלע בורזשואַזיע האָט געשאַפן נאָך דער רעוואָלוציע, די נייע פאָרמען פון פּאָליטישן קאַמף, דאָס פריער געזעלשאַפטלעך טויטע בירגערטום אויף דער פּאָליטישער אַרענע פון היינט, נייע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען פון אַרבעטער־קלאַס.

אין זעלביקן מאָרגנשטערן — אַ ריי אַרטיקלען: „די דריטע דומע"; „דריי דעקלאַראַציעס" (וועגן דער דומע); „די דומע פֿון פּאָליטישע עקספּראָפּריאַטאָרן" (שאַרפֿע פּאָלעמיק מיט די ס. ס.—זיי פּרווון אַרויפֿצוואַרפֿן אויפֿן „בונד" אַלע צרות פֿון דער רעאַקציע און קאָנטררעוואָלוציע).

„די נאַציאָנאַלע פֿראַגע און די נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען" —זאַמל־בוך: די פֿאָרמען פֿון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג (רוסיש), **פּעטערבורג, 1910.**

אַ גרויסע, אויספֿירלעכע אַרבעט, דערשיינט אויף ייִדיש צום ערשטן מאָל אין דעם דאָזיקן בוך.

די נייע צייט — **זאַמלביכער פֿון „בונד", ווילנע, 1909.**

אין די נ"נ 5־6 אַרטיקל: „נאָטיצן וועגן נירנבערגער פּאַרטייטאָג" (פֿון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי), אונטערן פּסעוודאָנים מ. װ י נ י צ ק י (מעדעמס פּסעוודאָנים אויף די צוזאַמענפֿאָרן פֿון „בונד" און פֿון ר. ס. ד. אַ. פּ.); אין נומער 7 אַרטיקל „וועגן רוסישן נאַציאָנאַלן געזיכט" (אונטער אַזאַ נאָמען איז אין יענע יאָרן אָנגעגאַנגען אַ ברייטע פּאָלעמיק אין דער ליבעראַלער רוסישער פּרעסע וועגן די אייגנשאַפֿטן פֿון רוסישן נאַציאָנאַליזם — דעמאָלט נאָך גאָר אַ נייע פּראָבלעם.

„די ייִדישע קהילה" — **זאַמלבוך** צייט־פֿראַגן נ' 2, **ווילנע, 1910.**

די פֿראַגע וועגן כאַראַקטער, קאָמפּעטענץ פֿון די קהילות, באַציִונג פֿון „בונד" צו זיי — איז נאָך דער רעוואָלוציע־צייט פֿון 1905 געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדע־נונג; מעדעם זאָגט זיך אַרויס פֿאַר אויסברייטערן די קאָמפּעטענץ פֿון די קהילות, אַריינגעמען, למשל, אַזאַ פֿראַגע ווי רעגולירן די עמיגראַציע אאַז"וו.

„נאַציאָנאַליזם אָדער נייטראַליזם" (דיסקוסיע־אַרטיקל), **זאַמלבוך** צייט־פֿראַגן, **נ' 3־4, ווילנע, 1910, איבערגעדרוקט אין זאַמלבוך** זכרונות און אַרטיקלען, **וואַרשע, פֿאַרלאַג „ייִדיש", 1917.**

פּאָלעמיק מיט אַ ליטוואַקן (פּובליציסטישע בריוו אין פֿרייַנד, **פּעטערבורג, נ' 189, 1910**) און בן אַדירן (בראָשור וועגן פּחדנות פֿון געדאַנק ביים „בונד"); **דאָס וואָרט** „נייטראַליזם" נישט צוגעפּאַסט צו דער שטעלונג פֿון „בונד", נייטיק צו האָבן אַ פּראָגראַם אין דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער פֿראַגע.

„אײן נאַציאָנאַליסטישער פֿאָרשלאַג", נויע צייט (דייטש), **וויסנשאַפֿטלעך וואָכנבלאַט פֿון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, רעדאַקציע קאַרל קויטסקי, אויגוסט 1910.**

וועגן פֿאָרשלאָג פֿון מ. אַנין (ס. ס. פּאַרטיי) צו רעפֿאָרמירן דעם סטאַטוט פֿון אינטערנאַציאָנאַל לויט פֿאָרשטייערשאַפֿטן פֿון נאַציאָנאַליטעטן, נישט לענדער און מלוכות. דער פֿאָרשלאָג איז געווען אָפּגעדרוקט אין נ' 14 סאָציאַליסטישע מאָנאַטסהעפֿטע"; אַנין פֿאָדערט שאַפֿן אין אינטערנאַציאָנאַל אַ ייִדישע סעקציע פֿון אַלע ייִדישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דער וועלט; מעדעם פֿאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט פֿון „בונד" און דעם אַלטן סטאַטוט פֿון אינטערנאַציאָנאַל.

„דער מאָדערנע אַנטיסעמיטיזמוס אין רוסלאַנד", נויע צייט, **נאָוועמבער 1910** (דייטש).

מעדעם רעדט אַרום די נייע דערשיינונגען פון אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד — פּיאָטר סטרוּוועס לאָזונג וועגן „נאַציאָנאַלן פּנים“, די אַנקעטע אין פּעטערבורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט וועגן דער ייִדישער גלייכבאַרעכטיקונג (4 פּראָצענט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע סטודענטן האָבן געענטפערט מיט „ניין“, 12 פּראָצ. סאָצ. רעוו., 35 פּראָצ. קאַדעטן; מעדעם שילדערט די קולטור־באַוועגונג ביי די ייִדישע מאַסן און ווי עס שטייט ביי זיי די נאַציאָנאַלע פראַגע).

„נאָטיצן וועגן דער ייִדישער נאַציאָנאַלער פראַגע“, יעוורייסקי מיר, סעפּטעמבער 1909, פּעטערבורג (רוסיש).

„די אַלוועלטלעכע ייִדישע נאַציע“ — אין רוסישן זאַמלבוך: טעאָרעטישע און פּראַקטישע פראַגן פון ייִדישן לעבן, פּעטערבורג 1911.

איבערגעדרוקט אויף ייִדיש אין דער זאַמלונג זכרונות און אַרטיקלען, פאַרלאַג „ייִדיש“, וואַרשע 1917.

„די נאַציאָנאַלע פראַגע אין רוסלאַנד“ — וויעסטניק יעווראָפּי, אויגוסט—סעפּטעמבער 1912 (רוסיש).

„די ייִדן־פראַגע אין רוסלאַנד“ — וויעסטניק יעווראָפּי, אַפּריל, 1911 (רוסיש).

„דער גורל פון דער רוסישער רעוואָלוציע“ — זאַמלבוך אונזער שטימע I, וואַרשע, אויגוסט, 1918.

גרויסער אַרטיקל אין 9 קאַפּיטלען, רעדט אַרום דעם גאַנצן פאַרלויף פון דער רעוואָלוציע, די ראָל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, קאַמף צווישן באָלשעוויזם און מענשעוויזם, די סאָציאַליזאַציע און דאָס דאָרף, די פּערספּעקטיוון.

„דער נאַציאָנאַלער סעפּאַראַטיזם“—זאַמלבוך אונזער שטימע, II, וואַרשע, 1919.

באַהאַנדלט די פראַגן: זעלבסטבאַשטימונג פון פעלקער, סעפּאַראַטע מלוכות, נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה.

„אויף קרומע וועגן“ (פּסעוודאָנים ג. ראף) — בלעטלעך געשיכטע, אונזער שטימע, II, וואַרשע, 1919.

וועגן אָפּשפּליטערונגען אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, ערשטע „אָפּאָזיציע“ אין ווילנע, „זובאַטאָווטשטשינע“ און אַנד.

„ציוניזם און פּאַלעסטינע“ — אונזער שטימע, I, וואַרשע, 1918.

מעדעם באַהאַנדלט דריי דערשינענע בראָשורן: 1) בן־צבי (אַבנר) — „ארץ ישראל אַלס לאַנד פון קאָלאָניזאַציע“; 2) י. לעווין — „צי איז מעגלעך אַ ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע“ (זאַמלונג פון אַרטיקלען אין ווילנער ייִדישע וועלט, דערשינען אין אַמעריקע ווי אַ בראָשור מיט אַ הקדמה פון אַ. ליטוואַק); 3) אַ. מערעזשין — „בונד און ציוניזם“.

„ביבליאָגראַפישע נאָטיצן“ — אונזער שטימע, II, וואַרשע, 1919.

באַהאַנדלט די בראָשורן 1) מ. אַנין — „דער וועג פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט“ (ס״סיזם, טעריטאָריאַליזם); 2) „דער אינטערנאַציאָנאַל און די ייִדן־פראַגע“ — אויסגאַבע פון פּועלי־ציון וועגן פּאַלעסטינער קאָלאָניזאַציע, רעזאָלוציע פון אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קערפּערשאַפטן וועגן ציוניזם (ענגלישע לייבאָר־פּאַרטיי, האָגער קאָנ־

פֿערענץ פֿון סאָצ. פּאַרטייען פֿון נייטראַלע לענדער אין 1916, האָלענדיש־סקאַנ־דינאַווישער קאָמיטעט, 1917, אַמעריקאַנער אַרבעטער־פֿעדעראַציע, 1916, און אַנד.).

„נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע" — אונזער שטימע, I, אויגוסט, וואַרשע, 1918.

קריטישע אָפּהאַנדלונג איבער די בראָשורן: „קהילה־פּראָגן" — בן־אַדיר; „אונזערע נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען" — יעקב לעשטשינסקי; „וואָס איז אַזוינס נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע" — ש. קאַפּלאַנסקי; מעדעם רעדט אַרום די ס"סישע, סיימיסטישע און פּועלי־ציוניסטישע קאָנצעפּציעס אין דער פֿראַגע פֿון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

„פֿון דער דייטשער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי" — אונזער שטעמע, II, וואַרשע, 1919.

גרינטלעכער איבערזיכט פֿון די טאָג־פּראָבלעמען, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין די דייטשע סאָציאַליסטישע זשורנאַלן און צייטונגען: נויע צייט, קאַמף, סאָציאַליסטישע אויסלאַנדס־פּאָליטיק, לייפּציגער פֿאָלקסצייטונג און אַנד.

„דער שלום" — אונזער צייט, זאַמלהעפֿט, וואַרשע, נאָוועמבער 1920 (פּסעוודאָנים (וו — ק י).

מעדעם רעדט אַרום דעם פּויליש־סאָוועטישן שלום.

„די צעשפּאַלטונג פֿון פּועלי ציון" — אונזער צייט, וואַרשע, נאָוועמבער 1920 (פּסעוודאָנים: ב ן ד ו ד).

„די פּאַריזער קאָמונע" — אַרבעטער־לוח, וואַרשע, 1921 (פּסעוודאָנים ו ו — ק י).

געשיכטלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן דער פּאַריזער קאָמונע צום 50טן יאָרצייט (1871—1921).

„אַהרן ליבערמאַן" — אַרבעטער לוח, וואַרשע, 1921 (איניציאַלן וו. מ.).

וואַגיקער אַרטיקל וועגן די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן אין די 70ער יאָרן, אַהרן ליבערמאַן, זיין עפּאָכע און טעטיקייט אין ווין און לאָנדאָן; צום 40טן יאָרצייט פֿון אַ. ליבערמאַן.

זכרונות און אַרטיקלען — פֿאַרלאַג „יידיש", וואַרשע 1917.

אין דער דאָזיקער זאַמלונג גייען אַריין: 1) „טורמע זכרונות" (געשריבן אין דער פֿאָרם פֿון בריוו צו אַ פֿריינד, 9 בריוו, 2) „נאַציאָנאַליזם, אַסימילאַציע און סאָציאַל־דעמאָקראַטיע" (איבערגעאַרבעט אין אַ פֿאַרקירצטער פֿאָרם פֿון דער בראָשור „נאַציאָנאַלע פֿראַגע און סאָציאַל־דעמאָקראַטיע"); 3) „די אַלוועלטלעכע יידישע נאַציע"; 4) „נאַציאָנאַליזם אָדער נייטראַליזם"; 5) „טיפֿער אין לעבן" (אויפֿקלערונג וואָס מיינט „נייטראַליזם", פּראָגראַם־פּונקטן וועגן שול־ און קולטור־פּראָגעס, רעזאָלוציעס פֿון „בונד" וועגן די דאָזיקע פֿראַגעס און אַנד.); 6) „נאָך אַמאָל מיר און אונזער נאַציאָנאַליזם" (דער חילוק צווישן נאַציאָנאַליזם און קלאַסנקאַמף, אונזערע נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען גייען אַרויס פֿון די קלאַסן־אינטערעסן); 7) „יידיש" (ראָל פֿון יידישער שפּראַך פֿאַרן באַוווסטזיניקן יידישן אַרבעטער).

אין „קליינעם פֿאָרוואָרט" צו דעם זאַמלבוך שרייבט מעדעם, אַז ער האָט אויסגעקליבן דאָ בלויז יענע אַרטיקלען, וואָס באַהאַנדלען די „פּרינציפּיעלע אָנוועקשטעלונג פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע בכלל און פֿון דער יידישער בפֿרט".

צו דער זאַמלונג איז צוגעגעבן דאָס בילד פֿון מחבר און זיין ביאָגראַפֿיע (14 זייטן), געשריבן פֿון ד ו ד ק אַ ס ע ל.

פֿון מיין נאָטיץ־בוך, — זאַמלונג פֿון אַרטיקלען, וואַרשע 1920.

אין דער הקדמה שרייבט מעדעם: „אין משך פֿון די 4 יאָר, וואָס עס האָבן עקסיסטירט די „לעבנספֿראַגן“ — פֿריִער אַלס וואָכנבלאַט, דערנאָך אַלס טעגלעכע צייטונג — האָב איך דאָרטן אָפּגעדרוקט הונדערטער אַרטיקלען, דער גרעסטער טייל געווידמעט די לויפֿנדיקע טאָג־געשעענישן... צווישן די פֿיל אַרטיקלען איז פֿאַראַן אַ היפּשע צאָל אַזעלכע, וואָס האָבן אַ דויערהאַפֿטן אינטערעס און זענען ווערט מען זאָל מאַכן פֿון זיי אַ בוך... דער לעזער וועט דאָ געפֿינען אַרטיקלען וועגן די פֿאַרשידנסטע פֿראַגן; נישט געקוקט אויף די פֿילפֿאַרביקייט פֿון די טעמעס, איז דאָ פֿאָרט פֿאַראַן אַן אינערלעכע איינהייט, אַן אינערלעכע גאַנצקייט, איין אַלגעמיינע ליניע און איין אַלגעמיינע שטימונג... יעדעס בוך האָט זיין נשמה...“

די זאַמלונג איז איינגעטיילט אין פֿיר אָפּטיילונגען: 1) בלעטלעך צייט־געשיכטע, אַנטהאַלט 12 אַרטיקלען: „דאָס היסטאָרישע יאָר“; „אָן אילוזיעס“; „דער ערשטער יאָרטאָג“; „חבר, אייל זיך צו“; „ניי־יאָר מחשבות“; „אַ נייע תקופֿה“; „שאָלעכץ“; „די אויפֿגעוואַכטע חיה“; „צו פֿרי“; „אָן אַ זייט“; „דעמאָקראַטיע און ראַטנמאַכט“; „דאָס נייטיקסטע“. 2) דער ציוניזם, 5 אַרטיקלען: „דאָס איז דער ציוניזם“; „די ציוניסטן זענען גערעכט“; „רייזע־פֿיבער“; „די פֿאַרבלאָנדזשעטע“; „צעשטערטע חלומות“. 3) אויף די פֿרישע קברים, 2 אַרטיקלען: „פּרץ און מיר“; „יעקב דינעזאָן“. 4) ליכט און שאָטנס, 4 אַרטיקלען: „אַן אַלטער פֿעלער“; „אויף אַ גליטשיקן וועג“; „סעקטאַנטן“; „דער בונד“.

פֿון מיין לעבן — אויטאָביאָגראַפֿיע, צוויי בענד, ניו־יאָרק 1923.

די אויטאָביאָגראַפֿיע האָט מעדעם פֿריִער געדרוקט אין „פֿאָרווערטס“; נאָך זיין טויט האָט אַ ספּעציעלער קאָמיטעט זי אַרויסגעגעבן אין צוויי גרויסע בענד (338 און 336 זייטן) מיט אַ ריי בילדער. „פֿון מיין לעבן“ איז געשילדערט אויפֿן פֿאָן פֿון דער ייִדישער און אַלגעמיינער רוסלענדער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. נישט אָפּצוטיילן איז מעדעמס פּערזענלעכקייט פֿון די דאָזיקע ביידע עלעמענטן, אַזוי אַז ביידע בענד זענען אויך גלייכצייטיק אַ שטיק געשיכטע פֿון „בונד“ און פֿון דער רוסלענדער ס. ד. אַ. פּ. ביזן יאָר 1915.

*

די רשימה נעמט, ליידער, נישט אַרום אַלץ, וואָס מעדעם האָט געשריבן אין משך פֿון זיין קורצן, אָבער אַזוי פּרוכטבאַרן און אינטענסיוון לעבן; פֿיל בונדישע אויסגאַבן (למשל, אָטקליקי בונדאַ, דערשינען אין זשענעווע אין די יאָרן 1909 — 1911, אינפֿאָרמאַציאָני ליסטאָק, זשענעווע, 1912 — 1915), האָב איך, ליידער, דאָ אין ערגעץ נישט געקאָנט באַקומען. עס זענען אויך נישט אויסגערעכנט די צייט־אַרטיקלען אין דער ווילנער בונדישער פֿאָלקסצייטונג, האָפֿנונג, נאַשע סלאָוואָ און נאַשאַ טריבונאַ, ווי אויך די בירגערלעך־דעמאָקראַטישע יעוורעיסקי מיר, יעוורעיסקאָיע אָבאָזרעניע פֿון די יאָרן 1908 — 1910 א״אַנד.